STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08094

UNTER DI SOVYETISHE HIMLEN

J. Kahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י ע ק ב   כ ה ן

*

אונטער די סאוויעטישע הימלען

יעקב כהן
(בן־אהרן)

אונטער די סאָוויעטישע היפּלען

(איבערלעבונגען פון תפיסה, לאגער
און פון דער סאָוויעטישער פּריי)

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל
1961

יעקב כהן / אונטער די סאָוויעטישע הימלען
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

Publishing House J. L. Peretz
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

J. KAHAN
Unter di sovietishe himlen

©

נדפס בישראל
Copyright 1961 by J. Kahan
1517 Jesup Ar. Bronx 52, N. Y.
Printed in Israel, 1961

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב

יעקב כהן

אינהאַלט

ערשטער טייל

קאַפּיטל		זייט
1	די סאָוויעטן קומען אַריין קיין ביאַליסטאָק	11
2	די סאָוויעטיזאַציע גייט פאָרויס	20
3	איך ברענג סחורה פון לעמבערג	31
4	איך טרעף זיך מיט קאָלעגן און פריינד	36
5	איך באַקום ענדלעך אַרבעט	44
6	איך קריג אַ פאַרטרעטעריין	51
7	צו דער ביאַליסטאָקער תפיסה	63
8	אין תפיסה	75
9	מען פירט אַריין אַ נייעם גאַסט	83
10	אין דער נייער צעל	93
11	וואָווקעס טיש	104
12	מען פירט אַריין שלמהלע זוואַנק	110
13	קיין סיביר	122
14	צום ערשטן פערעסילנעם פונקט	135
15	געטראָפן אַ ביאַליסטאָקער	144
16	צוריק אין באַראַק	153
17	ביים לאַגער־דאָקטאָר	159
18	ביים ראַנד פון יאוש	169
19	מען זוכט פאַר מיר מלאכות און איך ווער דערווייל אַ בעדער	179
20	פאַרענדיקט די באַן־ליניע	191
21	אונטערן פייער פון די דייטשע עראָפּלאַנען	200
22	אויפגעהערט אַרבעטן	209
23	אין אַ טראָג־בעטל צו דער באַן	218
24	אויפן וועג צו אַ פריי לעבן	234

צווייטער טייל

קאַפּיטל		זייט
25	ביי די טויערן פון טאַשקענט	247
26	טרעף זיך מיט שרייבער און נעם מיט אַ קאָלעגין אויף קהלשע טרעפ	259
27	איך הייב אָן האַנדלען מיט צוקערלעך	269
28	אין קאָלכאָז „דאָס נייע גליק“	281

קאַפּיטל		זייט
29	אין אַ קליניק פון קאַגאַן	293
30	אין סטאַלינאַבאַד	305
31	קיין בוזולוק אין אַנדערסעס אַרמײ	314
32	אין דזשאַמבול	326
33	איבער די דזשאַמבולער באַזאַרן	335
34	איך נעכטיק אין באָד	346
35	צרות פון מײַן ערשטער דירה	359
36	איך היט דעם אָבלאַסטנאָיעם גאָרטן, וווּ מען באַראַבעוועט מיך	364
37	אַן אומבאַקאַנטער נעמט מיך צו זיך	376
38	אינעם קלעם פון דער נ.ק.וו.ד.	387
39	די פאַרהערן גייען אָן	397
40	דאָס ערשטע מעלדן זיך	402
41	איך זוך זיך צו באַפרייען פון קלעם	409
42	איך ווער ענדלעך אַ נאַכט־וועכטער אין אַ סאָוויעטישן אַרטעל	417
43	די אָקטאָבער־פייערונג אין קאַסוניס צענטראַלן אַרטעל	423
44	אַ וואַסער־קראַם אין מײַן ליימקע	426
45	נח מאַכט מיר אַ פאָרשלאַג	431
46	מירקע די ראש־ישיבהניצע און אַלעקסאַנדראַ מירקין	436
47	די פּאָגראָם־שטימונג און דער אָנפאַל אויפן באַזאַר	441
48	די טשיטשענצעס און די מפּלה פון דער דייטשער אַרמײ	446
49	עס באַגעגנט מיך אַ נייער לאַנדסמאַן	449
50	מען וויל מיך אַריבערנעמען קיין ארץ־ישראל	453
51	מײַן נײַע דירה און די פילאָזאָפיע פון אַ קאַזאַכישן שיכור	457
52	איך זוך מײַנע נאָענטע דורכן צענטראַלן ספּראַוואָטשנאָיעם ביוראָ אין מאָסקווע	461
53	ערב מײַן צוריקפאָרן	465
54	איך באַגעגן זיך אויפסניי מיט שקר און שלימזל	472
55	איך פאַרלאָז רוסלאַנד	476

אַריינפיר

„אונטער די סאָוויעטישע הימלען״, חעמענס באַשרייבונגען הייבן זיך אָן מיטן אַריינקום פון די סאָוויעטן קיין ביאַליסטאָק (1939) ביז מיין צוריקקומען קיין פוילן אין 1946, נעמען אַרום אַ צייט פון זיבן יאָר.

יאָרן, וואָס האָבן געדאַרפט זיין די פרוכטבאַרסטע ביי אַ יונגן שרייבער. האָט אָבער דער גורל געוואָלט, אַז איך זאָל מיינע בעסטע יאָרן פאַרברענגען אין סאָוויעטישער תפיסה און לאַגער און אין וואָגל פון אַ ווייטער פרעמד. —

נאָר דאָס ערגסטע איז, וואָס איך האָב נישט געקאָנט זיין מיט מיינע נאָענטסטע אין די רגעס פון זייער לעצטער פיין און טיילן זייער גורל. זאָלן דעריבער די אַרויס־געבראַכטע פאַקטן זיין מיין עדות, אַז נישט אַליין האָב איך זיי פאַרלאָזט, נאָר דאָס האָט אַ ברוטאַלער צוואַנג מיך פון זיי אָפּגעריסן.

און דאָך זענען די באַשרייבונגען און שילדערונגען, וואָס קומען אַריין אינעם בוך, פריי פון ליגיעס, פריי פון יעדן פראָ און קאָנטראַ... דאָס איינציקע נאָר מיט וואָס איך האָב זיך געריכט, איז דער אמת. דער אמת, ווי איך האָב אים אויפגענומען און ווי ער האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט.

אַ טייל נעמען זענען צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים נישט קיין אָריגינעלע. דאָס בוך האָט אויך, אַ חוץ פאַרצייכענונגען פון פאַקטן און געשעענישן, ערטער און שטעט — אַ באַזונדערע באַשרייבונג פון טיפן, און די דזשאַמבולער קהילה פון יידיש־פוילישע פליטים. און ס׳האָט דעריבער אויסער אַ פערזענלעך־דאָקומענטאַרן, אויך אַ היסטאָרישן ווערט.

י. כהן

קאַפּיטל איינס

די סאָוויעטן קומען אַריין אין ביאַליסטאָק

דער טאָג, אַ שפּעט־זומערדיקער, איז געווען אַ שיינער און וואַרעמער. דער צעזוניקטער בלענד וואָס האָט פריי געקוקט די וועלט, האָט אויסגעזען ווי אַ חוזק פון איר מאַיעסטעט דער נאַטור לגבי דער אומזיכערער לאַגע פון דער שטאָט.

שוין טעג ווי די דייטשן זענען אַוועק. דאָס מאָל האָט נאָך ס׳יידישע ביאַליסטאָק נישקשה אָפּגעשניטן. נישט רעכענענדיק פאַרשטייט זיך די איינצלנע אומגליקס־פאַלן וואָס זענען דורך די זעלבע דייטשן געוואָרן אַרויסגערופן. אמת, די דייטשן און די סאָוויעטן האָבן געהאַט צווישן זיך אַ פריינטלעכן צעטיילונגס־אָפּמאַך ווו אויך ביאַליסטאָק איז געווען אַריינגערעכנט.

די עמלקים האָבן די שטאָט נאָר געהאַלטן צייטווייליק. און צופיל זיך צעפירן די הענט האָבן זיי נישט געקאָנט, הגם מיט אַזאַ טייוול קאָן מען קיינמאָל נישט זיין זיכער. און טראָץ אַלע מעשיות און דערציילונגען וועגן סאָוויעטישן לעבן וואָס מיר האָבן זיך אָנגעהערט, איז פאָרט „אינה דומה שמועה לראיה״, איז נישט גלייך הערן צו זען. בפרט אַליין איבערצולעבן די סאָוויעטישעווירקלעכקייט...

איז דעריבער אויסער דער נייגעריקייט איבער דער סאָוויעטישער אויפפירונג, אויך געווען אַ באַהאַלטענע אומזיכערקייט... סוף כל סוף האָט דער גרעסטער טייל פון די איינוווינער, יידן אַריינגערעכנט, באַטראַכט יעדע פרעמדע אַריינקומענדיקע מאַכט, ווי אַ פאַרכאַפּער. און פאַר אַן אָקופּאַנט, אַפילו דעם בעסטן, האָט מען אַביסל מורא.

דער ערשטער „ראַזוויעטשיק״

זיכערע ידיעות זענען שוין דערגאַנגען צו יעדן איינעם, אַז ענדלעך קומען די סאָוויעטן אַריין. פון יענער זייט שטאָט האָבן שוין ביאַליסטאָקער אָנגעטראָפן אויף די סאָוויעטישע „ראַזוויעטשיקעס״ (אויסשפיר־פּאַטרולן), וועלכע האָבן זיך אין אַ פראָנט־שיק פּאַמעלעך געריקט צו דער שטאָט.

איך בין געווען זייער נייגעריק צו זען די ערשטע סאָוויעטישע פּאַרפּאָסטנס. אויב איך האָב זיך מיט אַ צייט צוריק איינגעשטעלט צו זען די אַריינקומענדיקע דייטשן, פאַרוואָס זאָל איך אַצינד נישט באַגעגענען דעם סאָוויעטישן אַריינקום?

דער טאָג אַליין איז געווען אַזאַ לאָקנדיקער, וואָס האָט זיך געבעטן: „קום אַרויס אין געניס פון גאָטס וועלט, פונעם העלן בלענד און צעשפּריצטן גאָלד... בפרט ווען דו האָסט אַצינד אַזאַ געלעגנהייט וואָס חזרט זיך נישט אָפט איבער״. און צייט איז אויך געווען גענוג. ס׳איז געווען אַזאַ מין מאַכט־טוישנדיקער „בין הזמנים״, ווען דער אין עול־געפּענ־טעטער מענטש ווערט פריי פון יעדן עול און ווערט אויך אַביסל לייכט־זיניק.

און נישט נאָר טוט זיך דער מענטש דאַן אויס פון מאַטעריעלן עול, נאָר אויך פונעם גייסטיקן. ווייל „הא בהא תליה״ (איינס איז געבונדן מיטן צווייטן). און טראָץ דער אינערלעכער צעריסנקייט, — איז פאָרט דער מענטש אין צוזאַמענהאַלטנדיקע גאַנצקייט...

אויף דער פּילסודסקי גאַס (פריער ליפּאָווע) איז ביי יעקב ריבאַ־לאָווסקיס אַפּטייק (אַ טוער פון סוחרים־פאַראיין) שוין געשטאַנען ברוידע, זיין טאָכטערס חתן, אַפּוואַרטנדיק ווי איך דעם סאָוויעטישן אַריינקום.

ברוידע האָט געהערט צו דער ביאַליסטאָקער פאָלקס־אינטעליגענץ. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער ביאַליסטאָקער „עזרת יתומים״ אונטערן אָנפיר פון א. לוריע, י. בעקער (לעדער־פאַבריקאַנט), אפרת און ראַשל ראַבינאָוויטש.

ווי אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, האָט אויך ברוידע אין אָנבליק פון דער ביטערער יידישער לאַגע און אין דער גוט מיינענדיקער זוכעניש פון יושר און גערעכטיקייט, געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס פאַרן

ראַטנפאַרבאַנד. ס׳איז אָבער געווען אַזאַ מין סימפּאַטיע, וואָס האָט גאָר־נישט געהאַט צו טאָן מיטן אמתן סאָוויעטישן לעבן...

טרעפנדיק ביי דער זעלבער געלעגנהייט מיך, זיין „בר פלוגתא״, האָט זיך גלייך צווישן אונדז פאַרבונדן אַן אַקטועלער שמועס. מיר האָבן גערעדט וועגן סאָוויעטישן אַריינקום אין שייכות מיט אונדזער איצטיקער לאַגע. אינעם דאָזיקן שמועס, מוז איך זיך מודה זיין, איז דאַן צוליב דער יידישער לאַגע ברוידעס שאַנס געווען אַ בעסערער ווי מיינער.

אין אַנבליק פון די דייטשע מערדערייען קעגן די יידן (נאָך דאַן אַ קינדער־שפּיל קעגן די שפּעטערדיקע), האָט ער באַטראַכט די אַריינקו־מענדיקע סאָוויעטן כמעט פאַר אונדזער גואל. איך האָב אים אָפּגענירט, אים אָנגעוויזן — אויסער אויף דער אַלגעמיינער זייט פון דער פראַגע — באַזונדער אויף דער אוממעגלעכער עקזיסטענץ פון דער יידישקייט אונטער זייער ממשלה. מיינע אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן און מיר זענען ווי פריער געבליבן פאַרעקשנט אויף אונדזערע פּאָזיציעס.

דערווייל האָבן מיר פונדערווייטנס דערזען דעם אָנקומענדיקן רוסישן „ראַזוויעטשיק״. ער איז נאָך געווען ווייט פון אונדז. מיר האָבן שוין אָבער געזען די קאָנטורן פון דער דערנענטערנדיקער געשטאַלט.

דער „ראַזוויעטשיק״ האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט, ביז ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו אונדז. און ווי ער זאָל אַרויספילן אונדזערע מחשבות, האָט ער זיך אין אַ גלייכן מרחק וויז־אַווי אונדז אָפּגעשטעלט.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן גאַס אין זיין גאַנצער גרויס. האָט אַריינגענומען די ביקס צווישן די פיס און האָט פון דער קעשענע פון טונקל־גראָען שינעל אַרויסגענומען אַ טאָרבעלע מיט מאַכאָרקע מיט אַן אַלטער רוסישער צייטונג.

אָפּרייסנדיק אַ שטיקל פון דער צייטונג, האָט ער אין דעם אַריינ־געשאָטן מאַכאָרקע און עס קונציק פאַרדרייט. דערנאָך האָט ער צולייגנדיק אַ קנויט צו אַ פייער־שטיינדל עס אָנגעקלאַפּט אין אַ צווייטן, פאַרויכערנדיק ביי דעם זיין מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס.

מיר זענען ביידע צו צום סאָלדאַט און מיט אים פאַרפירט אַ שמועס. נאָר קודם האָב איך אים גענומען אָבסערווירן. ס׳איז דאָך געווען מיין ערשטער צוזאַמענטרעף מיט אַ סאָוויעטישן מענטש, הגם אַ זעלנער, פון וועמען איך האָב געדאַרפט קריגן די ערשטע דערפאַרונג.

ער איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער רוס, אַ טיפּישער פּאַניע.

זיין שינעל פון אַ טונקל־גראָען געוואַנט, איז געווען אַן אַלטער און אַ שמוציקער.

אָבער דער עיקר האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שווערן איינדרוק דער אופן פון זיין פאַרויכערן. דאָס דאָזיקע בילד פונעם סאָוויעטישן גן־עדן איז פאַר אונדז געווען פיינלעך אַנטוישנדיק. בפרט אַנטקעגנשטעלנדיק עס קעגן דער אַן אַן ערך קלענערער פוילישער אַרמיי, וועמענס זעלנער זענען ריינער אָנגעטאָן און רויכערן נישט קיין מאַכאָרקע געוויקלט אין ציימונגס־פּאַפּיר, נאָר באַקומען פּאַפּיראָסן, אָדער אַ גוטן פּאַרפומירטן טיטון מיט זיידענע ביבולע־פּאַפּיר. שוין נישט רעדנדיק פון דער נאָר־וואָס אַוועקגעגאַנגענער פאַרשאָלטענער דייטשער אַרמיי.

— איר זעט, ברוידע, וואָס מען קען פון זיי דערוואַרטן אַפילו אויף דער זייט פון מאַטעריעלן ווילזיין, — האָב איך איבערגעריסן די שטילקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליבן שווערן איינדרוק פונעם דאָזיקן ערשטן בילד.

— די פּאָליאַקן האָבן געהאַט פּאַפּיראָסן מיט בעסערע מונדירן, האָבן זיי דערפאַר נישט געהאַט מיט וואָס צו שיסן און זייער אַרמיי איז זיך באַלד צעפאַלן. די סאָוויעטן פעלט טאַבאַק מיט פּאַפּיר, האָבן זיי דערפאַר אַן אייזערנע אַרמיי וועלכע קיינער וועט נישט באַזיגן — האָט ברוידע געענטפערט.

— אוודאי, — האָב איך געזאָגט — ווען מען האָט נישט קיין ברירה, קלויבט מען אויס פון צוויי שלעכטס דאָס קלענערע. אָבער צי מוז מען בכלל לעבן מיט שלעכטס און צי אויף דעם האָבן רעוואָלוציאָנערע דורות זיך אויסגעקוקט די אויגן און אין בלוט אָפּגעגאַנגען, כדי זיך צו טרייסטן מיט אַ קלענערן שלעכטס ווי די מערדערלעך דייטשע?

דער שמועס וואָלט זיך נאָך לאַנג פאַרצויגן און געוואָרן הייסער, — ווען עס קומט נישט אַן פון דער נאָענטסטער שכנהשאַפט, פון נאָוואָליפּיע געסל (פריער גראָכאָווע), משה וויסאָצקי (רעדאַקטאָר פון דער ביאַליסטאָקער שטימע). ערשט וויסאָצקי האָט מיר דורך זיין פריינטלעכן ווונק דערמאָנט ווו איך געפין זיך אַצינד, — און דער שמועס איז כהרף עין געוואָרן אָפּגעהאַקט.

נאָכן ערשטן „ראַזוויעטשיק" זענען אָנגעקומען אַנדערע. די סאָוויעטן זענען אַריין דורכן זעלבן וועג ווי די דייטשן זענען פריער אַריין, ווי זיי וואָלטן זיך אויך וועגן דעם האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך. עס זענען אָנגע־

קומען מאַטאָציקליסטן, געפּאַנצערטע טיילן און נאָך זיי פּיל פּיעכאָטע און קאַוואַלעריע. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי גאַנצע אַרמיי־טיילן האָבן ווי כוואַליעס פאַרגאָסן אַלע וועגן.

נאָך ביים סאַמע הויפּט־וועג איז פאַר דער רויטער אַרמיי געוואָרן איינגעאָרדנט אַ טריומף־טויער, צוגעגרייט דורך די קאָמוניסטן, איבער־הויפּט יוגנטלעכע.

די שמחה איז געווען גרויס. מען האָט באַוואָרפן די טאַנקן מיט די רויט־אַרמייצעס מיט בלומען. אין דער שמחה האָבן זיך, וואָס אַן אמת, אויך באַטייליקט אַ טייל נישט קיין קאָמוניסטן, סתם מענטשן, וואָס האָבן טראַץ אַלעמען — אין דער רויטער אַרמיי געפּרוווט זען דעם באַפרייער פון די בלוטיקע דייטשן.

ביסלעכוויז אָבער האָט זיך די שמחה גענומען אָפּקילן. נאָר איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן האָט נאָך לאַנג געדרוישט מיטן רויש פון דער מאַרשירנדיקער פּיעכאָטע און געפּאַנצערטע טיילן, וואָס האָבן זיך באַ־וועגן אין אייניקע ריכטונגען.

אין די ערשטע טעג איז דאָס לעבן נאָך אַנגעגאַנגען ווי נאָרמאַל. די מורא פאַר די דייטשן איז צוזאַמען מיט זיי פאַרשוווּנדן. און די נייע סאָוויעטישע מאַכט האָט נאָך נישט באַוויזן פעסט אַריינצונעמען דאָס לעבן אין אירע שטרענגע הענט.

ס'האָט אָבער נאָר אַזוי אויסגעזען. ווייל אין דער אמת'ן האָט זי שוין אין די ערשטע טעג אויף איר שטייגער געמאַכט פּיבערהאַפּטעע צוגרייטונגען אַריינצונעמען די שטאָט אין אירע שמאָלענע צוואַנגען.

זי האָט באַלד ביי איר אַריינקומען געהאַט פאַרטיקע רשימות פון אירע קעגנער און „פיינט פונעם פאָלק", וועלכע מען דאַרף צורעכטמאַכן — ווע מען אויף „פרייער" פאַרשיקונג, וועמען אין תפיסה און וועמען אין אַן עכטן סיבירישן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

פונדעסטוועגן איז דאָס נאָך פאַרט אויסערלעך נישט געקומען צום אויסדרוק און ס'האָט אין דער ערשטער צייט נאָך אויסגעזען „כמקדם", ווי אין די נאָרמאַלע צייטן.

און הגם דער יקרות און דאָס שטייגן פון די פרייזן האָט אַזוי פאַנטאַס־טיש גענומען אַרויפשפּרינגען, אַז מען האָט נישט געקאָנט דעריאָגן און אַ טייל אַרטיקלען האָט מען שוין אינגאַנצן נישט באַקומען, האָבן אָבער פון דער צווייטער זייט אַ טייל גרויסע סוחרים, וועלנדיק מאַכן אַ ויברח (קיין

ווילנע), געגומען אויספּאַרקויפן זייער גאַנצע סחורה צו די פריערדיקע פרייזן. דאָס זענען אָבער געווען נישט קיין שפּיז־אַרטיקלען, נאָר פאַר־שידענע שטאָפן, קאָלדרעס און גאַלאַנטעריע.

דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט האָט באַלד גענומען אַרבעטן אויף דער גאַנצער פּאַרע.

אין גרויסן קינאָ־זאַל אויף דער מאַרשאַל פּילסודסקי־גאַס (פריער ליפּאָווע) קומט שוין פאַר אַ סאָוויעטישער מיטינג. פאַר דער טיר פון קינאָ שטייען יוגנטלעכע אָרדנער אונטער דער אָנפירונג פון עלטערע יידישע קאָמוניסטן, וואָס זענען נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן פון דער פּוילישער תפיסה פאַר פּאָליטישע חטאים.

איך קען קיינעם נישט פון זיי. זיי אָבער, ווייזט אויס, קענען מיך יאָ. און ווען די יונגערע ווילן מיך נישט אַריינלאָזן און באַזידלען מיך מיטן עפּיטעט „פּאַשיסט״, קומט צו איינער פון די עלטערע און הייסט מיך יאָ אַריינלאָזן.

ווייזט אויס, אַז דער זכות פון מיין פריערדיקער סאָציאַלער טעטיקייט איז מיר בייגעשטאַנען, וואָס האָט מכפּר געווען אויף מיינע איבעריקע ציוניסטישע „חטאים״. הלוואי אויף דער גאַנצער צייט, טראַכט איך.

דער זאַל איז געפּאַקט מיט מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן, מערסטנ־טיילס, פאַרשטייט זיך, נייגעריקע.

אויף דער טריבונע שטייט אַ פעסט־געבויטער מאַן, אַ רעדנער־„פּאָליטרוק״ (פּאָליטישער קאָמיסאַר) מיט געשטרעקטע געביילטע פויסטן ווי צו אַ שלאַכט, פון וועמענס מויל עס גיסן זיך שטראָמען מיט פלאַם־פייערדיקע רייד ווי פליינצנדיקע כוואַליעס.

קודם כל ברענגט ער אַ גרוס פון דער אומבאַזיגבאַרער רויטער אַרמיי, וואָס האָט אויפן באַפעל פון דער פּאַרטיי און רעגירונג אונדז „באַפרייט״ פון דער קנעכטשאַפט, אָרעמקייט און פּיין.

דאַן רעכנט ער אויס און לויבט די בעסטע זין פון די סאָוויעטישע פעלקער אין דער שפּיץ מיטן געניאַלן פירער פון די פעלקער יאָסיף סטאַלין, אַריינרעכנדיק אויך דעם „בעסטן״ זון פון יידישן פאָלק, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש.

ווייטער עצהט ער אַרויסצוּוואַרפן די בילדער פון פּילסודסקי און מאָשטשיצקי (דעם פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט פּראָפעסאָר מאָשטשיצקי),

זיי פאַרבייטן אויף סאָוויעטישע און זיך אַריינפּאַסן אין נייעם גליקלעכן סאָוויעטישן לעבן.

דער אופן און פאָרם פון זיין רעדן האָט אויף אונדז, נאָך פריערדיקע אַפּיקורסים אין די סאָוויעטישע גליקן, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַטראַקטיווער פאַרווײַלונג. — ביים פאַרענדיקן זיין פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער נאָכאַמאָל אויסגערעכנט די באַזונדערע מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ, פאַרענדיקנדיק מיט אַ „זאָל לעבן" פאַר יעדן איינעם, און אַלס צוגאָב אַן אויסגעשטרעקטע פויסט מיט אַ ברייטן רוסישן „הוראַ".

אין אָוונט האָט גענומען אַרבעטן דער סאָוויעטישער פילם. אין שטאָטישן גאָרטן און אויף אַנדערע פרייע פלעצער פאַרפאַרט אַן אויטאָ, שטעלט אויף אין דער דרויסנדיקער טונקלקייט אַן עקראַן, ווו עס לויפן פאַרביי פאַרשידענע בילדער פון די גוט־באַקאַנטע סאָוויעטישע פילמען.

נייגעריקע יידן, איבערהויפּט ייִנגלעך און מיידלעך, דרייען זיך אַרום די סאָוויעטישע זעלנער און פאַרוואַרפן זיי מיט פאַרשידענע פראַגן. זיי ווילן וויסן, צי עס איז פאַראַן אין רוסלאַנד גענוג צום עסן און טרינקען. אויך אינטערעסירט זיי די פרייזן פון קליידער און זאַכן און בכלל וויאַזוי עס גייט צו דאָס לעבן אינעם לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

די רויט־אַרמייער קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן. אין קאָנטראַסט צום אַמאָליקן צאַרישן סאָלדאַט, פאַרהאַלטן זיי זיך פיין און העפלעך. זיי פילן זיך אָבער, ווי מ'זעט, אומבאַקוועם פון די דאָזיקע פראַגן.

נאָר איין יידישער סאָלדאַט צו וועמען אַ טייל זענען באַזונדערס צודרינגלעך, צעפּאָכעט זיך ווי אַ האָן פאַרן קרייען און שרייט ווי פון זיך אַרויס: — יידן! אינעם גרויסן לאַנד פון די סאָוויעטן איז אַלץ דאָ, אַלץ! נאָר גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

אַצינד ערשט לאָזט מען אים אָפּ.

די זעלנער באַלאַגערן די געשעפטן. זיי קויפן אַלץ אויס. אַלץ איז פאַר זיי אַ סחורה. איבערהויפּט זענען זיי בעלנים אויף זייגערלעך. אויך דער ניי־אויפגעקומענער „טאָלטשאָק" (מאַרק) ביי דער שטאָטישער שול איז מיט זיי פול.

אַ סך אָרעמעלייט זענען אַצינד געוואָרן אויפגעריכט. זיי זענען געוואָרן טאָלטשאָק־הענדלער און פעדלער. זיי שמייען פריילעך אַרום די נייע קונים וואָס כאַפּן ביי זיי אַלץ אויס און גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז זייער גדולה איז נישט אויף לאַנג.

אין גאָס זעט מען שוין אַדורכפירן די ערשטע נייע פּאָליטישע אַרעסטירטע. און די ערשטע איניציאַטיוו קומט פון אַ יידישן קאָמוניסט, וועלכער קלויבט דווקא אויס אַן אָרנטלעכן קריסטלעכן באַאַמטן, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, אונטערן פריערדיקן רעזשים מער נישט ווי געטאָן זיין אַמט־לעכע פליכט.

דער אַרעסטירטער איז דער געוו. סעקרעטאַר פון ביאַליסטאָקער געריכט און פאָרזיצער פון געמיינזאַמען יידיש־פוילישן עלעקטריע־שטרייק־קאָמיטעט (זוויאָנזעק אָכראָני ספּאָזשיוצווו), וואָס האָט בשעתו אָנגעפירט מיטן עלעקטרישן שטרייק קעגן דער ביאַליסטאָקער עלעק־טראָוניע, פאַר ביליקער מאַכן דעם עלעקטרישן שטראָם און אַראָפּנעמען דעם זייגער־אָפּצאָל (ליטשניק).

דער דאָזיקער קריסט האָט אויף די קאָמיטעט־זיצונגען דווקא פּאַרטיי־דיקט די יידישע אינטערעסן קעגן די אַרויסטריטן פון די יידן־פיינטלעכע כאַדעקיש־ענדעקישע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט.

פאַרדעכטיק און נישט קלאָר איז די באַוועגונג פון מיליטער, וואָס מאַרשירט אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. קיינער ווייסט נישט וואָס דאָס באַדייט. און אויף די געשטעלטע פראַגן ענטפערן אַ טייל רויט־אַרמייער מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ און זיכערקייט, — קיין וואַרשע! קיין בערלין!

אויב דער פאַרמעגלעכער טייל און די סאָוויעטישע קעגנער זענען געווען אומרויק, האָבן געציטערט ווי פיש אין וואַסער, האָט זיך די אָרעמ־קייט, באַזונדערס די אָרעמסטע פעדלער און סטראַגאַנטשיקעס אין זייער פריי ווערן פון שטייער־דרוק און פוילישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיי ווי די הינט געיאָגט פון זייער פּלאַץ און געשטעל, גאָר באַזונדערס זיך געפרייט אין די ערשטע טעג פון סאָוויעטישן אַריינקום.

זיי האָבן אין זייער אומוויסן געמיינט, אַז דאָס דאָזיקע דערווייליקע פריילאָזן זיי וועט לאַנג דויערן. זיי האָבן אין זייער נאַיווקייט זיך איינ־גערעדט — די דאָזיקע פאַראָרעמטע און פאַרחושכטע, — אַז דאָס לאָזט זיי אַזוי בכיוון די סאָוויעטישע מאַכט פריי אַרומגיין מיט זייער נעבעכדיקער פּרנסה.

ווי נאָר אָבער די ערשטע האַניק־צייט איז אַריבער, האָבן די דאָזיקע קרעמערלעך און סטראַגאַנטשיקעס גענומען קריגן פונעם אַלט־נייעם שטייער־אַמט אַזעלכע פאַנטאַסטישע אויסמעסטונגען, וואָס אַפילו דער פריערדיקער פוילישער „אוזשאָנד סקאַרבאָווי״ (שטייער־אַמט) האָט דער־

פון נישט געוואַגט צו חלומען. און פאַר נישט באַצאָלן האָבן די סאָוויעטן גלייך אַרעסטירט.

און גלייך איז אויך ביי זיי די שמחה געוואָרן צעשטערט. אויך זיי זענען שוין, אין הסכם מיט דער סאָוויעטישער טאַקטיק, געוואָרן פאַררעכנט פאַר שפעקולאַנטן, הגם קליינע פישעלעך („מאַלע ריבקי״), וועמענס וועג איז דערוויל נאָך נישט קיין סיביר („נאַ סיביר״)...

באַלד האָבן אָבער די שאַרפע ציינער פון דער אומברחמנותדיקער סאָוויעטישער ראַד גענומען ווי זאַמד צערייבן איין טאָציאַלן שיכט נאָכן אַנדערן. און דער סאָוויעטישער פּאָליטיש-עקאָנאָמישער מעכאַניזם איז נאָך אַ קליינעם צייט-אָפּשניט, מיטן גאַנצן אימפּעט געלאָזט געוואָרן אין גאַנג.

און געלאָזט איז ער געוואָרן נישט נאָר קעגן די אַקטיווע קעגנער און בורזשואזע קאַרפּן-קעפּ, נאָר ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, ווען טויטע פּרינציפּן פאַרנעמען דאָס אָרט פון לעבעדיקע מענטשן, אויך קעגן די פּאַסיווע, אומ-פּאַרטייאישע און סתם אומשולדיקע.

די אידיליע פון פרייהייט און עול-לאָזיקייט פון די ערשטע סאָוויעטישע טעג האָט אַצינד פאַרנומען דער בייזער בליק פונעם ענקאַוועדיסט און סאָוויעטישן מיליציאַנט, אונטער וועמענס רשות די שטאָט אין אַצינד אַריבער.

זענען אין די נעכט געמאַכט געוואָרן אָבלאַוועס ביי די פאַבריקאַנטן און סוחרים, ביי וועמען עס איז צוגענומען געוואָרן דאָס פאַרמעגן מיט די דירות, איבערלאָזנדיק אַ טייל פון זיי נאָך אויף אַ שטיקל צייט צו פאַרוואַלטן מיט די אייגענע אונטערנעמונגען, ביז די אַריינגעזעצטע קאָמיסאַרן וועלן זיך גוט באַקענען מיט דער אַרבעט.

שפּעטער אַביסל, ווערן זיי שוין צוזאַמען מיט אַנדערע אומגעוווּנ-טשענע פאַרן רעזשים אַרויסגעשיקט אין די ווייטע וויסטענישן פון די רוסישע מרחקים.

עס ווערן אויך אַרויסגעשיקט פּאָליטישע קעגנער, פּוילישע אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, קאָמבאַטאַנטן, פּאַטריאָטן און סתם אַזוי וועמען מען דערקלערט פאַר אומגעוווּנטשן.

פון איצט אָן הייבן זיך שוין אָן די „טשיסטקעס״ (רייניקונגען). עס קומט שוין פאַר איין טשיסטקע נאָך דער אַנדערער. און איין פּאַרטיע נאָך דער אַנדערער, שולדיקע און אומשולדיקע, פאַרשווינדן פונעם ביאַליסטאָקער האָריזאָנט.

ווילסט זיך טרעפן מיט אַ באַקאַנטן, מיט אַן אָנגעזעענעם ביאַליסטאָקער, וואָס האָט נאָך פֿאַר זייער אַריינקום פֿאַרנומען אַ געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע אָדער עקאָנאָמישע פּאָזיציע, דערוויסטו זיך מיטאַמאָל, אַז „הילד איננו“, אַז דער באַטרעפֿנדיקער איז שוין אויפֿן ווייט־מזרחדיקן עולם־האמת.

אַ פֿאַרדרוס צוזאַמען מיט אַן אומזיכערקייט פֿאַרן אייגענעם גורל, פּרעסט מיין געמיט און נשמה. איך דערפֿיל מיטאַמאָל די גאַנצע גרויזאַמקייט און הילפֿלאָזיקייט וואָס ווערט פֿאַראורזאַכט אינעם נאָמען פֿון דער ניי־אויפֿגעקומענער פֿרייהייט און גערעכטיקייט.

די ערשטע צייט האָבן נאָך די פֿאַבריקן און אונטערנעמונגען געאַרבעט לויט דער פֿריערדיקער אָרדענונג. ביז מען האָט זיי גענומען סאָוויעטיזירן און איינפֿירן די נייע אָרדענונג פֿון די קאָמיסאַרן.

אינצווישן האָבן אַ טייל פֿאַבריקאַנטן און סוחרים אויסגענוצט די לאַגע און האָבן אויספֿאַרקויפֿט זייערע לאַגערן. זיי האָבן זייער סחורה פֿאַרקויפֿט כמעט לויט די פֿריערדיקע פּרייזן, אַבי פּטור צו ווערן פֿון לאַגער און אָנקלייבן אַביסל מזומנים, טראַץ דעם, וואָס אין פֿאַרגלייך צו די פּראָדוקטן פֿונעם ערשטן געברויך, זענען זייערע פּרייזן געווען בזיל הזול. און קונים האָבן אויך נישט געפֿעלט.

זיי זענען באַשטאַנען פֿון פּויערים און שפּייז־פּראָדוצירער, וואָס האָבן אַצינד געהאַט אַ גוטן מאַרק פֿאַר זייערע פּראָדוקטן, ווי אויך פֿון ניי־אויפֿגעקומענע הענדלער־שמוגלער, און פֿון אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿונעם פּוילישע זלאָטי, ווי בכלל פֿון געלט, מורא האָבנדיק אַז די סאָוויעטן וועלן דאָס געלט אַנטווערטן, וואָס איז טאַקע שפּעטער אַזוי געשען.

קאַפּיטל צוויי

די סאָוויעטיזאַציע גייט פֿאָרויס

די סאָוויעטיזאַציע פֿון אַלע געביטן פֿונעם אָרטיקן לעבן איז געגאַנגען פֿאָרויס. נאָך די פֿאַבריקן און גרעסערע אונטערנעמונגען האָט מען זיך

אַ נעם געטאָן צו די קליינע. עס זענען אויפגעקומען די סאָוויעטישע קראָמען און מאַגאַזינען, ביי וועלכע עס זענען טאָג־טעגלעך געשטאַנען גרויסע רייען.

די ערשטע טעג האָבן נאָך די מאַגאַזינען צוגעשטעלט די נייטיקע פּראָדוקטן. נאָר שפּעטער האָבן זיי שוין אָנגעהויבן אויספעלן. און וואָס מער זיי האָבן אָנגעהויבן אויספעלן, אַלץ גרעסער איז אויף זיי געווען די נאָכפראַגע.

דאָס לעבן איז געוואָרן ווי אַ פאַרכישופט ראָד. — עס האָט געמאָנט נישט אַזוי די נויט פון טאָג, נאָר די מורא פאַרן מאָרגן. טאָמער וועט מאָרגן נישט זיין וואָס צו עסן און אָנצוטאָן.

די ערשטע צייט האָט מען באַקומען ברויט אומבאַגרענעצט. אַז עס האָט זיך אָבער געשטאַרקט דער יקרות אויף די איבעריקע פּראָדוקטן, האָט דער פּויער גענומען קאָרמען זיינע חזירים און בהמות מיטן ברויט פון די מאַגאַזינען צו מלוכהשע פּרייזן.

און היות קיין צופיל ברויט איז באַלד נישט געווען, האָט במילא אָנגע־הויבן אויספעלן אין די מאַגאַזינען ברויט. און וואָס מער עס האָט אָנגע־הויבן אויספעלן, אַלץ מער האָט מען אָנגעהויבן רייסן פון די הענט. פלעגט אַזוי אויסקומען אָפּצושטיין ביי אַ ברויט־מאַגאַזין גאַנצע טעג. אגב, האָט מען טאַקע צוליב דער זעלבער מורא פון אויספעלן, מער געגעסן. בפרט, ווען אויף די בעסערע פּראָדוקטן איז נאָך געווען אַ גרעסערער מאַנגל.

אַזוי איז אויך פאָרגעקומען מיט מאַנופאַקטור און אַנדערע נייטיקע אַרטיקלען. און וואָס מער זיי האָבן אויסגעפעלט, אַלץ מער איז געשטיגן דער דראַנג נישט נאָר זיי צו באַקומען, נאָר נאָך מאַכן פון זיי גאַנצע זאַפּאַסן.

איז אויפגעקומען אַ נייער קליין־האַנדל, אַ קליין־שפּעקולאַציע מיט פּראָדוקטן און זאַכן וואָס מען האָט באַקומען אין די מלוכהשע מאַגאַזינען (ווי לאַנג מען האָט זיי באַקומען)...

ס'איז נאָך אָבער די ערשטע צייט אָנגעגאַנגען אַ שמוגל־אימפּאָרט פון אַנדערע סאָוויעטישע שטעט, וואָס האָט אַביסל פאַרלייכטערט די לאַגע. אַזוי האָט מען געבראַכט פון לעמבערג, וואָס איז שוין געווען סאָוויעטי־זירט, נאָר האָט נאָך פאַרמאָגט גענוג פּראָדוקטן: שפּייז, פּאַפּיראָסן, אַלערליי ליקערן און קאָניאַקן (איבערהויפּט פון באַטשעווסקיס פירמע). אַביסל

שפּעטער איז דאָס אויך געוואָרן ליקווידירט, און די ביאַליסטאָקער זענען געוואָרן אָנגעוויזן אויף די אייגענע מאַגאַזינען.

עס האָט נישט לאַנג גענומען ווי די ביאַליסטאָקער האָבן באַקומען אַ פרישן קלאַפּ פון וועלכן אַלע האָבן געליטן, ווער מער, ווער ווייניקער. דאָס איז געווען דאָס אָפּרופן דאָס פּוילישע געלט וואָס איז נאָך געווען ביי יעדן איינעם. געמיינט האָט מען אפשר צו טרעפן די שפּעקולאַנטן, אָדער גבירים, נאָר געטראָפן האָט עס אויך דעם האַרעפּאַשניק און דעם אָרעמען. און געשען איז דאָס אין דער צייט, ווען אין דייטשן טייל פּוילן איז נאָך דער פּוילישער זלאָטי געווען אין זיין פולן ווערט.

די מאַכט האָט, וואָס אַן אמת, אויסגעביטן ביז אַ געוויסער סומע, איז אָבער די אויסבייט־סומע געווען אַזוי נישטיק, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ חוזק, און מען האָט פאַר מורא, אַז די סאָוויעטן זאָלן דעם אויסבייטער נישט האַלטן פאַר קיין גביר, בכלל נישט געהאַט קיין חשק זיך צו ווייזן אפילו מיט אַזאַ סומע.

ביאַליסטאָק ווערט פּראָקלאַמירט פאַר דער הויפּטשטאָט פון מערב־ווייסרוסלאַנד

ביאַליסטאָק, וואָס איז לויט די ידיעות געגרינדעט געוואָרן אין 1320 דורכן ליטווישן פירשט געדימין און איז לכל הדעות געווען אַ ליטווישער באַזיץ ביז זי איז איבערגעגאַנגען צו פּוילן, איז דורך די סאָוויעטן אין 1940 געוואָרן דערקלערט פאַר דער הויפּטשטאָט פון מערב־ווייסרוסלאַנד.

צו דעם צוועק זענען איינגעפירט געוואָרן די געהעריקע צענטראַלע אינסטאַנצן און די שטאָט איז עולה לגדולה געוואָרן פון אַ גובערנסקע (וואָ־יעוואָדישע) צו אַ צענטראַלער שטאָט. און עס זענען אָראָפּגעקומען באַאַמטע און נאַטשאַלניקעס פון מינסק, איינצופירן די נייע אָרדענונג און דער שטאָט געבן אַ ווייסרוסישן כאַראַקטער.

דאָס פעלן אָבער פון פּריוואַטער איניציאַטיוו האָט געשטערט דעם באַלעבטן אויסזען וואָס די שטאָט וואָלט זיך דורך דעם געקאָנט דערוווערבן.

דערווייל איז אין די שולן צוגעקומען אַ נייער קעגנשטאַנד — דער לימוד פון דער ווייסרוסישער שפּראַך, וואָס איז געוואָרן פאַרפליכטנדיק ווי אַן הוספה צו דער פון פריער איינגעפירטער רוסישער.

דער פריערדיקער יידישער פליטים־קאָמיטעט וואָס איז זויפגעקומען דורך דער איניציאַטיוו פון דער ביאַליסטאָקער קהילה און איז געוואָרן אָנגעפירט דורך אַ ריי באַקאַנטע טוער, איז ביים אַריינקום פון די סאָוויעטן דורך זיי געוואָרן ליקווידירט.

אַזוי איז אויך די איבעריקע טעטיקייט פון דער קהילה געוואָרן אָפּגע־שטעלט און דער לאָקאַל פון דער קהילה אויף סאָסנאָווע 1 איז דורך זיי געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרווייל־ונגס־אָרט.

צוליבן פאַנאַנדערלאָזן דעם פליטים־קאָמיטעט זענען אַנטשטאַנען פיל מיספאַרשטענדענישן צווישן די פריערדיקע ביאַליסטאָקער און די ניי־אָנקומענדיקע ברידער־פליטים, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

ס׳איז כדאי דאָס צו פאַרצייכענען, צוליב די טענות וואָס אַ טייל פליטים האָבן געהאַט צום יידישן ביאַליסטאָק צוליבן נישט אָריענטירן זיך אין דער לאַגע, און ביי אַ גאָר קליינעם טייל, צוליב זייער אייגענער שולד.

נאָך פאַרן אָנגריף אויף פוילן, באַלד ביי די ערשטע רשעותדיקע אַקטן פון די דייטשן, ווען זיי האָבן אַריבערגעוואָרפן איבער דער פוילישער גרענעץ אַלע יידיש־פוילישע בירגער, איז ביאַליסטאָק געווען פון די ערשטע וואָס האָט אַריבערגענומען צו זיך צוויי טויזנט פליטים, וועלכע זי האָט אויסגעהאַלטן בכבוד.

אויסער דעם האָט זי גלייך אַרויסגעשיקט צו דער גרענעץ אייניקע טויזנט קאָלדרעס און אַנדערע נייטיקע זאַכן. ס׳איז גענוג צו ציטירן די יידישע פרעסע פון יענער צייט, וועלכע האָט געלויבט דאָס יידישע ביאַ־ליסטאָק פאַר איר האַרציקער באַציונג צו די פליטים.

דאַקעגן האָט זי געטאַדלט רייכערע און גרעסערע קהילות ווי ביאַ־ליסטאָק, וועמענס גבירים זענען פשוט אַנטלאָפן פון זייער שטאָט צוליב דער פליטים־אַקציע.

אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע ביי די זבאָנשינער פליטים ווען ביאַ־ליסטאָק האָט נאָך געפירט איר אייגן נאָרמאַל לעבן און די יידישע קהילה מיט אירע כלל־טוער זענען געווען די באַלעבאַטים איבער זייער אייגענעם גורל. און זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז די זבאָנשינער פליטים זענען אָגב געווען אַ סאָלידערער עלעמענט.

אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע דאָ, ווען ביאַליסטאָק איז שוין געלעגן אונטערן סאָוויעטישן שטיוול און קיינער איז נישט געווען זיכער מיט זיך אַליין. הגם אויך דאָ (אין אָנהייב) האָט מען געפּרוּווט טאָן וואָס מען האָט געקאָנט.

מען האָט געעפנט פאַר די פּליטים אַלע שולן, בתי מדרשים און שטיבלעך, ווייל דאָס מאָל זענען שוין געווען פיל מער פּליטים ווי ביי דער מעשה זבאָנשין, און דער יידישער קאָמיטעט האָט אויך דאָס מאָל געזאָרגט פאַר אַלע זייערע באַדערפעניש. מען האָט אפילו מתיר געווען צו מאַכן אַן אַקציע אין סאַמע יום־כיפור.

דער שרייבער פון די שורות איז אַליין אַרומגעגאַנגען באַזאָרגן מיט דירות פאַר איינציקע, וואָס האָבן נישט געוואָלט סטאַציאָנירן אין בית־מדרש. און יידן האָבן נישט אָפּגעזאָגט.

די דאָזיקע הילף איז אָבער אָנגעגאַנגען ביז די סאָוויעטן האָבן ליקווידירט דעם קאָמיטעט און האָבן איינגעפירט זייער אייגענע אָרדענונג פאַר וועלכער קיינער האָט שוין מער נישט געקאָנט טראָגן קיין אחריות.

אַזוי אויך זענען נישט געווען ריכטיק זייערע טענות וועגן די ניי־אויפגעקומענע קרעמלעך און רעסטאָראַנען וואָס האָבן זיי באַריסן און אויסגענוצט, ווייל דווקא אָט די ניי־אויפגעקומענע קרעמלעך האָבן גאָרנישט געהערט צו די פריערדיקע ביאַליסטאָקער, וועלכע האָבן באַלד ביים סאָוויעטישן אַריינקום זייערע אונטערנעמונגען ליקווידירט און זייערע לאָקאַלן האָבן פאַרנומען (געדונגען) גאָר די ניי־אָנגעקומענע פּליטים.

און געווען זענען אויך פאַרקערטע טענות פון אַ טייל ביאַליסטאָקער פרויען לגבי די פּליטים צוליבן אויסכאַפּן אין דער ריי דאָס ברויט און די איבעריקע אַרטיקלען פונעם ערשטן געברויך, וואָס די סאָוויעטן האָבן צוגעטיילט מיט אַזאַ קאַרגער האַנט.

אויך דאָס איז געווען איבערגעטריבן. ווייל נישט צוליב זייער שולד האָבן זיך די פּליטים אין דער ערשטער צייט פאַרנומען מיט די דאָזיקע „געשעפטן". אויך זיי האָבן געוואָלט לעבן.

פון דער צווייטער זייט אָבער איז צווישן די פּליטים געווען אַ טייל, הגם אַ קליינער, וואָס האָט זיך נישט גוט אויפגעפירט. ער איז באַשטאַנען פון אַ יונגערן עלעמענט אין וועלכן עס זענען געווען קאָמוניסטן און סתם הפקרניקעס.

די דאָזיקע הפקרניקעס, וועלכע האָבן דעם יידישן ביאַליסטאָק נישט פאַרשאַפט קיין נחת, האָבן אויך זייערע אייגענע פליטים קיין כבוד נישט געגעבן. און ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל, ליידן צוליב די שולדיקע אויך די אומשולדיקע. אַזוי למשל, איז אַזאַ הפקרניק, וואָס האָט געוווינט אין אַ בית המדרש (בית שני) זיך אַרומגעגאַנגען אָן אַ היטל, אָדער אין שבת מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. אַנדערע ווידער האָבן אַרום די בתי מדרשים צענו־מען די פאַרקאַנעס אויף האַלץ.

דאָס לעצטע איז, אמת, געשען צוליב נויט, — אָבער פרומע יידן און טיילווייז אויך נישט־פרומע, האָט אַזאַ הפקר־באַציונג צו זייערע הייליקייטן און געפילן אויפגערעגט. און עס זענען אויך געווען מעשים פון אַ קרי־מינעלן כאַראַקטער, פאַר וועלכע דער רוב איז נישט געווען פאַראַנטוואָרט־לעך, אָבער אַן אומפריינטלעכע אַטמאָספער האָט עס געשאַפן.

איך אַליין בין אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה געוואָרן גערודפט פון אַ פליט (אַ גנב), פאַרן בלויזן זיין אַ ביאַליסטאָקער. וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן. נאָר פאַרט טאָר מען נישט דאָס אַלץ פאַראַלגעמיינערן און מאַכן דעם רוב פליטים, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן מענטשלעך און ווירדיק, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ווייניקע הפקרניקעס, וועלכע זענען אין תוך גענומען, טראָץ זייערע מעשים, אויך געווען די קרבנות פון די דייטשע מערדער.

מען צענעמט דעם „תחכמוני״־בית־מדרש

נאָך פאַרן סאָוויעטישן אַריינקום האָבן מיר געהערט וועגן זייער צונע־מען שולן און בתי מדרשים און פאַרוואַנדלען זיי אין קלובן אָדער אין אַנדערע ענלעכע לאָקאַלן. איך האָב אָבער אַליין דאָס נישט בייגעוווינט. האָב איך דעריבער אַליין געוואָלט זיין דער עדות פון אַזאַ וואַנדאַליזם.

און ווען איך האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז די סאָוויעטן גייען פאַנאַנדער־נעמען דעם „תחכמוני״־בית־מדרש, האָבן איך אַהין גלייך אַוועקגעאײַלט.

ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן ווען ביי אַט דער „הייליקער״ אַרבעט פון פאַנאַנדערנעמען דעם אָרון־קודש, האָב איך אויסער אַ פּאָר געשווי־רענע קאָמוניסטן, אויך געטראָפן מיינע אַ שכנטע, אַ בונדישע לערערין פונעם ווילנער סעמינאַר, די טאָכטער פון אַ האַרעפּאַשנעם חסידישן ייד. און געטאָן האָט זי דאָס פרייוויליק — און אין סאַמע בראשית...

דאָס מזרחיסטישע „תחכמוני־הויז״, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער שלאַכטעצקע־גאַס, איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן ביאַליסטאָקער מזרחי־פירער און ראַבינאַט־ און קהילה־מיטגליד, הרב ברוך האַלפּערן, וואָס איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

אין דעם דאָזיקן הויז איז געווען אַ קאָמפּלעט־ איינגעאָרדנטע שולע ווו מען האָט געלערנט יידיש און וועלטלעך וויסן, צוזאַמען מיטן תחכמוני הגבוה וואָס איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן. אונטן איז אויך געווען אַ בית־מדרש צום דאַווענען און לערנען.

מחשבותן זענען מיך באַפאַלן: ווי גיך אָט די דאָזיקע פייערדיקע אַנטי־קאָמוניסטין האָט אַדורכגעמאַכט איר מעטאַמאָרפאָזע (אומענדערונג) און פּאַסט זיך שוין פּריוויליק אַריין אינעם נייעם רעזשים, זייענדיק גרייט, אַבי צו דערוווערבן אַ ספּקדיקע קאַריערע, צו טרעטן אויף די אייגענע געפילן און מענטשלעכער ווירדע.

איך זוך ביי די סאָוויעטן אַרבעט

ס'איז שוין אַוועק אַ צייט זינט די סאָוויעטן זענען אַריין קיין ביאַ־ליסטאָק און איך גיי נאָך אַלץ אַרום ליידיק. צו דער פריערדיקער באַשעפ־טיקונג קאָן מען זיך נישט נעמען און אפילו מיט וואָס צו פאַרטרייבן די צייט איז נישטאָ.

שרייבן, אַפילו פאַרן שופלאָד, קאָן מען נישט. עס פעלן די באַדינ־גונגען און די אַטמאָספער, בפרט צו מאַכן דערפון אַ לעבן. אויב זיי האָבן די פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן און די איינגעפונדעוועטע שרייבער אַרויס־געוואָרפן פון זייערע רעדאַקציעס, ווער איך, וואָס האָב ביז היינט נישט געלעבט פונעם שרייבן, אַצינד אוודאי דערפון נישט וועלן לעבן. און איך וועל נישט קריכן צום לייב אין פּיסק אַריין, בפרט ווען איך בין פאַר זיי גאָרנישט אַזוי כשר.

איך האָב אויך באַשלאָסן נישט צו דרייען זיך אין אייגענעם ליטע־ראַטן־קרייז, הגם מען קאָן זיך טרעפן מיט פּליטים־קאָלעגן. פאַר אַן אַרטיקן נישט־כשרן בעל־דבר איז גלייכער זיך נישט צו וואָרפן אין די אויגן. און ווי איך האָב געהערט, דרייען זיך שוין דאָ אַרום אייניקע „ג.וו.ד.״־שרייבער (שרייבער, וואָס גייען ווו דער ווינט בלאָזט).

דאָס איינציקע וואָס בלייבט דערוויל צו טאָן ביז מען וועט ביי זיי

באַקומען אַ שטילע נישט־פּאָליטישע אַרבעט, איז גיין אין „אָטשערעד״ (אין דער ריי). אי מען קאָן עפּעס פאַרדינען און אי מען וועט הרגענען די צייט.

ס׳איז, אמת, אַ ריזיקע די „אָטשערעד״. די סאָוויעטישע מיליץ קוקט אויף די וואָס שטייען אין אָטשערעד, בפרט אויף די יונגערע, מיט פאַרדאַכט. זיי ווילן נישט מען זאָל שטיין. ס׳איז בעסער פאַר זיי, אַז מענטשן זאָלן אַרבעטן, וואָס מער אַרבעטן און זיין פאַרנומען, מען דאַרף נישט האָבן קיין צייט צו טראַכטן. פון ביבלישן „לא תהרהר אחרי מדותי״, האַלטן זיי דווקא, — טראַכטן ברענגט צו „מחשבות זרות״ (פרעמדע געדאַנקען) און דאָס איז קאָנטערעוואָלוציע...

איך ווייס נישט פאַרוואָס — קיין באַזונדער מזל צו די „אָטשערעדס״ האָב איך עפּעס נישט. עס הייסט, באַקומען באַקום איך פונקט ווי די אַלע איבעריקע וואָס שטייען אין דער ריי (אויב, פאַרשטייט זיך, עס איז נאָר דאָ וואָס צו באַקומען).

אָבער ווי נאָר איך שטיי אָפּ אַ שטיקל צייט, אַזוי וואַקסט באַלד אויס נעבן מיר אַ סאָוויעט און פרעגט מיך די תמעוואַטע שאלה פאַרוואָס איך שטיי.

— „וואָס הייסט, פאַרוואָס איך שטיי?״ — ענטפער איך אים צוריק. „אויף דעם גיט מען דאָך, אַז מען זאָל שטיין״. „מען גיט און דו דאַרפסט נישט שטיין״, — ענטפערט ער שוין מיט בייזקייט.

עס קאָן זיין, אַז שולדיק אין דעם איז מיין נאָך יונגער אויסזען און די רויטע פאַרב אויף מיינע באַקן. די דאָזיקע רויטע פאַרב האָט נישט איין מאָל מיך פאַרפירט, זעלטן צום גוטן, נאָר מערסטנס צום שלעכטן.

נאָך קינדווייז האָט די מאַמע געמוזט נישט איין עין־הרע אָפּשפּרעכן און מיך באַהענגען מיט אַלערליי רויטע בענדעלעך און קמיעות, צו פאַר־היטן פאַר אַ בייז אויג. ווייזט אויס, אַז אויך אַצינד, אויף דער עלטער, דאַרף מען זיך נאָך היטן פאַר אַן עין־הרע. — און אפשר האָט מען שוין געמסרט מיין פאַרגאַנגענהייט און זיי זענען שוין אויף מיינע „פאַרברעכערישע״ שפּורן?

אָבער אַזוי צי אַזוי, בין איך שוין, ווייזט אויס, אונטערן פּייער פון סאָוויעטישן פאַרדאַכט. עס זאָל זיך נאָר אויסלאָזן צום גוטן.

וואָס טוט מען פאַרט? נישט גיין אין „אָטשערעד״, ווער זשע וועט אַריינברענגען די נייטיקע פּראָדוקטן און זאָכן פאַר אַ פאַמיליע פון זעקס?

די פרוי איז צוביסלעך פאַרנומען אין שטוב, און אויך פאַר איר פעלט אַצינד נישט קיין אַרבעט.

מען דאַרף אַלץ כאַפּן. — פאַרשווונדן איז דאָס נאָרמאַלע, געמיטלעכע איינקויפן. איינקויפן איז היינט אַ שווערער ספּאָרט, ס'איז אַ פיינע פיזישע אָנשטרענגונג. און די קונץ פונעם דאָזיקן ספּאָרט דאַרף מען באַווייזן נישט נאָר ביי די שוין פאַרמלוכהשטע קראָמען, נאָר אויך ביים נאָך פאַרבליבענעם פּריוואַטן, קליין־ווירטשאַפטלעכן סעקטאָר.

אויך דאָס ביסל מילך און פּוטער־אָפּפאַל פאַר די קינדער דאַרף מען ביים שכן דעם מילכיקן כאַפּן. ביים זעלבן מילכיקן, וואָס האָט פריער אויף דיר געוואַרט אַ גאַנצן טאָג, ווערן אַצינד די פּראָדוקטן צעשלעפּט אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה און דאָס נאָך אין סאַמע פרימאָרגן.

פאַרשפּעטיקסטו אויף אַ ווייל, האָסטו שוין נישט צו וועמען צו רעדן. און די דאָזיקע אַרבעט בלייבט פאַר דער פרוי. אויסער דעם, האָט זי בכלל נישט קיין חשק צו גיין אין די רייען. עפּעס פילט זי צו דעם אַן אינסטינקטיוון ווידערווילן. אפשר איז דאָס אַזאַ אינערלעכע וואָרענונג ? ווער ווייסט...

איך מאַך מיין חשבון. איך ווייס, אַז איך וועל זיך סוף־כל־סוף פאַרפּלאָנטערן, — ווי אַ פליג אינעם שפּינען־געוועב. איך באַזיץ אָבער נאָך נישט דעם כוח פון דעם זיך אָפּצורייסן.

פונדעסטוועגן פּרווו איך צו זוכן אין צווישנצייט ביי דער נייער מאַכט עפּעס אַ גרינגערע באַשעפטיקונג. איך וואָלט געקאָנט רעפלעקטירן אויף פאַרשידענע שטעלעס. נאָר איך האָב פעסט באַשלאָסן סיי צוליב אידעישע טעמים, סיי צוליב זיכערקייט צו בעטן אַ ווירטשאַפטלעכע אַרבעט.

ביים נאַטשאַלניק פון אַרבעטס־אַמט

איך בין ענדלעך אַוועק צום סאָוויעטישן אַרבעטס־אַמט. אינעם אַרבעטס־אַמט האָט מען מיך אויפגענומען און צוגעזאָגט מיין זאַך צו דערליידיקן.

ס'איז אָבער אַוועק אַ צייט און דער ענין האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט. האָב איך זיך נאָך אַמאָל געווענדט אינעם זעלבן אַמט, בעטנדיק מיך אריינלאָזן צום נאַטשאַלניק אַליין.

דער נאַטשאַלניק, אַ מינסקער ייד, וואָס האָט, ווייזט אויס, פאַר מיר דעם נייעם סאָוויעטישן „בירגער", געוואָלט דעמאָנסטרירן די סאָוויעטישע

פרייהייט און גלייכהייט, מיט מיר געוומען רעדן יידיש, טראַץ דעם, וואָס איך אַליין האָב ווי אין אַ רוסישן אַמט אָנגעהויבן אויף רוסיש, וואָס איך האָב נאָך געקענט פון פריער.

ער האָט אויסהערנדיק מיך, העפלעך און אין אַ באַזונדערן טאָן פון מיטלייד, אַ זאָג געטאָן:

„די סאָוויעטן־מאַכט וועט איך העלפן". און ער האָט מיך געהייסן דערלאַנגען אַ ביטע מיט אַן אויטאָביאָגראַפיע.

אויף מיין פראַגע, צי איך קאָן שרייבן יידיש, האָט ער מיט אַ געמאַכ־טער צופרידנקייט געענטפערט:

„וואָס הייסט? אַוודאי! אינעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָבן אַלע פעלקער גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט". פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אין מיין תמימות און אפשר אויך מיט אַ געוויסער נייגיריקייט אָנגענומען זיין ענטפער פאַר גוט געלט, אין וואָס איך האָב זיך שפּעטער אַנטוישט.

דאָס שווערסטע פּראָבלעם איז אָבער פאַר מיר געווען די אויטאָביאָ־גראַפיע. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. צי זאָל איך שרייבן דעם אמת און זיך אַליין שטופּן אין פייער, אָדער זאָל איך אַ טייל פון מיין פאַרגאַנגענהייט פאַרלייקענען?

און אויב שוין יאָ פאַרלייקענען, צי וועט מען זיך דערפון נישט דער־וויסן און איך וועל נאָך ערגער אָפּשניידן? דאָס דאָזיקע וואַקלען זיך איז פאַר מיר געווען זייער פיינלעך.

ס'איז מיר געווען שווער זיך צו באַשליסן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן ווער איך געשטעלט פאַר אַזאַ נסיון. און ווי מאָדנע, האָב איך געטראַכט: אַן אידעע, וואָס פּרעטענדירט אויף די דערהויבנסטע מענטש־לעכע ווערטן און וואָס וויל צווישן אַנדערן אויך אָפּשאַפן דעם אויסנוץ פון מענטש צו מענטש, וויל אַליין אַרונטעררייסן דיין מענטשלעכע ווירדע און אויך אויסנוצן דיין לאַגע, צווינגענדיק דיך אַזויאַרום צו ווערן אַ ליגנער.

איך ווייס, אַז איך האָב נישט געזינדיקט. פאַרקערט, איך בין שטאָלץ מיט מיין באַשיידענער דינסט פאַר מיין פאָלק און געזעלשאַפט. דאָס ביסל וואָס איך האָב געלייסטעט, האָב איך עס געטאָן אין מיין בעסטער איבער־צייגונג און גלויבן אין מיין אמת.

אָבער פאַר די דאָזיקע „בעלי יושר" איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער אמת אויסער זייערער. און גרויזאַם, אומברחמנותדיק איז דער נייער

„מולך". ער וויל דיך אײַנגאַנצן פֿאַר זיך. אײַנגאַנצן אין זײַן פֿײַער פֿאַרצערן. און קיין איין אייגענער טראָפּן טאָר אין דײַן נשמה נישט בלײַבן...

איך בין אַהיימגעגאַנגען און האָב אָנגעשריבן מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. איך האָב מגלה געווען אַ טפּח (אַביסל אויפֿגעדעקט), און האָב פֿאַרדעקט אַ טפּח (אַביסל באַהאַלטן).

אויסער מײַן פֿאַרגאַנגענע ציוניסטישע און קאָמבאַטאַנטישע טעטיקייט, האָב איך אין דער אמתן געהאַט אַ גאַנץ פֿײַן סאָציאַל קאַפּיטל, מיט וואָס אַן עכטער באָלשעוויק וואָלט זיך אויך נישט געשעמט.

דער אונטערשיד איז נאָר געווען אין דעם, וואָס איך, ווי אַ קלײנבירגער, האָב עס געטאָן לויט מײַן אייגענעם מאָראַלישן געוויסן און נישט אינעם נאָמען פֿון דער „פּראָלעטאַרישער" גערעכטיקייט.

דער עיקר אָבער האָב איך געלייגט מײַן גאַנצע האָפֿענונג אויפֿן אָנפֿירן מיטן ביאַליסטאָקער עלעקטריע־שטרייק.

דאָס איז געווען דאָס „פּערדל", מיט וועלכן איך האָב זיך געוואָלט שיצן און דערמיט דעקן מײַן איבעריקע „פֿאַרברעכערישע" קלײנבירגערלעכע טעטיקייט.

דאָס דאָזיקע „פּערדל", וואָס האָט מיך אין מײַן שפּעטערדיקער נויט נישט געקאָנט ראַטעווען, וואָלט מיר אַצינד געקאָנט העלפֿן — האָב איך דאַן געמיינט.

איך האָב דעם יידישן נאַטשאַלניק ראַבינאָוויטש פֿון מינסק געבראַכט די ביטע מיט דער אָנגעשריבענער אויטאָביאָגראַפֿיע. ווי פֿאַרוווּנדערט בין איך אָבער געוואָרן, ווען דער זעלבער נאַטשאַלניק, וואָס האָט פֿריִער פֿאַר מיר אַזוי זשאָנגלירט מיט דער סאָוויעטישער פֿעלקער־גלײַכהייט, האָט אַצינד מיר פֿאָרגעוואָרפֿן למאַי איך האָב געשריבן די ביטע אין יידיש.

אויף מײַן עקשנותדיקן פֿאַררופֿן זיך אויף זײַן וואָרט, האָט ער שוין מיט אַ באַזונדערער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק געפּרוּווט מיר געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין פּרינציפּ מעג מען טאַקע, די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע באַוואָרנט די גלײַכע רעכט פֿון אַלע שפּראַכן, אָבער די אָפֿיציעלע שפּראַך איז די שפּראַך פֿון דער הויפּט־רעפּובליק פֿונעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד, וואָס איז די רוסישע שפּראַך.

די צוגעזאָגטע אַרבעט האָב איך נאָך אַלץ נישט באַקומען. און איך האָב געמוזט דערווײַל זוכן עפּעס אַנדערש צו טאָן, אויף וואָס איך האָב זיך טאַקע דעצידירט.

קאַפּיטל דריי

איך ברענג סחורה פון לעמבערג

נישט האָבנדיק נאָך אַלץ קיין באַשעפטיקונג, האָב איך דערווייל אויסגענוצט די צייט אויף צו האַנדלען.

פון אַ סוחרישער פאַמיליע, און האָבנדיק אַליין אויך די נייטיקע פעיקייטן, וואָלט איך דאָס געקאָנט אויסנוצן. איך האָב אָבער געהאַט אַ ווידערווילן צום האַנדל, בפרט צום קליין־האַנדל. און ערשט נישט לאַנג צוריק האָב איך אַליין ליקווידירט מיין שוויגערס געשעפט.

איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און איך האָב צו דעם פאַרט געמוזט אָנקומען, טראַץ דעם, וואָס איבער מיין קאָפּ איז געהאַנגען די סכנה פון אַריינפאַלן. און נאָך וואָס פאַר אַריינפאַלן, — אַ סאָוויעטישן, ווען פאַרן קלענסטן חטא פאַרשיקט מען דיך הינטער די הרי חושך.

די זעלבע סכנה האָט מיר אָבער אויך געדראָט ביים בלייבן אין דער היים. איך וועל דאָך נישט זיצן כסדר אין שטוב און גאָרנישט טאָן. וועל איך האַלטן אין איין גיין אין „אָטשערעד" (אין דער ריי), וועל איך סיי־ווי אַריינפאַלן. בפרט, ווען די מיליציאַנטן האָבן מיך שוין געוואָרנט און גענומען אויפן אויג...

אויסער דעם, איז פון יעדן שטאַנדפּונקט פאַר מיר בעסער וואָס ווייניקער צו זיין אין דער אייגענער שטאָט, כדי ווידער זיך נישט אַריינצודרייען אין אַ „טשיסטקע" (פּאָליטישע רייניקונג). אין אַ פרעמדער שטאָט איז זיכערער. אויך דאָס פאָרן און צוריקקומען, בפרט אין אַזאַ נישט־נאָענטן וועג (ביי די איצטיקע באַדינגונגען) פון ביאַליסטאָק קיין לעמבערג, נעמט אויך צו אַביסל צייט. און אינצווישן וועל איך אפשר פאָרט באַקומען די לאַנג־דערוואַרטע אַרבעט, כדי צו פאַרדינען און זיך דעקן...

אין דער אמתן, האָב איך שוין פריער אויך אַביסל צוגעהאַנדלט. איך האָב דאָס אָבער געטאָן בלויז צו פאַרנוצן דאָס געבליבענע פּוילישע געלט.

נאָך פאַרן סאָוועטישן אַריינקום האָב איך מורא געהאַט פאַרן אַנטווערטן דעם פּוילישן זלאָטי. האָב איך דעריבער געהאַלטן אין איין קויפן וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

איך האָב ביי די פויערים געקויפט פּראָדוקטן און האָלץ, און אין די קאָאָפּעראַטיוון — צוקער און פּראָדוקטן. דאָס איז אָבער נישט געווען מיט דער דעה צו האַנדלען און פאַרדינען, נאָר זיך צו פאַרזיכערן דעם קרן פון די אָפּגעשפּאָרטע זלאָטעס.

מיין איצטיקער באַשלוס אָבער צו פאָרן קיין לעמבערג איז שוין געווען מיט דער גאַנצער כוונה און אויסגערעכנטקייט. און באַקומענדיק די אַדרעסן פון אייניקע לעמבערגער סוחרים בין איך גלייך אַוועק צום וואָקזאַל זיך צו באַזאָרגן מיט אַ רייזע־בילעט.

אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל איז ווי דער שטייגער ביי די סאָוויעטן, וועט אַלע ווערן רייזנדיקע, געווען אַ געוואַלדיקער געדראַנג. עס האָט אויס־געזען ווי אויף אַ רוסישן „טאָלטשאָק“ (מאַרק), אַ שפּילקע נישט אַריינצו־וואַרפן.

ווער עס האָט נישט געהאַט קיין פּראַקטיצע און שכל, האָט געקאָנט וואַרטן גאַנצע טעג אויף אַ בילעט. און אַז מען האָט שוין געהאַט דעם בילעט, האָט מען ערשט געדאַרפט האָבן די אמתע עלנבויגנס און אייזערנע גבורה, אַריינצובאַקומען זיך אינעווייניק אין וואַגאָן. ווער שמועסט נאָך מיט באַגאַזש.

איך בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן אויף דער דאָזיקער ליניע. אויסער קיין וואַרשע, ווילנע און נאָך געציילטע שטעט פון פּוילן און פּויליש־ליטע, בין איך נאָך אין ערגעץ נישט געווען.

איך האָב, אמת, געהערט פוןביידע גאַליצישע הויפּטשטעט, לעמבערג און קראָקע ; שטעט מיט יידיש־טראַדיציאָנעלער פּאַרוואָרצלטקייט און נאַציאָנאַלן יחוס, — מיט חסידישער פרומקייט און רבישע הויפן פון איין זייט, און נאַציאָנאַל־אויפגעקומענער אינטעליגענץ, פון דער צווייטער זייט.

דער חותם פון צוויאיקייט, פון דואַליזם, איז געלעגן אויף גאַנץ לעמבערג. אויף דער יידישער, ווי אויף דער נישט־יידישער זייט. אַ פרום־שטייגערישע יידישקייט האָט געהערשט צוזאַמען מיט אַ וועלטלעך־נאַציאָנאַ־לער. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, געראַנגלט צווישן זיך, און פאַרט איינע פון די אַנדערע געוואָרן באַאיינפלוסט.

אויך די פּוילישע קולטור האָט דאָ געקעמפט מיט דער אוקראַאינישער, וועמענס צווישן־געראַנגל, באַזונדערס נאָכן אויפקומען פונעם נייעם פּוילן, איז געווען אַ פיל שאַרפערער.

אַ קנאַפּן מעת־לעת בין איך געפאָרן מיט דער באַן. ערשט אין אָוונט בין איך אַריינגעקומען אין שטאָט. צו מיין צופרידנקייט האָב איך גלייך באַקומען אַ היימישע אַכסניה, ווו איך האָב זיך געפילט גוט און פריי, און האָב באַקומען אַלע נייטיקע פאַר מיר אינפאָרמאַציעס.

אין קאָנטראַסט צו ביאַליסטאָק, וואָס די סאָוויעטן האָבן אַ סך שפּעטער פאַרנומען, איז נאָך דאָן אין לעמבערג געווען פון כל־טוב, ווי עס זאָל דאָרט אינגאַנצן נישט זיין קיין סאָוויעטן־מאַכט.

די יידישע קראָמען זענען געווען געפּאַקט מיט שפּייז און פאַרשידענע סחורות. אויסער די באַקאַנטע פּוילישע שפּייז, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דאָ געזען קוקורודזע און מאַמאַליגע און אַנדערע אַזעלכע סאָרטן דרומדיקע שפּייזן, וואָס זענען אין פּולע זעק געווען אויסגעשטעלט אין פראָנט פון די קראָמען.

דאָס שוין אויסגעהונגערטע זשעדנע אויג האָט זיך געקוויקט מיט אַ פאַרשידנקייט פון שפּיזן, וואָס איז אין אַמאָליקן אַזוי שפּייז־רייכן ביאַליס־טאָק שוין לאַנג נישט געווען בנמצא.

איז דאָך ביאַליסטאָק דערקלערט געוואָרן פאַר דער הויפּטשטאָט פון מערב־ווייסרוסלאַנד, ווי לעמבערג פאַר מערב־אוקראַינע, פאַרוואָס־זשע איז אין ביאַליסטאָק שוין אַ מאַנגל אין סחורה אַפילו אין די סאָוויעטישע קראָ־מען און דאָ עקזיסטירט נאָך אַפילו אַ פּריוואַטער האַנדל? גיי פאַרשטיי די סאָוויעטישע וועגן.

נאָך איינעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך געהאַט מיט איינעם אָפּגערעדט, ער זאָל מיך אויף צומאָרגנס אַוועקפירן צום פּאַפּיראָסן־סוחר.

דער ייד איז געקומען אין דער באַשטימטער צייט און דאָס געשעפט איז געוואָרן געשלאָסן. צו מיין צופרידנקייט איז אַלץ אַדורך בשלום.

איך האָב זיך אַליין נישט געריכט אויף אַזאַ סאָלידער באַהאַנדלונג, בפרט אין אַזאַ נישט־נאָרמאַלער צייט און אונטער די סאָוויעטן. — אַלץ איז געוואָרן אויפן וואָרט דערליידיקט. די סחורה איז געוואָרן פאַרפּאַקט, אָפּגע־שיקט אין דער עקספּעדיציע און אויפן קעסטל איז געוואָרן אויפגעקלעפּט אַ צעטל: „פאָרזיכטיק, נישט צעברעכן".

איך האָב מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווי נאָר אַהיימקומענדיק בשלום, אָפּנעמען עס פון ביאַליסטאָקער באַנהויף ווי אַ פראַכט. דאָס אָפּנע־

מען אָבער אין ביאַליסטאָק איז שוין יאָ געווען אַ שטיקל אַרבעט און ריזיקע. דערפאַר אָבער ביז ביאַליסטאָק בין איך געווען רויק און אָן געפאַר.

איך בין צוליב נייגעריקייט נאָך געבליבן אַ שטיקל צייט אין לעמבערג. איך האָב זיך געוואָלט אַרומקוקן אין דער „גאָלדענע רויזעס" שטאָט, זיך באַקענען מיטן יידישן און אַלגעמיינעם שטייגער.

די סאָוויעטישע אָרדענונג איז נאָך דאָ נישט געווען שטאַרק קענטיק. דאָס לעבן און דער האַנדל איז נאָך צוגעגאַנגען ווי פריער. אויך די באַזונדערע גאַליציאַנער פרומקייט איז נאָך נישט געווען אָנגערירט.

די יידישע דאַראַזשקאַזשעס אין זייער פרום־שטייגערישן טראַכט, אין קאַפעליטש און קאַפּאָטע, האָבן ווי תמיד מיט די בייטשן אין די הענט געלאָקערט אויף זייערע פּאַסאַזשירן. אין די יידישע דיעטע־רעסטאָראַנען האָט מען נאָך פאַר גראָשנס געקאָנט באַקומען אַלערליי קונציק־געמאַכטע מילכיקע שפּייזן. אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז אַצינד געווען גאָר לעבעדיק. און אין לאָקאַל פון די יידישע טרעגערס און פורמאַנעס אין צענטער שטאָט האָט מען נאָך ביים בופעט באַקומען אַ זיס־געצוקערטן טיי פאַר צען קאָפּיקעס.

עס האָט זיך שוין אָבער טראָץ דעם געפילט אַ שטימונג פון אַן ערב־מאַנגל, און עס האָט שוין געהערשט די גוט־באַקאַנטע מורא פאַרן סאָוויעטישן מאָרגן, באַגלייט מיט דער פּסיכיק פון „חטוף ואכול" (כאַפּ און עס), טאָמער וועט מאָרגן נישט זיין וואָס צו עסן, הגם עס האָט נאָך דערווייל גאָרנישט געפעלט.

האָט מיך דעריבער נישט געוווּנדערט, וואָס די ביזאַהעריקע בירגערלעכע שפּאָרזאַמקייט און אויסגערעכנטקייט האָט צוביסלעך אויך ביי די דאָזיקע מענטשן געגומען פאַרשווונדן.

און כמעט אין אַלע הייזער האָט מען אַצינד געטרונקען באַטשעווסקיס קאָניאַק און ווישניאַק ווי וואַסער. און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אויף דער נויט פונעם גוף...

*

איך בין צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק ווו איך האָב מיט אַ באַזונדערן אומגעדולד און מורא פון אַ גרינעם, נישט דערפאַרענעם „שמוגלער", אָפּגעוואַרט מיין פּראַכט.

איך האָב לשם פאַרזיכטיקייט געוואָלט, אַז מיין פרוי זאָל גיין צו דער באַן נאָכפרעגן זיך צי דער פראַכט איז שוין אָנגעקומען. מיין פרוי אָבער, אַ שטילע און באַשיידענע, האָט נאָך מער מורא געהאַט פאַר מיר. זי איז פון דער נאַטור געווען אַן אָרנטלעכע און גוטע ביז נאַיווקייט. זי האָט נישט געוווסט פון קיין חכמות און דריידלעך אין מסחר, נישט אינעם לעבן. זי האָט נאָר געקענט דעם גלייכן וועג און דעם אמת. האָט זי מורא געהאַט אַז פאַרן אומלעגאַלן האַנדל און אויך טאָמער וועט זי דאַרפן זאָגן אַ ליגן.

עס האָט מיך לכתחילה אויף איר פאַרדראָסן, וואָרעם, האָב איך געטראַכט, איך שטעל זיך דאָך איין אויך פאַר איר און פאַר די קינדער. איז פאַרוואָס־זשע זאָל איך מער ריזיקירן פאַר איר? בפרט, ווען אַ פרוי איז ווייניקער פאַרדעכטיק.

איך האָב אָבער, קענענדיק איר נאַטור, געמוזט איר מוחל זיין. אגב, האָב איך זיך געזאָגט: ווען זי וואָלט אַריינגעפאַלן, וואָלט פאַר מיר, צוליב די קינדער, נאָך געווען פיל ערגער...

די גאַנצע שרעק איז אָבער געווען אומזיסט, און איך בין אויפצומאָרגנס עס אַליין געגאַנגען אָפּנעמען, הגם מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ ווי ביי אַ גזלן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די באַאַמטע האָט מער ווי די וואָג פון פראַכט און די ריכטיקייט פונעם אָנגעגעבענעם אַדרעס נישט אינטערעסירט. דאָס איבעריקע — האָט נישט געהערט צו זיי. און אַזוי לאַנג ווי מען האָט נישט דערטראָגן צו יענער חברה, — איז אַלץ געווען אין אָרדענונג.

איך האָב אָבער אויסער דעם וואָס די זאַך איז אַדורך בשלום, אויך געהאַט אַ גאָר באַזונדערן סורפּריז. דער אַרויסגעבער פון מיין „טריפהנעם" קעסטל איז געווען מיינער אַ באַקאַנטער רוסישער קריסט וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט מיר געפּאָרעט ביים ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט.

אַ גישקשהדיקער שונא ישראל און שונא פּאָליאַק, וואָס האָט פּונקט אַזוי אויך פיינט געהאַט די באָלשעוויקעס ווי ער האָט זיי גערופן, נאָר ביי וועמען ער האָט אַצינד געדינט.

דער דאָזיקער יונגער רוס, וואָס האָט בכלל מער פיינט געהאַט ווי ליב געהאַט, איז שוין דאָ פאַר מיר געשטאַנען מיט אַ סאָוויעטישער קאָקאַרדע פון אַ באַן־באַאַמטן אויף זיין היטל.

ער האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שטייפקייט ווי אַ מאַנעקין געטאָן

זיין זאַך אַן אַן איבעריק וואָרט אויסצורעדן און אַן אַן איבעריקן קוק אויף מיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מיטן בלויזן קוק זיך מטמא צו זיין.

און אפשר האָט ער מורא געהאַט איך זאָל נישט פאַראַטן זיין פאַרגאַנ־גענהייט און עס איז געווען וואָס צו פאַראַטן! נאָר ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָב איך געטראַכט: „מצא מין את מינו״ ((איינער האָט דעם אַנדערן געפונען)...

געוויינהייט איז נישט נאָר די צווייטע נאַטור, נאָר זי פאַרגרינגערט די אַרבעט, מילדערט די שרעק און די וואַקלדיקייט. און איך בין שוין פון דאַן אָן אייניקע מאָל געפאָרן קיין לעמבערג מיטן זעלבן מסחר.

מיין מסחר איז געווען אַ גאַנץ קליינער. איין קעסטעלע פּאַפּיראָסן נאָר, אויסער אַביסל שפּייז וואָס איך האָב מיט זיך געפירט. איך האָב אָבער מער נישט געוואָלט ריזיקירן און האָב זיך געשטעלט אַ גאַנץ באַשיידענעם ציל.

נאָר דאָס גרינגסטע איז געווען דאָס פאַרקויפן (אויב מען האָט נישט געכאַפּט). עס האָט נאָך דאַן עקזיסטירט אַ פרייער פּאַפּיראָסן־פאַרקויף דורך די פון די פּליטים־אויפגעקומענע קאַפע׳ס און רעסטאָראַנען.

קאַפּיטל פיר

איך טרעף זיך מיט קאָלעגן און פריינט

ווי געזאָגט, האָב איך צוליב געוויסע טעמים זיך וואָס ווייניקער געוואָלט דרייען אַרום היגן ליטעראַטן־קרייז. און הגם עס האָבן דאַן געהאַלטן אין איין אָנקומען שרייבער־פּליטים, האָב איך זיך אויסגעמיטן מיט זיי צו טרעפן.

די זעלבע פאַרזיכטיקייט האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַ טייל פון די אַנדערע היגע שרייבער. מען האָט געוואָלט זיין אין שאָטן, וואָס ווייטער פון דער סאָוויעטישער און סאָוויעטיש־שרייבערישער מאַכט. — בפרט נאָכדעם ווי מען האָט באַזייטיקט פון די רעדאַקציעס אַלע נישט־קאָמוניסטישע שרייבער און מיטאַרבעטער.

אַן אויסנאַם נאָר איז געווען דער אין בירקענוא בײַ אוישוויץ אומגע־

קומענער רעדאַקטאָר פון „אינדזל", זישע באַגיש (ב. ווייסמאַן). ער איז אָבער נישט געווען קיין מיטאַרבעטער פון די היגע רעדאַקציעס און איז ביים סאָוויעטישן אַריינקום נאָר אַ קורצע צייט געווען סעקרעטאַר פונעם היגן ליטעראַטן־קרייז.

די באַזייטיקטע שרייבער האָבן אַצינד געהאַט געגוג צייט. פלעגט מען זיך אָפט טרעפן אין גאַס און איינער פאַרן אַנדערן זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ.

און אָט אַזוי גייענדיק אויפן „רינעק קאָשטשושקי", קומט מיר אַנט־קעגן דער באַקאַנטער רעדאַקטאָר פונעם ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", דיכטער און איבערזעצער, פּסח קאַפּלאַן, וועלכער געפינט אַצינד אין מיר, זיין אַלטן פריינד, אַן „אח לצרה", פאַר וועמען מען קאָן פריי רעדן.

פּ. קאַפּלאַן איז געווען פון די ערשטע וואָס האָט מיך מקרב געווען און אַרויסגעוויזן ממשותדיקע הילף. ער האָט נישט נאָר אָפּגעשאַצט און געלויבט אויף די שפּאַלטן פון „דאָס נייע לעבן" מיינע דאַן דערשינענע ביכער: „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" און „אין און אַרום ציוניזם", נאָר האָט מיר אויך אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג, אין לויף פון דריי חדשים פריי אַנאָנסירט מיינע ביכער אויף די שפּאַלטן פון זיין צייטונג.

האָב איך אים דאָס אָפּגעדינט אין אַ נישט־גינסטיקער צייט פאַר אים. און ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קאָנפליקט צווישן אים און זיין רעדאַק־ציע־פאַרטרעטער מענדל גאָלדמאַן, האָב איך מאָראַליש געשטיצט דעם „אַלטן".

ער איז געווען געפאַלן ביי זיך און האָט אויסגעזען שטאַרק דער־שלאָגן. זיין אַזוי אויך קליינע פיגור האָט אַצינד אויסגעזען ווי נאָך קלענער. אביסל איינגעבויגן, זענען די אויגן נאָך טיפער אַריין אין קאָפּ. נאָר זיין גרויסער תלמיד־חכמדיקער שטערן האָט, אין פּראָפּאָרציע צו דער איבעריקער איינשרומפּונג זיינער, זיך אַצינד נאָך מער אַרויסגערוקט.

קאַפּלאַן, וואָס איז געווען געוווינט צו זיצן אין זיין רעדאַקציע־צימער ווי אַ קעניג אויף זיין טראָן, און איז נישט נאָר געווען דער וואָרטזאָגער און טיילוויז אויך דער פּראַקטישער טאָן־געבער, נאָר האָט זיך אויך ליב געהאַט צו קאָכן אין די אָרטיקע קהלישע ענינים, האָט זיך אַצינד אויף די עלטערע יאָרן פּלוצים דערפילט ווי אַן איבעריקער, ווי אַ בלעטל געוואָרפן אויפן ווינט, דורכן שטורעם פון דער צייט...

ער האָט, אמת, זיין פאַרצווייפלונג און יאוש פאַר מיר נישט אַנטפּלעקט.

ווי זיין נאָענטער מיטאַרבעטער, דער שטילער, טאַלאַנטירטער דערציילער אהרן בערעזינסקי, פאַר געבן אים אַן אַרבעט נישט ביים רעדאַקציע־טיש, נאָר גאָר אין אַ באַגרעבער־געזעלשאַפט.

פסח קאַפּלאַן האָט פאַר מיר זיין געדריקט געמיט געפּרוווט אויסבאַ־האַלטן. ער האָט דעם געשפּרעך אַוועקגעפירט אויף אַן אַנדערער פּלאַך. אָבער זיין אָפּגעצערטער אויסזען און די פאַרטרויערטע אויגן האָבן עדות געזאָגט אויף זיין געמיט.

אויף צומאָרגנס באַגעגן איך דעם שרייבער־דענקער און געזו. ראש הקהל, אברהם טיקטין, וועמען איך טרעף שפּאַצירן אויף דער שענקעוויטשאַ.

ער דערפרייט זיך גאָר מיט מיר, דער אַזוי געזעצטער און געלאַסענער טיקטין. ווי תמיד, נעמט ער אויך אַצינד אויף די לאַגע מיט אַ באַזונדערער סטאָישער רויקייט, „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין".

— איך גיי אַוועק אין דאָרף — זאָגט ער מיר.

— וואָס וועט איר דאָרט טאָן ?

— איך וועל דאָרט פאָרזעצן מיינע תלמודישע שטודיעס, — ענטפערט ער.

אויך א. ש. הערשבערג, דער באַקאַנטער קולטור־היסטאָריקער און פאָרשער, הגם אַרויסגעריסן פון זיין ביזאַהעריקן גלייכגעוויכט, מאַכט פונדעסטוועגן, ווי ביז היינט, זיינע שפּאַצירן אין וואַלד. ער איז אָבער אויפגערעגט און רעדט מיט צער און ביטול לגבי די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרלייגט אויף אונדזער פיזישן און גייסטיקן קיום.

פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע זענען: דער הויכער, סוחרישער טוער פונעם ביאַליסטאָקער קליינהענדלער־פאַראיין, דוד קוויאַטאָוויטש, און זיין קוזין מאַניאַק (משה), דער דירעקטאָר פונעם זעלבן פאַראיין און פאַרוואַל־טונגס־מיטגליד פון אַ ריי אַנדערע פאַראייניגען און אָרגאַניזאַציעס, וועמען קיין שום אָפּאָזיציעס האָבן נישט געקאָנט אַרויסזעצן פון אַמט.

זיי ביידע וויצלען זיך אַצינד:

— ווען מאַכן מיר, כהן, אַ זיצונג און ווען אינטערוועניר'ן מיר ביים פינאַנס־מיניסטער רייכמאַן ? (אַן אַנצוהערעניש וועגן דער לעצטער אינ־טערווענץ צוזאמען מיטן רעדאַקטאָר משה וויסאַצקי ביים סאַנאַציע־מיניס־טער רייכמאַן).

איך ווייס, אַז דאָס איז אַזאַ געמאַכטער הומאָר וואָס דאַרף פאַרדעקן

די ביטערגיש פון מאָמענט. ער האָט זיך זיכער נישט וואָס צו פרייען, דער ענערגישער שוואַרץ־הנעוודיקער מאָגיאָק קוויאַטאָוויטש. באַזונדערס פון דער פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכער ענדערונג, וואָס איז אַוודאי נישט צו זיין גונסטן. בפרט אין זיין לאַגע פון אַ געוו. פּוילישן „פּאָדכאַראָנזשי״ (אונטער־לייטענאַנט).

דערנאָך באַגעגן איך דעם געוו. שטאַטישן וויצע־פּרעזידענט אַדוואָ־קאַט מ. זשעמיעלסקי, וואָס באַזיצט דעם גרעסטן קונסט־סאַלאָן אין שטאָט, ווו צווישן זיינע פיל בילדער און סקולפּטורן געפינען זיך אויך פּאָרטרעטן פון אַ יידיש־טראַדיציאָנעלן טיפּאַזש.

ער חכמהט זיך שוין נישט, דער שווער־לייביקער, געשטאַלטנער, אַזוי ערנסטער זשעמיעלסקי. ווי אויף אַ שווערן פּראָצעס איז ער אַציגד פול מיט אחריות, ערנסט און באַזאָרגט פאַרן גורל פון זיין קליענט...

ער בעט מיך, מען זאָל באַהאַלטן דעם קאָמבאַטאַנטן־אַרכיוו. עס קאָן נאָך שאַטן אומשולדיקע מענטשן. „שוין לאַנג באַהאַלטן, פּאַניע מעצענאַשע״, באַרויק איך אים.

און ווען איך האָב באַגעגנט זשעמיעלסקיס שוואָגער, דעם אַדוואָקאַט גאָטליב און דעם באַקאַנטן קרימינאַליסט אַדוו. גרושקעוויטש, איז מיר נאָך דאַן נישט איינגעפאַלן, אַז דער זעלבער גרושקעוויטש וועט שפּעטער, ווען איך וועל זיך געפינען אינעם סאָוויעטישן קלעם — און איך וועל זיך גייטיקן אין זיין יורידישער הילף — וועט ער, דער קאָלעגע און פריינד, זיך מורא האָבן צו מיר צוצורירן, הגם ביים צווייטן פּראָצעס, נאָכן אָפּזיצן דריי חדשים, איז ער יאָ אַרויסגעטראָטן.

אַן אומגעריכטער גאַסט

אין אַ געוויסן ווינטערדיק־פּאַרשנייטן פרימאָרגן, זייענדיק אין צווייטן צימער, רופט מיך מיין פרוי:

— יאַנקל, זע נאָר ווער ס'איז דאָ, יאָסל איז דאָך דאָ! — אין דער טיר איז ווירקלעך געשטאַנען מיין איינציקער יונגערער ברודער יאָסל, אַ פאַר־נעצטער און פאַרשמוצטער פון וועג, מיט אַ פול־געפּאַקטן פּלעצאַק, ווי אַ סאָלדאַט, אויף די פּלייצעס.

נבהל ונשתומם, האָב איך מיינע אויגן נישט געוואָלט גלייבן. איז דאָס טאַקע מיין ברודער, האָבן איך נישט קיין טעות? איך הייב אָן פרעגן, פונ־

וואַנען און וויאַזוי קומסטו אַהער? מיין גוטע פרוי לאָזט מיך אָבער ווייטער נישט רעדן.

— וואָס פרעגסטו אַצינד קשיות, — זאָגט זי — נעם אים בעסער אַראָפּ דעם פּלעצאַק פון די פּלייצעס, לאָז אים זיך אָפּרוען און זאָל ער פריער עפּעס טועם זיין. ער איז דאָך מן הסתם אַזוי הונגעריק און מיד.

מיין ברודער האָט באמת באַוויזן אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַפילו אַ געוויסע העלדישקייט. ער איז אַנטלאָפן פון ביאַלע־פּאָדלאסק, וווּ ער און מיינע עלטערן האָבן געוווינט, צו מיר קיין ביאַליסטאָק, ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרלאָזט ביאַלע.

ער איז געגאַנגען, ווי ער האָט דערציילט, ביי אַ האַלבן וועג צופוס, ווייל ער האָט נישט געקאָנט קריגן קיין צוג, און ער האָט געמוזט וואָס גיכער אַוועק פון זיין שטאָט, נאָך איידער די דייטשן זענען אַריין.

צוליב דעם וואָס ער האָט אַלס מעכאַניקער געאַרבעט ביי די סאָוויעטן, האָבן אים די שכנים מיעשטשאַנעס (שטאָטישע פּויערים) געסטראַשעט איבערצוגעבן צו די אַריינקומענדיקע דייטשן. און אויף איבערצוגעבן אַ ייד, האָט מען זיי זיכער געמעגט גלויבן. האָט מיין, שוין דאַן אין די זעכציקער און כמעט בלינדע, מוטער אים מיט געוואַלד אַרויסגעשטויסן פון שטוב, ער זאָל זיך ראַטעווען און אַנטלויפן צום ברודער קיין ביאַליסטאָק, וויסנדיק, אַז אין ביאַליסטאָק הערשן די סאָוויעטן, הגם ער איז געווען איר בן־זקונים און איינציקער שפּייזער.

איז ער געלאָפן פון פייער און וואסער, וווּ ער איז שפּעטער צוזאַמען מיט זיין ברודערס פרוי און קינדער און מיט די איבעריקע ביאַליסטאָקער יידן, „דערטרונקען" געוואָרן אינעם זעלביקן בלוטיקן פליי.

מיין ברודער איז נאָך געווען יונג, אינגאַנצן עטלעכע צוואַנציק יאָר. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווער און פיינלעך לעבן. ער איז פרי געוואָרן אַ יתום. נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען, ווען זיין פאָטער, אַליין נאָך אַ יונגערמאַן פון זעקס און דרייסיק יאָר, איז אַוועק פון דער וועלט.

און אַוועק איז ער, מיין פאָטער, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה צוליב די זעלבע דייטשן, וועלכע האָבן שפּעטער אויך אומגעבראַכט זיין איבעריקע פאַמיליע מיט די זעקס מיליאָן יידן.

זיי האָבן אין פערצנטן יאָר, ווען זיי זענען אַריין קיין ביאַלע צוגענומען

ביי מיין פאָטער זיין גאַנץ פאַרמעגן (בוי־האָלץ), געבנדיק אים דערפאַר פאַפּירענע „שיינען".

און ווען ער איז נאָכגעלאָפן נאָך אַ דייטש וואָס האָט אויך אַזאַ פּאַפּי־רענעם שיין „פאַרגעסן" צו געבן, האָט ער, ווייזט אויס, פון דעם דאָזיקן דייטשן באַרבאַר באַקומען אָנשטאָט אַ „שיין", אַ קלאַפּ אין האַרץ, פון וואָס ער איז, אָפּליגנדיק זעקס וואָכן אין בעט, דערנאָך געשטאָרבן. אַזוי אַז די דייטשן, קאָן מען זאָגן, האָבן מיט מיין משפּחה אָנגעהויבן נאָך אין 1914 און אין די פערציקער יאָרן האָבן זיי מיט איר פאַרענדיקט.

מיין דאָזיקער ברודער האָט כמעט נישט געוווּסט פון קיין יוגנט און האָט אויך געהאַט אַ קנאַפּע דערציונג. און דאָך האָט ער מיט אַ שווינדלדיקע גיכקייט זיך דערוואָרבן אַ וויסן און קענטעניש, וואָס אַנדערע אין זיין לאַגע וואָלטן אויף דעם געדאַרפט האָבן צענדליקער יאָרן.

ער איז פרי געוואָרן אַ חלוץ און האָט זיך געגרייט עולה צו זיין אין ארץ. די דאָזיקע חלוצישע אָרגאַניזאַציע איז געווען זיין חדר און שולע.

ער האָט אָבער זיך פאַרזינדיקט לגבי דעם שטרענגן רעגולאַמין פון דער הכשרה צוליב זיינער אַ קרובה, דעם קאָנסקער ראש הקהל מענדל פּיזשיצעס טאָכטער (אַלע אומגעקומען). זיינע קרובים, די קאָנסקער פּיזשי־צעס, האָבן אים, פאַרשטייט זיך, געשטיצט און מקרב געווען סיי אַלס קרוב און סיי ווי אַ יתום, וועמענס פאָטער זיי האָבן גוט געקענט און ליב געהאַט.

האָט ער אַזויאַרום פאַרבראָכן קעגן רעגולאַמין פון דעם הכשרה־קיבוץ, האַבנדיק ביי זיך באַזונדערע געלטער. און נישט קאָנענדיק שוין פאָרן קיין ארץ־ישראל, איז ער צוריקגעקומען אַהיים, ווו ער האָט אין אַ קורצע צייט זיך אויסגעלערנט אַלס ראָווערן־מעכאַניקער, גרייטנדיק זיך צו עפענען אַן אייגענעם וואַרשטאַט.

מיין דאָזיקער ברודער, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף מיינע קני, — וועמען איך האָב נאָכן אַרעסטירט ווערן, ווי די איבעריקע פון מיין משפּחה, שוין מער נישט געזען, איז מיר דאַן געווען צו אַ הילף און טרייסט.

ער איז געווען אַ פּעיקער צו אַלץ וואָס ער האָט זיך גענומען. און יונג און ענערגיש איז ער אויך געווען, האָט ער נישט געוואַרט און נישט געקאָנט זיצן ליידיק. האָט ער דעריבער באַשלאָסן בשותפות מיט מיר עפּעס אונטער־צונעמען.

קיין גרויסע געשעפטן האָבן מיר אין די פריע סאָוויעטישע טעג אין

ביאַליסטאָק נישט געדאַרפט פירן. די האַנדלס־באַדינגונגען אין ביאַליס־טאָק זענען צוליב איר פאַבריקאַציע נאָך דאַן געווען גינסטיקע.

ביאַליסטאָק האָט פאַבריצירט קאָלדרעס, שטאָף און לעדער, וואָס איז דעמאָלט, נאָך די פּראָדוקטן פונעם ערשטן געברויך, געווען פון די וויכטיק־סטע גאַנגבאַרסטע אַרטיקלען. און די פאַבריקאַנטן האָבן אין יענער צייט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון זייער סחורה, ווייסנדיק, אַז אין קורצן וועט מען ביי זיי סיזוי דאָס צונעמען.

האָט מען מער נישט געדאַרפט, ווי נעמען אַביסל קאָלדרעס און לעדער און עס איבערפירן אין אַ צווייטער סאָוויעטישער שטאָט צום פאַרקויפן אויפן דאָרטיקן באַזאַר, וואָס איז ווי אַ קליין־האַנדל נאָך דאַן געווען דער־לויבט.

מען האָט נאָר געדאַרפט פאַרמאָגן אַ ביסל כוח, ריזיקע און אויסדויער. און דאָס אַלץ האָט מיין יונגערער ברודער געהאַט. און ביז וואָס ווען, — האָט מען געמוזט עפּעס טאָן, ווייל מיין משפחה האָט זיך שוין פאַרגרע־סערט ביז זיבן פערזאָן.

קיין גרינגע אַרבעט איז עס פונדעסטוועגן נישט געווען, צוליב די סאָוויעטישע טראַנספּאָרט־באַדינגונגען. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין אַנדערע ברירה. איבעריקנס, צוליב דעם, וואָס מיין ברודער איז געווען יונגער פון מיר, ווי אויך צוליבן אָנזאָג פון דער מאַמען ער זאָל אויף מיר אַכטונג געבן, האָט ער די שווערסטע לאַסט גענומען אויף זיך.

מיר זענען געפאָרן פון ביאַליסטאָק קיין בריסק. בריסק האָבן מיר אויסגעקליבן, ווייל מיר האָבן די שטאָט געקענט און זי איז געווען נאָענט צו ביאַלע. מיר האָבן אויך געמיינט אַזויאַרום צו באַקומען אַ ידיעה פון דער מאַמען און דער שוועסטערס משפחה. מיר האָבן דאָרט אויך געהאַט קרובים, וווּ מיר האָבן געקאָנט אַריינגיין און האַלטן דאָס ביסל סחורה.

מיט די קאָלדרעס האָבן מיר נישט געהאַט קיין איבעריקע אַרבעט. מיר האָבן זיי אַזוי ווי זיי זענען געווען, איינציקווייז פאַרקויפט אויפן בריסקער מאַרק. נאָר מיטן לעדער האָבן מיר יאָ געהאַט אַביסל אַרבעט. מיר האָבן כדי צו פאַרקויפן די גרויסע שטיקער לעדער, געדאַרפט זיי שניידן אויף פּאָדעשוועס.

קיין גרויסע מבינים אויף לעדער זענען מיר נישט געווען. האָט מען אונדז טאָקע אַריינגעשטופּט גענוג שלעכטע סחורה. מיר האָבן זיך אָבער

געטרייסט, אַז די וואָס האָבן אונדז אָפּגענאַרט, זענען אויך געוואָרן אָפּגע־נאַרט.

פונדעסטוועגן זענען מיר צו קיין באַנקראָט נישט געקומען. ווייל ווי זאָגט מען: „אַ שלעכטע סחורה אין אַ גוטער צייט”... און אונטער די סאָוויעטן איז אַלץ געווען סחורה. מיט דער צייט אָבער האָבן מיר אויך דאָס ביסל מבינות דערוואָרבן.

דער גאַנצער מסחר האָט געדויערט ביז נאָכמיטאָג, ביז די ווייס־רוסישע פויערים זענען זיך צוליב די קורצע ווינטער־אווגטן גלייך נאָכ־מיטאָג צעפאָרן אין זייערע דערפער.

ס'איז דאַן פאַר זיי געווען אַ גוטע צייט. זיי האָבן זייערע דאָרפישע פראָדוקטן פאַרצוקערט. און זיי האָבן, נישט וועלנדיק אַהיימפירן די סאָוויע־טישע רובלס, וועלכע זיי האָבן געהאַט גענוג, זיי גלייך פאַרביטן אויף זאַכן. און געקויפט האָבן זיי וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אויף היינט, אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן...

נאָך מיטאָג זענען מיר געגאַנגען באַזוכן אונדזער משפחה. אויך דאָ האָט מיך דערוואַרט אַ סורפּריז. איך האָב ביי מיין פאָטערס משפחה, די קאַגאַנס (כהנס), געטראָפן אַ ביאַלער קוזין לייבל ביאַלער, וועלכער האָט זיך פאַרבונדן מיט מיין בריסקער קוזין ברוך קאַגאַנס יינגסטע טאָכטער, ווערנדיק מיר אַצינד אַ טאָפּלטער קוזין. איך האָב ביז דאַן פון זייער חתונה נישט געוווסט.

דער דאָזיקער קוזין האָט צו מיר געהאַט אַ באַזונדערע שייכות. דער־ציילגן אין מיין געבוירן־שטאָט, האָט ער געהערט צום יונגערן ציוניסטישן דור און איז צוזאַמען מיט זיין יונגערן ברודער הענעך געווען אונטער מיין באַשיידענער אָרגאַניזאַציאָנעלער און גייסטיקער השפעה.

פון אַ חסידיש־גביריש הויז, אַן אייניקל פון אַמאָל גוט־באַקאַנטן ביאַ־לער גביר שמואל (שמואלקע) פּיזשיץ, זענען זיי ווי זייערע עלטערע קוזינס, לייבל און ישראלקע גאָלדשטיין (חברים מיטן נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענעם ציוניסטישן פירער אַדוו. אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, דעם פאָרזיצער פון דער יידישער סיים־„קאָלאָ” אין פוילן), געווען באַהערשט פון פּאָליטישן ציוניזם, ווען זיי האָבן געטריי געדינט און אים אָפּגעגעבן זייער האַרץ און נשמה (אומגעקומען דורך די דייטשן).

אין בריסק זענען דאַן געווען אַ סך ביאַלער פּליטים. זיי זענען באַציי־

טנס אַנטלאָפן פאַר די אַריינקומענדיקע דייטשן און זענען אַוועק מיט די סאָוויעטן אינעם שכנותדיקן בריסק.

אַ טייל זענען אין בריסק געבליבן און האָבן זיך ביים דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד דערוואַרט אויפן דייטשן אָקופּאַנט, און אַ טייל זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך דערמיט געראַטעוועט.

קיין סך מאָל צו פאָרן קיין בריסק איז מיר נישט אויסגעקומען, ווייל אינצווישן האָבן זיך די באַדינגונגען געענדערט. דערווייל האָב איך ווידער באַוווּנדערט דאָס אַזוי רחבותדיקע בריסק. בריסק מיט אירע סקווערן און זייער ברייטע גאַסן איז געווען אַן אוניקום אינעם אויפקומענדיקן פּוילן.

דער אויסערלעכער אויסזען פון בריסק האָט זיך אונטער די סאָוויעטן כמעט נישט געענדערט. געענדערט האָט זיך נאָר דאָס אַמאָליקע אַזוי קאָכיקע יידישע לעבן, וואָס האָט זיך אונטער זיי נישט אָנגעזען. און די שטאָט פון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק איז אַצינד געלעגן שטיל ווי אין טרויער.

קאַפּיטל פינף

איך באַקום ענדלעך אַרבעט

דאָס לעצטע מאָל צוריקקומענדיק פון דער רייזע, האָב איך ווידער באַשלאָסן צו גיין אין סאָוויעטישן אַרבעטס־אַמט מאָנען מיין אַרבעט. און דאָס מאָל האָב איך די אַרבעט ענדלעך באַקומען.

מען האָט מיר נאָך אַ ריי פאָרמאַליטעטן באַשטימט צו אַרבעטן אין אַ סאָוויעטישן ברויט־מאַגאַזין, וואָס האָט זיך געפונען אַרויף סאָסנאָווע (גרונוואַלדסקע גאַס), אין דער געביידע פון אַ גוט־איינגעאָרדנטער בעקעריי.

דאָס גאַנצע הויז מיט די איינריכטונגען וואָס האָט פריער געהערט צו אַ ביאַליסטאָקער דייטש, איז דורך די סאָוויעטן געוואָרן נאַציאָנאַליזירט, פאַרן צוועק פון אויסבאַקן און דאָס געבעקס פאַרקויפן אין דער ברויט־קראָם וואָס האָט זיך געפונען ביי דער זעלבער בעקעריי.

די בעקעריי מיט דער קראָם וואָס זענען נאָך פון פריער געווען איינ־

געאָרדנט לויט די לעצטע טעכניש־סאַניטאַרע פאָרשריפטן, זענען געווען אונטער צוויי באַזונדערע פאַרוואַלטונגען, וועלכע זענען פון זייער זייט געווען אונטערגעוואָרפן צוויי באַזונדערע דירעקציעס: אַ „כליעב־קאָמבינאַט״־דירעקציע און אַ האַנדלס־דירעקציע.

אַלס פאַרקויפער (פּראָדאַווועץ), האָב איך געהערט צו דער האַנדלס־דירעקציע אונטער דער אָנפירונג פון אַ מינסקער ייד, ראַבינאָוויטש.

איך בין אין אָנהייב געווען באַשטימט אַלס איינער פון דריי פאַרקוי־פער. נאָר ווען די אָנפירונג האָט אַרויסגעזען מיינע פעיקייטן און עס זענען אויפגעקומען חילוקי־דעות צווישן מיר און דעם מאַגאַזין־פאַרוואַלטער, וועלכער איז דווקא געווען אַ פעיקער און געוויסנהאַפטער מענטש, האָט די הויפּט־דירעקציע צווישן איר „זאַוויעדושטשע״ (פאַרוואַלטער) און פאַר־קויפער, אויסגעקליבן מיך פאַר אַ „זאַוויעדושטשע״.

ווי געזאָגט, איז דער פריערדיקער פאַרוואַלטער געווען אַ גאַנץ פעיקער מענטש. ער איז געווען אַ שטילער און אָרנטלעכער ייד. אפשר צו שטיל פאַר די סאָוויעטישע האַנדלס־מעטאָדן.

און דווקא דאָס איז געווען זיין חסרון, ווייל די דירעקציע האָט געפאָדערט מער אימפּעט ביים פאַרקויפן דאָס ברויט. זי האָט נישט געקאָנט ליידן קיין „אָטשערעד״, הגם זי אַליין איז דערפון געווען דער גורם. פאַר די סאָוויעטן האָט נישט געפּאַסט צו האַלטן ברויט־רייען. בפרט צו לאַנג אַזאַ ריי אויפצוהאַלטן.

וואָרעם וואָס הייסט עס, אַז אינעם ראַטנפאַרבאַנד זאָל מען דאַרפן שטיין אין דער ריי נאָך ברויט, פעלט דען ברויט אין רוסלאַנד? איי, אויב עס פעלט נישט, פאַרוואָס־זשע גיט מען טאַקע נישט? איז דאָס די שולד פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערן און סאַבאָטאַזשניקעס...

נאָר ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען זען אַז דער מאַנגל אין ברויט זאָל זיך וואָס וויניקער וואַרפן אין די אויגן. דאַרף מען דערויבער תיכף ווי דאָס ברויט קומט אָן, מיט אַ טייוולאָנישער גיכקייט עס פאַנאַנ־דערטיילן. און דער דאָזיקער אימפּעט האָט אים געפעלט.

איך ווייס נישט וואָס מיט אים איז ווייטער געשען. נאָר דאַן, ביי מיין פאַרפלאָנטערן זיך — צוליב דער זעלבער ברויט־קראָם, וואָס האָט דער־פירט צו מיין שפּעטערדיקן פּראָצעס, ביי וועלכן איך בין געוואָרן פאַרמשפט און נאָכן אָפּזיצן אייניקע חדשים אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, אויך

אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, — האָט ער זיכער געמוזט געפינען צומווינציקסטן אַ טרייסט, וואָס דווקא דורך זיין דאָזיקן באַזייטיקט ווערן האָט ער אויסגעמיטן דעם זעלבן גורל.

„און איך דערמאָן היינט מיינע זינד״, וואָס הגם אומדירעקט — בין איך פאָרט געווען דער גורם אין זיין דעמאָלטיקן אַוועקגיין פון דער אַרבעט, ווען עמענס אָרט איך בין געווען געצוווּנגען צו פאַרנעמען.

פון דער אַנדערער זייט ווידער, האָט מיין ענערגיע ביים אָנפירן מיט דער ברויט־קראָם, וואָס האָט מיר געגעבן דעם חן אין די אויגן פון דער דירעקציע, מיר אַליין אויך געבּוֹג קלאָפּאָטן און פאַרדרייענישן פאַרשאַפט, אַזש ביז טראַגיקאָמיזם.

איך האָב אַפילו צוליב איילעניש ביים פאַרקויפן דאָס ברויט, געמוזט צוזינגדיקן מיט נישט דערוועגן, ווי אויך, מיטן נישט דערגעבן קיין רעשט. וואָרעם ווי אַלץ ביי די סאָוויעטן, איז אויך מיט קליין־געלט אָנגעקומען שווער. מען האָט ספּעציעל געמוזט גיין אין מלוכה־באַנק, זיך פאַרשאַפן דאָס ביסל דראָבנע. און אַלס פאַרוואַלטער האָב איך אויסער דעם אויך געהאַט געבּוֹג וואָס צו טאָן. איך האָב אָפּטמאָל אַליין געמוזט גיין אין די גרויסע בעקערייען צו פאָדערן און מאָנען דאָס ברויט, הגם דאָס האָט צו מיר נישט געהערט.

דאָס זעלבע האָב איך אַפילו געמוזט זאָרגן פאַר טראַנספּאָרט, ווייל אויך דער טראַנספּאָרט איז דאַן געווען אַ ביטער עסק.

איך האָב באמת שווער געהאָרעוועט ביז איך האָב אַריינגעבראַכט דאָס ביסל ברויט אין מאַגאַזין, ווי איך וואָלט געווען נישט קיין אָנגעשטעלטער ביי דער מלוכה, נאָר אַליין דער בעל־הבית און דער פאַרדינסט וואָלט געגאַנגען צו מיר אין דער אייגענער קעשענע.

געטאָן האָב איך דאָס מיטן געפיל קודם כל צו באַפרידיקן די וואַרטנ־דיקע רייען נאָך ברויט, און ערשט דערנאָך, זיך אַליין און מיין קראָם אַרויס־צושטעלן פאַר איינע פון די בעסטע.

עס האָט מיר צו דעם טיילווייז אויך צוגעהאָלפן די בעקעריי וואָס האָט זיך געפונען אינעם זעלבן הויז, וואָס האָט מיר צוגעשטעלט אין געוויסע אָוונטן די קליינע צאָל קולאַטשן און פון צייט צו צייט אויך בעקעלעך ברויט (ווען קיין אַנדער ברויט איז נישט געווען).

די גרעסטע צרה איז אָבער געווען דאָס באַלאַנסירן די רעכענונגען.

יעדן אָוונט פלעגט קומען אַן ען־קאָ־ווערדיסט אָפּנעמען די קאַסע. די קאַסע האָט אָבער ביי אַ קאָנטראָליע געמוזט שטימען אויפן האָר. נישט מער און נישט ווייניקער.

וואָלט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען דאָס געקאָנט דערגרייכט ווערן. איז אָבער צולבין פעלן פון קליינגעלט, ווי אויך צוליבן אייליקן וועגן און נישט־דערוועגן, אָפּטמאָל אויסקומען אין קאַסע אַן עודף.

וואָלט מען אויך מיטן דאָזיקן עודף זיך געקענט אַן עצה געבן, ווען מען וואָלט געהאַט די אַריינגעפּלאָסענע ברויט־רעכענונגען. איז אָבער אין אַ צייט אַרום מיט אַזאַ רעכענונג געשען אַ מכשול, וואָס איז אומדירעקט געווען די סיבה פאַרן שפּעטערדיקן אַרעסט.

די אַרבעט אין דער קראָם האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער ברויט־מאַגאַזין האָט מיט דער צייט באַקומען אַ שם פאַר אַ גוטן שפּייזער. איך האָב געהאַט צו הילף צוויי מיידלעך, וועלכע האָבן ביז דאַן אין אַזאַ מאַגאַזין נישט געאַרבעט. זיי האָבן אָבער מיט דער צייט זיך איינגעאַרבעט און האָבן זייער זאַך געטאָן בשלמות.

די צייט פון אַרבעט איז פאַר אַלע געווען אַכט שעה, פון ניין פרי ביז זיבן אין אָוונט. דער פאַרוואַלטער האָט אָבער אין דער פּראַקטיק גע־מוזט אַרבעטן פון ניין ביז צען שעה.

ערשטנס, האָט ער געמוזט וואַרטן אויפן אינקאַסענט איבערצוגעבן די קאַסע, צווייטנס, האָט ער געמוזט מאַכן דעם טאָג־באַלאַנס. ווייטער האָט ער אויך געמוזט צוגרייטן די באַשטעלונגען אויף מאָרגן, און ער האָט ענדלעך אויך געמוזט אַרומקוקן און שליסן דעם „מאַגאַזין".

דאָס אַלץ האָט דעם „זאַוויעדושטשי", ווי דעם הויפּט־פאַראַנטוואָרט־לעכן פאַר אַלץ און אַלעמען, צוגענומען באַזונדערע צייט. און דאָס איז נאָך געווען אַחוץ די פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער האָט געדאַרפט גיין. זיין חודש־פאַרדינסט איז אָבער געווען, נאָכן אַראָפּרעכענען די פאַרשידענע שטייערן און ביישטייערן, דער ווערט פון 6 פונט פוטער אויפן שוואַרצן מאַרק.

איך האָב, אמת, נישט געלעבט בלויז פון פאַרדינסט פון דער ברויט־קראָם, ווייל אויך מיין פרוי האָט געאַרבעט אין אַ ברויט־קראָם אַלס פאַר־קויפערין, אַ דאַנק מיין באַקאַנטשאַפט אין דער זעלבער האַנדלס־דירעקציע.

געוואָלט האָב איך אָבער, אַז די פרוי זאָל אַרבעטן נישט ביי ברויט.

ווּ איך האָב געאַרבעט, נאָר ביי שפּייז־קאַלאַניאַל, כדי אַזוי אַרום צו פאַר־זיכערן די אייגענעווירטשאַפט.

איך האָב קודם־כל געוואָלט זיין פאַרזאָרגט מיט ברויט און מיט שפּייז. און מיט די איבעריקע פּראָדוקטן האָט מען געקענט צוקאָמבינירן, אַ דאַנק דעם קעגנזייטיקן פּריווילעגירטן אויסטויש צווישן איין פאַרוואַלטער און דעם צווייטן... אַרויסגעקומען איז אָבער עפּעס אַנדערש.

דערפאַר שפּעטער, ווען איך האָב געטיילט דעם זעלבן גורל פון פריערדיקן פאַרוואַלטער, האָט מען אויך מיין פרוי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. מיר האָבן אָבער נישט אויסגעקוקט בלויז אויפן סאָוויעטישן פאַרדינסט, ווייל יעדער איינער האָט עפּעס וואָס געהאַט פון פריער.

עס איז אָבער געגאַנגען זיך צו באַוואָרענען נישט אַזוי מיט געלט, ווי מיט פּראָדוקטן און לעבנס־מיטלען. מחמת די זאָרג פאַרן גוף, וואָס האָט דאַן פאַרנומען אַלע מענטשלעכע געדאַנקען און געפילן, איז געווען די הויפּט־זאָרג.

בערגער גייט צוריק קיין וואַרשע

מיטן שטראָם פּליטים וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, זענען אויך געקומען אַ צאָל יידישע קאָמוניסטן. אַ טייל קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון טאַטנס זונדלעך, זענען געווען באַוווסטזיניקע אידעאַליסטישע יונגעלייט, וועלכע זענען געוואָרן באַהערשט פון דער אויפגייענדיקער „בשורה" פון מזרח.

פאַרכאַפּט פונעם קאָמוניסטישן פּסיכאָז און געטראָפן אין זייער יידיש־מענטשלעכער ווירדע מצד דעם אויפגעקומענעם פּויליש־כוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם, האָבן זיי זיך בלב ובנפש געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער ניי־אויפשטורעמדיקער „דערלייזערישער" אידעע.

און קענענדיק דעם קאָמוניזם בלויז פון דער טעאָרעטישער זייט, האָבן זיי אים זיך פאַרגעשטעלט אין די שענסטע און דערהויבנסטע פאַרבן.

אַנשטויסנדיק זיך אָבער מיט דער אמתער ווירקלעכקייט, פּנים לפּנים מיט דער אייגענער דערפאַרונג, זענען זיי די ערשטע געוואָרן צוזאַמענ־געבראָכן. און פאַרביטערטע און אַנטוישטע האָבן זיי זיך מיטן זעלבן פריערדיקן אימפּעט אַצינד געריסן צוריק אין זייערע היימען, טראָץ דעם, וואָס אין זייערע היימען האָבן שוין געהערשט די דייטשע בעסטיעס.

איינער פון די דאָזיקע פאַרביטערטע יונגעלייט איז געווען יחיאל בערגער (בראָנעק), אַ שלאָנקער, שוואַרץ־חנעוודיקער אינטעליגענטער יונגערמאַן, איז ער פאַר זיינע קאָמוניסטישע חטאים אויסגעזעסן אַלע פוילישע תפיסות.

פריי ווערנדיק פון תפיסה, האָט פאַרן אַריינקום פון די דייטשן אין וואַרשע, האָט ער ווי אַמאָל, זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט. ער איז אָבער געוואָרן אַנטדעקט פון דער דייטשער געהיים־פּאָליציי און איז געווען גע־צוווּנגען צו אַנטלויפן קיין ביאַליסטאָק.

אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער סאָוויעטישער מאַכט, פון וועמען ער האָט דערוואַרט צו באַקומען אַ פּאַסיקן אָנפירנדיקן אַמט.

די סאָוויעטישע באַאַמטע האָבן אים, הגם העפלעך, אָבער קאַלט אויפגענומען. זיי האָבן אים ווי אַ פרעמדן באַטראַכט מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט און אים באַשטימט צו אַרבעטן אין דער בעקעריי וואָס האָט זיך געפונען אינעם זעלבן הויז ווי מיין ברויט־מאַגאַזין.

אונטער דער אָנפירונג פון פאַרגרעבטן אוקראַינער איוואַן פּעטראָוו, איז ער געוואָרן דער פאַרוואַלטער איבערן בעקעריי־מאַגאַזין.

עס האָט אים קיין עסן נישט געפעלט. ער האָט, הגם ביי די שווערע סאָוויעטישע באַדינגונגען, אין זיין מאַגאַזין געהאַט אַלץ. מעל, אייל און אייער איז פאַר די אָנפירער פון דער בעקעריי געווען גענוג.

עס איז אים אָבער געוואָרן דערווידער די באַציונג צו אים מצד דעם פאַרוואַלטער, ווי בכלל די גאַנצע סאָוויעטישע אָרדענונג.

און ווען עס איז אַרויס דער באַפעל אַז אַלע פויליש־סאָוויעטישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע מוזן זיך אָפּזאָגן פון פוילישער בירגערשאַפט און נעמען סאָוויעטישע פּעסער, האָט זיך אָנגעהויבן דערוועקן אין אים ספקות און עס איז ביי אים אויפגעקומען אַ גאַנצע פּסיכישע איבערקע־רעניש. און אין איין העלן טאָג האָט ער פעסט באַשלאָסן צוריקצוגיין קיין וואַרשע צו די דייטשן.

איך האָב אים, טראָץ זיין ווילן זיך אַרויסרייסן פונעם סאָוויעטישן קלעם, אָפּגערעדט פון אַזאַ הפקר־שריט — צוריקצוגיין צו די דייטשן.

איך האָב אים געמאָלן די לאַגע אונטער די דייטשע בעסטיעס אין די שוואַרצסטע פאַרבן. אים געבעטן ער זאָל נישט איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן.

אויסער דעם, האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז פּשוט נישט מאָראַליש און ווירדיק, אַ ייד זאָל אַליין צוריקגיין צו זיינע טויט־האַסנדיקע פיינט.

דאָס האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן. מיטן זעלבן אייפער וואָס ער האָט פריער געדינט די סאָוויעטן, האָט ער אַצינד באַשלאָסן זיי צו פאַר־לאָזן. און מורא האָבנדיק פאַר זייער גרייכנדיקער האַנט, — איז ער אַריינ־געפאַלן פון איין עקסטרעם אינעם צווייטן.

ער איז אָבער שוין קיין וואַרשע נישט דערגאַנגען. ווייל אין אייניקע טעג אַרום איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז די דייטשן האָבן אים היינטער וואַרשע געכאַפּט און דערשאָסן.

ליובע וואַרשאַווסקי אַרעסטירט

עס האָט זיך היינט פאַרשפּרייט די נייעס, אַז די סאָוויעטן האָבן אַרעסטירט די פרוי פונעם באַקאַנטן ציוניסטישן טוער און יוריס־קאָנסול פון דער ביאַליסטאָקער קהלה, אַדוואָקאַט יעקב וואַרשאַווסקי.

ליובע, פון איר יוגנט אָן אַליין אַ ציוניסטישע טוערין, אַקטיוויסטין פון סטודענטן־קרייזן און פירערין פון וויצ״א און נאָכן פאַרבינדן זיך מיט י. וואַרשאַווסקין, אויך די פאָרזיצערין פון די רעוויזיאָניסטישע פרויען, איז געווען די טאָכטער פון באַקאַנטן ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פאַבריקאַנט און כלל־טוער, פייוול ציטראָן.

זי איז נישט געווען די ערשטע אַרעסטירטע. נאָך פאַר איר האָט מען אַרעסטירט גענוג באַקאַנטע מענטשן. די אַלע האָבן אָבער געהערט צו אַן אַנדער חטאים־קאַטעגאָריע.

דאָס זענען געווען פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים און פּאָליטישע קעגנער, וועמענס חטאים זענען געווען פון אַן אַנדער סאָרט ווי ליובעס, וואָס האָט שוין דערמאָנט און אָנגערירט מיין אייגענעם קרייז...

זי איז אַריינגעפאַלן, ווי מען האָט מיר אינפאָרמירט, צוליבן אָנגעבן אַ נישט־ריכטיקע אויטאָביאָגראַפיע. ביים באַקומען אַ שטעלע אַלס אינספּעקטאָר אינעם סאָוויעטישן שול־וועזן, האָט זי, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעגעבן איר אמתע פאַרגאַנגענהייט.

האָבן איר, ווייזט אויס, די לינקע משגיחים איבערן רויטן כשרות נישט פאַרגינען און זיי האָבן איר אַביסל אונטערגעמסרט.

דער דאָזיקער אַרעסט, וואָס האָט מיך באַזונדער'ס געטראָפן, האָט אויפ־סניי צערודערט מיין אַזוי אויך אָנגעשטרענגט געמיט.

דאָס איז פאַר מיר געווען ווי די האַנט אויף דער וואַנט, — וואָס ציילט און וועגט אויך מיינע אייגענע גורל־שעהן. און איך געפין זיך דאָך אויך אין דער זעלבער לאַגע.

אמת, זי האָט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיקער, נישט קריכן דאָרט ווו מען דאַרף נישט. אַ מענטש דאַרף זיך אַליין קענען. נעמען אַרבעט, יאָ! זי האָט אַזוי־אַרום זיך אַליין און אויך דעם מאַן געמוזט דעקן. אָבער נישט אינעם שול־וועזן און נאָך וועלן זיין אַ שול־אינספעקטאָרין.

נאָר צי האָב איך דען אַליין נישט געוויסע ביאָגראַפישע פּרטים אויסבאַהאַלטן? הגם איך בין נישט געקראָכן צו פּעדאַגאָגיש־דערציערישע פּאָסטנס. און צי האָט דען נישט יעדער טויט זיין אויסרייד?...

אַזוי צי אַזוי וועלן זיי אונדז געפונען. אויב נישט היינט, איז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. און פאָרט איז נישטאָ קיין אַנדער עצה. דו מוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דו ביסט פאַר זיי אַ קאַנדידאַט. און דער עיקר, צום דאָזיקן געדאַנק זיך צוגעוווינען, מיט אים לעבן און אַרבעטן און זיך נישט פאַרביטערן באַצייטנס דאָס לעבן, ווייל „דיה לצרה בשעתה" (גענוג די צרה אין איר צייט).

קאַפּיטל זעקס

איך קריג אַ פאַרטרעטערין

די אַרבעט אין ברויט־מאַגאַזין האָט זיך אַלץ מער צעוואָקסן. די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויף מיר, טראָץ דעם וואָס איך האָב געהאַט צו מיין הילף צוויי פאַרקויפערינס.

ס'איז געווען דערפאַר, ווייל מיינע געהילפינס האָבן זיך אויסער מיטן ריינעם פאַרקויף זיך נישט פאַרנומען. און ווי איך האָב פריער דערמאָנט, האָט דער מאַגאַזין געפאָדערט אַ באַזונדערן מענטש וואָס זאָל אַכטונג

געבן, אַז דאָס באַשטעלטע ברויט פאַרן מאַגאַזין זאָלווירקלעך אָנקומען אין דער צייט.

ווייל מען האָט געקענט מאַכן אַ באַשטעלונג, און די באַשטעלונג זאָל זיך טראָץ דעם נישט רירן פון אָרט. וואָרעם דאָ האָט אויסגעפעלט ברויט, דאָ דאָס פורל אָדער דער אויטאָ אויף צו ברענגען דאָס ברויט. און אַז ביידע זאַכן זענען שוין געווען, איז אַמאָל נישט געווען דער אַרויסגעבער, מאַגאַזיניער אָדער דער איבערפירער.

דאָס אַלץ, און די איבעריקע זאַכן, האָט געמוזט באַזאָרגן דער פאַר־וואַלטער אַליין. צו דעם איז נאָך פאַר מיר צוגעקומען אַ באַזונדער שבת־פּראָבלעם. כאָטש איך בין שוין פאַרן סאָוויעטישן אַריינקום קיין ביאַ־ליסטאָק נישט געווען פרום, האָב איך אָבער אין הסכם מיט מיין יידישן באַנעם געהאַלטן, אַז אויך נאַציאָנאַלע, אָדער קיום־יידישקייט, פאַרפליכ־טעט צו עפּעס.

און דאָס איז קודם כל מחייב אָפּצוהיטן די פאָרמען וואָס קרעפּטיקן און האַלטן אונטער די אייגנאַרטיקייט און דעם באַזונדערן קיום פונעם פאָלק.

און איינס פון די דאָזיקע גרונט־פאָרמען איז דער שבת, וועלכער האָט אויסער זיין סאָציאַלן און גייסטיקן ווערט, אַ גאַנץ באַזונדערן נאַציאָנאַלן ווערט, ווי אַן איינהאַלטנדיקער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר. דאַרף מען, בכן, אויב מען איז נאָר אַ קאָנסעקווענטער קיום־ייד, אים, דעם שבת, אָפּהיטן.

האָב איך זיך איינגעעקשנט צו מאַכן מיין „וויכאָדנאָי״־טאָג (וועכנט־לעכער רו־טאָג) נישט אום זונטיק, ווי אַלע האָבן זיך געפירט, נאָר אום שבת. איז אָבער פאַרן מאַגאַזין דווקא שבת געווען אַ טומלדיקער טאָג. און ביז איך האָב נישט באַקומען קיין פאַרטרעטער, האָב איך אויך געמוזט אין מיין שבתדיקן „וויכאָדנאָי״־טאָג (רו־טאָג), זיך צוכאַפּן צום מאַגאַזין אַ קוק צו טאָן, וואָס עס הערט זיך דאָרט. הגם געאַרבעט האָב איך אין דעם טאָג נישט. קיין אַנדער עצה איז אָבער נישט געווען, ווייל די גאַנצע אחריות ליגט אויפן „זאַוויעדושטשע״ (פאַרוואַלטער).

איך האָב זיך אָבער נישט געוואָלט קאַליע מאַכן דעם שבתדיקן טאָג, וואָס איז אויך געווען מיין וועכנטלעכער רו־טאָג.

האָב איך זיך שטאַרק באַמיט ביי דער דירעקציע מען זאָל מיר געבן אַ פאַרטרעטער, וואָס זאָל מיר אין מיין שבתדיקן טאָג מיט דער פולער אחריות קענען פאַרטרעטן.

איך האָב ענדלעך דאָס געפּועלט און מען האָט מיר געגעבן אַ געהילף־„זאַוויעדושטשע". ס'איז אָבער געווען אַ יונג פּויליש מיידל, אָן שום דער־פאַרונג. זי איז געווען אַזוי אומדערפאַרן, אַז זי האָט זיך אַפילו נישט געקענט אויף דער וואָג.

איך ווייס נישט אין וואָס איר זכות איז באַשטאַנען. ווייל אויסער דאָס וואָס זי איז געווען אַ יונגע און אַ שיינע, מיט אַ טונקל אַליוון פּנים פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשיינט אַ פּאָר גרויסע כישופדיקע קאַרשנ־אויגן, האָט זי זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט.

זי איז, אמת, געווען אַ שטילע און איידעלע. זי האָט מיר אָבער אין דעם מאַגאַזין קיין שום נוצן נישט געקענט ברענגען. מען האָט זיך אויף איר לחלוטין נישט געקענט פאַרלאָזן.

און ווען איך האָב אייניקע שבתים זיך אויף איר פאַרלאָזט, האָב איך זיך שפּעטער אַרומגעזען, אַז מען האָט איר ביים צושטעלן ברויט אָפּגע־נאַרט אויף דער וואָג.

איך האָב אָנגעהויבן ווערן אומרויק. עס האָט זיך אין מיר פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז עס וועט צוליב איר קומען צו אַן אומגליק.

אויך מיין פרוי האָט מיר אָנגעהויבן וואָרענען נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף איר, נאָר בלית ברירה גיין שבת אין מאַגאַזין, וויסנדיק די אחריות וואָס פאַלט אויפן „זאַוויעדושטשי".

אַפילו מיין פרומע שוויגער האָט, קענענדיק די סאָוויעטן, דאָסמאָל נישט אַרויסגעטראָטן קעגן מיין פרויס טענות, הגם דער שבת איז געווען אין קאָן...

אייניקע חדשים זענען אַוועק זינט מיין צוזאַמענאַרבעט מיט מיין פאַר־טרעטערין, יאַנקאַ. ביז ס'איז אין איינעם אַ טאָג געקומען אַ סאָוויעטישער באַאַמטער קאָנטראָלירן די חשבונות און די קאַסע האָט נישט געשטימט. עס האָט געפעלט אַכט הונדערט רובל.

איך בין געווען דער'שטומט. ביז היינט איז אַלץ געווען אין בעסטן אָרדענונג. איך האָב אָבער אין גנבענען קיינעם נישט חושד געווען.

צו מיינע יידישע פאַרקויפערינס האָב איך געהאַט דעם פולסטן צוטרוי. זיי זענען געווען איינפאַכע מיידלעך, נאָר גענוג אָרנטלעך. אויך דער אומפעיקער יאַנקען האָב איך אין גנבענען נישט חושד געווען.

איך בין אָבער געווען זיכער, אַז נאָר צוליב איר שולד פעלט די

סומע, און דאָס צוליבן פּשוטן אָפּנאַרן איר אויף דער וואָג אין פאַרלויף פון די שבתים, אין וועלכע זי האָט מיר פאַרטראָטן.

איך האָב די זאַך נישט געוואָלט פאַרשלעפּן. בפרט קענענדיק די סאָוויעטישע אָרדענונג. בין איך גלייך אויף צומאָרגנס אַוועק אין דער אָנפירונג אויפצוקלערן די סיבה פון נישט שטימען אין דער קאָסע.

איך האָב זיך אויך געשטיצט אויף מיינע פילמאַליקע ווענדונגען צו דער דירעקציע, וועגן פאַרבייטן מיין פאַרטרעטערין אויף אַ מער־פעיקערע.

און איך האָב טראָץ אַלע מיינע באַווייזן און אויפקלערונגען, פאַרגעלייגט מיין גרייטקייט צו דעקן די פעלנדיקע סומע.

מיין וואָרט האָב איך געהאַלטן. איך האָב די סומע געדעקט און דער דירעקטאָר, אַ מינסקער ייד, ראַבינאָוויטש, האָט מיר פאַרשפּראָכן דעם ענין צו ליקווידירן.

ער האָט אָבער, ווייזט אויס, באַלד לכתחילה גאָרנישט געהאַט בדעה זיין וואָרט צו האַלטן. ווייל אין אַ צייט אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן צום אויספאָרשונגס־ריכטער.

דער ריכטער, וועלכער האָט זיך באַמיט צו זיין העפלעך, האָט נאָכן אויסהערן מיר פאַרגעלייגט דעם באַשולדיקונגס־אַקט אונטערצושרייבן. און לויבנדיק דערביי דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און זיין יורידישע פּראָצעדור. האָט ער באַרימעריש געזאָגט:

— איר זעט, דער ראַטן־פאַרבאַנד איז נישט דאָס פאַשיסטישע פּוילן, ווו מען באַשולדיקט נישט ווויסנדיק פאַרוואָס און פאַרווען. מיר דערקלערן און גיבן צו וויסן פאַרוואָס מען באַשולדיקט.

איך האָב, טראָץ דער לאַגע אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, — געוואָלט אויסשיסן אין אַ ווילדן געלעכטער און אים אַריינלאַכן אין זיין ציניש פּרצוף.

איך האָב זיך אָבער באַהערשט, און אָנשטאָט מיט געלעכטער, אים ערנסט געזאָגט:

— אין פּוילן, זאָגט איר, האָט מען נישט געוווסט פאַרוואָס מען באַשולדיקט? יאָ, דאָס פאַשיסטישע פּוילן וואָלט מיך פאַר אַזאַ נישט באַווייזענער זאַך נישט געוואַגט אָנצוקלאָגן. בפרט, נאָכן אויסגלייכן דעם חשבון און נאָך אַן אַמטלעכער פאַרשפּרעכונג צו ליקווידירן דעם ענין.

נאָך מיינע דאָזיקע חוצפּהדיקע רייד, האָט זיך גלייך זיין פּנים געענ־

דערט. ער האָט אַראָפּגענומען זיין פריערדיקע מאַסקע און האָט געביטן דעם טאָן.

איך האָב נאָך דאַן נישט געוווסט, אַז עס קען נאָך זיין עפּעס ערגערס. אַז די אמתע געפאַר דראָט מיר פון אַן אַנדער זייט. נאָר איינס בין איך געווען זיכער, אַז דער אָנהייב פון סוף האָט זיך פאַר מיר שוין אָנגעהויבן. איך האָב אינסטינקטיוו שוין באַגריפן די סכנה, הגם איך האָב קלאָר נישט געוווסט ווי אַזוי און פונוואַנען זי וועט קומען.

אַהיימקומענדיק האָט מיר געטראָפן אַ צווייטער קלאַפּ. מען האָט מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. און אין אַ צייט אַרום האָט מען צוליב מיר אויך מיין פרוי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. זענען מיר שוין אַצינד ביידע געווען אָן אַרבעט.

ס'האָט מיר איבערגעשראָקן נישט אַזוי דאָס בלייבן אָן פרנסה, ווי דער פאַקט פון אַרומגיין ליידיק, איבער וואָס איך וועל סוף כל סוף אָנהייבן גיין אין „אָטשערעד". און זעענדיק די נעץ, וואָס איז שוין אַרום מיר אויסגעשפּרייט, האָב איך זיך מיט אַלע כוחות געראַנגלט אין איר נישט אַריינצופאַלן. בפרט, ווען פאַר מיינע אויגן זענען אַצינד געשטאַנען די פריערדיקע וואָרענונגען פון דער סאָוויעטישער מיליץ, „אַז איך וועל נאָך אַרבעטן מיט דער לאָפּאַטע".

איך בין געווען דערדריקט און פאַרביטערט, האָב זיך געפונען אין אַ יאושדיקן צושטאַנד. איך האָב געהאַלטן, אַז איך האָב מיין ספּראַווע פאַרשפּילט, נאָך איידער זי האָט זיךווירקלעך אָנגעהויבן. די צייט איז אָבער דער גרעסטער רופא, און ס'האָט נישט לאַנג גענומען, ווי איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדערע אַרבעט.

צו זוכן אַרבעט ביים סאָוויעטישן האַנדל האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד. מיין גוטן נאָמען האָבן זיי שוין נאָך פאַרן באַטראַכטן מיין זאַך אין געריכט קאַליע געמאַכט. זיי האָבן מיך, נאָך פאַרן אויסהערן די צדדים, מאָראַליש פאַרמשפּט, דורכן צונעמען ביי מיר און ביי מיין פרוי די אַרבעט. אַזוי איז, ווייזט אויס, די פּראַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער גערעכטיקייט און איר זאָרג פאַרן אַרבעטס-מענטש.

האָב איך בכן געמוזט זוכן באַשעפטיקונג אין אַנדערע אַרבעטס-געביטן. און מיין אויסוואַל איז געפאַלן אויפן געביט פון הויז-פאַרוואַלטונג. דאָ, האָב איך געטראַכט, וועט די אַרבעט נישט זיין קיין צו שווערע און איך

וועל נישט דאַרפֿן טראָגן קיין אחריות פֿאַר אַנדערע, איך וועל זיין פֿאַר־אַנטוואָרטלעך נאָר פֿאַר זיך אַליין.

בין איך אַוועק אין דער דירעקציע פֿון הייזער־פֿאַרוואַלטונג, ווו איך האָב אויפֿסניי געדאַרפֿט אָנגעבן אַ ביטע מיט אַן אויטאָביאָגראַפֿיע. און אויב איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהאַט צרות מיט מיין אויטאָביאָגראַפֿיע צוליב מיין ציוניסטישער פֿאַרגאַנגענהייט, איז אַצינד צוגעקומען נאָך עפּעס ערגערס. — און דאָס דאָזיקע איז שוין געווען גאָר שווער צו פֿאַר־לייקענען.

האָב איך אָנגעגעבן דעם אמת וועגן דער לעצטער אַרבעט. נאָר קיין ענטפֿער איז אַזוי גיך נישט געקומען. איך בין אַלע מאָל געגאַנגען פֿרעגן וועגן דער אַרבעט, נאָר אָן אַ רעזולטאַט. ביז דער גאַנצער עסק איז מיר פֿאַרמיאוסט געוואָרן. מען האָט אָבער געדאַרפֿט לעבן, און אויך פֿאַרטרייבן די צייט, האָב איך צוריק אָנגעהויבן גיין אין די „אָטשערעדס", הגם מיט שרעק. אַזוי איז אַדורך אַ צייט בשלום. ביז, ביז מיין טראַגישן אַרעסטירט ווערן.

נאָך מיט טעג פֿריער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויף דער וואַרשעווער גאַס וועט מען געבן מאַנופֿאַקטור. דאָס אָרט איז געווען זייער ווייט פֿון צענטער שטאָט. נאָר וואָס טוט מען נישט פֿאַר פּרנסה? בפֿרט אין די סאָוויעטישע באַדינגונגען?

האָב איך זיך צו דעם מכין געווען ווי צו אַ גאָר וויכטיקער זאַך. איך האָב געוואָלט, אַז מיין ברודער זאָל מיט מיר מיטגיין, נאָר פּונקט אין דעם אָוונט איז ער נישט געווען אין הויז.

די נאַכט איז געווען אַ שאַרף קאַלטע. ס׳איז געווען אין איינער פֿון די שפּעט־אַלולדיקע נעכט. און כדי צו זיין פֿון די ערשטע, פֿון די משכּימים, האָט מען געדאַרפֿט נאָך אין דער אָנהייב נאַכט פֿאַרנעמען אַן אָרט כאָטש ביי דער סאַמער קראַם. בין איך אַרויס אין דער נאַכט אָנצוקומען צום אָרט.

קיין גרויסן חשק צו גיין אין מיטן דער נאַכט און פֿאַרברענגען ערגעץ אַ נאַכט צווישן זיך־שטופּנדיקע מענטשן האָב איך נישט געהאַט. נאָר די פֿליכט און די נויט האָט מיר צו דעם געטריבן. ס׳איז מיר אין דער אמתן אויך געווען אַ שאָד אַדורכצולאָזן אַזאַ געלעגנהייט, וואָס מאַכט זיך נישט יעדעס מאָל.

ווען איך בין אָנגעקומען אַרום עלף, זענען שוין דאָרט געווען פֿול

מענטשן. ווי אַ שלאָנג האָט זיך שוין די ריי געצויגן פון מיר ביז דער טיר פון קראָם. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, צי איך וועל נישט אָפּשטיין די נאַכט אומזיסט. ווייל ביז איך וועל צוקומען צו דער סאָמער טיר, קען נאָך אויספעלן סחורה. אַז עס קען מיט מיר געשען נאָך עפּעס ערגערס, איז מיר נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן.

לאַנג בין איך אין דער ריי דער לעצטער נישט געווען. נאָכן אָפּשטיין אַביסל, איז ביז מיר געוואָרן פונקט אַזאַ ריי, ווי פון מיר.

ווי לאַנג דער מאַגאַזין איז געווען פאַרמאַכט זענען די מענטשן געשטאַנען לויז, אָפּגערוקט איינער פונעם אַנדערן. ווי נאָר אָבער עס האָבן זיך דערנענטערט די פרימאָרגן שעהן, איז שוין די ריי געוואָרן ענגער, אָבער נאָך צו דערליידן.

נאָר ווען פונדערווייטנס האָבן זיך באַוויזן די קאָנטורן פון אַ דער־נענטערנדיקער פור, איז גלייך געוואָרן לעבעדיק. ס'איז אַנטשטאַנען אַ ווילסטע מהומה. די שטייענדיקע אין דער ריי האָבן זיך אָנגעהויבן ענגער צונויפשליסן. און די אין דער זייט שטייענדיקע האָבן אָנגעהויבן אַריינ־צוטרעטן אין דער ריי. עס איז אַנטשטאַנען אַ געדראַנג און אַ שטופּעריי צווישן די פון פריער שטייענדיקע און אַריינקומענדיקע.

אויך איך ביז ביזן לעצטן מאָמענט געשטאַנען אין אַ זייט, נישט האָבנדיק קיין געדולד צו שטיין אויף איין אָרט און צו רייבן זיך צווישן אַנדערע. ווי נאָר אָבער איך האָב געפּרוווט פאַרנעמען מיין פריערדיק אָרט, האָבן די שטייענדיקע פּוילישע פרויען נאָך מער זיך צונויפגערוקט, מיט דער כוונה מיר נישט אַריינצולאָזן אין דער ריי.

איך האָב אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן, אויפצוקלערן און באַווייזן זיי, אַז איך בין שוין געשטאַנען אויף דעם אָרט פון עלף אַזייגער און דאָס איז מיין רייע. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. זיי האָבן מיך אַפילו אויף מיין אָרט נישט אַריינגעלאָזט. דאָס עדות־זאָגן פון די איבעריקע און דערביי שטייענדיקע, צווישן זיי אויך אייניקע רוסישע פרויען, האָט נישט געהאָלפן.

ערשט ווען איך האָב געזען, אַז מיט גוטן העלפט דאָס אַלץ נישט, האָב איך זיך צוריק אַריינגעשטופּט אויף מיין אָרט.

פון מיין אַריינשטופּן זיך איז אין דער רייע געוואָרן נאָך ענגער. די ביזווייליקע פּוילישע פרויען האָבן טראָץ דעם, וואָס איך האָב שוין געהאַט צוריק פאַרנומען מיין אָרט, נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.

דערווייל האָט זיך די צייט געריקט און דער פרימאָרגן איז שוין געווען ווייט הינטער זיך. די באַוועגונג איז געוואָרן לעבעדיקער און שטאַרקער און אויך די קראָם פונוואַנעט מען האָט געדאַרפט אָנהייבן טיילן די סחורה איז שוין געווען אָפן.

ס׳איז אָבער פון דער קראָם ביז אונדזער ריי, וווּ מיר זענען געשטאַנען, נאָך געווען אַ גאַנץ ווייטער מהלך. און די יידן־פיינטלעכע פּאָליאַטש־קעס האָבן נאָך אַן מורא פאַרן אָנווערן די געטיילטע מציאות, געקענט אַרויסגיין פון זייערע רייען.

איבעריקנס, האָט ביי זיי דער האַס און די שנאה צו יידן סייווי איבער־געוויגן אַלץ, אַפילו אָנצוווערן די געטיילטע מאַנופאַקטור, פאַר וועלכער זיי אַליין זענען אויך אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט.

זענען זיי טאַקע, נישט ווערנדיק באַמערקט דורך מיר, אַרויס פון זייערע רייען און האָבן גלייך צו מיר גערופן אַ סאָוויעטישן מיליציאַנט, מיט דער טענה אַז איך האָב „געכוליגאַנעוועט״, זיי געשטויסן.

דער מיליציאַנער, נישט פרעגנדיק מיך און נישט אויסהערנדיק, האָט מיר גלייך באַפוילן אַרויסצוגיין פון דער ריי און גיין מיט אים. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן נאָך פריער אויפן וועג מיט אים אַלץ געהאַט אָפּגערעדט און אָפּגעמאַכט.

וויסנדיק מיין אומשולד, האָב איך לכתחילה די גאַנצע זאַך נישט גענומען ערנסט. איך בין אויך נישט געווען צו גוט באַקאַנט מיט די סאָוויעטישע געזעצן, בפרט האָב איך נישט געוווסט פונעם נייעם געזעץ וועגן „כוליגאַנסטוואָ״, אַז פאַר דערלאַנגען מיט אַ מעסער אין אַ זייט און צו טאָן אַ שטויס, אַפילו אַן אויסגעטראַכטן, אָדער אַן אומשולדיקן — קומט ביז דריי יאָר.

זעענדיק אָבער ווי דער מיליציאַנט פירט מיך מיט זיין אויסגעשטרעק־טער ביקס, וועמענס שטאָלענע רער (לופע) איז געווענדעט צו מיין פּלייצע, האָב איך שוין באַנומען די גאַנצע גרויזאַמקייט פון מיין לאַגע.

באותו רגע האָט מיר מיין פאַנטאַזיע גענומען מאָלן איין שרעקנס־בילד נאָכן צווייטן. דער גאַנצער סאָוויעטישער קאָשמאַר איז מיר אַנטקעגן געקומען.

איך האָב זיך, ווי אין יעדער טראַגישער סיטואַציע, דערמאָנט אין אַלע

ביז־אַהעריקע פאַרלויפּענישן און אומגינסטיקע פאַר מיר עפּיזאָדן פון דער נאָך אַזוי קורצער סאָוויעטישער אָקופּאַציע אין ביאַליסטאָק.

פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען יענער סאָוויעטישער מיליציאַנט, וואָס האָט מיר, פאַרן בלויזן שטיין אין דער ריי, געסטראַשעט און מיט אַזאַ זיכערקייט מיר פאַרויסגעזאָגט, אַז איך וועל נאָך זיצן אין „חד גדיא", און פעסט אַרבעטן מיט דער לאָפּעטע.

ס'האָט אין מיר אויך אויפגעבליצט יענער רעטענישפולער פאַל פון אַרויסרופן מיך אין פּאָליציי־שטאַב, ווו אַ קאָמיסאַר האָט מיך מיטן זעלבן געוואָרנט. ווי עס וואָלט געווען פאַרבאָטן צו גיין אין דער ריי און נעמען די צוגעטיילטע זאַכן.

און ווי אַ בלוטיקער חוזק איבערן „מענטש וואָס איז טייערער ווי גאָלד" (אַ סאָוויעטיש וואָרט), איז מיר גאָר געשטאַנען פאַר די אויגן דער סאָוויעטישער אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט מיך ביים אויספרעגן וועגן דער ברויט־קראָם אין וועלכער איך האָב געאַרבעט, מיט אַזאַ גע־מאַכטער ערנסטקייט געגומען באַרעדן און באַשמוצן די גאַנצע אייראָפּעאיש־דעמאָקראַטישע יוסטיץ, וועלכע קלערט נישט אויף דעם אָנגעקלאָגטן אין וואָס ער איז באַשולדיקט און גיט אים נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן.

דערפאַר אָבער האָט ער גענומען לויבן ביזן הימל די סאָוויעטישע גערעכטיקייט און דעם ראַטן־פאַרבאַנדישן שטראָף־קאָדעקס, וואָס איז אַ „אוניקום" אין דער וועלט פון יושר און גערעכטיקייט.

און איך האָב געטראַכט, ווי ווייט עס קען גרייכן די מענטשלעכע צביעות און פאַלשקייט. אַט נעמט מען מיך, אַן אומשולדיקן, גלייך פונעם אָרט — נישט זייענדיק, אַפילו לויט דער סאָוויעטישער פּראָצעדור, באַ־שולדיקט אין עפּעס אַן ערנסטן פאַרברעכן, און מען גייט מיך משפטן אָן אַ שום פריערדיקער אויספאָרשונג און אַ מעגלעכקייט צוצוגרייטן מיין פאַרטיידיקונג.

דער זעלבסט־אינסטינקט האָט מיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיר אונטערגעזאָגט איך זאָל מיט אַלע מיינע כוחות זיך פּרווון אַרויסדרייען פון אונטער דער סאָוויעטישער „גערעכטיקייט", כל זמן ס'איז נאָך צייט.

האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן פון אַנטלויפן. איז אָבער דער מיליציאַנט

מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס געווען צו נאָענט צו מיינע פּלייצעס. אויך די צוויי פּוילישע פרויען, וועלכע האָבן אים געבראַכט צו מיר, זענען פון מיר נישט אָפּגעטראָטן.

צוליבן זעלבן האָב איך מיין שומר נישט געקענט געבן קיין „כופר נפש", וואָס האָט זיך דאַן ביי אַ טייל פון די סאָוויעטן גאַנץ פיין פּראַקטיצירט.

דער מיליציאַנט, באַגלייט דורך די פּוילישע פרויען, האָט מיך גלייך אַריינגעפירט אין געריכט. דאָס איז געווען אַן ערשטע אינסטאַנץ־געריכט פאַר קלענערע פאַרברעכנס, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער וואַרשעווער גאַס.

דאָס געריכט איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ קליינע דירה, ווו עס האָבן זיך אין די ענגע צימערן אַרומגעדרייט פאַרשידענע מענטשן און אַדוואָקאַטן, פון זיי אייניקע מיר גוט־באַקאַנטע.

אַדורכגייענדיק דעם געריכטס־קאָרידאָר, האָב איך מיטאַמאָל דערזען מיין באַקאַנטן אַדוואָקאַט גרושקעוויטש, מיט וועמען איך האָב זיך געפונען אין איין פאַריין.

אונדזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעשטויסן, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, און גלייך זיך דערווייטערט איינער פונעם אַנדערן. צווישן אונדז איז געשטאַנען נישט נאָר דער מיליציאַנער, נאָר די גאַנצע סאָוויעטישע אָרדענונג מיט איר גערעכטיקייט־מאַשין, וואָס וואַרפט אַן אויף אַלעמען אַזאַ פּחד...

הגם איך האָב דאָס פאַרשטאַנען, האָב איך פונדעסטוועגן בלית ברירה מיט תחנונים־פולע אויגן זיך צו אים געווענדעט, ער זאָל מיר ביים געריכט פאַרטיידיקן.

גרושקעוויטש האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון קיין ענטפער. די מורא איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויך אַדוואָקאַטן אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט האָבן זיך צו אַ נאָך נישט געמשפּטן סאָוויעטישן באַשולדיקטן מורא געהאַט צוצורירן.

איך בין אַזוי אַרום געבליבן אַליין. שוצלאָז און הפקר בין איך געוואָרפן געוואָרן פאַרן רויב פונעם סאָוויעטישן געזעץ.

מען האָט מיך צוגעפירט צום ריכטער, וועלכער האָט גלייך אָנגעהויבן אויספרעגן מיינע „פּערסאָנאַליטעטן". און פון דער מינוט אָן בין איך

ווי אַ סחורה געוואָרן איבערגעגעבן אינעם רשות פונעם סאָוויעטישן געריכט.

אויף די בענק פונעם קליינעם געריכט־זאַל זענען געווען אויסגעזעצט פיל מענטשן. צווישן זיי האָב איך דערזעען מיינע פוילישע אָנקלאָגערינס, ווי אויך אייניקע רוסישע פרויען, וועלכע זענען געווען צום נאָענטסטן צו מיר אין דער ריי.

דער ריכטער, וועמען איך האָב געבעטן אָפּלייגן דעם משפּט כּדי איך זאָל קענען צוגרייטן אַ פאַרטיידיקער, האָט זיך צו מיינע רייד גאָרנישט צוגעהערט.

דאַקעגן האָט ער באַלד אָנגעהויבן אויסהערן די עדות פון דער באַשולדיקונג, וועלכע האָבן אין זייער יידן־פיינטלעכער פאַרביסנקייט איבערגעחזרט די זעלבע בלבול־געשיכטע, אַז איך האָב זיך אין דער „אָטשערעד" געשטויסן.

אויף די פעסטשטעלונגען פון די פאַרטיידיקונגס־עדות, עטלעכע רוסישע פרויען, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן צו מיין גינסטן, האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט.

איך האָב זיך באַמיט צו באַווייזן מיין אומשולד. האָב געוואָלט דאָס געריכט איבערצייגן, אַז איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געווען אָנגעקלאָגט אין עפּעס אַזוינס, ווי „כוליגאַנסטוואָ".

אַז אויב פאַר כוליגאַנעווען, דאַרפן גאָר די פּאָליאַטשקעס וואָס האָבן מיט אומרעכט מיך נישט צוריקגעלאָזט אין דער ריי, גאָר ווערן באַשטראָפט.

איך האָב אויך געוואָלט באַווייזן, אַז די גאַנצע אָנקלאָגע איז געקומען צוליב אַנטיסעמיטישע מאָטיוון, והראיה, דאָס עדות־זאָגן לטובת מיר פון די עלטערע רוסישע פרויען, וואָס דאַרפן על פּי שכל זיין מער באַגלויבט.

איך האָב אויך אַפּעלירט צום ריכטערס רחמנות־געפיל, אויפווייזנדיק אים, אַז איך האָב אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע פון זיבן פּערזאָן, דערין מינ־דעריאָריקע קינדער.

אויפגערעגט פונעם בלבול און פון דער גאַנצער אוממענטשלעכער כאַפּ־לאַפּ־פּראָצעדור, האָב איך זיך געהאַלטן גאָרנישט ווי אין קיין געריכט.

איך האָב אי געשריגן, אי אַפּעלירט. גערעדט אויך ווי מיט חוצפּה קעגן סאָוויעטישן געריכט און גלייכצייטיק מיט אַ שטילן וויינען טאָן געבעטן מיין באַפרייונג.

איך האָב אָבער געפילט, נאָך פאַרן אַרויסטראָגן דעם פסק, אַז איך בין פאַרמשפט. איך האָב נאָכנישט געוווּסט ווי גרויס דער אורטייל וועט זיין, נאָר דעם צייכן פון אַ סאָוויעטישן געפאַנגענעם האָב איך שוין געזען אויף זיך.

האָב איך זיך ווי אַ פאַרלוירענער געוואָרפן אין אַלע זייטן. און ווי אַ לעמעלע אינעם פיסק פון דער פאַרציקנדיקער חיה, האָב איך זיך ווי אין טויט־אַנגסטן געצאַפּלט פאַר מיין פרייהייט.

איך האָב שוין נישט געהאַט וואָס איינצושטעלן. און דאָס גאַנצע בילד פון אַ סאָוויעטישער תפיסה איז פאַר מיר, אַ נאָך קיינמאָל נישט געזעסע־נעם, שוין געשטאַנען פאַר די אויגן.

איך האָב אָבער נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק פון איבער־לאָזן די פאַמיליע און אויך נישט מיין נאָר־וואָס געקומענעם יונגערן ברודער, וועמען אַ געטרייע אַלטע מאַמעס האַרץ האָט אים פון זיך אַליין פאַרשטויסן, און דאָס אין אַ צייט ווען זי האָט זיך אין אים צוממיינסטן געניייטיקט, אָבי אים צו ראַטעווען פון אונטער די הענט פונעם טייוול, אונטער די פליגל פון זיין עלטערן ברודער.

וואָס פאַר אַן איראָניע פונעם גורל. דער עלטערער ברודער וואָס האָט ווי אַ פאָטער געדאַרפט באַשיצן דעם יונגערן, איז ווי אַ קינד אַצינד אַליין הילפלאָז און נייטיקט זיך אַליין אין שוץ.

דער ריכטער האָט מיט אַ געוויינלעכער רויקייט אַרויסגעטראָגן זיין פסק. ער האָט אין נאָמען פון דער פּראָלעטאַרישער גערעכטיקייט און אין זיין אייגענער בארמהערציקייט און גרויסמוטיקייט, — מיך פאַרמשפט אויף בלויז איין יאָר תפיסה, וועמענס אורטייל איז אָן שום באַלדיקער אַפּעלאַציע גלייך אַריין אין קראַפט.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן דאָס געפיל וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער רגע פון אַרויסטראָגן דעם פסק. עס האָט זיך מיר דאַן אויסגע־וויזן, ווי די ערד זאָל זינקען אונטער מיר און ווי די גאַנצע משא פון דער וועלט זאָל זיך אויף מיר לייגן און צודריקן.

און דאָך האָב איך געפּרוּווט ראַטעווען וואָס עס האָט זיך געלאָזט. איך האָב געבעטן ביים ריכטער ער זאָל מיך כאָטש אָפּלאָזן אויף אייניקע טעג, צו זעען זיך מיט דער פאַמיליע און דערליידיקן די פאַר מיר נייטיקע ענינים.

אויך דאָס האָב איך נישט געקאָנט פועלן. דאָס איינציקע נאָר, וואָס איך האָב יאָ געפּועלט איז געווען: דאָס באַפעלן דעם מיליציאַנט וואָס האָט מיך געדאַרפט גלייך אָפּפירן אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, ער זאָל אויפן וועג צו דער תפיסה, אויף אַ מאָמענט מיט מיר אַריינגיין אין מיין הויז.

קאַפּיטל זיבן

צו דער ביאַליסטאָקער תפיסה

דער מיליציאַנט, וואָס האָט מיך געפירט צו דער תפיסה, איז געווען אַ פרעמדער און ווי איך אַ גרינער אין די זאַכן. ער האָט, ווי איך, הגם אַ ביאַ-ליסטאָקער, נישט געוווסט ווו מען גייט צו דער תפיסה.

האָט ער באַלד ווי ער האָט מיך אַרויסגעפירט פון געריכט, ווי נאָר מיר זענען אַריבער די שענקעוויטשאַ, מיך גלייך אָנגעהויבן פרעגן ווו מען גייט צו דער טורמע. איך האָב אָבער פּונקט אַזוי געוווסט ווי ער.

פונוואַנען זאָל איך וויסן, אַז איך בין אין קיין תפיסה נישט געזעסן און אין דער ביאַליסטאָקער טורמע קיינמאָל נישט געווען?

טראָץ מיין לאַגע אין וועלכער איך האָב זיך דאַן געפונען, איז דאָס פרעגן זיך ביי מיר אַליין אויף דער תפיסה אויסגעקומען זייער קאָמיש. און דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך אפילו יאָ געוווסט, וואָלט איך אים אויך נישט געזאָגט, וואָרעם ווער וויל דאָס זיך אַליין צוהעלפן אפילו בלויז מיט אַ וואָרט זיך צו פאַרמאַכן ערגעץ אין אַ קאַמער?...

איך וואָלט אפילו פון דעם „פלאָכן“ מיליציאַנט געקאָנט אַנטלויפן. בפרט, ווען ער האָט מיך אַריינגעפירט אין מיין שטוב, ווו עס זענען געווען פיל נידעריקע פענצטער און אַ פאַרמאַסקירטע טיר, וואָס האָט געפירט צום דרויסן.

דער סאָוויעטישער פחד איז אָבער גרויס. דער רעזשים אַנטוואָפנט דיך מאָראַליש און נעמט ביי דיר באַצייטנס אָפּ דיין ביסל מענטשלעכע

דרייסטקייט. אגב, וואָלט איך אין מיין אייגענער שטאָט סייווי נישט געקאָנט וווינען, סיידן אין אַ פּרעמדער, אויף אַן אַנדערן נאָמען.

בין איך אַזוי אַרום געגאַנגען ווי איינער וואָס נעמט רעזיגנירט אָן זיין גורל און זיך געלאָזט פירן פונעם דאָזיקן שלימזלדיקן שומר, ווי אַ שעפּס צו דער שחיטה.

ווי צעקראָכן אָבער דער דאָזיקער היטער איז נישט געווען, האָט ער פונדעסטוועגן „פּאָ סאָוויעטסקאָמו" מיך געפירט גאַנץ שטרענג. ער האָט אַרויפגעזעצט די שטיקע אויף דער ביקס און איר געווענדט צו מיין אָרעמער פּלייצע.

און איך, אָרעמער, האָב פאַר חרפּה געמוזט ווי אַ גנב אַראָפּרוקן דאָס היטל איבער די אויגן. איך האָב געוואָלט דאָס פירן מיך איבער די ביאַ־ליסטאָקער גאַסן וואָס גיכער איבערקומען. איז שוין באַשערט צו זיצן, האָב איך געטראַכט, לאָמיך שוין וואָס גיכער אַריינגיין אין דער תפיסה.

דערווייל האָב איך זיך מיט האַרץ־קלאַפּעניש דערנענטערט צו מיין שטוב. איך האָב שוין אין דער פאַנטאַזיע געזען די וויסטע סצענע וואָס מיין באַגעגעניש מיט מיין פרוי וועט אַרויסרופן. דער „פירער" מיינער איז, ווייזט אויס, טראַץ אַלעמען געווען פון די פוקע „לבבות", ווייל ער האָט מיר געהאַלטן אין איין אָנזאָגן, אַז איך זאָל אין שטוב נישט מאַכן קיין איבעריקע סצענעס.

ער האָט מיך זיכער געהאַלטן פאַר אַ ווייכנדיקער יידענע. און אַז נישט פאַר מיר אַליין, האָט ער אפשר מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם נסיון אינעם אָנבליק פונעם דאָזיקן אומגעריכטן צוזאַמענטרעף צווישן מאַן, פרוי און קינדער...

ס'איז געווען קלאָר, אַז קיין דערפאַרענער מיליציאַנט און קיין פאַר־האַרטעוועטער סאָוויעט איז ער נאָך נישט געווען. ער איז נאָך געווען גאָר יונג אין זיין דאָזיקן פאַך, ווי ער איז נאָך בכלל געווען יונג, און קיין אַרבעט פאַר דער „ענקאַוועדע" האָט ער, ווייזט אויס, נאָך נישט געפרוווט מאַכן...

דער מאָמענט איז געקומען. דער רוס איז מיט מיר אַריין אין שטוב. איך האָב אָבער לכתחילה אין שטוב קיינעם נישט געטראָפן. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריינגעקומען מיין עלטסטער ניינאָריקער זונעלע חימל.

חימל, וואָס איז געווען דער געלאַסנסטער פון מיינע דריי יינגעלעך,

אין וועמען עס איז אויך געווען די געזעצטקייט פון אַ דערוואַקסענעם, האָט דערזעענדיק פלוצלינג ביי מיין זייט אַ מיליציאַנט מיט אַ ביקס געוואָרן שטאַרק דערשטוינט און דערשראָקן.

באַלד אָבער איז ער געקומען צו זיך און האָט געפרעגט, צי ער זאָל רופן דער מאַמען.

און הגם דער צוועק פון מיין קומען איז געווען איבערצוגעבן מיין פרוי די אומנייטיקע זאַכן וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך, האָב איך גאָר באותו הרגע אין זיך דערפילט אַ גאַנץ אַנדערע באַדערפעניש. איך האָב דערפילט די באַדערפעניש זיך צו געזעגענען איידער איך גיי אַריין אין תפיסה.

דאָס דאָזיקע אומרויקע געפיל וואָס האָט זיך אין מיר דערוועקט און וואָס האָט זיך שפּעטער, שוין זייענדיק אין תפיסה, אין מיר נאָך פאַר־שטאַרקט, האָט מיך אַ גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזט. וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן.

נאָר אַנשטאָט צו הייסן רופן דער פרוי, האָב איך מיטאַמאָל אַ פאַריאוש־טער און פול מיט רחמנות צו איר אינגאַנצן דערפון רעזיגנירט.

איך האָב אָנגעהויבן איבערצוגעבן אַלע מיינע קלייניקייטן, וואָס זענען נאָך ביי מיר געווען, מיין זונעלע, איבערגעבנדיק אים אויך וואָס איך האָב געדאַרפט, פאַר דער פרוי.

איך בין אַרויס פון שטוב מיטן געפיל, אַז איך וועל זיך שוין אַהער מער קיינמאָל נישט צוריקקערן. און פון ערגעצוווּ האָבן זיך שטראָמען גענומען גיסן אין מיר, שטראָמען געפילפולע און סענטימענטאַלע.

הייסע געפילן פאַר מיין איבערגעלאָזענער פאַמיליע, באַזונדער פאַר מיינע יינגעלעך, וואָס בלייבן אָן אַ פאָטער, אָן אַ באַשיצער, ווי אויך פאַר מיר אַליין, וואָס איך בין אַציינד פונקט אַזוי שוצלאָז ווי זיי.

איך האָב זיך שוין געפונען אויף דער סוראַזשער גאַס. איך בין פאַרביי־געגאַנגען קראָמען און הייזער. דאָס אַלץ האָט אָבער מער נישט ווי פאַר־בייגעשווינדלט פאַר מיינע אויגן. איך האָב נישט געקאָנט קאָנצענטרירן מיינע מחשבות איבער די דאָזיקע פאַרביישווימענדיקע קעגנשטאַנדן.

עס האָט נאָך פאַרשטאַרקט מיין פיין דאָס אָפּשטעלן זיך יעדעס מאָל פון מיין שלימזלדיקן „שומר“, וואָס איז צופעליק אַריינגעפאַלן קיין ביאַ־ליסטאָק און האַלט זיך אין איין פרעגן ביי די פאַרבייגייער ווו מען גייט צו דער טורמע.

ביי זיין יעדן אָפּשטעל האָב איך דערפילט אַ פרישע פאַרשעמונג, אַ פאַרשעמונג פון איינעם, וועמען מען פאַרצאַפּט אומזיסט און אומנישט דאָס בלוט...

אין מיטן גיין איז אַ פאַרסאָפּעטע אָנגעלאָפן מיין געטרייע פרוי, מיט אַ לעבל ברויט און עוף אין האַנט. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי־אַזוי זי האָט ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען אַזוי גיך געקאָנט קריגן אַ גרויס ברויט מיט אַן אָפּגעקאָכטן עוף. און דערצו נאָך מיך דעריאָגן אין וועג.

דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף האָט מיר אָבער קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט. מיין פרוי, נישט קאָנענדיק זיך באַהערשן, איז ביים באַגעגענען מיך אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין, וואָס נישט איך און אויך נישט מיין ווייכהאַרציקער „שומר" האָבן געקאָנט פאַרטראָגן.

האָט ער טאָקע ווי מיט רוגזה, נאָר מיט איינגעהאַלטענער גערירטקייט אַ בורטשע געטאָן: „האָט ער נישט געדאַרפט כוליגאַנעווען". אויף וואָס מיין פרוי האָט שאַרף און מיט אָנצוהערעניש געענטפערט: „מיין מאַן איז נישט קיין כוליגאַן. וואָלטן די איבעריקע געווען אַזעלכע כוליגאַנעס, — וואָלט שוין געווען גוט".

אויף דעם האָט ער שוין אינעם נוסח פון אַ דערפאַרענעם מיליציאַנט אַ זאָג געטאָן: „עטאָ ניע מאָיע דיעלאָ" (דאָס איז נישט מיין זאַך), האָט ער נישט געדאַרפט אַריינפאַלן".

איך האָב צוגענומען ביי דער פרוי דאָס פעקל און איר געבעטן זי זאָל אַהיימגיין. און זי האָט, נאָכן באַגלייטן מיך אַ שטיק וועג, מיט צער און ביטערניש מיך פאַרלאָזט.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו דער ביאַליסטאָקער תפיסה, ווו אַ וועכטער, אַ שוער־באַוואָפנטער מיט אַ פּאַק שליסלען, האָט געעפנט דעם שווערן טויער אונדז אַריינצולאָזן.

ווען איך בין אַריין אין תפיסה־הויף איז שוין געווען גוט פינצטער. איך האָב זיך אַזוי אַרום שוין געהאַט אַרומגעשלעפּט אָן עסן, אָן טרינקען, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, פון פינצטער ביז פינצטער. כאָטש איך האָב פון צרות קיין הונגער נישט געפילט.

דער מיליציאַנט, וואָס האָט מיך אַהערגעבראַכט, האָט נאָכן איבערגעבן

מיינע פּאַפּירן, מיך ענדגילטיק איבערגעגעבן אינעם רשות פון דער תפיסה־מאַכט.

עס האָט זיך אַצינד פאַר מיר אָנגעהויבן די דערנידערנדיקע פּראָצע־דור פון אונטערזוכן. איך האָב קודם־כל געדאַרפט אָפּגעבן אַלץ, וואָס איז נאָך ביי מיר געבליבן, וועמענס זאַכן איך האָב שוין צוריק קיינמאָל נישט באַקומען.

דערנאָך האָט מען מיר באַפוילן זיך אויסצוטאָן מוטער־נאַקעט און מאַכן אַלערליי מאַניפּולאַציעס, ביי וועלכע אַן „ענקאַוועדיסט" האָט ביי מיר געזוכט ווי ביי אַ געניטן ברילי‌אַנטן־שמוגלער, אין אַלע פאַרבאָרגנסטע ערטער...

נאָך דער דאָזיקער פאַרמאַטערנדיקער פּראָצעדור, האָט מען מיך געפירט איבער אומבאַקאַנטע גראָע און פייכטע קאָרידאָרן צו מיין באַ־שטימטער תפיסה־קאַמער.

דער געקלאַנג פון די שליסלען און דאָס מאָנאָטאָנע פירן מיך איבער די קאָרידאָרן צו מיין קאַמער, ווו איך האָב געדאַרפט פאַרשפּאַרט ווערן און מיט געוואַלט דערוויי‌טערט ווערן פון מיין פאַמיליע און סביבה, האָט מיך דערמאָנט אין אַלע פּיינען און ליידן פון די אומשולדיקע, מיט וועמען איך האָב זיך אַצינד, אויך מיין אייגענעם ליידנס־וועג, מתדבק געווען (זיך באַהעפט).

דאָס ערגסטע אָבער האָט נאָך געדאַרפט קומען. איך בין געגאַנגען איבער די טרעפּ וואָס האָבן געפירט צו מיין צעל, ווי אַ לונאַטיקער: אַ מענטש, אַ ווילנלאָזער אויטאָמאַט.

אַ רעזיגנירטער, אַ פּאַריאַושטער, האָב איך שוין זיך אַליין אינגאַנצן נישט געפילט. און ס'האָט אויסגעזען, אַז עס אַרט מיך שוין נישט וואָס עס זאָל מיט מיר נישט געשען.

אָבער ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו דער צעל און די שווערע איי־זערנע טיר פון דער קאַמער האָט זיך ווי אַ שפּאַלט פון אַ ווולקאַן־קראַטער געעפנט מיך איינצושלינגען אין זיך, אַזוי האָב איך זיך מיטאַמאָל ווי אויפ־געכאַפּט פונעם שלאָף און נישט געוואָלט ווייטער גיין. איך האָב, ווי אַ מענטש וואָס וויל נישט שטאַרבן, נישט געוואָלט אַריין אינעווייניק.

פון אונטן האָב איך אָבער דערפילט אַ שטאַרקן שטויס און אין איין רגע האָט זיך די טיר הינטער מיר פאַרהאַקט.

איך בין, ווי עפּעס אַ פּעקל, אַרייַנגעפאַלן אינעווייניק ביי דער סאַמע טיר, ביי דער „פּאַראַשע" (צואה־קענדל). און דאָ האָב איך זיך ווידער אויסגעניכטערט און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן.

איך האָב זיך געפונען ביי דער טיר צווישן מענטשלעכע פיס און הענט, צעכראַשטשעטע שמוציקע לייבער, באַריחותדיקע צעפאַרעטע אָני־טשעס און אַלערליי טראַנטעס מיט שטיוול־כאָליעוועס.

אינעם קאַרגן עלעקטרישן שיין האָב איך דערזען אַן אָפּגעשיילטע פּירקאַנטיקע שמוציקע קאַמער, וואָס איז געווען באַלייגט מיט מענטשלעכע לייבער, ווו קיין שפּילקע־קעפּל איז נישט געווען ווו אַרייַנצוואַרפן.

אינעם קאַמער זענען אויפן בלויזן שמוציקן דיל געלעגן אַרעסטירטע פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסן, וועלכע זענען ווי הערינג אין אַ פאַס געווען איינגעפּרעסט און צוגעקלעפּט איינער צום אַנדערן.

אַרומקוקנדיק זיך אַזוי, און אין אייגענעם פּיין פאַרזונקען, איז פּלוצלינג געוואָרן פינצטער, דאָס עלעקטרישע ליכט איז געוואָרן אויסגעלאָשן.

און איבער מיין פּנים און נאָך מער איבער מיינע הענט, וועלכע האָבן ווי אַן אוצר געהאַלטן דאָס ברויט מיטן עוף, וואָס מיין פרוי האָט אויפן וועג צו דער תפיסה מיר געבראַכט, האָבן אָנגעהויבן זיך איינקלאַמערן נעגל, וואָס האָבן ווי ווילדע טיגער געריסן מיין הויט.

מיין לייב האָט מיר גענומען ווייטאָן. מיינע כוחות האָבן נישט אויס־געהאַלטן, זיי האָבן נאָכגעלאָזט. און איך בין געבליבן, נאָך אַ מעת־לעת הונגערן, אָן אַ ביסן ברויט. באַלד איז נאָכן אַרויסרייסן פון מיר דאָס ברויט, ווי נאָך אַ געווונענער שלאַכט, דאָס ליכט געוואָרן צוריק אָנגעצונדן.

שווער צו באַשרייבן דעם פיינלעכן צושטאַנד אין וועלכן איך האָב זיך אין דעם מאָמענט געפונען. דער „פריינדלעכער" קבלת־פּנים פון אַ צעהונ־גערטער מענטשן־מאַסע לגבי אַ צווייטן הונגעריקן און אומבאַהאָלפענעם, צוזאַמען מיטן אויסזען פון אַ פאַרווערמטער קאַמער, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט צען מאָל אַזוי פיל מענטשן ווי זי קאָן אַרייַננעמען, ווו עס בלייבט אפילו נישט קיין דלת־על־דלת אַוועקצולייגן דאָס ביסל ביינער, האָט נאָך מער צערודערט און צעדריקט מיין אַזוי אויך באַדריקט געמיט.

איך האָב געגרוילט און געשטוינט. איך האָב געגרוילט איבער דעם מענטשס אַכזריות פון אַלע קעגן אַלע — און איך האָב באַוווּנדערט דעם

כוח און געדולד פון די אומשולדיקע, אויסצוהאַלטן אָט די אַלע אויף זיי אַרויפגעלייגטע פּיינען און דערנידערונגען.

צעווייטיקט און צעפּייניקט, האָב איך אַצינד איינגאַנצן רעזיגנירט פון עסן, ווי איך וואָלט גאָרנישט געווען הונגעריק. און מיין גאַנצע אָנשטרענגונג איז אַצינד בלויז געגאַנגען צו געפינען אַן אָרט וווּ אויסצוליייגן זיך און מיט דער הילף פון שלאָף צו פאַרווישן און פאַרשלעפּערן אַלע מיינע פּסיכישע און פיזישע פּיינען.

איך האָב אָבער נישט נאָר נישט געהאַט קיין אָרט צו שלאָפן, נאָר אויך נישט וווּ אַוועקצוזעצן זיך. איך האָב אינעם דאָזיקן ערשטן אָוונט פשוט נישט געהאַט קיין אָרט וווּ צו שטעלן אַ טריט.

ביי יעדן טריט וואָס איך האָב געפּרוּווט מאַכן, בין איך אַרויפגעפאַלן אויף מענטשלעכע פיס, ביי וואָס די גאַל האָט זיך מיר שיעור נישט איבער־געקערט.

עס האָט זיך מיר אין דעם מאָמענט אויסגעוויזן ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען איין תפיסה פון בלויזע מענטשלעכע פיס. קיין איין ליידיק שטיקל אָרט אויפן גאַנצן כדור הארץ איז נישטאָ, נאָר פיס און פיס.

און איך האָב, אַרויפטרעטנדיק אויף אַזאַ נאַקעטן מענטשלעכן פיס, געהאַט דאָס געפיל ווי איך וואָלט אַרויפגעטראָטן אויף אַ גליטשיקער זשאַבע. אויסער, פאַרשטייט זיך, נאָך די ריזיקע וואָס איך האָב גענומען אויף זיך צו טרעטן אויף אַזעלכע הפקר־מענטשן, הגם אומגערן...

געפינענדיק זיך אַזוי ווי צווישן הימל און ערד, האָט מיך פּלוצלינג ווער איינגעלאַדן צו שלאָפן אין זיין ווינקל. דאָס איז געווען פּונקט אַנטקעגן דעם אָרט וווּ איך האָב זיך אַצינד געפינען. דער טעם פון זיין פּלוצלינגדי־קער „גוטהאַרציקייט" איז מיר ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן.

ס'איז אָבער געווען אַזאַ אָרט, וווּ איך האָב זיך בלויז געקאָנט אָנשפּאַרן שטייענדיקערהייט אויף צוויי שטיוול־כאַליעוועס, וואָס עס האָט, ווייזט אויס, געדינט מיין „גאַסט־געבער" אויף אַרומצושמעקן מיך...

שפּעטער איז ער שוין גאָר געוואָרן ברייטהאַרציק און האָט, איינקאָר־טשענדיק זיך צוזאַמען מיט זיין שכן, מיר געמאַכט אַ שטיקל אָרט לעבן זיך, וווּ איך האָב זיך געפונען ווי אין אַ קלעם.

איך בין פונדעסטוועגן געווען צופרידן און דאַנקבאַר אויף פאַרן

דאָזיקן ענגן שטיקל אָרט. און זייענדיק שוין גענוג פאַרמאַטערט און אויס־געשעפּט פיזיש און גייסטיק, בין איך גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

איך האָב זיך געפונען ווייט אַוועק פון דער היים צווישן אייזיקע בערג און ווילדע חיות, ווו די קעלט און דער הונגער האָבן מיך אַדורכגענומען.

פון קעלט און שרעק פאַר די ווילדע חיות, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל מער דערנענטערט צו מיר, האָב איך זיך איינגעקאָרטשעט און בין געוואָרן איינגעשרומפּן ווי אַ פאַרוויאַנעטער ציטרין.

זייענדיק אָבער שרעקלעך הונגעריק און וועלנדיק עסן, האָב איך זיך אָנגעהויבן צו קייקלען ווי אַ באַל איבער בערג און טאָלן, ביז איך האָב זיך דערקייקלט אין אַ טיפן וואַלד, וואָס איז געווען פול מיט רויטע יאַגדעס און מאַלינעס.

איך בין געוואָרן ווילד און מיט אַן אוממענטשלעכער גיריקייט האָב איך אָנגעהויבן גלייך מיטן מויל צו פליקן די רויטע וואַלד־געוויקסן.

איך האָב שוין באַלד אָפּגעגעסן דעם גאַנצן וואַלד. און דער בויך איז מיר געוואָרן געשוואָלן. אָבער ווי נאָר דער בויך איז מיר געוואָרן געשוואָלן, האָב איך זיך צוריק דערפילט ווי אַ מענטש און האָב געוואָלט אַרויס פונעם וואַלד. איך קאָן אָבער פון וואַלד נישט אַרויס. ווייל ווי נאָר איך דערנענ־טער זיך צו אַן אַרויסגאַנג, ווערט באַלד דער אַרויסגאַנג פאַרמאַכט, ווי מיט אַ נעץ אַדורכגענומען.

זוכנדיק אַזוי דעם אַרויסגאַנג, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט פאַר־צווייפלטע געשרייען. די קולות האָבן מיר אויסגעזען באַקאַנט, איך האָב זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען ווער זיי זענען.

מיטאַמאָל איז געוואָרן ליכטיק און ווי אַ שלייער וואָלט אַראָפּגענומען געוואָרן פון מיינע אויגן, האָב איך דערזען מיין פרוי און קינדער לויפן איין אַן ענג־פאַרמאַכט געסל ווו פון ביידע זייטן געסל יאָגן זיי נאָך הינט, גרויסע הינט מיט אָפענע פּיסקעס. איך האָב אָנגעהויבן לויפן צו זיי און עס האָט מיר אויסגעזען, אַז איך בין שוין פון זיי גאָר נאָענט. נאָר ווען איך בין שוין אָנטקעגן זיי געשטאַנען, איז מיטאַמאָל געוואָרן צווישן אונדז אַ מחיצה — און זיי זענען צוריק פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן.

אַז איך האָב זיך אינעם דאָזיקן ערשטן פרימאָרגן־טומל אויפגעכאַפּט און איך בין צוזאַמען מיט די איבעריקע זיך געגאַנגען וואַשן, האָט זיך

אין דער פרימאָרגן־קילקייט אויך מיין זכרון אָפּגעפרישט און דער פריער־דיקער סוד האָט זיך מיר אויפגעקלערט.

איך האָב זיך דערמאָנט: אַז פאַרן ברענגען צו מיר דעם מיליציאַנט, האָב איך, פאַרפילנדיק עפּעס שלעכטס, באַהאַלטן אין אַ מילבן־לעכל פון דער מאַרינאַרקע אַ פינף־דאָלאַר־שטיק, וועלכן איך האָב קונציק צונויפ־דרייענדיק דאָרט פאַרשטעקט. די פינף דאָלאַר, וועלכע האָבן זיך ביי מיר געפונען, האָב איך אין קעגנוואַרט פונעם צווייטן מיליציאַנט, וואָס האָט מיך אויפן וועג צו דער טורמע אַריינגעפירט אין שטוב, מיין יינגעלע נישט געקאָנט איבערגעבן. און אַזוי אַרום איז ער ביי מיר געבליבן אויפן פאַר־שטעקטן אָרט.

האָב איך זיך אינעם דאָזיקן ערשטן פרימאָרגן, אָפּירנעמענדיק די מאַרינאַרקע פון מיין צוקאָפּנס, אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן צום אָרט ווו די פינף דאָלאַר האָבן זיך געדאַרפט געפינען. זיי זענען שוין אָבער נישט געווען. און צוזאַמען מיטן פאַרדרוס פונעם פרישן פאַרלוסט, האָב איך שוין אויך באַוואונדערט די גנבישע געניטקייט פון מיינע באַרמהאַרציקע „גאַסטגעבער״.

איך האָב אָבער צוליב צוויי טעמים וועגן דעם געמוזט מאַכן אַ שווייג. ערשטנס, האָב איך זיי נישט געכאַפּט ביי דער האַנט און מיט גנבים מוז מען זיין זייער פינקטלעך, וואָרעם ביי זיי גילט נאָך מער דער „החושד בכשרים לוקה״ (ווער ס׳איז אומזיסט חושד, ווערט באַשטראָפט)... און נאָך מער האָב איך געמוזט שווייגן, ווייל מען האָט ביי די סאָוויעטן נישט געטאָרט האָבן קיין פרעמדע וואַליוטע, בפרט, ווען איך האָב ביז דער טור־מע־רעוויזיע וועגן דעם נישט געמאָלדן.

בין איך שוין דעם טאָג אינגאַנצן געוואָרן אויסגעליידיקט. און בלייבנ־דיק אָן אַ ביסן ברויט און אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, בין איך שוין גאָר געוואָרן אָנגעוויזן אויפן חסד פון דער טורמע און אירע „יושבים״.

עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען ביז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז עס זענען פאַראַנען נאָך זאַכן אין אַ סאָוויעטישער טורמע פון וועלכע דעם אַרעסטאַנטס גורל איז אָפּהענגיק.

עס איז קודם־כל פאַראַן דער קאָמענדאַנט פון תפיסה־קאַמער, וועלכער הערשט פונקט אַזוי אומבאַגרענעצט איבער זיינע אַרעסטירטע קנעכט, ווי דער אַלסאָוויעטישער דיקטאַטאָר הערשט איבער זיינע „פרייע״ קנעכט.

און ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ פּשוטע זאַך ווי שיסל־לעפֿל (אויב ס׳איז בכלל דאָ), פֿון וועמען דיין גאַנץ ביסל חיות הענגט אָפּ. און דער עיקר, דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער צד פֿון הפקרות. הפקרות „בפני כל עם ועדה" און אין מיטן טאָג, פֿון גניבה און גזילה, שענדונגען און באַליידיקונגען.

פֿון דעם דאָזיקן צעל־קאָמענדאַנט האָב איך, אַנטקעגן דעם צווייטן, וואָס אַן אמת, ווייניקער געליטן. פּונקט ווי אַ קליין חיהלע אין אַ געדיכטן וואַלד פֿון גרויסע חיות, האָב איך זיך אין דער דאָזיקער קאַמער־ענגשאַפֿט נישט אַנגעזען.

און נישט נאָר האָב איך זיך די דאָזיקע אימהניקעס נישט געוואָרפֿן אין די אויגן, נאָר איך האָב זיך, אויסער אין דער צייט פֿון מיטאָג און אָוונט, זיך נישט אַרויסגערוקט פֿון מיין נאַרע.

דער מיטאָג האָט לאַנג נישט געדויערט. מען האָט אים געדאַרפֿט, ווי אונטער די קוילן פֿון שונא אויפֿן פֿראַנט, אויף גיך אַריינכאַפּן, אַריינזופּן. ווייל וואָס צו קייען איז אין אים נישט געווען. אָבער צום אַריינזופּן האָט מען געדאַרפֿט האָבן אייגענע כלים.

און ווער עס האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין אייגענע שיסל־לעפֿל, כאָטש אַ קליין טעפּעלע, האָט געמוזט אָנקומען צום חסד פֿון אַ כּלי־באַזיצער, וועלכער האָט דערפֿאַר נאָך ווייניקער געגעבן.

בין איך פֿון דאָזיקן מעמד געוואָרן אַזוי דערדריקט און דערשלאָגן, אַז איך האָב ווי אַן אינדישער פֿאַקיר שוין גאָרנישט געפֿילט. און ס׳האָט מיך שוין גאָרנישט געאַרט וואָס אַרום מיר טוט זיך. בפֿרט נאָך אין די ערשטע טעג, ווען איך האָב זיך געפֿונען ווי אין אַ הינער־פּלעט.

דעם ערשטן טאָג האָב איך ווי אַ פֿרישער גאַסט אינגאַנצן קיין ברויט נישט באַקומען. צי ס׳איז געווען אַזאַ מנהג, צי דערפֿאַר, ווייל די טורמע־אויפֿזעער האָבן מיך געזען אַריינגיין מיט אַ ברויט אין האַנט, ווייס איך נישט.

נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין הסכם מיט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע: „דער, וואָס אַרבעט נישט, עסט נישט", האָט מען אין די ערשטע טעג פֿאַר די נישט־אַרבעטנדיקע אַרעסטירטע נישט שטאַרק מקפּיד געווען. בפֿרט, ווען פֿון אַ צוגענומענער „פּייקע" (ברויט־פּאַרציע) טוט נישט ווי דער קאָפּ...

יאַקימאָוו, דער קאָמענדאַנט פֿון צעל, האָט זיך פֿונדעסטוועגן אויף

מ׳יר מרחם געווען, צוטיילנדיק מיר אַ טעפּעלע גרויפּן־זופּ ווו אײן גרויפּן האָט געיאָגט דעם צווייטן.

ס׳איז מיר אָבער אויך דאָס נישט באַקומען, צוליבן אונטערטרייבן מיך וואָס גיכער עס אויסצוזופּן, ווייל מענטשן וואַרטן שוין אויפן טעפּעלע.

איך האָב זיך לכתחילה שטאַרק געמיאוסט צו עסן פונעם דאָזיקן טעפּל וואָס איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. איך בין אָבער געווען זייער הונגעריק און איך האָב זיך באַרעכנט, אַז סײַווי ווועל איך מוזן שלום־מאַכן מיט דער לאַגע, איז שוין גלייכער עס באַלד צו טאָן און נישט אַרויסווייזן קיין איבעריקע יחסנות...

איך האָב זיך אין דעם מאָמענט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו עסן נישט נאָר פון אַ זאַמדיקער לאַפּעטע, נאָר פון נאָך עפּעס ערגערס.

יאַקימאָוו דער צעל־קאָמענדאַנט

יאַקימאָוו איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער רוס פון הינטער מאָסקווע, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ביי אַ פאָטער אַ קליין־פּויער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אַלע חבלי־לידה פון דער איבערקערעניש.

ווערנדיק מאָביליזירט ביים דייטשן אָנפאַל אויף פּוילן, איז ער מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי אַריין קיין ביאַליסטאָק אין דער נייער הויפּטשטאָט פון מערב־ווייסרוסלאַנד, ווו זיין אָפּטיילונג האָט סטאַציאָנירט.

נאָך פון אָקטאָבער־דור, האָט ער צוליב זיין פאָטערס פאַרשיקונג, אין זיין האַרץ געטראָגן אַ שטאַרקע שנאה צו דער ראַטן־מאַכט, וואָס האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט צוליב זיין פריערדיקער ווילדקייט און הפקרות...

ער איז אַהער אַריינגעפאַלן צוליבן אָפּזאָגן זיך צו גיין אין קיך שיילן קאַרטאָפל, וואָס איז געווען אין דער צייט פון זיין אומקערן זיך פון די שווערע איבונגען.

האָט ער דערפאַר כמנהג רוסלאַנד באַקומען 5 יאָר און איז דערווייל געזעסן אין דער דאָזיקער געמישטער תפיסה, צוזאַמען מיט אַנדערע פאַר־ברעכער, שולדיקע, אומשולדיקע, ציווילע און מיליטערישע. און פאַר זיין

אָסאָבעדיקן אויסזען און גבורה, האָבן אים די איבעריקע באַשטימט פאַרן צעל־קאָמענדאַנט.

ער איז געווען ווי אַ טייל „מאָסקוויטשעס" (מאָסקווער), ברייטהאַרציק און צוגעלאָזן־חבריש. נאָר ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט אים דערצערנט. ווייל ווי גוט ער האָט געקאָנט זיין, האָט ער פונקט אַזוי אויך געקאָנט זיין שלעכט.

מיט דער זעלבער גרינגקייט וואָס ער האָט געקאָנט פון זיך אַלץ אַוועק־געבן, האָט ער אויך אַזוי געקאָנט פון יענעם אַלץ אָפנעמען. אויך זיין נשמה...

איז טאָקע באַלד אויף צומאָרגנס אויסגעבראָכן אַ מלחמה פון „גוג און מגוג" צווישן דעם דאָזיקן ריז און אַ צווייטן, הגם אַ קלענערן פון אים, אָבער געניט קרעפטיקן כוליגאַן.

די שלאַכט וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צוליב אַ ברויט־פייקע", איז געפירט געוואָרן אויף טרוקן מיט מאָס און טאַקט פון אַ ספּאָרט. און מיט דער כוונה נישט צו לאָזן קיין שום בלוט־סימנים, „כדת הטורמע והאונטער־וועלט" (לויטן געזעץ פון טורמע און אונטערוועלט).

פאַרברעכן און שטראָף דאַרף צווישן זיך אַליין און לויט די אייגענע דינים אויסגעראַנגלט און אויסגעגליכן ווערן אָן שום זייטיקן אַריינמיש.

די מלחמה איז געפירט געוואָרן אָן געווער, נאָר אָנשטאָט ביקסן־קנאַלן, האָבן אינעם גרויסן קאַמער אָפּגעהילכט די קלעפּ פון שטאַרקע קנאָכיקע הענט. און אַ ציטער איז אַ טייל באַפאַלן, בפרט מיך, אינעם אָנבליק פון דער דאָזיקער הפקרדיקער שפּיל, ווו קיינער וואָגט זיך נישט אַריינצומישן.

אָט צווישן וועמען איך דאַרף זיך געפינען, האָב איך געטראַכט. עס דאַרף זיך נאָר וועמען פון זיי גלוסטן אָנצוהייבן מיט מיר און איך בין אַ פאַרפאַלענער, אויב די כוחות ווערן איבערגעלאָזט נאָר צו זייער אייגענער פרייער שפּיל...

ענדלעך איז דאָס רעדל צוקוקערס, וואָס האָט ווי אַ רינג אַרומגענומען די שלעגערס, ווי ספּאָרטלער רינגלען אַרום זייערע טשעמפּיאָנען־באָקסער, זיך פלוצים, צוזאַמען מיט די קעמפער, צעגאַנגען, צוליבן דער־גענטערן זיך צו דער קאַמער פון די וועכטער מיט די הייסע מיטאָג־קעסלען. און די שלאַכט האָט זיך תיכף אָפּגעשטעלט.

קאַפּיטל אַכט

אין תפיסה

איך בין שוין געווען אייניקע טעג אין תפיסה און איך האָב זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט צו מיין מצב. פאַרקערט, וואָס מער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, אַלץ מער האָב איך געזען מיין בראָך.

די קאַמער איז געווען אַזוי אַדורכגעווערעמט, אַז עס האָט אין די נעכט געריסן שטיקער, און ווי שלעכט עס איז געווען ביינאַכט, איז בייטאָג געווען נאָך ערגער.

ביינאַכט איז מען פאַרט פון די צרות און פיין איינגעשלאָפן. און אַז מען איז געשלאָפן, האָט מען שוין גאָרנישט געפילט. בייטאָג אָבער, האָבן זיך די רעיונות אין קאָפּ געבאָמבלט ווי אַן אומרו פון אַ זייגער און האָבן נישט געלאָזט צורו.

איך האָב שוין אַצינד געהאַט אַ שטיקל געררוימער געלעגער ווי פריער. נאָר ווי געפינט מען זיך צווישן אַזאַ ערב־רב־אָפּפאַל, אַן אַ שום אָפּקלייב? ציווילע, מיליטערישע, לייכטע און שווערע פאַרברעכער. אַלץ איז דאָ צו־זאַמענגעמישט און קיין אָרדענונג איז דאָ אויך נישט פאַראַן.

עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים. מיינע ערשטע ימים נוראים אין געפאַנגענשאַפט. און דאָס האָט אַרויפגעפירט אויף מיין מחשבה מיין גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט.

ס'ערשטע מאָל אין מיין פאַרהייראַט לעבן, ווי איך וועל יום־טוב נישט זיין צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער. איך וועל מיט זיי נישט זיצן ביי איין טיש.

און נאָך וויאַזוי נישט־זיצן. דער טאַטע וועט זיין פאַרשפאַרט אין טורמע מיט וויסטע כוליגאַנעס און אימהניקעס, און די קינדער וועלן זיין די קינדער פון אַן אַרעסטאַנט. אָ, ווי ביטער עס ווערט ביים דאָזיקן געדאַנק.

איך האָב קיינמאָל אַזוי נישט געפילט דעם באַגער פון זיין צוזאַמען, ווי דווקא אין דעם דאָזיקן מאָמענט. און נישט וויסנדיק פונוואַנעט און פון וואָס, האָט אַ פלייץ אַ יאָג געטאָן צו מיינע אויגן, און איך בין ווי אַ יידענע אַרויס מיט אַ געוויין.

ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן ווי איך האָב געוויינט. און צוזאַמען מיטן שטראָם טרערן איז אין מיר אויפגעקומען אַ וויסט אומרויק געפיל, וואָס האָט זיך שוין אויף אַלע מיינע וואַנדערונגען און וועגן פון פיין פון מיר נישט אָפּגעטאָן.

דאָס דאָזיקע געפיל וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט, האָט זיך פון מיין אַרעסט אָן כסדר אָנגעהויבן ביי מיר צו באַווייזן.

האָב איך זיך אויסגעקוקט די אויגן צו זעען מיין פרוי. איך האָב זי געוואָלט זען און הערן פון איר עפּעס אַ טרייסט. כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז פאַר די זיבן טעג קאָן מען נישט האָבן קיין זעונג, האָב איך פונדעסט־וועגן דערמיט זיך אַליין געפּרוּווט טרייסטן.

האָב איך ווידער מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף די „שבעה ימי המלואים״ (עס זאָלן זיך ענדיקן די זיבן טעג), וואָס האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין פּיין.

נאָר פון די אַלע באַגערן און פאַרלאַנגען, וועלכע האָבן אַצינד זיך געשטעלט פאַר מיר, איז דאָס אַקטועלסטע געווען דאָס איבערפירן מיך אין אַ צווייטער קאַמער.

ס׳איז מיר דאָן נישט איינגעפאַלן, אַז די צווייטע קאַמער, הגם אַ ריינע־רע און לופטיקערע, וועט אָבער צוליב איר רויבער־ און צעל־קאָמענדאַנט, נאָך זיין אַן ערגערע ווי די פריערדיקע.

און נישט איינמאָל האָב איך דערנאָך געטראַכט, אַז איך וואָלט נישט פאַרביטן דעם רויען מאָסקוויטש יאַקימאָוו פאַרן יידישן קאָמענדאַנט פון מיין נייער קאַמער, פאַר וואָוקע „באַנדיט״.

די טעג האָבן זיך גערוקט. דאָס לעבן ווי די צרות האָבן דאָ אָנגעהויבן ווערן מאָנאָטאָן. יעדער טאָג איז געוואָרן גלייך צום אַנדערן.

אַ געוויסע ענדערונג צום בעסערן איז אַריינגעטראָטן, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אויף די האַלב־שעהדיקע „פּיגולקעס״ (שפּאַצירן). די פרישע, קילע האַרבסט־לופט פון די הויף־שפּאַצירן האָט מיך אַביסל אָפּגע־פרישט און אויפגעמונטערט.

זי האָט מיך אויף אַ מאָמענט אַרויסגעריסן פון דער תפיסה־איינטאָני־קייט און פון זיין בלויז מיט זיך אַליין און מיטן אייגענעם יאוש.

מיין פּסיכישן צושטאַנד האָט אויך אַביסל פאַרגרינגערט דאָס באַקענען

זיך מיט די שווערערע אַרעסטירטע, ווייל שפּאַצירנדיק אַזוי אין די שטרענגע רייען אויפן הויף, האָט מען געקאָנט זען נאָך עפּעס ערגערס. מען האָט געזען ווי אַנדערע געפאַנגענע, וועלכע זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די תפיסה־קעלערס, האָבן נאָך אונדז מקנא געווען.

און ס'איז, ווייזט אויס, געווען וואָס מקנא צו זיין. ווייל ווי שלעכט אונדז איז געווען אין די פאַרפּאַקטע, פאַרווערעמדיקטע קאַמערן פון די אויבערשטע גאָרנס, איז זיי, אין די אונטערשטע, געווען נאָך ערגער.

די אַרעסטירטע פון די קעלערן האָבן מיט פאַרחושכטע פּנימער און האָפענונגסלאָזע אויסגעלאָשענע אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען ענדלאָזער צער און די אומבאַהאָלפנקייט אַליין, צו אונדז אַרויפגעקוקט מיט קנאה.

דאָס זענען געווען פאַרמשפּטע, וועמען דאָס סאָוויעטישע „געזעץ" האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. זענען זיי, ווי לעבנס־רעזיגנירטע געזעסן אין די איינצל־קאַמערן אונטער פאַרפאַנצערטע טירן און פאַרקראַטעוועטע פענצטער, אָפּוואַרטנדיק דעם טאָג פון זייער סוף.

נישט איין באַקאַנטער האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זען צווישן זיי. איך בין אָבער אין דעם נישט געווען גאָר זיכער און האָב אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַזוי זיי האָבן זיך דאָ גענומען.

זאָל דאָס זיין אַזאַ אויסדאַכטעניש, ווי אַ „פאַטאַ מאָרגאַנאַ" פאַרן מידן וואַנדערער אין דער מדבר? האָב איך זיך אַליין געפרוווט פרעגן.

איך האָב שטאַרק געוואָלט עפּעס וויסן וועגן זיי. און איך האָב געגאַרט צו קריגן פון זיי אַ צייכן, אַן אָנוווּנק וואָס זאָל באַשטעטיקן דעם פאַקט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט. דאָס איז מיר אָבער נישט געלונגען.

ווייל מיין מינדסטער אָפּקער פון דער ריי, אָדער בויג אין דער זייט פון די קעלער־פענצטער, האָט געדראָט מיט שווערע קלעפּ און שטראָף, ביזן אַריינזעצן אין אַן איינצל־קאַמער.

און פאַר אַזאַ נישט־געניטן אַרעסטאַנט ווי איך בין געווען, בפרט אין מיינע ערשטע תפיסה־טעג, וואָלט אַזאַ נסיון, וואָס האָט געקאָנט פאַר מיר שמעקן מיט לעבנס־געפאַר, געווען שווער אַריבערצוטראָגן.

און ווען איך בין דאָס צווייטע מאָל געווען אויפן זעלבן שפּאַציר, האָב איך שוין מיינע פריערדיקע „באַקאַנטע" קעלער־איינוווינער נישט געטראָפן.

אַנדערע זענען שוין געווען אויף זייער אָרט און נישט קאָנענדיק זיך

דערוויסן וועגן זייער גורל, איז אַ פרישע פּינצטערניש אויף מיר אָנגעפאַלן, וואָס האָט דאָס פריערדיקע ביסל אויפגעגאַנגענע ליכט פאַרטריבן.

אַ שטיקל פאַרלייכטערונג וואָלט געווען דאָס גיין יעדן שבת אין באָד. עס וואָלט געווען אַ טאָפּלטע הנאה. די הנאה פון ריייניקן זיך און די הנאה פון באַפרייען זיך אַביסל פון אונטערן תפיסה־שלאָס.

איז אָבער ווי אַלץ אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אויך דאָס ביסל גוטס געווען געמישט מיט פּיין. איז אויך דאָס ביסל מיר נישט באַקומען. אויך אין מרחץ איז די תפיסה אַריינגעדרונגען.

אויך דאָ האָט געהערשט די ווילדסטע אומאָרדענונג און הפקרות. דער וואָס איז אַריין אין באָד מיט זיינע זאַכן, איז נישט געווען זיכער מיט זיי צוריק אַרויסצוגיין.

איינער האָט ביים צווייטן געגנבעט, שוין נישט רעדנדיק פון פאַרבייטן די זאַכן. ס'איז דאָ געווען, ווי דער חומש דערציילט, ווי אין מצרים: „וואָס דער האָגל האָט איבערגעלאָזט, האָט אויפגעגעסן דער היישעריק". וואָס די פאַרוווקע האָט נישט פאַרברענט, האָט דער גנב צוגענומען.

די גנבים לויערן

אַ נייע צרה איז אונטערגעקומען, וואָס האָט זיך מיר נישט געלאָזט באַרויקן, דערמאָנענדיק מיך כסדר ווו איך געפין זיך. איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פון זיי, פון די גנבים, פטור, אַז איך האָב זיך שוין פון זיי אויסגעקויפט מיט דעם, וואָס זיי האָבן מיך שוין איינינקע מאָל באַראַבעט.

צום סוף הייבט זיך עס גאָרנישט אָן. זיי לאָזן זייער קרבן נאָך נישט אָפּ. אַ נייע שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַפּן מיין אנצוג, די קאָלדרע און זיי האָבן געוואָלט נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר איך זאָל זיך בייטן מיט זייערע שמאַטעס.

„סיווי וועט מען אויף סיביר ביי דיר די זאַכן צונעמען", האָבן זיי אָנגעהויבן טענהן. בכן, זענען זיי בילכער ווי די סיבירניקעס. זיי זענען דאָך פאָרט חברים לצרה.

און דאָס ערגסטע אין דעם איז געווען, וואָס זיי האָבן מיך דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט אין סיביר. הייסט עס, אַז אויך איך מיט מיין „דיעטסקן סראָק" (קינדערשן פסק) פון בלויז איין יאָר תפיסה בין אַ „קאַנדידאַט" אויף סיביר.

איז די דאָזיקע דערמאָנונג פאַר מיר נאָך געווען ערגער ווי תפיסה אַליין. מחמת, ווי לאַנג איך זיץ אין ביאַליסטאָק, אין דער אייגענער שטאָט, האָב איך נאָך אַ געוויסע אילוזיע פונדאַנען זיך אַרויסצוקריגן, ווי שוואַך און אומבאַגרינדעט די דאָזיקע האָפענונג זאָל נישט זיין.

אָבער אין סיביר, ווער וועט זיך דאָרט פאַר מיר מיען? בפרט ווען בלויז דער הין־און־צוריק דאַרף נעמען, ווי איך האָב געהערט, ביי אַ פיר חדשים.

און קריגט שוין דער וואָלף זיין קרבן אריין, — וועט ער אים שוין פון זיינע לאַפּעס אַזוי גיך נישט אַרויסלאָזן...

האָב איך נאָך מער אויסגעקוקט צו זען מיין פרוי. איך האָב איר געוואָלט איבערגעבן די דאָזיקע נייעס, כדי איר צו וואָרענען און טרייבן צו מער ענערגישע מעשים פאַר דער רעוויזיע פון מיין פּראָצעס.

די ערשטע זעונג

ענדלעך איז דער טאָג געקומען. אין איינעם אַ פאַרשנייטן פרימאָרגן האָט זיך די טיר פון קאַמער געעפנט און אַלע אַרעסטירטע האָבן זיך מיט־אַמאָל אַ ריס געטאָן פון די ערטער ווי פון אַ שלאַנג געביסן, צו הערן וועמען מען רופט עס פלוצים אויס.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ וועכטער, וועלכער אויסרופנדיק מיין נאָמען, האָט מיך מיט זיך גלייך מיטגענומען אויפן תפיסה־הויף. אויפן הויף איז שוין מיין פרוי מיט אַ באַזונדערער אומגעדולדיקייט, ווי זי וואָלט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער זעונג, מיר אַנטקעגנגעשפּרונגען.

זי איז מיר געפאַלן אויפן האַלדז און איז אַרויס מיט אַ געוויין. אויך איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב מיט איר מיטגעוויינט, ביז מיר האָבן זיך ביסלעכוויַיז באַרויקט. נאָכן אויספרעגן זיך וועגן די קינדער און הויז, האָב איך איר אַלץ איבערגעגעבן, וואָס ס׳איז מיט מיר ביז היינט געשען.

דער עיקר אָבער האָב איך איר דערציילט וועגן דער סכנה פון סיביר און דער הפקרות פון תפיסה. איך האָב זי געוואָרנט, אַז ווי איך האָב געהערט, האַלט מען נישט מער ווי אַ חודש אין תפיסה. אויסער דעם האָב איך איר געבעטן צו זען מיך אַרויסצונעמען פון דער דאָזיקער קאַמער,

און מיך איבערטראָגן אין אַ צווייטער, פון ציווילע אַרעסטירטע מיט קלענערע „וויראָקן".

דער וועכטער האָט אַ יוונק געטאָן, אַז די זעונג איז געענדיקט. און ביטער איז געווען דער מאָמענט פון צעשיידונג. דאָס געפיל פון צוריק אַרויפגיין אין קאַמער האָט אַלץ קאַליע געמאַכט. און ס'האָט אויך נישט געהאָלפן מיין פרויס טרייסט־ווערטער און דאָס באַקומענע פעקל.

צוריקקומענדיק אין קאַמער איז מיר יאַקימאָוו אַנטקעגנגעגאַנגען ווי מען גייט אַנטקעגן אַ כלה. אויך די איבעריקע אַרעסטירטע האָבן מיך אַציגנד אויפגענומען מיט אַ באַזונדערער פריינדלעכקייט, הגם מיט פאַרטאַ־יעטע גיריקע בליקן.

איך האָב פאַרשטאַנען זייער פריינדלעכקייט און גיריקייט. און איך בין געווען גרייט זיך צו טיילן מיטן פעקל, נאָר אונטער איין תנאי: מען זאָל מיר כאָטש אויך עפּעס איבערלאָזן.

דער ווינטער־אָוונט איז גיך צוגעפאַלן. און אין דער נישט־באַלויכ־טענער תפיסה איז ער נאָך פריער אָנגעקומען. און אויף די געלעגערס פונעם שמוציקן תפיסה־צעל האָט זיך מיט איר גאַנצער שווערקייט די פינצטערניש געלייגט אויפן געמיט פונעם אַרעסטירטן, פאַרגרעסערנדיק זיין איינזאַמקייט און אָפּגעשלאָסנקייט.

איך האָב זיך צוגעשאַרט צו מיין געלעגער, אַרויסרופנדיק אין מיין זכרון די אַלע איבערגעלעבטע מאָמענטן און איינדרוקן פון מיין פרויס וויזיט און איר געבראַכטן גרוס פון די קינדער.

ווי נאָר אָבער איך האָב זיך אַוועקגעלייגט, האָב איך אין דער אָוונט־טונקלקייט דערזען דעם סילועט פון יאַקימאָוון. ער איז צו מיר צוגעקומען און האָט זיך מיט זיין גאַנצן ריזיקן גוף זייטיק אַריינגעקוועטשט צווישן מיר און מיין שכן.

ער האָט אָנגעהויבן פריינטלעך מיט מיר צו שמועסן און דאָס געשפּרעך האָט זיך נישט ווילנדיק פון מיין זייט אַרויפגעקייקלט אויף דער קריסטוס־טעמע.

ער האָט מיך מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן: פאַרוואָס מיר האָבן דערמאָר־דעט דעם „דערליזער". איך בין געוואָרן דערשטויגט צו הערן פון אַ סאָ־וויעטישן זעלנער, וואָס האָט צו זיינע פריערדיקע דריי־גאָרנדיקע קללות נאָך צוגעגעבן אַ נייע, די „ברכה" פאַר „גאָטס מאַמען", אַזעלכע פראַגעס.

און איך האָב אָננעמענדיק זיך מיט מוט, אים קודם־כל געפרעגט, צי ער גלייבט אין גאָטס זון, בעת איך האָב פון אים אַליין געהערט ווי ער האָט געזידלט אים אַליין, דעם „גאָט־זון”, אין זיין אייגענער געטלעכער מאַמען אַריין.

ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער אַליין גלויבט יאָ, נאָר דאָס האָבן אים די פאַרשאָלטענע אַנטי־קריסטן אין דער אַרמיי צוגעוווינט צו זידלען דער „מאַמען”.

איך האָב געזען, אַז מיט די „אַנטי־קריסטן” צילט ער צו עפּעס מער. נאָר ער וואָלט וועלן איך זאָל טאָן פאַר אים זיין אַרבעט, הגם אפשר נישט אויסן־זייענדיק מיך באַזונדער צו פּראָוואָצירן.

האָב איך דערפילט די דעליקאַטקייט פון דער לאַגע, איך האָב געזען, אַז איך גיי ווי אויף אַ דינעם שנור ווו איך מוז זיין זייער פאָרזיכטיק נישט אויסצוגליטשן זיך, נישט אַזוי אין דער טעאָלאָגישער זייט, ווי אין דער פּאָליטישער.

האָב איך אים קורץ געענטפערט, אַז איך בין ווייניק באַהאַוונט אין אַזעלכע ענינים, נאָר אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָבן אים נישט די אַמאָליקע יידן, נאָר גאָר די רוימער געקרייציקט.

און פאַרוואָס, האָב איך אים געפרעגט, זאָלן מיר רעדן וועגן אַמאָל, ווען נאָך היינט פאַרגיסן די פאַשיסטן אַזויפיל אומשולדיק בלוט?

„ביסט גערעכט”, האָט ער מיר געענטפערט. און מיטאַמאָל איז ער אַרויס: — ווייסט, אַמאָל האָב איך אייך יידן ליב. איר זענט אַ קלוג פאָלק און מען קאָן זיך אָן אייך נישט באַגיין. נאָר איך ווייס נישט וואָס, עפּעס ווי אַ טייוול זיצט אין מיר. און ווען דער טייוול קריכט אַרויס, הייבט מיך אָן פאַרדריסן אויף אייך. עס פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס איר פאַרכאַפּט אַלץ, אַלע אַמטן, געשעפטן און פאַבריקן, אַלץ, אַלץ.

— יאַקימאָוו, — האָב איך אָנגעהויבן, כדי פּטור צו ווערן פונעם דאָזיקן שמועס, מורא האָבנדיק נישט אַזוי פאַר אים אַליין, וויסנדיק, אַז ער איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר, נאָר פאַר די איבעריקע. — נאַ דיר דעם גרעסטן טייל פון פעקל, וואָס איך האָב היינט באַקומען און פאַרטייל עס ווי דו פאַרשטייסט. נאָר זע, מען זאָל צו מיר מער נישט קומען. זאָל מען מיר מיין חלק אויך לאָזן באַקומען. און איך בין דאָך אַזאַ אַרעסטירטער ווי איר אַלע.

— יאַקאָוו אַראָנאָוויטש! — האָט ער צו מיין פאַרוווּנדערונג אויסגעַ־רופן. — ביסט יאָ אַזאַ אַרעסטירטער און נישט אַזאַ אַרעסטירטער. ווייל דו האָסט נאָר איין יאָרעלע און דאָס איז אַ קינדערישער סראָק, אַ קיי־און־שפּיי־טערמין און מיר זענען באַלייגט מיט יאָרן, ווי אַן אַלטער שינדל־דאַך מיט מאָך. נאָר פונדעסטוועגן וועל איך זען מען זאָל דיך נישט צופיל באַעוולען.

איך בין דעם אָוונט גיך איינגעשלאָפן. מיין צערודערט נישט פריילעך געמיט האָט מיך גלייך איבערגעגעבן אינעם רשות פון בעל־החלומות.

איך האָב געזען שרעקלעכע קאָשמאַרן. איין פינצטער בילד האָט געיאָגט דאָס צווייטע, ווי אין אַ וועט־געיעג. און באַגיסנדיק זיך מיט שווייס, האָב איך פלוצים דערפילט ווי מען רייסט מיין צוקאָפּנס.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און אינסטינקטיוו גענומען זוכן מיין „אוצר". נאָר דאָס שפּייז־רעשטל פון נאָר־וואָס באַקומענעם פּעקל, וואָס איז געלעגן אונטערן קאָפּ, איז שוין נישט געווען.

האָב איך אין דער נאַכט־פינצטערניש נאָך געפּרוּווט מיט מיינע פאַר־שלאָפענע אויגן זוכן דעם גנב. איך האָב זיך אָבער באַלד באַקלערט, אַז ס'איז גלייכער צו שוויגן און נישט צו מאַכן אין מיטן דער נאַכט קיין טומל.

דערווייל איז מיר פון פאַרדראָס דער שלאָף געוואָרן צוגענומען. און וויפל איך האָב זיך נישט אָנגעשטרענגט צוריק אַנטשלאָפן צו ווערן, צו פאַרווישן די אייגענע ווירקלעכקייט, — איז עס מיר נישט געלונגען.

אויף צומאָרגנס בין איך מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע זיך געגאַנגען וואַשן. דער פּראָסט האָט מיט זיינע נעהיימע פינגער שוין געהאַט אויסגעכישופט זיינע ווייסע בעריאָזעס אויף די גרויסע תפיסה־פענצטער. און אַזאַ פאַרבאָרגענע פּראָסטיקייט האָט אויך אָנגעַ־ווייעט און ווי אַ דיבוק זיך באַזעצט אין מיר...

איך בין צוריקגעגאַנגען צו מיין געלעגער צוריקלייגן דעם האַנטעך מיטן זייף. און וווּנדער איבער וווּנדער, אונטערן צוקאָפּנס האָב איך צוריק־געפונען אַ שטיקל ברויט.

נישט דאָס זעלבע רעשטל, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט נאָך דער חלוקה מיט יאַקימאָוון איז עס געווען. זיי האָבן אָבער פּאַרט אַרויסגעוויזן צו מיר אביסל מענטשלעכקייט, באַזאָרגנדיק מיר אַ חלק ברויט צו דער שוואַרצער קאַווע.

נאָכן אַפּעל האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה. מען האָט זיך גענומען צום געשטופּלטן אוקראַינער ניקיטאַ. ווי די שוואַכערע באַשעפענישן אינעם דזשונגל אַנטלויפן אין ציטער ווען עס צעממיתן זיך די שטאַרקע חיות, אַזוי בין איך תיכף צוריקגעטראָטן צו מיין „נאַרע", ווען די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן.

איך האָב פון מיין אָרט נאָר אַרויסגעהערט דעם געברום פונעם איין־אויגיקן רויטן וואַסיל, יאַקימאָווס פאַרטרעטער, און ווי דאָס פאַלן פון אַ בוים, וואָס איז מיט אַ געקלאַפּ געבליבן ליגן אין טויטער שטילקייט.

דאָס האָט מען אַזוי צעהרגעט ניקיטאַן, פאַרן נישט וועלן אַרויסטראָגן די „פּאַראַשע" (אָפּפאַל־קאַן). און איך האָב געטראַכט: נאָך אַלעמען, באַהאַנדלען זיי דאָך מיך פאַרט מיט חסד.

זיי האָבן מיך מיט דער „פּאַראַשע" נאָך ביז היינט נישט מכבד געווען. זאָל דאָס זיין מיין שכר פאַרן צוגערויבטן שפּייז, אָדער ווייל אויך אין „חד־גדיא" ווי אויף דער פריי, ווילן אייניקע הערשן איבער די אַנדערע, און די פון דער גוזעלשאַפט אויסגעשפּיגענע ווילן אויך האָבן איבער וועמען צו טרעטן און דער קרבן מוז שטענדיק זיין דער שוואַכערער, דער נאָך מער אויסגעשפּיגענער ?...

קאַפּיטל ניין

מען פירט אַריין אַ נייעם גאַסט

דאָס לעבן אין דער דאָזיקער קאַמער איז פאַר מיר געוואָרן וואָס מער מאָנאָטאָנער. איך בין דאָ געווען דער איינציקער ייד און קיין באַקאַנטן מיט וועמען צו שמועסן האָב איך אויך נישט געהאַט. ווען ס'וואָלט אַפּילו אַזאַ געווען, וואָלט מען אויך געדאַרפט זיין גענוג פאָרזיכטיק. און די ענגע, הגם גרויסע קאַמער ווו די איינציקע באַקוועמלעכקייט איז געווען דאָס ליגן אויפן שמוציקן דיל אויסגעדרייט אויף אַ זייט, האָט אויך נישט געקאָנט געבן קיין מעגלעכקייט עפּעס צו לייענען, אַפּילו ווען מען וואָלט דערלויבט.

הגם אויך צו וועלן לייענען האָט מען געדאַרפט אינעם דאָזיקן ערב־רב־געטומל האָבן אַ בעסער געמיט און שטאַרקערע נערוון. און דאָס האָט אַזאַ ייִד ווי איך, וואָס איז אין קיין תפיסה נישט געזעסן און איז נישט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ אַרט לעבן, נישט געקאָנט האָבן.

איז דאָס איינציקע וואָס האָט נאָך ביי מיר אַרויסגערופן אַן אינטערעס געווען דאָס עפּענען זיך פון דער טיר. דער אַריין און אַרויס פונעם דאָזיקן קאַמער.

באַזונדער האָבן אונדז פאַראינטערעסירט די נייע אַריינגעפירטע אַרעסטאַנטן, פון וועמען מיר האָבן באַקומען אַביסל ידיעות פון שטאָט און פון דער וועלט. דאָס איז געווען אונדזער איינציקע פאַרבינדונג מיטן דרויסן.

האָט מען אין די דאָזיקע טעג צו אונדז אַריינגעפירט אַן אינטעליגענטן פּאָליאַק, וועלכער ווי ער האָט דערציילט, איז אויף זיין פאַרשיקונג ווי אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער געזעסן צוזאַמען מיט סטאַלינען.

דער דאָזיקער פּאָליאַק האָט, ווי איך, געזוכט זיך אַרויסצורייסן פון דער חושכדיקער איינטאָניקייט און צו פאַרטרייבן זיינע נישט־פרייִלעכע מחשבות און זאָרגן.

ער איז געווען אַן אַלטער פּוילישער סאָציאַליסט און אפשר אויך אַן אַמאָליקער קאָמוניסט, פון וועמען זיין קאָמוניזם האָט זיך אונטער דער נייער דערפאַרונג — ביסלעכווייז אויסגעוועפּט.

דער דאָזיקער אַדאָם שוויאַטלאָ האָט צווישן דעם ערב־רב, וואָס איז באַשטאַנען צוממערסטן פון רוסן, אויסגעזוכט זיינע אייגענע ווייניקע לאַנדס־לייט און האָט אויך מיך, אַ פּוילישן ייִד, אַריינגענומען אין זיין קרייז.

ער האָט אונדז דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס פון זיין אייגענער דערפאַרונג און פון זיין צוזאַמענזיין מיט סטאַלינען, ווו מען האָט אים געשמיסן און ער, סטאַלין, האָט אַפילו נישט קיין זשמורע געטאָן מיט קיין אויג.

די דאָזיקע און זיינע אַלע איבעריקע מעשיות, האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט קאָנטראָלירן. מיר האָבן זיי אויסגעהערט מיט אינטערעס, שוין בלויז צוליב צייט־פאַרטרייב און דער עיקר, כדי צו פאַרגעסן די אייגענע צרות.

נאָר אין איינעם אַ טאָג האָט אונדז דער זעלבער שוויאַטלאָ דערציילט

פון זיינעם אַ חלום, וואָס עס האָט זיך אים אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט געחלומט.

דאָס איז געווען נאָך פאַרן אָנפאַל פון די דייטשן אויף רוסלאַנד און אַוודאי פאַרן מאַרש פון דער רויטער אַרמיי אויף וואַרשע.

איך האָב דעם דאָזיקן חלום באַהאַלטן אין מיין זכרון, ווייל ער איז געווען ריין פון גאָרישקייטן און אומקלאָרקייטן ווי עס טרעפט אין חלומות, נאָר ער איז באַשטאַנען פון אַ פאַרקומעניש, וואָס האָט נאָך דאַן, אין יענעם מאָמענט אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיע.

דער דאָזיקער חלום, ווי אויך מיינע אייגענע חלומות, וואָס זענען שפּעטער מקוים געוואָרן, האָבן אין די שווערסטע מאָמענטן פון מיין לעבן אין סאָוויעטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער ווי אויף דער פריי, געשטאַרקט מיין גייסט, ווי אויך דעם גייסט פון מיינע ברידער לצרה, וועלכע האָבן ביי די איבערחזורנדיקע נגישות אויף אונדז ווי פוילישע בירגער, אָנגענומען מיינע עצות.

עס האָט זיך אים געחלומט, אַז סטאַלין שטייט, רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד ביי דער ווייסל און מיטן וויַיז־פינגער פון זיין רעכטער האַנט ווייזט ער אָן דער רויטער אַרמיי, זי זאָל מאַרשירן אויף וואַרשע.

און ער האָט אויף דעם גרונט געגלייבט און אויך אין מיר אַריינגעבלאָזן אַ האָפענונג, אַז פוילן וועט באַפרייט ווערן פון די דייטשן.

ווייל אויב אין דעם מאָמענט האָט זיך מיין גאַנצער אינטערעס קאָנ־צענטרירט אין באַפרייט ווערן פון דער סאָוויעטישער תפיסה, האָט אָבער נאָך דער באַפרייונג פונעם לאַגער אַדאַנק גענעראַל שיקאָרסקין, אונדזער גאַנצער אינטערעס זיך קאָנצענטרירט אויף אַ באַפרייט פוילן, כדי צוריק־צוקומען צו אונדזערע פאַמיליעס און דער עיקר, זיך אַרויסצורייסן פונעם „פרייען", „גליקלעכן", רוסלאַנד...

אַ פרישע דערלייכטערונג איז פאַר מיר געווען, ווען פלוצים האָט זיך די טיר פון קאַמער ווידער געעפנט און, אָ, גאָט, מען רופט ווידער אויס מיין נאָמען.

אויף אַ מאָמענט האָב איך אָנגעהויבן צו שפעקולירן: וואָס זאָל דאָס באַדייטן? רופט מען מיך אין אַ צווייטער קאַמער און איך ווער שוין פטור פון דער פאַרלייזיקטער, פאַרוואַנצטער קאַמער מיט אַלע אירע ווילדע תושבים?

אָדער עפּעס נאָך פריילעכערס, צי אַ רעוויזיע פון פּראָצעס, ווו עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט איך זאָל אינגאַנצן באַפרייט ווערן?

„און אַז מען רופט דיך דערווייל אויף אַ זעונג, ווערסטו נישט באַשטיין, בריה מיינער?" האָט זיך אַ נישט־פאַרגינערישער דריטער „צד" פון מיין מחשבה אונטערגערוקט.

נאָר לאַנג צו דינגען זיך מיטן געדאַנק האָט מען מיך נישט געלאָזט, ווייל דער וועכטער האָט מיר שוין דערלאַנגט אין דער מאַמען אַריין און געגומען שרייען וואָס איך שלעפּ זיך ווי אַ טשערעפּאַכע.

און גיי הייב דווקא אַציגד אָן מיט אים. ווען ער איז איצט אויב נישט מיין „מלאך המושיע", איז כאָטש דער „מבשר אליהו" (דער גוטער בשורה־אָנזאָגער)...

יאָ, ס'איז אַ צווייטע זעונג. איך הער שוין מיין פרויס קול. און ווען איך האָב זיך באַפרייט פון מיין מאָמענטאַלער פאַרביטערטקייט, האָב איך באַוווּנדערט נישט נאָר דער פרויס איבערגעגעבנקייט צו מיר, נאָר אויך איר בריהשקייט, אויף וואָס איך האָב זיך נישט געריכט.

ס'איז ווירקלעך אין יענע סאָוויעטישע באַדינגונגען געווען נישט קיין גרינגע מלאכה אַרויסצוקריגן אַ „פּראָפּוסק" (דערלויבעניש) צו זעען זיך מיט אַן אַרעסטירטן און נאָך צונויפשלעפּן אַזאַ פּעקל פון כל־טוב, פאַר אַ מענטש פון אַ לייכטער דיעטע.

אמת, אין דער ווירקלעכקייט האָב איך פונעם פּעקל קיין גרויסן נוצן נישט געהאַט, נאָר ווי האָט מיין פרוי געזאָגט: ס'איז דאָך פאַרט בעסער ווי גאָרנישט. אַ חלק פון דיין אייגן פּעקל וועלן זיי דאָך דיר אויך געבן און זיי וועלן דיך דערפאַר בעסער באַהאַנדלען".

גיי דערצייל איר, אַז אויך צום רעשטל רייסן זיי זיך אין די נעכט עס ביי מיר אָפּצונעמען. אַזוי פיל האָב איך איר שוין נישט געוואָלט מצער זיין. אַגב, איז שוין דאָס ברענגען אַ פּעקל צו אַן אַרעסטירטן, אויך געווען אַ מאָטיוו פאַר אַ זעונג.

זי האָט מיר אָבער דאָס מאָל אויך מבשר געווען וועגן צוויי זאַכן וואָס איך האָב זיך אויסגעקוקט די אויגן: וועגן אַ רעוויזיע פון פּראָצעס און וועגן איבערגיין אין אַ צווייטער קאַמער.

איך האָב אָנגענומען אָט די ביידע „מתנות" ווי גוטע מטבעות, נישט וויסנדיק נאָך דאַן, ווי ביטער־אַנטוישנדיק זיי וועלן זיך שפּעטער אַרויס־ווייזן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין פרוי האָט געגלויבט, אַזביידע זאַכן וועלן זיך אויסלאָזן פאַר מיר לטובה. זי האָט נישט געקאָנט וויסן און באַנעמען, אַז אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווו עס הערשט אַזאַ שטרענגע אָרדענונג, זאָל אין זיינע תפיסות הערשן אַזאַ ווילקי׳ר און הפקרות, ווו אויך אין דער צווייטער בעסערער קאַמער זאָל איין בעל־כוח שאַלטן און וואַלטן ווי אין זיין אייגן הויז.

און וועגן פראָצעס האָט זי אפשר יאָ געוווסט, אַז דאָס וויל מען אָפּ־פרישן די געשיכטע וועגן פאַרוואַלטן מיט דער ברויט־קראָם, פאַר וועלכער מען האָט מיך פאַר אַלץ געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך, טראָץ דעם וואָס איך האָב דעם בילאַנס אויסגעגלייכט — און לויטן אָפּמאַך האָט דערמיט דער ענין געדאַרפט ווערן ליקווידירט.

מען האָט איר אָבער, ווייזט אויס, פאַרזיכערט, אַז היות די פּראָקוראַטור אַליין גלויבט נישט אין מיין שולד, נאָר ס׳איז פאַר זיי אַ בלויזער יורידיש־פאָרמעלער ענין, — וועט מען מיר ביידע וויראָקן פאַראייניקן און ס׳וועט נאָר בלייבן די איינע שטראָף, וועלכע איך קום אָפּ.

האָט זי דעריבער געהאַלטן, אַזוי ווי איך ווער דאָך טאַקע פון איין צרה פטור און אַ דערמוטיקונג פאַר מיר קאָן עס אויך זיין, שאַדט נישט בכן אויך מיט דעם מיך צו טרייסטן. ווי זאָגט מען: „אַ חיי שעה איז אויך גוט״.

און אפשר האָט מען איר אַליין פאַרפירט, איר איינגערעדט, אַז דאָס מיינט טאַקע אַ רעוויזיע פון מיין אָפּקומענדיקן „דיעטסקן סראָק״ און דערי־בער האָט זי מיך אַזוי אינפאָרמירט?

צו מיין צער און ווייטיק האָט איר דער דייטשער אַכזר, צוזאַמען מיט מיינע אומשולדיקע קינדער, אומגעבראַכט, און איך וועל שוין מער ביי איר נישט קאָנען פרעגן וועגן אָט די דאָזיקע זאַכן.

דערווייל האָט מיך, ביזן אַרויסרופן צום נייעם פּראָצעס, ווו די זאַך איז מיר איינגאַנצן קלאָר געוואָרן, די דאָזיקע אילוזיע אַ צייט אונטערגע־האַלטן מיין גייסט און מיך נישט געלאָזט איינגאַנצן צוזאַמענברעכן.

ערשט שפּעטער, אין לאַגער, זענען פיל פרוון יאָ געמאַכט געוואָרן מיך צו באַפרייען, און דאָס אויף פאַרשידענע געריכטלעכע וועגן, ווי אויך אופנים פון באַגנעדיקונג, געשיקט צו סטאַלינען און צום סאָוויעטישן מלוכה־פרעזידענט וואָראָשילאָוו. זיי האָבן אָבער אַלע גאָרנישט געגעבן.

איך בין אַרויף צוריק אין צעל און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן ווי

פריער. ווען איך בין אַריין, האָט מען געשפּילט אין פּעטשעלעך. עס רעדט זיך אַזוי געשפּילט, וואָרעם עס איז נישט געווען קיין שפּיל, נאָר גיכער איין שטיק אכזריות פון איינעם איבערן אַנדערן.

די שפּיל איז פאָרגעקומען אויפן פאָלגנדיקן אופן: מען האָט זיך אָוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ אויף אַ צווייטנס שויס און מיטן אונטערחלק אַרויף אויסגעשטעלט צום פּאַטשן, ביז דער ליגנדיקער האָט געטראָפן ווער ס'האָט דערלאַנגט דעם פּאַטש.

ווען ער האָט געטראָפן ווער ס'האָט אים געפּאַטשט, האָט זיך דאַן דער פּאַטשער געדאַרפט לייגן און די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי.

איז אַריינגעפאַלן אַ שוואַכער, איז פון די בלויזע קאָוואַלסקע קלעפּ געווען אָך און ווי צו אים. און וואָס שוואַכער אָדער יאָלדישער איינער איז געווען, אַלץ פעסטערע פּעטש האָט ער געכאַפּט. לויטן כלל: גוטס צו גוטס, שלעכטס צו שלעכטס...

די נאַרמאַלע, מיטלמעסיקע פּעטש זענען געווען כדת רוצח ואונטער־וועלט. — נאָר האָט מען וועמען געוואָלט רודפן, אַ נאַרישן „יאָלד" פון דער אויבערוועלט צי אַפילו אַן אייגענעם פון דער אונטערוועלט, האָט מען אויסגעטאָן די שיך און מען האָט מיט זיי מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן אין הלק התחתון, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן קאַמער און דער געפּאַטשטער האָט דערזען דער באָבען פון יענער וועלט...

איך האָב דעם דאָזיקן כבוד נישט פאַרזוכט. ראשית, צוליב מיין באַשי־צער יאַקימאָוו און די פּעקלעך, ווי אויך צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ גראַמאַטנעם.

און פאַר אַ גראַמאַטנעם, אָדער גוטן מעשׂיות־דערציילער, אויב ער איז נאָר נישט באַזונדער אַריינגעפאַלן אין אומחן, — האָט מען אין דער דאָזיקער קאַמער געהאַט אַביסל דרך־ארץ. אַחוץ, פאַרשטייט זיך, אים צו באַגנבענען וואָס דאָס איז געווען גאָר אַ באַזונדערער חשבון.

דער קרבן אַלעקסיי

דאָס מאָל איז דער קרבן געווען אַלעקסיי איוואַנאָוויטש, אַ יונגער, דאַרער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט אין דער רויטער אַרמיי. פון אַ פּויערישער אָפּשטאַמונג, איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ קרענקלעכער און בלאַסער.

דער דאָזיקער רוס פלעגט ליגן אין זיין ווינקל און האַלטן אין איין פּרעפּלען פּראַוואָסלאַוונע תפילות. ער איז געווען איינער פון די חשובע פּאַראַשע־טרעגער און קלאָזעט־רייניקער. און צוליב זיין געבעכדיקן אויס־זען איז ער געווען דער שעיר לעזאזל פון דער קאַמער.

ווען מען האָט אים אַוועקגעריסן פון זיין ווינקל און מען האָט אים אויפגערופן צו דער „עליה", האָט ער זיך געהאַלטן אין איין בעטן: „ניעט, ניעט, ניע מאָגו" (ניין, ניין, איך קאָן נישט).

נאָר וואָס מער ער האָט זיך געבעטן און האָט נישט געהאַט קיין חשק „עולה" צו זיין, אַלץ מער האָט זיך ביי די רוצחים די יוכע אָנגעצונדן אים מיט געוואַלט צו נעמען.

ביים ערשטן און צווייטן פּאַטש, וועלכע זענען נאָך געווען „נאָרמאַלע", האָט ער זיך אויפגעהויבן און געפּרוווט טרעפן ווער דער פּאַטשער איז, נאָר ווען ער האָט ביים צווייטן מאָל אויך נישט געטראָפן, האָט זיך פון ערגעץ אַרויסגערוקט אַ בלוטיקער סאַדיסט, וועלכער האָט אים מיטן גאַנצן כוח דערלאַנגט מיט אַ מיליטערישן שטיוול.

אַלעקסיי האָט זיך דאַסמאָל שוין נישט אויפגעהויבן. ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל אַ פאַרחלשטער צום טויט. אַז ס'איז אַריבער אייניקע מינוט און מען האָט געזען אַז ער רירט זיך נאָך אַלץ נישט פון אָרט, איז אויסגעבראָכן אַ וויסטע בהלה צווישן די אימהניקעס. זיי האָבן געמיינט אַז „פּרחה נשמתו", ער איז שוין אינגאַנצן טויט.

דאָן איז יאַקימאָוו צו מיר צו און מיט פחדפולע אויגן געפרעגט וואָס מען טוט. איך האָב אָבער קודם זיך געוואָלט אַליין איבערצייגן אויפן אָרט. ערשט איך זע, אַז אַלעקסיי לעבט, ער איז נאָר פאַרחלשט.

האָב איך זיך גענומען צו דער עבודה און האָב בלית ברירה אויף אַ מאָמענט געמוזט ווערן אַ דאָקטאָר.

איך האָב אים אָנגעהויבן צו רייבן די שלייפן און שטאַרק דריקן די נאָז. איך האָב געאַרבעט אויף אַלע כלים, האָב אויסגענוצט מיין גאַנץ ביסל דערפאַרונג, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין אייגענער שוועסטער, וועלכע פלעגט נאָך איר חתונה פון צייט צו צייט אַוועקחלשן און אויך פון די יום־כיפורדיקע בעלי־חלשות פון מיין קאָצקער שטיבל.

ביז ענדלעך ס'איז מיר געלונגען. ער האָט געעפנט די אויגן און גלייך אַרויסגעפּרעפּלט: „באָזשע, פּאָמילוס, פּאָמילוס" (גאָט, דערבאַרעם זיך, האָב רחמנות).

פטור געוואָרן פון דער צרה אַלעקסיי, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע חתונה. דער צעל־קאָמענדאַנט יאַקימאָוו האָט באַפוילן מען זאָל אַרויסגעבן דעם פּאַטשער. אויב נישט, מאַכט ער אויפן מיליטערישן שטייגער: „איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם״. דאָס הייסט, די גאַנצע גרופּע פּאַטשער וועט ער שלאָגן צום טויט.

און ווער וויל דאָס קריגן געשלאָגן, בפרט פאַר אַן אַנדערן? האָבן שוין די איבעריקע בלית ברירה געמוזט אָנווייזן אויף סטעפּאַנען דעם סאַדיסט.

האָט מען סטעפּאַנען פאַרבונדן די אויגן, אים אַראָפּגעלאָזט די מכנסים און יאַקימאָוו האָט צוגערופן אַלעקסייען, ער זאָל זיך קודם אָפּנעמען זיינס — כפל כפליים און דערנאָך וועט קהל אויך צולייגן אַ האַנט...

אַלעקסיי האָט נישט געוואָלט. ער האָט פאַר דעם געהאַט נאָר איין וואָרט: „איך בין אים מוחל, מוחל״. ערשט דאַן, האָט מען בציבור סטעפּאַנען אַריינגעלייגט אַ משכנתא, אַז ער האָט אָפּגעגעבן אַלעקסייס חלק דעם קרן מיט פּראָצענט. נאָר דער געזונטער סטעפּאַן האָט נישט געחלשט...

פון דאַן אָן איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג מער צו שאַנעווען דעם חלק התחתון און דערלאַנגען נאָר די נאָרמאַלע פּעטש, „ככתוב בספר פּראַלניק״. אַן אויסנאַם קאָן נאָר געמאַכט ווערן דורך אים אַליין, זיין „הויכקייט״ יאַקימאָוו. „וחמת המלך שככה״...

נאָך דער דאָזיקער סצענע האָב איך נאָך מער געוואָלט אַנטלויפן פון דער דאָזיקער קאַמער. איך האָב דאַן געמיינט, אַז דאָס גאַנצע שלעכטס נעמט זיך נאָר צוליב די ווילדע מיליטערישע אַרעסטירטע, מיט וועמען איך האָב נישט די מינדסטע שייכות.

שפּעטער האָב איך זיך צום ווייפלטן מאָל איבערצייגט אינעם אמת: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״ (דער מענטש איז שלעכט נאָך פון זיין אָנהייב)...

די חיה אינעם מענטש זיצט אייביק. זי ווערט נאָר געצוימט אונטער דער „מוראה מלכות״. און ווערט נאָר דער מענטש אַביסל פריי פון דער דאָזיקער מורא, שפּרינגט די חיה פון אים גלייך אַרויס.

אין אָוונט האָט זיך יאַקימאָוו ווידער צו מיר צוגערוקט. און איך האָב אַדאַנק מיין ביסל געוועזענעם פּרעסטיזש צוליב דער מעשה אַלעקסיי, — מיט אים אַציינד גערעדט מיט באַק־ציינער.

איך האָב פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל זען מען זאָל מיר מער נישט צורויבן מיין אייגענעם חלק פונעם אייגענעם פעקל. מען זאָל ביינאַכט צו מיר נישט קריכן נאָכן לעצטן ביסן.

ער האָט מיר דאָס מאָל גאַראַנטירט מיט זיין קאָפּ. און אַזוי איז טאַקע געווען. קיינער האָט שוין מער נישט געלאָקערט אויף מיין חלק, נאָכן אָפּגעבן זיי תרומה און מעשר...

איך קריג וואַרעמע זאַכן און וועש

איך האָב זיך נאָך דאָ, אין דער דאַזיקער קאַמער דערוואַרט אויף אַ דריטער זעונג. און דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער זעונג איז געווען, דאָס ברענגען מיר וואַרעמע זאַכן.

מיין פרוי, אָנגעשראָקן צוליבן אַרויספירן מיך קיין סיביר, האָט מיך געוואָלט באַוואָרענען פאַר די סיבירער קעלטן.

אויב אין אָנהייב ביים אַריינקומען אין תפיסה האָב איך צוליב די גנבים און דער עיקר, צוליבן שרעקלעכן פאַרגעפיל, אַז איך וועל מיין פאַמיליע שוין מער נישט זעען, יעדע בעסערע און איבעריקע זאַך אַהיימגעשיקט, כדי אין אַ נויט זאָל זי דערפון קאָנען האָבן אַ נוצן, איז דאָס מאָל, צוליב דער מורא פאַר סיביר, פאַרגעקומען אַ צוריקברענגען נישט נאָר פון די פריערדיקע זאַכן, נאָר אויך פון פרישע.

אַזוי אַרום האָט זיך מיין פרוי צוגעאיילט און האָט מיר געבראַכט די וואַרעמסטע זאַכן און די גאַנצעווינטער־וועש, כמעט די גאַנצע חתונה־הלבשה.

די דאָזיקע זאַכן, וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אין תפיסה כמעט צוויי חדשים, האָבן מיר נישט ווייניק צרות פאַרשאַפט.

און דער סוף איז געווען, אַז ווען מען האָט מיך שפּעטער, נאָכן צווייטן פּראָצעס, אַרויסגעפירט קיין קאַרעלאָ־פינלאַנד (קאָנדעלאַקשע), האָב איך מער ווי צוויי „שאַליוועס" ווינטערדיקע אויבער־העמדער, וועלכע איך האָב ביזן צונעמען זיי ביי מיר מיט זיי זיך קיינמאָל נישט געשיידט און זיי זענען פון אָפּטן פאַרן געוואָרן האַרט ווי פאַדעשוועס, נישט געהאַט.

דאָס האָט מען מיך אַזוי באַאַרבעט אין דער נייער קאַמער, און קיין שום עצות און תחבולות פון מיין זייט האָבן נישט געקאָנט העלפן, די דאָזיקע פאַר מיר נייטיקע זאַכן איינצוהאַלטן.

און ווען דער מאָמענט פון מיין פאַרשיקונג איז געקומען, בין איך אַוועק קיין סיביר מיט לייכטע זאַכן און וועש, אָנהייבנדיק מיט צוואַנציק־גראַדיקע פרעסט, וואָס האָבן זיך אַלץ ווייטער מער פאַרשטאַרקט.

נאָר ווער קאָן דאָס אַלץ אַזוי פאָרויסזעען און אויסרעכענען, ווען די שרעק האָט אַזעלכע גרויסע אויגן? און ס׳איז געווען פאַרוואָס צו שרעקן זיך.

דערווייל האָב איך גענאָסן פון אַ תפיסה־זעונג. און ווי אַ קינד וואָס שפּילט זיך אַרום מיט זיינע צאַצקעס, אַזוי האָב איך זיך אַרומגעשפּילט און אַרומגעטראָגן זיך מיט מיינע אָנגעבראַכטע זאַכן, וועלכע האָבן מיר אויף אַ שטיקל צייט געגעבן אַן אַרבעט זיי צו היטן, וואָס האָט סיווי נישט געהאָלפן.

דאָס מאָל האָט מיין פרוי שוין מיט זיכערקייט פעסטגעשטעלט, אַז איך גיי אַריבער אין אַן אַנדער קאַמער, וואָס איז טאַקע אַזוי געשען. און דער אָפּטימיסט אין מיר האָט אין די נעכט שוין געאַרבעט מעשים, פאַרשטעלנ־דיק מיר די „גליקן" פון מיין נייעם בייט.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און די טיר פון קאַמער האָט זיך ווידער געעפנט און איך האָב צום פערטן מאָל געהערט אויסרופן מיין נאָמען.

ביי אַלע האָבן זיך די אויגן אויפגעריסן פון קנאה. און אויף צו באַ־שטעטיקן, אַז איך פאַרלאָז ווירקלעך די קאַמער, הייסט מיך דער וועכטער דאָס מאָל פאַרנעמען מיינע זאַכן.

און יאָ, מען פירט מיך אין אַ צווייטער קאַמער און איך באַוויז נאָך מיט אַ געמאַכטער פריינטלעכקייט אויסצושרייען: „חברים, צום ווידערזען אויף דער פריי"

וואָס פאַר אַ שפּיצלעך דער לעבנס־גאַנג האָט מיר נישט אָפּגעטאָן אין מיין ביזאַהעריקן לעבן, איז דער דאָזיקער קאַמער־בייט, צו וועלכן איך האָב אַליין אַזוי גיריק געשטרעבט, געווען איינס פון די ערגסטע שפּיצ־לעך, וואָס דער לץ פון דער אמתער ווירקלעכקייט האָט מיר אָפּגעטאָן.

קאַפּיטל צען

אין דער נייער צעל

די נייע קאַמער, ווו ס'איז מיר אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון מיין זיצן אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק.

ווי אַ פּאַלאַץ האָט זי אויפן ערשטן בליק אויסגעזען אַנטקעגן דער פריערדיקער פיל גרעסערער, אָבער גענוג אָנגעפּראַפּטער און שמוציקער קאַמער.

זי האָט געהאַט ריינע ווענט און אַ גוט־געפּליגטע פון דעמבענע ברעטלעך פּאָדלאָגע, מיט צוויי גרויסע פענצטער, הגם פאַרקראַטעוועטע, וועלכע זענען אַרויס אין הויף.

ווען נישט די „פּאַראַשע" און דאָס שלאָפן אויפן בלויזן דיל, וואָלט מען לויטן אויסזען נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ תפיסה־קאַמער.

זי איז געווען אויך וויפל די תפיסה־מעגלעכקייטן האָבן דערלויבט, אַ ריינע און אַ לופטיקע. ס'האָט אויך אין איר געהערשט מער אָרדענונג און דיסציפּלין. אמת, אַן אַרויפגעצוווּנגענע.

נאָך דער טעראָר פונעם צעל־קאָמענדאַנט איז דאָ געווען אַ פּיל גרעסערער ווי אין דער פריערדיקער קאַמער. אויב דאָרט זענען אינעם גרעסטן טייל געזעסן מיליטערישע הפקרניקעס, זענען דאָ געווען ציווילע, באַשטייענדיק פון פּראָפעסיאָנעלע גנבים און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכער.

דאָ איז אויך דער רויב צוגעגאַנגען מיט מער „אָרדענונג", ווייל די גניבות און גזילות האָבן געמוזט זיין מיטן וויסן פונעם הויפּט־גנב און אין הסכם מיט דער גנבישער מאָראַל.

דער קאָמענדאַנט איז דאָ געווען אַ ייִדישער גנב און אונטערגראַבער, וואָווקע „באַנדיט", וואָס האָט דאָ געהערשט „ביד רמה" און האָט געפּראַוועט טיש ווי אַ רבי מיט זיינע חסידים.

נאָך טראַץ זיין כוליגאַנעווען, רויבן און שלאָגן, האָט מען אים דעם

זכות פון האַלטן ריין די קאַמער און אַריינקריגן בעסערע מיטאָגן פאַר די קאַמערניקעס נישט געקאַנט צונעמען.

ער האָט געהאַט צו זיין הילף אַ שייקע גנבים, וועלכע האָבן אים געטריי געדינט, און האָבן ווי יושבים ביי אַ רבין געגעסן פון „זיין" טיש.

דער טיש איז אָבער באַשטאַנען פון די פּעקלעך, וואָס די „יאַלדן" און די דורך אים טעראָריזירטע קאַמערניקעס פלעגן באַקומען, אָדער אַזוי פאַרמעגלעכע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן, וועלנדיק באַצייטנס זיך באַוואָרענען פאַר זיין טעראָר, דורך דער פאַרמיטלונג פון די וועכטער פאַר אים איינגעקויפט.

אין דער דאָזיקער קאַמער האָבן אַלע יידישע בעלי־מלאכות געאַרבעט פאַרן דאָזיקן גיריקן רוצח. ער האָט אויף דעם געביט זיך דאָ געפילט ווי אַ באַנדע־הויפּט אויף דער פריי.

אַלץ וואָס זיינע אויגן האָבן באַגערט און געגלוסט, האָט ער אָן באַזונדערע שוועריקייטן און אָנשטרענג אַרויסגעקריגן פון זיינע אַרעסטירטע מיטקאַמערניקעס.

ס'איז נאָך היינט, ווען מען טראַכט דערפון, צו באַוואונדערן און שטוינען, וויאַזוי אַרעסטירטע בעלי־מלאכות האָבן אין אַ פאַרמאַכטער קאַמער אָן שום מכשירים אים געקאַנט באַשיכן און באַקליידן און דאָס נישט אויף קיין ערגערן אופן ווי אויף דער פריי.

מיט וואָס פאַר אַ טריקן און קאָמבינאַציעס זיי האָבן פאַר אים עס אויסגעזוכט פאָדים צום נייען און אַנדערע דערצו נייטיקע מאַטעריאַלן.

אַזוי האָבן שוסטער פאַר אים געגנייט שיך און שטיוול און שניידער — אנצוגן און מאַנטלען. און אויב איר ווילט, האָט מען אים אויך אויפגענייט אַן עכטן סיבירער פוטער.

מען האָט צענומען זאָקן און אַנדערע זאַכן, פון זיי אַרויסגעקריגן פאָדים, קנעפּלעך, שטיק־לייוונט און אויסבעטעכץ. מען האָט צעטרענט אַלטע שיך, כדי פון זיי אַרויסצובאַקומען דאָס נייטיקע פאַר זיינע שטיוול.

און אַז עס איז גאָר שוין קיין ברירה נישט געווען, האָט אַ טעראָריזירטער „יאַלדישער" סוחר אָדער שמוגלער, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער קאַמער, פון דער פריי אים געמוזט באַזאָרגן אַ פעלכל אָדער אַ שטיקל לעדער.

דאָס אַריינשמוגלען איז אין דער קאַמער געווען גרינגער ווי אין דער

פריערדיקער, ווייל אינעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד זענען די גנבים די פּריווי־לעגירטסטע אַרעסטאַנטן. און פון זייער זכות האָבן אויך די איבעריקע געגעסן.

אַ טייל זענען פונדאַנען געגאַנגען אין דער קיך אויף אַרבעט, ווי אויך אויסער די ווענט פון דער תפיסה. און דאָס אַלץ איז פאַר וואָוקע „באַנדיט״, דעם ראש פון די גנבים, געווען צומגונסטן.

ווען וואָוקע איז דערנאָך אַוועק אויף סיביר, איז ער אַוועק אַ באַקלייד־טער און אַ באַשטיוולטער, אַן אָנגעטוענער פון קאָפּ ביז די פיס. און צווישן זיינע זאַכן זענען אויך געווען מיינע בעסטע ווינטער־וועש און נייע קאַלאָשן, וועלכע ער האָט באַלדביים אַריינקומען אין קאַמער ביי מיר צוגענומען.

ווען איך בין אַריין אין דער דאָזיקער צעל איז געווען אַ ווינטערדיקער נאָכמיטאָג. אין קאַמער זענען דאַן געווען ווייניק מענטשן. די איבעריקע זענען געווען אויף אַרבעט.

איז מיר פון די דאָזיקע ווייניקע אַנטקעגנגעגאַנגען אַ מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער קרעפּקער מאַן. ער איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט, ווי ער וואָלט געווען דער נאַטשאַלניק פון תפיסה.

איך האָב מיינע זאַכן געטראָגן אויף די הענט אַפילו נישט פאַרפּאַקט, ווייל נאָר־וואָס, מיט אייניקע טעג צוריק, האָט מיר זיי די פרוי געבראַכט און איך האָב זיי געהאַלטן אונטער מיין געלעגער.

און דער קאַמער־בייט איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלינג, ווי אַלץ וואָס געשעט אין פאַרבאַנד. און אין דער פריערדיקער קאַמער האָט מען אויסער געלט און שפּייז, ביי מיר נישט געגנבעט.

ער איז צו מיר צו און פרעגנדיק כלומרשט וואָס איך האָב דאָ, זיך קודם אַליין גענומען וואָס אים איז געפעלן. פון אַלץ אַ טייל. ער האָט זיך אויסגעקליבן די בעסטע וועש און סקאַרפּעטן, ווי אויך די נייע האַלב־טיפע קאַלאָשן, וואָס מיין פרוי האָט זיי מיט גרויס אָנשטרענגונג פון ערגעץ געקריגן, כדי מיך צו פאַרזיכערן פאַר די סיבירער פרעסט.

ס׳האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אַז איך זאָל זיך מיט אים פאַר־מעסטן. אָבער סתם אונטערגעבן זיך האָט מיר מיין שטאָלץ און אַמביציע נישט געלאָזט.

אויב ביי די איבעריקע זאַכן האָט מיך געאַרט דאָס צונעמען זיי ביי מיר אין מיטן העלן טאָג, האָט מיך אָבער ביי די קאַלאָשן שוין מער ווי

פאַרדראָסן. ווייל איך האָב דאָך מער ווי איין פּאָר קאַלאָשן נישט געהאַט. און איך בין דאָך געווען פּונקט אַזאַ קאַנדידאַט אויף סיביר ווי ער.

האָב איך אים שוין מיט רוגזה געפרעגט: „איר האָט עפּעס צו מיר אַריינגעלייגט, וואָס איר נעמט זיך אַליין?". אויף דעם האָב איך גלייך באַקומען מיין ערשטן אַדערויף, וואָס האָט מיך שוין ביזן סוף מיט אים און זיין שייקע צעקריגט, פאַרשאַפנדיק מיר נישט ווייניק צרות.

ער האָט פונדעסטוועגן זיין קאָמענדאַנטסקע פּליכט צו מיר, ווי צו זיין קאַמערניק, געטאָן. ער האָט מיר גלייך אָנגעוויזן מיין אָרט פאַר אַ געלע־גער. און דאָס געלעגער, כאָטש אויפן בלויזן דיל, איז פאַרט געווען בעסער ווי דאָרט.

אין אָוונט איז זיך דער עולם צונויפגעקומען פון דער אַרבעט און איך האָב זיך געגומען באַקענען מיט די מענטשן. איך האָב אָבער פון צווישן זיי קיין איין באַקאַנטן דערווייל נישט געטראָפן, אויסער אַ יונגן ביאַליס־טאָקער כוליגאַן, וועמענס פאָטער, אַ באַבערדלטער דראָזשקאַזש, וואָס פלעגט שטיין ביים מאַגיסטראַט, איך האָב נאָר געקענט.

נאָר אויך די דאָזיקע שוואַכע פּראָטעקציע איז מיר שפּעטער צונוצ־געקומען. און מען דאַרף מודה זיין, אַז דער דאָזיקער כוליגאַן, אַ מעסער־שטעכער, מיט וועמען אויך וואָווקע „באַנדיט" האָט נישט געוואָלט אָנהייבן, האָט פונדעסטוועגן אויף זיין שטייגער אַרויסגעוויזן מער יושר ווי וואָווקע.

וואָווקע איז געווען שטאַרקער פון אים. ער האָט אָבער נאָר זיך געקענט שלאָגן אויף טרוקן. — און מיט אַ מעסער־שטעכער האָט ער זיך נישט געוואָלט אָנהייבן.

קיין גרויסער בעל־דעה אין דער קאַמער, ווי לאַנג עס האָט געהערשט וואָווקעס פּויסט, איז יאַנעק נישט געווען. נאָר באַוווּלהן אים האָבן זיי פונדעסטוועגן מורא געהאַט. האָט יאַנעק, ווי די גנבים, געהערט צום „טיש" און געגעסן פונעם מלכס קעסט. ער איז לכתחילה געווען דער איינציקער קריסטלעכער יחסן וואָס איז געזעסן ביים „ערן"־טיש און האָט געזונגען זיינע רוסישע לידער.

אַ פאַרפוילישטער רוס, איז דאָס מוטעריל רוסלאַנד באַלד ווי די סאָוויעטן זענען אַריין קיין ביאַליסטאָק, פון אים אַרויסגעקראָכן, כאָטש ער האָט מיט זיי געהאַט אַ קנאַפּע שייכות, ווי ער האָט בכלל, אויסער ווי מיט זיין הפקר־דזשונגל, מיט קיינעם קיין שייכות נישט געהאַט.

פלעגט ער ווי אַ זינג־פויגל אין שטייג, וואָס בענקט נאָכן וואַלד, אַ

פּאַרבענקטער נאָך דער פרייַ, אויסזונגען זיינע לירישע רוסישע לידער, איבערהויפּט זיין „וואָלגאָ" און „מאָסקוואָ מאָיאָ".

אַ שיינע שטימע האָט ער געהאַט, פלעגט ער מיט זיינע לירישע אויס־גוסן, אויך אין אונדז אָנצינדן אַ פלאַמיקע בענקעניש נאָך דער פרייַ.

אין אַזאַ מאָמענט האָבן זיך אַלע מחיצות צווישן אונדז פאַנאַנדער־גערוקט. און באַגער מיט באַגער האָט זיך באַהעפט אין איין בלהשדיקער תפילה. און איך האָב מער ווי תמיד באַנומען דעם זין פון זיין פרייַ...

שפּעטער האָט זיך וואָווקעס צד מיט אים צעבראָגזט, זייענדיק אים חושד אין מסרן זייער „רבין", וואָס האָט נעבעך אַ מעת־לעת געדאַרפט אָפּקוטעווען אין קאַרצער.

דערפאַר, ווען וואָווקע איז אַוועק דאָרט ווו אַלע אַרעסטירטע פון דער קאַמער זענען געגאַנגען, איז דער הויכער, שלאַנקער יאַנעק, געבליבן דער איינציקער יורש עצר פון דער קאַמער־קרוין... דאָס איז געווען אַזוי נאַטיר־לעך, ווי ס'איז נאַטירלעך אינעם ראַטנפאַרבאַנד תפיסה און לאַגער.

וואָווקעס יחוס

„כשהשמחה במעונו", ווען וואָווקע „באַנדיט" איז געווען אויפגעלייגט, האָט ער מיט שטאָלץ אַליין דערציילט זיין יחוס. זיין נאָמען — האָט ער אָנגעהויבן — איז וועלוול און זיין פאָטערס נאָמען איז געווען מרדכי. נאָר מען רופט אים „וואָווקע באַנדיט", ווי מען האָט זיין פאָטער גערופן „מאָטיע דראָנג". זיינעם און זיין פאָטערס נאָמען געדענקט ער, זינט מען האָט אים שמחת תורה, אין זייער פורמאַנסקען בית מדרש, אויפגערופן מיטן „אָבאָז" (כל הנערים).

ער געדענקט ווי היינט, ווי מען האָט אים אויפגערופן זאב ב"ר מרדכי הכהן. און דער פאָטער האָט אים דאַן אויפגעקלערט, אַז זאב מיינט וואָלף־וועלוול. ער געדענקט אויך, אַז די אַנדערע פורמאַנעס האָבן זיין פאָטער געוואַשן די הענט. מאָטיע „דראָנג" האָט מען זיין פאָטער גערופן, ווייל ער פלעגט מיט אַ גרויסן דראָנגאָוון וואָגן פירן סחורה פון דער גרויסער שטאָט צו זיך אין שטעטל אַריין.

אַלע האָבן אים געקענט און געטרויט. ער איז געווען אַ גרויסער גבור, דער שטאַרקסטער אין דער סביבה. ער פלעגט אַ נעם־טאָן אויף די פּלייצעס אַ נייַן־פּודיקע פאַס בוימל, ווי מען הייבט אויף אַ פּילקע און ער פלעגט

די גאַנצע משא אַליין אָנלאָדן אויפן דראָנגאָוון וואָגן. ער איז מיט זיין וואָגן געפאָרן אַליין, אויף אַלע אָפענע און פאַרבאַרגענע וועגן, דורך פעלדער און וועלדער, נישט האָבנדיק ביי זיך אפילו קיין שפייער (רעוואָלווער). זיין איינציק געווער נאָר איז געווען אַן אייזערנער פּרענט.

איין מאָל נאָר איז אים באַפאַלן אַ באַנדע אין מיטן וועג, האָט ער מיט זיין פּרענט אין איר געגומען כמאַליען, ביז זי איז זיך אַ צעבלוטיקטע צעפליגן אויף אַלע זייטן. פון דאַן אַן האָט אים שוין קיינער מער נישט פאַרטשעפּעט, ביז ער איז געפאַלן פון די אייגענע בלאַטע יאַטן, אָבער נישט פון קיין קלעפּ חלילה, נאָר פון אַ גרויסן ספּרוזשינאָוון מעסער, וואָס דער ממזר ליאָווקע פאַרך האָט אים פון הינטן אַריינגעזעצט, בעת ער האָט זיך צעפּאַכעט מיט זיינע אייזערנע הענט קעגן פינף שטאַרקע, ווי מיט שטאָלענע פּעכערס.

און אַרויסגעקומען איז דאָס צוליב אַ מיאוסע גניבה, וואָס די בלאַטע זענען באַגאַנגען קעגן אַן אָרעמער אַלמנה, פאַר וועלכער זיין פאָטער האָט זיך אָנגענומען. אַזאַ מענטש איז ער געווען. נאָר נישקשה, ער, וואָווקע, האָט זיך אין ליאָווקע פאַרך נוקם געווען פאַר זיין טאַטנס בלוט. ער האָט אים, ווען ער איז עלטער געוואָרן, לויטן פּסק פון אַן אייגענער דין־תּורה, קאַלט געמאַכט...

דער פּסק איז אים געקומען, ווייל ער האָט זיך נישט געטאָרט באַנוצן מיט קיין מעסער אין אַ טרוקענעם געשלעג. פון דאַן אַן איז וואָווקע געוואָרן אַ קיילעכיקער יתום. זיין מאַמע, מלכה, איז פון צער נאָכן מאַן געשטאָרבן, און אויף זיינע הענט זענען געבליבן צוויי קליינע שוועסטער, וועלכע ער האָט געמוזט דערנערן.

האָט אים אַ בלאַטער, אויס רחמנות, אַריינגענומען צו זיך אויף אַרבעט... ער איז לכתחילה ביי אים געווען אויף דער לער. ער האָט אים צוגעהאָלפן באַאַרבעטן די יאָלדן. קליין און פלינק איז ער געווען, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו אַ רייכן יאָלד אין דער דירה און מאַכן אין איר אויסקוקאַרבעט.

ער פלעגט אַרומקוקן און באַטראַכטן אַלע פאַרבאַרגענע ערטער, ווי אויך די טירן און די לאָדנס, די קייטלען, ריגלען און שלעסער. שפּעטער האָט ער שוין אויך מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. ער פלעגט זיך באַצייטנס אַריינכאַפּן אין אַ שטוב, אַרונטערקריכן אונטערן בעט אָדער אין אַן אַנדער אָרט זיך אויסבאַהאַלטן.

מען האָט זיך געדאַרפט גיך כאַפּן — און אַרבעטן פלינק און שטיל. ערשט ווען די בני־בית זענען איינגעשלאָפן, האָט ער פּאַמעלעך געעפנט די טיר און אַרייַנגעלאָזט זיין פּאַרטאַיעטן מאַרוויכער־בעל־הבית. ער האָט אַזוי געאַרבעט, ביז דאָס מזל האָט אים איינמאָל אויפגעשיינט. ער האָט געהאַט אַן אומגעריכטן גרינגן און רייכן שניט, וואָס האָט אים מיט זיין ברויט־געבער געשטעלט אויף די פיס.

וואָלט ער דאַן געהאַט שכל און אָפּגעשטעלט זיך, ער וואָלט אַוועק אין אַ וויַיטע שטאָט און זיך גענומען צו אַן אַנדערער פרנסה, וואָלט ער איצט אויך געווען איינער פון די באַלעבאַטישע יאָלדן...

זענען אָבער זיין ס׳גאַל מענטשן נישט קיין יאָלדן, נאָר האָבן קלעפּיקע פינגער, קאָנען זיי זיך נישט אָפּרייסן פון פאַך ווי פון סמאָלע, און זיי וועלן שוין שטאַרבן ווי מאַרוויכער (גנבים). און געווען איז דאָס דווקא ביי איינעם וואָס האָט נישט אויסגעזען ווי קיין גביר. ער איז געווען אַ גרויסער קניכער, איז אַנגעגאַנגען פאַר אַ קבצן און האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער.

ער האָט זיין געלט, וויַיזט אויס, קיינעם נישט געטרויט און האָט אויך מורא געהאַט מען זאָל זיך נישט דערוויסן אַז ער האָט געלט. ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויף וואָווקען. ווען וואָווקע „באַנדיט" איז ביים דאָזיקן קניכער געלעגן אונטערן בעט, האָט ער פלוצלינג געהערט ווי דאָס וויַיב זאָגט צום מאַן ער זאָל דאָס געלט באַהאַלטן אונטער די נישע ביים אויוון.

דער מאַן, וואָס איז געווען מער יידענע ווי מאַנספּאַרשוין, האָט דאָס וויַיב באַלד געפאָלגט און האָט אַזוי געטאָן. ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זיך גלייך געלייגט שלאָפן. און אין מינוטן אַרום זענען זיי איינגעשלאָפן און האָבן זיך צעפייפט און צעכראָפּעט ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער.

דאַן איז ער, וואָווקע, אַפּיר פון אונטערן בעט, איז צו צו דער וואַנט־נישע ביים אויוון, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרבאָרגן ווינקל, און דאָס פּעקל געלט צוגענומען. ווען ער איז, אַ ציטערנדיקער פון פרייד, אין איין אָטעם, אַוועקגעלאָפן צו זיין ברויט־געבער און מען האָט איבערגעציילט דאָס געלט, „איז אַ רוח אין זיין קניכעשן טאַטן", דאָרט געווען אַ גאַנצע אַפּותיקא, גאַנצע פופצן טויזנט קערבלעך. אַזוי פיל האָט ער דער דאָזיקער „קבצן" אַנגעזאַמלט.

פון דאַן אָן איז ער געוואָרן אינגאַנצן זעלבשטענדיק. ער האָט געאַר־בעט פאַר זיך אַליין. ער האָט דורך דער צייט אַדורכגעפירט פאַרשידענע שטיקלעך אַרבעט, נאָר אַלע אויף טרוקן...

ער האָט פיינט געהאַט און האָט נאָך אַצינד אויך פיינט נאַסע אַרבעט... ער באַמיט זיך ווי ווייט דאָס איז מעגלעך עס אויסצומיידן.

נאָר צוויי מאָל אין זיין לעבן האָט ער אין דעם געהאַט אַ דורכפאַל. און דאָס איז געווען, ווען ער איז אַריבער אויף שווערע־ אַרבעט.

ער האָט לכתחילה זיך באַנוגנט מיט שטוב־גניבות. און אַז ער האָט געהאַט ביי דעם אַ דורכפאַל, איז ער תיכף געוואָרן אַ האַז. זעלטן ווען, אַז אַ יאָלד האָט אים פאַרהאַלטן.

נאָר נאָך דעם ווי פאַניע גנב האָט זיך אָפּגעטראָגן פון פוילן און דער ווייסער אָדלער האָט מיט גאווה זיך צעפּאַכעט די פליגל, — זענען אָנגעקו־מען אַנדערע צייטן און די געשעפטן האָבן זיך פאַרערגערט.

מען האָט שוין קיין געלט און צירונג נישט געהאַלטן אין שטוב, נאָר אין די בענק, און אין אַ נויט — אין פעסטע אייזערנע קאַסעס. און די שטוב־אַרבעט איז אָנגעקומען שווער ווי קריעת ים סוף.

דאַן האָט ער געקויפט אַ פּאָר סוסים, האָט צוגענומען אַ שותף און איז אַריבער אויף גרויסע אַרבעט, אויף מאַגאַזין־גניבות.

ער פלעגט אין פינצטערע רעגנדיקע נעכט אַרויסטראָגן פון די מאַגאַ־זינען און געשעפטן די בעסטע סחורות. די פערד האָט מען אויף די פיסקעס אָנגעטאָן טאָרבעס, זיי זאָלן רויק שטיין און מעלהגרהן, און די פּאָדקאָוועס האָט מען אַרומגעוויקלט מיט ווייכן וווּליק, זיי זאָלן טרעטן ווי אויף גומענע פּאַדעשוועס.

אין גרעסטן טייל פלעגט מען קיין פראָנטאָווע געשעפטן נישט רייניקן, נאָר די, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הייף און גענומען האָט מען נאָר ווערטפולע און גאַנגבאַרע סחורות.

די אָפּנעמער זענען אויך געווען שותפים, ווייל אַלע האָבן געאַרבעט אויף חלקים — ווי אין אַ שותפות־קאָאָפּעראַטיוו. און דאָס געשעפט איז אַוועק אַ גאַנג.

איינמאָל איז צוליב אַ מיידל שיעור נישט געקומען צו אַן אומגליק. כאַטש אויסגעלאָזט האָט זיך עס דווקא צום גוטן, ווייל ער האָט אַ צייט דערפון געהאַט אַ טאָפּלטן ריווח. כאַטש אין אָנהייב האָט אים דער עסק יאָ עפּעס געקאָסט.

דערפאַר שפּעטער האָט זי אים אָפּגעגעבן דעם קרן מיט פּראָצענט. „כאַטש ער איז פון דער נאַטור נישט קיין אויסנוצער־שפּעקולאַנט, נאָר אַן איינפאַכער מאַרוויכער". ס'האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט.

זי איז געווען אַ וווּיל מיידל, שיינדעלע, מיט די פעך־שוואַרצע קאַרשן־אויגן. נאָך איצט שטייט זי אים פאַר די אויגן. זי איז געווען ווי אַ גלאָזונע, וועלכע מען דאַרף פאַנאַנדערבלאָזן.

נאָר האָט מען איר פאַנאַנדערגעבלאָזן, האָט זי זיך צעפלאַקערט מיט אַזאַ העליש פייער, אַז מען האָט געקאָנט אין איר נאָענטקייט פאַרברענט ווערן.

און געווען איז דאָס אין איינער אַ פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט. דער מאַגאַזין, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק, איז שוין באַלד געווען באַאַרבעט. ער און זיין שותף האָבן אונטערן גאַס־רעגן געאַרבעט מיטן גאַנצן אימפעט.

זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַראָפּטראָגן דאָס לעצטע פעקל שניט־סחורה. און דאָס איז געווען אַ סחורה, וואָס מען האָט געריסן פון די הענט. פלוצלינג האָט מען געהערט ווי עמיצער גייט אויף די טרעפ.

„ווער זאָל דאָס זיין אין אַזאַ גאַס?".

און מען האָט נישט געטאָרט פאַרלירן קיין רגע. איך קאָן איז געשטאַנען די אייגענע עקזיסטענץ. האָבן זיי אויסגעלאָשן דאָס שוואַכע ליכט, זיך פאַרטאַיעט און גלייך אויף די טרעפ אַ כאַפּ געטאָן די אָנקומענדיקע און איר אַריינגעשלעפּט אין מאַגאַזין.

מען גיט אַ קוק, ס'איז אַ שיין יידיש מיידל, וואָס האָט זיך אַרום דריי ביינאַכט פון ערגעץ אַהיימגעשלעפּט.

דאָס מיידל, וואָס איז געווען אַ באַלעבאַטישע, נאָר אַביסל אַן אויסגע־גליטשטע — איז אין וואָווקעס הענט געשטאַנען אין איין ציטער. זי האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט, אַז אירע פרומע עלטערן זאָלן זיך נישט דער־ווייסן וועגן איר אויפפירונג.

אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט געהאַט בלויז צוויי ברירות: אָדער איר אָפּרוימען, אָדער איר אַריינגעמען אין די הענט, מאַכן איר פאַר זיך אינגאַנצן זיכער...

האָט ער אויסגעקליבן דאָס צווייטע, און מיט געוואַלט איר געמאַכט פאַר זיין „כלה". זי האָט זיך לכתחילה געוואָרפן, געראַנגלט זיך און בלית ברירה איינגעגאַנגען.

פון דאַן אָן איז שיינדעלע אין געהיים געוואָרן זיין „ווייב". און זי האָט,

נישט אויסזאָגנדיק פאַר קיינעם, אויסגעפּירט אַלע זיינע פאַרלאַנגען און שליחותן, זייענדיק אונטער זיין שטענדיקער אויפזיכט און שוץ.

און חוץ דעם, וואָס זי האָט צוגעהאָלפן אין דער פּרנסה, איז זי אויך געווען פאַר אים אַ טרייסט און דערקוויקונג פאַרן לייב. ווייל זי, שיינדעלע, איז געווען אַ שיינע, רייצנדיקע און איין שטיק פלאַם.

נאָר אויב מיט שיינדעלען איז נאָך צוגעגאַנגען גלאַטיק, איז דערפאַר דער צווייטער פאַל שוין נישט אָפּגעגאַנגען אַזוי טרוקן. — ער איז אינעם דאָזיקן צווייטן פאַל, קעגן זיין אייגענעם ווילן, געוואָרן געצוווּנגען דעם שטעכער אָפּצורוימען...

געווען איז דאָס אַ פּוילישער „פּיאַניצע", וואָס דער טייוול האָט אים פון ערגעץ אָנגעטראָגן. צי ער איז געווען אַ שטאָטישער, צי אַ פרעמדער, האָט וואָווקע נישט געוווּסט.

דער דאָזיקער שיכור, וואָס האָט ביים סאַמע סוף פון דער אַרבעט זיך פּלוצלינג באַוויזן, האָט ווי אַ באַנומענער, מיט אַ כריפּקעוואַטע קול ווי אַ טעמפּע זעג, אָנגעהויבן צו שרייען: „איי, זשידזשע צאָ טי ראָביש" (איי, זשיד וואָס טוסטו?).

וואָווקע האָט אים מיט אַלע מיטלען געוואָלט איינגעמען, איינשטילן, ער זאָל נישט טומלען. ס'האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן.

וואָס מער מען האָט אים געלאַשטשעט, אַלץ מער האָט דער אַנטיסע־מיטישער „פּיאַניצע" זיך געריסן אויפן גאַרגל. ס'איז געווען אַ נס, וואָס אַרום איז געווען שטאָק־פינצטער און דער הויף איז געווען אין אַן אָפּגעלעגענער גאַס.

„וואָס האָט מען דאָ געקאָנט טאָן?", שטיין ווי אַ גולם און וואַרטן ביז דער שיכור וועט זיך פון זיך אַליין איינשטילן, קאָן מען זיך דערוואַרטן אויף טאָג, אָדער אויף אַ פּאָליציאַנט.

מאַכן אַ ויברח מיט דער סחורה, וואָלט דער שיכור מיט אַ טומל אים נאָכגעלאָפן, און ער מיט זיין שותף, מיט פערד און וואָגן, וואָלטן גלייך אַריינגעפאַלן צום לייב אין פּיסק אַריין.

האָט ער גערעכנט: טויט־שיכור איז ער, דאָס אָנשיקעניש, וועט ער אים געבן אַ זבענק (אַ קלאַפּ) צווישן די אויגן און ער וועט איינגעמען שטו־מעניש, ביז מען וועט זיך איז פולער אָרדענונג אָפּטראָגן. האָט אָבער יענער

נאָכן כאַפּן דעם זעץ, זיך נאָך מער צעריטשעט: „זשיד, רויבער, באַנדיט״, האָט ער געהאַלטן אין איין ליאַרמען.

און ערשט ביים וואָרט „זשיד״, איז וואָווקע שוין גאָר אַרויס פון די כלים און האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער איז אַריין אין אַ געוואַלדי־קער רציחה און האָט אים מיטן גאַנצן כוח געגעבן אַזאַ „קעפּקע״ (מיטן קאָפּ אונטער דער גאָמבע), אַז יענער איז באַלד אומגעפאַלן און האָט זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן.

מען האָט אים נאָך געפּרוווט מונטערן, ס׳האָט שוין אָבער גאָרנישט געהאָלפן. זיין הינטישע נשמה איז פון אים אַרויס אויף אייביק. „מיר האָבן מער נישט פאַרלוירן קיין רגע, און ווי אַ זעקל מעל האָבן מיר אים ערגעץ אין וועג אַריבערגעוואָרפן איבער אַ פּלויט״.

וואָווקע האָט אַ קלעפּל געטאָן די סוסים אונטער די אויערן, און איז מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ אַוועקגעפאָרן אָפּשטופּן די סחורה. ווען ער האָט אַהיימגעבראַכט זיינע „אָדלער״, זענען זיי געווען אויסצודרייען פון שוויס. אַזוי האָט מען זיי דאַן אָנגעטריבן.

דער לעצטער פאַל, פאַר וועלכן ער האָט מיט חסד באַקומען אַ צענערל (צען יאָר) און קומט דאָ אָפּ זיין שטראָף, איז געווען שוין ביי דער סאָוויע־טישער מאַכט באַלד נאָך זייער אַריינקומען.

און דאָ האָט ער נאָך געהאַט מזל. ווייל ס׳האָט נאָך געקאָנט זיין ערגער און ער האָט געקאָנט שפּילן מיטן לעבן. „אונדזער סאָוויעטסקע וולאַסט״, איז ער פּלוצלינג איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדערן טאָן, „איז אייך נישט דאָס פּאַשיסטישע פּוילן״.

„ביי אונדז גייט אַלץ אויף גרויס, ווי די מאַמע־רוסלאַנד איז גרויס. דאָ הייבט מען אָן פון יאָרן. זיי שטייען, די יאָרן, און וואַרטן אויף אונדז. פינף, צען, פופצן און צוואַנציק״.

און אין גרויסן ראַטנפאַרבאַנד פעלט נישט קיין אַרבעט. „ראַבאָטאַ כוואַטיט״ (אַרבעט איז דאָ גענוג), וואָס עס פעלט איז, הענט, הענט ביליקע און אומזיסטע...

ער האָט געוואָלט אַרויסקריגן פון אַ סאָוויעטישן מאַגאַזין אַ ביסל בראָנפן. ער האָט זיך נישט פאַרנומען אויף גרויס. איז ער ביינאַכט צו, האָט גרינג געעפנט דעם מאַגאַזין און האָט פון אים אַרויסגענומען אַביסל פלע־שער. ער האָט אַרויסגייענדיק, זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט אויף אַלע זייטן און האָט שוין אָנגעהויבן שטעלן טריט.

ווי נאָר אָבער ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ פּאַטרול פון דריי זעלנער, וועלכע האָבן אים ווי מיט צוואַנגען אַרומגענומען מיט זייערע אויסגעשטרעקטע שטיקעס, ווי צו אַ פראָנט־אַטאַקע.

„איי סוקין פּרי סוקין (הונט פון הונט אַרויס), „מערזאַוויעץ״ יאָ... (אַ רוסיש זידלוואָרט), וואָס האָסטו אַנגערויבט ?״, האָט זיך דער עלטסטער צעשריגן.

„רויט־אַרמייצעס, טייערינקע, איך האָב ליב דעם טראָפּז, האָב איך זיך געטראַכט: אַלץ איז דאָך פאַרן פאָלק, און דאָ איז פאַראַן אַזוי פיל, וועל איך אויך נעמען אַביסל און שטילן מיין שיכורן לוסט. איך האָב נאָר גענומען פאַר זיך און איך בין נישט קיין רויבער און נישט קיין שפּעקולאַנט״.

„נו, דעם סוף פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין״, האָט דער שוואַר־לייביקער וואָווקע „באַנדיט״ אָפּסאַפּענדיק געזאָגט.

ער האָט געלייזט צען יאָרלעך און עס האָט נישט געהאָלפן קיין טענות און מענות. און דאָס האָט ער נאָך געשפּילט מיט גליק. ווייל וואָלטן זיי אים געפּאַקט ביי דער סאַמע אַרבעט, וואָלטן זיי אים דערשאָסן ווי אַ הונט — האָט וואָווקע פאַרענדיקט דערציילן.

קאַפּיטל עלף

וואָווקעס טיש

צו וואָווקעס טיש האָבן געהערט: אַ קוזין, אַ פּאָר פרעמדע גנבים, צווישן וועלכע ס'איז געווען אַ לובלינער בחור און דער ווילדער יאַנעק. די חשיבות פון אַן אַרעסטאַנט האָט זיך דאָ גערעכנט נישט נאָר מיט דער אַרויסגעוויזענער העלדישקייט אינעם „פאַך״, נאָר אויך מיט דער נאָענט־קייט צו וואָווקעס טיש.

און וואָס נענטער איינעמס געלעגער איז געווען צום טיש, אַלץ חשובער איז ער אין דער קאַמער געווען. אויך אין תפיסה האָט די שייכע נישט

פאַרלאָזט די שפּיל פון אַן אייגן קענִיגרייך. הגם עס האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע דאָס דערוויילִיקע אָנלעבן זיך...

אויפן צווייטן טאָג פון מיין זיין אין קאַמער, נאָך וואָוקעס נעמען ביי מיר תרומה און מעשר, — קומט צו מיר צו אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן, טונקל ווי אַ ציגיינער, מיט אַ פּאָר שוואַרץ־אַפּלען, וואָס האָבן אַרומגעצאַפּלט אין זיינע אויגן־לעכער ווי ביי אַ מייזל אין שטייג.

דער יאָט האָט מיך אַן חכמות געפרעגט צי איך האָב נישט אַ ברודער אַ גנב. און איך האָב געזען ווי דער קאַמער־הערשט הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו זיינע רייד און וואַרט אויף מיין ענטפער.

איך האָב געהאַט, ווי איך האָב פריער דערציילט, אַן איינציקן יונגערן ברודער, וועלכער איז, האַרט פאַרן אַריינקום פון די דייטשן קיין ביאַלע, אַנטלאָפן צו מיר קיין ביאַליסטאָק.

ער איז אָבער געווען אַ חלוץ, וואָס האָט זיך געגרייט עולה צו זיין — און האָט זיך שפּעטער פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. און דאָ, אין ביאַליסטאָק, איז ער אינגאַנצן געווען אונטער מיין השגחה.

צו וואָס די באַנדע האָט געצילט מיט דער פראַגע, האָב איך זיך מאָמענטאַל נישט געכאַפּט. איך האָב אים אָבער אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, דעם קליינעם מאַרוויכער, און מיט כעס געענטפערט: „איך האָב נישט קיין ברודער קיין גנב".

אַז איך אַליין בין נישט קיין גנב, האָבן זיי, ווייזט אויס, אין מיין נאָז דערקענט, האָבן זיי אָנגעהויבן מיט מיין ברודער. און דאָ איז שוין מיין גורל אינגאַנצן געוואָרן געחתמעט.

„ער איז אַ פּאַרריסענער יאָלד, נאָך אפשר אַ כניאָק, וואָס שעמט זיך מיט אונדזערע בלאַטע יאַטן". און באַלד איז מיין געלעגער נאָך ווייטער געוואָרן אָפּגערוקט. ווייטער אַראָפּ פון דער קאַמער־היעראַרכיע.

וואָלט איך געזאָגט אַז יאָ, אַז מיין ברודער איז אַ גנב, וואָלט איך אין דעם זכות אויך געווען פּריווילעגירט. איך וואָלט געהערט צו די חשובי העדה, צום „רבינס" טיש.

און נישט נאָר בין איך געבליבן אויסערן קרייז, נאָר פאַר מיין חוצפּהדיקן ענטפער, אויך אויסערן געזעץ. און אויך דער לובלינער האָט זיך אָנגעהויבן צו מיר צו טשעפּען. ס'איז געווען ווי „הרשות ניתן"...

דער לובלינער גנב, וואָס האָט דווקא אויסגעזען ווי נאָר וואָס פון דער

ישיבה אַרויס, האָט צו מיר אָצינד געהאַט אַנדערע פּראַגעס און טענות. ער האָט ווי איינער פון די נישט־געהויבענע קיין ביאַליסטאָק אַנגעקומענע פּליטים, געהאַט זיינע באַזונדערע טענות צו ביאַליסטאָק.

ווען ער האָט, אויף זיין פּראַגע צי איך בין אַ ביאַליסטאָקער, באַקומען פון מיר אַ פעסטן ענטפער, אַז יאָ, האָט ער מיר גלייך מיטן אויסרוף: „ביאַ־ליסטאָקער הור, אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין", דערלאַנגט אין די ציין.

איך וואָלט זיך אפשר מיט אים פאַרמאָסטן, אי צוליב זיין אויסזען, וואָס האָט נישט אויסגעדריקט קיין באַזונדערע גבורה און אי צוליב מיין נאַטור פון נישט וועלן פאַרשוויגן. איז אָבער הינטער אים געשטאַנען די גאַנצע באַנדע, וואָס האָט מער ווי דאָס נישט אויסגעקוקט.

דעם לובלינערס קורצע מלחמה מיט מיר האָט זיך מיט דעם אָפּיציעל געענדיקט. נאָר ווי גרויס עס איז געווען זיין חלק אין באַאַרבעטן מיך אין די נעכט, האָב איך נישט געקאָנט וויסן. עס האָט אים צו דעם צוגעהאָלפן מיין דאַן האַרטער שלאָף, אַ ירושה פון מיין פאָטער.

און צו מיינע איבעריקע ליידן, איז מיר נאָך דאָ צוגעקומען די אומ־זיסטע צרות פון זיין אַ ביאַליסטאָקער תושב. וואָרעם איך האָב זיך מיט דעם דאָזיקן לובלינער אויסער דאָ אין תפיסה, קיינמאָל נישט באַגעגנט און במילא אים נישט געקענט.

מאָטקע, וואָוקעס קוזין, פלעגט גאָרנישט טאָן. ער פלעגט נאָר גאַנצע טעג מיט אים אַרומגיין הין און צוריק און שמועסן. וואָס זיי האָבן אַזוינס בסדר געשמועסט, האָט קיינער פון אונדז נישט געוואַגט צו פרעגן.

דערפאַר אָבער איז דער דאָזיקער שטילער גנב געווען דער ערשטער אונדז אָנצושטעקן מיט צעגאָסענע געשווירן איבערן גאַנצן לייב. די דאָזיקע מכות האָבן מיר אַלע באַקומען דורכן בשותפותדיקן נוצן די „פאַראַשע" (אָפּפאַל־עמער).

און ווען דער דאָקטאָר איז אין פאַרלויף פון דער צייט שוין איין מאָל יאָ געקומען אונדז באַזוכן און מיר האָבן אים געוויזן די געשווירן, האָט ער זיך פון אונדז אויסגעלאַכט, האַלטנדיק, ווייזט אויס, אַז צעגאָסענע געשווירן זענען, ווי קדחת, נישט קיין קרענק.

איך האָב זיך אָבער, ביזן אַרויסנעמען קיין סיביר, מיט דער דאָזיקער אָנשיקעניש שטאַרק געמאַטערט. דאָס ערגסטע איז געווען נישט אַזוי די

געשווירן אַליין, ווי די קלעפּיקע נאַסקייט, וואָס האָט זיך געקלעפּט צום העמד, פון וועלכער מען האָט זיי אַלעמאָל געדאַרפט אָפּרייסן.

דער שטילער מאָטקע איז אינגיכן פון אונדז אַוועק, און וואָוקע האָט אָנגעוווירן אַ קוזין און אַן אינטימען פריינד. נאָך לאַנג איינזאַם איז וואָוקע נישט געווען, ווייל באַלד זענען אָנגעקומען אַנדערע מאַרוויכער, וועלכע האָבן דעם מיטליאַריקן צעל־קאָמענדאַנט אין זיין איינזאַמקייט געטרייסט.

צווישן די נייע אורחים איז אַריינגעקומען אַ קריסט, וועמען חברה האָבן גערופן באַרטאַש. ער איז געווען אַ הויכער מיט אַ האַרטן בליק אין זיינע ברוינע אויגן, מיט אַ קופּערנע הויט אויף זיין שטייפן פּנים און מיט שטיקלעך באַקן־בערד, אַלאַ פראַנץ יאָזעף.

מיט זיין אויסגעצויגנקייט און די שטיקלעך באַקן־בערד און מיט זיין גאַנצן מאָדנעם אויסזען, האָט ער ביי אונדז אויסגעזען ווי פון אַן אַנדערער וועלט. ווי איינער פון די נפילים פון חומש.

לכתחילה האָט זיך דער דאָזיקער נייער גאַסט גוט איינגעאָרדנט און האָט פאַרנומען זיין אָרט אויבנאָן ביי דער רעכטער זייט פון טיש, ווי איינער פון די יחסנים.

עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און ס׳איז ווי אַ שוואַרצע קאַץ אַדורך צווישן אים און דעם קאָמער־הערשט. די אידיליע צווישן זיי איז געוואָרן צעשטערט און מיר האָבן די אָנקומענדיקע כמאַרע ווי מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט.

און מיט איין מאָל איז דאָס געשען און צווישן זיי איז אויסגעבראָכן די אמתע מלחמה. די שלאַכט איז כנהוג געפירט געוואָרן אויף טרוקן מיט די פויסטן, ווי עס פירט זיך ביי אַזעלכע דזשענטלמענער און ככתוב בספר פראַלניק (ווי ס׳איז געשריבן אין ספר פראַלניק).

דער זיגער איז אַרויס וואָוקע. כאָטש ער האָט צוליב זיין שווער־ליי־ביקייט גאַנץ פיין געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז. וואָס זיי האָבן אינעווייניק, אין זיך, אַריינגעכאַפּט — האָבן מיר, די איבעריקע אַרעסטאַנטן, נישט געפילט, ס׳איז געבליבן ביי זיי. נאָר וואָס ביי זיי איז פון אויבן אַרויסגעקומען, דאָס האָבן מיר יאָ געזען.

און געזען האָבן מיר, ווי דער הויכער באַרטאַש מיט די באַקן־בערד איז פון דעם בליץ־קריג אַרויס מיט אַן אָנגעלאָפן לינקן שטערן־ווינקל, אַז

ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געטראָגן אַ גאַנצן באַרג אויף איין זייט פון זיין שטערן.

דער שטערן־ווינקל איז געווען ווי אַן ארויסגעוואָקסענע לאַנגע בולבע, וואָס איך האָב ביז אים אין מיין לעבן אַזאַ אויפלויפעכץ נישט געזען. און ביז דאָס געשווילעכץ איז ביי באַרטאָשן נישט פאַרגאַנגען, האָב איך זיך געשעמט צו קוקן אין זיין זייט.

אָבער אויך וואָוקע האָט עפּעס געלייזט. נאָר דאָס וואָס ער האָט אַריינגעקריגן, איז געווען ווי אַ פּעפּערל קעגן אַן אַרבוז און ס׳איז באַלד פאַרגאַנגען.

פון דאַן אָן האָט זיך אין קאַמער געפילט אַ געדיכטע לופט און מיר האָבן בחוש געזען, אַז עס הענגט עפּעס אין דער לופט, וואָס עס וועט ווידער אויסברעכן. ווייל אויך יאַנעק, דאָס שטענדיקע זינג־פייגעלע, האָט אויפ־געהערט צו זינגען זיינע האַרץ־ציענדיקע לידער, פאַרגרעסערנדיק די אַזוי שטיקנדיקע אַטמאָספער. דערווייל אָבער האָבןביידע צדדים ווי קיינמאָל גאָרנישט ווייטער געפירט דעם טיש.

איך האָב אַ טעות אין חשבון

איינמאָל אין דער פרי ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן פון שלאָף, האָב איך דערזען ווי מיין לעצט וואַרעם העמד איז פאַרשוווּנדן פון אונטער מיין צוקאָפּנס.

דאָס האָט מיך שוין אַרויסגעפירט פון די כלים. ווייל מער ווי דאָס דאָזיקע העמד האָב איך שוין נישט געהאַט. האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און האָב אָנגעהויבן צו פאָדערן מען זאָל מיר גלייך צוריקגעבן דאָס געגנבעטע העמד.

אויב נייטיק, האָב איך געסטראַשעט, וועל איך די וועכטער דערציילן וועגן אַלץ וואָס ס׳קומט דאָ פאָר. אין דעם מאָמענט איז ביי דער שייקע געוואָרן אַ שטיקל מהומה. זיי האָבן נאָך ביז היינט פון קיין שום יאָלד אין תפיסה נישט געהערט אַזעלכע דיבורים.

דאָ איז וואָוקע צו מיר צוגעקומען און געפרעגט וויפל העמדער מען האָט עס ביי מיר אין דער נאַכט געגנבעט. און איך, נישט קענענדיק זייערע

גנבהשע שטיק און מנהגים, בין נישט געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין חשבון. איך האָב אויך געוואָלט צורעכענען די פריערדיקע גניבות.

מער האָט מען נישט געדאַרפט. ווייל וואָווקע האָט, ווייזט אויס, בעסער געוווסט דעם חשבון פון מיר, וואָס האָב נאָך דאַן געהאַט אַ האַרטן שלאָף און גאָרנישט געהערט און געפילט וואָס מען שלעפּט ביי מיר אין דער נאַכט אַפּער פון אונטערן צוקאָפּנס.

און כאָטש מען האָט מיר דורך דער צייט צוגענומען מער ווי דאָס איינע העמד, האָט מען מיר אָבער, ווייזט אויס, אין דער דאָזיקער נאַכט, מער נישט גענומען ווי איינס.

און דאָס איז, אויף דער פאָדערונג פון וואָווקען, גלייך באַשטעטיקט געוואָרן אויפן אָרט, דורכן גנב אַליין. און דער גנב וועט זיין הויפט נישט נאַרן. האָט מען מיר דאָס העמד גלייך צוריקגעגעבן. נאָר פאַרן אַריינמישן אויך די פריערדיקע חשבונות, האָב איך דערפאַר געלייזט אַ גלעט אונטערן האַרץ, פון אים אַליין.

איך בין גלייך צוגעלאָפן צו דער טיר און האָב אין איר אָנגעהויבן שטורמיש צו קלאַפּן. אויף דער פראַגע פון וועכטער וואָס איך קלאַפּ, האָב איך געזאָגט, אַז איך דאַרף דערליידיקן מיינע באַדערפעניש ן.

ביים צוריקגיין האָב איך גענומען שרייען, אַז איך וועל צו אַזעלכע באַנדיטן נישט אַריינגיין, ביז מען וועט נישט מאַכן קיין אָרדענונג אין קאַמער.

האָט דער וועכטער צוגערופן וואָווקען און אים אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל אויף מיר קיין פינגער נישט אַרויפלייגן. און איך בין צוריק אַריין אין קאַמער.

וואָווקע וואָלט זיך זיכער אין מיר נוקם געווען. אפילו ווען איך האָב נאָך געהאַלטן אין מיין האַנט דעם סוד פון די גניבות, וואָס מען איז איבער מיר באַגאַנגען.

די ישועה איז אָבער געקומען פון אַן אַנדער זייט. און זיין האַנט איז שוין געווען צו קורץ מיך צו דערגרייכן...

קאַפּיטל צוועלף

מען פירט אַריין שלמהלע „זוואָנק"

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג בין איך מיטאַמאָל ווי געוואָרן אויפגעריכט, ווי איך וואָלט געפינען אַ גאַנצן אוצר. אין דער טיר פון קאַמער האָט זיך באַוויזן דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער שלמהלע „זוואָנק".

אַ מיטלוווקסיקער מיט ברייטע פּלייצעס און גרויסן שטערן, וועמענס איבערשטער טייל האָט ביי יעדער אָנשטרענגונג פון זיך אַרויסגעגעבן אַ נערוועזע פייכטקייט, האָט ער אָבער געהאַט אַ גענוג פעסטן גוף און שטאַרקע האַנט, וועמענס קלאַפּ מען האָט גוט געפילט.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן אין ביאַליסטאָקער יידישן קאָמבאַטאַנטן־פאַראיין, ווו איך בין אונטערן פאָרזיץ פון אַדוואָקאַט זשעמיעלסקי (געוו. ביאַליסטאָקער וויצע־שטאָט־פּרעזידענט), וועלכער איז ווי דער פריערדיקער פאָרזיצער ד"ר ראָטבערג, אומגעקומען דורך די דייטשן, געווען סעקרעטאַר.

דער יידישער קאָמבאַטאַנטן־פאַראיין, וואָס איז געוואָרן געגרינדעט אין די דרייסיקער יאָרן, ווי אַ דעמאָנסטראַציע פונעם יידישן אָנטייל אין פּוילנס פאַרטיידיקונג, און דער עיקר, ווי אַ שוץ קעגן דאָן צוואָקסענעם אַנטיסעמיטיזם, איז גלייכצייטיק אויך געווען, פאַר זיינע אָרעמע מיטגלידער, ווי אַ פאַראיין פון זעלבסטהילף.

צוליבן דאָזיקן כאַראַקטער האָט זיך צווישן זיין מיטגלידערשאַפט געשאַפן אַ קעגנזייטיקע פריינטשאַפט און פאַרבינדונג, ווי צווישן קאַמפּס־חברים אויפן פראָנט. און פון דאַן אָן, זיין באַקאַנטשאַפט מיט מיר.

כאַטש שלמהלע האָט געהערט צו אונדזער אַלעמענס וועלט, האָט ער אויך ערגעץ אונטערגעשטעקט... כאַטש דאָס איז נישט געווען שטאַרק קענטיק. ער איז אָבער געווען אויסגעמישט מיט אַלע באַלעבאַטישע זונדלעך און האָט אַפילו אָנגעהאַלטן באַציונגען מיט אַ טייל פון דער אויפגעקומענער פּוילישער מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע.

דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פּוילישער „אָכאַטניק"

(פרייוויליקער) און אַ פראַנט־זעלנער מיט הויכע אויסצייכענונגען, וואָס האָט געהערט צו דער פוילישער פעדעראַציע.

מען האָט געשמועסט, אַז אויף מיליטערישע שמחות צעקושט ער זיך מיט וויכטיקע גענעראַלן. פונוואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען די דאָזיקע פאַרבינדונג, איז נישט געווען באַקאַנט.

ער אַליין האָט פון זיינע מיליטערישע און תפיסה־דערפאַרונגען געהאַט צו דערציילן געשיכטעס פון טויזנט און איין נאַכט, וועלכע ס׳איז געווען שווער צו קאָנטראָלירן.

זיינע תפיסה־דערפאַרונגען האָבן זיך גענומען פון אַ באַזונדער „פאַך", וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו די אַנדערע זינדיקע פאַכן. און ער האָט דעם נאָמען אַפעריסט פיינט געהאַט. און אויב עפּעס פון דעם איז אין אים געווען, איז עס נישט געווען צוליב זיין שולד...

זיינע קליינע עבירות האָט ער דורכגעפירט אויף אַ שטילן אופן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ מענטש. זיין אַרבעט איז ביי אים אַרויסגעקומען שטיל, ווייל אויך ער איז פון איר געווען אַ קרבן.

און דער עיקר, צוליב זיין אויסגעמישטקייט און גוט־ברודערשאַפט מיט אַלעמען, האָט מען אים אַלץ פאַרגעבן. און ס׳איז געווען ווען צו פאַרגעבן, — ווייל ער האָט געקאָנט פאַר זיינעם אַ חבר גיין אין פייער אַריין ממש.

פונדעסטוועגן איז ער פאַרט אַמאָל אַריינגעפאַלן אין תפיסה. פונדאַנען האָט זיך גענומען זיין דערפאַרונג און „גבורה". און ער האָט זיך אין ביאַ־ליסטאָק גערעכנט פון די שטאַרקע.

זיין הויפּט־כוח איז אָבער געווען, ווי ער האָט דערציילט, אין זיינע מיליטערישע גבורות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין דער פויליש־באָלשע־וויסטישער מלחמה פון 1918.

זייענדיק אַן אונטעראָפיציר אין איינעם פון די אָפּטיילונגען פון רידז־שמיגליס דיוויזיע (שפּעטערדיקער מאַרשאַל פון פוילן), האָט ער געראַטע־וועט זיין אָפּטיילונג פון פאַרניכטונג.

באַקומענדיק אַ ידיעה, אַז דעם שונאס קאַוואַלעריע גרייט זיך צו פאַר־קלעמען און פאַרניכטן זיין אָפּטיילונג, איז ער געפאַלן אויף אַ געוואַגטן פּלאַן, וועלכן ער האָט אַליין דורכגעפירט. ער איז אַוועק צום טייך איבער

וועלכן דעם שונאס אָפּטיילונגען האָבן געדאַרפט אַדורכגיין, און האָט מיט דינאַמיט אויפגעריסן די בריק.

פאַר דער דאָזיקער געוואַגטקייט האָט ער אַוואַנסירט און באַקומען הויכע מיליטערישע אויסצייכענונגען. ער איז אָבער שפּעטער פאַר זיינע אַוואַנטורעס און דיסציפּלין־ברוך דעגראַדירט געוואָרן און עס האָט אים נאָך געדראָט אַ שווערע שטראָף.

האָט ער זיינע זינד אויסגעקויפט מיט נאָך דרייסטערע מעשים, ביי וועלכע זיין לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר. ער האָט באַוויזן די קונץ זיך אַריינצוקריגן אינעם שונאס „טיל" (הינטערן פראָנט) און צוריקברענגען פאַרן פּוילישן שטאַב אַלע נייטיקע אינפאָרמאַציעס.

צוליב דעם איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט די שפּיצן פון דער מיליטערישער אָנפירונג. זיי האָבן אָבער, הגם אָנערקענענדיק אים פאַר אַ העלד, דאָך צוליב זיין כאַראַקטער מיט צופיל צוטרוי אים נישט באַשאָנקען.

איז ער אין ציווילן לעבן געבליבן נישט מער ווי אַ פּראָטעזשירטער, וועלכער איז טראָץ דעם אָבער וויט נישט געגאַנגען. — אַ נאָמען פונדעסטוועגן, וועלכן ער האָט אַליין קאַליע געמאַכט, האָט ער פאַרט געהאַט.

באַלד ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן, געהאַלדזט און געקושט. מיר האָבן זיך אַצינד ביידע געפרייט.

און באַזונדער וואָס שייך מיר, האָב איך אים דאָ אוודאי געדאַרפט. מיין צד האָט זיך פאַרשטאַרקט און דורך אים באַקומען אין די אויגן פון קאַמער־הערשט פּרעסטיזש און אָנזען.

איך האָב דאָס גלייך דערקענט אין וואָקעס האַלטונג. איך בין נישט געווען גאָר זיכער, צי זיי האָבן זיך פון פריער געקענט, נאָר אויסגעוויזן האָט זיך מיר, אַז יאָ.

שלמהלע האָט גלייך צו מיר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע געטריישאַפט. ער האָט אָפּגעקליבן אַן אָרט פאַר אונדז ביידע אין אַ באַזונדער ווינקל און האָט זיין געלעגער צוגערוקט צו מיינעם. און פון דער מינוט אָן האָט ער שוין פון מיר נישט אָפּגעטראָטן, ביז מען האָט אים אַרויסגעפירט פון קאַמער.

איך האָב אין זיין אָנוועזנהייט אויפגעהערט צו זיין אַזוי הילפלאָז ווי פריער, שוין נישט געווען אַליין, אויג אויף אויג מיט וואָוקען. וואָלט איך אים פון אָנהייב אָן דאָ געהאַט, וואָלט מיין לאַגע אַביסל אַנדערש אויסגעזען, האָב איך אין דעם מאָמענט געטראַכט.

גאַנצע טעג זענען מיר געזעסן אין אונדזער ווינקל און געשמועסט, אָדער דערציילט איינער דעם אַנדערן מעשיות. איך אים — וועגן דער יידי־שער געשיכטע, וואָס ער האָט, ווי אַ סך פון זיינסגלייכן, ליב געהאַט צו הערן, און ער מיר, — זיינע פאַנטאַסטישע מיליטערישע אַוואַנטורעס.

ס׳איז אַפילו געקומען צווישן אים און וואָוקען צו אַ בליץ־קריג, וואָס האָט נישט לאַנג געדויערט. און פון דאַן אָן איז צווישן זייביידע אַנטשטאַנען אַ ברוגז, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן ביזן סוף. שלמהלע איז אָבער פון מיר נישט אָפגעטראָטן, כאָטש ער האָט, ווי איינער פון די „יחסנים״, אויך גע־קאָנט געהערן צום טיש. דאָס איז געווען זיין קרבן לגבי מיר.

אין אייניקע טעג אַרום האָב איך געהאַט אַ פרישן סורפּריז, הגם נישט אויף לאַנג. מען האָט צו אונדז אַריינגעפירט אַ נייעם ביאַליסטאָקער באַקאַנטן פון דער סוחרישער וועלט. דאָס איז געווען אַ יונגער ביאַליס־טאָקער אייזן־קרעמער פון דער סוראַזער גאַס. ער איז מיר געווען באַקאַנט פונעם קליינהענדלער־פאַראיין.

אויך מיט אים האָט זיך שלמהלע אַרומגעכאַפּט און מיר זענען שוין אין אונדזער ווינקל געווען דריי ביאַליסטאָקער. אייזענבערג איז אַהער אַריינגעפאַלן צוליבן נישט צאָלן די שטייערן, וואָס די געוועזענע פּוילישע שטייער־באַאַמטע האָבן אַצינד, אונטער די סאָוויעטן, אויף אים אַרויפגע־לייגט.

זיי האָבן אים אויסגעמאָסטן אַזאַ פאַנטאַסטישע סומע, וואָס ער איז נישט געווען בכוח צו באַצאָלן. און פאַר נישט צאָלן האָבן די סאָוויעטן געשיקט אין תפיסה.

אייזענבערג איז אָבער מיט אונדז אין תפיסה לאַנג נישט געבליבן. ער איז אין אייניקע וואָכן אַרום אַוועק אויף סיביר. ווייזט אויס, זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זייער שאַנטאַזש וועט גאָרנישט העלפן. און מיר זענען צוריק געבליבן זאַלבעצווייט אין אונדזער ווינקל.

*

די מענטשן אין קאַמער האָבן זיך געביטן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ. עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען הענדלער און קליינע סוחרים, פאַר נישט צאָלן די אויף זיי אַרויפגעלייגטע גרויסע אויסמעסטונגען. צווישן זיי זענען אויך געווען יידן און קריסטן פון דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ.

דער גרעסטער טייל פון זיי איז אַליין געגאַנגען אויף אַרבעט. זיי האָבן זיך געוואָלט טרעפן מיט זייערע נאָענטע און זיך באַזאָרגן וואָס מען דאַרף.

מען האָט אויך בעסער געוואָלט זיין אינדרויסן, ווי אין דער פאַר־מאַכטער קאַמער. דאָס האָבן אָבער צוממערסטן אויסגענוצט די פרעמדע, נישט ביאַליסטאָקער אַרעסטירטע, וואָס נישט האָבנדיק דאָ קיין באַקאַנטע, האָבן זיך נישט געשעמט צו ווייזן אונטער אַ וואַנד.

אויך איך האָב איינמאָל באַשלאָסן צו גיין אויף אַרבעט. אויך דאָס האָב איך געוואָלט אויספּרווון. מיין אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע. ס'איז מיר אָבער אויסגעקומען דווקא צו אַרבעטן ביים צווייטן שטייער־אַמט אויף דער וואַרשעווער גאַס.

די סאָוויעטן האָבן פאַרענדיקט בויען אַ פליגל צו דער געביידע פונעם צווייטן שטייער־אַמט, וועלכן די פּאָליאַקן האָבן נאָך אָנגעהויבן.

ווייזט אויס, אַז די אָנגעגאַנגענע שטייער־אויסמעסטונגען מיט דער הילף פון די געוועזענע פּוילישע שטייער־באַאַמטע, וועלכע האָבן אַצינד פונקט אַזוי געדינט די סאָוויעטן אינעם אויפמאָנען די אַלטע שטייער־חובות, באַזונדער פון די יידן, איז אויך פאַרן אַנטי־קאַפּיטאַליסטישן פאַרבאַנד געווען אַ גוט געשעפט.

איך האָב טאַקע, זייענדיק ווייט פון דער תפיסה, געפרווט אין איר פאַרגעסן. איך האָב אָבער ביים צוזאַמענטרעפן זיך מיטן וועכטערס בליק, וועלכער האָט פון מיר זיין אויג נישט אַראָפּגענומען, אין מיין געפאַנגענ־שאַפט זיך צוריק דערמאָנט.

ערגער איז אָבער געווען מיין פאַרשעמונג צוליב די באַקאַנטע אַלט־נייע שטייער־באַאַמטע און נאָך ערגער, צוליב די יידישע באַקאַנטע. בין איך טאַקע שוין מער אויף קיין אַרבעט נישט געגאַנגען, בפרט, ווען מיין פרווי האָט דערפון סייווי נישט געוווסט און איך האָב קיין באַזונדערן נוצן דערפון נישט געהאַט.

שלמהלע „זוואַנק”, וואָס איז אין דער דאָזיקער קאַמער צו מיר געקו־מען ווי אַ הילף, איז מיט מיר לאַנג נישט געווען. ער האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע אַרעסטירטע, און זיין וועג, ווי פון אַלע שוין פאַרמשפטע, איז געווען קיין סיביר.

איך בין נאָך געבליבן, ווייל עס האָט נאָך אויף מיר געוואַרט אַ צווייטער משפט, אין וועלכן איך האָב צוליב מיינע ערשטע צרות אין אים פאַר־

געסן. דערווייל האָב איך זיך נאָכן אָוועקגיין פון שלמהלען געפילט ווי פאַריתומט. איך האָב זיך אָבער שפּעטער נאָך צוויי מאָל מיט אים אומגע־ריכט געטראָפן, פון וואָס עס וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן.

מען רופט מיך צו אַ צווייטן משפט

בלייבנדיק אַליין נאָכן אַוועקגיין פון שלמהלען, צו וועמען איך האָב זיך צוליב זיין געטריישאַפט צו מיר, געהאַט צוגעטוליעט און דורכדעם אָנגעהויבן פאַרגעסן אין זיך, — צוריק אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן זיך און מיין לאַגע.

מיין ווייטערדיקער וועג איז, ווי פאַר אַלע איבעריקע סאָוויעטישע אַרעסטירטע, געווען קלאָר געצייכנט. און כאָטש איך האָב זיך אויף אים געריכט, איז ער אָבער צוליב מיינע אויפגעוועקטע מחשבות, אַצינד פאַר מיר געווען באַזונדער פּיינלעך.

האָב איך אויסגעקוקט עפּעס אַ נס, וואָס זאָל פאַרמיידן מיין וועג קיין סיביר. איך האָב, אמת, לאָגיש, על פי שכל, קיין אַנדערע עצה נישט געזען ווי פון אים זיך צו באַפרייען, ווי נאָר דורך אַ רעוויזיע פון מיין פאַרגעקו־מענעם פּראָצעס.

ווייל וועגן מיין צווייטן, נאָך נישט פאַרגעקומענעם משפט, אין וועמענס חטא איך בין געווען אַזוי אומשולדיק ווי אינעם ערשטן, האָב איך אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן.

וואָרעם די ליידן פון מיין אָפּקומענדיקער שטראָף האָבן אינגאַנצן פאַר־שלאָגן און נישט צוגעלאָזט צו מיין זכרון קיין שום אַנדערע פאַרשטעלונגען און טראַכטונגען. מיין לעבנס־ווילן איז, ווייזט אויס, נישט געווען פאַראינ־טערעסירט נאָך מער צו פאַרגרעסערן מיין פּיין...

האָב איך דעריבער גאָר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אין דער צווייטער אָנשיקעניש. ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז נאָכן באַלדיקן דעקן די קליינע פעלנדיקע סומע פון דעם ברויט־ מאַגאַזין, אין וועלכן איך בין געווען נאָר איינער פון די אָנגעשטעלטע, הגם דער פאַרוואַלטער, און נאָכן געגעבענעם וואָרט פונעם הויפּט־דירעקטאָר, אַז דערמיט איז דער ענין פולשטענדיק דערליידיקט, וועל איך צוליב דעם נאָך האָבן צו טאָן מיט אַ נייעם פּראָצעס. בפרט, ווען שוין אַ יאָר, ווי דער ענין איז פאַרשוויגן.

אָבער נישט נאָר ווערט אַלץ גענומען פונעם לעבן, נאָר דאָס לעבן אַליין

איז די גרעסטע פאַנטאַזיע. און דאָס וואָס איך האָב זיך צום ווינציקסטן געריכט, איז געקומען. כאָטש גאָר באַזונדער, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט דער דאָזיקער צווייטער פּראָצעס מיין לאַגע נישט פאַרערגערט.

און ס׳איז געשען. אין איינעם אַ ווינטערדיקן, ליכטיקן פרימאָרגן, רופט מען ווידער אויס מיין נאָמען (שוין צום ווּפלטן מאָל), און אויף מיין פראַגע וווּהין איך דאַרף גיין, ענטפערט מען מיר, „אין געריכט".

שוין דאָס אַליין, דער בלויזער אַרויסגאַנג פון דער פאַרמאַכטער תפיסה־קאַמער אויף דער פריי, מעג עס אפילו זיין ציטווייליק, פאַרשאַפט זעם אַרעסטירטן פרייד. בפרט ווען ער האָט נאָך דורכדעם אויך אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט זיינע נאָענטע.

אָבער נישט בלויז דאָס אַליין האָב איך געפילט, נאָר עפּעס מער. וואָרעם הערנדיק דאָס וואָרט „געריכט", האָט מיין שטאַרקער באַגער נאָך באַפרייאונג, „דער פאָטער פון מיין געדאַנק", נישט אַנדערש, ווי שוין אויסגעשפּרייט גאָר מיין וועג מיט רויזן. — מחמת, איך בין געווען ווי זיכער אין אַ רעוויזיע פון מיין פאַרגעקומענעם פּראָצעס, פאַר וועלכן איך בין אָפּגעקומען מיין שטראָף.

און דער אָפּטימיסט אין מיר האָט נישט אַנדערש ווי צוגעגרייט פאַר מיר אַ באַפרייונגס־אורטייל, וואָס וואָלט דאָך געווען אַזוי גערעכט און נאַטירלעך פאַר אַנדערע נישט־סאָוויעטישע געריכטן.

וואָרים פאַר אַזאַ ספק־חטא און צו דעם נישט קיין באַגאַנגענעם וואָלט דאָך אוודאי געמעגט זיין גענוג די ביז־אַהעריקע אָפּקומעניש.

אָבער די אַלע אויסרעכענונגען און לאָגישקייטן, וואָס פּאַסן זיך צו אַלע אַנדערע געריכטן, פּאַסן זיך נישט צו די „פרייהייטלעכע" ראַטנפאַרבאַנדישע.

*

צום וועג ביזן געריכט, וואָס איז געווען אַ נישקשהדיקער מהלך, איז זיך מיר גאַנץ גרינג געגאַנגען. איך בין געגאַנגען מיט אַ בעסער געמיט, ווי דאַן, ווען מען האָט מיך געפירט צו דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

באַלאָדן מיט האָפענונג איבער מיין אויסגעפּאַנטאַזירטער באַפרייונג, האָבן זיך אַצינד מיינע פיס גרינג געהויבן און גאָר אַנדערש באַוועגט.

און עס האָט מיך שוין נישט געאַרט ווי ביים אָנהייב פון מיין אַרעסט, דאָס צונויפטרעפן זיך מיט באַקאַנטע. איך האָב זיך שוין פאַר זיי נישט געשעמט. איך בין געווען גרייט זיי אַנטקעגנצוטראָגן מיין אומשולד און מיין באַלדיקע באַפרייונג.

ווען איך בין אָבער אַריינגעקומען אין געריכט, איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן מיין טעות. און מיין גאַנצער אויסגעפּאַנטאַזירטער און אויסגע־האָפטער בנין, איז ווי אַ קאָרטנהייזל זיך צעפאַלן, אויף וועמענס חורבע האָפענונגען איך האָב אַליין געטראָטן...

ס'איז געווען אַ גאַנץ נייער פּראָצעס וועגן „ביעדאָסטאָטאָק״ (פּעלן) פון דעם סאָוויעטישן ברויט־מאַגאַזין, וווּ איך האָב געאַרבעט, פאַר וועלכן מען האָט מיך אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך.

אין געריכט, וווּ מען האָט מיך אַריינגעפירט, איז געווען פאַרזאַמלט מיין פרויס גאַנצע משפּחה, אַחוץ מיין ברודער מיט זיין כלה און אַנדערע באַקאַנטע.

צווישן די באַקאַנטע זענען אויך געווען די צוויי יידישע פאַרקויפערינס פון מיין פריערדיקער סאָוויעטישער ברויט־קראָם מיט מיין קריסטלעכער פאַרטרעטערין, וועלכע זענען אין דעם פּראָצעס געוואָרן אַרויסגערופן אַלס עדות.

מיין משפּחה, ווי איך האָב באַמערקט, האָט אין מיין אָנוועזנהייט זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר צער צוליב מיין אַרעסט און מיר דאַקעגן אַרויס־געוויזן אַ געמאַכטע פריילעכקייט, וואָס איז איר טיילווייז געלונגען.

נאָר מיין איינציקער יונגערער ברודער, וואָס איז געקומען אַזש פון ביאַלע צו מיר זיך ראַטעווען, ווען מען האָט ווי די איבעריקע פון מיין משפּחה (אַחוץ דער פרוי און שוויגער) צו מיר נישט צוגעלאָזט, האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן זיין זאָרג און איז געווען צעווייטיקט און פאַרצערט.

ער איז ווי אַ פאַראַליזשירטער געשטאַנען פון דערווייטנס, און קוקנדיק אויף מיר מיט זיינע צערפולע אויגן, האָט ער אויסגעדריקט זיין שרעק און אומבאַהאָלפנקייט לגבי דעם דערוואַרטעטן אורטייל און מיין ווייטערדיקן גורל.

אַ סורפּריז איז דאָס מאָל פאַר מיר געווען דאָס אַרויסטרעטן פונעם באַקאַנטן ביאַליסטאָקער אַדוואָקאַט גרושקעוויטש, וועלכער האָט ביי מיין ערשטן משפּט, טראָץ מיין שטומען געבעט, זיך דאַן מורא געהאַט צו מיר זיך צוצורירן. אַצינד אָבער איז ער אַרויסגעטראָטן אין מיין פאַרטיידיקונג.

דאָס געריכט האָט נאָכן אויסהערן די עדות מיט דער פּאַרטיידיקונג און נאָכן באַקענען זיך מיט די אַלע פאַקטן, וואָס זענען געווען צו מיין גונסטן, מיך דאָך אינגאַנצן נישט באַפרייט.

נאָר נעמענדיק אין אַכט די באַווייזן מיך באַפרייט פון יעדן פערזענלעכן חשד. ס׳געריכט האָט אָבער מיך פאַרמשפּט פאַר פאַרנאַכלעסיקונג (״כאַלאַ־טייסטוואָ״) אויף איין יאָר, וואָס איז געווען פאַראייניקט מיט מיין פריער־דיקן אייניאָריקן אורטייל.

אַזוי, אַז פאַקטיש האָב איך געהאַט אָפּצוקומען בלויז מיין פריערדיקן אייניאָריקן פּסק, דעם „דיעטסקי סראָק״, ווי די צוגעוווינטע רוסן פלעגן אים רופן.

מיין פרוי האָט מיך געפּרווּוט טרייסטן מיטן דאָזיקן אורטייל, זאָגנדיק: אַז, ערשטנס, ווייסט נישט דאָס סאָוויעטישע געריכט פון באַפרייען אינ־גאַנצן, אפילו אַן אומשולדיקן. און, צווייטנס, האָט געקאָנט זיין נאָך ערגער.

און סייווי וועל איך דאָך מער ווי איין יאָר נישט זיצן. און איך אַליין האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי נאָר אָנצונעמען פון איר די דאָזיקע טרייסט־רייד.

דערוויל איז ביזן דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן און דאָס צוריקפירן מיך אין תּפיסה, די שוויגער צו מיר צוגעשפּרונגען מיט אַ גאַנצן זאַק שפּייז, אָנשטייענדיק אויף מיר, איך זאָל וואָס מער פון אים עסן.

זי האָט געקענט די לאַגע פון דער תּפיסה־קאַמער, ווו קיינער איז נישט געווען קיין בעל־הבית איבער זיין ביסל שפּייז, האָט זי ביי דער געלעגנהייט געוואָלט שטילן מיין אויסגעהונגערטקייט.

זי האָט אָבער דער עיקר געוואָלט זיין מיט מיר וויפל נאָר ס׳איז געווען מעגלעך, פאַרויספילנדיק, ווי איך, די אייביקע צעשיידונג צווישן אונדז.

שווער איז געווען דער וועג צוריק אין תּפיסה. אַלע מיינע דערוואַר־טונגען זענען געוואָרן צעקלאַפּט אין די האַרטע שטיינער פון מיין אייגן לעבן.

די האָפענונגען מיט וועלכע איך האָב זיך אַרומגעטראָגן גייענדיק צום געריכט, זענען נישט מקוים געוואָרן. איך בין אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן אַרויס פון קאַמער און בין צוריקגעקומען אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט.

דער איינציקער כּוח נאָר, ביים אָפּשליסן מיין חשבון מיטן דאָזיקן טאָג,

איז געווען דאָס זעען זיך אין שטומע געזעגענונגען מיט מיין משפּחה און באַקאַנטע, וועלכע זענען ספּעציעל געקומען צום דאָזיקן משפּט און דאָס שפּאָרע ביסל שפּייז, וואָס איך האָב אַריינגעבראַכט אין קאַמער לטובת מיינע מיטאַרעסטירטע.

ווען איך מאַך אָבער אַצינד, נאָכן גרויסן אומגליק פון מיין פאָלק און משפּחה דעם דאָזיקן חשבון, זע איך: אַז אין יענעם מאָמענט איז מיר פאַרט געבליבן דער אומאָפּשאַצבאַרער ווערט פון וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף מיינע נאָענטסטע.

צוריקקומענדיק, האָב איך זיך מיטן זעקל שפּייז ווי אַריינגעשאַרט אין קאַמער. וויפל וואָלט איך אַצינד געגעבן, איך זאָל זיין „אַ רואה ואינו נראה", איך זאָל נישט פילן אויף זיך די גיריקע בליקן פון די אַרעסטאַנטן צוליב די שפּייז און אויך אויסמיידן זייער כלומרשטן אינטערעסירן זיך מיט מיין צווייטן משפּט.

דאָך, כאָטש מיין שטימונג איז נישט געווען קיין געהויבענע, בין איך פאָרט געווען צופרידן פון גיין צום פּראָצעס. איך האָב זיך געפילט אַביסל דערפרישט פון טרעפן זיך מיט מיין משפּחה און באַקאַנטע.

און ביי מיין גאַנצן שווערן געמיטצושטאַנד איז עס פאָרט געווען ווי איך וואָלט באַקומען אַ קאָמפּער־איינשפּריצונג. הגם, אויף ווי לאַנג דאָס האָט געזאָלט קלעקן, איז פאַר מיר אַליין נישט געווען באַוווסט.

איך האָב אַליין געפּרוווט צעטיילן דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז מיר געבליבן. איך האָב געוואָלט כאָטש האָבן די הנאה פון געבן וועמען מען דאַרף און פון אַליין דאָס פאַרטיילן.

דאָס איז מיר אָבער נישט געלונגען. דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט אַ סורפּריז מיט יאַנעקן. אָט דער דאָזיקער ווילדער יאַנעק האָט צו מיר אַרויסגעוויזן מער מענטשלעכקייט ווי דער יידישער וואָווקע „באַנדיט".

ער האָט זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט ביי מיר עפּעס צו נעמען. „איך דאַרף גאָרנישט, עס אַליין", האָט ער געזאָגט. און אויסער דעם וואָס ער האָט ביי מיר גאָרנישט גענומען, איז זיין דאָזיקער זשעסט געווען ווי אַ דעמאָנ־סטראַציע קעגן וואָווקען.

איך האָב די נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. ווי אין אַ קעסל האָט אין מיין מוח געקאָכט און געברויזט. ווי זודיקע וואַסער־קייקעלעך, וואָס בלעזלען אויף מיט שטורעם, האָבן זיך מיינע רעיונות „געבלעזלט" און אויפגעשטורעמט אויף דער אויבערפלאַך פון מיין „כוח־הדמיון"...

איך האָב זיך געוואָרפֿן פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער, ווי אין אַ קדחת. ביז איך האָב זיך געפֿונען אין אַ גרויסן וויסטן שטח ווי אין אַ מדבר. אינעם דאָזיקן מדבר איז געווען אַזאַ קעלט, וואָס איך האָב ביז דאַן נישט געזען.

די ערד אַ וויסטע און געפֿרוירענע איז געווען „באַוואַקסן״ מיט אייז, ווי מיט הויכע זאַנגען. די זאַנגען זענען געווען שטייף און האָבן אויסגעזען ווי אַרויסגעוואַקסן פֿון דער טיפֿעניש פֿון דער ערד. און איבערן דאָזיקן אייזיקן מדבר האָט זיך געשפּרייט אַ הימל אויך אַזוי באַוואַקסן מיט אייז, ווי מיט אייז־שטעקעלעך. דער דאָזיקער הימל מיט זיינע אייז־זאַנגען האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעקערטע ערד.

איך בין געלעגן אויף דער אייזיקער ערד, אויף די האַרטע אייז־שטעקעלעך. ס׳איז מיר געווען שרעקלעך קאַלט און האַרט. איך האָב זיך געפֿונען ווי אין אַ קלעם צווישן צוויי אייזיק־קאַלטע שטראָמען פֿון אויבן און פֿון אונטן.

און געוואָלט האָב איך, כדי נישט צו פֿילן די געוואַלדיקע קעלט און האַרטקייט, אין דער קעלט אַריין אַריינשלאָפֿן. איז אָבער איבער מיר געשטאַנען אַ מענטש אינגאַנצן פֿון אייז, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט איינשלאָפֿן. „זע״, האָט ער געזאָגט, „אייז איז דאָ פֿאַראַן גענוג אויך אַן דיר, אַז דו זאָלסט מיט עפּעס צוגעבן צום דאָזיקן אייז־מדבר״...

האָב איך זיך אַזוי געפּייניקט אין האַרטקייט און קעלט, ביז איך האָב זיך אויפֿגעוועקט. ווען איך האָב זיך באַגינען אויפֿגעכאַפּט, בין איך אינגאַנצן געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. און לאַנג, לאַנג, האָב איך צו זיך נישט געקאָנט קומען פֿונעם דאָזיקן מאָדנעם אייז־חלום.

אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ ידיעה אין קאַמער, אַז דער גרעסטער טייל פֿון די קאַמערניקעס גייט אָפּ קיין סיביר. ווער עס גייט אַריין אין דער פּאַרטיע און פֿונוואַנעט די ידיעה האָט זיך גענומען, האָט קיינער נישט געוווּסט.

דערווייל איז אויף אַלע אָנגעפֿאַלן אַ פּחדיקע שטימונג פֿון גרייטן זיך, ווי ערב יום־כּיפּור צו כּל־נדרי. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פֿון דער היים און פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון די סאָוויעטישע סיבירער וויטקייטן.

באַזונדערס האָט זיך וואָוקע געגרייט. און ער האָט געהאַט מיט וואָס

זיך מכין צו זיין. ווי ביי אַ שניידער ערב יום־טוב האָט זיך אַצינד אין דער קאַמער געריודערט.

עס האָבן פאַר אים אַרומגעפּלאָטערט די בעלי־מלאכות פון קאַמער, וואָס האָבן פאַר אים געניית און אַרויסגעענדיקט זיינע מלבושים, און עס האָט אַרומגעפּאַדעט ער אַליין, וואָווקע,ביים צונויפנעמען זיין אָנגערויבטן טאַבאַק, פּראָדוקטן און זאַכן, כדי צוצוגרייטן זיך אין וועג אַריין.

ער האָט נישט געוואָלט, וואָווקע, דאָס אָוועקגיין זאָל אים טרעפן אומ־געריכט. און זיין דערפאַרענער פאַרברעכער־חוש האָט אים שוין אונטער־געזאָגט, ווען, — וויאַזוי און וואָס מיטצונעמען.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען, ווי אַ וועכטער האָט אויסגערופן די נעמען פון די, וואָס דאַרפן זיך גרייט מאַכן. און נאָך דעם זעלבן טאָג איז מיר אויסגעקומען פּטור צו ווערן פון קאַמער־קאָמענדאַנט וואָווקע „באַנדיט".

געווען איז דאָס אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, ווען די טיר פון קאַמער האָט זיך פאַר די ערשטע פּאַרטיע סיבירניקעס ברייט געעפנט, אין וועלכער עס איז אויך געווען וואָווקע. זיינע זאַכן זענען שוין פון פריער געווען גרייט. און ווען ער איז אַרויס פון קאַמער, האָבן מיר ערשט דערזען וואָס אַלץ דער דאָזיקער רויבער האָט אין תפיסה־קאַמער אָנגערויבט.

ער איז אַרויס אין אַ נייעם אַנצוג (סוד), שטיוול־וואַליקעס, טוליפּ, קאַלאָשן און מיט אַ גאַנצן זאַק טאַבאַק אויף די פּלייצעס. ווען ער איז שוין געווען אונטן, האָב איך געפּרוווט אַראָפּשרייען ער זאָל מיר צוריקגעבן מיינע קאַלאָשן. ס'איז אויף אַ מאָמענט געוואָרן אַן אויפרודער, ווי נאָר אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי ביי מיר נישט גענומען, איז גלייך שטיל געוואָרן.

ס'איז, וויזט אויס, שוין געווען צו שפּעט אויף מאָנונגען. שוין נישט געווען קיין צייט מיט דעם זיך צו פאַרנעמען. ווייל אויפן הויף האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט דאָס שוואַרצע אַרעסטאַנטן־קעטשל, אָפּצופירן די דאָזיקע פּאַרטיע צו דער באַן.

נאָך וואָווקעס אָוועקגיין האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. פּטור געוואָרן פון אַ חמץ. די קאָמאַנדע איבער דער קאַמער האָט איבערגענומען דער בלאָנדער יאַנעק, מיט וועמען איך בין שוין געווען אַ שטיקל מחותן.

די קאַמער איז שיטערער געוואָרן. מען האָט אָבער געפילט, אַז ביי דעם וועט עס נישט בלייבן. אַז מען גרייט צו ווייטערדיקע פּאַרטיעס ווו

אויך מיין חלק וועט זיין דעריין, ווייל נאָר צוליבן צווייטן פּראָצעס, וועלכן איך האָב נאָר וואָס געהאַט, האָט זיך מיין ריי פאַרהאַלטן. איך בין אָבער געווען צופרידן, וואָס איך בין נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט וואָווקען.

פאַרן אַוועקגיין האָט מען נאָך געפּרוּווט ביי מיר אַדורכפירן די לעצטע גניבה. יאַנעק האָט אָבער שאַרף רעאַגירט. „וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף אים", האָט ער געשריגן, „מען האָט אים שוין גענוג באַאַרבעט, לאָזט אים צורו".

דאָס איז אָבער פאַר מיר געווען ווי אַ לעצטע פאַרגרינגערונג פאַר אַ שווער קראַנקן. ווייל גאָר אינגיכן האָב איך זיך געזעגנט מיט דער קאַמער. זיך געזעגנט נישט אויף אַהיימצוגיין, נאָר אויף פאַרשלעפּט צו ווערן אין אומבאַקאַנטע וויסטענישן.

קאַפּיטל דרייצן

קיין סיביר

געווען איז דאָס אַ שבת אינדערפרי. דער דאָזיקער שבת האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווי דער שוואַרצער שבת. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נאָך דאַן אויף קלאָר נישט געוווּסט (אַ טונקל געפיל האָב איך יאָ געהאַט), אַז אויף מיין גורל וועט נאָך אויספאַלן עפּעס ערגערס. ס'איז דאָך נאָך געווען פאַר די דייטשע שחיטות אויף יידן.

די גאַנצע צייט וואָס איך בין געזעסן אין תפיסה, האָב איך ווי די איבע־ריקע אַרעסטירטע, מיין ברויט־פּאַרציע באַקומען רעגולער יעדן אינדערפרי. איך געדענק נישט אַ טאָג, אַז מען זאָל נישט האָבן געגעבן קיין ברויט.

נאָר דווקא דעם שבת אינדערפרי האָט מען אונדז קיין ברויט נישט געגעבן. און צוליבן איבערפירן אונדז צו דער באַן, האָבן מיר שוין אויך קיין מיטאָג נישט באַקומען. און מיר האָבן דעם גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן.

באַלד אינדערפרי האָט מען מיך אַראָפּגענומען אויפן הויף. קיין ספק זיך צוגרייטן האָב איך נישט געהאַט, ווייל אַלע מיינע זאַכן און דערונטער די ווינטער־וועש מיט די קאַלאָשן האָט מען מיר צוגענומען, און מיין באַגאַזש איז געווען אַ גאַנץ קליינער.

אין מיין „אוצר" האָט זיך גאָר געפונען אַ קאָלדרע מיט אַ פּאָר וועש און אייניקע קליי־ניקייטן. איך בין אַראָפּ מיט לייכטע זאַכן און זומערדיקע האַלב־שיך, מיט וועלכע איך האָב געדאַרפט אַדורכמאַכן מיין וועג אין די קאַלטע מרחקים.

אויפן הויף האָט מען מיך אַרייגגעוואָרפן אין אַ פאַרמאַכט שוואַרץ קעטשל מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, ווי אַ הונט־שלעגער וואַרפט אַריין זיינע אויפגעכאַפּטע הינט אין זיין פאַרמאַכטן וואָגן־קאַסטן.

איך בין געפאָרן צו דער באַן דורך אַ פאַרקערטן וועג ווי איך בין אַריין אין תפיסה. אויפן וועג צו דער באַן האָבן זיך מיינע אויגן אָנגעשטויסן אויף אַ סך באַקאַנטע. אויף דער סוראזשער גאַס האָב איך פּלוצים דערזען מיין שכנטע, וועלכע האָט אַזוי אויף מיר געגלאָצט מיט די אויגן ווי אויף אַ בייז וווּנדער. האָט זי מיך דערקענט? איך האָב דאָס נישט געקאָנט פעסט־שטעלן.

איך האָב געוואָלט אַרויסשרייען פון קעטשל, געבן צו וויסן, אַז מען פירט מיך פון דאַנען אַוועק, ווייט, ווייט אַוועק. איך האָב אָבער נישט געוווסט וויאַזוי מען מאַכט דאָס. און איך האָב זיך, אגב, אויך געשעמט צו שרייען.

האָב איך באַשלאָסן מיין צער אין מיר צו דערשטיקן. וואָלט מיין פרוי דאָ געשטאַנען, וואָלט איך נאָך צו איר אַרויסגעשריגן, נאָר פאַר אַ פרעמדע, כאָטש אַ באַקאַנטע אַרויסצוטראָגן דעם אייגענעם פיין האָב איך נישט געקאָנט פועלן ביי זיך.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען ווי איך בין געווען ביי דער באַן. הגם איך האָב דעם היימישן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט. דאָס בין איך אַזוי געווען אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע, וווּ ס'איז שוין פון פריער געווען צוגעגרייט אַ לאַנגער טאָוואַראָווער צוג מיט שטאַרק פאַר־קראַטעוועטע פענצטערלעך.

אַ שטרענגע וואַך האָט מיך אונטער געשטרעקטע ביקסן און באַגנעטן איבערגעגעבן צו דער ספּעציעלער נ.ק.וו.ד.־וואַך, וועלכע האָט אָנגעפירט

מיט אונדזער עשאַלאָן. און פון דער מינוט אָן האָב איך ביז דער באַפרייונג זיך שוין געפונען אין איר רשות.

אין יעדן וואַגאָן זענען פון בײדע זײטן געווען צו צוויי רייען נאַרעס איינע איבער דער אַנדערער. קיין שום אונטערשפּרייט אָדער וועלכער ס׳איז צודעק איז אויף זיי נישט געווען. און אין יעדן וואַגאָן זענען געווען ביי פערציק מענטשן.

ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ פּרימיטיוו הילצערן קעסטל אויף צו באַפרידיקן די באַדערפעניש. און אַנטקעגן דעם איז געווען אַ גרויס פאַס וואַסער, ווי אַ קאַריטע פאַר בהמות... אין מיטן וואַגאָן איז, אמת, געווען אַן אייזערן אייוועלע. עס האָט אָבער מער געגרויכערט ווי געוואַרעמט. ווייל געווען איז ביים אַרויספאָרן פון ביאַליסטאָק אַן 18־גראַדיקער פראָסט, וואָס האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשטאַרקט. און דאָס אייוועלע האָט אין זיך מער ווי אַ פאָר נאַסע העלצער נישט געהאַט.

גלייך ווי מיר זענען אַריין אין וואַגאָן איז ער געוואָרן פאַרפּלאָמבירט און זיינע טירן האָבן זיך נאָר געעפנט ביי באַזונדערע סטאַציעס, ווי אויך ביים געבן די מאַרגנדיקע ברויט־פּאָרציעס און וואַסער.

ווי דערמאָנט, האָבן מיר דעם טאָג קיין שום עסן נישט באַקומען. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע דערלייזערישע מתנה, וואָס מיר האָבן ביים אַרויספאָרן פון ביאַליסטאָק באַקומען. פאַרשטייט זיך, אַז נישט צוויסנגעבנ־דיק אונדז וועגן אַרויספאָר, האָבן מיר זיך נישט געקאָנט באַזאָרגן מיט קיין שום שפּייז אויפן וועג און מיר זענען דעם טאָג געווען גוט הונגעריק.

איך, ווי דער איינציקער ייִד אין דער גרופּע, האָב פאַרביסן מיט מיינע הונגעריקע ליפּן און געשוויגן. ס׳קאָן אויך זיין, אַז ווי אַ ייִד, בין איך מער געווען געוווינט צו פאַסטן.

די קריסטן אָבער האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן. זיי האָבן געקלאַפּט אין די וואַגאָנען, געשטורעמט און געמאָנט זייערע ברויט־פּאָרציעס. אונ־דזערע פירערס, ענקאַוועדיסטן, האָבן זיך אָבער נישט דערשראָקן.

געוווינט צו אַכזריות, האָבן זיי אַרויסגענומען פון די וואַגאָנעס די הונגעריקע פּראָטעסטירער און זיי מיט אויסגעטאָענע מאַרינאַרקעס געוואָרפן אין שניי. זייערע פּראָטעסטן האָבן זיי גאַרנישט געהאָלפן. און מער ווי דעם שניי האָבן זיי נישט פאַרזוכט.

ערשט אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז אַריינגעגעבן ביי אַ פיר

הונדערט גראַם ברויט מיט אַ הערינג אויף אַ פּערזאָן. דער הערינג איז געווען אַ לאַנגער און אַ מאָגערער און די קריסטן האָבן אים גערופן „באָלשעוויק".

האָבן מיר דעם דאָזיקן „באָלשעוויק" אַנגעהויבן ביים קאָפּ און געענדיקט ביים ווידל. און דאָס נאַסע שטיקל ברויט האָט קוים געקלעקט מיט דעם צו פאַרבייסן דעם געזאַלצענעם הערינג.

דערפאַר אָבער האָבן מיר דעם „באָלשעוויק" פאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער פון דער גרויסער פאַס. און ס'האָט לאַנג נישט גענומען ווי דאָס גרויסע פאַס איז געבליבן ליידיק. אַצינד ערשט האָב איך באַנומען, צוואָס מען האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַזאַ גרויס פאַס וואַסער.

ביינאַכט, לאַנג נאָך דער דאָזיקער „סעודה", האָט דער צונג געגומען רירן פון אָרט. ער האָט זיך פאַמעלעך געשלעפּט, ווי אויך ער וואָלט קיין בעסערע סעודה נישט באַקומען.

קיין ליכט האָבן מיר אין די וואַגאָנעס נישט געהאַט. דאָס איינציקע ליכט נאָר איז געווען דער אָפּשיין פון דער לבנה און פונעם שניי אין די פּראַסטיקע נעכט, וואָס האָט זיך צו אונדז אַריינגעגנבעט דורך די שפּאַרונעס פון די הערמעטיש־פאַרמאַכטע און פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך און דורך די שפּאַלטן און לעכער פון די אַלטע פּי־וואַגאָנעס.

הונגעריקע און דאָרשטיקע פון דעם געזאַלצענעם הערינג, האָבן מיר אין די נעכט אויך צוגעפרירט אויף די האַרטע נאַרעס. און דער הונגער און די קעלט, צוזאַמען מיטן „ריח ניחוח" פונעם פרימיטיוון „בית־הכסא", האָבן נישט געלאָזט איינשלאָפן.

זענען מיר אין די נעכט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און פון קעלט צוגעקלאַפּט מיט די פיס. און וואַרפנדיק זיך אַזוי אויף מיין נאַרע, האָב איך זיך דערמאָנט אין יענער קליינער איינגעשרומפענער פרוי, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג ביז אונדזער צוג איז אָפּגעפאָרן אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטאַיעטע מיט אַ לעבל ברויט אונטערן אָרעם, אויסקוקנדיק אַ געלעגנהייט עס עמיצן איבערצוגעבן. איך האָב אַצינד באַנומען, אַז דאָס האָט מיין שוויגער אַזוי געוואָרט אויף אַ מעגלעכקייט מיר דאָס איבערצוגעבן.

אויף צומאָרגנס האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט. אַ נאַסע פּאָרציע ברויט אין דער פרי און אַ הערינג אין אָוונט. זענען מיר וואָס אַמאָל געוואָרן הונגעריקער און דאָרשטיקער.

עס האָט אונדז שוין אויך נישט געקלעקט דאָס וואַסער צום טרונקען. און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן איבער אַ טעפּעלע קאַלט וואַסער ווי איבער אַן אוצר, ווי מיר וואָלטן זיך געפינען נישט אין קיין ישוב, נאָר ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם וויסטן העק.

די טעג זענען געווען קאַלטע און כמורנע. דאָס ביסל רויכערנדיקע וואַרעמקייט פון אייוועלע, וואָס האָט סיווי קיינעם נישט אָנגעוואַרעמט, איז אַצינד שוין אויך נישט געווען.

די וואַגאָנעס זענען נאָך צו דעם געווען אַלטע און צעבראָכענע, מיט לעכער און שפּאַלטן. זיי זענען נישט געווען גענוג דורך זיי צו אַנטלויפן, נאָר גענוג עס זאָל דורך זיי אַריינשפּאַצירן דער פראָסט. פיל טעג זענען שוין פון אונדזער אַרויספאָר אַוועק און מיר האָבן נישט נאָר קיין לעפל וואַרעמס נישט אָנגעקוקט, נאָר אַפילו נישט קיין „קיפּיאַטאָק" (געקאָכט וואַסער). און אויך דאָס זיין אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס איז אונדז שוין גע־וואָרן נמאס.

ווייל די טירן האָבן זיך נאָר געעפנט ביים געבן אינדערפרי דאָס שטיקל ברויט און דעם „באַלשעוויק" אין אָוונט. אויך דאָס קאַלטע וואַסער איז שוין געהאַט אויסגעגאַנגען. מיר האָבן אָבער ווי פיש געמוזט שטומען אין די געפרוירענע באַוועגלעכע שטייגן.

מיר האָבן נישט געטאָרט פּראָטעסטירן, בפרט אין מיטן וועג. דער מינדסטער פּראָטעסט האָט געמיינט בונט, קאָנטררעוואָלוציע, וואָס איז געווען פאַרבאָטן.

איך בין געשלאָפן אין די זאַכן. מיין קאָלדרע איז געווען צו קורץ מיך אַריינצונעמען אין זיך. האָב איך זיך ווי אַ שלאַנג צונויפגעדרייט אַרומצו־נעמען די גאַנצע קאָלדרע. איך האָב זיך איינגעשרומפּן, מצמצם געווען; און דעם איינגענאָרעטן גוף מיטן אייגענעם אָטעם געפּרוווט דערוואַרעמען.

ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מיינע באַשיכטע פיס האָבן אַרויס־געשטעקט פון דער קאָלדרע און האָבן לייטיש געפרירט. ווי האָב איך דאַן מקנא געווען אַ קליין מענטשעלע...

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן. בשום אופן נישט. צו מיינע צוויי שונאים — הונגער און קעלט, זענען נאָך צוגעקומען די קליינע ברואימלעך, וועלכע האָבן זיך פונקט אַזוי געטוליעט, מורא געהאַט פאַר קעלט, ווי איך. און אַזוי נאָרענדיק זיך אין מיר, האָבן זיי אויסגעזויגן דאָס לעצטע ביסל חיות.

פירנדיק אונדז אויף זייטיקע ליניעס, האָבן מיר זעלטן געזען און געהערט עפּעס אַ באַוועגונג. דאָס איינציקע נאָר, וואָס מיר האָבן געהערט, איז געווען דאָס געשריי און די טריט פון די ענקאַוועדיסטן, ווען זיי האָבן געעפנט אונדזערע טירן.

וואָס ווייטער אָבער האָט אָנגעהויבן ווערן לעבעדיקער. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַ וויכטיקן פּונקט. און ווידער זענען נייע האָפענונגען אויפגעקומען אין מיר. האָפענונגען אויף עפּעס אַ פאַר־לייכטערונג, אויף לויזער מאַכן די קייטן פון מיין געפאַנגענשאַפט.

דער געטומל פון די וועכטער איז געוואָרן שטאַרקער. און אונדזער אַלטער קרעכצנדיקער לאָקאָמאָטיוו האָט נאָך אַ פריילעכן געקוויטש, ווי וועלנדיק זיך מאַכן יונג און וואַזשנע, מיט אַ שווערער סאָפּעריי זיך אָפּגע־שטעלט. מיר זענען געבליבן שטיין ביי דער ווייסרוסישער הויפּטשטאָט מינסק.

נאָכן אַריינטראָגן אונדז דאָס ברויט, האָבן זיך פּלוצים ביי אונדז באַוויזן וואַסערטרעגער, וועלכע האָבן צוריק אָנגעפילט דאָס פאַס מיט וואַסער. און גלייך האָט מען אונדז אָנגעהויבן צוגרייטן צום רייניקן (גיין אין באָד).

אַ וואָך פון ענקאַוועדיסטן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס, וואָס האָט אונדז אַרומגענומען ווי מיט אַ צוואַנג, האָט אונדז געפירט אין באָד. און נאָך אַ לענגערן מאַרש זענען מיר געבליבן שטיין פאַר עפּעס אַ געביידע.

מען האָט אונדז דאָ באַפוילן צו קניען אינעם קאַלטן שניי מיט די פּנימער צום פראָנט פון דער געביידע, מיט דער וואָרענונג זיך נישט צו רירן פונעם אָרט. און די וועכטער האָבן מיט געשטרעקטע ביקסן ווי צו אַן אַטאַקע, פון אַלע זייטן אונדז אַרומגענומען.

קניענדיק אין שניי האָבן מיר געזען ווי אין דער באָד זענען אַריין און אַרויס גאַנצע פאַרטיעס. אונדזער עשאַלאָן איז, ווייזט אויס, נישט געווען דער איינציקער. מיט אונדז זענען געפאָרן נאָך אַזעלכע עשאַלאָנען אַרעס־טירטע, הגם מיר האָבן זיי נישט געזען פאָרן מיט אונדז. מיר האָבן זיי אָבער געמוזט איבערוואַרטן ביז ס'איז געקומען אונדזער ריי.

דערווייל האָבן מיר אַזוי אויפן ברענענדיקן פראָסט געקניט אייניקע שעה אין דעם טיפן שניי. די וועכטער האָבן זיך געביטן, נאָר מיר האָבן אַחוץ דעם רייבן אונדזערע געפרוירענע אויערן, נישט געטאָרט בייטן אונדזער קניענדיקע פּאָזיציע.

ביי די אַלע צרות האָט זיך מיר אויך געוואָלט לאַכן. ביי דער זייט פון דער באָד איז אויך געווען אַ מאַגאַזין פון זאַכן און אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וואָס האָט אויך באַטראַכט די ערנסטע קראַנקע. און פון אונדזער אָרט האָבן מיר אויך געקאָנט זען די שוין אויסגעבאָדענע געפאַנגענע, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען פון באָד אין מאַגאַזין.

און אַזוי קוקנדיק האָב איך מיטאַמאָל דערזען אויף גיך איבערלויפן פון באָד צום מאַגאַזין האַלב־נאַקעטע מענטשן מיט פאַרברענטע וועש. און ס'איז געווען טראַגי־קאָמיש צו זען, ווי איינער, וועמענס כמעט גאַנצע העמד איז געווען פאַרברענט, איז אַ נאַקעטער, אויף דער בייזער קעלט, גיך געלאָפן צום וועש־מאַגאַזין אַרויסצוקריגן אַן אַנדער העמד. דאָס האָט זיך אַזוי די מינסקער פאַרוועקע געפלייסט ביים פאַרניכטן די איבעריקע ברואימלעך...

אַ צעפּרווירענער, מיט ברעכנדיקע קניען, בין איך ענדלעך אַריין אין באָד. די באָד און פאַרוועקע איז אַפילו נישט געווען קיין שלעכטע. מען האָט אונדז אויך אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ און די איבעריקע ערטער. עס האָט אונדז אָבער צופיל געקאָסט. און אויף לאַנג האָט די דאָזיקע רייניקונג נישט געהאָלפן.

איך בין נאָך אַריין צום דאָקטאָר ער זאָל מיך באַטראַכטן. כאָטש קיין צו געזונטער בין איך נישט געווען, איך בין שוין דאַן געווען באַוואָפנט מיט אַ שפּאָר ביסל מיחושן, — האָב איך פונדעסטוועגן נישט דערוואַרט, אַז דער סאָוויעטישער דאָקטאָר זאָל מיך אָפּלאָזן אַהיים. דאָס וואָלט געווען ווי משנה זיין דעם סדר בראשית...

איך האָב פונדעסטוועגן דאָס געטאָן, כדי צו באַרויקן מיין אייגן געוויסן. נאָר צו איין זאַך האָב איך יאָ געהאַט אַ שטיקל מזל. צו דער זאַכן־קאָמיסיע. זי האָט דערזען מיין לייכטן הולך און זי האָט אויף מיר רחמנות געקריגן.

זי האָט מיך באַקליידט מיט אַ וואַטעווע „פופייקע״, אַזאַ פון וואַטע אויסגעשטאָפּטע קורטקע, וואַטעווע הויזן און וואַטעווע היטל. עס האָט מיר נאָר געפעלט אַ פּאָר ווויליקעס, וואָס צו דעם האָב איך שוין קיין מזל נישט געהאַט. אָבער אויך פאַר דעם באַקומענעם האָב איך געדאַרפט זאָגן: „גם זו לטובה״. ווייל די דאָזיקע וואַטעווע מלבושים האָבן מיך געראַטעוועט.

מיט די דאָזיקע ווייכע און וואַרעמע זאַכן בין איך שפּעטער געלעגן אין „פערעסילני פונקט״ (איבערשיקונגס־פונקט) אויף נאַרעס מיט אייז־

צעפּעלעך ווי אויף קליינע שטעקעלעך. און מיט זיי בין איך אַדורכגעגאַנגען די סיבירער קעלטן ווי די בוכאַרער־טאַשקענטער און סטאַלינאַבאַד־דזשאַמבולער היצן.

זייער וואַטעווע ווייכקייט האָט מיר אויך געמילדערט די בייזע האַרט־קייט פון די נאַרעס, וועלכע האָבן אַזוי דערלייזעריש געבראַכן די ביינער.

ווען מיר זענען נאָך דער רייניקונגס־אָפּעראַציע צוריקגעגאַנגען אין די וואַגאָנעס, איז שוין געווען נאָך מיטאָג. האָבן אַרום די וואַגאָנעס שוין אַרומגעפּאַדעט אַ גאַנצע כאַפּטע באַדינער, וועלכע האָבן אונדז לכבוד דער מינסקער באַד מכבד געווען מיטן ערשטן מיטאָג.

עס רעדט זיך אַזוי מיטאָג. ווייל דער „מיטאָג״ איז באַשטאַנען פון אַ קליין טעפּעלע קאַשע־זופּ, וואָס וואָלט אַפילו פאַר אַ יינגל פון פינף יאָר נישט געקלעקט. בפרט נאָך אַזאַ פּרירונג און רייניקונג, וואָס מיר האָבן אַדורכ־געמאַכט. פונדעסטוועגן האָט עס פאַר אונדז פאַרט געהייסן אַ לעפל וואַרעם געקעכטס.

אָבער אויך דאָס דאָזיקע טעפּעלע קאַשע־וואַסער האָבן מיר נאָר באַקו־מען אויף איינציקע גרעסערע פּונקטן. און אין פאַרלויף פון אונדזער גאַנצער זעקסוואָכעדיקער רייזע האָבן מיר דאָס נאָר באַקומען איינציקע מאָל.

דערפאַר אָבער האָבן מיר אויף איניקע פּונקטן אָנגעהויבן צו באַקו־מען דעם עכטן רוסישן „קיפּיאַטאָק״ (געקאָכטע וואַסער) און דאָס ווי אַ צוגאָב צו די פריערדיקע קאַלטע וואַסער. און מיר האָבן אַזוי אַרום שוין געהאַט קאַלטס און וואַרעמס...

מינסק האָט אונדז אויף אַ ווײַלע אָפּגעפרישט. די וואַטעווע ווייכע זאַכן האָבן מיך אינעם קאַלטן וואַגאָן אַביסל מער געוואַרעמט און אויך ווייכער געמאַכט דאָס „געלעגער״.

ס׳איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ געוואָרן קעלטער. אויף די פיס האָב איך געטראָגן די זעלבע זומערדיקע שיך, און דער בילאַנס צום שלעכטן האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט.

נאָכן אָפּשטיין אַ שטיקל צייט זענען מיר געפאָרן ווייטער. מיר זענען שוין געווען אין וועג מער ווי אַ וואָך. און דאָס שלעפּן זיך אין קאַלטע פאַרמאַכטע וואַגאָנעס מיט אַן אָפענעם פּרימיטיוון בית־הכסא, דערצו מיט אַזאַ קליינע ברויט־פּאַרציע און געזאַלצענעם „באַלשעוויק״ פאַר אַ גאַנצן מעת־לעת, האָט אונדז שוין ד׳ערעסן און אויסגעמאַטערט.

האָב איך שוין געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער רייזע. און

ווי שטענדיק אין אַ צרה ווען מען וויל פון איר וואָס גיכער פּטור ווערן, בין איך גרייט געווען גלייך אַריינצושפּרינגען אין לאַגער אַריין. אַריינצופּאַלן אין אַ נאָך ערגערער צרה, אַבי פּטור צו ווערן פון דער.

אין אָט אַזאַ שטימונג בין איך אָנגעקומען אין דער ווייסרוסישער אָרשע. ווי אין מינסק, זענען מיר אויך דאָ אָנגעקומען נישט אויפן הויפּט־וואָקזאַל, נאָר ערגעץ אויף אַ זייטיקן פראַכט־הויף.

דער דאָזיקער הויף איז געווען פול מיט שניי, וועלכן באַפּעלצטע רוסישע פרויען האָבן גערייניקט. פון די דאָזיקע סאָוויעטישע פרויען האָבן מיר באַקומען דעם ערשטן „קבלת פנים". זיי האָבן אונדז אויפגענומען אויף אַ גאַסטפריינטלעכן אופן, מיט אַן עכטן סאָוויעטישן „וורא̈גי נאַראָדאַ" (פיינט פון פאָלק).

כאָטש וואָס פאַר אַ פאָלקס־פיינט איך בין און וואָס פאַר אַ מחותן איך, אַ פוילישער ייד, אַ מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּטער פון מיין היים, בין מיטן סאָוויעטישן ווייסרוסישן פאָלק, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן. דערפאַר אָבער אין וועמענס הענט איך בין אַריינגעפאַלן האָב איך שוין יאָ געוווסט...

אין אָרשע האָט מען אונדז שוין מער אין מרחץ נישט געפירט, און דעריבער אויך פון די וואַגאָנעס נישט אַרויסגעלאָזט. די איינציקע פריווי־לעגיע נאָר וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט איז געווען דאָס באַקומען דאָס טעפּעלע קאַשע מיטן „קיפּיאַטאָק", ווי פריער אין מינסק.

דערפאַר זענען מיר דאָ לענגער געשטאַנען, כאָטש אפילו נישט אויפן פראַכט־הויף, נאָר אויף אַ גאָר זייטיקער ליניע, ווו מיר האָבן זיך געטראָפן מיט נאָך אַזעלכע עשאַלאָנען ווי אונדזער.

מיר האָבן זיך מיט די אַרעסטאַנטן פון די דאָזיקע עשאַלאָנען געוואָלט צונויפרעדן, פון זיי עפּעס געוווּיר ווערן. דער עיקר האָבן מיר זיך געוואָלט דערוויסן ווו מען פירט אונדז. דאָס איז אונדז נישט געלונגען.

כאָטש העלפן זיך וואָלטן מיר סיווי נישט געקאָנט, זענען מיר פונ־דעסטוועגן געווען נייגעריק צו וויסן ווו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן און אויך עפּעס וועגן די דאָרטיקע באַדינגונגען.

אַ טייל אַרעסטירטע פון די אָנגעקומענע עשאַלאָנען, איבערהויפּט רוסן, האָבן, ווי עס זאָל אונדז נישט וווּנדערן, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום באַזאָרגטקייט. פאַרקערט, זיי זענען געווען גאַנץ פריילעך, ווי שיכורע

„נאָוואָבראַנצעס״, וואָס פאָרן צום ערשטן מאָל אויפן פראָנט. זיי זענען, ווייזט אויס, ווי רוסן, שוין געווען צוגעוווינט צו דעם.

נישט קענענדיק זיך פּנים אל פּנים פאַרשטענדיקן, האָבן מיר זיך געפּרוּווט קעגנזייטיק איבערשרייען דורך אונדזערע פאַרקראַטעווטע פענצטערלעך. אונדזערע באַגלייטער האָבן דאָס דערזען און גלייך צו דעם געמאַכט אַ סוף.

פונדעסטוועגן איז אייניקע פון אונדז געלונגען זיך איבערצווואַרפן מיט טאַבאַק און סיגאַרעטן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַזאַ שטומער סחורה־אויסטויש.

איך האָב צווישן דער דאָזיקער מענטשן־מאַסע געזוכט גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב געוואָלט צווישן זיי געפינען באַקאַנטע און יידן. איך האָב אָבער געזוכט דאָס, וואָס איך האָב נישט געקאָנט געפונען.

נאָכן שטיין אַ שטיקל צייט, האָבן זיך די באַגעגנטע עשאַלאָנען פאַנאַנדערגעשיידט. אונדזער לאָקאָמאָטיוו האָט מיט אַ טאָפּלטן פייפנדיקן געקוויטש זיך געזעגנט און אָפּגעריסן פון אָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך באַוועגן אַלץ ווייטער צו צפון.

אויף אונדזער ווייטערדיקן מאַרש האָבן מיר זיך כמעט שוין נישט אָפּגעשטעלט. מיר זענען אַצינד געפאָרן טאָג און נאַכט, הגם שלעפּנדיק זיך פּאַמעלעך ווי אַ טשערעפּאַכע.

אויב מיר האָבן זיך ווי עס איז אָפּגעשטעלט, איז דאָס געווען אין די נעכט און אין אומבאַקאַנטע ערטער. און מיר האָבן נאָך פאַר זיך געהאַט גאַנצע וואָכן צו פאָרן.

אין אָנהייב זענען נאָך פאַרבייגעלאָפן וועלדער און פעלדער, בערג און טאָלן, לאַנדשאַפטן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט לעבן. מיטאַמאָל אָבער האָט זיך די גאַנצע פאַנאָראַמע געענדערט.

דאָס לעבן האָט זיך ווי פון אַרום אָפּגעטאָן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פריער טונקעלע און דערנאָך ווי שניי־ווייסע מדבר־זאַמדן.

נאָך די דאָזיקע ווייסע זאַמדן האָבן מיר זיך ווידער געפונען אַרום אַ טומלדיקן אָרט, וווּ עס האָבן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט מענטשן מיט פאַרשמעלטע אויגן און ברייטע פּנימער, מיט אַזעלכע שאַרף־אַרויסגערוקטע קין־באַקן.

די דאָזיקע פאַר אונדז אומבאַקאַנטע אין פעל־באַפּעלצטע מענטשן, האָבן געפירט אַזעלכע קליינע פוירישע וועגעלעך מיט האָלץ, געשלעפּט

פון הירשן. זיי האָבן גערעדט אַן אומפּאַרשטענדלעכע פּאַר אונדז שפּראַך. און מיר האָבן זיך שוין געפונען אינעם שטח פון קאַרעלישן צפון.

די סביבה איז מיר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דאָס ערשטע מאָל ווי מיר פאָרן אין דעם ראַיאָן. האָט זיך טאַקע געגלוסט אויסצושטייגן פון די וואַגאָנעס און נאָענטער זיך באַקענען מיטן אָרט און די מענטשן.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי אין אָנהייב, באַלד נאָכן איינשטייגן אין דעם וואַגאָן, האָט דער הויכער וואַשילעווסקי, זיך מאַכנדיק „הארץ״, מיך געפּרוווט טרייסטן, זאָגנדיק: „ס׳איז גאָרנישט, ברודערל, וועסט זיך באַקענען מיט מענטשן און לענדער און דערוויל באַרייכערן דיין דערפאַרונג״.

יאָ, האָב איך געטראַכט, אַ האַלבער אמת איז פאַראַן אין דעם, דער צווייטער האַלבער אָבער פאַרשוואַרצט און פאַרטונקלט אויך דעם ערשטן, מחמת פאַר אַ געבונדענעם קנעכט און פאַרביטערט האַרץ שיינט אויך נישט די זון...

ווי אַ שניטער, וואָס שניידט זיך וואָס אַמאָל מער אַריין אין זיין פעלד, האָט אונדזער צוג זיך וואָס מער אַריינגעשניטן אין דער וויַט. כאָטש פאַמעלעך, זענען פונדעסטוועגן די וויאָרסטן „געפאַלן צו אונדזערע פיס״, ווי פאַרשניטענע זאַנגען.

מיר זענען ווידער אַריין אין גאָרנישט־זאָגנדיקע מאָנאָטאָנע וויַטקייטן. מיר זענען שוין צו דער גאַנצער „רייזע״ געווען גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט אונדז אַליין גאָרנישט אָנגעגאנגען. אפשר האָט אויף אונדז אויך געווירקט דער בייטנדיקער קלימאַט, וואָס איז מיט אַמאָל איבערגעגאַנגען אין אַ דריקנדיקער פאַרנעפּלטקייט.

ס׳איז שוין געווען די זעקסטע וואָך פון אונדזער אַרויספאָרן פון ביאַליסטאָק. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם סאָוויעטישן חשבון. עפּעס אַ לאָגיק מוז דאָך זיין אויך ביי אַ ראַטנפאַרבאַנדישער מאַכט?

אינגאַנצן האָב איך געקריגן אַ „דיעטסקן סראָק״ (אַ קינדערישן ווירטאָק) ווי די רוסן זאָגן, איין יאָר סך הכל. בין איך שוין פון דעם אָפּגעזעסן איבער צוויי חדשים אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

די זעקסטע וואָך פאָרן מיר שוין, בלייבט מיר נאָך אַרום אַכט חדשים צו לאַגערן. לוינט דאָס פאַר זיי מיך צו שלעפּן אַזוי וויַט און אויסגעבן דערויף דעם אַרבעטערס געלט, בפרט פאַר אַזאַ גבֿרן ווי איך בין?...

נאָר גיכער וועט זיך בייטן זומער און ווינטער איידער דעם מענטשנס נאַטור, וואָס איז אַן תוך איינע און די זעלבע ביי אַלע. און מיטן אַלטן

צאַרסקן וואָרט — „באַטשאַלסטוואָ לוטשע זנאַיעט" (נאַטשאַלסטווע ווייסט בעסער וואָס זי טוט), וועסטו אויך אַצינד, הגם ביי אַ פּראָלעטאַרישער מאַכט, מוזן אָפּקומען...

דאָס איז אָבער גאָר אַזוי געווען אויבנאויפיק. אינעווייניק, אין מיר אָבער, האָט געקעמפט דער צווייפל. איך האָב אָנגעהויבן ספקן אין דער פעסטקייט און זיכערקייט פון מיין באַקומענעם טערמין.

וואָרים אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, ווער וועט מיר גאַראַנטירן, אַז צום יאָר וועט מען מיך אַרויסלאָזן, וואָס טו איך, אַז מען וועט מיך פאַר־האַלטן אויך נאָכן יאָר ?...

פאַרשטייט זיך, ווי איך האָב פאַרגעפילט געוויסע זאַכן, האָב איך דאַן נאָך נישט פאַרויסגעזען די שפּעטערדיקע שיקאַרסקי־אַמנעסטיע, וואָס וועט אונדז, פּוילישע בירגער, טראָץ אונדזערע וויראָקן, — ראַטעווען פון די סאָוויעטישע הענט. און נישט פאַרויסזעענדיק דעם דאָזיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, האָט זיך דערווייל נאָך אַ זאָרג איינגעגעסן אין די ביינער.

בפרט ווען אין מיין זכרון איז אַצינד אויפגעשווומען מיין יונגערן ברודערס וואָרנענדיקע רייד: „יאַנקל", האָט ער געהאַלטן אין איין אַריינהאַמערן אין מיר, „היט זיך נישט אַריינצופאַלן צו זיי. צו זיי ווייסט מען נאָר ווען מען גייט אַריין, אָבער קיינמאָל נישט, ווען מען גייט אַרויס".

און כדי נאָך מער צו באַטאָנען זיין וואָרענונג, האָט ער מיט אַ ברוטאַ־לער אָפנקייט צוגעגעבן: „וועט מען דיך אַרויספירן קיין סיביר, וועט די מאַמע דיך שוין מער נישט אָנקוקן".

יאָ, נישט נאָר די שוין נישט־יונגע מאַמע האָט מיך נישט אָנגעקוקט, נאָר אויך נישט ער אַליין, דער יונגערער ברודער, און אויך נישט די יונגע פון מיינע יינגסטע...

אין וואָגאָן האָבן זיך שוין די „געאָגראַפן" געשפּאַרט און געקריגט איבערן טאָר ווו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן. מען האָט געפרוווט טראָפן דעם אָפּשטעל־פּונקט. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז אין פינלאַנד, די אַנדערע — אין קאָמי־ס.ס.ר. נאָר דערווייל האָט מען אַביסל פאַרגעסן אימעם עסן און טרינקען.

פאַר מיר, וואָס איך בין ביז דאַן פון פּוילן אין ערגעץ נישט אַרויס־געפאָרן, זענען די אַלע ערטער אינגאַנצן געווען אומבאַקאַנט. און איך האָב זיי באַטראַכט נישט נאָר לויט זייערע קלימאַטישע און אַרבעטס־באַדינגונ־

גען, וואָס האָבן דאָרט געהערשט, נאָר דער עיקר לויט די מעגלעכקייטן, וואָס זיי האָבן מיר געזאָלט געבן זיך אומצוקערן אַהיים.

ווייל ווי פאַרצאָגט און פאַרצווייפלט דער מענטש זאָל נישט זיין, האַלט ער זיך פאָרט אָן אינעם דינעם פעדימל האָפענונג, כדי דערמיט אַריבער־צושפּאַנען אַלע זיינע לעבנס־שטורעמס. אויך איך האָב זיך דאַן, ביים סאַמע ראַנד פון יאוש, נישט איין מאָל אין דעם אָנגעכאַפּט...

מיר האָבן שוין געפילט די נאָענטקייט פונעם אָפּשטעל. מיר האָבן אויך געהאַט אַ סימן אין דעם, וואָס מען האָט פון אונדזער צוג אָפּגעטשע־פּעט אַ טייל וואַגאָנעס.

ס'זענען, ווייזט אויס, אין דער נאָענט פאַראַן אייניקע פונקטן, האָבן מיר זיך משער געווען. און נישט אַלע פאָרן מיר אויף איין אָרט. מיר האָבן אָבער די פּערעסילני־פּונקטן (איבערשיקונגס־ערטער) אָנגענומען פאַר די סאַמע לאַגער־פּונקטן. דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ טעות.

ס'איז געווען דער לעצטער טאָג פון אונדזער נסיעה. און אונדז איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אין דער הייַנטיקער האַלבער נאַכט וועלן מיר אַראָפּגיין פון די וואַגאָנעס.

ווי ס'איז אונדז נישט פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס שלעפּן זיך, ווי מיר האָבן שוין געוואָלט זען דעם סוף פון דער רייזע, האָבן מיר זיך אין דער לעצטער מינוט דערשראָקן ביים אַראָפּגיין פון די וואַגאָנעס.

דאָס איז געווען די מורא צוליבן פאַרשווינדן פון אונדזער לעצטער אילוזיע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווי לאַנג מען איז נאָך געווען אין די וואַגאָנעס, און די טראַגישע מורא, צוליב דער אומבאַוווּסטקייט פון די נייע לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן.

דער סוף פון אונדזער וואָגלעניש איז ווי אַלץ אינעם סאָוויעטן־פאַר־באַנד וואָס קומט אומגעריכט. אויך דאָס מאָל פאַר אונדז אָנגעקומען אומ־דערוואַרט.

דער טאָג איז פאַר אונדז געווען ווי איינער פון אַלע טעג זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק. אויך די נאַכט האָט זיך מיט קיין שום באַזונדערס נישט אויסגעצייכנט.

מיר האָבן זיך ווי ביז אַהער געלייגט אויף די קאַלטע האַרטע נאַרעס, וועלנדיק דורכן שלאָף, וואָס איז אַזוי גיך נישט געקומען, פאַרטרייבן די

קעלט און דעם הונגער. ווי פּלוצים „בחצות הלילה" (אָרום האַלבער נאַכט), איז געוואָרן אַ געשריי: „אַרויסגיין פון די וואַגאָנעס".

כאָטש נישט ווייסנדיק וואָס דאָס מיינט, איז דעם געפאַנגענעמס זאַך צו פאָלגן. און נאָך איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט און פאַרנומען אונדזערע זאַכן, האָבן זיך שוין די טירן פון די וואַגאָנעס געעפנט, און מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון די וואַגאָנעס ווי די בהמות.

איינדרויסן איז געווען אַ זעלטן ליכטיקע און שטיל־פראָסטיקע נאַכט. ס'האָט פונקט אַזוי „געשפּראָצט" מיט ליכט, ווי מיט קעלט.

אַ בראשיתדיקע שטילקייט האָט געהערשט איבערן גאַנצן ווייסטן אָרום. גאָרנישט האָט זיך אין דער לופט באַוועגן ווען מיר זענען אַרויס פון די וואַגאָנעס, ווי אַלץ וואָלט געשלאָפן זיין אייביקן שלאָף.

אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט מען נאָר געהערט די באַפעלערישע געשרייען פון די באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן און דעם אָפּקלאַנג פון די אייגענע טריט.

ס'איז געווען אַ פערציק־גראַדיקער פראָסט, הגם אָן ווינט און אָן שטורעם. און אין דער דאָזיקער פראָסטיקער נאַכט האָב איך צוזאַמען מיט דער גאַנצער מחנה זיך באַוועגן אין אַ ריטמישן מאַרש, אין זומער־דיקע האַלב־שיך, צו עפּעס אַ „פּערעסילני פּונקט" (איבערשיקונגס־אָרט).

אונדזערע וועכטער האָבן, ווייזט אויס, געקענט דעם וועג, קענטיק, נישט דאָס ערשטע מאָל טרייבן זיי אויפן דאָזיקן קאַלטן שליאַך זייערע „סטאַדעס".

און די „סטאַדעס", איינגעאָרעטע אין זיך, כדי מיט די אייגענע אָטעמס צו וואַרעמען די אייגענע קערפּערס, האָבן ווי רעזיגנירטע, אָן שום פּראָטעסט, זיך געלאָזט טרייבן דורך די דאָזיקע באַוואָפנטע שומרים.

קאַפּיטל פערצן

צום ערשטן „פּערעסילני־פּונקט"

מיר האָבן מאַרשירט צום פּונקט אייניקע מייל. די וואַטעווע זאַכן זענען מיר אַצינד גוט צונוצגעקומען. עס האָבן מיר אָבער געפעלט ווויליקעס

אויף די פיס און מיט עפּעס צו באַוואָרענען פאַר דער פראָסט די נאָז און אויערן.

מיינע געדאַנקען זענען שוין געווען פאַרנומען מיט דער נייער אַכסניה, הגם אַ צייטווייליקע. און כאָטש איך האָב נאָך נישט געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ סאָוויעטישן „פּערעסילני־פּונקט", האָב איך זיך פונדעסטוועגן אָנגעשטויסן וואָס פאַר אַ מין בריאה דאָס איז, אויב ס'איז נאָר אַ ווערק פון זייערע הענט.

איבעריקנס, האָב איך שוין פון אַזאַ שטייגער זאַך נהנה געווען אין פּוילישן מיליטער. דאָן, אין די נײַנצנער יאָרן, האָט עס דאָרט געהייסן אַ „זבאָרנע סטאַציע" (אַזאַ מין צעשיקונגס־אָרט פאַר זעלנער).

און אויב ביים קאַפּיטאַליסטישן פּוילן איז עס נישט געווען קיין גן־עדן, האָב איך זיך שוין געקאָנט פאָרשטעלן וויאַזוי דאָס וועט אויסזען ביי די „פּראָלעטאַרישע דערלייזער".

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווי שלעכט איך האָב זיך אים נישט פאָרגעשטעלט, איז עס אַלץ נאָך געווען ווייניק. די גרעסטע פאַנטאַזיע האָט זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן אַזאַ וויסטן גיהנום. מען האָט צו דעם געדאַרפט זיין אַ דאַנטע.

מיר זענען ענדלעך צוגעקומען צו אַ גרויסע פּאַלאַטקע. די פּאַלאַטקע איז געשטאַנען אינמיטן פון אַ ליידיקן פּלאַץ, אָפּגערוקט פון איר איז געווען אַ קליינע הילצערנע געביידע, ווו עס האָט זיך געפונען די וואַך מיט דער אָנפירונג פון „פּערעסילני־פּונקט".

נאָר ווי אָרעם די וואַך־געביידע איז נישט געווען, איז זי נאָך אַלץ געווען אַ פּאַלאַץ קעגן דער אָרעמער אייזיקער פּאַלאַטקע, ווו עס האָבן זיך געפונען הונדערטער פאַרשיקטע.

ווי נאָר איך בין אַריין אין דער פּאַלאַטקע איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיין ערשטער איינדרוק איז געווען ווי איך וואָלט זיך געקייקלט אין אַ וויסטן פינצטערן תהום.

די פּאַלאַטקע איז געווען אַ גרויסע. נאָר ווי גרויס זי איז נישט געווען, האָט זי אין זיך נישט געקאָנט אַריינגעמען די אַלע הונדערטער פאַרשיקטע וועלכע זענען אין איר געווען אַריינגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פאַס.

די נאַרעס זענען געווען באַלייגט מיט מענטשן ווי מיט פליגן. זענען דעריבער אַ טייל געהאָנגען אויפן גרויסן הילצערנעם סלופּ, וואָס האָט ווי

אַ מאַסטבוים פון אַ שיף אַרויסגעשטעקט איבמיטן פון דער פּאַלאַטקע, צו וועלכן ער איז געווען צוגעפעסטיקט.

די ענגשאַפט איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ. ווייל די כלומרשט אויסזעענדיקע גאַרעס, אויף וועלכע מען וואָלט זיך געדאַרפט לייגן, זענען אויך געווען באַלייגט מיט אייז־צעפּעלעך, ווי אַ פעלד מיט זאַנגען. און מען האָט זיך געדאַרפט אויסראַנגלען אַ שטיקל אָרט נישט צום שלאָפן, נאָר כאָטש צום זיצן. וואָרעם אַרומדרייען זיך איז דאָ סייווי נישט געווען ווו.

אויך דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. ערגער פון דעם איז געווען די הפקרות און ווילדקייט. דאָ האָט איינער דעם אַנדערן געקאָנט פאַרציקן ווי אַ חיה אין וואַלד. עס האָט דאָ נאָך מער ווי אין תפיסה געהערשט די מאָראַל פונעם שטאַרקן, פון כל דאַלים גבר אינעם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס קיינער האָט זיך פאַרן באַוואָלהטן נישט אָנגענומען. אויך נישט די וואַך, וועלכע פלעגט שטענדיק קומען צו שפּעט. האָט אַ כוליגאַן נאָר אַרויסגעוויזן דרייסטקייט, האָבן שוין אַלע פאַר אים מורא געהאַט און ער האָט געקאָנט טאָן וואָס נאָר ער האָט געוואָלט.

אינעווייניק אין דער פּאַלאַטקע

באַלד ווי מען האָט אונדז אַהער אַריינגעוואָרפן, האָט זיך אונדזער וואַגאָן־גרופּע צעטיילט, זוכנדיק יעדער איינער פאַר זיך אַ שטיקל אָרט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אַזוי אַרום זענען זיך די באַזונדערע גרופּעס צעפאַלן, אויסמישנדיק זיך מיט די אַלע איבעריקע.

אויך איך האָב זיך מיט די אַנדערע אויסגעמישט און זיך גלייך געוואָרפן אויפן נאָענטסטן שטיקל אָרט, אויף וועלכן נאָר מיין בליק איז געפאַלן. און אויך ווי ביי די אַנדערע האָט זיך אין מיר דערוועקט דער ווילן פאַרן לעבן.

אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך צווישן די אייז־צעפּעלעך ווי צווישן וואַסער־אינדזעלעך, ווי ס'איז געוואָלט איינאָרדענען, איז פון ערגעץ גלייך ווער צוגעקומען צו אונדזער נאָרע, וועמען איך האָב פון פּלוצימדיקער איבעראַשונג רעכט נישט געקאָנט באַטראַכטן, וועלכער האָט גאָרנישט זאָגנדיק, גלייך גענומען זוכן אין אונדזערע אָרעמע פּעקלעך.

ער האָט אָבער נישט בלויז געזוכט, נאָר דאָס וואָס איז אים געפעלן געוואָרן גלייך צוגענומען. צו מיין מזל, אָדער שלימזל, האָט ער ביי מיר גאָרנישט גענומען.

ווייל וואָלט ער ביי מיר באַלד ביים אַריינטריט אין לאַגער צוגענומען מיין אָרעם פּעקל, וואָלט ער מיר פאַרשפּאָרט די איבעריקע צרות פון וואַכן איבער דעם, ביי וואָס איך האָב זיך נאָר אומזיסט אָנגעשטרענגט. ווייל סיווי האָט מען עס ביי מיר שפּעטער צוגענומען.

ער איז אָבער געקראָכן נישט צו קיין ייד, נאָר צו זיינגלייכן, צו איינעם פון זיינע רוסישע יחסנים־ברידער. האָט זיך טאַקע יענער, אויך נישט קיין מלופּים־קינד, געפּרוּווט נישט לאָזן, זאָגנדיק אויף זיין רוסישן געפּעפּערטן לשון: „טשעוואָ טי אישטשיט" (וואָס זוכסטו?) „יאָב... וור..." (אַ נישט דרוקבאַר רוסיש זידלוואָרט).

ווי אַן ענטפער האָט דער צוגעקומענער גלייך אויפן אָרט אויפגעהויבן אַן ערדענע שיסל און מיט די ווערטער: „וואָט טשטאָ יאַ אישטשו" (אָט וואָס איך זוך), איר צעשפּאָלטן אויף זיין קאָפּ.

דער אָנבליק פון מיין שכנס צעבלוטיקטן קאָפּ, האָט מיך אויפגעשווי־דערט און צעשראָקן. „אָט אין וואָס פאַר אַ דזשונגל איך געפין זיך".

ווייל אויסער אַ צעקאַטעוועט, צעשמיסן לייב און צעשלאָגענע, צע־ביילטע שטערנס אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, האָב איך ביז אַהער נישט געזען. און דאָ גאָר זע איך בלוט, רינענדיק מענטשלעך בלוט...

פון די פריערדיקע פּאַלאַטקע־איינוווינער האָט זיך קיינער נישט אַריינ־געמישט. אויך נישט די וואַך, וועמען מען האָט נישט אָנגעקוקט. און די ניי־צוגעקומענע זענען געווען צעטומלט און פאַרנומען מיטן אייגענעם פּחד.

די נאַכט איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. זי האָט זיך ערשט אָנגע־הויבן. אָנגעהויבן מיט איר גאַנצן מענטשלעך־גרוילנדיקן שאַנד. און ווי אויף אַ פאַרשטעלונג האָבן זיך די גרויל־סצענעס געביטן. געביטן נישט אין זייער אויסגעטראַכטקייט, נאָר מיט אמתע שטיקער לעבן...

אין דער פּאַלאַטקע איז געווען געגוג ליכטיק. אויסער די באַזונדערע לאָמפּן, האָט פון סאַמע צענטער אַרויסגעשייַנט מיט אַ שטאַרק רעפלעק־טאָריש ליכט אַ באַזונדערער עלעקטרישער לאָמפּ.

דאָס האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן זיך צו שיצן פון די רויבערישע בלוטיקע אָנפאַלן. ווייל יעדע פּאָר מינוט איז דאָס ליכט געוואָרן אויסגע־לאָשן. און די באַנדיטן, אַליין פאַרשיקטע און פון אַנדערע גערודפטע, — האָבן אַצינד זייערע אייגענע ווייניקער דרייסטע חברים געראַודפּט.

נאָך יעדן אַזאַ ליכט־אויסלעשן און אויפגעקומענעם טומל, האָט ווי

אויף אַ קאָמאַנדע זיך באַוויזן די וואַך. זי האָט אָנגעהויבן פרעגן ווער ס׳האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אָדער ווער ס׳האָט דעם אָדער יענעם אַזוי בלוטיק צעממיתט. נאָר „אין קול ואין עונה״. קיינער האָט נישט געגעבן קיין לשון. די גאַנצע פּאַלאַטקע, אַ טעראָריזירטע, איז געווען אין טויט־שטומעניש.

ווי דערמאָנט, האָב איך געהאַט אַ גאַנץ קליין פּעקעלע. אָן איבערבלייבעכץ פון דעם אין תפיסה צוגערויבטן גרעסערן פּעקל. גאָר דאָס וויכטיקסטע אין דעם און וואָס איך האָבן געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, איז געווען די וואַלענע קאָלדרע.

זי האָט מיך טאַקע אַ גאַנצן אין זיך נישט געקאָנט אַרייננעמען, אָבער מיינע וויכטיקסטע קערפּער־טיילן האָט זי מיר פּאָרט צוגעדעקט. און ביי די דאָזיקע צפונדיקע פרעסט מיט די אייז־צעפּעלעך אויף די נאַרעס, האָט זי ווי אַ צוגאָב צו מיינע וואַטעווע הויזן און „פופייקע״, מיר גוט צונוצגעקומען.

האָב איך געמיינט, אַז ווי אָרנטלעכע רויבער וועלן זיי שוין מיין אָפּגעשפּאָרט קליין פאַרמעג צורו לאָזן. אָבער ניין, אויך אויף מיין אָרעמער קאָלדרע האָבן זיי גענומען לאָקערן. און מורא האָבנדיק פאַר מיין שוואַכקייט אין אָפענעם קאַמף, האָב איך באַשלאָסן צו זוכן מיין רעטונג ביי דער טיר...

און ווי נאָר ווער פון די באַנדיטן ס׳האָט זיך צו מיר דערנענטערט, בין איך גלייך געווען ביי דער טיר, רופנדיק די וואַך. נאָך היינט, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, ווייס איך נישט וואָס מער צו באַוואונדערן, מיין דעמאָלטיקע איינגעעקשנטקייט, צי מיין נאַרישע איינשטעלעניש.

און דאָך האָט מען אין מיין גאַנצן לאַגער־לעבן קיין זאַך ביי מיר מיט כוח נישט צוגענומען. אַלץ וואָס מען האָט ביי מיר גענומען, איז נאָר געווען דורך גניבה.

אין דער צווייטער נאַכט פון מיין זיין אין דער פּאַלאַטקע האָט זיך ווידער ווער באַוויזן, וועלנדיק ביי מיר צונעמען מיין לעצטן „אוצר״. בין איך ווידער געלאָפן צו דער טיר, וועלכע איז געווען נישט ווייט פון דער נאַרע.

דער באַנדיט האָט ביי דער סאַמע טיר מיר גענומען פּאַכען מיט מעסערס. איך האָב זיך נישט אונטערגעגעבן. און ווען ער האָט אַלץ נישט

אָפּגעלאָזט, בין איך אַרויס אינדרויסן, אַרומדרייענדיק זיך אַ צייט אויפן פוסטן פּלאַץ.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און פראָסטיקע. און איך האָב געמוזט גיין הין און צוריק ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַרטע, נאָר אָן זיינע וואַרעמע מלבושים. דער פראָסט איז אַפילו טראָץ זיין שטאַרקייט געווען אַ שטילער. איך בין אָבער געווען אָנגעטאָן אין זומערדיקע שיך.

צום צווייטן „פּערעסילנעם פּונקט"

לאַנג דאָ זיין וואָלט איך נישט געקאָנט, איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן. ס'איז געווען אוממעגלעך כסדר זיך אַרומצודרייען אויפן פראָסט. און וואָלט איך אַפילו אָוועקגעגעבן די קאָלדרע, וואָלט זיך עס אויך דערמיט נישט געענדיקט. עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה מיטן אַרעמען „פּאַיאָק" (ברויט־פּאָרציע).

כאָטש אַלע אין דער פּאַלאַטקע האָבן געקריגן די זעלבע ברויט־פּאָרציע, — האָבן פונדעסטוועגן די שטאַרקערע כוליגאַנעס, ווי אויסגע־הונגערטע וועלף, אויך אויף דעם געשאַרפטן זייערע ציין. און קעגן דעם איז נישט געווען קיין שום באַוואָרעניש. אַ מענטש האָט דאָ ווי אין דזשונגל נישט געהאַט קיין שום ווערט.

האָב איך זיך ווידער די אויגן אויסגעקוקט פונדאַנען וואָס גיכער אַוועק־צוגיין. כאָטש אַליין נישט ווייסנדיק וווּהין און צי אין נייעם אָרט וועט זיין בעסער.

האָט זיך טאַקע אַזוי געמאַכט, אַז אויפן דריטן טאָג איז אַ טייל פון אונדז פונדאַנען אַוועק. הגם וווּהין מיר גייען האָבן מיר נישט געוווּסט, איז אָבער פאַר מיר געווען גענוג דאָס בלויזע עוקר זיין פון דער פּאַלאַטקע. און „פּאַרן מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן".

דער מאַרש איז פאַר מיר געווען אַ שווערער. אַזוי אויך אַ שוואַכער, האָט מיך נאָך דאָס אויסהונגערן און די נישט אויסגערוטקייט שוואַכער געמאַכט. האָב איך זיך דערפאַר באַמיט צו שטעלן אין דער לעצטער ריי.

נאָר אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. און איך האָב נאָכן אָפּגיין אַ ביסל, נישט געקאָנט מיטהאַלטן מיט די איבעריקע אין טריט. בין איך געבליבן הינטערשטעליק ביז איך בין גאָר געבליבן דער לעצטער.

דער וועכטער האָט מיך ווי אַ בהמה געפּרווּט אונטערטרייבן מיט דער

שטיקע. ער האָט מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך האָב מער נישט קיין כוח. זיין רשעותדיקער, אָדער טעמפּער מוח האָט נישט געוואָלט באַנעמען, פאַרוואָס אַלע קאָנען מאַרשירן, נאָר איך קאָן נישט. און נישט איין מאָל האָט מיך אין לאַגער די דאָזיקע טענה געגוג געקאָסט.

מיר זענען ווידער אַזוי אָפּגעגאַנגען גאַנצן מיילן אין דער ווייטקייט און ליידיקייט אַריין. אַ שטח, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי בראשיתדיק ווי דער סאַמע בראשית.

רעכטס און לינקס פונעם וועג האָט מען נישט געזען קיין שום פאַרזיי, קיין הויז, קיין בוים און קיין פויגל. מער ווי דעם אייגענעם באָדן אונטער די פיס און דעם הימל איבערן קאָפּ האָבן מיר נישט געזען. און הערן האָבן מיר געהערט בלויז די אייגענע טריט.

איך האָב אָבער דערפאַר געפילט דעם צפונדיקן פראָסט, וואָס האָט ווי מיט אומגעזעענע פעכערס אין מיר אַריינגעבלאָזן אַ בייזע שאַרפע קעלט.

מיינע אויערן און נאָז האָבן אָנגעהויבן צו פרירן און די אויגן־דעקלעך, ווי צום שלאָף פאַרחלשטע, האָבן זיך געקלעפּט איינע צו די אַנדערע.

וועגן אָפּרוען זיך האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, ווייל אָפּשטעלן זיך וואָלט נאָך געוועזן קעלטער און קיין האָלץ ביי וועמענס פייער זיך אָנצו־וואַרעמען איז דאָ אויך נישט געווען.

זענען מיר אַזוי בלית ברירה אין איין אָטעם געגאַנגען צום צווייטן „פּערעסילני פונקט", נישט האָבנדיק קיין אַנונג וואָס פאַר אַ פונקט דאָס איז און וויאַזוי ער זעט אויס.

ענדלעך האָבן מיר פון דערווייטנס דערזען די קאָנטורן פון הילצערנע באַראַקן, ביי וועלכע מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

די באַראַקן זענען געווען הילצערנע און גרויסע. אויך אין זיי האָט געווייעט אַ בייזע קעלט און אויך פון זייערע נאַרעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט שטיקער אייז. דער חילוק צווישן דער פריערדיקער פּאַלאַטקע און די איצטיקע באַראַקן איז נאָר געווען צווישן לייוונט און נישט געהובלטע ברעטער.

אויך דער צווייטער פונקט איז מער נישט געווען ווי אַ צייטווייליקע אַכסניה, פונוואַנען מען האָט אונדז געדאַרפט איבערשיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן. דער באַראַק איז אָבער געווען מער סטאַבילער ווי די פריערדיקע פּאַלאַטקע. און מהאי טעמא איז אויך די הפקרות דאָ געווען אַ מער געצוימטע.

עס זענען דאָ געווען פאַרטראַטן, אין ליידן און פּיין פאַרשידענע פעלקער און ראַסן נישט בלויז פון רוסלאַנד, נאָר אויך פון די צוגעקומענע געביטן. און דער לאָזונג וואָלט זיך צוגעפּאַסט אָנשטאָט „פּראָלעטאַריער", — פאַרקנעכטעטע פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך...

אין צרות, איז די אַחדות דאָ ווירקלעך געווען אַן אַלגעמיינע. נאָר גאָר אַן אַבסאָלוטע גלייכהייט האָט אויך אין דעם נישט געהערשט. ווייל די שטאַרקערע זענען אויך דאָ געווען פּריווילעגירטער. פּריווילעגירטער אין פאַרכאַפּן אַ בעסער אָרט צום שלאָפן און אויך אין פאַרגרעסערן זיך דעם „פּאַיאָק".

פון דער באַראַק-אָנפירונג האָט זיי דאָ, אמת, קיינער נישט פּריווילעגירט. אַלע זענען פאַר דער פאַרוואַלטונג געווען גלייך. נאָר אויך דאָ, ווי אין די סאָוויעטישע תפיסות, איז אינגאַנצן די הפקרות נישט געווען געצוימט.

וואָרעם צוליב אַן אַרעסטירטן האָט זיך דאָ קיינער נישט גענומען צום האַרצן. אפילו נישט צוליב אַ נישט-פּאָליטישן. בפרט פאַר אַ פּאָליטישן, וואָס איז מצד דער מאַכט גאָר געווען הפקר, הפקר, ווי מיסט אויפן ברוק...

די נאַרעס זענען געווען איינע איבער די אַנדערע. די שטאַרקע האָבן פאַרכאַפּט די אויבערשטע און די אונטערשטע זענען געבליבן פאַר די שוואַכע. לכתחילה האָב איך אפילו נישט באַנומען דעם אונטערשיד צווישן אויבן און אונטן.

איך האָב אין מיין נישט-דערפאַרנקייט געמיינט, אַז ס'איז גאָר בעסער צו ליגן אונטן, כדי נישט צו דאַרפן שפּרינגען אַלע מאָל אַרויף און אַראָפּ. ליגנדיק אָבער אַ פּאָר נעכט אין דער נידער, און האָבנדיק איבער זיך אַזעלכע „פיינע" אויבערשטע שכנים, האָב איך ערשט באַנומען וואָס דאָס מיינט.

ווי ענג אָבער ס'איז אונדז געווען, האָבן מיר זיך געמאַכט נאָך ענגער. מיר האָבן זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן, כדי אַביסל צו מילדערן די אַדורכנעמענדיקע קעלט. קיין סך האָט עס אונדז נישט געהאָלפן. נאָר אַביסל בעסער איז דערפון פאָרט געוואָרן.

צווישן גאַנצן אָנגעפּראָפּטן פעלקער-מישמאַש בין איך געווען דער איינציקער ייד. און ווי איך האָב געבענקט און מיינע אויגן אויסגעקוקט נאָך אַ ייד, איז אין מיר ווי ביי רבקהן, נאָך מיין תפיסה-דערפאַרונג מיט

וואָוקען און דעם לובלינער, פאָרגעקומען אַ „ויתרוצצו" צווישן מיין ייד־בענ־קעניש און דערפאַרונג. און איך וואָלט נישט וועלן איבערלעבן נאָכאַמאָל אַזאַ אַנטוישונג...

קיין אַרבעט האָבן מיר דאָ נישט געטאָן. מען האָט אונדז אַפילו באַ־האַנדלט ווי גאַנץ פיינע „אַנגעלייגטע געסט", ווי ניי־געקומענע, וועמען דער מכניס־אורח לאָזט אויסרוען, כדי אָנצונעמען זיך מיט כוח פאַרן ווייטערדיקן לעבן.

איי די האַרטע געפרוווירענע נאַרעס מיט דער אוממענטשלעכער שטרענגקייט? „דאַרף עס זיין פאַר אונדזער אייגענער טובה וועגן"...

מען האָט אונדז נאָר געוואָלט אַביסל פאַרהאַרטעווען. צוגעוווינען צום נייעם שווערן קלימאַט און שפּעטערדיקן אַרבעטנדיקן לעבנס־שטייגער. און ווי מען האָט אונדז שפּעטער אויך אויפגעקלערט: „צו דינען דעם היימלאַנד און דורך אַרבעט אויסקויפן די אייגענע זינד"...

דאָס עסן איז דאָ נישט געווען שלעכט. מיר האָבן באַקומען פיר הונ־דערט גראַם ברויט און אַ פליישיק מיטאָג. ס'איז אָבער געווען דער ערשטער און לעצטער מענטשלעכער מיטאָג וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר דער גאַנצער צייט פון אַריינגיין אין תפיסה.

האָבן טאַקע די אַנדערע פונדאַנען נישט געוואָלט אַוועקגיין. מען האָט זיך געפּרוווט מאַכן קראַנק און גיין אין שפּיטאָלעכל, כדי דערנאָך אַהער צוריקצוקומען.

ערגער איז אָבער געווען מיט דער הפקרות צווישן די אַרעסטאַנטן גופא און אויך די סתם ווילדע אָרדענונג פון דער וואַך און באַראַק־פאַר־וואַלטונג.

הגם מיר האָבן ווי „געסט" דערווייל נישט געדאַרפט אַרבעטן, האָט מען אונדז פונדעסטוועגן יעדן באַגינען, נאָך אין דער פינצטער, אַרויסגע־טריבן אין דרויסן, אויף צו באַקומען דאָס ברויט.

און נישט נאָר וואָס ס'איז געווען פינצטער, נאָר מיר האָבן, אַ מאַסע פון הונדערטער מענטשן, זיך געדאַרפט אין אַ מיליטערישן שיק אויס־שטעלן אויף דער בייזער קעלט, וואַרטנדיק אויף דער אייגענער ריי.

אָבער אויך די ווילדקייט און רויב־גיריקייט פון אַ טייל אַרעסטירטע איז געווען געוואַלדיג גרויס. זיי האָבן זיך איינגעשטעלט צוצוכאַפּן ביי די ברויט־פאַרטיילער איבעריקע ברויט. און יענע, צוגעגרייט צו דעם, האָבן מיט גראָבע שטעקנס געקלאַפּט איבער זייערע רויבער־קעפּ.

און ווי די דאָזיקע הפקרניקעס זענען נישט ווערט געווען דעם פּסק, ווייל דאָס זענען געווען ברויט־פּאַרציעס פון אַנדערע זייערע אייגענע מיט־ליידנדיקע, האָב איך אויף די דאָזיקע סצענעס נישט געקאָנט קוקן. איך האָב אָבער פון דער צווייטער זייט באַוווּנדערט די מענטשלעכע גיריקייט, וואָס שטעלט זיך פאַר גאָרנישט נישט אָפּ.

קאַפּיטל פופצן

געטראָפן אַ ביאַליסטאָקער

נישט געפינענדיק קיין ייִד, האָב איך אָנגעהויבן זוכן צווישן די נישט־ייִדן. אפשר וועל איך פאָרט טרעפן עפּעס אַ באַקאַנטן. איך האָב זיך געפילט באַזונדער שלעכט, אײנער אַליין אינעם דאָזיקן פרעמדן מענטשן־ים.

צווישן די דאָזיקע קוליגאַנעס, האָב איך געטראַכט, שאַדט נישט צו האָבן אויך אַן אייגענעם שטיקל קוליגאַן. און ווי שוואַך קעגן די איבעריקע ער זאָל נישט זיין, איז נאָך אַלץ בעסער ווי קײנעם נישט צו האָבן. און איך האָב געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז איך וועל עפּעס אַזעלכן טרעפן.

„איז דען מעגלעך, אַז פון אַלע מיינע באַקאַנטע נישט־ייִדן זאָל קײנער צו זיי נישט אַריינפאַלן, איז דען פאַראַן אַ גרעסערע נעץ צו פאַנגען מענטשן ווי די ראַטנפאַרבאַנדישע ?".

האָט טאַקע נישט לאַנג גענומען ווי איך האָב אויפן צווייטן טאָג געהאַט אַ באַזונדערן סורפּריז. איך האָב געטראָפן אַ ביאַליסטאָקער באַקאַנטן קריסט, איוואַן מאַקסימטשוק.

ער איז אַפילו מיט מיר געווען אַ קנאַפּער מחותן. איבערהויפּט האָב איך זיך פון אים דערוויטערט. נאָר ווי שוואַך אונדזער נאָענטקייט זאָל נישט האָבן געווען, האָט זי דאָ אין דער פרעמד, בפרט אין אַזאַ ביטערער פאַרוואָרפנקייט — פון ביידע צדדים געמוזט ווערן שטאַרקער. און ווי דורך אַ כּישוף, איז די פריערדיקע לויזע פאַרבינדונג איבערגעגאַנגען אין אַ פריינטשאַפט.

מאַקסימטשוק איז געווען אַ פּאָלאָניזירטער רוס. ער האָט אַמאָל געאַר־בעט אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט, און ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער, אַ וואָיעוואָדישער רעפערענט און ראַטגעבער.

ער האָט אָבער צוליבן ביטערן טראָפּן זיך אָנגעהויבן קייקלען באַרג־אַראָפּ, ביז ער איז אויך געוואָרן אַריינגעצויגן אין אַ כאַבאַר־אַפערע, צוליב וואָס ער איז פון דער וואָיעוואָדשאַפט געוואָרן באַזייטיקט.

ווערנדיק באַזייטיקט, האָט ער זיך ווי אַנדערע פאַראַרעמטע אינטע־ליגענטן, זיך איינגעאָרדנט ביים ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט, ווו ער איז געוואָרן אַ ווינקל־שרייבער און מאכער.

פלעגט ער שרייבן אומלעגאַל ביטעס פאַרן מאַגיסטראַט און אַנדערע אַמטן. ער פלעגט אויך ביים זעלבן מאַגיסטראַט זיין אַן עדות ביים אויס־אַרבעטן פאַרשידענע דאָקומענטן. צוליב זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און שוואַכקייט צום גלעזל, האָט מען אים אַ סך זאַכן מוחל געווען...

ער האָט אָבער אויך ביי דער נייער פּרנסה נישט אויפגעהערט צו שיכורן. און וויפל ער האָט נישט פאַרדינט, האָט ער אַלץ פאַרטרונקען. נאָר ווי גרויס שיכור ער איז געווען, אַזוי גרויס אַנטיסעמיט איז ער געווען. כאָטש ער איז טאָג און נאַכט געלעגן אין אַ יידישער שענק און האָט צוליב זיין פּרנסה פאַרקערט מיט יידן.

ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער איז מיר אייניקע מאָל אויסגעקומען מיט אים צו האָבן צו טאָן. ער האָט אַרויסגעהאָלפן ביים אַדורכפירן געוויסע דאָקומענטן פאַר יידישע קליינהענדלער און אַנדערע.

דערפון האָט זיך געגומען זיין באַקאַנטשאַפט מיט מיר. איך האָב אים אָבער צוליב זיין יידן־שנאה און שיכורן זיך באַמיט אויסצומיידן.

דאָ אָבער, ביידע ניכטער פון דער ניי־אויפגעקומענער דערלייזערישער שיכרות, — האָבן מיר זיך אין אונדזער מצב דערפילט ווי גלייכע יחסנים און מיר האָבן מער נישט געהאַט קיין גרונט זיך צו דערווייטערן איינער פונעם אַנדערן.

ווען איך בין אין איינעם אַ נאָכמיטאָג אַריבער אין שכנותדיקן באַראַק, האָב איך זיך ביי די נאַרעס אין אים אָנגעשטויסן. ער האָט מיך גלייך דער־זען און פון התפעלות אַזש זיך מיר געוואָרפן קושן.

אויך איך בין געוואָרן איבעראַשט אים צו זען. זיין וועלן מיך קושן האָט מיך אָבער געעקלט. איך האָב שטענדיק פיינט געהאַט פאַלשקייט און

הניפה, אַפילו בלויזע איבערטרייבונג. און קענענדיק פון פריער זיין אהבת ישראל, האָט ער מיך מיט זיין דאָזיקער האַלטונג אָפּגעשטויסן.

פונדעסטוועגן האָב איך מיין דאָזיקן געפיל פאַר אים צופיל נישט אַרויסגעוויזן, קענענדיק די מענטאַליטעט פון די דאָזיקע ברואים. איך האָב עס אין מיר אונטערדריקט און זיך בלויז געפּרוווט אַביסל אָפּרוקן ביים וועלן מיך אַרומכאַפּן.

זיין נישט־סימפּאַטישער אויסזען פון אַ מענטש אין די זעכציקער, וועמענס פּנים איז תמיד געווען פאַרטרונקען און פאַרזויערט און אַצינד נאָך ליידנדיק־פאַרקרומט ווי ביי זיין „דערליזער", האָט ער צו זיך מער ווי רחמנות און אַ געוויסע אויסגערעכנטקייט, — פון מיר נישט געקאָנט דערוואָרטן.

נאָך דער ערשטער איבעראַשונג האָט זיך ביי אים דאָס האַרץ געעפנט ווי אַ קוואַל און די צונג האָט זיך אויפגעבונדן. ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן זיינע איבערלעבונגען זינט ער איז אַריינגעפאַלן אין דער ביאַ־ליסטאָקער תפיסה.

און ווי קאָמיש מיר איז אויסגעקומען צו הערן, אַז אויך ער איז אַריינ־געפאַלן פאַר כוליגאַנסטווע. דאָס איז אָבער געווען אַזוי אמת, ווי די איבע־ריקע סאָוויעטישע אמתן. מען האָט אים אַרעסטירט פאַר שטיין צופיל אין אָטשערעד (אין דער ריי) נאָכן פלעשל, צו וועמען ער האָט זיך שוין פון לאַנג פאַרקנסט.

די מיליץ, וועמען מען האָט געהייסן פיינט האָבן „אָטשערעדס" צוליב דער הינקנדיקער עקאָנאָמיע, וואָס האָט דעם געברויכער נישט געקאָנט באַפרידיקן, האָט כדי פּטור צו ווערן פון אַזאַ שטייענדיקן נודניק, אים צוגעטשעפּעט אַן אַרטיקל פון כוליגאַנסטווע.

כאָטש מאַקסימטשוק איז געווען אַ גאַנץ פיינער שיכור, האָט ער אָבער ווי אַ בילנדיקער הונט בלויז געבילט און נישט געביסן... ער איז געווען אַ שטילער שיכור.

ער איז שוין דאָ געווען אייניקע וואָכן און ער האָט, ווייזט אויס, שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון זיינע אייגענע אמתע כוליגאַנעס, די שטאַרקע. ווייל ער איז שוין געווען געפאַלן ביי זיך און אַ שטאַרקער נכנע (אונטערטעניקער) צו אַנדערע.

דאָס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן אין מיטן פון אונדזער שמועס, ווען

איינער איז פּלוצלינג צו אים צוגעקומען מיט אַ פּרעטענסיע אויף זיין פּאַר־נומען אָרט אויף דער נאַרע. דער צוגעקומענער, אַ יונגער קרעפּטיקער כוליגאַן, איז נישט קוקנדיק אויף מאַקסימטשוקס חזקה און עלטער, אַרויס קעגן אים מיט אַ פיר גאָרנדיקער סאָוויעטישער קללה, לעסטערנדיק זיין גאַט אינאיינעם מיט דער מאַמען, און מיט אַ באַפעל גלייך צו פאַרלאָזן דאָס אָרט.

און מאַקסימטשוק האָט אָנשטאָט זיך מיט אים צו אַמפּערן, זיך באַלד אונטערגעגעבן און האָט ווי אַ סאָלדאַט וואָס סאַלוטירט זיין עלטסטן אויפן באַקומענעם באַפעל, אים געענטפערט: „נו, לאַדנאָ, לאַדנאָ" (גוט, גוט), און האָט גלייך צוגעבומען זיין שמאַטע־אויסשפרייט פונעם פאַרנומענעם אָרט אויף דער אייזיקער נאַרע.

און איך האָב זיך צום וויפלטן מאָל איבערצייגט וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילט כוח און חוצפּה. און חוצפּה אַמאָל מער ווי כוח. אָבער אַ חוצפּה, פאַר וועלכער מען דאַרף אַליין אויך אַמאָל מיט עפּעס ריזיקירן. איבער־הויפּט ווען מען טרעפט אָן אויף נאָך אַ גרעסערן מחוצף פון זיך.

דער שטאַרקער איז אַוועק. און מ. האָט פאַרגעזעצט זיין דערציילן. ער האָט, האָט ער דערציילט, געטראָפן נאָך ביאַליסטאָקער באַקאַנטע. זיי זענען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע פונקטן.

איינעם פון זיי ווען ער האָט געטראָפן, איז וואָלאָדעק. דער קורצער, קרעפּטיקער און ברייטפּלייציקער וואָלאָדעק, וואָס האָט מיט זיין פינצטער פּנים גיכער אויסגעזען ווי אַ דאָרפישער פויער איידער אַ שרייבערל ביים מאַגיסטראַט, איז אויך ווי מ. געווען אַ שיכור און אַ יידן־פיינט.

ער איז אָבער געווען אַ באַזונדערער טיפּ שיכור, אַ שיכור מיט אַ קאָמפּ־לעקס. כמעט אַ גאַנצן חודש איז וואָלאָדעק געווען ניכטער. יעדנפאַלס האָט מען נישט געזען, אַז ער איז שיכור. ווי נאָר אָבער ס'איז געקומען דער חודש, יעדן ערשטן — איז ער שוין אַ פאַרשנאַפּסעטער געקומען צום מאַגיסטראַט.

מען האָט נישט געדאַרפט זיין גאָר נאָענט צו אים, כדי צו וויסן אַז ער איז שיכור. שוין פונדערווייטנס האָט מען אים דערקענט. מען האָט אים דערקענט אין זיין גיין אין דער ברייט און אין זיין קאַטשקען זיך אויף זיינע וואַקלדיקע פיס.

דאָן האָבן אַלע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געדרייט ביים

מאַגיסטראַט, פון אים אַנטלאָפן, נישט געוואָלט מיט אים האָבן צו טאָן. און ער איז קיין גרויסער שרייבער אויך נישט געווען. האָט קוים געקאָנט אויספילן די מעלדונגס־קאַרטלעך, כאָטש ער איז געווען אַ ריינער פּאָליאַק.

דערפאַר טאָקע, וואָס ער איז געווען אַ קנאַפּער למדן, האָט נישט געיכול׳ט ווי דער פּאָלאָניזירטער מאַקסימטשוק און האָט אויך נישט געהאַט אין זיין אַרבעט די מינדסטע דערפאַרונג, האָט ער, ווי דער אַמאָליקער פּריץ געמוזט האָבן זיין מאַשעק, זיין יידל, וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן.

דער דאָזיקער ייד, מיילעכל, אַ קליינער דאַרער עלטערער בחור (שפּעטער אומגעקומען דורך די דייטשן), איז געווען דער איינציקער פון די ביים מאַגיסטראַט שטייענדיקע שרייבער, וואָס איז פאַר אים נישט אַנטלאָפן. מיילעכל איז געווען זיין „אוטשאָני יעווריי״.

פונעם דאָזיקן מיילעכל האָט וולאַדעק געהאַלטן אַ וועלט. „אַזאַ ייד איז עפּעס אַנדערש״, האָט ער געטענהט ווען מען האָט אים, ביי זיין שנאה צו יידן, פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז נישט אויסגעהאַלטן.

מיילעכל האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. ער איז אָבער געבליבן אַ קיילעכיקער יתום און איז געווען אָן אַ פאַך און אָן פּרנסה. האָט ער זיך ווי די איבעריקע אָוועקגעשטעלט ביים מאַגיסטראַט. דערווערבנדיק זיינע קליענטן פון די נידעריקערע שיכטן.

האָבנדיק צו טאָן מיט אַזאַ עלעמענט, איז אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט וולאַדעקן, מיט וועמען ער פלעגט כאַפּן אַ טרינק און שפּילן אין קאָרטן. דערפון האָט זיך גענומען וולאַדעקס אינטערעס און צוטרוי צו אים.

וולאַדעק איז געווען אַ פאַרביסענער „ענדעק״ (יידן־פיינטלעכע פּאַרטיי) און שונא ישראל. ער האָט דער ערשטער זיך געריסן אָפּצונעמען פון טשעכאָסלאָוואַקיע פאַר פּוילן דעם פון די דייטשן „געשענקטן טייל״ און איז געווען גרייט מיט די זעלבע דייטשן צו שעכטן יידן.

פונעם דאָזיקן פּיאַניצע (שיכור) האָט עס מיר מ. דערציילט. איך האָב זיך מיט דער ידיעה אפילו נישט געקאָנט פרייען, געפינענדיק זיך אין דער זעלבער לאַגע.

וועגן זיך אַליין האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז ער האָט דערלאַנגט אַ ביטע מען זאָל אים באַשטימען פאַר אַ סטרוזש. ער וועט זיין אַ וועכטער און צוזימער אין איינעם פון די אַרומיקע באַראַקן. ער וועט אַזוי אַרום

פּטור ווערן פון די אימהניקעס און וועט אויך האָבן אַביסל „פרייהייט" אין דער אַלגעמיינער קנעכטשאַפט.

ער איז געוואָרן באַשיידן, דער געוו. וואָיעוואָדישער רעפערענט. האָט נישט געוואָלט נעמען קיין אַרבעט לויט זיין ספּעציאַליטעט אָדער נאָענט צו איר. ער וויל נישט, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, נעמען אויף זיך קיין באַזונדערע אחריות. זיין אַרבעט וועט אים קלעקן פאַר די גאַנצע דריי יאָר, וועלכע ער האָט מיטן פּראָלעטאַרישן חסד באַקומען.

איך האָב אים גוט פאַרשטאַנען. דער דאָזיקער געוו. רוס און שפּעטער־דיקער פּאָליאַק, האָט לגבי די סאָוויעטן אַ היפּש ביסל אָנגעזינדיקט.

ער האָט, ראשית, זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן, פאַרדעקן זיין נישט־פּראָלעטאַרישן יחוס. שנית, זיין טאָפּלטן פאַראַט לגבי דער מוטערל רוס־לאַנד, לגבי דעם פריערדיקן צאַרישן און איצטיקן ראטנפאַרבאַנדישן.

ער האָט מיך צוגערעדט, אַז אויך איך זאָל אַזוי טאָן און נעמען אַזאַ ענלעכע אַרבעט. ער האָט מיך, דער דאָזיקער געפּאָלענער פּיאַניצע און „אוהב ישראל" דווקא געוואָלט האָבן לעבן זיך.

ס'איז געווען די אומבאַהאָלפנקייט און געפּאַלנקייט, וואָס האָט פון אים אַצינד אַרויסגעוויינט און אַרויסגעיאָמערט. אויך מיין לאַגע איז נישט געווען קיין בעסערע, נאָר מיט אַ ריינערן געוויסן.

איך האָב זיי, די דאָזיקע געפּאַלענע „בעלי־תשובות", די דאָזיקע אויף אַ צייט געבראָכענע, וועמענס געבראָכנקייט גייט גלייך איבער מיטן ווינט, — נישט איין מאָל באַגעגנט אויף מיין וועג. און איך האָב זיך מיט אים ווי מיט די אַנדערע, נישט געוואָלט משדך זיין.

פאַרקערט, איך האָב באַשלאָסן צו זיין וואָס ווייטער פון זיי. מיין אומ־צוטרוי איז אָבער אויך אין מיר געוואָקסן לגבי געוויסע יידן. הגם נאָך די איבעריקע — איז מיר דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען.

פאַר מיין זכרון איז אַצינד אויפגעגאַנגען נישט נאָר מיין לעצטע דערפאַרונג מיט די וואָוועקעס, נאָר אויך די נאָך פריערדיקע יידישע אַנטקעס פונעם פּוילישן מיליטער. איך האָב זיך מיט דער דאָזיקער דער־פאַרונג ביטער געראַנגלט און די יידישקייט אין מיר האָט געגנוג געבלוטיקט.

איך גיי אין שפּיטאָלעכל

איך האָב איבערגעלאָזט מאַקסימטשוקן און בין צוריקגעגאַנגען אין מיין באַראַק. און ווען איך בין אין אַ פּאָר טעג אַרום אים געגאַנגען באַזוכן,

איז ער שוין אויף זיין אָרט נישט געווען. צי ער האָט איבערגענומען זיין אַרבעט, צי עפּעס אַנדערש איז מיט אים געשען, ווייס איך נישט. איך האָב זיך ווידער געפּרווט צוגעוווינען צו מיין לאַגע. איך האָב, ווי די אַנדערע, דאָ געוואָלט וואָס לענגער בלייבן. די באַשפּייזונג איז אַנטקעגן די ביז־אַהעריקע געווען ווי גאָלד. און „בני חורין" זענען מיר דערווייל אויך געווען, הגם אין אַ קאָנוואָישער ארומרינגלונג. ווייל מיר האָבן דאָ אויסער דער באַגינענדיקער ברויט־אָפּקומעניש קיין שום עול נישט געהאָט.

ס'איז טאַקע געווען ביטער צו ליגן אויף געפּרוירענע נאַרעס און זיין „פריי" אין אַזאַ אַרומרינגלונג. נאָר לויט די גרוסן וואָס מיר האָבן אָפּגענומען פון די אַרבעטס־לאַגערן, האָט מיר שוין דאָ אויסגעזען ווי אַ גן־עדן.

איז מיין חשבון געווען וואָס מער אָפּצושלעפּן דאָס אַוועקגיין אין לאַגער און וואָס מער צייט אַרויסצוריסן פון מיין „דיעטסקן סראָק" (קינדערישן טערמין)...

ווי אַזוי מאַכט מען דאָס אָבער? אויף דעם איז געווען אַן עצה, ווערן, אָדער מאַכן זיך קראַנק. האָבן זיך טאַקע אַ טייל געמאַכט קראַנק און דאָס גראָד קריסטן. וואָרעם איך בין אינעם דאָזיקן באַראַק געווען דער איינציקער ייד. און זיי, די „צדיקים", האָבן די מלאכה געקענט בעסער פון מיר, דעם יידישן „קאָמבינאַטאָר".

איך האָב אַפילו אין דער אמתן געהאַט אַ גאַנץ פיין אייגן פּעקל נישט צו דאַרפן אָנצוקומען צו קינסטלעכע מיטלען. מיינע קראַנקהייטן זענען אָבער נישט געווען פון אַזאַ קאַליבער זיי זאָלן זיין אַזוי חשוב אין די אויגן פון אַ פּערעסילנעם אָדער לאַגער־דאָקטאָר.

פונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן צו פּרוּוון. און איך האָב ווי אַ שפּילער וואָס שטעלט אויף איינעם פון די נומערן פון דער רולעטקע, געשטעלט אויף איינער פון מיינע אין רעזערוו־האָבנדיקע חולאתן. — און איך האָב געטראָפן.

דער דאָקטאָר האָט מיך פאַרשריבן אין שפּיטאָל.

ווען דאָס וואָלט געווען אינעם שפּעטערדיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָלט איך זיך מער געפרייט. ווייל אין אַ צייטווייליקן „פּערעסילנעם" פונקט, ווו מען וואַרט נאָר איבערגעשיקט צו ווערן אין לאַגער, קאָן מען, פאַרשטייט זיך, אין שפּיטאָל צו לאַנג נישט זיין.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך באַגנוגנט אויך מיט אַ חיי שעה און מיטן אָפּרייסן אַביסל בלעטלעך פונעם לוח...

דאָס שפּיטאָלעכל, װאָס האָט זיך געפונען אין אַזאַ ענלעכן באַראַק װי אונדזער „פּערעסילנער", נאָר אַ װאָרעמער, האָט זיך געטײלט אין אײניקע אָפּטײלונגען. איך האָב געהערט צו די פון דער גרינגערער אָפּטײלונג און פון צײַט צו צײַט האָט מיך אַ דאָקטאָר באַזוכט.

עס זענען דאָ געװען אומהײלבאַר קראַנקע פון די אַרומיקע לאַגערן, װעלכע האָבן נאָך געקאָנט און געװאָלט עפּעס טאָן, האָפנדיק זיך נאָך צו דערװאַרטן דעם סוף פון זײער שטראָף.

און עס זענען געװען גאָר שװערע, צו זײערע „בעטלעד" צוגעשמידטע קראַנקע, צאַנקנדיקע ליכט, װעלכע האָבן שױן רעזיגנירטע אָפּגעװאַרט דעם אײגענעם סוף, פאַר װעמען די קברנים (באַגרעבער), נאָך אַלײן קראַנקע, האָבן שױן באַצײטנס געגראָבן קברים.

צװישן די בײדע זענען געװען די גרינגערע, װעמען דער לאַגער־רעזשים האָט נאָך נישט אַרױסגעלאָזט פון אױג, װעלנדיק נאָך אױסנוצן זײער אַרבעטס־כוח...

מיר זענען געגאַנגען אױף אײניקע שעה אַרבעט אין טאָג. די אַרבעט איז אָבער געװען אַ גרינגע און נישט קײן געצװוּנגענע, צוגעפּאַסט פאַר מענטשן שװאַכע אין געזונט.

איך האָב די אַרבעט גערן אָנגענומען, אי צוליב לאַנגװײליקײט און אי מײנענדיק אַז אפשר אין דעם זכות װעל איך דאָ לענגער בלײַבן. װי גרינג אָבער די אַרבעט איז נישט געװען, איז זי קײן גאָר אָנגענעמע אױך נישט געװען.

זי איז באַשטאַנען אױף צו ברענגען אין אָרדענונג דעם שפּיטאָל־בית־עולם. מיר האָבן געדאַרפט פאַרבעסערן צו אים דעם װעג, אַרומזען די גראָזן און די מצבה־ברעטלעך. אַ געזונטערע גרופּע האָט אױך געגראָבן קברים.

קברים זענען דאָ געװען גענוג. עס זענען געװען אַלטע, שױן פאַר־װאַקסענע און יעדן טאָג פריש־צוגעקומענע. קײן אַרבעט האָט פאַר קײנעם נישט געפעלט. און באַשטאַנען זענען זײ, די קברים, פון פאַמעלעכדיק־אױסגעגאַנגענע לאַגערניקעס, אױסגעגאַנגענע דאָ אין שפּיטאָלעכל „פון אײגענער איניציאַטיװ" און פון דער צוגעאײלטער...

בײַ דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך זיך אגב דערמאָנט אין מײַן פרײַנד, דעם יונגן ביאַליסטאָקער שרײַבער אהרן בערעזינסקי, װעלכער האָט זיך

נאָך פאַר מיין אַרעסט אין סאָוויעטישן ביאַליסטאָק, געקלאָגט, צוליבן אַרויס־רייסן אים פון דער רעדאַקציע „אונדזער לעבן" און אים געבן אַזאַ שטייגער אַרבעט אין אַ מתים־אַנשטאַלט (אומגעקומען שפּעטער דורך די דייטשן).

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען די איבערגעגעבענע גרוסן פון די פון לעבן־פאַרמשפּטע שוועך־קראַנקע, וועלכע נישט מורא האָבנדיק שוין פאַר קיינעם, אויך נישט פאַרן סאַמע טייוול, האָבן פאַר מיר אויפגעדעקט דעם שוידערלעכן סוד פון זייער טויטלעכער קראַנקהייט.

מען האָט זיי, האָבן זיי דערציילט, געבראַכט אין די קאַרעלאָ־פינישע אורוועלדער, ווו זיי האָבן מיטן צוועק פון בויען אַ באַן־ליניע, געדאַרפט אויף דער בייזער קעלט און דאָס כמעט מיט די בלויזע הענט, אַראָפּלאָזן ביימער און זיי דערנאָך אויסקאָרענייען (אויסוואָרצלען).

און נישט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ, האָבן זיי אַזוי געמוזט אין די פּראַסטיקע נעכט דרימלען אונטערן פרייען הימל ביים שוץ פון ברע־נענדיקע שייטערס, וועלכע האָבן זיי פון פאָרנט געוואַרעמט, דערפאַר האָט זיי פון הינטן געפרוירן די פּלייצעס, פאַראורזאַכנדיק טויטלעכע לונגען־אָנצינדונגען.

און אָט פון אַזעלכע לאַגערניקעס, האָט ער צוגעגעבן, באַשטייט דער גרעסטער טייל קברים אויפן שפּיטאָלעכל־בית־עולם.

ס'איז מיר ביטער געווען אין מויל פון דעם דאָזיקן גרוס און איך האָב אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן וועגן איינאָרדענען זיך אינעם דאָזיקן שפּי־טאָלעכל. באַדיי צו אַרבעטן נאָך אַ פּאָר שעה אין טאָג און זאָל דאָס שוין אפילו זיין די מיר נישט אָנגענעמע בית־עולם־אַרבעט.

איך האָב אָבער מער ווי פאַנטאַזירן וועגן דעם נישט געקאָנט. און לאַנג בין איך אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל־באַראַקל נישט געבליבן.

עס זענען דאָרטן אינדעראמתן געווען בילכערע פאַר מיר קראַנקע. אַזעלכע, וועלכע האָבן מיט זייערע לעצטע כוחות דאָס לעצטע ביסל חיות געפּרוווט איינהאַלטן. אויסער דעם, האָב איך געהאַט צו ווייניק דערפאַרונג, מיין זיין דאָרט צו פאַרלענגערן...

עס האָט מיר געפעלט אַביסל איינשטעלעניש — מיין אייגענע שוואַכ־קייט אָנצוטרייבן און איר נאָך צו פאַרשאַרפן, וואָס איז צו דעם געווען נייטיק. ווייל וויפל איך האָב זיך נישט געפּרוווט מפקיר זיין, האָבן מיר מיינע

אין דער היים איבערגעלאָזטע ייִנגעלעך ווי אַ מאַגנעט צו זיך געצויגן און געוואָרנט צופיל גישט צו ריזיקירן...

בין איך נאָכן אָפּזיין אַ וואָך אין שפּיטאָלעכל, מיט אַ שווער געמיט און אונטער אַ געהעריקער „באַגלייטונג" זיך געמוזט אומקערן אין מיין פריער־דיקן פערעסילנעם פּונקט.

קאַפּיטל זעכצן

צוריק אין באַראַק

צוריקקומענדיק אין באַראַק, האָב איך שוין מיינע פריערדיקע באַקאַנטע גישט געטראָפן. זיי זענען שוין אַראָפּ פון די אומזיסטע קעסט און אַוועק זיך איינשפּאַנען אין דער „עבודת פּרך". און אויף זייער אָרט זענען אַנדערע געקומען.

איך בין אויף אַ שטיקל צייט צוריק אַריין אין מיין פריערדיקער הויט, וואַרטנדיק אויף מיין ווייטערדיקן גורל וואָס האָט גישט פאַרזוימט צו קומען.

אין באַראַק האָב איך דאָ געטראָפן נאָך אַ גרעסערן האַרמידער ווי פריער. ס'איז, ווייזט אויס, אָנגעקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט מיט „זינ־דיקע רעקרוטן". נייע מענטשן און נייע פּנימער.

פּנימער אַלערליי. ווייסע, טונקעלע, געלע און געמישטע. פּנימער קיי־לעכיקע, שמאָלע און ברייטע מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן.

אויך אויגן, וואָס טראָגן אין זיך דעם צער פון אָפּקומעניש, אַלערליי. אויגן שוואַרצע, ברוינע, בלאָע און גרין־קעציש. קיילעכדיק־אייראָפּעישע, אַזיאַטיש־פאַרשמעלטע און מאָנגאָליש־פאַרזשמורעטע.

ווי דאָס גאַנצע גרויסע מאַמעלע רוסלאַנד וואָלט דאָ אַהערגעקומען

אין די לאַגערן. זי איז אין זינד אַריינגעפאַלן, דאָס מאַמעלע. אין דער זינדיקער נינווה...

און אירע באַוווינער, די באַוווינער פון אירע טאָלן און ווילד־ברייטע סטעפּעס, פון אירע טונדרעס און מדבר־זאַמדיקע ברעגעס; מענטשן פון אַלערליי פעלקער און שטאַמען קומען דאָ אָפּ זייער „שטראָף". זיי זענען „בעל כרחך" בעלי תשובות געוואָרן...

אייניקע יונגע, מער מוטיקע, האָבן אויפגעהויבן זייער שטים. זיי זינגען אין דער שטיל. זינגען זיי פון פרייד, פון נחת? אָ, ניין! דאָס מאַכן זיי זיך קוראַזש. קוראַזש, אַרויסצוגיין גאַנצע פונעם דאָזיקן פאַרציקנדיקן טיגל...

און פון דאָרטן, פון ווינקל, וואָס הער איך? יאָ, איך הער עפּעס אַ מאָדנעם ציקלענדיקן געזאַנג. אַ ניגון, ווי פון אונדזער חומשדיקן טראָפּ אַרויס. עפּעס ענלעכס צום דרייגאָרגדיקן פּזר. ווער זאָל דאָס זיין, איז דאָס אַ ייד?

ניין, נישט איך זע דאָ אַ ייד, און נישט אַ ייד וואָלט דאָ געוואַגט נתגלה צו ווערן. די פאַראינטערעסירונג לאָזט מיך אָבער נישט אָפּ. זי אינטריגירט און שטייגט אין מיר.

און איך קריך אַרום צווישן דאָזיקן פעלקער־מישמאַש, וואָס האָט אויף אַ וויַיל טראָץ דער בייזער קעלט אַראָפּגעוואָרפן פון זייבע פון מאַרש צעביילטע פיס די צעפוילטע כאָדאַקעס מיט די פאַרעיפּושטע אָניטשעס, צו געפינען דעם, וואָס האָט זיך אין דער דאָזיקער לעבנס־ווילדעניש מיט־אַמאָל אין אַ פּזר פאַרגאַנגען.

ערשט איך זע, אינעם צווייטן עק פון באַראַק שטייט זיך אַזוי אַ מענטש, וואָס איז פון ספק קאַזאַכישן און ספק מאָנגאָלישן אָפּשטאַם און טוט זיך צוויי מלאכות מיט איין מאָל.

ער זוכט מיט גרויס חשק אונטער זיין אויבערשטן גראָבן מלבוש, וואָס איז צוליב די לאַטעס געלייגטע איינע אויף דער אַנדערער שווער צו וויסן, וואָס פאַר אַ סאָרט מלבוש דאָס איז, און ציקלט גלייכצייטיק אויס זיין פּזר־ענלעכע ציקלעניש. איך האָב זיך מיט אים אויף רוסיש נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן. מער ווי איינצלנע רוסישע ווערטער, וועלכע ער האָט באַנוצט אויף אַ קאָמיש פאַרדרייטן אופן, האָט ער נישט געקענט.

און דאָס רעטעניש, ווער ער איז און פונוואַנעט האָט זיך צו אים גענומען אונדזער פּזר, אָדער אַזאַ ענלעכער ניגון־טראָפּ, איז ביי מיר וויַיטער געבליבן.

מען שרייט געוואַלט און מען שלעפט אַראָפּ די וויליקעס פון די פיס

אויפן צווייטן טאָג האָבן שוין די פרישע „געסט", און אפשר זענען זיי גאָרנישט געווען קיין פרישע, נאָר אַלטע יוסטע לאַגערניקעס, לאַגערניקעס מיט סטאַזש, וועלכע האָבן דאָ בלויז געמאַכט אַ נייעם בראשית, ווייס איך נישט. נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן די דאָזיקע פאַר מיר פרישע כוליגאַנעס גלייך אויף צומאָרגנס געוויזן וואָס זיי קענען. זיי האָבן „בפני כל עם ועדה" (פאַר אַלעמען אין די אויגן) אַראָפּגעצויגן פון די אַנדערע כוליגאַנעס, ווייזט אויס, שוואַכערע פון זיי, זייערע נייאינקע וויליקעס.

און יענע וועלכע האָבן ערשט נישט לאַנג אין די תפיסה־צעלן אַליין געשאַלטעט און געוואַלטעט איבער אַנדערע, אַנדערע באַצווינגען, האָבן אַצינד מיט זייער גאַנצן כוליגאַנישן סטאַזש, ליגנדיק ווי די „פּריצים" אויף די אויבערשטע נאַרעס, וואָס זיי האָבן מיט כוח פאַרכאַפּט, אַליין פון אַנדערע געוואָרן באַצווינגען.

זיי האָבן אונטערן געפּאַך פון מעסער און שטאַרקע קלאַמערנדיקע הענט אַרום זייערע העלדזער, פּונקט אַזוי ווי פריער זייערע אייגענע קרבנות, געשריגן נאָך הילף, וועלכע איז נישט געקומען.

זייערע „ספּאַסייטיע"־געשרייען (ראַטעוועט) איז ווי דער אומבאַהאָל־פענער געשריי פונעם קרבן אין מויל פון דער בעסטיע, אָן אַ שום אָפּקלאַנג זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער לענג פון באַראַק.

אַ געפיל פון שאָדן־פרייד איז אין מיר אויפגעקומען, וואָס איך האָב זיך באַמיט אונטערצודריקן. ס'איז געווען די שמחה פון „אַל דאטפּט אַטפיך" (ווייל דו האָסט יענעם דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען) צוזאַמען מיט דער פרייד, וואָס איך בין אַן אביון, וואָס איך האָב שוין נישט וואָס מען זאָל ביי מיר צונעמען. און צוזאַמען מיט שלום־עליכמס העלד, האָב איך אַצינד געזאָגט: „מיר איז גוט איך בין אַ יתום"....

די דאָזיקע נייע שמאַרקע זענען געווען, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, ס'רוב רוסן. גרויס־רוסן מיט אוקראַינער. ווייזט אויס, ווי עס מלוכהט זיך, אַזוי כוליגאַנעוועט זיך. באַהערשער אין דער מלוכה־פירונג און באַהערשער אויך דאָ...

די געשרייען זענען אַוועק און מיט זיי אויך די אַראָפּגעצויגענע ווילי־

קעס און שטיוול. קיינער האָט נישט געפרעגט, היתכן? אויך די וואַך האָט זיך נישט אַריינגעמישט.

דער פועל יוצא איז געווען, אַז קיינער פון די לאַגערניקעס זאָל זיך איינער צום אַנדערן נישט אַריינמישן. קוקן און שווייגן, איז געוואָרן די פילאָזאָפיע פון באַראַק. און פון דעם מאָמענט אָן איז דער באַפאַלענער געוואָרן נאָך מער הילפלאָז.

מען נעמט מיר צו דעם לעצטן פאַרמעג

פון די אַוואַנטורעס אין דער פריערדיקער פּאַלאַטקע און פונעם צווייטן פּערעסילנעם פונקט, דעם איצטיקן באַראַק, בין איך דערוויי׳ל אַרויס בשלום.

אמת, אין דער פּאַלאַטקע בין איך צו לאַנג נישט געווען. און דאָס ביסל וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך זיך געראַטעוועט דורכן אַרויסלויפן אינדרויסן. און קיין זאַכן אויסער מיין לעצטן „אוצר״, די קאָלדרע, האָב איך שוין סיווי נישט געהאָט.

הגם קיין וואַליקעס און קיין שטיוול האָב איך נישט געהאַט און פון די איבעריקע זאַכן האָט מיר שוין וואָרקע פאַרשפּאָרט צו דאגהן זיך איבער זיי, האָט מען זיך פונדעסטוועגן, ווי אין דער פּאַלאַטקע, אויך אויף דער קאָלדרע זיך געקאָנט קוואַפּען.

אָבער דווקא די אָפענע רויבער האָבן מיך ביז היינט געלאָזט צורו. ווייל פּוילישע וואַליקעס און גוטע שטיוול מיט וועלכע מען קאָן אויך גיין צו דער אַרבעט, איז פאַר זיי געווען אַ נוצלעכערע זאַך ווי מיין קאָלדרע.

דאָס אומגליק איז אָבער געקומען פון אַן אַנדער זייט. איך האָב מיט מיין לעצטן פאַרמעג נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. פאַר די לעצטע „שאַלי־וועס״ אויבערהעמדער, וואָס די פרוי האָט מיר געבראַכט פאַרן גיין אויף סיביר, האָב איך געפונען אַן עצה.

איך האָב זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך איינע אויף די אַנדערע און פטור. צו וואָרעם איז מיר סיווי נישט געווען און אַז די חיהלעך האָבן זיך צוליב דעם געמערט, האָט מיך שוין אויך נישט געאַרט. ס׳איז דאָ אַזוי פיל, וועט זיין נאָך אַביסל.

נאָר ווי אַזוי מען טוט אָן אויף זיך אַ לאַנגע קאָלדרע, וועלכע מוז אַרויסקוקן און רייצן דעם רויבערישן אַפּעטיט, דאָס האָב איך נישט געוווּסט.

האָב איך ליגנדיק בײנאַכט אויף דער נאַרע זי אַרומגעדרײט אַרום זיך און מיט אַ שטריק צוגעבונדן אַרום בויך. און בײטאָג האָב איך זי אײנגעפּאַקט אין אַ קלײן פּעקעלע, צונויפדרײענדיק זי אַזוי, אַז זי זאָל זיך נישט אָנזען. און איך האָב דעם אוצר מיט זיך שטענדיק געטראָגן, ווי נאָר איך האָב זיך געקערט און געווענדט.

פּאָר אַ בײז אויג אָבער איז זיך שווער אויסצוהיטן. און פּונקט ווי איך האָב געזוכט עצות איר אײנצוהאַלטן, אַזוי האָט דער פּראַנטישער גנב געזוכט עצות איר בײ מיר צוצונעמען.

וואָרעם אַחוץ דער פּלאָג מיט די אײגענע רויבער און גנבים, איז מען נאָך אַהערגעקומען גאַסטראָלירן פון אַנדערע באַראַקן. און אײניקע פון די דאָזיקע גנבים־באַזוכער זענען אין קאָנטראַסט צו די אַנדערע געווען פײן אָנגעטאָן, און האָבן געמאַכט דעם אײנדרוק פון רײנע כשרע נשמות.

האָט זיך אַזאַ לאַגער־פּראַנט, וואָס איך האָב נישט געוווּסט פונוואַנען ער האָט זיך דאָ גענומען, זיך אין אײנעם אַן אָוונט צו מיר צוגעזעצט און מיט מיר פאַרפירט אַן עלעגאַנטן שמועס.

און איך, אַזוי שמועסנדיק, האָב מיטאָמאָל אַזוי נישט־עלעגאַנט אַנגע־ווירן מײן וואַכזאַמקײט, — כאַפּנדיק אויף אַ מאָמענט אַ דרימל. דער דרימל האָט מער ווי אַ רגע נישט געדויערט. נאָר דאָס איז פאַרן פלינקן גנב געווען גענוג...

און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז ער שוין נישט געווען. און צוזאַמען מיט אים האָט אויך מײן קאָלדרע געמאַכט „פּליטה". מײן לעצטער „אוצר" איז אויף אײביק פאַרשוווּנדן.

איך האָב מײן דאָזיקן היזק ווי אַ טויטן „באַוויינט". און פאַרדראָסן האָט מיך אין יענעם מאָמענט, נישט אַזוי דער בלויזער פאַרלוסט, נאָר מײן נאַיוויטעט און גלויבן אין דעם סאָרט מענטש, טראָץ מײן פילמאָליקע דערפאַרונג.

האָב איך אין דער רגע געגלוסט דאָ צו האָבן וואָוקען מיט אַלע זײנע אַנגעראַבעוועטע זאַכן. איך וואָלט געוואָלט זען וויאַזוי דער דאָזיקער „העלד" וועט זיך ספּראַווען מיט זײנע רוסישע פּאַך־קאָלעגן.

און אפשר, האָב איך געטראַכט, האָט מען אים שוין צורעכט געמאַכט? ווײל „סדנא דארעא חד הוא", די סאָוויעטישע וועלט איז אײנע און די זעלבע אומעטום...

נישט געוווסט האָב איך, אַז אויך אויף דעם געביט וועט מיר נאָך אויסקומען צו „באַווײַנען" אַ גרעסערן פאַרלוסט. אַ זשמודנע אַנזאַמלונג פון יאָרן, וואָס עס איז מיר אין רוסלאַנד געווען אַזוי נייטיק פאַר מיין זעלבסטדערהאַלטונג.

מען שיקט מיך ענדלעך אָפּ אין לאַגער

כאָטש איך האָב על פי שכל געוווסט, אַז איך וועל דאָ אייביק נישט זיין, אַז מען האָט מיך דאָ נישט אַהערגעבראַכט צו פוסט און פּאַסעווען אויף אומזיסטער סאָוויעטישער קעסט, אַז מיין צייט פון גיין אין לאַגער וועט מוזן קומען, האָב איך פונדעסטוועגן דעם דאָזיקן געדאַנק צו מיר נישט צוגעלאָזט.

און איך האָב ווי אַ באַטרונקענער מיטן געטראַנק פון אילוזיע און האָפענונג, זיך געפּרוווט איינרעדן, אַז אפשר פאַרט וועט מיר געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון צו גיין אין לאַגער. בפרט ווען די צייט פון מיין „דיעטסקן סראָק" (קינדערישן פסק) איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער געוואָרן איינגעשרומפּן.

נאָר אויב מיינע אילוזיעס האָבן נאָך געקאָנט אויפהאַלטן מיין גייסט, האָבן זיי דערפאַר אָבער נישט געקאָנט אויפהאַלטן די שטראָפנדיקע האַנט פון דער מאַכט, וועלכע האָט געגנוי געפירט איר חשבון און האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום סענטימענטן.

האָט מען מיך אין איינעם אַ פראָסטיקן פרימאָרגן, צוזאַמען מיט אַנדערע, אַרויסגערופן און אונדז צוגעגרייט אין וועג. דער סיבירער פראָסט האָט געשניטן ווי מיט מעסערס אַזוי, אַז אַפילו אונדזערע בעלי רחמים אַליין האָבן אונדז געגעבן אַ זאַלב מיט דעם איינצוריייבן נאָז און אויער.

מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געמאַרשירט אונטער אַ שטרענג באַוואָפנטן קאָנוואָי אין אַ ריכטונג, וועלכע קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט. וואָס ווייטער מיר זענען געגאַנגען אַלץ העלער איז געוואָרן דער הימל און קלאָרער דער האָריזאָנט.

איך בין, ווי אין די פריערדיקע מאַרשן, צוריקגעשטאַנען און געבליבן דער לעצטער.

נאָר אויב פריער האָבן מיר מאַרשירט אין אַ פלאַכלאַנד, איז אַצינד דער וועג געוואָרן באַרגיק און איך האָב געמוזט שפּאַנען אַלץ מער באַרג-

אַרויף. בין איך טאַקע, טראָץ דעם פראָסט, אָפּגעגאַנגען מיט שווייס און אַן אויסגעווייקטער געפאַלן פון די פיס. גייענדיק ווייטער, בין איך נאָך אַריינגעפאַלן אין טיפע שנייען פון וועלכע איך האָב פריער נישט געוווּסט. מיר האָבן שוין געהאַלטן נישט ווייט פונעם לאַגער און ווען איך בין שוין געווען אָן כוחות, איז פון ערגעץ אָנגעפאָרן אַ משא־אויטאָ, ביי וועמענס פירער דער קאָנוואָי האָט געבעטן מיך צוצופירן צום לאַגער.

דער משא־אויטאָ האָט מיך אַזוי צעטרייסלט, אַז איך האָב זיך געפילט נאָך ערגער ווי פריער. דערווייל איז אַלץ מער געוואָרן העלער דער האָריזאָנט, טראָץ דעם, וואָס קיין זון איז שוין נישט געווען. זי איז פאַרגאַנגען און ווי אַ שעמעוודיקע כלה האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט און באַהאַלטן אונטער די בערג.

ס'איז געווען איינס פון די הערלעכסטע בילדער. און טראָץ מיין לאַגע, — האָב איך מיין אויג פונעם בילד נישט אַראָפּגענומען. געווען איז דאָס אַרום דריי נאָכמיטאָג, ווען די זון האָט זיך שוין געלאָשן הינטער די בערג. און נאָך איידער זי איז ענדגילטיק פאַרשוווּנדן איז פון ערגעץ אַ ניי ליכט אויפגעגאַנגען. דאָס נייע ליכט איז נישט געווען ראָזיק און האָט נישט ווי די זון געשפּריצט מיט גאָלד, נאָר מיט אַזאַ ווייסע ליכטיקייט ווי ווייסער שניי און ס'איז געווען ליכטיק ווי העלער טאָג.

ווי אַ בייטנדיקע וואָך פון ליכטיקייט האָט עס אויסגעזען. דאָס אַוועקגייענדיקע טאָג־ליכט האָט זיך געביטן מיט דער אָנקומענדיקער נאַכטיקער ווייסקייט. איינס האָט אויף דאָס אַנדערע געוואַרט, כדי נישט איבערצולאָזן דעם דאָזיקן ווינקל אָן ליכט. און די נאַכט האָט דאַן אויסגעזען ווי אַ פאַרלענגערונג פונעם טאָג.

קאַפּיטל זיבעצן

ביים לאַגער־דאָקטאָר

דער שאָפער האָט מיך צוגעפירט נאָענט צו מיין לאַגער און דערמיט זיין אויפגאַבע דערפילט. ער האָט מיך אַראָפּלאָזנדיק געוויזן אויף מיין

פונקט, וועלכן מען האָט שוין פונדערווייטנס געקאָנט זען, און איז זיך געפאָרן ווייטער צו זיין ציל. און איך בין, אַראָפּקריכנדיק פון אויטאָ, ווייטער געפאַלן אין שניי, געפאַלן און זיך אויפגעהויבן, אויפגעהויבן און געפאַלן.

דער וועג צום לאַגער האָט ווי פריער געפירט באַרג־אַרויף. און וואָס נענטער צו אים איך בין געוואָרן — אַלץ באַרגיקער. און כאָטש עס איז שוין פאַרבליבן אַ גאָר קליינער שטח, איז מיר אַלץ שווערער געוואָרן דאָס גיין.

די מורא, אין אָנבליק פון זיך דערנענטערנדיקן לאַגער, און די אָנשטרענגונג פונעם באַרגיקן גיין, האָט אַזוי געווירקט אויף מיין האַרץ, אַז עס האָט אָנגעהויבן צו זעצן ווי מיט האַמערס און איך האָב ווייטער די פיס נישט געקאָנט שלעפּן.

דערפילנדיק זיך שלעכט, בין איך אין איין אָטעם אַריינגעפאַלן אין ערשטן באַראַקל, וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען, נישט האָבנדיק קיין אַנונג ווער עס וווינט דאָרט. איך בין אָבער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַריין צום דאָקטאָר פונעם לאַגער, וועלכער איז געווען אַ רוסיפיצירטער פּאָליאַק פון מינסק, מיט אַ פּויליש־היסטאָרישן פאַמיליע־נאָמען — ווישניאָוויעצקי.

איך האָב זיך פאַר אים געקלאָגט אויף מיין שוואַכקייט. און, ווייזט אויס, ער האָט מיין לאַגע באַנומען, ווייל ער האָט מיך תיכף באַטראַכט.

נאָכן באַטראַכטן האָט ער מיר דערקלערט: „אַז, אמת, איך בין שוואַך, נאָר אַרבעטן קאָן איך". ער האָט מיר געוויס נישט דערציילט דעם גאַנצן אמת.

און דאָך, האָב איך אַדאַנק מיין דאָזיקן אַריינפאַלן צו אים, מיין לעבן אין לאַגער דערהאַלטן. ווייל טראָץ דעם, וואָס ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך קאָן אַרבעטן, האָט מען מיר, אויסער אין איניקע אויסנאַמען, די גאַנצע צייט געגעבן גרינגע אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אויף זיין אָנווייזונג.

מיטן דאָזיקן אַביסל האַרט־האַרציקן דאָקטאָר, אַליין אַ לאַגערניק ווי אַלע דאָ נאָטשאַלניקעס, איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן.

און יעדעס מאָל, וואָס איך האָב זיך פאַר אים אויף עפּעס באַקלאָגט, ווי ערנסט דאָס זאָל נישט האָבן געווען, האָט ער באַלד געהאַט אַ פאַרטיקן תירוץ און יעדע קראַנקהייט אָנגעמאָסטן אויף זיך אַליין...

האָב איך זיך געקלאָגט אויפן האַרץ, האָט ער געטענהט: אַז זיין האַרץ

איז נאָך אין אַן ערגערער לאַגע. בין איך געקומען מיט בויד־וויטיקן, האָט ער מיר דערציילט אַ מעשה: אַז עפּעס אַ מינסקער פּראָפעסאָר שאַפּירא האָט אים אויסגעשניטן 24 מעטער קישקע. און אַז איך האָב נישט קיין 24 מעטער קישקע צום אויסשניידן, טאָ וואָס פאַר אַ יחסן בין איך עס?...

און אַז איך בין געקומען מיט געשוואָלענע פיס, האָט ער ווידער געטענהט: „ווער האָט עס דאָ נישט קיין צינגאַ?" ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי איך האָב געהערט דעם דאָזיקן נאָמען.

איך האָב ביז דאַן פון דער דאָזיקער מכה שלא כתובה בתורה (וואָס שטייט נישט אין דער תורה) קיין אַנונג נישט געהאַט. ערשט דאָ האָב איך זיך מיט סטאַלינס מתנה באַקענט.

אָבער אינדעראמתן, האָט ווישניאָוויעצקי פון מיינע קראַנקהייטן יאָ געהאַלטן. וזהאָ ראיה, ער האָט מיר נישט געזשאַלעוועט קיין פּראַשקעס און אויך נישט דאָס ביסל געקאָכטע אַרבעס מיט די שויטן־שאָלעכץ, וואָס איך פלעג ווי אַ צוגאָב צו מיין „באַשפּייזונג" באַקומען אין די זומערדיקע אָוונטן.

דער דאָזיקער צוגאָב איז פאַר מיר, וואָס האָב פונקט ווי אַ שרייבער־אָנפאַנגער, אַזוי געלעכצט נאָך קראַנקען־אָנערקענונג, געווען דער בעסטער סימן פונעם דאָקטאָרס האַלטן פון מיר...

שוין דאָס אַליין איז פאַר מיר געווען די בעסטע רפואה. און אויב נישט פאַר מיינע געשוואָלענע פיס, וואָס האָט זיי געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, איז פאַר מיין אַזוי אויסגעהונגערטן מאָגן, וואָס האָט דאַן אַלץ פאַרדייעט, אַפילו האַלב־רויע אַרבעס. און איך האָב זיי געשלינגען מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט.

באַלד ווי איך בין צו אים אַריין האָט ער מיך דערקענט ווי אַ פּוילישן ייד און זיך אַליין פאַרגעשטעלט פאַר אַ מינסקער פון פּוילישער אָפּשטאַמונג. און כדי מיך אין דעם איבערצוצייגן, האָט ער מיט מיר אָנגעהויבן רעדן פּויליש.

ער האָט קענטיק הנאה געהאַט צו טרעפן אַ לאַנדסמאַן פון זיינע אַמאָליקע מקומות. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, בין איך געווען דער איינציקער ייד. און די בענקשאַפט פון אַ פּאָליאַק אין דער פרעמד צו זיינעם אַן אייגענעם, אפילו ווען אַ ייד, איז אויך נישט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן...

ווישניאָוויעצקיס באַראַקל איז געווען ביים סאַמע אָנהייב פון לאַגער.

און ווען איך בין אָנגעקומען, זענען אַלע לאַגערניקעס געווען ביי דער אַרבעט, הגם ס'איז שוין געווען גוט נאַכט. נאָכן אויספרעגן פונוואַנען איך בין געקומען און ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלן, — האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ באַראַק דערווייל אויף איבערצונעכטיקן און אָפּרוען זיך.

אין באַראַק פון צונויפגעשטשאָבעטן רויען האָלץ האָבן זיך געפונען צוויי רייען נאַרעס איינע איבער דער אַנדערער. ווען איך בין אַהער אַריין, איז דאָ בלויז געווען דער „דניעוואַלני" (טאָג־היטער), אַ קראַנקער, וועמען דער דאָקטאָר האָט באַפרייט אויף איייניקע טעג פון דער אַרבעט.

ער האָט געדאַרפט היטן דעם באַראַק פון גניבות און אים רייניקן, אַן אַרבעט, פאַר וועלכער די באַראַקניקעס וואָלטן פאַר דעם אַלץ אַוועקגעגעבן.

דער דניעוואַלני, אַ קרימער טאַטער מיט איין בעלמע־אויג, האָט מיר גלייך איבערגעגעבן די גאַנצע הערשנדיקע דאָ לאַגע. בלייבנדיק אַליין אין באַראַק איז ער געווען צופרידן צו האָבן מיט וועמען צו רעדן.

ער האָט מיט איינמאָל זיין גאַנצע אינפאָרמאַציע פאַר מיר אויסגעשאָטן ווי ער וואָלט וועלן פּטור ווערן פון אַ שווערער משא. ער האָט זיך אויך צוגעאיילט צוליב די אָנקומענדיקע לאַגערניקעס פון דער אַרבעט.

איך האָב געטראַכט, אַז ביי די שוידערלעכע באַדינגונגען, וואָס הערשן דאָ, וואָלט איך זיך בעסער געפילט אין דער אָנקומענדיקער כאַליאַסטרע. איך האָב זיך געשראָקן פאַר דער צעהונגערטער און צעווילדעוועטער מאַסע. נאָר דאָס זעלבע האָבן מסתמא אויך געטראַכט די איבעריקע.

אין אייניקע שעה אַרום זענען די באַראַק־איינוווינער, אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע פון דער אַרבעט און פון וועג, ווי מיט אַ שטורעם אַריין אין באַראַק, וואַרפנדיק זיך גלייך אויף די נאַרעס. זיי זענען אָבער לאַנג אַזוי נישט געלעגן. זיי האָבן גלייך פון זיך גענומען אַראָפּוואַרפן די כאַדאַקעס מיט די צעפוילטע שמאַטעס פון די פיס און אָנגעהויבן זוכן ווי אַ ייד צו „ביעור חמץ" די באַהאַלטענע ברויט־קרישקעס.

די שטאַרקערע האָבן זיך ווי פליגן גענומען קלעבן ביים האַלב־צעבראָכענעם האָלץ־אייוועלע, וואָס האָט קוים אַליין געדיכעט, און ביי אים געפּרוווט פאַר זיך אַרויסציען אַביסל וואַרעמקייט.

אויך דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. ווייל איידער וואָס ווען האָט מען שוין געדאַרפט אויפשטיין צו דער אַרבעט. און מען האָט געמוזט כאָטש אַביסל זיך אויסרוען און אויסגלייכן די ביינער.

*

איך האָב דאָ איבערגענעכטיקט און געוואַרט אויף מיין שטענדיקער אַכסניה. דערווייל האָב איך זיך אָן פּרעטענזיעס אַריינגעקוועטשט אין איינעם פון די באַראַק־ווינקלען, געניסנדיק פון די ריחות פון מיינע שכנים, די פּרימיטיווע פּויערים און אַזיאַטן.

ווי מיד איך בין נישט געווען, האָב איך פון הונגער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ערשט שפּעט אין דער נאַכט בין איך פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. מיטאַמאָל אָבער האָב איך ווי אין חלום דערפילט אַ שטאַרקן טומל. ווען איך האָב אַ פאַרשלאָפענער געפּרוּווט עפענען די אויגן, האָט מיך ווער געשלעפּט ביי די פיס.

דער גאַנצער באַראַק איז שוין געשטאַנען אויף די פיס. דאָס אָנטאָן זיך האָט דאָ נישט געדויערט, ווייל זעלטן ווער האָט צוליב די קעלט עפּעס אַראָפּגעצויגן פון זיך. מען איז געשלאָפן אין די זאַכן.

מיינע אויגן־דעקלעך האָבן זיך אָבער נאָך שטאַרק געקלעפּט צו די אויגן. קענטיק, איך בין נאָר געשלאָפן אַ פּאָר שעה. נאָר נישט וועלנדיק צופיל איינשטעלן, — בין איך ווי אַ לונאַטיקער צוזאַמען מיט די אַנדערע ארויס אויף דער „פּאָווערקע" (קאָנטראָל).

אינדרויסן איז נאָך געווען שטאַרק פינצטער. ווייל ווי די נאַכט איז דאָ געווען אַ ליכטיקע, אַזוי איז דער באַגינען געווען אַ פינצטערער. אויף דער „פּאָווערקע" זענען שוין געשטאַנען די לאַגערניקעס פון אַלע באַראַקן. מען האָט אונדז אָפּגעציילט און פריי געלאָזט צום פרישטיק.

איך בין צוריק אַריין אין מיין באַראַק און דער בריגאַדיר (אַרבעטס־עלטסטער) האָט פאַר די ניי־געקומענע פון דער קיך געבראַכט אַ פולן עמער מיט גרויפּן, וועלכע ער האָט יעדן איינעם פאַרטיילט צו אַ טיי־טעפּעלע. און צו דעם איז נאָך די נשמה אויסגעגאַנגען וואַרטנדיק אויפן איינציקן קהלישן טעפּעלע.

די אַלטע באַראַקניקעס זענען אַליין געגאַנגען אין קיך נאָך זייערע פּאָרציעס. נאָר מיר „נאָוואָבראַנצעס" (פרישע) האָבן אין דער ערשטער צייט אין קיך נישט געטאָרט גיין. מיר זענען אינגאַנצן געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון בריגאַדיר. און מיט דער באַשפּייזונג האָט זיך אונדז דאָ, אין סאַמע לאַגער, איבערגעחזרט די געשיכטע פון אונדזער אַרויספאָר פון ביאַליסטאָק.

וואָכן האָט געדויערט די דאָזיקע הונגער־דערנערונג. הגם דער לאַגער האָט דאַן געהאַט גענוג שפּייז מיט אַ גאַנץ גוטער קיך. און די קיך־פּאַרציעס וואָס וואָלטן פאַר אונדז אין די לאַגער־באַדינגונגען אויך געווען וויניק, האָבן מיר אויך נישט באַקומען.

איך בין פון דער דאָזיקער דיעטע געפאַלן פון די פיס. און אַרבעטן האָט מען געדאַרפט. בלויז דער אַהין און צוריק פון דער אַרבעט, וואָס איז געווען אַ מהלך רב, האָט געקאָנט פאַרמאַטערן. אַחוץ דאָס שטייען צוועלף שעה אויף די פיס ביי דער אַרבעט. און ווו איז די אַרבעט אַליין?

אויף צומאָרגנס האָט מען מיך שוין מזכה געווען מיט אַ נייער „דירה״. און איך האָב שוין געהאַט מיין שטענדיקע נאַרע, אין וועלכער איך בין געווען ביז מען האָט מיך איבערגעשיקט אויף אַ ניי אָרט.

מיין באַגעגעניש מיט אַ יידיש־רוסישן געפאַנגענעם

נאָך אַ צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך געהערט וועגן די „אסירי ציון״, און האָב געלייענט די באַשרייבונגען פון באַוווסטן שריי־בער בן־ציון כץ ע״ה, וועגן די פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד. באַזונדערס די זכונגען און פייניקונגען צוליב אויסלענדישער וואַליוטע.

און ווי איך האָב אין דעם געגלייבט, האָט פאָרט ביי מיר ערגעץ גע־עקבערט אַ צווייפל, אַ ספק אין אַזעלכע אומגלויבלעכע רשעותדיקע מעטאָדן, בפרט פון אַ מאַכט וואָס וויל אויסלייזן די וועלט.

בין איך געוואָרן דערשטוינט, ווען אין טעג אַרום האָב איך זיך צווישן דער מאַסע באַראַקניקעס אָנגעשטויסן אויף אַ רוסישן ייד, וועלכער איז אַליין געווען דער קרבן פון אַזאַ פאַרדאַכט און איז פאַרן דאָזיקן חשד פון באַזיצן דאָלאַרן געוואָרן פאַרמשפּט אויף פופצן יאָר.

דער דאָזיקער ייד, אַ הויכער און דאַרער, אינגאַנצן הויט און ביינער, ביי וועמען נאָר די שוואַרצע יידישע טרויער־אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז ער לעבט, האָט מיטאַמאָל אויף מיר אָנגעהויבן קוקן מיט אַזעלכע צער־פולע אויגן, אַז טרערן האָבן זיך אים אַליין געשטעלט.

ס׳איז געווען אין זיי אַזאַ האַרצרייסנדיקע אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין. זיין בליק האָט מיך דורכגענומען און מיינע אויגן האָבן געענטפערט מיט אַ טרערן־פליץ, וועלכן איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן. ס׳איז געווען אַזאַ האַרץ צו האַרץ־גערייד, וואָס האָט זיך נישט גענייטיקט אין קיין ווערטער.

ס'איז געווען געגאַנגען דאָס באַגעגענען זיך פון אונדזערע בליקן אין דער דאָזיקער פּיינפולער לאַגע, אַז אונדזערע יידישע געפילן זאָלן ווערן אויפ־גערודערט.

דער דאָזיקער ייד, משה פינק, איז שוין געווען אין די זעכציקער און ער האָט שוין געהאַט אָפּגעזעסן פינף יאָר. נאָר געשראָקן האָט ער זיך פאַר די יאָרן וואָס האָבן נאָך געדאַרפט קומען.

ער איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער ייד מיט אַ קליינע אָנוואַקסנדיקע ווייסע באָרד. און ווען ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פאַר מיר, ווייל ס'איז גישט געווען קיין רעדן, נאָר אַן אַראָפּרעדן זיך, איז ער ווי אַ פאַרוווּנ־דעט פלאַטערל גלייך פון מיר אַוועקגעפלאַטערט. — און איך האָב אים שוין מער פאַר מיינע אויגן נישט געזען.

דער דאָזיקער געפאַנגענער האָט מיר אויף הונדערט פּראָצענט באַשטעטיקט ב. צ. כצס באַשרייבונג. מען האָט ביי אים געזוכט אויס־לענדישע וואַליוטע און פאַרשנדיק אים האָט מען אים דערווייל געריסן די נעגל און אַלס צוגאָב האָט אים די „טראָיקע" (דאָס דרייערל) פאַרמשפּט אויף נאָגצע פופצן יאָר.

דערציילנדיק מיר זיין געשיכטע, וואָס האָט עדות געזאָגט אויפן צוטרוי וואָס ער האָט מיר באַשאָנקען, האָב איך אים שוין אַן באַוואָרעניש אויך מיינע דערציילט. נאָר מיין גאַנצער טראַגישער וויראָק פון איין יאָר, ווי מיין פיל־יונגערע עלטער, — האָט קעגן זיינע פופצן יאָר אויסגעזען ווי אַ קינדער־שפּיל.

איך האָב דעם דאָזיקן רוסישן ייד געוואָלט האָבן נעבן זיך. ער האָט געוווּנען מיין צוטרוי און מיר וואָלטן אין דער דאָזיקער סביבה איינער פאַרן אַנדערן געקאָנט זיין ווי אַ טרייסט.

איז ער אָבער, ווי גיך ער האָט זיך באַוויזן, אַזוי גיך פאַרשוווּנדן. עס קאָן זיין, מען האָט אים איבערגעשיקט אין אַ צווייטן לאַגער.

מען פאַראומרייניקט מיר די מענאַשקע און איך עס מיטאָג אויף אַ זאַמדיקער לאַפּאַטע

„קיין זאַך שטייט נישט אויף קיין אָרט". און די ערשטע „גאַסטפריינט־לעכע" וואָכן אין לאַגער זענען אַוועק. מיר האָבן שוין באַקומען רשות צו גיין אין קיך. ענדלעך אויסגעגלייכט זיך מיט די איבעריקע באַראַקניקעס.

און איך בין פון דאַן אָן געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער משפּחה פון די קנעכט, כאָטש איך האָב אויף זיך קיין קייטן נישט געטראָגן...

קייטן האָבן זיך אויף מיינע פיס נישט געבאָמבלט, דערפאַר איז אָבער מיין גאַנצער גוף און ווילן געווען ווי אין שטאָל פאַרקלעמט. און איך האָב ווי די איבעריקע אַפילו נישט געוואָגט צו פּרווון אַרויסצוגיין פון דער דאָזיקער קנעכטשאַפט.

דאָס עסן אין קיך האָט זיך לגבי דעם פריערדיקן טיי־טעפּעלע פאַר־גרעסערט, אָבער לויטן באַדאַרף ווייט נישט געגנוג, בפרט פאַר די שוואַכע מענטשן. און וואָס שוואַכער איינער איז געווען, אַלץ ווייניקער צום עסן האָט ער באַקומען. ווייל געגעסן האָט מען נישט לויטן באַדאַרף, נאָר לויט איינעמס אַרבעט.

אויף צו קריגן 400 גראַם ברויט האָט מען געדאַרפט מאַכן אַן אַרבעטס־נאָרמע. און אַז מען האָט די נאָרמע נישט געמאַכט, איז געווען נאָך ערגער. ווייל מיט דער נאָרמע איז אויך געווען געגנוג שלעכט. דעם מיטאָג, אַ פליישׁ־לאָזן, האָט מען באַקומען בלויז ווען מען איז געווען אין באַראַק.

אויף דער אַרבעט האָט מען זעלטן געבראַכט מיטאָג. און אַז מען האָט שוין אַמאָל געבראַכט, איז נישט געווען קיין כלים אין וואָס צו עסן. און געבראַכט האָט מען, ווען די אַרבעט איז געווען נאָענט פון קיך.

איין מאָל נאָר געדענק איך, ווען איך האָב ביי דער אַרבעט טועם געווען פון אַזאַ מיטאָג. איך האָב דאַן נישט געהאַט אין וואָס אַריינצונעמען די פּאָסנע גראָבע קיטיע. ווייל מיין אויסגעזוכטע האַלב־פאַרזשאַווערטע מענאַשקע (אַ מיליטערישע כלי), וועלכע איך האָב גאַנצע טעג געריייניקט, האָט מיר אַ יידן־פיינטלעכער לאַגער־„קאָלעגע" אויף אַ מיאוסן אופן פאַר־אומרייניקט.

דער קוליגאַן, אַ יונגער רוס, האָט עס געמאַכט אויף אַ וויצלענדיקן, כלומרשט פריינדלעכן אופן, און פון מיר אַרעמער, האָט זיך אויפן אָנבליק פון מיין פאַראומרייניקטער כלי, וואָס האָט מיך געדאַרפט דערהאַלטן ביים לעבן, ווי דאָס בלוט געגאָסן. ביי דער אוממעגלעכקייט פון באַקומען אַזאַ שטייגער זאַך, איז עס געווען ווי ער וואָלט אַ שטיק לעבן פון מיר צוגענו־מען.

ביי דער גאַנצער נויט אין וועלכער איך האָב זיך דאַן געפונען, האָב איך נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו עסן פון דער דאָזיקער מענאַשקע. האָב איך זי אַוועקגעוואָרפן.

נאָר פּונקט דאַן האָט מען ביי דער אַרבעט צוגעבראַכט דעם מיטאָג. און װען דער קוכער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז ער װעט נישט װאַרטן אויף מיר ביז איך װעל עפּעס לייען, האָב איך אים בלית ברירה דערלאַנגט מיין ערד־לאָפּעטע (רידל) אויף װעלכן ער האָט זיין ביסל קיטיע אַרויפגעװאָרפן.

די לאָפּעטע איז געװען זאַמדיק און די קיטיע־פּערל האָט געקנאַקט אין די ציין, דערפאַר אָבער איז זי אויסער זאַמד געװען ריין. דער דאָזיקער מיטאָג האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון איך זאָל אים געדענקען.

ביי דער גאַנצער סאָװיעטישער „גלייכקייט" האָט די קיך געהאַט אַזש דריי סאָרטן מיטאָגן. אַן איינפּאַכן פאַר די שװאַרצע אַרבעטער (שלאָגלער האָבן באַקומען אַ בעסערע באַשפּייזונג), אַן אָפּיצערסקן, פאַר די לאַגער־אָנגעשטעלטע און דעם בעסטן פאַר די סאַמע נאַטשאַלניקעס. נאָר װי געזאָגט, האָט מען ביי דער אַרבעט דעם איינפּאַכן אויך זעלטן געגעבן.

דער ענקאַװעדיסט „יעװגעני"

די אַרבעט איז געװען װייט פון די באַראַקן. און נאָך איידער מען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, איז מען שוין געװען פאַרמאַטערט. איך האָב געמוזט מיטהאַלטן אין טריט, װייל דאָ האָבן קיין שום חכמות נישט געהאָלפן. דער װעכטער האָט געקאָנט אַ צי טאָן פאַרן ציינגל און דו ביסט פאַרטיק...

אַלע זענען דאָ געװען געפאַנגענע. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין אָן אַ דערלויבעניש פון לאַגער. כאָטש צו אַנטלויפן איז סיי ווי נישט געװען װוּ, װייל דער גאַנצער שטח איז דאָ געװען פּוסט און װיסט, און דעם װעג אין דער װיסטעניש האָט מען אויך נישט געװוּסט.

און דאָרט װוּ עס איז געװען אַ באַן־סטאַציע, איז זי געװען זייער װייט און באַװאַכט װי אַ פעסטונג און די װעגן צו איר זענען געװען פאַרצוימט. און דאָך אין דער דאָזיקער אַלגעמיינער געפאַנגענשאַפט, האָבן באַזונדערע געפאַנגענע געהאַט די „פרייהייט" צו היטן זייערע מיטלאַגערניקעס און װען נייטיק אויך צו שיסן.

די דאָזיקע פּריװילעגירטע שומרים זענען געװען די לאַגער־װאַך. איינער פון זיי איז געשטאַנען אויפן טורעם און האָט געהיט דעם גאַנצן לאַגער. און צװיי פון זיי זענען באַװאָפנטע מיטגעגאַנגען מיט די געפאַנגענע צו דער אַרבעט, װעלכע האָבן זיי שפּעטער צוריקגעפירט „אַהיים".

דער ענקאַװעדיסט פון מיין גרופּע, אַ יונגער רוס פון מיטעלן װוּקס

מיט אַ געשטיפּלט פּנים ווי אַ זײַער און פּאַטישן נאָמען יעווגעני, איז געווען אַ ביטערער יונג. ער איז געווען דער ממונה איבער דער וואַך און איז שטענדיק געווען מיט אונדז ביי דער אַרבעט.

איך ווייס נישט צי ער איז געווען אַ שונא ישראל, כאָטש אַזעלכע האָבן אַפילו דאָ אין לאַגער נישט געפעלט. אָבער אַ סאַדיסט איז ער לכל הדעות געווען. ער האָט מיר נישט פאַרגינען דאָס לעבן און האָט פאַר מיר אויסגעטראַכט אַלערליי מאָראַלישע פּייניקונגען. מיין אַרבעט איז לויט מיין געזונט און באַשטימונג געווען אַ גרינגערע. איך האָב ביים בויען די באַן-ליניע, וואָס דאָס איז געווען אונדזער הויפּט-אַרבעט, אויסגעגלייכט דעם זשוויר.

און געטאָן האָב איך די דאָזיקע אַרבעט ערנסט. ווייל אָפּשטעלן זיך האָט מען נישט געטאָרט. מען האָט נישט געטאָרט איבעררייסן דעם אַרבעטס-ריטם, ביז אַן אַלגעמיינע פּויזע. אַזוי 12 שעה אין טאָג און צוזאַמען מיטן גיין אַהין און צוריק, פון 14 ביז 16 שעה.

האָט מיך יעווגעני געהאַלטן אין איין פרעגן פאַרוואָס איך אַרבעט נישט. מיין אַרבעט האָט ער נישט גערעכנט. — ער האָט מיך געוואָלט זען מיט דער קירקע אין דער האַנט, האַקנדיק דעם שטיינערדיקן פאַרפרוירענעם באָדן, כדי פון אים אַרויסצוציען זאַמד פאַר דער ליניע.

נישט איין מאָל האָב איך, ווען יעווגעני האָט נישט געזען, געפּרוווט אויפהייבן די אייזערנע קירקע. אָבער נישט נאָר האָב איך די שטיינער נישט געקאָנט רירן פון אָרט, נאָר איך האָב דעם אייזן אין האַנט נישט געקאָנט איינהאַלטן.

מיינע נישט-אויסגעאַרבעטע הענט זענען געווען צו שוואַך און נישט געוווינט צו אַזאַ מין אַרבעט.

און איך האָב נישט איינמאָל מקנא געווען דעם געזונטן קאָזאַך, וואָס הייבט אַזוי ריטמיש אויף זיין קירקע (גראַבאייזן), דערגרייכנדיק זיין נאָרמע און דערפאַר אַ בעסערע באַשפּייזונג. איך בין אָבער ביי מיין בעסטן ווילן געווען הילפלאָז.

פונדעסטוועגן, כאָטש דער איינציקער ייִד, בין איך נישט געווען אַליין מיט מיין גרינגערער אַרבעט. עס זענען אויך געווען נישט-יידן הגם נישט קיין סך, וואָס האָבן געטאָן דאָס זעלבע וואָס איך. און צו זיי האָט ער קיין טענות נישט געהאַט. און עס זענען נאָך געווען אַזעלכע רוסן, וועלכע האָבן

בכלל נישט געוואָלט אַרבעטן. און ביי אַלע נגישות, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן, האָבן זיי טאַקע נישט געאַרבעט.

מען האָט זיי שפּעטער צעשאָסן און דעם באַפעל אונדז פאָרן גיין צו דער אַרבעט געלייענט „למען ישמעו ויראו״ (מען זאָל מורא האָבן). נאָר אַחוץ דעם ענקאַוועדיסט און די איבעריקע אַנטיסעמיטן, האָב איך ביי דער לאַגער־אָנפירונג נושא חן געווען. נאַטשאַלסטווע האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פאַרגרינגערן מיין מצב, וואָס עס איז טיילווייז געלונגען. נאָר יעווגעני האָט געפּרווט שטערן אירע פּלענער.

קאַפּיטל אַכצן

ביים ראַנד פון יאוש

ס'איז שוין אַריבער צוויי חדשים ווי איך געפין זיך אינעם דאָזיקן גיהנום. לויט מיין חשבון בלייבט מיר שוין נישט מער ווי פינף חדשים צו מיין באַפרייונג. נאָר ווער קאָן טראַכטן פון אַ באַפרייונג, פון אַ מאָרגן, ווען דער היינט איז דיר אַזוי ביטער. איך בין אַזוי דערשלאָגן, אַז איך פיל זיך אַליין נישט.

איך האָב ביז היינט אַהיים קיין וואָרט נישט געשריבן. זיי וועלן געוויס איבערטראַכטן, מיינען, אַז איך לעב שוין נישט. כאָטש איך בין טאַקע אַ לעבעדיקער מת. וואָס זאָל איך זיי אָבער שרייבן? שרייבן וועגן מיינע ליידן? מעג איך זיי אַזוי מצער זיין?

איך גיי אויס פון הונגער און מידקייט. אויך דאָס ביסל שלאָף באַקומט מיר נישט. די קעלט אויף די נאַרעס און די ברואימלעך, וואָס פרוכפּערן און מערן זיך פּרעסנדיק מיין לייב, לאָזן נישט איינשלאָפן. זינט איך בין אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק, טו איך זיך נישט אויס. איך שלאָף אין דער פופייקע, וואַטעווע הויזן און וואַטעווע היטל. די זאַכן פוילן אונטער מיר און זיי שיטן זיך ווי קאַשע. קיין שיך אויף די פיס האָב איך שוין לאַנג נישט.

אַנשטאָט שיך האָב איך עפּעס אַ מין חצי קאַלאָשן און חצי, — וואָס איך ווייס אַליין נישט וואָס דאָס איז. זיי רייבן מיינע פיס און איך בראָדזשע מיט זיי אין שניי ווי אין טיפע זומפּן. די פיס ווערן געשוואָלן פון הונגער און קעלט און פון רייבן זיך אין די פלאַכע כאָדאַקעס.

שוין טעג ווי מיינע פיס זענען פאַרזייט מיט פּענכערס און איך קאָן נישט גיין, בפרט מיטהאַלטן אין מאַרש. זאָל איך גיין צום דאָקטאָר? וועט ער מיך באַפרייען פון דער אַרבעט? אָבער היינט איז שוין גאָר געוואָרן אַ גאַנצע מכה און איך מוז גיין צום דאָקטאָר „ויהיה מה שיהיה" (זאָל זיין וואָס עס ווילט זיך).

און ס'איז געשען. ווישניאָוויעצקי האָט ביי מיר נישט פרעגנדיק, גלייך אויפן אָרט געמאַכט אַ קליינע אָפּעראַציע. ער האָט אויסגעשניטן די גע־פרוירענע ערטער און אויף צוויי טעג מיך באַפרייט פון דער אַרבעט.

איך בין גלייך אַריין אין באַראַק און איבערגענומען דעם סצעפּטער פון „דניעוואַלני" (דיזשורני).

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז געווען: וואַרפן זיך אויף דער נאַרע און שלאָפן. שלאָפן און שלאָפן. פאַרשלאָפן די צייט און זיך אינגאַנצן. איך האָב אין דער מינוט געוואָלט אויפהערן פילן און טראַכטן... די צוויי טעג זענען אַוועק און אַלץ איז געווען ווי פריער. איך בין צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט און אַ נייע פּיין איז צוגעקומען, דער פּיין פון מיין יידישער דערנידעריקונג...

ווען איך האָב געפּרוווט ביי דער אַרבעטס־פּויזע צוגיין צום פייער זיך אָנוואַרעמען, האָט מיך איוואַן, אַ קליינער יונגער רוס מיט פלאַקסענע האָר, באַוואָרפן מיט שטיינער. ער לאָזט מיך נישט צו צום פייער, שרייענדיק: „זשיד, גיי אַרבעטן". דאָס איז געווען דער ערשטער אָפּענער צוזאַמענשטויס אויפן באָדן פון מיין יידישקייט...

איך בין זיך צו קיינעם דערויף נישט געגאַנגען קלאָגן. ערשטנס, האָב איך נישט געהאַט צו וועמען, איך וועל דאָך נישט גיין זוכן יושר ביים געפּאַקטן יעוונעגי. אויב דער העכט שטינקט פון קאָפּ, — איז ווי אַזוי זאָל איך גלויבן אין אַזאַ אינטערוועניץ? האָב איך געשוויגן און געליטן. ווייל צום פייער האָב איך שוין נישט געקאָנט צוגיין. און כאָטש אייניקע האָבן זיך פאַר מיר אָנגענומען, האָט עס נישט געהאַט קיין ממשות.

דאָס געפיל פון נישט זען זיך מער מיט מיין משפחה, פון זיין אויף

אייביק צעשיידט, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, האָט זיך אָנגעהויבן אין מיר צו פאַרשטאַרקן.

אין די נעכט האָב איך וויסטע קאָשמאַרן און זעונגען. אויך בייטאָג ביי דער אַרבעט לאָזן זיי נישט אָפּ. און ביי דער גאַנצער פינצטערניש און אומענדלעכן אומעט, וואָס רינגלט מיך אַרום, גייט אין מיר אויף אַ בענקעניש צו מיינע נאָענטע, איבערהויפּט צו מיינע יינגעלעך.

איך באַשליס צו שרייבן אַהיים אַ בריוו און זאָל מיין געוויסן זיין ריין. בפרט, אַז דאָס קאָן אַמאָל זיין מיין לעצטער בריוו. וואָרעם איך גלויב נישט אַז איך וועל דאָ אויסהאַלטן. און אויב אַפילו איך וועל יאָ אויסהאַלטן, ווייס איך נישט, צי איך וועל קאָנען אַרויס פונעם ריזיקן תפיסה־לאַנד...

„אָבער וויאַזוי באַוויזט מען דאָס. פון פינצטער ביז פינצטער ביי דער אַרבעט. און בייגאַכט פאַל איך אַוועק ווי אַ געהרגעטער. איך מוז דאָס אָבער פאַרט טאָן. זאָל זיין דעם נאָענטסטן זונטיק און איך מוז זיך צוליב דעם נעמען אין די הענט".

דער באַשלוס האָט מיר גרינגער געמאַכט, ער האָט מיך געקרעפטיקט. און איך האָב ווי אַ לאָטעריע־באַזיצער דערוויל געלעבט מיט דער האָפענונג און דערוואַרטונג אויפן טאָג פון געווינס...

מיט אַ בעסער געמיט האָב איך זיך ווי צו אַ יום־טוב געגרייט אויפן קומענדיקן זונטיק. איך האָב פאַר מיין ברויט־פּאַרציע געקויפט פּאַפּיר און מאַרקעס און זיך געזעצט שרייבן מיין ערשטן בריוו.

מיין בריוו איז געווען איין שטיק איכה. איך האָב אין אים מיין גאַנצן פּיין און צער אַריינגעגאָסן. דאָס האַרץ און געמיט האָט זיך געוואָלט גרינ־גער מאַכן, אַראָפּוואַרפן פון זיך די דריקנדיקע משא, וואָס האָט אַזאַ לאַנגע צייט אויף זיי געדריקט.

„אַלע מיינע האָפענונגען און דערוואַרטונגען זענען פאַרשוווּנדן ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. מיינע אילוזיעס האָבן געפּלאַצט ווי זייפן־בלאָזן, און דאָס אומגלויבלעכע, דאָס פאַנטאַסטישע, איז געקומען", האָב איך געשריבן.

און אויסער מיין טרויעריקער לאַגע, וואָס איך האָב אין בריוו גע־שילדערט, האָב איך זיך אין בריוו געווענדט צו מיינע יינגעלעך. איבער־הויפּט צו מיין בכור חיימלען, ווענען איך האָב ווי אין אַ צוואה־בריוו אָנגע־זאָגט דעם וועג אויף וועלכן ער זאָל גיין.

איך האָב אים געהייסן זיך פלייסיק לערנען, זיך נעמען אין די הענט אַריין, און אַכטונג געבן אויף דער מאַמען און הויז. איך האָב אים ווי

פאַרויספּילנדיק, אַנגעזאָגט, ער זאָל דער מאַמען אָפּגעבן נישט נאָר איר כיבוד אם, נאָר אויך מיין נישט אויסגענוצטן כיבוד אב.

מיין פרוי האָב איך געבעטן, זי זאָל זיך איינפּאַקן און גלייך אַהערקומען מיט די קינדער. דערווייל זאָל זי שיקן אַ פּעקל און פופציק רובל, וואָס איז דאָ דערלויבט צו האָבן.

ווען איך האָב דעם דאָזיקן בריוו געענדיקט, בין איך אינגאַנצן געווען דערשעפּט. איך בין אָבער מאָראַליש ווי געוואָרן גערייניקט און האָב געפילט, ווי איך וואָלט אָפּגעטאָן אַ גרויסע זאַך. ס'איז געווען מיין ערשטער בריוו פון לאַגער, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט.

דער זונטיק איז אַוועק. און איך האָב, ציילנדיק די טעג פון בריוו־שרייבן, מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט דעם ענטפער.

די אַרבעט האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער וואַלד איז שוין לאַנג געווען אָפּגערייניקט פון דיביימער. אויך די גריבער זענען שוין געווען צעעפנט. און מען האָט זיך גענומען מיט אימפּעט אַרויסקריגן דאָס זאַמד פונעם סקאַלע־באָדן. מען האָט געדאַרפט אויספירן דעם פּלאַן.

די קאַרעלאָ־פינישע ערד אָבער, וואָס איז געווען געפרוירן און שטייניק, האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. זי האָט זיך נישט גערעכנט מיטן פּלאַן. האָבן מענטשלעכע לייבער אין די פרעסט געשוויצט ווי אין תמוז ביים אַרויסקריגן פון דער פאַרעקשנטער ערד דאָס ביסל גאָלד־זאַמד.

די שטיינהאַקער איז נישט געווען קאַלט, זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אויבערשטע מלבושים און ריטמיש געקלאַפּט מיט זייערע שווערע קירקעס אינעם שטיינערנעם באָדן. און די אַנדערע, די ביימער־שניידער, די גריבער־אונטערשפּאַרער און די אַלע איבעריקע האָבן בלית ברירה געמוזט נאָכגיין זייער אַרבעטס־ריטם.

אינעם דאָזיקן אַרבעטס־געיעג האָט זיך דערוועקט ביי זיי די קנאה און שנאה אויפן איינציקן ייד, וואָס איז גאָר אַ געבוירענער פּוילישער בירגער.

און יעווגעני האָט מער נישט געדאַרפט. ער האָט אונטערגעהעצט דעם בריגאַדיר סטאָלבונאָוו, ער זאָל גיין מיט מיר אין וואַלד ברענגען ביימער. דער וואַלד איז נישט געווען ווייט פון דער אַרבעט. עס זענען דאָרטן שוין געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַקט ביימער, זיי אַרומגעשניטן און געבראַכט צום אַרבעטס־פּלאַץ.

האָב איך זיך פון דער אַרבעט נישט אָפּגעזאָגט. איך האָב נאָר געבעטן

מיר נישט צו געבן קיין צו שווערן בוים. סטאָלבונאָוו אָבער, דער אוקראַי־נישער בריגאַדיר, האָט זיך צו מיר נישט צוגעהערט. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף מיינע אַקסלען אַ בוים, וועלכן איך האָב נישט געקאָנט טראָגן.

איך האָב זיך מיט אים געבראָכן אין דרייען און זיך פונעם אָרט נישט געקאָנט רירן. נאָר סטאָלבונאָוו, וועלנדיק מיך צווינגען צו טראָגן, אָדער צו נאָך עפּעס ערגערס, — האָט מיר אַ שטויס געטאָן. איך האָב זיך אַ וואַקל געטאָן און שיעור נישט אַרונטער אונטערן אייגענעם בוים.

איך האָב זיך אָבער אין דער לעצטער מינוט געכאַפּט און בין אָפּגע־געשפּרונגען אין אַ זייט. איך האָב פונדעסטוועגן אויף זיך גענומען אַן אַנדערן בוים, אַ גרינגערן, און אים געבראַכט צום אַרבעטס־פּלאַץ.

ביים בריגאַדיר האָט זיך נאָך אַלץ זיין אוקראַאינישע יוכע נישט גע־שטילט. ער האָט מיך נאָך אַמאָל געפּרוווט צווינגען צו נעמען אַ שווערן בוים. און ווען איך האָב אים נישט געפאָלגט, האָט ער מיר דערלאַנגט מיט אַ דראַנג איבער די נירן.

אַן אויפגעקאָכטער בין איך קעגן אים אַרויס מיט לשון. איך האָב אים געזאָגט, אַז פון אַזאַ כמיעלניצקי וווּנדער איך זיך נישט. איך בין אָבער אַ פּוילישער בירגער, הגם אַ ביאַליסטאָקער — און איך וועל זיך ווענדן אי צו שיקאָרסקין אי צו סטאַלינען. און איך בין אויף אייגענער האַנט אַוועק פונעם פּלאַץ.

איך האָב זיך איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט און האָב רעזיגנירט פון רעאַגירן קעגן אים. איך האָב נישט געגלויבט אין זייער משפּט. מיר האָבן ביידע שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. איך — נישט צו רעאַגירן, און סטאָלבונאָוו — מיר נישט צו שטערן איבערצוגיין אויף אַן אַנדערן פּונקט, וואָס איז געווען פאַרבאָטן.

איך האָב דעם ווייטיק גוט געפילט. ער איז אָבער אַריין אינעם אַלגע־מיינעם פּיין... מער האָב איך אַזאַ נסיון נישט אויסגעשטאַנען. איך בין צוריקגעגאַנגען צו מיין פריערדיקער אַרבעט, ביים אויסגלייכן די אָנגע־שאָטענע זאַמד־וואַלן.

מען רויבט און מען שניידט איבער דעם האַלדז

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, האָט אויך אין אַזאַ גהינום, ווו יעדער איינער איז נאָר געווען פאַרנומען מיטן ראַטעווען דעם אייגענעם נפש,

נישט געפעלט קיין געלט־גייציקייט. די דאָזיקע גיריקייט איז ביי אייניקע אַפּילו דערגאַנגען ביזן ריזיקירן מיט זיך אַליין.

און אויך אונטער אַזאַ רעזשים האָט די בלוטיקע הפקרות נישט אָפּגעלאָזט. און דאָס גנבענען און רויבן האָט אין רעזולטאַט געמוזט פירן צו מאָרד, צו בלוט־פאַרגיסונג.

און ס׳האָט זיך אַפּילו אונטער דער נאַז פון דער ענקאַווועדע אין געהיים אָרגאַניזירט אַ שייקע רויבער, וועלכע האָט געלויערט אויף יעדן עפּעס באַזיצנדיקן. און זיי האָבן זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט.

ביי די דאָזיקע רויבער, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגענע „תורה״ איז געווען דאָס ערגסטע דאָס „מסרן״. פאַרן ארויסגעבן זייערס אַ רויבערישן סוד, האָבן זיי גלייך אַוועקגעהרגעט.

האָט מען אין איינער אַ נאַכט געפונען אין מיין שכנותדיקן באַראַק אַ לאַגערניק מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז. און קיינער האָט נישט געזען און געהערט...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ „חקירה ודרישה״, וועלכע האָט צוליבן דאָ הערשנדיקן טעראָר נישט דערפירט צו קיין רעזולטאַט. און הגם אייניקע פון דער שייקע זענען צוליב אַן אַנדערער סיבה אַריינגעפאַלן, האָט דער פחד און די מורא נישט אויפגעהערט.

זיי זענען אַריינגעפאַלן, ווען זייער רויבערישער מוט איז שוין אַריבער יעדע גרענעץ. זיי זענען אָנגעפאַלן אויף איינעם פון די לאַגער־שרייבער, ער זאָל זיי געבן געלט. דאַן האָט שוין ביי דער אָנפירונג געפּלאַצט דאָס געדולד און מען האָט זיי אין קייטן געשמידט ערגעץ אַוועקגעפירט.

קיין העלדזער האָט מען מער נישט געשניטן, אָבער פאַר קלענערע בלוטיקע פאַרברעכנס האָט מען זיך נישט אָפּגעשטעלט. און די ענקאַווועדע וואָס איז אין אַנדערע פאַלן געווען אַזוי העלדיש, — האָט לגבי דעם דאָזיקן הפקר אַרויסגעוויזן איר שוואַכקייט.

מיין לאַגע האָט זיך נישט פאַרבעסערט, איך האָב געפינצטערט ביי דער אַרבעט און בוכשטעבלעך געהונגערט. אויסער דעם זונטיק־רו, וואָס מען האָט געגעבן איין מאָל אין צוויי וואָכן, האָב איך נישט געהאַט קיין פרייע מינוט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

מיין איינציקע האָפענונג איז געווען דאָס פּעקל און די פּופּציק רובל וואָס איך האָב דערוואַרט פון דער היים. האָב איך אָנגעשטרענגט אויף דעם

געוואָרט, און איך האָב מקנא געווען אַ טייל רוסן, וועמענס פרויען געפינען זיך מיט זיי און מאַכן זיי אַביסל גרינגער די לאַגע.

אמת, אין זיך האָב איך געוווּסט, אַז דאָס וואָס ביי זיי איז מעגלעך, איז ביי יידן אוממעגלעך. אַ באַלעבאַטישע יידישע פרוי וועט נישט איבער־לאָזן איר משפחה און סביבה, בפרט אַזאַ שטאָט ווי ביאַליסטאָק און פאָרן ערגעץ אין די הרי חושך, בפרט נאָך צו אַן אַרעסטירטן אין לאַגער. און נאָך ווען דאָס פאָרן און צוריקפאָרן דאַרף דויערן דריי חדשים. איך האָב אָבער אין די דעמאָלטיקע באַדינגונגען אין זין געהאַט נישט בלויז זיך, — נאָר מיין טונקעלן געפיל, וואָס איך האָב עס גאָר אינגאַנצן אַליין נישט באַנו־מען, וואָס האָט אָבער געגרייכט פיל ווייטער און עס האָט געוואָרנט צו ראַטעווען די משפחה.

אויפן דאָזיקן געדאַנק פון ברענגען אַהער מיין משפחה האָב איך שפע־טער, מיטן באַקומען דאָס ערשטע פעקל, חרטה געהאַט. עס האָט מיך אַליין געוווּנדערט, ווי אַזוי עס האָט מיר גאָר געקאָנט איינפאַלן אַזאַ ווילדער געדאַנק. איך האָב זיך דערמאָנט אין: „על אלה אנו מצטערים“... איך אַליין ליג נאָך אין פעקל, ווייל איך נאָך אַהער פאַרשלעפּן מיין גאַנצע משפחה. אַליין נאָך נישט זיכער, ווי אַזוי איך וועל פונדאַנעט אַרויס נאָכן ענדיקן די שטראָף, וועל איך נאָך ריזיקירן מיט פינף מענטשן. אויף אַזאַ אַבסורד קאָן מען נאָר פאַלן, ווען מען געפינט זיך אין אַן אויסערסט שווערער לאַגע און מען פאַלט אַריין פון איין עקסטרעם אין צווייטן — האָב איך אַליין פאַר זיך געטראַכט.

דאָס דאָזיקע איבעררקאַטשען זיך פון מיין מחשבה, — האָט, פאַרשטייט זיך, שוין אויך אויף מיין ביטער פאַרגעפיל געווירקט און איך האָב געטראַכט: מאָלע וואָס עס פאַלט איין אַ פאַרביטערטן מענטש? ליידער האָט זיך אין אַ צייט אַרום אַרויסגעוויזן, אַז מיין ערשט פאָרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט.

דערווייל האָב איך געלעבט מיט דער דערוואַרטונג פון ענטפער אויף מיין ערשטן בריוו, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט. איך האָב געוווּסט, אַז ווי נאָר זיי וועלן האָבן מיין אַדרעס, וועט שוין מיין געטרייע פרוי נישט רוען. זי וועט נישט נאָר מיך אויפלעבן און דערהאַלטן מיט איר בריוו, נאָר זי וועט מיך שוין אויך באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן, ווי שווער דאָס זאָל איר נישט אָנקומען.

איך בין אויסגעגאַנגען נאָך אַ ידיעה פון דערהיים. שוין זעקס חדשים אַז איך האָב פון זיי קיין וואָרט נישט געהערט. און ווי ווייט דער מרחק זאָל צווישן אונדז נישט האָבן געווען, וועט די פּאַפּירענע בריק אונדז דער־נענטערן, האָב איך געהאָפט.

איך באַקום דעם ערשטן בריוו און גלייך נאָכדעם אַ פּעקל

צו מיין פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ, ווען מען האָט מיר אָנ־געזאָגט וועגן בריוו. מיינע הענט האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, נעמענדיק אים אין דער האַנט אַריין. ענדלעך בין איך אויך אַ מענטש.

איך האָב ביז דאַן אַליין געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ מינדערווערטיקן פּאַרשוין. נאָך ווייניקער ווערט ווי די ווילדע אימהניקעס (שטאַרקע). ווען מען האָט וועמען גערופן אָפּנעמען אַ בריוו, האָב איך זיך געפילט פאַר־שעמט. איך האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ נישט צו קוקן אין דער זייט פון דעם, וואָס האָט דעם בריוו באַקומען, ווי ער וואָלט מיר עפּעס געווען שולדיק. כאָטש איך בין אין מיין דאָזיקער לאַגע אַליין געווען שולדיק, ווייל מיין פרוי האָט נישט געוווסט פון מיר און האָט נישט געהאַט מיין אַדרעס. און אַליין ווידער בין איך געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז איך האָב אין דער ערשטער צייט קיין קאָפּ נישט געהאַט צום שרייבן.

אַצינד אָבער, האָט זיך ביי מיר אַליין מיין מוט און חשיבות געהויבן. אויסגעגלייכט זיך מיט די איבעריקע באַראַקניקעס.

מיין פרוי האָט מיר געשריבן, אַז אַלץ איז אין דער היים אין בעסטן אָרדענונג. איך זאָל זיך נישט זאָרגן זי האָט מיר אַרויסגעשיקט אַ פּעקל און געלט, און אַז איך וועל דאַרפן נאָך, זאָל איך שרייבן.

און אונטערגעשריבן איז אויך געווען מיין זונעלע חיימל, וועלכער שרייבט: „מיר האָבן אָנגעזאַמלט (די דריי יינגעלעך) פאַר דיר אונדזערע ווייסע בולקעלעך, וואָס מיר האָבן באַקומען אין שולע, זשאַלעווע זיי נישט, מיר וועלן דיר שיקן אַנדערע".

דער דאָזיקער אייגנהענטיקער צושריפט פון מיין זונעלע, האָט מיך געפרייט און גערירט. הייסט עס, ער האָט מיין בריוו געלייענט און אים באַנומען. און איך האָב אין די דאָזיקע טעג נישט געפילט קיין נויט און קיין ביטערקייט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, ווי איך וואָלט געווען פריי און אין דער היים.

פרישע צרות צוליבן פעקל

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי איך האָב אויך דאָס פעקל באַקומען. אַ שפּאָר פּעקל. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין וויאַזוי זי האָט עס אין יענע באַדינגונגען צונויפגעשטעלט.

עס איז אין דעם געווען פון כל טוב: פּושקעס שאָקאָלאַד, צוקערקעס און קיכעלעך אַריינגעלייגט אין באַזונדערע זעקעלעך עס צו טראָגן אויפן האַלדז, ווי מען טראָגט פּערל. און האָניק, ווייסע זעמעלעך אאַ״וו.

אַ נייע דאגה איז אָבער פאַר מיר אויפגעקומען: ווו טוט מען דאָס אַלץ אַהין? אַלע מיינע קאָמבינאַציעס אויף צו באַוואָרענען דאָס פּעקל, זענען נישט געווען קיין זיכערע.

האָב איך באַשלאָסן מיין אוצר צו באַהאַלטן ביים סאַמע נאַטשאַלניק פון לאַגער. און כדי אויך צו באַוואָרענען, אַז זיין דיגער אַנדריי זאָל עס נישט צורעכט מאַכן, האָב איך אים צוגענומען פאַר אַ שותף, פאַר אַ פולן שותף צו מיין פּעקל. „פיפטי, פיפטי״.

איין תנאי נאָר האָב איך אים געשטעלט, ער זאָל נישט ווערן קיין גרעסערער שותף פאַר מיר. ס׳איז אָבער געווען אָפּגערעדט ווי מיט אַ זשעדנע קאַץ. כאָטש צו עסן ביים נאַטשאַלניק האָט אים נישט געפעלט, האָט אים פונדעסטוועגן געלאָקט מיינע קיכעלעך און ווייסע זעמעלעך.

ער האָט מיר אָבער פאָרט עפּעס איבערגעלאָזט, איז נישט קיין גאַנצע העלפט, איז וויניקער דערפון. און אָט מיטן רעשטל האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן פרישע צרות.

איך האָב פון אַנדרייען אָפּגענומען יעדעס מאָל אַביסל. אַביסל, אַבי צו דערהאַלטן דאָס נפש. איך האָב זיך אַליין נישט פאַרגינען, וויסנדיק ווי שווער ביי די סאָוויעטן עס קומט אָן צו שיקן אַזאַ פּעקל.

האָב איך פון דעם ביסל נאָך צעטיילט מיינע נאָענטסטע שכנים. און דאָס איבעריקע האָב איך געטראָגן אויפן האַלדז ווי אַ קמיעה.

און אָט די פאָר קיכעלעך, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן האַלדז ווי אַ זעלנער אויפן פראָנט טראָגט זיין אידענטיפיקאַציע־בלעכל, — האָט עס אַרויסגערופן די קנאה פון די לאַגער־רויבער, וועלכע האָבן פון מיר צוגע־נומען דאָס לעצטע ביסל שלאָף.

מען האָט אָנגעהויבן צו מיר צו קריכן אין די נעכט ווען איך בין געווען פאַרזונקען אין שלאָף און מיר געפּרוווט אַראָפּרייסן דאָס זעקעלע מיט די

פֿאַר קיכעלעך. כאָטש זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז קיין געלט איז ביי מיר נישטאָ.

און בלויז צוליב אַ קיכעלע זענען זיי גרייט געווען מיך אָוועקצוהרגע־נען ווען איך וואָלט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דאָס קריכן צו מיר האָט נאָך געדויערט אַ צייט. נאָר ווען איך האָב איין מאָל אַזאַ באַנדיט אָנגע־כאַפּט ביי דער האַנט און אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן, האָט ער מיר דער־לאַנגט אין נאָז מיט עפּעס אַ שאַרפֿע זאַך, פֿון וואָס איך האָב זיך באַגאָסן מיט בלוט.

איך האָב זיך פֿונדעסטוועגן נישט דערשראָקן און בין אַ פֿאַרבלוטיקטער גלייך אַוועק צו דער וואַך, וועלכע האָט מיך געהייסן אַליין געפֿינען דעם באַנדיט, וואָס איז מיר געווען אוממעגלעך שוין דערפֿאַר, ווייל איך האָב אים אָנגעכאַפּט נאָך אַ פֿאַרשלאָפֿענעם און איך וואָלט אים נישט דערקענט.

אַזוי האָט מיר דאָס פּעקל נישט באַקומען. אַנדריי ווידער, דעם נאַ־טשאַלניקס באַדינער, האָט זיך אַלץ מער צוגעכאַפּט צו מיינע פּראָדוקטן. האָב איך פֿון אים אַרויסגענומען די בלעכן שאָקאָלאַד און עס אַריינגעגעבן צו דער אָפֿיציעלער לאַגער־וואַך.

און ווען איך בין שפּעטער עס געגאַנגען אָפּנעמען, האָבן זיי, אויסנוצנדיק מיין אַוועקגיין אין אַן אַנדער אָרט, עס מיר נישט צוריקגעגעבן, לייקנדיק שטיין און ביין. אַזוי אַרום האָט די וואַך אַליין מיך באַרויבט פֿון מיינע פּראָדוקטן.

עס ווערט מיר אָביסל גרינגער

איך האָב נאָך באַקומען אַ צווייט פּעקל. ווייזט אויס, גלייך אַרויסגע־שיקט נאָכן ערשטן. איך האָב אָבער אינעם צווייטן בריוו געבעטן מיר מער קיין פּעקלעך נישט צו שיקן, זעענדיק די צרות וואָס איך האָב דערפֿון.

מער קיין בריוו האָב איך פֿון דער היים נישט באַקומען אויסער אַ אַ קאַרטל. דאָס דאָזיקע קאַרטל, וואָס איז געווען דער לעצטער גרוס פֿון מיין היים, איז געווען די לעצטע פֿאַרבינדונג מיט מיין משפּחה, וואָס האָט זיך אויף אייביק איבערגעריסן.

טראָץ די צרות אָבער וואָס איך האָב געהאַט פֿונעם פּעקל, האָט עס מיר פֿאָרט גרינגער געמאַכט. עס האָט מיך געמונטערט צום לעבן, און דער קלעם פֿון מיין געפֿאַנגענשאַפֿט האָב אָנגעהויבן אַביסל נאָכלאָזן.

דעם דאָזיקן כישוף האָט באַוויזן דער קאָנטאַקט מיט מיין היים, וואָס איך האָב אויף אַ צייט באַקומען. און די דאָזיקע פאַרבינדונג איז געווען ווי אַ באַלזאַם אויף מיין צעוווּנדיקטער נשמה.

קאַפּיטל ניינצן

מען זוכט פאַר מיר מלאכות און איך ווער דערווייל אַ בעדער

הגם יעוועגני דער ענקאַוועדע־אויפזעער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן, האָט פונדעסטוועגן דער נאַטשאַלניק פון אונדזער לאַגער־אָפּטייל געזוכט מיר גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן.

איך האָב אים ביז דאַן נישט געקענט. ער האָט מיך, ווייזט אויס, יאָ געקענט. ער איז געווען אַ הויכער שלאַנקער רוס מיט ברוינע אויגן און האָט געהייסן יעזשאַראָוו.

פאַרן דאָזיקן נאָמען זיינעם האָב איך זיך לכתחילה אַביסל געשראָקן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז קיין שלעכטע כוונות לגבי מיר האָט ער נישט געהאַט. ער האָט, ווי אַלע מיינע שפּעטערדיקע נאַטשאַלניקעס, אויך די מיליטערישע, זיך באַמיט מיר צו העלפן. און ער האָט טאַקע אומ־געריכט פאַר מיר אַליין, מיר פיל גרינגער געמאַכט די לאַגע.

איין מאָל איז ער צו מיר צוגעקומען און האָט פון דער העלער הויט אַ זאָג געטאָן: — יאַקאָוו אַראָנאָוויטש (יעקב בן אהרן), בודיעש פּאַרטנאָיעם (ווּעסט זיין אַ שניידער). האָב איך געטראַכט, וואָס הייסט איך וועל זיין אַ שניידער, און קענען דאַרף מען נישט?

ענטפער איך אים: — בירגער נאַטשאַלניק! איך בין קיינמאָל קיין שניידער נישט געווען. לאָזט ער נישט אָפּ און טוט זיך אַ זאָג: — ניטשעוואָ (גאָרנישט), טאָ בודיעש לאַטאַט (וועסטו לייגן לאַטעס). און ווער קען עס נישט לייגן קיין לאַטע? און אַז איך האָב נישט באַשטאַנען, האָט דער גוטער יעזשאַראָוו נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט מיך באַשטימט צו היטן ביי די דינאַמיט־אויפרייסן. און אַז דאָס האָט זיך געענדיקט, האָט ער מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ טעלעפאָניסט. נאָר יעוועגני האָט בשום אופן נישט געלאָזט.

ענדלעך האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ בעדער. און איך בין ווי אַ

גבעוני געוואָרן אַ וואַסער־שעפּער און האָלץ־העקער פאַר דער באָד. ס׳איז געווען אַ ביסל שווערלעך, נאָר פאַרט צו דערליידן. ערגער איז אָבער געווען מיטן טראָגן די זאַכן צו דער פאַראָווניע אין דער צייט פון רייניקן זיי.

די באָד איז געווען ווייט פון די באַראַקן. זי איז געווען אין אַ הילצערנער כאַטע, אַביסל אַ פעסטערע ווי די לאַגער־באַראַקן, נאָר די איינריכטונגען אין איר זענען געווען געגוג פרימיטיוו און נישט צו היגיעניש.

מען האָט זיך געוואַשן אין צעפוילטע שעפּעלעך, וואָס זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. און ווי צו וויקן דעם קערפּער און אויך קיין שפּריץ איז נישט געווען.

דערפאַר האָט אַ שערער אָפּגעשוירן די האָר. און דאָס וויכטיקסטע אין די לאַגער־באַדינגונגען איז געווען, וואָס מען האָט אויסגעפּאַרעט און אויסגעברענט די לאָכעס וואָס די לאַגערניקעס האָבן אויף זיך געטראָגן.

ביים פּאַרען די זאַכן איז געווען די שווערסטע אַרבעט, ווייל מען האָט געדאַרפט אויף דער גיך אַריינוואַרפן די מלבושים אין דער „פּאַרוווקע" און צו דער מינוט זיי צוריקגעבן. מחמת אינדרויסן האָט שוין אַ פרישע פּאַרטיע געוואַרט אַריינצוגיין. און דאָס אייליקע טראָגן און צוריקברענגען די מלבושים פון הונדערטער מענטשן איז פאַר מיר געווען צו שווער. בין איך פון איילעניש געפאַלן ביי דער אַרבעט און זיך אויפגעהויבן. ביז איך בין געוואָרן אויס בעדער און בין ווידער אויף אַ צייט נתגלה געוואָרן אַלס „לאַוואָטשניק" (קרעמער).

אָנקומענדיק אין באָד, האָט מיך אין זאַוויעדושטשעס (אָנפירער) אָפּ־וועזנהייט אויפגענומען דימיטרי פּעטראָוויטש, אַן עלטערער מינסקער ווייסרוס, וואָס האָט געאַרבעט פאַר צען.

ער איז ווי אַ וועשין ביי דער באַליע, געשטאַנען און געוואַשן די וועש פון די נאַטשאַלניקעס און ביורא־אָנגעשטעלטע. ער איז געווען לויט זיינע יאָרן זייער אַרבעטזאַם און מונטער, זיך צוגעוווינט צו דער לאַגע, און אַזוי איז ער גאַנצע טעג געשטאַנען און געוואַשן נישט ווערנדיק מיד.

ער איז געווען אַ גוטער און פריילעכער, דימיטרי פּעטראָוויטש. ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו דער טיר פון באָד, איז ער ווי מען גייט אַנט־קעגן אַ שרה מיט ברויט און זאַלץ, מיר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ריזיקע שיסל געקאָכטע אַרבעס.

איך האָב אַזאַ שיסל שוין לאַנג נישט אָנגעקוקט. דימיטרי האָט מיך גלייך געפרעגט. געפרעגט און ווי באַפוילן. „ביסט הונגעריק? עס!". אַזאַ

שיסל „בזיד עדשים“ אויפצועסן וואָלט איך זיך ביי אַנדערע באַדינגונגען גאָרנישט אונטערגענומען. עס וואָלט געווען איבער מיינע כוחות. נאָר אַציגד, אַזוי אויסגעהונגערט, האָב איך זיי געשלונגען מיט אַ וואָלפּישן אַפּעטיט.

דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט צי איך קען זינגען. ער איז געווען אַ שטיקל מנגן, דימיטרי, און האָט ליב געהאַט זינגען. און ער האָט ביי דער אַרבעט געהאַלטן אין איין זינגען זיינע פאַרבענקטע ווייסרוסישע מעלאָדיעס.

אין אָוונט איז געקומען ער אַליין, דער פאַרוואַלטער, מיכאַיל, אַ מענטש פון אַ האַרטן פינצטערן אויסזען. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף מיין אַרבעט.

איך האָב אויך פון אים קיין עוולות נישט געהאַט. ער איז מיר גאָרנישט געווען שולדיק. און אינעם ביטערן אַרבעט־געיעג, איז אויך ער, ווי אַ שפּין אין דער נעץ געווען פאַרוועבט. דאָס זענען געווען די אַרבעט־באַדינגונגען פון אַ סאָוויעטישן לאַגער. דאָס סאָוויעטישע היימלאַנד האָט פון יעדן אַרויסגעיאָגט זיין לעצטע פּאַרע. בפרט פון געפאַנגענע שקלאַפן.

נאָר אינעם אויסזען און האַלטונג פון דימיטרי און זיין שעף מיכאַיל, איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד.

דימיטרי, עלטער פון אים, איז געווען אַ צוגעלאָזענער און פריינט־לעכער מענטש. ער איז געווען אַ זינגעוודיקער און רעדעוודיקער מיט אַן אָפענעם בליק. און מיכאַיל, יונגער, האָט אויסער זיינע פאַראָרדענונגען קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט און קיין פריינטלעכע מינע נישט אַרויסגעוויזן.

זיין שטייפע האַלטונג און אינערלעכע פאַרמאַכטקייט, — האָט ווי עדות געזאָגט אויף אַ שווערן סוד, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן. און צוזאמען מיט זיין האַרטן בליק האָט ער ווי אָנגעווייעט אויף מיר אַ שרעק.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין זעגן קלעצער און זיי צעהאַקן, ווי אויך אין אָנטראָגן וואַסער פונעם נאָענטסטן קוואַלעכל פאַר די קעסלען. דאָס אַלץ האָב איך געטאָן אַליין. נאָר פון צייט צו צייט, סאַמע ערב דעם באַדן פון די לאַגערניקעס, האָט מיר דימיטרי צוגעהאָלפן זעגן.

גאָרנישט קיין גרינגע אַרבעט. און דאָך וואָלט איך פון איר געווען צופרידן, ווען נישט דער פון זיך אַליין געצווונגענער סטאַכאַנאָווישער געיעג ביים אַריינטראָגן און אַרויסטראָגן די זאַכן פון דער פאַרוועקע אין דער צייט פון באָדן זיך.

דאָס געיעג איז דאַן געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אָפּטמאָל נישט געקאָנט נאָכקומען דימיטריס אַרבעטס־ריטם. די איבעריקע אַרבעט האָב

איך מער ווייניקער גאָכגעקומען. כאָטש איך האָב אַליין געמוזט זעגן מיט אַ צוויי־הענטלדיקער זעג.

פונדעסטוועגן וואָלט מיר דאָס אַלץ נאָך געווען ניחא. אַ קלייניקייט, איך בין ווי אַ פריץ איינער אַליין געשלאָפן אויף אַ גאַנצער באָד־באַנק און בין אַליין געגאַנגען אין קיך, באַקומענדיק אַ פולע „אָפיצערסקע" פּאָרציע.

דער קוכער האָט מיר אין מיין אייגענעם זכות און אין זכות פונעם גוטן וועשער דימיטרי און אפילו פונעם הויפּט־בעדער מיכאַיל, געגעבן אַ פול קעסעלע. און טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, האָט מיר דימיטרי פון זיין אייגענעם שיסעלע דערלייגט.

און ווי שווער איך האָב נישט געאַרבעט, בין איך דאָ פּאָרט געווען אַ שטיקל בעל הבית איבער זיך אַליין. איך האָב זיך געלייגט ווען איך האָב געוואָלט און אויפגעשטאַנען נישט פריער ווי ניין אַזייגער אינדערפרי. און אין די פרייע אָוונטן, ווען ס'איז נישט געווען קיין באָד האָט מיך דער וויס־רוסישער דימיטרי אונטערגעהאַלטן מיט זיינע פאָלקלאָריסטישע מעשיות.

דאָס דאָזיקע „גליק" האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט דויערן. עס האָט געמוזט מאַכן אַן אָרט פאַר נאָך אַ גרעסער „גליק", וואָס האָט אויך לענגער נישט געהאַלטן ווי פון אסתר תענית ביז פורים. און דאָס אַלץ, ווי די איבעריקע געשעענישן, זענען פאָרגעקומען בלויז אין איין יאָר. אין איין סאָוויעטישן „דיעטסקן סראָק" (קינדערישן, אייניאָריקן וויראָק)...

איך ווער אַ לאַוואָטשניק

מיטאַמאָל האָבן זיך די שטימונגען אין לאַגער אַרום מיר געביטן. וועגן נאַטשאַלניק האָב איך געוווסט, אַז ער זוכט אויסצובעסערן מיין לאַגע. נאָר מיט די איבעריקע קאַנצעלאַריע־מיטאַרבעטער האָב איך נישט געהאַט צו טאָן און זיי נישט געקענט. און וועגן זייער באַציונג צו מיר האָב איך קיין באַגריף נישט געהאַט.

נאָר מיט איינמאָל האָט מען זיך אין מיר, ווי אין פרעהס שר־המשקים, דערמאָנט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז אויסער אַ „כוליגאַן", בין איך דאָך אייגנטלעך אויך געווען אין סאָוויעטישן ביאַליסטאָק אַ טאַלאַנטירטער „זאַוויעדושטשע" (מאַגאַזין־פאַרוואַלטער).

און מען האָט מיך ווי אַ יונגן „דאַליי־לאַמאַ" גענומען צוגרייטן צו מיין צוקונפטיקער ראָל. מען האָט מיך פּלוצלינג אָנגעהויבן לויבן אין הימל

אַריין, וואָס איך האָב ביז דאַן נישט געהערט. און איך האָב אויך נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי זענען מיט דעם אויסן.

„דו ביסט אַ פעיקער קאָמערסאַנט”. די יידן זענען זייער פעיקע „קאָמערסאַנטן”, האָב איך מיטאָמאָל געהערט פונעם בוכהאַלטער און שפּע־טער אויך פון אַן אַנדערן טשינאָווניק. און איך האָב אין מיין גייסטיקער געדריקטקייט אויף זיי געגלאָצט מיט די אויגן ווי אויף אַ בייז ווונדער.

אינדערצמתן האָב איך שוין אַליין געהאַט פאַרגעסן וועגן מיין פאַר־וואַלטן מיטן ביאַליסטאָקער ברויט־מאַגאַזין. אויב דאָס האָט מיך געקאָנט פירן צו מיין צווייטן פּראָצעס, פון וועלכן איך בין קוים אַרויס אַ גאַנצער, — צו וואָס זאָל איך עס געדענקען? האָב איך אים ביים אָנקומען אין לאַגער, ווען מען האָט מיך געפרעגט אויף מיין ספּעציאַליטעט, איר נישט אָנגעגעבן.

איך האָב נישט געוואָלט נעמען אויף זיך קיין פרישע אַחריות. איך בין גרייט געווען מער צו ליידן, איידער צו גיין אויף גלאָז און באַווייזן די קונץ פון נישט אויסגליטשן זיך...

און איך האָב אַליין מיט גאָרנישט מיטגעווירקט צו אָט די אַלע פּאָר מיר געמאַכטע קאָמפּלימענטן. אָבער דאָס איז געקומען פון זייערע אייגענע אויסרעכענונגען, ווי מיין פּערזאָן האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָל. איך בין נאָר געווען ווי אַ שרייפּל אין זייערע הענט, וועלכע האָבן מיט מיר געדרייט ווי זיי האָבן געוואָלט.

האָט מען מיך אַרויסגענומען פון באָד, אויס בעדער, אויס האָלץ־העקער און וואַסער־שעפּער און מען האָט מיך באַשטימט פאַרן „לאַוואַטש־ניק” (קרעמער).

איך האָב באַקומען אַ צימער אין דער דירה פון „קאַפּטיאָר” (ברויט־פאַרטיילער) מיט וועמען איך האָב פון דעם מאָמענט אָן געוווינט צוזאַמען און האָב גלייך געדאַרפט איבערנעמען די „קאָמאַנדע”.

לכתחילה איז מיר דאָ נאָך געווען בעסער ווי אין באָד. איך בין איבער זיך געווען מער בעל־הבית ווי דאָרט. כאָטש אין מיין צימער איז נישט געווען אַזוי וואַרעם ווי אין באָד, פון וואָס איך האָב טאַקע צוליב דעם שפּע־טער געהאַט צרות.

איך האָב אָבער באַקומען אַ „פּראָפּוסק” (דערלויבעניש) אַרויסצוגיין פון לאַגער. און איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך אַרומגעקוקט ווו איך געפין זיך. ווייל גייענדיק פון פינצטער ביז פינצטער צו דער אַרבעט, האָט

מען זיך אפילו נישט געקאָנט אומקוקן און מען איז געווען ווי בלינד צו אַלץ אַרום זיך.

איך האָב אויך באַקומען אַ פורמאַן מיט אַ פרימיטיוו פורל, צו פאָרן מיט מיר אין דער הויפט־„אופראַוולעניע״ (הויפט־אַנפירונג) נאָך פראָ־ז׳וקטן. און ווען דער וועכטער האָט דאָס ערשטע מאָל פאַר מיר געעפנט דעם לאַגער־טויער, האָב איך זיך געפילט ווי אַן אַפיציר, פאַר וועמען דער סאָלדאַט פּרעזענטירט זיין געווער.

און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב זיך אין דעם ערשטן מאָמענט געפילט דערפון געשמייכלט. געוואַקסן בײַ זיך אַליין אין די אויגן. וואָרעם ווען איך האָב צוגעגליכן מיין איצטיקע לאַגע צו דער פריערדיקער, האָט עס אויסגעזען, ווי „מאשפות ירים אביון״.

ווי איך וואָלט זיך בוכשטעבלעך אויפגעהויבן פון מיסט. איך האָב דאָן נאָר געוואָלט וויסן, וואָס דער צעפּאָקטער יעזוגעני טראַכט וועגן דעם. ס׳איז מיר שווער געווען צו גלויבן, אַז דער דאָזיקער רשע מרושע זאָל שוין האָבן שלום געמאַכט מיט דער לאַגע און וועלן מיך ארויסלאָזן פון זיינע הענט.

דערווייל האָב איך געדאַרפט אַרבעטן און באַווייזן מיינע באַלעבאַטים אַז די האָפענונגען וואָס זיי האָבן געלייגט אויף מיר, זאָלן נישט ווערן אָפּגעלייקנט.

אויסער דעם, בין איך אַליין אויך געווען פאַראינטערעסירט צו פאַר־בעסערן די באַשפייזונג פון מיינע מיטקנעכט. בין איך דאָך אַליין נאָר־וואָס געווען אין זייער הויט. — האָב איך אַנגעשפּאַנט אַלע מיינע פאַרבליבענע כוחות און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט פון די שטרויכלונגען, וואָס זענען באַלד אין אָנהייב געווען אָנגעגרייט קעגן מיר. געטראַכט האָב איך נאָר פון איין יעזוגענין.

איך בין אַוועקגעפאָרן אין דער „אופראַוולעניע״ נאָך שפּייז. און ווען איך בין אַריינגעקומען אין מאַגאַזין, בין איך נשתומם געוואָרן. אין דער צייט וואָס אונדזערע לאַגערניקעס האָבן, טראָץ זייער אוממענטשלעכער אַרבעט, אָפּגעקומען מיט פיר הונדערט גראַם ברויט און אַמאָל אַ פלייש־לאָזן וואַסערדיקן מיטאָג (אויסער די סטאַכאַנאָוועצעס און שלאָגלער, וואָס זענען געווען ווייניק אין צאָל) אַ טאָג, איז נאָך דאָ אין אופראַוולעניע־מאַגאַזין געווען פון כל טוב.

ס'איז געווען אין דער צייט פון ענדיקן די סאָוויעטיש־פינישע מלחמה און האַרט פאַרן דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד. און אין מאַגאַזין זענען געווען פעסער הערינג, זעק מעל, אַלערליי פּאַפּיראָסן און אויך שאָקאָלאַד.

אין די לאַגערן האָבן מענטשן געהונגערט. אַפילו די סטאַכאַנאָווצעס און שלאָגלער, וואָס האָבן פאַר זייערע לעצטע אַרויסגעיאָגטע כוחות באַקומען אַ פּאָר רובל אַ חודש, ווי אויך די, וואָס האָבן פון זייער היים באַקומען צו פופציק רובל אַ חודש, האָבן פאַר דעם געלט נישט געהאַט וואָס צו קויפן.

האָב איך פאַרן געלט, וואָס מיין לאַגער האָט באַשטימט פאַרן איינקויף, געוואָלט אויסגעבן ביזן לעצטן גראָשן. און איך האָב זיך פאַר יעדן שטיקל פּראָדוקט, פאַר יעדן פוד מעל, הערינג און פּעקל פּאַפּיראָסן, מיט די אופּראַוולעניע־נאַטשאַלניקעס אָפּגעגעסן דאָס האַרץ.

איך האָב זיי געזאָגט דעם ביטערן אמת. „צו וואָס האַלט איר דאָס אַלץ?", האָבן איך זיי געפרעגט, „אין דער צייט, ווען מיינע מענטשן, וואָס אַרבעטן שווער און ביטער פון פינצטער ביז פינצטער, הונגערן, פּאַשעט איר זיך ווי די געגנדז און זשאַלעוועט אַ זעקל מעל".

ס'איז אָבער געווען ווי גערעדט צום לאָמפּ. זיי האָבן מער ווי זיי האָבן באַשטימט מיר צו געבן, נישט געגעבן. און איך האָב זיך צום וויפלטן מאָל איבערצייגט אין זייער זאָרג פאַרן פּשוטן אַרבעטער און אין זייער מענטשלעכער גלייכקייט.

איך האָב געבראַכט מיין ביסל אויסגעקעמפטע פּראָוויאַנט און זיך אין לאַגער תיכף געשטעלט צום פאַרקויפן. איך האָב קודם כל לויט אַן אָפּמאַך אַ טייל מעל אַרויסגעגעבן אין קיך, אויסצובאַקן דערפון בולקעלעך. די בולקעלעך זענען געווען ווייסע, נאָר געבאַקן אויף אַ נישט בעקערישן אופן.

איך האָב געעפנט אַ פענצטער אין קראָם און אָנגעהויבן די לאַגער־ניקעס פאַרקויפן די בולקעלעך צו פינף קאָפּיקעס אַ שטיק. און אַזוי אויך די הערינג און פּאַפּיראָסן צו פאַרשידענע באַשטימטע פּרייזן.

אָבער נישט אַלע האָבן געהאַט מיט וואָס צו קויפן. געהאַט האָבן נאָר די נאַטשאַלניקעס, אַ טייל, וואָס פלעגן באַקומען פונדערהיים די פופציק רובל אַ חודש, אָדער ווען עס איז אויף אַן אַנדער אופן געלונגען איינ־צוהאַלטן אַ פּאָר רובל.

דער גרעסטער טייל אָבער, די פּשוטע לאַגערניקעס און פיזישע אַרבע־

טער, ווי אויך די שוואַכסטע פון די שוואַכע, — האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן.

און דאָך האָט עס פיל פאַרגרינגערט די לאַגע. דער זייטיקער מענטש, וואָס איז אין קיין קאָנצענטראַציע־לאַגער נישט געווען, וועט בשום אופן נישט קאָנען פאַרשטיין און באַנעמען דאָס געפיל פון הונגער, וואָס האָט אין יענע באַדינגונגען געפילט דער הונגעריקער לאַגערניק.

דער גאַנצער חוש פון לאַגערניק איז געווען קאָנצענטרירט און צוגע־שפּיצט צו צוויי חיהשע געפילן: צום געפיל פון הונגער און רוען. אָנעסן זיך צו דער זעט און גוט אויסרוען זיך.

מער האָט דער לאַגערניק אין זיין דערשלאָגנקייט נישט באַדאַרפט. די דאָזיקע פּשוטע געפילן האָבן אויסגעפילט זיין גאַנץ לעבן און שטרעבן, אויב מען קאָן דאָס אָנרופן לעבן. דאָס איז געווען זיין כוח החיים און רוח הנפש...

און מיטן שטילן פון די דאָזיקע געפילן, דער עיקר, ווען ער האָט זיך באַפרייט פון זיין הונגער אין פּרימיטיווסטן פאַרשטיין, — איז ער צוריק געוואָרן ווי אויפסניי געבוירן, ער איז צוריק מענטש געוואָרן. און דאָס איז געווען גאָר זיין מאָס און וואָג, מיט וועלכער ער האָט אַלץ געוווֹיגן און געמאָסטן.

אויס „לאַוואַטשניק"

וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען נישט צוויי מאָמענטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון מיין אַרבעט.

די פּשוטע לאַגערניקעס זענען געווען גאָר צופרידן פון מיר. איך האָב זיי דאָך געגעבן וואָס זיי האָבן ביז היינט נישט געהאַט. און זיי האָבן אָנגע־הויבן מיר מאַכן קאָמפּלימענטן. דאָס מאָל שוין אויפן גרונט פון זייער אייגענער דערפאַרונג.

אויך די נאַטשאַלסטווע איז ביז אַ געוויסער מאָס פון מיר געווען צופרידן. זייער צופרידנקייט איז אָבער געווען אַ רעזולטאַט פון זייערע עגאָאיסטישע אינטערעסן וועלכע האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן כלל לאַגערניקעס.

צו דעם האָבן זיי נאָך אָנגעהויבן צו קאָנקורירן צווישן זיך און דאָס אויף מיין קאָפּ. קודם כל האָט דער „קאַפּטיאָר" (ברויט־פאַרטיילער) זיך מתקנא געווען אין מיין דערפאָלג און מיך געוואָלט אַרויסשטויסן פון מיין פּאָזיציע. ער האָט געהאַט אין זיין רשות דאָס ברויט, האָט ער אויך געוואָלט האָבן די איבעריקע פּראָדוקטן.

האָט ער מיר אפילו מיט גוטן געפּרוווט פאַרלייגן זיך צו בייטן מיט אים — ער זאָל ווערן דער „לאַוואַטשניק“ און איך דער „קאַפּטיאָר“. נאָר דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. פאַר אים אַליין האָב איך קיין מורא נישט געהאַט. טראָץ דעם וואָס מיין קרעמל האָט זיך געפונען ביי אים אין דירה און איך האָב אויף דעם געדאַרפט האַלטן אַן אויג.

נאָר דאָס ערגסטע איז געווען מיט די נאַטשאַלניקעס. זיי האָבן געהאַט געגנוג צום עסן. די קיך איז דאָך געווען זייערע און זיי האָבן זיך ווי אַליין גענומען. נאָר געגייטיקט האָבן זיי זיך אין דעם, וואָס די קיך האָט נישט געהאַט, נאָר וואָס איך האָב געהאַט. דער עיקר אין פּאַפּיראָסן.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. זיי האָבן אָנגעהויבן ביי מיר נעמען פּאַפּיראָסן אָן געלט. און דאָס נישט נאָר דער סאַמע נאַטשאַלניק, נאָר אויך דער „גלאַוובוך“ (בוכהאַלטער) מיט די קלענערע נאַטשאַלניקעס און דער דאָקטאָר.

זיי האָבן איבערגעשאַצט מיינע כוחות. זיי האָבן ווי ס'רוב קריסטן, נאָכן באַקומען מיינע צוויי פּעקלעך, אַוודאי געמיינט, אַז איך האָב פאַרבאָר־געגנע אוצרות. און אז איך האָב געלט, וועל איך האָבן מיט וואָס צו דעקן ד'עם דעפיציט.

זענען זייערע חובות מיט יעדער וואָך ביי מיר געוואַקסן. האָב איך זיך געקלאָגט פאַרן הויפּט־נאַטשאַלניק, דערציילנדיק אים דעם אמת. האָט ער מיך געהייסן קיינעם נישט באָרגן אויסער, פאַרשטייט זיך, אים אַליין. די איבעריקע האָבן אויך געזאָגט דאָס זעלבע. קיינעם נישט באָרגן, אויסער זיי אַליין. וואָלט איך באמת פון דער היים געקאָנט קריגן געגנוג געלט, וואָלט איך אַליין געדעקט דעם דעפיציט, אַבי איך זאָל האָבן אַ גרינגערע אַרבעט.

האָט מען אָבער פון דער היים מער ווי פופציק רובל אַ חודש נישט געקאָנט באַקומען. און אויף דעם האָט מען נאָך געדאַרפט וואַרטן חדשים, ביז מען האָט דאָס געלט באַקומען. דערווייל וואָלט זיך אָנגעזאַמלט אַ שפּאַרער דעפיציט.

האָב איך דעם הויפּט־נאַטשאַלניק געפאָלגט. האָבן דער בוכהאַלטער מיטן דאָקטאָר אָנגעהויבן קעגן מיר צו אינטריגירן. איבערהויפּט דער דאָקטאָר. די פרעסט זענען דאָ געווען גרויס. האָט מען אויסגעגאָסן אַביסל וואַסער אויף דער פאָדלאָגע איז עס גלייך געוואָרן צו אייז.

האָט מיר פלוצלינג דער דאָקטאָר, וואָס האָט קיין אַנדערע רעכט איבער מיר נישט געהאַט ווי דעם סאַניטאַרן אויפזיכט, פאַראָרדנט צו וואַשן די

פֿאַדלאָגע פֿון קראַם. און דאָס איז ווינטער־צייט געווען אוממעגלעך, ווייל ווי נאָר מען האָט אויסגעגאָסן וואַסער אויפֿן דיל, איז עס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייז־טייך.

מען האָט דערמיט נישט געקאָנט וואַרטן אויפֿן זומער, וואָס האָט דאָ בלויז געדויערט דריי חדשים. האָט מיר דער דאָקטאָר פֿאַרן נישט פֿאָלגן אָנגעהויבן צו דערלאַנגען פּראָטאָקאָלן, פֿאַר וועלכע איך האָב געדאַרפֿט באַצאָלן.

בין איך געוואָרן „קרח מכאן וקרח מכאן" (געגומען פֿון ביידע זייטן). האָב איך פֿון איין זייט געהאַט דאָס באַרגעניש, וואָס האָט מיר געדראָט מיט אַ דעפֿיציט, פֿאַר וועלכן איך האָב געקאָנט לייזן אַ וואָסערע פֿינף יערלעך, און פֿון דער צווייטער זייט, דעם דאָקטאָרס שטראָפֿן.

האָב איך געזען, אַז די זאַך איז צום טייוול, האָב איך באַשלאָסן פֿונעם גאַנצן עסק זיך אָפּצוזאָגן. פֿאַרפֿאַלן, איך האָב ביז היינט אַזויפֿיל געליטן, וועל איך שוין נאָך אַביסל ליידן. בפֿרט, ווען די צייט רוקט זיך אַלץ נענטער צו איר סוף... דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס איך וועל צוריק דאַרפֿן אָנקוקן יעוועגעניס פּרצוף.

בין איך אויף צומאָרגנס נאָכן דאַזיקן באַשלוס אַוועק צו יעזשאַראָוון און אים איבערגעגעבן מיין רעזיגנאַציע. יעזשאַראָוו, דער הויפּט־נאַטשאַל־ניק, האָט נאָך אַלץ אויף מיר געפּרוווט ווירקן צו ענדערן מיין באַשלוס. איך האָב אים אָבער געדאַנקט און געבליבן אין מיין פֿאַרעקשנטקייט.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען ווי מען האָט מיר פֿון דער „אופּראַוולעניע" (אָנפֿירונג) געשיקט אַ רעוויזאָר. די רעוויזיע האָט אַרויסגעוויזן אַ קליינעם דעפֿיציט. און טראָץ דעם וואָס איך האָב דעם דעפֿיציט באַגרינדעט מיט באַגלויבנדיקע פֿאַקטן און יעזשאַראָוו האָט זיי אָנגענומען, האָב איך אים אַליין געדעקט.

איך האָב די פֿעלנדיקע פֿאַר רובל געדעקט מיט מיינע לעצטע גראָשנס וואָס איך האָב באַקומען פֿון דער היים. און איך בין צוריק געבליבן דער פֿריערדיקער קבצן מיט די פֿריערדיקע צרות...

אויס לאָוואָטשניק און צוריק צו דער אַרבעט

כאָטש איך האָב אויף זיך דעם גזר אַליין גענומען ווען אַפֿילו געצוווּנ־גען דורך די אומשטענדן, — איז אָבער צו ווערן אין לאַגער אַ יורד, גאָר, גאָר ביטער.

און אויב פריער האָב איך זיך געהאַט אַביסל אויפגעהויבן פון דער ערד, בין איך אַצינד געפאַלן צום סאַמע גרונט. איך האָב געמוזט צוריקגיין צו דער אַלגעמיינער לאַגער־אַרבעט, ווי אויך צוריק אַריין אין אַלגעמיינעם באַראַק.

האָבן שוין די רויבער אַצינד גאָר געהאַט אַ גרונט צו מיר עולה צו זיין אין די נעכט. אויב מען איז פריער געקומען צו מיר צוליב די קיכע־לעך, איז דאָך אַצינד נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אַלס „לאַוואָטשניק" אַוודאי געווען אַ סיבה צו גיין צו מיר.

די גויאישע פאַנטאַזיע האָט זיך מסתם ביי זיי צעשפּילט — אַ ייד ווערט גלייך געבוירן רייך בפרט נאָך ווען ער איז אַ קרעמער ביי מלכות, מעג דאָס אפילו זיין ביים אָרעמען לאַגער־מלכות...

זענען זיי צו מיר געקראָכן און האָבן מיך געמאַטערט מיט אַ באַנייטן אימפּעט. נאָר די וואָך האָט נישט געוואָלט רעאַגירן. דערווייל איז יעזשאָ־ראָוו אַוועק און אַ נייער נאַטשאַלניק איז געקומען אויף זיין אָרט.

מען האָט געשמועסט, אַז דער נייער נאַטשאַלניק דאַנילאָוו איז אַ געוועזענער טראָצקיסט. ער האָט מיט חסד אַריינגעכאַפּט דאָס גרעסטע סאָוויעטישע געווינס פון פינף און צוואַנציק יאָר. וויפל אמת ס'איז אין דעם געווען האָב איך נישט געקאָנט וויסן, נאָר צו מיר האָט אויך ער, דאַנילאָוו, אַרויסגעוויזן אַ פיינע באַציונג.

מיר האָבן געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די באַן־ליניע. די אַרבעט ביי די וואַלן איז געגאַנגען צו איר סוף. מען האָט שוין מער נישט געגראָבן קיין גריבער, נאָר זיך איינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף די וואַל־אָנשיטן.

דאַן, אין אַזאַ פינצטערן באַגינען, ווען מיר האָבן זיך, ווי תמיד, צונויפגעזאַמלט פאַרן אָפּמאַרשירן צו דער אַרבעט און איך האָב פון דער פינצטערניש אַרויס קוים אַרויסגעזען די קאָנטורן פונעם נייעם נאַטשאַלניק, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל מיט אים געטראָפן.

ער איז געשטאַנען אויף עפּעס און האָט ווי אַ פלאַמיקער אַגיטאַטאָר גערעדט צו אונדז גאָר אַנדערע דיבורים, וועלכע מיר האָבן ביז הייַנט נישט געהערט.

ס'איז, ווייזט אויס, געווען באַלד נאָכן אָנפאַל פון די דייטשן אויף רוסלאַנד. מיר זענען דערפון ערשט אין וואָכן אַרום געוווּיר געוואָרן.

ביז הייַנט האָט מען צו אונדז גערעדט מיר זאָלן פלייסיק אַרבעטן ביי דער באַן־ליניע. אַצינד האָט ער אונדז שוין וועגן דער אַרבעט, וואָס

האָט זיך סיוּוּי געזאָלט ענדיקן, נישט דערמאָנט. דאַקעגן האָט ער פּאַר אונדז אָנגעשלאָגן אין אַ נייעם טאָן, וועגן עפּעס אַ נייער אַרבעט.

נישט דערמאָנענדיק וועגן דער נייער אויפגעקומענער לאַגע, האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, אַז דאָס פּאַטערלאַנד דאַרף האָבן מעטאַלן, אַ סך מעטאַלן. און אויב מיר וועלן די דאָזיקע מעטאַלן נישט צושטעלן, קאָן דאָס לאַנד זיין אויסגעזעצט צו אַ סכנה.

און אַזוי ברמז האָט ער אַפּעלירט צום פּאַטריאָטישן געוויסן פון די לאַגערניקעס, זיי זאָלן דורך פלייסיקער אַרבעט מקבל באהבה זיין זייער שטראָף. דורך אַרבעט פאַרן היימלאַנד וועלן זיי זיך לייטערן און אויסקויפן די אייגענע זינד, פאַר וועלכע זיי זענען געוואָרן פאַרמשפּט.

צום סוף פון דער דאָזיקער פלאַמיקער רעדע האָט ער אויך גענומען רעדן וועגן אחדות און ברידערלעכקייט. און רעדנדיק אַזוי וועגן ברידער־לעכקייט, האָב איך פלוצלינג דערהערט מיין נאָמען.

איך האָב לכתחילה מיינע אויערן נישט געוואָלט גלייבן. איך האָב געמיינט, אַז צוליב מיין נישט־אויסגעשלאָפנקייט חלום איך אויף דער וואָר. איך האָב אָבער, אויפן רוסישן שטייגער, קלאָר געהערט מיינעם און מיין פאָטערס נאָמען, „יאַקאָוו אַראָנאָוויטש".

„צווישן אונדז, האָט ער פאַרגעזעצט, „געפינט זיך אַ ייד, אַ פּוילישער ייד פון ביאַליסטאָק. ער איז, אויף זיין שטייגער, אַ געלערנטער ייד. שעמט איר זיך נישט צו קריכן צו אים אין די נעכט, אים וועלן באַרויבן און פּייניקן? לאָזט אים צורו און פאַרשעמט נישט אונדזער נאָמען".

און זינט דער דאָזיקער רעדע, דאַנילאָווס, האָט מען מיך אָנגעהויבן מקרב צו זיין. כאָטש פון דער אַלגעמיינער אַרבעט האָט מען מיך נישט אָפּגעלאָזט. ווייזט אויס, צוליבן ווידערשטאַנד פון יעווגעני, מיט וועמען מען האָט נישט געוואָלט אָנהייבן.

גלייך נאָכדעם האָט מען מיך איינגעלאַדן צו שרייבן אַן אַרטיקל אין דער צייטונג פון דער אופּראַוולעניע. מען האָט אויך פון צייט צו צייט גענומען מיט מיר שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן. באַזונדערס וועגן די באַדינגונגען וואָס האָבן געהערשט אין פריערדיקן פּוילן.

איך האָב מיט זיי געשמועסט אָפן און אָן מורא. אויך מיינע מיטשמועס־סער, איבערהויפּט פּאַוועל, אַן אינטעליגענטער אוקראַאינער, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום רעזערווירטקייט אין זיין האַלטונג. נאָר ווען איך האָב זיי, די דאָזיקע אינטעליגענטע געפאַנגענע דערציילט, אַז אין פּוילן

איז געוועזן אַלץ לרוב, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט גלייבן. איבערהויפּט איז זיי שווער געווען צו גלייבן, אַז אין פּוילן איז געווען גענוג זאַלץ און פּוטער.

ביים נייעם נאַטשאַלניק דאַנילאָוו איז אַריינגעטראָטן אַביסל אַ בעסערע אָרדענונג. הגם גאָר די פּיין פון קנעכטשאַפט, בפרט פאַר אַן אַהער געשלעפּטן פרעמדן ייד, האָט אויך די דאָזיקע אָרדענונג נישט געקאָנט מילדערן.

ס׳איז צו דער קיך צוגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדערער אויפזעער, דער אויבנדערמאָנטער פּאַוועל, וועלכער איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש.

און ווען מען איז געווען אין באַראַק און עס איז, נאָכן אָנזעטיקן די נאַטשאַלסטווע מיט זייערע יוצר־משרתים, געבליבן אַביסל זופּ, האָט עס פּאַוועל פאַרטיילט פאַר אַלע הונגעריקע.

קיין גרויסע באַדייטונג האָט אָבער די דאָזיקע רעפאָרם נישט געהאַט. ווייל זעלטן זענען די דאָזיקע ביידע תנאים פאָרגעקומען. אָפיציעל אָבער האָט עס אויסגעזען ווי אַן ענדערונג צום גוטן, וואָס האָט געקאָנט ווירקן אויפן געמיט...

קאַפּיטל צוואַנציק

פאַרענדיקט די באַן-ליניע

אין דער לופטן האָט געשמעקט מיט עפּעס נייעס. הגם איר באַדייטונג האָבן מיר לאַגערניקעס קלאָר נישט געוווסט. מען האָט אָבער עפּעס פאַרט אַרויסגעפילט, כאָטש יעדער איינער האָט דעם עפּעס געפּרוווט אויסטייטשן פאַר זיך...

אויך איך, דער איינציקער דאָ פּוילישער ייד, האָט עס געפּרוווט אויסלייגן פאַר זיך צום גוטן. שוין דער נייער גייסט פון דאַנילאָווס רעדע און זיין וואַרעמער טאָן, מעג עס אפילו זיין ווי פּראָפּאַגאַנדיסטיש צוגעפּאַרבט, — האָט געמוטיקט.

אגב, האָט אַצינד אויך דער נייַנחדשימדיקער קאַרעלאָ־פינישער ווינ־טער זיך אָנגעהויבן אָפּצוטראָגן. און די לעצטע טעג פון זיין איבערהזורנדיקן

ציקל זענען פאַרשווּנדן און אינדרויסן איז געוואָרן וואַרעם, הגם מיט קליינע פאַרפּלייצונגען צוליב די פּרימיטיוו־געבויטע וועגן און בריקן.

אינעם דאָזיקן טאָפּלטן „פרילינג" (קיין פרילינג איז דאָ נישטאָ, נאָר גלייך זומער), האָט מען זיך גענומען גרייטן צום יום־טוב פון פאַרענדיקן די ליניע.

יעדער לאַגער האָט אין דעם געהאַט זיין חלק. נאָר צוליבן איבעררוקן זיך פון אונדזערע שכנותדיקע לאַגערן, זענען מיר מיט אַ גרופּע טעכניקער געווען די הויפּט־מחותנים.

ס'איז געווען דער ערשטער יום־טוב, וואָס איך האָב בייגעוווינט זינט איך בין אַריין אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה. האָב איך ביי מיין גאַנצער לאַגע אויף עפּעס ענלעכס אויסגעקוקט. מיין פאַרפרעסט, באַטריבט האַרץ האָט ווי אַ צעווייקטער בוים פון לאַנגע רעגנס — געלעכצט נאָך אַביסל זוניקייט...

קיין לעקעך און בראָנפן האָט מען נישט געטיילט. און אינגאַנצן פונעם פרעמדן רוסישן פרייד האָב איך נישט געקאָנט געניסן. און דאָך בין איך קעגן מיין ווילן אין דער דאָזיקער שמחה געוואָרן אַריינגעצויגן, שוין בלויז דערפאַר, וואָס דער טאָג איז געווען פון מיינע ערשטע זומער־טעג און ער איז געווען אַ טאָג אָן אַרבעט, אַ שבת שבתון.

געאַרבעט ביים זאַזיקן סיום־הליניע האָבן נאָר די טעכניקער, וועלכע האָבן די פון פריער צוגעגרייטע רעלסן אויף אונדזער אָפּשניט פאַרשרויפט און פאַרפעסטיקט. באַפרייענדיק מיט זייער פאַכמענישקייט — אַלע איבעריקע.

און גלייך נאָכדעם זענען לכבוד יום־טוב אַ טייל פון אונדז מיטגעפאָרן מיט דער אָנקומענדיקער באַן, ביזן צווייטן אָפּשניט.

און טראָץ דעם לאַגער־פּיין, האָט פון די רוסן אַרויסגעשיינט די שמחה. ס'איז געווען די שמחה פון אַ „מייסטערס" פאַרענדיקטער אַרבעט און פון דעם וואַקסנדיקן בוי פון אַן אייגן לאַנד. נאָר איך, וועמענס אומזיסטע ליידן האָבן נישט געהאַט קיין טעם און קיין זין, האָב זיך צו זיי נישט געקאָנט גלייכן.

אויף צומאָרגנס זענען מיר שוין אַריבער אויף אַן אַנדערער אַרבעט. פאַרן אַוועקגיין בין איך אַריין אין דער לאַגער־וואַך אָפּנעמען מיין לעצטן פּקדון, די בלעך שאַקאַלאַד.

ווי אָפּגערעדט, איז דער פריערדיקער וועכטער אַצינד שוין נישט

געווען. און דער פרישער וועכטער האָט אָנשטאָט מיר אָפּצוגעבן וואָס מיר קומט, גאָר מיך גענומען טרייבן צום אָוועקגיין.

אַ נייער מאַרש האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן, וועלכער האָט געדויערט אייניקע טעג. איך בין ווידער געבליבן הינטערשטעליק און דער וועכטער האָט מיך אונטערגעטריבן. ער האָט אָבער מיט מיר גאָרנישט געקאָנט מאַכן, זעענדיק מיין אָנמאַכט.

האָט ער פאַר כעס ביי מיר אַרויסגעריסן דאָס שאַכטל, אין וועלכן איך האָב פון דער היים באַקומען מיין פּעקל און עס געהאַלטן פאַר מיין טשע־מאָדאַן, אין וועלכן איך האָב געזאַמלט מיינע שמאַטעס און אַלערליי שטריקלעך.

דאָס שאַכטל מיט די שטריקלעך איז מיר געווען אַ שאָד, סיי כדי צו האָבן אַ שטיקל טשעמאָדאַן און סיי צו באַהאַלטן אַ זכר פון דער היים. נאָר נאָך אַלעמען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז געווען גערעכט. איך האָב די אייגענע פיס נישט געקאָנט שלעפּן, האָב איך נאָך געוואָלט מיטשלעפּן עפּעס אַ שאַכטל.

ווען דער צווייטער טאָג האָט זיך גענייגט צו זיין סוף, זענען מיר אין אָוונט אַריין ערגעץ אין אַ וועלדל. די באַדינער האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאַר דער נאַטשאַלסטווע פּאַלאַטקעס פון צווייגן און מיסט.

אויך אייניקע פון די מקורבים האָבן זיך מיטן ביסל געצייג, וואָס זיי האָבן געהאַט, געפּרוווט אויפשטעלן אַזעלכע פּאַלאַטקעס. די איבעריקע אָבער האָבן קיין געצייג נישט געהאַט און האָבן אויך קיין פּאַלאַטקעס נישט געהאַט. און איך האָב אוודאי קיין פּאַלאַטקע נישט געהאַט.

האָב איך בלית ברירה זיך אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד און זיך געוואָלט איבערגעבן צו מיין איינציקן גואל, צום שלאָף. אָבער ווי נאָר איך האָב זיך אַוועקגעלייגט איז מיך באַפאַלן אַ מחנה מאָסקיטן ווי די היישעריקן, מיט וועלכע איך האָב זיך דאָ באַקענט צום ערשטן מאָל.

דאָס איז געווען אַ באַנדע שוואַרצע, קליינע, פעטע פליגעלעך, ווי קליינע געפּאַקטע מענטשעלעך. גלייך ביים ערשטן „שלום עליכם״, האָבן זיי מיך גענומען אָנגרייפן פון אַלע זייטן. און ווען איך האָב די דאָזיקע קליינע טייוואָנים געפּרוווט איבערכיטרעווען, אַרומבינדנדיק מיין קאָפּ און האַלדז מיט עפּעס אַ שמאַטע, זענען זיי מיר פאַרקראָכן פון אונטערן סאַמע האַלדז.

זיי האָבן פון מיר געריסן שטיקער און מיך נישט געלאָזט שלאָפן. קיין שאַטקעס האָבן מיר נישט געהאַט. מען האָט אונדז געלאָזט אויף הפקר. און ווי הונגעריק, פון אַרומשלעפן זיך אַ גאַנצן טאָג איך בין נישט געווען, האָב איך פון עסן נישט געטראַכט, נאָר ווי אַזוי ווערט מען פטור פון דער נייער אַנשיקעניש.

ווי אַ שווער־קראַנקער וואָס בעט אויפן טאָג, האָב איך אויסגעקוקט און געבעטן אויפן פרימאָרגן, ער זאָל וואָס גיכער קומען און מיך אויסלייזן פון דער דאָזיקער צרה. דער פרימאָרגן איז געקומען, נאָר די צרות זענען נישט אַוועק.

אין דער צווייטער נאַכט, זייענדיק אַביסל בעסער צוגעגרייט צו דער מלחמה, איז געקומען אַ נייע צרה. ווי נאָר מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, האָט אָן שום כמאַרעס און וואָלקנס, מיטאַמאָל געגומען גיסן ווי מיט צעבערס. עס האָט נישט אויסגעזען ווי קיין רעגן, נאָר ווי מען וואָלט גאַנצע טייכן אויף אונדז איבערגעקערט.

בליץ און דונער מיט וואַסער־שטראָמען האָבן זיך אויסגעמישט. יעדע רגע האָט אַ בליצנדיקער זיגזאַג אויפגעשיינט און דעם האָריזאָנט ווי אויף צווייען צעשפּאָלטן. די דונערן האָבן אונדז פאַרטויבט און די ערד אונטער אונדז אויפגעטרייסלט. איך בין געלעגן איינגענאָרעט און זיך געוויקט אין די אייגענע וואַסער־שטראָמען. און צו אַנטרינען איז נישט געווען ווו.

ערשט ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָבן מיר צעלייגט אַ פייער, און נאַקעטע זיך און די זאַכן געטרוקנט. ציטערנדיק אויפן גאַנצן לייב פון דער באַקומענער מאַלאַריע, האָב איך מיט צווייגלעך נאָך געמוזט די פריש־אָנקומענדיקע מאָסקיטן פאַרטרייבן פון מיין נאַקעטן לייב. און אויף דער דריטער נאַכט זענען די מאָסקיטן, ווי נוקם זייענדיק זיך פאַר דער פאַרלוירענער רעגנדיקער נאַכט, אָנגעקומען אין נאָך גרעסערע מחנות און מיט אַ טאָפּלטער קראַפט אונדז אָנגעהויבן צו באַפאַלן. און איך בין פון דער דאָזיקער נאַכט אַרויס אַ צעמזיקטער און צעביסענער אויפן גאַנצן פנים. מיין פנים איז געוואָרן אַזוי געשוואָלן און דעפאָרמירט, אַז ס'איז מיך שווער געווען צו דערקענען.

אויף צומאָרגנס זענען מיר פונעם דאָזיקן וואַלד־גיהנום אַוועק. מיר האָבן אויפגעשטעלט אונדזער לאַגער אויף אַן אַנדער אָרט און גערוט אויף אַ באַרג. דאָ האָט מען די צעביסענע געזאַלבט און באַנדאַזשירט די ווונדן און דערווייל באַפרייט פון דער אַרבעט. אויך מיין פנים איז געוואָרן געזאַלבט

און פאַרבונדן. און ווען דער צעשטופלטער יעווגעני האָט מיך דערזען, האָט ער אָנשטאָט מיט מיר מיטצופילן, איבער מיר גענומען שפּעטן און שיטן זאַלץ אויף די ווונדן.

— סמאטרי, קאק טי ווגליאניש? (זע, ווי דו זעסט אויס), — האָט ער אונטערדרוקנדיק מיר אַ שפּיגעלע, פון מיר געפּרוווט חוזק. און זאָגנ־דיק, אַז איך זע אויס ווי אַ מאַלפּע, האָט ער צוגעגעבן: „איך וואָלט דיך דערשאָסן ווי אַ הונט". איך האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע און זיך ווירק־לעך דערזען אין אַ שרעקלעכן מעמד. איך האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן און אים גלייך געענטפערט: „וואָסזשע ווילסטו פון מיר?".

— פאַרוואָס האָבן זיי קיין אַנדערן אַזוי נישט צעביסן ווי דיך? — האָט ער געטענהט.

— וואָס פרעגסטו מיך? גיי פרעג די מאָסקיטן — האָב איך אים גע־ענטפערט. און ווי פון זיך אַליין האָט זיך פון מיר אַרויסגעכאַפּט: — „און קעגן היטלערן ביסטו אויך אַזאַ העלד?". — „קעגן היטלערן און קעגן דיר", האָט ער מיר צוריקגעענטפערט.

דער דאָזיקער יעווגעני האָט זיכער פאַר מיר געגראָבן אַ קבר. און אויב איך בין אין זיין נעץ נישט אַריינגעפאַלן, איז עס נאָר געווען אַדאַנק אַנדערע פאַר מיר אומבאַקאַנטע אומשטענדן און כוחות, וועלכע האָבן אים קעגנגע־ווירקט. דערווייל אָבער בין איך נאָך געווען אין זיין רשות. און מיטן דאָזיקן מענטש־טייוול איז מיר נאָך איינציקע מאָל אויסגעקומען זיך צו באַ־געגענען.

יעווגעני לאָזט מיך נאָך נישט אַרויס פון זיינע הענט

מיר האָבן אַצינד געהאַלטן אין איין וואַנדערן. אונדזער הויפּט־אַרבעט האָט זיך דאָך געענדיקט, האָבן מיר, ביז די מלחמה מיט די דייטשן איז אויסגעבראָכן, געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. דערווייל זענען די טעג געלאָפן. נאָר יעווגעני האָט מיר די לעצטע האָפענונגפולע וואָכן נישט געלאָזט באַקומען.

אויב זיין כוח האָט נישט געגרייכט אָפן מיך צו דערמאָרדן, האָט ער דערפאַר פאַר מיר אויסגעזוכט אַלערליי מאָראַלישע פּייניקונגען, און מיך געפּרוווט דורך אַנדערע אָפּרוימען.

מיר, די שוואַכערע אַרבעטער מיט קליינע ווינאָקן, האָבן אַצינד געטאָן

קליין־אַרבעט. זי איז באַשטאַנען אין אויסהאַקטן שפּאַלטן אין די סקאַלעס מיט איינפּאַכע גליטעס אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן, כדי זיי צוצוגרייטן צום אויפרייסן.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט איז מיין יאָך שוין געווען שוואַכער. איך בין שוין נישט געווען אונטער דער אויפזיכט פון די איינפּאַכע בריגאַדירן, נאָר אונטער די טעכניקער־אינזשיניערן, וועלכע זענען יעדנפאַלס געווען אינטע־ליגענטער און מענטשלעכער. און צוליב דעם וואָס די אַרבעטער זענען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע פּונקטן, איז במילא די אויפזיכט איבער אונדז געווען אַ שוואַכערע און מיר האָבן גיכער געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

האָט מיר יעווגעני דאָס ווידער נישט פאַרגינען, און איך בין איבער־געגאַנגען צו אַן אַנדערער אַרבעט. מיר האָבן געדאַרפט אויסהאַקן די גראָזן מיט דער אויבערשטער שיכט ערד. און אויסער דעם וואָס די אַרבעט איז געווען אַ שווערערע, האָט מען צו שטרענג געפאָדערט צו מאַכן די נאָרמע. און ווער עס האָט נישט געמאַכט די נאָרמע, האָט מען נישט אַהיימגעלאָזט ביז ער האָט איר נישט פאַרענדיקט.

עס האָט געמעגט זיין צען אַזייגער אָוונט, און דאָס נאָך אין די זומער־דיקע גרויסע טעג. קיין ליכט האָט דאָ אין צפון נישט געפעלט. און די דאָזי־קע נישט־נאָרמע־מאַכער זענען דווקא געווען געזונטע נישט־יידן.

צו מיר אָבער איז געקומען אַ שליח פון דאָקטאָר און מיך באַצייטנס אַהיימגענומען. ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז אַלס קראַנקער קאָן איך בעסער נישט אַרבעטן און מען טאָר מיך נישט פאַרהאַלטן. און יעווגעני האָט מיך אַהיימגעלאָזט.

דערפאַר אָבער האָט ער מיך ווידער איבערגעשיקט אויף אַן אַנדער אָרט. דער נייער אַרבעטס־פּלאַץ איז מיר אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט. איך האָב נישט געוווסט, ווו מען קערט זיך און מען ווענדט זיך. איך האָב נאָר געטאָן דאָס, וואָס מען האָט מיך געהייסן.

דאָ איז צו מיר צוגעקומען איינער פון די וועכטער, וועלכער האָט מיך אויף זיין לשון געפרעגט:

— אָט קודאַ טי? (פונוואַנעט ביסטו?). — איך האָב געענטפערט, אַז פון ביאַליסטאָק, נאָר געבוירן אין ביאַלע. ווען ער האָט געהערט „געבוירן אין ביאַלע", האָט ער ווי אויפגעשיינט מיט שמחה, קלאַפּנדיק מיך גוט־ברידעריש איבער דער פּלייצע:

— „טי זשעש מאַי זעמליאַק, יאַ ז ברעסט־ליטאָווסק״ (ביסטו דאָך מיינער אַ לאַנדסמאַן, איך בין פון בריסק, נאָענט פון ביאַלע). צו זיין שמחה מיט מיר איז געווען אָן אמתע צו אַ געמאַכטע, ווייס איך ביז היינט נישט.

נאָר געראָטעוועט פון טויט האָט ער מיך יאָ. מיין „לאַנדסמאַן״ איז נאָכן דאָזיקן געשפּרעך געבליבן לעבן צווייטן וועכטער, וועמענס דינסט ס׳איז אַצינד געווען.

און דער דאָזיקער צווייטער האָט מיר פּלוצלינג געגעבן אַ קעסעלע, צו גיין ברענגען וואַסער. איך האָב נישט געוווּסט ווו מען גייט און מען שטייט. ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג פון מיין זיין דאָ. און ווי אַ מענטש לפּי תומו, בין איך ווי בלינדערהייט געגאַנגען זוכן דאָס וואַסער.

צי איך בין געגאַנגען אויפן ריכטיקן וועג צי נישט, האָב איך דאַן אַליין נישט געוווּסט. נאָר אויב אַפילו איך האָב פון אים אָפּגענייגט, — איז עס דאָך זיכער געווען אומגערן.

און נאָר אַן אידיאָט וואָלט מיך געקאָנט חושד זיין אין וועלן אַנטלויפן. וואָרעם צו וואָס האָב איך געדאַרפט אַנטלויפן דווקא אין די לעצטע וואָכן? און ווו אַהין וואָלט איך געלאָפן, ווען איך האָב דעם וועג נישט געקענט און ער איז אויך פאַר מיר געווען פאַרשפּאַרט?

אָבער דער וועכטער האָט אַנדערש געטראַכט, אויב ער האָט בכלל געטראַכט. — ער האָט אָן שום וואָרענונג אַראָפּגענומען זיין ביקס, צילנדיק אין מיין זייט. און ווען מיין בריסקער „לאַנדסמאַן״, וואָס איז גראָד געשטאַנען לעבן אים, וואָלט אים נישט אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, וואָלטן מיינע איצ־טיקע שורות שוין בכלל נישט געשריבן געוואָרן...

דערנאָך איז מיין „לאַנדסמאַן״ צו מיר צוגעקומען און די אַל איז אַרויס פון זאַק. ער האָט מיר אָפּן דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט זיך מיט מיר פריער נישט צונויפגערעדט, וואָלט איך שוין דאָ געלעגן אַ באַגראָבענער, נאָר ווייל איך בין פאַרט אַ „זעמליאַק״ האָט ער מיך אין זיין חסד געראָ־טעוועט.

און ווען איך האָב אים געפרעגט: „מה חטאתי?״ (וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיקט?), האָט ער מיר מיט דער זעלבער אָפנקייט געענטפערט: „טשו־דאַק, וואָס דו ביסט, אַט אַזוי האָט מען אין די דרייסיקער יאָרן אָוועקגעלייגט צענדליקער אַרעסטירטע. מען האָט זיי געשיקט נאָך עפּעס, און ווען זיי האָבן זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער וואַך, האָט מען זיי דער־

שאָסן. און ווען איך האָב זיך מאַכנדיק תמעוואַטע, אים ווידער געפרעגט: „אפשר זענען זיי געווען קאָנטעררעוואָלוציאָנערן און איך בין דאָך אָבער נישט קיין קאָנטעררעוואָלוציאָנער. האָט ער מיר ווידער געענטפערט:

„מיר קלויבן זיך אין דעם נישט פאַנאַנדער"...

ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז דער פּרוּוו מיך צו דערמאָרדן איז געווען אונטערגעשטעלט פון יעווזעקין. דערווייל אָבער בין איך נאָך אַלץ געווען הילפלאָז אַקעגן אים.

איך דערוויס זיך פונעם דייטשן אָנפאַל אויף ביאַליסטאָק

דער סוף פון מיין וויראָק האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט. איך האָב שוין, לויט מיין חשבון, נישט געהאַט מער ווי געציילטע וואָכן צו מיין באַפרייונג. און איך האָב שוין אָנגעהויבן וועבן זיסע חלומות פון צוריקקער אַהיים. איך האָב אפילו געהאַט צוגעטראַכט אַ פאַנטאַסטישן סורפריז ביים באַגעגענען זיך מיט מיין פאַמיליע.

און אין מיטן פון אָט די אַלע דערוואַרטונגען איז ווי אַ דונער פון קלאָרן הימל דאָס אומגליק געקומען און האָט צעשטערט אַלע מיינע פּלע־נער. און די אַלע פריערדיקע טונקעלע אָנונגען האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־שטעטיקן.

ביי דער מיטאָג־פּויזע זענען מיר, אַ גרופּע אַרבעטער, צוזאַמען מיטן בריגאַדיר וואַניאַ, געזעסן אויף דער ערד און גערויכערט. מיטאַמאָל האָט וואַניאַ דערציילט, אַז די דייטשן זענען פּלוצלינג אָנגעפאַלן אויף דער גאַנצער לענג פון דער סאָוויעטישער גרענעץ. און אויסדרייענדיק זיך צו מיר, אַ זאָג געטאָן: „ביאַליסטאָק איז פאַרנומען".

דאָס לעצטע האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב זיך צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד. ווי עפּעס זאָל זיך אין מיר אָפּרייסן, — בין איך פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אַ טרערן־פּלייץ, וועלכן איך האָב נישט געקאָנט באַהערשן. און ווי פון זיך אַליין האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט: „ווסיאָ פּראָפּאַל!" (שוין אַלץ פאַרלוירן). דאָס האָבן אַזוי די טונקעלע אָנונ־גען פון מיר אַרויסגעיאָמערט. און איך האָב אַצינד קלאָר דערפילט זייער באַדייט. דעם באַדייט פון דערמאָרדעטע האָפענונגען און דערוואַרטונגען...

וואַניאַ, זעענדיק די ווירקונג, וואָס זיין ידיעה האָט אויף מיר געמאַכט, האָט זיך געפּרוּווט צוריקציען. ער האָט תיכף דערקלערט, אַז דאָס האָבן

די דייטשן אינעם ערשטן אָנגריף פאַרכאַפּט ביאַליסטאָק. נאָר היינט איז געקומען אַ פרישע ידיעה, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי האָט ביי זיי ביאַליס־טאָק צוריקגענומען.

די דאָזיקע אַפּלייקענונג זיינע האָט זיך שוין צו מיר נישט צוגעקלעפּט און האָט מיך דווקא ביים ראַנד פון מיין באַפרייונג דערפירט צום גרעסטן יאוש און פאַרצווייפלונג. מיט איין טאָג פריער נאָך האָב איך פון דער היים דערהאַלטן אַ קאַרטל, ווי אויך מיין פרוי וואָלט זיך אויף עפּעס געריכט און זיך דורכן דאָזיקן קאַרטל צוגעאיילט מיר איבערצוגעבן זייער לעצטן „זיי געזונט".

אין קאַרטל האָט זי מיר צוזויסנגעגעבן, אַז ס'איז ערב פּסח. און אַז עס בלייבט מיר שוין נישט מער ווי זעקס וואָכן צו מיין באַפרייונג. און היימל, מיין בכור, האָט מיר צוגעשריבן, אַז זיי ציילן שוין מיט אומגעדולד די טעג פון מיין אַהיימקומען.

וואָכן בלויז, אָבער דאָס זענען פאַר מיר געווען די שווערסטע וואָכן. און ווען איך בין שפּעטער געוואָרן אַרויסגערופן צום לאַגער־פּראָקוראָר, וועלכער האָט אויסגעשטעלט מיין באַפרייונג־„אודאָסטאָווערעניע", האָט זי פאַר מיר שוין געהאַט פאַרלוירן פיל פון איר ווערט...

די געשעענישן זענען שוין אַציגד געלאָפן מיט אַ שווינדלענדיקער גיכקייט. דער דייטשער אָנפאַל אויף רוסלאַנד האָט מיט איין מאָל איבער־געדרייט אַלע מיינע פריערדיקע אויסרעכענונגען, און ער האָט מיר פאַר־שאַפט נייע זאָרגן, זאָרגן וועגן מיין אייגענער פאַמיליע און וועגן גורל פונעם גאַנצן פוילישן יידנטום.

איך האָב פאַרשטאַנען מיט וואָס אַזאַ מלחמה שמעקט. און כאָטש איך האָב געוווסט, אַז לגבי אונדז יידן איז „מצא מין את מינו", די געוועזענע שותפים זענען זיך איינער דעם אַנדערן ווערט, — האָב איך פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן דעם קלאָרן חשבון...

איך האָב די לאַגע באַטראַכט בלויז פון די ריינע יידישע אינטערעסן. און פון דער דאָזיקער זייט באַטראַכט, האָב איך, טראָץ מיינע אייגענע ליידן אינעם סאָוויעטישן גן־עדן, געזען די צרות וואָס דאָס דאָזיקע „הערן־פאָלק" וועט אונדז אָנטאָן. און איך האָב דערפאַר די דייטשן געווינטשן אַ וואָס גיכערע מפלה.

דערווייל זענען אָבער צו מיינע אייגענע צרות אויך צוגעקומען די צרות המשפחה, וואָס האָט דאָס לעצטע ביסל שלאָף אין די נעכט ביי מיר

אַוועקגערויבט. און מיט די דאָזיקע פרישע צרות איבער מיינע נאָענטסטע, האָט זיך ווי די לעצטע טיר פון האָפענונג פאַר מיר הערמעטיש פאַרמאַכט...

איך האָב אַצינד ווי אַ וואַנזיניקער אָנגעהויבן צערטלען מיין לעצט באַקומען קאַרטל פון דער היים. איך האָב עס געלייענט איין מאָל און נאָך אַמאָל, עס צוגעדריקט צו מיין האַרץ, ביז עס איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן פון מיר.

און ווען עס איז פון מיר פאַרשוווּנדן, איז עס געווען ווי איך וואָלט אָנגעוווירן דעם גרעסטן אוצר. אַלע מיינע זוכונגען און באַמיונגען עס צו געפינען האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג.

דער דאָזיקער אָנווער פון מיין לעצטער היים־פאַרבינדונג איז פאַר מיר געוואָרן ווי די געהיימע האַנט אויף דער וואַנט — פאַר דער באַשטע־טיקונג פון מיין אַרויספילנדיקער טראַגעדיע.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

אונטערן פייער פון די דייטשע עראָפּלאַנען

ווי דער דור המדבר האָבן מיר אַצינד געהאַלטן אין איין וואַנדערן פון אָרט צו אָרט. די דייטשן זענען אָנגעפאַלן מיטן גאַנצן אימפעט, אַזוי, אַז אויך מיר האָבן זיך באַלד אָנגעשטויסן אין זייער טייוולאַנישער קראַפט. הגם זיי האָבן אונדז ווי געפאַנגענע ביי די רוסן נאָך געשאַנעוועט.

די הויפּט־אָנפירונג פון אונדזער לאַגער איז באַלד אין די ערשטע טעג פונעם דייטשן אָנפאַל אין איילעניש אַנטלאָפן אַזש קיין פּיעטשאַרא צו די טונדרעס, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אונדזערע „ליטשנאַיע דיעלאָס" (פּערזענלעכע אַקטן).

מיר האָבן נאָך דאַן, פאַרשטייט זיך, דערפון נישט געוווּסט. די „העלדן" האָבן עס געמאַכט בסוד סודות. זענען מיר דערי בער געבליבן „כצאן בלי רועה"— און מיר האָבן ווי וואַנדערנדיקע בעדואינער צוליבן דייטשן פייער

געהאַלטן אין איין איבעררוקן אונדזערע „געצעלטן“, וועלכע מיר האָבן נישט געהאַט.

מיר זענען געווען אַזוי נאָענט פון פראָנט, אַז מיר האָבן זיך אין אונ־דזערע מאַרשן צונויפגעטראָפן נישט נאָר מיט די דייטשע באָמבאַרדירער, נאָר אויך מיט די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען, וועלכע זענען געגאַנגען צום פראָנט.

די דאָזיקע סאָוויעטישע זעלנער האָבן אונדז אַרויסגעוויזן זייער סימ־פּאַטיע. זיי האָבן אונדז, די „פּיינט פונעם פאָלק“, צוגעוואָרפן זייערע פּאַפּי־ראָסן און אַלייך באַקומענע אַמעריקאַנער קיכעלעך, וואָס איז אונדז אין אונדזער נויט גוט צונוצגעקומען.

מיר האָבן זיך אָבער דערפֿאַר געפינען אונטערן סאַמע פייער פונעם שונא. און דאָ האָב איך דערלעבט מיין ערשטע „נקמה“ אין יעווגעניך. מיין גאַנצע „נקמה“ איז, אמת, בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב דעם דאָזיקן „העלד“ דערזען אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט. — איך האָב זיך אָבער פאַרן ערשטן מאָל אויך מיט דעם באַגנוגנט.

און טראָץ דעם וואָס די אַלגעמיינע לאַגע און אויך מיין אייגענע איז דאָ גאָרנישט געווען קיין פריילעכע, האָט עס מיך פונדעסטוועגן, אין אַנבליק פון זיין פּחדנות, אַביסל אויפגעהייטערט.

פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן צוויי זיך יאָגנדיקע עראָפּלאַנען. איינער פון זיי איז געוואָרן אַראָפּגעשאָסן, און פאַלנדיק צו דער ערד, גלייך אָנגעהויבן ברענען. מיר האָבן זיך, אַלע לאַגערניקעס, צוגע־קוקט צום דאָזיקן בילד. און ווען איך האָב דערזען יעווגענין מיט זיין ביקס אויפן אַקסל, האָב איך אים פאַרגעלייגט צו פרוּוון ראַטעווען די פּילאָטן.

יעווגעני האָט אָבער אָנשטאָט צוצוגיין צום ברענענדיקן עראָפּלאַן, זיך באַהאַלטן אונטערן שוץ פון די באַרגיקע סקאַלעס. האָב איך זיך מיט אים געריצט:

— האָסט דאָך מיך געוואָלט דערשיסן, פאַרוואָס־זשע האָסטו נישט געשאָסן אויפן דייטשן עראָפּלאַן, האַ? ביסט נאָר, ווייזט אויס, אַ העלד, קעגן אַן אומבאַוואָפנטן לאַגערניק.

ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. דערפילט, אַז ס'איז נישט זיין צייט. און איך האָב אַביסל געקילט מיין בייז האַרץ אויף אים. עס האָט

אָבער נישט לאַנג גענומען און ער האָט אַרויסגעוויזן נאָך אַ גרעסערע פּחדנות ווי פריער, איבערלאָזנדיק אונדז אײנגאַנצן אויף הפקר.

מיר האָבן אויף דעם פּלאַץ נישט געאַרבעט. די וואָך האָט צוליב איר אייגענער זיכערקייט געוואָלט אונדז אַוועקפירן וואָס ווייטער פונדאַנעט און אונדז פאַראייניקן מיט די איבעריקע אַרבעטס־גרופּן.

גאָר וויפל מיר זענען נישט געגאַנגען, זענען מיר נאָך אַלץ נישט געווען ווייט פון פראָנט. אונדזערע פיס האָבן נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט די דײַטשע אָנפליענדיקע „מעסערשמידטן". האָבן מיר נאָך אַלץ ווי געטאָפּטשעט אויף איין אָרט, און דאָ, הינטערן פראָנט, האָט זיך די וואָך געמוזט מיט אונדז באַגיין אַביסל פאָרזיכטיקער...

די קיך האָט זיך שוין דאָ נישט גערעכנט מיט קיין גאָרמעס און האָט זיך אַליין אויך געוואָלט גרינגער מאַכן — „על כל צרה שלא תבוא". האָט זי אונדז איינמאָל אַ טאָג באַשפּייזט מיט אַ וואַסערדיקן מיטאָג, טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן דערוויל נישט געאַרבעט.

אָבער אויך צו אַ וואַסערדיקן מיטאָג דאַרף מען האָבן וואַסער. האָט זי איר פעלד־קיך אַוועקגעשטעלט ביים סאַמע טייך. און די אָנפירונג האָט אין איר נאָרישקייט אונדז צעלייגט ביי די זייטיקע ברעגעס פונעם טייך.

דער טייך האָט אָבער אויך געהאַט אַ בריק. און די דײַטשן האָבן די בריק געוואָלט צעשטערן. זיי האָבן אָבער אין זייער „גוטסקייט" אונדז, סאָ־וויעטישע שקלאַפן, נישט געוואָלט פאַרניכטן. האַלטנדיק מן הסתם דעם שונאס „פיינט" — פאַר זייערע „בעסטע פריינד".

האָבן זיך צוליב דער בריק זייערע באָמבאַרדירער צוויי מאָל אַראָפּ־געלאָזט איבער אונדזערע קעפּ. אַראָפּגעלאָזט זיך מיט דער גאַנצער זעלבסט־זיכערקייט אַ צוויי מעטער איבער אונדזערע ליגנדיקע גופים, און אונדז באַשאָטן מיט אַ האָגל פון בליי פון זייערע שיסנדיקע פּולעמיאָטן. זיי האָבן אָבער אַזוי געצילט אונדז נישט צו טרעפן, נאָר צו צווינגען פונדאַנעט אַוועקצוגיין.

ס'איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן אונדז נישט געמיינט. ווייל וואָלטן זיי אונדז געוואָלט אויסהרגענען, וואָלטן זיי אונדז אַוועקגעלייגט ווי די פליגן. און אינעם דאָזיקן פאַר אונדז סכנהדיקן מאָמענט, איז דער העלדישער יעוועגעני ווידער אַנטלאָפן צו די סקאַלעס, איבערלאָזנדיק אונדז אויף גאָטס באַראָט.

מיר מאַכן אַ טומל און מען נעמט אונדז צו פונדאַנען

דערזעענדיק די סכנה וואָס אונדז דראָט מצד די דייטשן צוליב דער בריק, האָבן מיר אָנגעהויבן טומלען מען זאָל אונדז פונדאַנען אָוועקנעמען. אויך די אָנפירונג האָט זיך, ווייזט אויס, אַרומגעזען, אַז זי איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט. און אונדזער קול איז דאָס מאָל דערהערט געוואָרן.

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל פון מיין זיין אין לאַגער, אַז לאַגערניקעס זאָלן זיך בונטעווען און אויספירן, אַפילו אין אַזאַ שרייענדיק־גערעכטן פאַל.

האָבן מיר גלייך ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, אָנגעהויבן ווייטער צו מאַרשירן. מיר האָבן מיט פולן אימפעט אַזוי מאַרשירט גאַנצע טעג און נעכט. מיינע פיס זענען ווידער געוואָרן אָנגעבלאָזן און געשוואָלן. און איך האָב געמוזט טרעטן אויף די אייגענע פּענכערס.

מיר האָבן אָבער אַליין געוואָלט אַרויס פון דעם ראַיאָן, זיין וואָס ווייטער פון צפון־פראָנט. און ענדלעך זענען מיר טאַקע אַרויס און מיר זענען אָנגעקומען צו אַ נייעם אַרבעטס־לאַגער.

דאָ האָט מען אונדז פאַראייניקט און צוריק אַרויפגעלייגט אויף אונדז דעם יאָך פון שווערער אַרבעט. מיר האָבן געדאַרפט אויסהאַקן עפּעס אַ וועג פאַרן מיליטער. און מיר האָבן דאָ אויך צוריק געהאַט די מלחמה מיט די מאָסקיטן.

די שלאַכט מיט אונדזערע ביטערע שונאים, די געשטאָפּטע גלאַנציקע פליגעלעך, איז אָנגעגאַנגען ווי אויף אַן אמתן פראָנט. מיר האָבן אָנגעצונדן פייערן און געאַרבעט אונטערן שוץ פון אַ רויך־פאַרדעק. נאָר די מאָסקיטן, ווי געניטע קריגער, האָבן זיך אַזוי לייכט נישט אונטערגעגעבן.

ווי נאָר מיר האָבן זיך אָפּגערוקט אַביסל ווייטער פון די פייערן, זענען זיי אונדז ווידער באַפאַלן, ווי אין אַ מיליטערישער טאַקטיק אין שיטערע רייען. האָב איך אַזוי געאַרבעט אַ צייט, ביז איך בין ענדלעך פון יעווגענין געוואָרן אויסגעלייזט.

איך בין טאַקע פון אים פּטור געוואָרן, נאָר איידער ער איז געוואָרן געצוווּנגען אַרויסצולאָזן זיין קרבן פון האַנט, האָט ער נאָך אין דער לעצטער מינוט זיך באַוויזן מיט מיר אַ שפּיל צו טאָן, אויף אַ סאַדיסטיש־פּייניקנדיקן אופן.

ער האָט מיך אויפן אַרבעטס־פּלאַץ פלוצלינג געפרעגט, צי איך וויל

גיין צום דאָקטאָר. און ווען איך האָב געענטפערט אַז יאָ, האָט ער מיך באַפרייט פון דער אַרבעט, כדי כלומרשט צו באַזוכן דעם דאָקטאָר.

נאָר אָנשטאָט צום דאָקטאָר, האָט מען מיך ווי אַ שווערן אַרעסטירטן, גאָר אַריינגעפירט אין אַן איזאָלירטן תפיסה־צימער אויפן לאַגער־הויף, ווו איך בין געבליבן אַליין אין דער פאַרמאַכטער קאַמער.

דאָס צימער פון אַן איינפאַכן כאַטע־אויסזען איז געווען ליידיק, נאָר דאָס שווער־פאַרקראַטעוועטע פענצטער, וואָס איז אַרויס אין דרויסן, האָט עדות געזאָגט אויף זיין באַדייטונג.

די מלחמה איז שוין געווען אין גאַנצן ברען. און מען האָט אונדז, אין הסכם מיט די סאָוויעטישע מלחמה־געזעצן, אַלעמאָל געלייענט וועגן דער־שיסונגען פון לאַגערניקעס, וואָס האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן נישט געוואָלט אַרבעטן. און דאָ פאַרמאַכט מען מיך מיטאַמאָל אין אַן איזאָלירטער קאַמער.

און כאָטש דער חטא פון מיין ווילן גיין צום דאָקטאָר איז נישט געווען אַזוי גרויס, אַז מען זאָל מיך דערפאַר דערשיסן, האָט אָבער די שרעק גרויסע אויגן, בפרט ביים היגן ווילקיר. און מיין פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט מעשים צו מאָלן מיין לאַגע אין די שרעקלעכסטע פאַרבן.

מיט יעדער פאַרלענגערטער רגע, וואָס איך בין געווען פאַרשפאַרט אין דער דאָזיקער קאַמער, איז אַלץ מער די שרעק פאַר מיין לעבן געוואַקסן. און איך בין שוין געהאַט דערגאַנגען צו אַזאַ יאוש, אַז איך בין אין דער לעצטער מינוט געווען גרייט צו שטאַרבן. נאָר ביטער געערגערט האָט מיך, וואָס קיינער וועט אפילו נישט וויסן דאָס אָרט פון מיין קבר...

און אַז נאָכן אָפּזיין דאָ אייניקע שעה, האָב איך דורכן פענצטער דער־זען ווי עס דערנענטערט זיך צו מיר אַ סאָוויעטישער מיליטער־מאַן, בין איך שוין גאָר געווען זיכער, אַז דאָס נעמט מען מיך גלייך צום שיסן.

מיין שרעק איז, פאַרשטייט זיך, געווען אומזיסט. דער קאַפּיטאַן האָט מיך איבערגענומען צו אַן אַנדערער אַרבעט. פון דעם מאָמענט אָן בין איך אַריבער צו מיליטערישער אַרבעט. אַרויסנעמענדיק מיך פון קאַרצער, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „וואָס ווילט איר פון אים, ער איז דאָך אַ קראַנקער מענטש, איר זעט נישט ווי ער גייט אָפּ מיט שווייס?". אָבער יעווגעני האָט זיין לעצטן סאַדיסטישן פרייז באַקומען...

אין אַ נייעם לאַגער ביי מיליטערישער אַרבעט

דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט מיך אויסגעלייזט פון יעווגעניס הענט, האָט מיך גלייך אַריינגעפירט אינעם נייעם לאַגער. צו די טונדרעס ווי די לאַגער־אָנפירונג איז אַנטלאָפן, זענען מיר דורך אונדזערע מאַרשן נישט דערגאַנגען. צו דעם האָט מען געדאַרפט פאָרן טויזנטער קילאָמעטער. נאָר ווייטער פון פראָנט זענען מיר דורכדעם יאָ געוואָרן.

נאָר אויך דאָ האָט מען זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם שונא. אין די צפונדיקע אורוועלדער האָט מען אַדורכגעהאַקט געהיימע וועגן פאַרן מיליטער. דאָס איז געווען אונדזער הויפּט־אַרבעט. דאָס מיליטער איז זיך אָבער מיט אונדז מענטשלעכער באַגאַנגען און אויך די באַשפּייזונג איז געווען אַ בעסערע.

מיר האָבן דאָ נישט געוווינט אין קיין ווילדע באַראַקן, נאָר אין קליינע הילצערנע הייזער, וואָס זענען דאָ געווען צוגעגרייט פון פריער. ס'האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזן סאַניטאַר־שטעטל מיט אַלע זיינע איינריכטונגען.

באַלד אויף צומאָרגנס ביי דער אַרבעט האָב איך דערפילט די ענדערונג. מען האָט אויך דאָ געדאַרפט אַראָפּלאָזן ביימער, זיי אויסוואָרצלען און צוגרייטן דעם באָדן. גאָרנישט אַזאַ גרינגע אַרבעט. די לופט איז דאָ אָבער געווען אַן אַנדערע...

די וואָס האָבן געקאָנט, האָבן געאַרבעט ביי דער שווערער אַרבעט, און די שוואַכערע האָט מען שוין געגעבן מיט וואָס צו פאַרטשעפּען די הענט, ווי פאַר יוצא וועגן. אויסער דער אַלגעמיינער קנעכטשאַפט, האָט מען מער קיין צוואַנג נישט געפילט.

מיר זענען אַלע געווען גלייכע יחסנים צום מיטאָג, וואָס מיר האָבן באַקומען נאָרמאַל יעדן טאָג פון דער מיליטערישער פעלד־קיך. און עס איז אויך געווען זעטיקער, הגם אויך אָן פלייש.

איך קריג די דיזענטעריע

צוליבן דערנענטערנדיקן סוף פון מיין שטראָף, בין איך שוין צוזאַמען מיט ענלעכע צו מיר — געגאַנגען צו דער אַרבעט געפירט אָן אַ ביקס. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סימן, אַז איך קום נענטער צו מיין באַפרייונג.

מיין פרייד האָט שוין אָבער נישט געקאָנט זיין קיין גאַנצע, צוליבן

מלחמה־אויסברוך, און דער עיקר, צוליבן אָקופּירן דורך די דייטשן פון מיינע היימשטעט.

און אויסער דעם, איז מיר אויפן דאָזיקן אַרבעטס־פּלאַץ, וואָס איז פאַר מיר שוין געווען דאָס בעסטע פון די „עשר מכות", — אויך נישט באַשערט געווען קיין מנוחה, ווייל נאָך איידער איך האָב דאָ באַוויזן זיך אומצוקוקן, איז מיר אַ נייע צרה אונטערגעקומען.

פון די פאַרשידענע קראַנקהייטן און עפּידעמיעס, וואָס האָבן אַרומגע־כאַפּט די סאָוויעטישע לאַגערן, האָט זיך דאָ פאַרלייגט די דיזענטעריע־קראַנקהייט, וועלכע האָט פון אָרט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. און וויפל מען האָט דעם מלאך המוות פונדאַנען נישט געטריבן, האָט ער אַלץ מיט זיינע שוואַרצע פליגל געפּאַכעט מיטן טויט.

זענען אַ טייל לאַגערניקעס קראַנק געוואָרן אויף דער דאָזיקער קראַנק־הייט, וועלכע האָט אויך מיך נישט אויסגעמיטן. די קראַנקהייט האָט זיך ביי מיר געהאַלטן גאַנצע פיר וואָכן. זי האָט מיך אויסגעמאַטערט און אויס־געשעפּט.

איך בין שוין צו קיין אַרבעט נישט געגאַנגען, נאָר געוואָרן אַ שטענ־דיקער „דניעוואַלני" (באַראַק־אויפפּאַסער). און אויך די דאָזיקע גרינגע אַרבעט, פאַר וועלכער איך האָב זיך ביז היינט די אויגן אויסגעקוקט, איז מיר אַצינד געוואָרן צו שווער.

איך האָב געדאַרפט אויסקערן דעם באַראַק און ברענגען כאָטש אַן עמער וואַסער אַ טאָג פאַר די זיך אומקערנדיקע לאַגערניקעס פון דער אַרבעט, צום טרינקען.

איך בין אָבער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב דעם עמער וואַסער געטראָגן גאַנצע שעהן, אָפּשטעלנדיק זיך מיט אים יעדע פאַר מינוט. דער פעלדשער־דאָקטאָר האָט מיך געהאַלטן אין איין קאָרמען מיט פּילן. נאָר וואָס מער פּילן איך האָב געשלונגען, אַלץ וויניקער האָט עס געהאָלפן.

פון קיין נאָרמאַל עסן האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד. איך האָב זיך דערנערט מיט פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט, געווייקט אין שוואַרצער ביטערער קאַווע.

אויך דאָס שפּיטאָלעכל, אין וועלכן מען האָט מיך געשיקט אויף איניקע טעג, האָט פאַר מיר קיין רפואה נישט געפונען. איך האָב עס געמוזט פאַר־לאָזן שוין בלויז צוליב דעם, כדי זיך נישט צוצוקוקן צו מיינע מיט־קראַנקע, וועלכע זענען איינציקווייז פאַר מיינע אויגן אויסגעגאַנגען.

בין איך צוריקגעקומען אין באַראַק, ווידער געשלינגען פּילן און געטרונקען שוואַרצע קאַווע און זיך אומגעקערט צו מיין פריערדיקער דניע־וואַלני־אַרבעט. און ס'איז מיר מער נישט געבליבן, ווי נאָר צו האָפן אויף אַ נס וואָס זאָל מיך ראַטעווען.

שלמהלע באַווייזט זיך מיט פערדיש פלייש און צוקער

געפינענדיק זיך אין דער דאָזיקער מערכה, בין איך אין איינעם אַ טאָג, ווי ביז אַהער, געגאַנגען ברענגען פאַרן באַראַק וואַסער. איך האָב זיך מיטן עמער אָפּגעשטעלט נישט ווייט פונעם קליינעם טונעל, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון לאַגער.

מיטאַמאָל האָב איך פון מיין אייגענער פּאַרטראַכטקייט אַרויס, — דערהערט עפּעס אַ קול. דאָס קול וואָס האָט זיך אַלע מאָל מער פאַרשטאַרקט, האָט מיר אויסגעזען באַקאַנט. און איך האָב קלאָר געהערט מיין נאָמען. און ווען איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָב איך דערזען שלמהלען, וואָס איז אַ צייט געווען מיין באַשיצער אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

און נאָך איידער איך האָב זיך רעכט אַרומגעזען, האָט ער זיך שוין ווי זיין שטייגער איז געווען, אויף מיר אַרויפגעוואָרפן און אַרומגעכאַפּט. איך האָב אים געוואָלט אָפּשטויסן, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל זיך פון מיר נישט אָנשטעקן, איך האָב אָבער נישט געקאָנט, קיין האַרץ נישט געהאַט דאָס צו טאָן. און ער, שלמהלע אַליין, האָט זיך מיט מיין אויסזען נישט גערעכנט.

ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן אַלץ און האָט מיר אויך דערציילט פון זיינע אייגענע „גליקן”. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, מיין געטרייער ביאַליסטאָקער, געוואָרן אַ גאַנצער „גענעראַל”, אַ „גענעראַל” אין געפאַנגענשאַפט, איבער אַ גרויסער צאָל פערד און וועגענער. און ער האָט שוין אויך באַוויזן עפּעס אָפּצושפּאָרן.

און כדי מיך אין דעם איבערצוצייגן, האָט ער ווי אַ שוואַרץ־קינסטלער, אונטערגעהויבן דעם אָפּצאָס פון זיין לינקן שיך און פון אים אַרויסגענומען אַ פופציק־דאָלאַר־פּאַפּיר, אַן עכטן אַמעריקאַנער פופציקער. און ווי אַ פרומער ייד, וואָס גיט ביי דער הבדלה צו באַשמעקן פון זיין בשמים־ביקסל, אַזוי האָט ער מיר געגעבן דעם פופציקער צו באַזען און באַטאַפּן, „נאַ און זע”.

ער האָט שוין, האָט ער מיר דערציילט, אייניקע מאָל אַהיימגעשיקט צו

פופציק דאָלאַר פאַר זיין כלה, צו קויפן און צוגרייטן מעבל פאַר זיין נייער דירה. און דאָס מאָל וועט עס שוין זיין זיין אמתע כלה, מיט וועלכער ער וועט חתונה האָבן „כדת משה וישראל" (לויטן דין).

ביי מיין גאַנצער פיינלעכער לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך אין דעם מאָמענט געפינען, האָט זיך מיר געגלוסט צו לאַכן פונעם דאָזיקן פריינד מיינעם און חברה־מאַן. אויך אַ פּיפּיקער יאַט, האָב איך געטראַכט, איז נישט מער ווי אַ מענטש און האָט זיך זיינע צייטן, פאַנטאַזיעס און נאַיוויטעטן.

צי האָט ער טאַקע נישט געוווּסט ווי מיר האָבן דאַן געהאַלטן און עס איז אים נישט קלאָר געווען די אמתע לאַגע? איך האָב יעדנפאַלס נישט געוואָלט צעשטערן זיינע אילוזיעס.

צו דעם האָט ער נאָך אַרויסגענומען פון זיין וועג־זאַק אַ פאָר פונט רויט פערדיש פלייש מיט צוקער, זאָגנדיק: „נאַ, כהן, וועסט עס האָבן אויף אַ שטיקל צייט. און אַז דו וועסט נאָך דאַרפן, וועל איך ווידער ברענגען".

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט פייכטע אָבער פאַרוווּנדערטע אויגן, ווי איינעם וואָס איז אַראָפּ פון זינען. און דאַנקנדיק אים מיט געריירטקייט פאַר זיין געטריישאַפט צו מיר, האָב איך אים געפרעגט, צי ער זעט נישט, אַז איך בין קראַנק, טויט קראַנק?

ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז איך זע אויס שלעכט, זייער שלעכט. ער האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב נישט וואָס צו עסן. בפרט האָב איך נישט געהאַט קיין פלייש און צוקער, וואָס איז טאַקע געווען אמת. האָט ער דעריבער געאײַלט מיט הילף.

אָבער ווי אַזוי, האָב איך אים אויפגעקלערט, וועל איך עסן פערדיש פלייש, ווען איך קאָן קיין געוויקטע זעמל נישט עסן? און איך האָב אים דערציילט דעם גאַנצן גרויל פון מיין לאַגע. אויסהערנדיק דאָס האָט ער ווי אַ פאַרשעמטער צוריקגעלייגט זיין פלייש און צוקער אין זאַק אַריין, צוזאָגנדיק מיר נאָך צו קומען באַזוכן.

די ווייסע מאַי־נעכט

מיין קראַנקהייט האָט זיך נישט פאַרבעסערט. און איך האָב צוליב די אָפטע באַדערפעניש אין די נעכט נישט געקאָנט שלאָפן. פלעג איך אין די נעכט זיין אַן אָפטער גאַסט אויפן הויף.

איינמאָל אָבער, ווען איך בין אַרויס אויפן הויף, בין איך גלייך צוריק־געלאָפן אין באַראַק נאָכן קעסעלע, כדי צו נעמען מיין מאָרגן־קאַווע, וואָס איז צוליב מיין קראַנקהייט געווען מיין איינציקע באַשפּייזונג.

ווען איך בין אָבער אַריין אין קיך, האָט דער קוכער אויסגעביטלט אַלע בייזע חלומות צו מיין קאָפּ. ס'איז איינגאַנצן געווען אַרום צוועלף ביינאַכט.

דאָס האָט מיך אַזוי די ווייסע מאַי־נאַכט פאַרפּירט. איינדרויסן איז געווען אַזאַ העלע ליכטיקייט, ווי אין מיטן העלן טאָג. דער הימל, אַ צעשפּריי־טער און צעפּאַסמעוועטער אין אַלערליי קאָלירן, האָט געשאָטן מיט ליכט ווי מיט ווייסן קאַרשן־צווייט.

די ליכטיקייט איז נישט געווען קיין זוניק־גאָלדיקע, די זון האָט נישט געשפּריצט מיט איר גאָלד, נאָר ווי פון אומענדלעכע קרישטאָלענע תהומען, האָט אַ העלע ווייסקייט אַרויסגעקוואָלן און מיט דעם ליכט די צפונדיקע נאַכט באַשאָטן.

און כאָטש געקנוילט אינעם אייגענעם פּיין, — האָבן מיינע אויגן אין זיך איינגעזאַפּט דעם כישוף פון מעשה בראשית. איך בין אַ פאַרגאַפטער געשטאַנען און באַוואונדערט דעם פּראַכט פון דער יצירה, פון אַ יצירה, וואָס איז פול מיט שיינקייט און מיאוסקייט. די מיאוסקייט פון אַ לעבן אין יסורים...

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אויפגעהערט אַרבעטן

איך האָב זיך שוין צו קיין אַרבעט נישט צוריקגעקערט. און דאָס האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין נייעם לאַגער־קאָמענדאַנט, דעם קאַפּיטאַן איסאַקאָוויטש. דער דאָזיקער יידישער קאַפּיטאַן איז אַצינד געווען מיין פריינד און גואל. ער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אַזויפיל גוטסקייט, וויפל נאָר מען האָט זיך ביי יענע באַדינגונגען געקאָנט דערלויבן.

און געניסנדיק פון זיין האַרציקייט, האָב איך למעשה באַנומען דעם זאָג: „ישראל אף שחטא ישראל הוא". אויך אַן ענקאַוועדיסט, אויב נאָר ער האָט אַ יידיש האַרץ, איז אַ ייד...

ווי נאָר איך האָב זיך דערפילט שוואַך, האָט ער מיך באַפרייט פון דער אַרבעט און מיך באַשטימט פאַרן שטענדיקן „דניעוואַלני" (צורוימער). אַן אַרבעט, וואָס איך האָב שוין אויסגעפירט ביזן סוף פון מיין זיין אין לאַגער.

די קיך האָט מיך געשפייזט פון „אָפיצערסקן קעסל", — באַקומענדיק אויך אַ נאָכשפייז. און כאָטש בעת מיין קראַנקהייט האָב איך סיווּוי פון דעם נישט געקאָנט געניסן, איז אָבער שוין בלויז די ענדערונג געווען דער־פרייענדיק. נאָר דאָס באַזונדערע וואָס איסאַקאָוויטש האָט מיר אַרויסגע־וויזן, האָט אַלץ איבערגעשטיגן. בפרט נאָך מיין דערפאַרונג מיטן פחדנות־דיקן ענקאַוועדיסט יעווגעני.

דער דאָזיקער מיליטערישער נאַטשאַלניק האָט מיך נישט נאָר געמונ־טערט, זאָגנדיק: „יאַקאָוו אַראָנאָוויטש, ניע פּאַדאַי ז דוכאַ" (יעקב בן אהרן, פאַרליר נישט דעם מוט), נאָר האָט זיך מיר גלייכצייטיק אַנטפּלעקט ווי אַ גוטער ייד.

די גאַנצע צייט פון מיין פאַרברענגען אין תפיסה און אין לאַגער האָב איך מיט קיין קאַפּיטאַנען נישט געהאַט צו טאָן. אויסער די ציווילע לאַגער־נאַטשאַלניקעס, וועלכע האָבן זיך צו מיר באַצויגן מענטשלעך, האָב איך נאָר געהאַט צו טאָן מיט אַ פּשוטן ענקאַוועדע־וועכטער. אַ וועכטער האָט אונדז געפירט צו און פון דער אַרבעט, און אַ שומר איז געשטאַנען אויפן לאַגער־טורעם מיטן אַן אָנגעצילעוועטער מאַשין־ביקס, גרייט צו שיסן אויף יעדן איינעם וואָס וועט זיך נאָר פּרווון אַדורכרייסן דורך דער לאַגער־צוים. דער איינציקער „טשין", אַ קאַפּראַל, איז געווען יעווגעני, וואָס איז מיר דערגאַנגען די יאָרן.

און דאָ האָב איך געהאַט צו טאָן מיט אַ גאַנצן קאַפּיטאַן, פון וועמען מען האָט קיין באַזונדערע שטרענגקייט נישט אַרויסגעזען און ער האָט זיך צו אַלעמען באַצויגן קאָרעקט.

לויט מיין נאָמען און פאַפּירן האָט ער געוווּסט, אַז איך בין אַ פּוילישער ייד פון ביאַליסטאָק. אַן איינציקער ייד אינעם דאָזיקן מיליטערישן לאַגער, אַ „תינוק שנשבה בין הלאַגער־גויים". האָבן, ווייזט אויס, מיינע ליידן און

באַזונדער מיין יידישער פּיין אין אים אויפגעוועקט זיין יידיש דרימלענ־דיק געפיל.

און ער האָט געפונען פאַר נייטיק, ער, דער „פריי״־געפאַנגענער רוסי־שער ייד, זיך צו אַנטפלעקן פאַר אַ צווייטן אינגאַנצן פאַרשקלאַפטן פוילישן ייד...

נתגלה צו ווערן, הגם אין אַ פרעמדער שפּראַך. אָבער פּאָרט דורך זיין יידיש האַרץ און אויסגעשטרעקטער העלפנדיקער האַנט. און כאָטש גערעדט האָט ער רוסיש, זענען זיינע באַזונדערע טראַדיציאָנעלע אויסדרוקן, פאַר מיר געווען פול מיט באַדייטונג. און איך האָב דעם דאָזיקן מאָדערנעם מאַראַן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גוט פאַרשטאַנען.

די פּירוואָביקע קראַנקהייט, וואָס האָט אויסגעשעפּט גאָר מיינע כוחות, האָב איך איבערגעלעבט. איך בין אַרויס פון מלאך המוות הענט, איינער פון הונדערט. איך האָב אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין, פונוואַנען עס האָבן זיך צו מיר גענומען כוחות אויסצוהאַלטן די דאָזיקע פּלאָג.

איך, אַן אויסגעטרוקנטער און שוואַכער נאָך פון געבורט, האָב איבער־געלעבט די נישט־יידישע קראַנקע, פיל געזונטערע פון מיר. איך האָב אין יענער מינוט נאָך נישט געוווּסט, אַז נאָך איין לעבנס־קריזיס ביים סאַמע שוועל פון מיין באַפרייונג וועל איך מוזן אַדורכמאַכן. וואָרעם געמיינט האָב איך, אַז דאָס איז שוין גאָר מיין לעצטער נסיון.

אָבער נאָכן געזונט ווערן, האָב איך זיך ערשט גענייטיקט אין אמתער פלעגע און רו. האָב איך דאַך אין פאַרלויף פון פיר וואָכן אויסער ביטערע קאַווע און פאַרקוואַרטע ברויט־סקאָרינקעס גאָרנישט טועם געווען.

איז מיר איסאַקאָוויטש ווי אַ מלאך געקומען צוהילף. ער האָט מיך אויף זיין אייגענער אחריות ווייטער געהייסן זיין „דניעוואַלני״ און פאַר־אָרדנט מיר צו געבן פון דער מיליטערישער קיך וויפל עסן נאָר איך וועל וועלן.

נאָר גאָר מיין גייסט האָט ער געהויבן דורכן ברענגען מיר אַ גרוס פון ביאַליסטאָק און אפילו פון מיין אייגענעם נאָוואָליפּיע־בית־מדרש. און הגם דורכן דאָזיקן גרוס האָט ער נאָך מער אין מיר אויפגערודערט מיין היים־בענקעניש, — האָט ער אָבער פון דער צווייטער זייט, דורכן אַקצענטירן אויף אַזאַ אופן זיין יידישן אויסדרוק, מיר, זיין אומבאַהאָלפענעם אונטער־געאָרדנטן, געמוטיקט.

ס׳איז געווען אין די לעצטע טעג פאַרן איבערפירן מיך מיט אַ גרופּע לאַגערניקעס קיין פּיעטשאַרא, כדי אויסצוגעפינען אונדזערע פּערזענלעכע פּאַפּירן, וואָס זענען אונדז געווען אַזוי נייטיק צו דער באַפרייונג.

די לאַגערניקעס זענען ווי תמיד אין דער צייט געווען ביי דער אַרבעט. איך בין אַרויס נאָך עפּעס אויפן לאַגער־הויף. דאָן איז צו מיר צוגעקומען איסאַקאָוויטש, פאַרפירנדיק מיט מיר אַ פריינטלעכן געשפּרעך.

נאָכן פרעגן מיך ווי איך פיל זיך, האָט ער פאַרגעזעצט: „ביסט פון ביאַליסטאָק, און ווו האָסטו געוווינט?". איך האָב אים אָנגעגעבן מיין אַדרעס. מיין געגנט איז אים קענטיק געווען באַקאַנט, ווייל ער האָט מיר גלייך גענומען אויסרעכענען אַלע גאַסן פון מיין ראַיאָן.

און כדי איך זאָל פאַר אים נישט מורא האָבן און צו אים האָבן דעם פולסטן צוטרוי, האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון מיין בית־מדרש ווו ער איז געווען און ווו איך פלעג דאַווענען שבתים און ימים־טובים.

אין ביאַליסטאָק האָבן נישט געפעלט קיין בתי־מדרשים. יעדער ראַיאָן האָט זיך געהאַט זיין בית־מדרש. און ווי איך האָב אין אָנהייב געשריבן, האָבן די קאָמוניסטן גלייך ביי זייער אַריינטריט קיין ביאַליסטאָק און דאָס אונטער דער אָנפירונג פון אַ יידישער לערערין, איבערגעמאַכט דעם תחכמוני־בית־מדרש אויף אַ יעווסעקישער שולע.

די איבעריקע בתי־מדרשים אָבער, בפרט דעם נאָוואָליפּיע־בית־מדרש, האָבן די קאָמוניסטן ביז מיין אַרעסטירט ווערן אין ביאַליסטאָק געלאָזט צורו. עס קאָן זיין, ווייל די אייגענע יעווסעקעס האָבן זיך נאָך אויף זיי נישט געהאַט פאַרלייגט.

האָט מיר איסאַקאָוויטש דערציילט פון זיין באַזוך אינעם דאָזיקן בית־מדרש, אינטאָנירנדיק באַזונדער אין יידיש די טראַדיציאָנעלע אויסדרוקן. און כדי איך זאָל אינגאַנצן זיין זיכער אינעם גרוס, האָט ער מיר געשיל־דערט די שכנהשאַפט און דעם אינערלעכן אויסזען פון דער שול. ער האָט טאַקע דערמיט מיין צוטרוי געוווּנען, און איך האָב זיך אין אים ביזן סוף נישט אָפּגענאַרט.

מען גרייט מיך ענדלעך צו צו מיין באַפרייונג

די סימנים פאַר מיין באַפרייונג פונעם לאַגער האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. דער ערשטער סימן איז געווען וואָס מען האָט מיך

שוין נישט געהיטן. נאָר אויב פריער, ווען איך האָב נאָך געאַרבעט, האָט מען מיך צו איר געפירט — הגם אָן אַ ביקס, — האָב איך איצנד, ווען איך האָב נישט געאַרבעט, זיך שוין גאָר אַליין באַוועגט.

אמת, גאָר ווייט בין איך נישט פאַרגאַנגען. ס'איז אויך נישט געווען וווהין און צו וואָס. ווייל דער גאַנצער אַרום איז ווי אין די פריערדיקע לאַגערן געווען וויסט און ליידיק. און הגם אַרום דעם לעצטן לאַגער איז פאַרן דייטשישן אָנפאַל יאָ געווען לעבעדיק, איז אָבער איצינד אויך אינעם דאָזיקן אַרום געווען ווי אויף אַ בית־עולם.

ווייל אויסער אַ קליינער צאָל מיליטער־לייט און די אויף דער באַפרייונג וואַרטנדיקע לאַגערניקעס, זענען אַלע איבעריקע פונדאַנען אַוועק.

ס'איז אָבער נישט פאַראַן קיין בעסערער סימן פאַר אַ דערוואַרטע געשעעניש, ווי דער אָנקום פון דער געשעעניש גופא, ווי דער סאַמע אַקט פון דער געגאַרטער באַפרייונג, און די הכנות צו מיין באַפרייונג האָבן זיך שוין ווירקלעך אָנגעהויבן.

צוליבן פאַרשלעפּן פון די דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט מיין משפּט און לאַגער־איבערשיקונג, אַזש צו די טונדרעס, האָט זיך מיין גאולה געמוזט אַביסל פאַרציען.

און איך האָב האַרט פאַר מיין באַפרייונג נאָך געמוזט פאַרזוכן דעם טעם פון נייע יסורים און שרעק, פון יסורים, וואָס האָבן געקאָנט צונישט־מאַכן נישט נאָר אַלע מיינע האָפענונגען, נאָר מיך אַליין אינגאַנצן...

כדי אַרויסצוקריגן די דאָזיקע פּאַפּירן לטובת אונדזער באַפרייונג, האָט מען אונדז, אַ גרופּע לאַגערניקעס, אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער רייזע, אַ רייזע, וואָס האָט געדאַרפט נעמען זעקס וואָכן, בלויז צו שלעפּן זיך מיטן פראַכט־צוג, אַחוץ דאָס איבערשיפן זיך דורכן ווייסן ים און אַרכאַנגעלסק, קיין פּיעטשאָראַ. דער דאָזיקער „טילטול הדרך" (וועג־מאַטערניש), האָט אויך גורם געווען צו מיין נייער טויטלעכער קראַנקהייט.

מען האָט אָנגעהויבן פאַרזאַמלען אַלע לאַגערניקעס, וועמענס וויראָקן ס'האָבן זיך געדאַרפט ענדיקן אין די נאָענטסטע וואָכן. און אויף דער דאָזי־קער פאַרזאַמלונג בין איך אויך געווען. און אויב די פאַרזאַמלונג אַליין איז פאַר מיר, דעם פרייהייט־דורשטיקן, נאָך נישט געווען קיין גאָר זיכערער באַווייז, האָט מען אָבער אויך אָנגעהויבן אויסצורופן די נעמען פון די, וואָס האָבן געזאָלט אין די נאָענטסטע טעג אָפּפאָרן קיין פּיעטשאָראַ. כאָטש

צווישן די צוגעגרייטע צום אָפּפאָר, בין איך פונדעסטוועגן נאָך אַלץ אויף דער פאַרזאַמלונג געשטאַנען מיט ציטער און האַרץ־קלאַפּעניש, דערוואַר־טנדיק צו הערן אויך מיין נאָמען צווישן די אויסגערופענע.

איך האָב נאָך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער, טאָמער... טאָמער געשעט עפּעס אַ מכשול און איך בלייב איבער. איך האָב זיי נאָך אַלץ נישט געוואָלט געטרויען, מיינע „באַפרייער". געהאַט צו זיי וויניק צוטרוי.

איך האָב זיך אָבער מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרט. און אָ, גאָט! מען האָט מיך נישט פאַרפעלט. איך האָב געהערט אויסרופן מיין נאָמען. און פאַר פרייד האָב איך אַרומגעכאַפּט עמעצן פון די אויסגערופענע, ווי ער וואָלט געווען אַ שותף צו מיין גליק. איך האָב אפילו אין דעם מאָמענט רעכט נישט געזען, צי ער איז געווען אַ רוס, אַן אוזבעק אָדער אַ טאָטער. אַבי נאָר ס'האָט אין אים געקלאַפּט אַ האַרץ און ס'איז אין אים געפלאָסן מענטשלעך בלוט.

איסאַקאָוויטש באַקליידט מיך פון קאָפּ ביז פיס

אין דער באַפרייונגס־רשימה בין איך געווען, צו דער רייזע בין איך געוואָרן צוגעגרייט, וואָס נאָך האָט מיר געפעלט? עס האָבן מיר געפעלט מלבושים. איך בין געגאַנגען קריעה בליעה. געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, וואָס אַ היימישער בעטלער וואָלט זיך אין זיי געשעמט צו גיין.

די ברכה פון די בני ישראל אין דער מדבר האָט צו מיר נישט דער־גרייכט. איז דעריבער פון דער נייער „פופייקע", היטל און הויזן, וואָס איך האָב באַקומען נאָך דער „סאַן־אבראבאטקע" (סאַניטאַרע באַאַרבעטונג) אין מינסק, מיר מער נישט געבליבן ווי צעלעכערטע, שמוציקע שטיקלעך וואַטע. און אויסער פאַרן צוועק פון וואַרעמען דעם קערפּער און בעטגעוואַנט, וואָס אַזעלכע בגדי־מלכות דינען דעם מענטש אין אַ סאָוויעטישן לאַגער, דינען זיי נאָך אויך פאַר אַנדערע נישט־מלבושימדיקע צוועקן.

האָט זיך מיין חושכדיק פּנים פון די דאָזיקע פאַרסמאַליעטע מלבושים כמעט נישט אַרויסגעזען. און מיין צורה איז געוואָרן היינו הך, ווי די אָפּגע־טראָגענע צעפּוילטע מלבושים.

האָט זיך איסאַקאָוויטש אויף מיר מרחם געווען און האָט מיר אַרויס־געגעבן אינגאַנצן נייע זאַכן — אַ נייע פופייקע און הויזן, און דער עיקר, אַ פּאָר נייע מיליטערישע באַטשוועקטע גלע שיך, מיט וועלכע אַ געזונטער

„פּאַניע" וואָלט זיך נישט געשעמט אויסצוקלאַפּן פּאַר זיין עלטסטן זיינע טריט, און ווען נישט מיין צרהדיקער אויסזען, וואָלט איך אין זיי אויסגעקוקט ווי אַ לאָרד.

די איבעריקע לאַגערניקעס האָבן מיך דאָס מקנא געווען. מקנא געווען מיין נייעם „מלכותדיקן הולך". כאָטש ווען איך האָב אין די נייע וואַטעווע זאַכן פּאַראַדירט אויף דער זון, בין איך אין זיי גאַנץ פיין צעשמאַלצן געוואָרן און זיך באַגאָסן מיט שווייס.

די הכנות צו דער באַפרייונג זענען געווען אין פולן גאַנג. צוליב די סאָוויעטישע באַדינגונגען איז נישט אַלץ צוגעגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. בפרט אַדורכצומאַכן אַזאַ ווייטע רייזע.

דערווייל האָבן מיר גענומען מאַרשירן צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע, וועלכע איז נישט געווען אַזוי נאָענט. עס האָט גענומען אייניקע טעג איר צו דערגרייכן. אָפּגעשוואַכט פון מיין לעצטער קראַנקהייט, וואָלט מיר דער איצטיקער מאַרש נאָך שווערער אָנגעקומען, ווען איך וואָלט נישט געווען באַהויכט מיט דער וויזיע פון מיין נאָענטער באַפרייונג.

אָנגעקומען צו דער סטאַציע, זענען מיר מיט דער באַן געפאָרן פון אָרט צו אָרט. דאָס איז געווען כדי אונדז צו פאַראייניקן מיט נאָך אַזעלכע גרופּעס ווי מיר.

אין אונדזער לעצטן לאַגער זענען מיר שוין אונטער קיין שום וואַך נישט געווען. נאָר דאָ, אויפן נייעם אָרט, וווּ מען האָט אונדז צייטווייליק צוגעטשעפּעט צו די אַנדערע לאַגערניקעס, האָבן מיר זיך צוליב זיי דערווייל צוריקגעפונען אונטער דער געמיינזאַמער וואַך.

קיין לאַגער־אַרבעט איז דאָ ביים גרעסערן באַן־קנופּ נישט געווען. נאָר צוליב דער מלחמה איז די גאַנצע אַרבעט דאָ באַשטאַנען אין אויסלאָדן און אָנלאָדן פאַרשידענע באַן־משאות. כאָטש די ארבעט איז נישט געווען קיין גרינגע, איז זי אָבער פאַר געניטע משא־טרעגער געווען אַ גאַנץ געוויינ־לעכע אַרבעט.

דערפאַר איז די דיסציפּלין ביי דער אַרבעט געווען אַ לויזע. אַ טייל האָבן אויך אַליין געוואָלט טאָן אַזאַ אַרבעט, ווייל פון צייט צו צייט האָט מען אויך אויסגעלאָדן שפּייז, פון וואָס מען האָט אויף פאַרשידענע אופנים גענאָסן.

איך האָב דאָ, אין קעגנזאַץ צו מיין לעצטן לאַגער אונטער איסאַקאָ־וויטשן, אויך געמוזט צולייגן אַ האַנט צו דער לאָדונגס־אַרבעט. מיין צוגע־

לייגטע האַנט אָבער איז געווען אַ גאַנץ שוואַכע. זי האָט זיך אינעם אַלגע־מיינעם אָנשטרענג פון די אמתע האַרעפּאַשניקעס נישט געפּילט...

ביים מינדסטן ווילן וואָלט איך זיך אויך פון דעם געקאָנט באַפרייען, ווייל איך בין דאָך שוין געווען ווי אַ באַפרייטער. מען וואָלט אָבער, האָב איך מורא געהאַט, אין הסכם מיט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע: „ווער עס אַרבעט נישט, עסט נישט", נישט געגעבן צו עסן.

איך האָב אויך אויף מיין לעצטן אויפמאַרש צו מיין באַפרייונג מיט גאָרנישט געוואָלט ריזיקירן. און איך האָב זיך דאָ נאָכאַמאָל איבערצייגט, ווי גוט איסאַקאָוויטש איז צו מיר געווען.

דער דאָזיקער אַרבעטס־פּלאַץ איז בלויז געווען מיין ערשטער עטאַפּ. מיר זענען אָבער נאָכן אָפּזיין דאָ אַ שטיקל צייט, געפאָרן צו אַ ווייטערדיקן פּונקט, וואָס איז געווען נישט ווייט פונעם ברעג, וווּ די דווינע פאַלט אַריין אינעם ווייסן ים.

איך ווער אויפסניי קראַנק און דער דאָקטאָר איז זיך פון מיר מייאש

מיר זענען אָנגעקומען צו אַ ניי אָרט. מען האָט אונדז איינגעקוואַר־טירט אין גאַנץ פיינע באַראַקן, וועלכע זענען פון אַנדערע געוואָרן פאַר־לאָזט.

די אַלע פּלעצער, וואָס זענען געלעגן אויף אונדזער וועג צום ים און ווו מיר האָבן צייטווייליק סטאַציאָנירט, זענען געווען נאָענט צו פּראָכט־סטאַציעס, ביי וועלכע טאָקע מיר האָבן געאַרבעט.

מער ווי די דאָזיקע פּראָכט־סטאַציעס האָבן מיר נישט אָנגעקוקט. מיר האָבן דעם איבעריקן אָרום נישט געזען. און אָט דער דאָזיקער גאַנצער וועג אויף וועלכן מיר האָבן זיך אַצינד געדרייט ווי אין אַ כישוף־קרייז, איז אַלץ געווען דער צפון, צו וועמענס ווייטסטע וויסטענישן מיר האָבן געצילט אָנצוקומען.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך אָנצוואַרעמען און האָב נאָך נישט פאַרגעסן דעם טעם פון דער פאַרשווונדענער דיזענטעריע, ווי אַ נייע קראַנקהייט איז מיך באַפאַלן, וועלכע האָט פאַרצערט די לעצטע כוחות, וואָס זענען מיר נאָך פון יענער געבליבן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קליין געשווילעכץ אויף אַ פילבאַר אָרט,

וואָס דער היגער דאָקטאָר גודינאָוו האָט עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער האָט פון אַזאַ קראַנקהייט נישט געהאַלטן.

און אַז עס איז געוואָרן אַביסל גרעסער, האָט ער עס ווי מיט אַ כישוף־שפּרוך, מיט אַ בלויזן שמיר פון יאָד געוואָלט פאַרטרייבן.

דאָס געשווילעכץ אָבער האָט זיך איינגעעקשנט, און ווי אַ דיבוק האָט עס נישט געוואָלט פאַרלאָזן מיין גוף. און וואָס מער מען האָט עס געפּרוווט שמירן, יאָדינירן, אַלץ מער האָט זיך עס פאַנאַנדערגעוואקסן אין דער לענג און אין דער ברייט.

לכתחילה האָב איך בלויז זיך נישט געקאָנט אָנבייגן. שפּעטער האָב איך שוין אויך נישט געקאָנט גיין, ביז איך האָב שוין אויך נישט געקאָנט זיצן און די קוליעס, מיט וועלכע דער דאָקטאָר האָט מיך מזכה געווען, האָבן שוין אויך נישט געהאָלפן.

דאַן האָט גודינאָוו פאַראָרדנט מיך אַריינצולייגן אין בעט אין אַ באַזונדער צימער, אונטער דער אויפזיכט פון אַ סאַניטאַר און דער שוועסטער קסעפאַניאַ, וועלכע האָבן איבער מיר געוואַכט, ווי איבער אַ קליין קינד.

ער אַליין, גודינאָוו, פלעגט זיך צו מיר אויך אַריינכאַפּן, נאָר אַנשטאָט רפואות, אָדער מען זאָל מיר מאַכן אַ וואַרעמען קאָמפּרעס ווי איך האָב געבעטן, האָט ער מיך געהיילט בלויז מיט רייד פון מוט און טרייסט.

ער פלעגט מיר, דער נישט שלעכטער גודינאָוו, דערציילן מוסר־השכלדיקע מעשיות און מוטיקן אויפן רוסישן שטייגער: יאַקאָוו אַראָנאָוויטש, פאַל נישט ביי זיך. שטאַרק זיך און נעם זיך אין די הענט אַריין. געדענק, אַז דו ווילסט אַהיימפאָרן. און זאָל דאָס זיין דיין רפואה".

און די שוועסטער קסעפאַניאַ פלעגט מיר ברענגען געפּרעגלטע פיש און אַנדערע אַזעלכע שטייגער זאַכן, זאָגנדיק צום גראַם: „פּאַמאַזשעם טשעם מאָזשעם", מיר וועלן העלפן מיט וואָס מיר קאָנען.

נאָר ווי גוט און מענטשלעך זיי זענען צו מיר נישט געווען, האָב איך ביי זיי אַזאַ קליניקייט, ווי אַ הייסן קאָמפּרעס נישט געקאָנט פועלן. גודינאָוו, ווי אַ פאַנאַטישער סעקטאַנט, איז, ווייזט אויס, געווען איינגעגלויבט אין זיין היילונגס־מעטאָד, וואָס איז נישט געווען קיין היילונג און נישט קיין מעטאָד. און קסעפאַניאַ ווי אַ דיסציפּלינירטע שוועסטער, האָט זיך אים מורא געהאַט קעגנצושטעלן.

און איך אַ צוגעשמידטער צום בעט, בין אין די סאַמע לעצטע טעג פון

מיין באַפּרייזונג, געלעגן אַן איינזאַמער, פאַרצווייפלטער קראַנקער, ערגעץ אין אַ וויסט פאַרוואָרפן אָרט.

און צאַפּלענדיק זיך אין יסורים און אָנמאַכט, האָב איך נאָך מורא גע־האַט מען זאָל מיך ערגעץ נישט איבערלאָזן אויף הפקר...

כאָטש צו מיר אין איינזאַמען צימער זענען פון דרויסן קיין שום ידיעות נישט דערגאַנגען, האָב איך פונדעסטוועגן געפילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס — וואָס האָט אויך צו מיר אַ שייכות. הגם איך האָב אויף קלאָר נישט געוווּסט אין וואָס דער עפּעס באַשטייט.

דער דאָזיקער פאַרדאַכט האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. ער האָט זיך אין די נאָענטסטע טעג באַשטעטיקט ביי די וויזיטן פון סאַני־טאַר און באַזונדער פון דער שוועסטער קסעפּאַניאַ, וועמענס פאַרזאָרגטע בליקן פון אירע סומנע אויגן, האָבן מיך אַדורכגענומען מיט אַ פיל זאָגנדיקן רחמנות...

און ס'האָט נישט לאַנג גענומען, ווי מען האָט מיך גענומען צוגרייטן צום ווייטערדיקן מאַרש. קיינער האָט מיר נישט געזאָגט וווּהין מיר גייען און איך האָב אויך נישט געפרעגט. האָב נישט געוואָלט זיי שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. און ווי אַ פאַרמשפּטער אין זיינע לעצטע מינוטן, האָב איך זיך געוואָלט שטאַרקן נישט אַרויסצווייזן קיין יסורים און שרעק.

פאַר זיך אַליין אָבער איז מיין לאַגע געווען גענוג טראַגיש. זי איז גע־ווען גלייך צו אַ טויט־דאַרשטיקן אין דער מדבר, וועלכער דערשלאָגנדיק זיך ענדלעך צו אַ קוואַל, דערוויסט זיך, אַז דאָס וואַסער איז פאַרסמט...

ווערן געטראָגן אַן אומבאַוועגלעכער קנעכט אויף דער שוועל פון זיין באַפרייונג, — און לעבן מיטן בלויזן זכות פון געשענקטן רחמנות און דער־מיט נאָך מער באַלאַסטן די לאַסט פון די איבעריקע, האָט מיר אויסגעזען שרעקלעך.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

אין אַ טראָגבעטל צו דער באַן

מען האָט מיך פאַרזיכטיק איבערגעלייגט אין אַ טראָגבעטל. צוויי לאַגערניקעס האָבן מיך אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר און שוועסטער

באַמעלעך געטראָגן צו דער סטאַציע. און אין מיין זכות האָבן שוין אויך די איבעריקע געמוזט איינהאַלטן די טריט.

אין וואַגאָן האָט זיך שוין געפונען מיין פריערדיק בעטל, אין וועלכן מען האָט מיך איבערגעלייגט, און מיר זענען געפאָרן צו אַ ווייטערדיקן פונקט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַציע, ווו מען האָט מיך אַראָפּגענומען.

דער וואָקזאַל איז געווען פול מיט איבערוואַנדערנדיקע פּליטים פון פאַרשידענע פעלקער, וואָס באַוווינען רוסלאַנד, פון וועמענס עוואַקואירנ־דיקן טומל מען האָט געקאָנט זען די לאַגע פונעם רוסישן פראָנט.

מיין קראַנקער אויסזען און נאָך מער מיין צוגעשמידט זיין צום לאַגער־בעט, האָט ביי אַ טייל פּליטים צו מיר אַרויסגערופן גרויס רחמנות. מען האָט מיר פון אַלע זייטן געוואָלט מיט עפּעס העלפן.

מען האָט מיר דערלאַנגט טיי, עכטן „טשיי" מיט קיכעלעך, און איינע אַ רוסישע, גערירט פון מיין לאַגע, האָט געעפנט גאָר איר שפּייז־אוצר. זי האָט מיר געגעבן פונעם שענסטן און בעסטן.

אַ צווייטע איז אויף גיך אַרויסגעלאָפן און האָט מיר פון ערגעץ געבראַכט טיי מיט מאַלינעס. איבערלאָזנדיק מיר צוקער מיט אַ סלאָי האָניק, וואָס זענען דאָן געווען פּראָדוקטן פון אַ גרויסן ווערט.

דער גאַנג קיין אַרכאַנגעלסק איז נישט געווען גאָר קיין וואָרעמער. הגם ס'איז שוין געווען די צייט פון זומער און די לאַגערניקעס האָבן געזוכט אַ ביסל זוניקע וואַרעמקייט. איז מען אַרויס פונעם שאָטנדיקן קאַלטן וואָק־זאַל צום ברעג פונעם גרויסן טייך, וואָס איז אַצינד געווען פול מיט זון און מען האָט אויך מיך אַהין אַרויסגעטראָגן.

מען האָט מיך אַוועקגעלייגט קעגן דער זון, ווי מען לייגט אַוועק אַ פּעקל. און אַזוי אומבאַוועגלעך בין איך געלעגן ביים ברעג ביז די זון האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן.

פאַרנאַכט־צו, ווען די זון האָט אָנגעהויבן פאַרגיין און עס האָבן אָנגע־הויבן בלאָזן קילע ווינטן, האָט זיך דער עולם לאַגערניקעס אויף גיך אָנגע־הויבן פאַנאַנדערצולויפן.

איך האָב געוואָרט מען זאָל מיך צוריק אַריינטראָגן אין וואָקזאַל, נאָר קיינער האָט זיך אויף מיר נישט מרחם געווען. און ווען דער לעצטער לאַגערניק איז אַוועק פון טייך־ברעג, איז מיך באַפאַלן אַ שרעק מען זאָל מיך נישט איבערלאָזן אַליין ביים פינצטערן טייך־ברעג.

האָב איך ווי אַ קינד אָנגעהויבן בעטן און שרייען מען זאָל מיך נישט איבערלאָזן אַליין. און מיין געשריי איז געהערט געוואָרן. אַ רוסישער ייד, נישט פון מיין לאַגער־גרופּע איז געקומען צו לויפן. ער האָט מיך ווי אַ זעקל מעל מיט זיינע שטאַרקע הענט אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע פּלייצעס. און באַרויקנדיק מיך מיט זיין רוסישן יידיש, האָט ער מיך צוריקגעבראַכט אין וואָקזאַל.

די קראַנקהייט ווערט ערגער

מיין מכה האָט זיך אַלץ מער פאַרגרעסערט. קיין אויסוועג פון מיין לאַגע האָב איך נישט געזען. בפרט, ווען מען האָט מיך בכלל נישט געהיילט. אויך דאָס ביסל שמירעכץ האָט מען מיר אויפגעהערט צו געבן.

ווייזט אויס, אַז גודינאַוו האָט זיך שוין אין גאַנצן פון מיר מיאש געווען. ער האָט מער נישט געגלייבט אין קיין רפואות, אָדער אויסערן פלעשל יאָד האָט ער מער גאָרנישט פאַרמאָגט. און וועגן אַן אָפּעראַציע אין באַדינגונגען פון וואַגדערן, האָט אויך נישט געקאָנט זיין קיין רייד.

אַזוי צי אַזוי, האָט דאָס אַלץ פאַר מיר נישט געקאָנט זיין קיין טרייסט. און דער לעצטער פאַל ביים טייך־ברעג האָט נאָך פאַרשטאַרקט די סכנה פאַר מיין לעבן. און דאָס האָט מיר געגעבן פיל איבערצוטראַכטן.

איך האָב אָנגעהויבן איינזען, אַז טראָץ זייער הילפס־גרייטקייט בין איך פאַר זיי אַן איבעריקע לאַסט, און זיי וואָלטן געוואָלט פון מיר פטור ווערן, הגם אויף אַן אומדירעקטן אופן...

און צוהילף נעמענדיק די דערפאַרונג פון מיין אייגענעם אויסגע־קרענקטן אָרגאַניזם, — בין איך ווידער צוגעשטאַנען צו קסעפּאַניען, ווייל גודינאַוו האָט זיך צו מיר שוין מער נישט באַוויזן, זי זאָל מיר מאַכן אַ הייסן קאָמפּרעס.

און ווען זי האָט מיר ווידער אָפּגעזאָגט, בין איך אַריין אין אַזאַ פאַר־צווייפלונג, וואָס האָט געקאָנט אונטערגראָבן דעם לעצטן אַזוי אויך שוואַכן יסוד פון מיין לעבן.

דער ווילן צו לעבן איז אָבער געווען שטאַרקער ווי אַלע מיינע פאַר־צווייפלונגען, און איך האָב זיך מיט ציין און נעגל איינגעביסן אינעם אייגע־נעם לעבן. איך האָב באַשלאָסן זיך אַליין צו היילן און האָב דעם דאָזיקן פעסטן באַשלוס אויך אויסגעפירט.

נישט קוקנדיק אויף מיין שוועריקייט פון באַוועגן זיך, האָב איך צעריסן דאָס שמוציקע העמד, וואָס כ'האָב געטראָגן אויף זיך, און מיט אירע אָפּגע־ריסענע פּאַסן האָב איך מיט אַלע מיינע כוחות איינגעפּרעסט די מכה.

איך האָב איר אַזוי איינגעקלעמט, אַז זי זאָל מוזן אויב נישט תיכף אויפהערן, איז לכל הפחות צעדריקט ווערן. און דער רעזולטאַט האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן.

אויף צומאָרגנס, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָב איך דערפילט אויפן קראַנקן אָרט אַ נאַסקייט. דאָס האָט אַזוי דאָס געשווירן קעפּל פונעם שטאַרקן דרוק טיילוויז געפּלאַצט. און הגם דער איבעריקער טייל פון דער גרויסער מכה איז נאָך געווען געגנוג האַרט אויף נישט אונטער־צוגעבן זיך, איז דאָס אָבער שוין געווען אַן אָנזאָג פון אַ שטופּנווייזן נאָכ־לאָזן און געזונט ווערן, וואָס איז נאָר געווען אַ פראַגע פון צייט.

ווען די שוועסטער איז געקומען, האָב איך מיט פרייד איר געוויזן דעם רעזולטאַט פון מיין אַליין געמאַכטער אָפּעראַציע. איך האָב איר דערביי מיט ביטערקייט אויסגערעדט איר נישט נאָכגעבן מיין פילמאָליק בעטן זיך, וואָס האָט מיר פאַראורזאַכט אַזוי פיל אומזיסטע ליידן.

און וואָס אַזויפיל געבעט האָט נישט באַוויזן צו העלפן, האָט אַצינד געהאָלפן איין איינציק שטיקל דערפאָלג. קסענאָפאָנטיע האָט שוין איצט גלייך געבראַכט וואַרעם וואַסער מיט באַנדאַזשן און האָט, נאָכן אויסרייניקן דאָס געפּלאַצטע אָרט, עס צוריק איינגעצויגן אין אַ וואַרעמען קאָמפּרעס.

די קאָמפּרעסן האָבן נאָך לאַנג געדויערט. אָבער וואָס אַמאָל מער איז די מכה ווייכער געוואָרן און ווי אַ קנאָספּ זיך אַלץ מער געעפנט. די אַרייב־געלייגטע יאָד־קנייטלעך האָבן אויך זייערס געטאָן, זיי האָבן אויסגעברענט דאָס איבערגעבליבענע אומריינקייט און דערנענטערט די רפואה. און איין טעג אַרום בין איך שוין געווען אַרויס פון דער געפאַר.

פון דער לעבנס־סכנה בין איך אַרויס. איך האָב אָבער נאָך נישט געקאָנט באַוועגן מיט די פיס. און איך האָב זיך נאָך אַ צייט ביים גיין געמוזט באַנוצן מיט די קוליעס, מיט וועלכע איך האָב זיך אין אָנהייב באַנוצט.

דורך דער מערב־דווינע צום ווייסן ים

אונדזער וועג איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. מיר האָבן זיך פאַר־נומען צו דער מערב־דווינע, ווו דער קאַנאַל פאַלט אַריין אינעם ים. און

מיטן ים האָבן מיר געדאַרפט שווימען קיין אַרכאַנגעלסק און פון דאָרט פאָרזעצן דעם וועג צו די צפונדיקע טונדרעס.

מען האָט מיך שוין נישט געטראָגן אין קיין טראַגבעטל. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע אויף די אייגענע פיס, הגם אונטערגעשפּאַרט פון צוויי „עלעגאַנטע" קוליעס און אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר. אַ קראַנקער לאַגערניק קאָן אויך מיט קוליעס מאַרשירן...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, בין איך אַלץ מער געוואָרן געזונטער, ביז איך האָב שוין אַליין געקאָנט גיין. איך האָב אָבער פאַר אַ זכר די קוליעס געוואָלט פאַרהאַלטן, געטראַכט, ערגעץ זיי אויף דער שיף צו פאַרשטעקן.

ווען מיר האָבן זיך אָבער דערנענטערט צו דער שיף, האָט דער דאָקטאָר גודינאָוו פון מיר אַראָפּגענומען די קוליעס און זיי מיט כעס אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

— דו דאַרפסט זיי שוין מער נישט, מוזט זיך אַצינד צוריקנעמען צום גיין, — האָט ער געשריגן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז גערעכט. כאָטש זיי זענען מיר פונדעסטוועגן געווען אַ שאָד.

מיר זענען איינגעשטיגן אין דער שיף. און אַלע לאַגערניקעס, חוץ גע־ציילטע פּריווילעגירטע, האָט מען ווי די הערינג אַריינגעפּאַקט אין דער שיף־„טרומנע".

דאָס האָט מען אַזוי גערופן דעם אונטערשטן עטאַזש, דעם שיף־טייל, וואָס איז געזעסן אין וואַסער און אין וועלכן מען האָט דעם טאָגשיין נישט אָנגעזען.

אין דער „טרומנע" איז געווען זייער ענג און דושנע, נאָך ערגער ווי אין לאַגער־באַראַק. עס האָט מיך דערמאָנט אין מיין ערשטער קאַמער פון דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

אויפן וועג צו זייער באַפרייונג זענען אַלע לאַגערניקעס געווען אויס־געלייגט אויפן שמוציקן דיל מיט זייערע אָרעמע פּעקלעך צוקאָפּנס. מען האָט נישט נאָר נישט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן, נאָר ס'איז אויך געווען שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. און אַרויסצוגיין פון „טרומנע" צום אויבערשטן דעק איז געווען פאַרבאָטן.

די שיף „סוואָבאָדאַ" האָט גערירט פון אָרט. זי האָט זיך מיט איר נאָז אַריינגעשניטן אין די וואַסערן פון דער דווינע, דאָרט ווו זי פאַלט אַריין אינעם ווייסן ים, אַדורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג צו זיינע אָפענע ימישע ברייט־קייטן.

און איך, פטור ווערנדיק פון דער לעצטער קראַנקהייט, בין אין אָנבליק פון דער ערשטער ים־רייזע און נאָך אַקעגנגייענדיק מיין אייגענער באַפרייונג, איינגעשטיגן אין שיף מיט פרישע האָפענונגען און דערוואַרטונ־גען, וועלכע זענען שיעור נישט ווידער צעריבן געוואָרן, ווי אַ שיף, וואָס ווערט צעריבן אין די כוואַליעס פון ים.

אַלס רעקאָנוואַלעסצענט בין איך, וואָס אַן אמת, געווען אַביסל פריווי־לעגירט. איך בין געווען דער איינציקער פון די לאַגערניקעס, וואָס האָט זיך געמעגט געפונען אויפן דעק. און ווען גודינאָוו האָט מיך שוין געהאַלטן פאַר אַ גאַר געזונטן, און ס׳האָט מיר געדראָט צוריקצוגיין אין „טרומנע״, האָט מיך דער רבונו של עולם ווידער נישט פאַרלאָזט און האָט מיך מזכה געווען מיט מיין ערשטער ים־קראַנקהייט.

די דאָזיקע ים־קראַנקהייט האָט טאַקע ביי מיר אויפגעהאַלטן די פרי־ווילעגיע פון זיין אויפן דעק. זי האָט מיך פאַרהיט פונעם שטענדיקן זיין אין דער פינצטערער עיפושדיקער „טרומנע״. זי האָט מיך אָבער אַזוי צענומען, אַז איך האָב זיך אין איר געוואָרפן ווי אין אַ קדחת.

אַן איבלדיקייט און נישט־גוטקייט האָט זיך איבער אַלע מיינע אברים צעגאָסן. זי האָט מיך ווי מיט אַ סם אָנגעטרונקען. פון איבלדיקייט האָב איך געוואָלט אויסברעכן, נאָר נישט געקאָנט. און אַז איך האָב דאָס שוין באַוויזן, האָט עס אויך נישט געהאָלפן.

איך האָב זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. איך בין שוין נישט געגאַנגען, נאָר געהאַט דאָס געפיל ווי איך וואָלט געפלויגן. מיינע וואַקל־דיקע טריט ווי ביי אַ שיכורן, האָבן זיך ווי פון זיך זעלבסט אונטערגעהויבן. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען וואָס ביי דער גאַנצער „שיכרות״, האָב איך געהאַט דעם פולן באַוווסטזיין פון מיין אומבאַהאָלפנקייט...

איך האָב זיך געהאַלטן אויפן דעק. עס איז אָבער, טראָץ דעם זוניקן מאָרגן־אויפשיין, געווען קאַלט און ווינטיק. און די צעשטורעמטע וואַסערן וואָס האָבן זיך געריסן אויפן דעק, האָבן נאָך מער דעם ווינט צעשטורעמט.

ווערנדיק זיך אַביסל אָנוואַרעמען, בין איך געווען געצוווּנגען אַביסל אַראָפּצוגיין אין „טרומנע״. די איבלעניש איז אָבער געוואָרן גרעסער און איך האָב געמוזט צוריקגיין אויפן קאַלטן דעק. און די געשיכטע האָט זיך ווידער איבערגעחזרט.

גודינאָוו האָט מיר געגעבן פּראָשקעס און פּילן. זיי האָבן מיר אָבער אַזוי געהאָלפן ווי זיינע פריערדיקע רפואות. טעג און נעכט זענען אַוועק.

נאָר מיין איבלעניש איז געבליבן. איך האָב שוין נישט אין זין געהאַט די באַפרייונג, נאָר מיט אַלע מיינע חושים האָב איך אַצינד אויסגעקוקט די יבשה. איך וואָלט דאַן אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס.

די באַנייטע „משכנתא" אויף דער „סוואָבאָדאַ"

די קאַנדידאַטן צו דער באַפרייונג זענען, ווי תמיד, אויך די נאַכט געלעגן אויפן שמוציקן דיל פון „טרומנע" איינגעקנוילט אין זייערע צעפוילטע מלבושים מיט די פעקלעך צוקאָפּנס, אין וועלכע עס איז געווען זייער טייערסטער אוצר, די ברויט־„פּייקע" (ברויט־פּאַרציע).

זיי זענען געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, חלומענדיק זיסע חלומות וועגן באַפרייונג. נאָר איינער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געווען הונגעריק, דער שוואַרץ־אויגיקער אַרמענער, עריוואַן סאַראַפּאַנאָוו. ער האָט זיך ווי שלאַנג געדרייט אויף זיין געלעגער און האָט בלויז געטראַכט וועגן ברויט.

און אַזוי גלוסטנדיק און טראַכטנדיק, האָט ער זיך נישט געקאָנט באַהערשן, ביז ער האָט זיך צוגעשאַרט צו זיין שכנס טאָרבע, פון וועלכער ער האָט אַרויסגענומען דאָס ברויט. ער האָט עס אין דער נאַכט־שטילקייט צורעכטגעמאַכט.

אָפּטוענדיק די דאָזיקע אַרבעט, איז עריוואַן, מיט דער זיכערקייט, אַז קיינער האָט נישט געזען, אַ צופרידענער און באַרויקטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען פּעטראָוו, זיין שכן, איז אָבער אויף צומאָרגנס געגאַנגען אַרויס־נעמען זיין זייף פון טאָרבע, האָט ער דערזען, אַז זיין ברויט איז נישטאָ.

ס'איז געוואָרן אַ טומל און גערודער. אַ קליינינקייט אַ „פּייקע". מען האָט אים אַרויסגענומען די „פּייקע". און פאַר ברויט איז מען אין לאַגער געגאַנגען אויף „קידוש" הלעבן...

דער פאַרדאַכט איז געפאַלן אויפן אַרמענער, ווייל גייענדיק ביינאַכט וועגן זיינע באַדערפעניש, האָט עמעצער באַמערקט ווי פּעטראָוס שכן, עריוואַן, פּאָרעט זיך עפּעס צופיל ביי זיין געלעגער.

און אַזוי ווי עריוואַן אַליין, ווערנדיק צעטומלט נאָך די ערשטע קלעפּ, האָט זיך אַנגעהויבן פּלאָנטערן, איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז זיין אַרבעט.

און „והדת הטרומנע יצא". ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אויב אים גלייך ניט אַריינוואַרפן אין ים אַריין, אים צו מאַכן אַ „משכנתאַ", ווי אין פסוק שטייט.

האָבן שומרים זיך געשטעלט ביים אַריינגאַנג, טאָמער קומט ווער אָן, און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

איבערגעדעקט דאָס פּנים מיט אַ פּלאַכטע, האָבן עריוואַנען פעסטע קלאַמערנדיקע הענט אַריבערגעוואָרפן איבער קניען, און קהל האָט אָנגע־הויבן דערלאַנגען אין עריוואַנס הינטערחלק, וויפל נאָר ס'איז אַריין. מען האָט געגעבן ברייטהאַרציק, נישט געזשאַלעוועט.

און ווען נישט דער וואָרענונג־סיגנאַל פון די היטערס, וואָלט מען נאָך פאַרן אָנקומען קיין אַרכאַנגעלסק דעם אַרמענער געמוזט אַראָפּלאָזן אין ווייס־ימישן גרונט. נאָר דער אָנקום פון אַ שיף־אָפיציר האָט עריוואַנען אָפּגעראַטעוועט פון פאַרשלונגען צו ווערן פון די בלוטיקע שאַרקס.

איך האָב זיך שוין גאָרנישט געהאַט געריכט, אַז ביים סאַמע באַפרייט ווערן, און דאָס אויף אַ „סוואָבאָדאַ"־שיף, זאָל זיך איבערחזרן די ווילדקייט פון דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

ס'איז אָבער געווען די לעצטע „משכנתא", וואָס איך האָב בייגעוווינט אין לאַגער. און ביי מיין גאַנצער לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך צוליב דער איבלעניש געפונען, האָב איך נישט געוווסט, צי איך זאָל אין אָנבליק פון דער דאָזיקער וויסטער סצענע לאַכן, אָדער וויינען...

מיר קומען קיין אַרכאַנגעלסק

די סאָוויעטישע „סוואָבאָדאַ" איז נישט גיכער געפאָרן ווי דער סאָוויע־טישער „טאָוואַראָווער". און אין דער אמתן, אויב מען האָט זיך מיט מיר נישט געאיילט ביים אָנקומען אין לאַגער, פאַרוואָס זאָל מען זיך מיט מיר איילן ביים באַפרייט ווערן פון לאַגער?

האָט זיך די שיף געשלעפּט ווי אַ טשערעפּאַכע. דערווייל האָבן פון אויבן איבערן ים זיך באַוויזן דייטשע שטאָלענע פייגל און פון אונטן, פונעם ווייס־ימישן אָפּגרונט, האָבן גענומען אַרויפטויכן דייטשע סובמאַרינען.

ווי וואַלפישן וואָס הייבן זיך אַרויס אויפן אויבערפלאַך אָנצונעמען זיך מיט לופט, אַזוי האָבן די דייטשע משחיתים אויפגעהויבן זייערע שטאָלענע קעפּ, ווערנדיק צוריק פאַרשווונדן אין די אָפּגרונטן פון ים.

האָבן מיר זיי געהאַט, די דייטשן, פון אויבן און פון אונטן. נאָר קיינער האָט מיט זיי נישט פאַרפירט קיין קאַמף. און ווי מאָדנע, זיי האָבן אונדזער „סוואָבאָדאַ" נישט באָמבאַרדירט.

עס האָט זיך מיט אונדז איבערגעחזרט די געשיכטע מיטן טייך־בריק ביי די וועגן פון מורמאַנסק, ווו זיי האָבן איבער אונדז געשאָסן, נאָר אונדז נישט געמיינט...

זאָל דער דייטשער שפיאָנאַזש זיין אַזוי פּערפעקט, אָדער דאָס איז דערפאַר, ווייל דער סאָוויעטישער, וואָס איז אַזאַ בריה פאַר די אייגענע בירגער, איז שוין גאָרנישט אַזאַ בריה, ווען עס קומט צו אַן אויסערלעכן פיינט ?...

אָבער אויך פאַמעלעך פאָרט מען איין. און מיר זענען סוף כל סוף אַריינגעפאָרן אין אַרכאַנגעלסקער האַפן. און מיין באַגער נאָך יבשה, כדי פּטור צו ווערן פון דער ים־קראַנקהייט, איז געוואָרן דערפילט.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָבן מיר שוין, אין אַן אָרגאַניזירטן שיק, אַרויסגעמאַרשירט פון פאָרט, פאַרנעמענדיק זיך צו דער באַן, פונוואַנעט מיר האָבן געזאָלט פאָרן ווייטער איבער קאָטלאַס צו פּיעטשאָראַ, צו אונדזער לעצטן עטאַפּ.

אַרכאַנגעלסק איז געווען איינגעהילט אין אַ נעפּלדיקער פייכטקייט. מיר זענען געגאַנגען איבער פייכטע גאַסן, וועלכע זענען געווען ברוקירט מיט האָלץ־קלעצלעך. קיין האָלץ האָט דאָ קענטיק נישט געפעלט.

מיר זענען אַרויס גאַנץ פרי פון פאָרט. און ס'האָט נישט לאַנג גענומען ווי מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן. אַ סאָוויעטישע באַן, בפרט מיט לאַגערניקעס, אויפן וועג צו זייער באַפרייונג, איילט זיך אָבער נישט אַזוי.

האָבן מיר געוואַרט אין די וואַגאָנעס ביז האַלבער נאַכט, ווען דער צוג האָט ענדלעך אָנגעהויבן רירן פון אָרט. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן פאַרשיידענע סטאַציעס, ביי וועלכע דער צוג האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט.

פאַר אַ סימן נאָר, אַז ער איז איר פאַרבייגעפאָרן, האָט ער ביי אַזאַ סטאַציע אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן קוויטש. ערשט ביי קאָטלאַס האָט ער זיך פריילעך צעפייפט, ווו מיר זענען געשטאַנען אַ לענגערע צייט.

האָבן מיר שוין געוווּסט ווען ער איז פאַרבייגעלאָפן אַ נעבעכדיקע סטאַציע און ווען אַ יחוסדיקע. מיר האָבן עס דערקענט לויטן פייפן פון אַלט־מאָדישן לאָקאָמאָטיוו.

אין פיעטשאָראַ

אין איינציקע טעג אַרום זענען מיר אָנגעקומען קיין פיעטשאָראַ. מיר האָבן פון פריער געוווּסט, אַז מיר פאָרן נישט אין קיין זוניקער, עלעגאַנטער שטאָט, נאָר ערגעץ ווו אין די טונדרעס, נאָר אויף אַזאַ אויסזען פון אַ שטאָט האָבן מיר זיך נישט געריכט.

אויב ביי אונדזער אָנקומען קיין אַרכאַנגעלסק, איז געווען אַ גראָע נעפּל־דיקייט, איז דאָ געווען הוילער נעפּל. דער גאַנצער דרויסן האָט דאָ אויסגעזען ווי איין כמורנער וואָלקן. און דער טאָג איז געווען ווי איין רעגנדיקער בין השמשות.

קיין זון האָט מען נישט געזען. און ס׳איז נישט געווען קיין אונטערשיד פון אַ פרימאָרגן ביז אַ נאָכמיטאָג. די לופט איז געווען אַ דורכנעמענדיקע, נאַסע און קילע, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אויפן געמיט.

אַחוץ דעם איז דאָ געווען איינגאַנצן מדבר. אַ מדבר, נישט פון זון און גליענדיקע זאַמדן, נאָר פון אַ וואַסערדיקן הימל איבערן קאָפּ, מיט שוואַרצער פרוכטלאָזער ערד.

אויסער דעם ביסל אויפגעשטעלטע באַראַקן פאַר די לאַגערניקעס, האָט דאָס אויג נישט געהאַט ווי אָפּצושטעלן זיך. די נאַטור איז דאָ געווען אַן איינטאָניקע און טויטע. און דער גאַנצער האָריזאָנט, איז פונקט ווי אויפן ים געווען אָפן און אַנטפּלעקט.

קיין גראָז, קיין בוים אָדער ערד־פּרוכט איז דאָ נישט געוואַקסן. און קיין חיה און קיין פויגל האָט זיך דאָ נישט אָפּגעשטעלט.

איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן פונדאַנען, אַנטלויפן צו ליכט און זון. און די צייט וואָס איך האָב נאָך דאָ געמוזט זיין איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. די איינציקע טרייסט מיינע איז געווען, וואָס פאָרט דערנענטערט זיך דער סוף פון מיין זיין דאָ.

די סאָוויעטישע באַפרייונג־מאַשין אָבער אַרבעט זייער פּאַמעלעך, זי איילט זיך נישט אַרויסצולאָזן איר געפאַנגענעם. ווי גיך זי נעמט אים אַריין, — אַזוי פּאַמעלעך לאָזט זי אים אַרויס.

האָב איך אין דער דאָזיקער וויסטעניש נאָך געמוזט זיין גאַנצע וואָכן, ביז איך האָב ווי אַן אבן טוב אַריינגעקריגן אין האַנט די אַזוי געגאַרטע „אודאסטאווערעניע״ (באַפרייונגס־באַשטעטיקונג).

*

קיין אַרבעט האָבן מיר דאָ שוין אינגאַנצן נישט געטאָן. מיר האָבן ווי גבירים „געלעבט" פונעם גרייטן. פאָרט אין דער נאָרע פון דער לאַגער הויפּט־אָנפירונג.

נאָר וואָס ווייניקער מיר האָבן געגעסן, אַלץ מער זענען מיר געגאַנגען אויף די „זביורקעס" (פאַרזאַמלונגען), ווו מען האָט אונדז געהאַלטן אין איין אויסרופן, קאָנטראָלירן, און ווידער איבערקאָנטראָלירן.

קיין מיטאָג האָבן מיר איבערן טאָג נישט געקריגן. נאָר צווי מאָל וואַסער און איין מאָל ברויט. שוואַרצע קאַווע אין דער פרי און ווייס וואַסער „קי־פּיאַטאָק" אין אָוונט. און אַז מען האָט זיך אָנגעשטרענגט, האָט מען אויך געקאָנט באַקומען אַ פּאָרציע „קיפּיאַטאָק" צו מיטאָג־צייט.

דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט גענוג שטרוי־זעק און געראַמע ערטער אויף די נאַרעס צו שלאָפן. און אַז אַ גרופּע האָט זיך באַפרייט און אין אונדזער באַראַק זענען געבליבן גענוג שעניקעס, האָבן מיר זיך ווי די פּריצים געקאָנט צעלייגן אויף גאַנצע צוויי שעניקעס און זיך וואַרפן איבער זיי, — ווי די שפּרינגענדיקע חיהלעך איבער אונדז...

מיר וואָלטן זיך געקאָנט אויסרוען פאַר דער גאַנצער צייט, ווען נישט די שוואַרצע שפּרינגערס, וואָס האָבן אונדז פּשוט געמאַכט דעם טויט און מיר האָבן זיך אויף דער פּרימיטיווער באָד אויך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

ערב־באַפרייונג

כאָטש כמעט ווי פריי איז אָבער ווי לאַנג איך האָב זיך געפונען אין פּיעטשאָראַ אינעם רשות פון דער הויפּט־אָנפירונג, און כל־זמן איך האָב ביי זיך נאָך נישט געהאַט דאָס פּאַפּירל, — בין איך נאָך אַלץ מיט מיין באַפרייונג נישט געווען גאָר זיכער.

און געטראַכט האָב איך, אַז אפילו ווען איך וועל שוין האָבן דאָס פּאַפּירל, זאָל איך וואָס ווייטער פונדאַנען אַוועק. אַזוי האָב איך זיי נישט געטרויט און מורא געהאַט אפילו אין זייער נאָענטער שכנות צו בלייבן. אַ קשיא אויף אַ מעשה. זיי קאָנען נאָך רופן צוריק אין חדר אַריין...

איך האָב זיך אויך דערמאָנט אינעם אַפּמאַך וואָס מיין באַשיצער שלמהלע זוואָנק האָט מיט מיר געשלאָסן, ווען ער האָט זיך פּלוצים באַוויזן בעת מיין דיזענטעריע־קראַנקהייט.

ער האָט מיט מיר אָפּגערעדט, שלמהלע, צו נעמען ביים באַפרייט ווערן פונעם לאַגער אַן „אופּראַוולעניע" קיין אַשכאַבאַד, די הויפּטשטאָט פון טורקמעניע, וואָס ליגט ביי דער פּערסישער גרענעץ, כדי פון דאָרט זיך אַריבערצוכאַפּן קיין פּערסיע, אינעם לאַנד פון אַחשוורוש.

פול מיט דערפאַרונג, האָט שלמהלע געהאַט אַ ווייטן קוק — וואָס איז געגאַנגען ווייטער ווי פּערסיע. ער האָט נאָכן דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד מער נישט געגלויבט פונדאַנען אויף אַ גאָרמאַלן וועג זיך אַרויסצוקריגן.

ער האָט נישט געקאָנט פאָרויסזען דאָס שפּעטערדיקע געשטאַלטיקן זיך פון די פּויליש־סאָוויעטישע באַציונגען, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט אונדזער צוריקקער אינעם פּוילישן „עמק הבכא".

מיט די דאָזיקע געדאַנקען בין איך געווען פול, פאַרן אַרויסרופן מיך צום הויפּט־פּראָקוראָר. דאָס אָבער זענען דערווייל געווען פאַנטאַזיעס און ווונטשן, וועלכע זענען נישט געווען אין מיין רשות זיי אַדורכצופירן.

זיי זענען אָבער געווען אַן אָנווייז פאַר מיין ווילן און שטרעבן, פאַר וועלכן איך זאָל אָנווענדן גאָר מיין מי. און שוין דאָס אַליין איז געווען פיל ווערט. בפרט אויפן שיידוועג פון מיין לעבן, אויף וועלכן איך האָב זיך דאַן געפונען, ביים איבערגיין פון אַ פאַרקנעכט, פרעמד לעבן, צו אַ פריי אייגן לעבן...

דער הויפּט־פּראָקוראָר, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, האָט מיך אויפגענומען מיט אַ פריינטלעך פּנים, אפילו מיט אַ „סבר פּנים יפות". ער האָט צו מיר עלעגאַנט געשמייכלט און ווי אַ יונגפרוי אַ קאָקעטע האָט ער זיך באַמיט מיך צו קאָקעטירן.

נאָכן אויספרעגן זיך וועגן מיין געזונט, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך האָב נישט קיין טענה פאַרן אויפהאַלטן מיך אינעם לאַגער איבעריקע זיבן טעג.

איך האָב אַליין נישט געוווּסט, אַז ס׳איז שוין אַריבער זיבן טעג איבער מיין ווירעק. איך האָב, ווייזט אויס, פאַרלוירן דעם חשבון.

זינט אָבער ס׳איז אַרויס די אַמנעסטיע פאַר די פּוילישע בירגער, האָב איך סיווי מער נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיין טערמין. איך האָב געוווּסט, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט אין דער ווירקלעכקייט ביי די סאָוויעטן זייער גאַנצע יוסטיץ און גערעכטיקייט.

ווען עס קומט נישט אונטער דער אָפּמאַך מיטן גענעראַל שיקאָרסקי,

בין איך נישט געווען זיכער, צי זיי וואָלטן מיך אויך נאָכן טערמין אַרויס־געלאָזט.

און אויב איך האָב פאָרט דערוואַרט מיין באַפרייונג, איז עס נאָר געווען צוליב דער אַמנעסטיע פאַר די פוילישע בירגער, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן נישט צוליב הומאַניטאַרע טעמים, נאָר צוליב הויך־פּאָליטיק...

און אינעם דאָזיקן גייסט האָב איך דעם פּראָקוראָר דרייסט צוריק־געפרעגט:

— און אַז איך וועל האָבן אַ טענה, בירגער פּראָקוראָר, וועט מען מיר צוריקגעבן די זיבן טעג?

— צוריקגעבן, וועלן מיר נישט צוריקגעבן, מיר ווילן אָבער דו זאָלסט וויסן, אַז דאָס איז געשען נישט צוליב אונדזער שולד. ווייל צוליב דער אַמנעסטיע זענען מיר געוואָרן פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און מיר האָבן נישט געקאָנט באַוויזן אַלץ צוצוגרייטן. די סאָוויעטישע יוסטיץ רויבט נישט סתם צו ביי אַ מענטש זיינע טעג.

איך האָב זיך ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט, ווי מען פלעגט זיך אינעם לאַגער ביטער וויצלען איבער סטאַלינס זאָג, „אַז אַ מענטש איז טייערער ווי גאָלד".

יאָ, האָבן מיר זיך געזאָגט, ער איז אַזוי טייער, אַז מען טרעט אויף אים ווי אויף בלאָטע. און אַצינד, האָב איך געטראַכט, אַז די סאָוויעטישע גערעכ־טיקייט רויבט צו ביים מענטש נישט זיינע טעג, נאָר טאַקע זיינע יאָרן.

ווייל וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן טעג פאַר דער רויטער יוסטיץ, ווען אַ וויראַק פון אַ פאַר יאָר רעכנט זיך אינעם דאָזיקן לאַנד פאַר אַ קינדערישן טערמין („דיעטסקי סראָק").

נאָך די דאָזיקע העפלעכע רייד איז ער אַריבער אויף תכלית. ער האָט מיך געפרעגט, ווו איך וויל זיך באַזעצן. פונקט ווי זיי וואָלטן זיך טאַקע צוגעהערט צו מיר. איך האָב אים געענטפערט, „אין אַשכאַבאַד".

— פאַרוואָס עפּעס אין אַשכאַבאַד? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל איך האָב געהאַט צו טאָן מיט די לונגען און איך דאַרף האָבן אַ זוניקן וואַרעמען קלימאַט. איך האָב אויך „צינגא", מאַלאַריע און אַנדערע אַזעלכע אַנשיקענישן, צוליב וואָס איך נייטיק זיך אויך אין די דאָרטיקע פרוכטן.

— אין וויכטיקע מיליטערישע גרענעץ־שטעט קאָן מען נישט פאָרן.

זיי געהערן צו דער פאַרבאַטענער זאָנע. — האָט ער מיט דער זעלבער העפלעכקייט געזאָגט.

האָב איך געבעטן טאַשקענט. איז טאַשקענט אויך אין זיין פאַרבאָטענער זאָנע. און נאָכן אויסרעכענען אים נאָך אַ פּאָר שטעט, האָט ער שוין אַליין איבערגענומען די איניציאַטיוו.

— איך וועל דיר געבן אויך אַזאַ זוניקע שטאָט מיט דרום־פרוכטן. און ער האָט מיר אויסגעשטעלט די „אופּראַוולעניע” קיין אוראַלסקאַיע מאַריע.

פון אַשכאַבאַד, טאַשקענט און אַנדערע אַזעלכע שטעט האָב איך גע־הערט, נאָר דעם כאַראַקטער פון אוראַלסקאַיע מאַריע האָב איך נישט געקענט, הגם וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פּונקט האָב איך געוווסט.

ביי מיין גאַנצער דערפאַרונג מיט די סאָוויעטישע באַאַמטע, האָב איך פונדעסטוועגן נאָך זיינע שיינע רייד אים געפּרוווט גלויבן אויפן וואָרט. וואָרעם וויפל אַ מענטש זאָל נישט זיין סקעפּטיש, איז ער נאָך אַלץ טיף אין זיך גלויביק..

נאָר דער עיקר, ווייסנדיק, אַז אַ וואָרט פון אַ סאָוויעטישן פּראָקוראָר איז אַ באַפעל, און וועלנדיק שוין אַרויסקריגן דאָס פּאַפּירל און זיך געפינען אויף יענער זייט, — האָב איך שוין מער מיט אים קיין טענות נישט געמאַכט, נאָר מסכים געווען אויף אוראַלסקאַיע מאַריע. און געמיינט האָב איך, אַז דאָס איז אַזאַ שטאָט ווי אַלע זוניקע שטעט.

צווייטער טייל

ק אַ פּ י ט ל פ י ר א ו נ צ ו ו א נ צ י ק

אויפן וועג צו אַ פריי לעבן

דאָס באַפרייונגס־פּאַפּירל מיט דער „אופּראַוולעניע" איז שוין בײַ מיר געווען אין האַנט. איך האָב אויך באַקומען איבער הונדערט רובל אויף רײַזע־הוצאות און אויף אייניקע טעג שפּײַז.

צו מײַן פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ. ענדלעך פרײַ געוואָרן. כאָטש דערווײַל פונעם ענגן לאַגער... אָבער פאַרט זיכערער און מיט מער באַוועגונגס־מעגלעכקייט.

איך האָב דאָס פּאַפּירל נישט געוווּסט ווו צו באַהאַלטן. האָב געציטערט איבער דעם, ווי איבער אַן אבן טוב. און האָב אַ צײַט געהאַלטן די האַנט אויף דער פּופּיקע איבערן אָרט ווו דאָס פּאַפּירל איז געווען פאַרשטעקט.

אין ראַטנפאַרבאַנד גייט אָבער קיין זאַך נישט צו גרינג. האָבן זיך אָנגע־הויבן נײַע שוועריקייטן, מיט אַ נײַער סדרה „וויסעו". און מיר האָבן אָנגע־הויבן אויפסנײַ צו מאַרשירן צו אַ באַן־סטאַציע, וואָס איז געווען גענוג ווײַט פון אונדזער וויסטעניש.

כמעט דער גאַנצער וועג צו דער סטאַציע איז געווען וויסט און ליידיק. נאָר אין איין אָרט האָב איך פונקט ווי מען דערזעעט אַ ליכט־פּינטעלע אין אַן אַרומיקער פינצטערניש, מיטאַמאָל דערזען אַ קליינע אײַנגעבויגענע הײַזקע, בײַ וועמענס שוועל עס איז געזעסן אַן אײַנזאַמע יונגע פרוי אין די דרײַסיקער.

איך האָב מיט פאַרוווּנדערונג און נײַגעריקייט און ווי בלעמס אייזל אָפּגענייגט פון וועג און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער הײַזקע. די יונגפרוי האָט בײַ מײַן אָנקומען אויפגעלעבט, און האָט גלײַך גענומען שיטן מיט רייד:

— נעם אַראָפּ דײַן משא, וואַנדערער, און רו זיך אָפּ. טייל דײַן צײַט

מיט אַן איינזאַמער פרוי. נישטאָ וואָס צו איילן זיך. דאָס וואָס דאַרף קומען, וועט אָנלויפן. און דאָס וואָס איז נישט באַשערט, וועט נישט העלפן דאָס יאָגן זיך ווי נאָכן נעכטיקן טאָג. וועסט די באַן נישט פאַרשפעטיקן. אַ באַן אין אונדזערע מקומות איילט זיך נישט.

מסתם פונעם לאַגער, געזינדיקט, אַ? — האָט זי אינעם זעלבן טאָן פאָרגעזעצט. זינט מיר זענען געבוירן, האַלט מען ביי אונדז אין איין זוכן און ציילן די זינד... פריער האָבן דאָס געטאָן גאָטס סטראַפּטשעס, די פרומע, דעם צאַרס מענטשן, פאַרשאָלטן זאָל זיין זייער געדעכעניש. אַצינד טוען דאָס די נייע מענטשן, די פאַרלייקענער פון אַלץ. דער סדר און די מענטשן נאָר האָבן זיך געביטן, נאָר די בייטש טוט זיך פון אונדז נישט אָפּ. — האָט זי אויף איר שטייגער פילאָזאָפירט.

— ווער ביסטו און וואָס טוסטו איינע אַליין אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— איך בין אַ פּוילישע. מיינע אָבות שטאַמען פון וואַרשע. פאַרשלעפּט געוואָרן אַהער נאָך פונעם לעצטן פּוילישן אויפשטאַנד. אַן אַלטע געשיכטע אַזאַ. ס'איז נישט גענוג דער פּיין פון באַזיגט ווערן, מוז נאָך דער באַזיגטער טראָגן זיין יאָך אויף פרעמדער ערד. איך אַליין בין שוין דאָ געבוירן, רוסיפיצירט זיך און בין אַ סאָוויעטישע בירגערין. מיינע עלטערן האָבן „געזינדיקט" און זענען שוין מער נישטאָ. בין איך געבליבן אַליין. און דאָס איז זייער הייזל, ווו זיי האָבן אין פאַרשיקונג געוווינט. היט איך זייער ירושה ווי אַ לעצטן זכר. צוגעוווינט זיך צו מיין לאַגע. און אַז אַ מאַן גייט דאָ פאַרביי, לאַד איך אים איין אין מיין הויז און שטיל זיין בענקעניש און גלוסטונג. אַז ער וויל לאָזט ער מיר עפּעס איבער, נאָר איך מאָן נישט. און דאָס איז מיין שבר און אָפּקומעניש... קיין אַנדערע וועלט האָב איך נישט. און אַז איך וואָלט געהאַט. זאָגן דאָך סייווי די גלחים, אַז אַזעלכע ווי איך האָבן אין איר נישט קיין חלק. און איך וויל גאָרנישט אונטערקויפן דעם אַליין געפּייניקטן מיט ספּאָוויעדזשעס (מתוודה זיין זיך) און תשובה.

ווען זי האָט געהערט, אַז איך בין אַ ייִד פון פּוילן, האָט זיך אַ פאַרבאָרגענע בענקעניש אין איר אָפּגערופן און זי האָט מיט פייכטע אויגן אויסגעפּלאַצט:

— אַז דו וועסט בשלום קומען קיין וואַרשע, גיב איבער אַ גרוס פון מיר זאָשע, די טאָכטער פון יוזעף קראַשינסקי. מיינס אַ מומע, מאַריאַ

שניאַדאָווסקאַ, וווינט אויף דער שוויענטאַ־קזשיסקע. דערווייל קום אַריין אין מיין כאַטקע און געניס פון מיין גאַסטפריינטלעכקייט. איך וועל דיך אויפנעמען ווי אַן אייגענעם. אַזאַ טרעפונג, אַזאַ געלעגנהייט. אַן אייגענעם „ראַדאַק״ (בירגער) צו האָבן!

איך האָב זיך מיט איר נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין לאַנגע דרכים, דערציילן איר פון די מעשים פון אירע פוילישע ברידער און אַז וואַרשע איז אָקופּירט פון גערמאַניען (דייטש).

זי איז אין איר לאַגע שוין אַזוי אויך גענוג געשטראָפט, האָב איך געטראַכט. און אַלס היגע געבוירענע, איז זי פאַר זייערע מעשים במילא נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

האָב איך איר איינגערעדט, אַז איך איל זיך צו מיין גרופּע. דער עלטסטער האָט מיט זיך מיינע פּאַפּירן אַלס משכון. און אַז איך וועל נישט קומען צו דער צייט, בלייב איך אָן פּאַפּירן. און צוזאָגנדיק איר איבערצו־געבן דעם גרוס האָב איך זיך מיט איר געזעגנט און אַוועקגעאײַלט צוריק צו מיין גרופּע.

מיט אָנשטרענג און מאַטערניש האָב איך דערגרייכט מיין גרופּע. און טראָץ מיינע אָנגעווירענע אַזוי אויך שוואַכע כוחות, האָב איך דעם דאָזיקן פאַל נישט באַדויערט. אַזוי האָט די נייגעריקייט אין מיר געברענט. און איך האָב צוזאַמען מיט די איבעריקע פאַרגעזעצט דעם וועג צו דער סטאַציע.

ערשט אַז מיר זענען צוגעקומען צו דער סטאַציע, האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס איז אַ טויטע סטאַציע. — ס׳איז געווען אַ נאַטשאַלניק, אַ סטאַציע־גלאָק מיט אַ טראָמפּייט, מיט אַלץ וואָס אַן אַמאָליקע רוסישע באַן־סטאַציע האָט געהאַט.

עס האָט אָבער געפעלט דער עיקר, אַ באַן, וואָס זאָל אונדז פירן ווו מען דאַרף. קיין שום פּאַסאַזשיר־ אָדער פראַכט־צוג האָבן מיר נישט געקאָנט באַקומען. כאָטש נעם און גיי צופוס טויזנטער קילאָמעטער איבער בערג, טאָלן און וואַסערן.

זענען מיר אַרומגעגאַנגען פאַרצווייפלט. כאָטש גיי צוריק קיין פּיע־טשאַרא, פונוואַנען מיר זענען אַרויס. קיין אָרט ווו צו נעכטיקן איז דאָ אויך נישט געווען, בפרט פאַר אַזויפיל מענטשן.

האָב איך זיך דערמאָנט אינעם פּסוק: „הכסף יענה את הכל״, וואָס קאָן העלפן אַפילו אינעם סאָוויעטן לאַנד. און ס׳איז מיר איינגעפאַלן צו

שאַפֿן גלייך אויפֿן אָרט אַ מין „אַקציע־געזעלשאַפֿט״ אויף אָפּצוקויפֿן ביים נאַטשאַלניק אַ גאַנצע באַן.

יאָ, אַ גאַנצע באַן, וואָס זאָל צו אונדז געהערן ווי דאָס חמץ איבער פּסח צום גוי, בלויז איבער דער רייזע קיין קאַטלאַס, כדי אזוי אָרום פֿונ־דאַנען זיך ארויסצוקריגן, און פֿון קאַטלאַס וועלן מיר שוין קריגן אַ צוג אויף צו פֿאָרן ווייטער, אויף אַ מער נאָרמאַלן אופֿן.

און „אומר ועושה״. מיר האָבן זיך איינגעטיילט צו פֿערציק פּערזאָן אויף אַ וואַגאָן. און יעדע גרופּע האָט פֿונעם ביסל געלט וואָס זי האָט באַ־קומען ביים באַפֿרייען זיך צונויפֿגעלייגט זיך און באַצאָלט פֿאַר איר וואַגאָן. און דאָס געשעפֿט איז געגאַנגען ווי געשמירט.

עס האָבן גענומען בלויז אייניקע שעה, ווי דער פּיפּיקער נאַטשאַלניק מיט דער רויטער קאָקאַרדע האָט אונדז צוגעשטעלט די באַן מיט אַן אַלטן סקריפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו נאָך פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

די באַן איז געווען נישט מער ווי אַ פּראַכט־צוג, אָבער מיט אויבערשטע און אונטערשטע נאַרעס, ווי די קאַמערן אין נחס תיבה. דערפֿאַר אָבער זענען די טירן מיט די פֿענצטער נישט געווען פֿאַרקראַטעט. און מיר האָבן שוין ווי פֿרייע מענטשן געקאָנט אַביסל אויסלופֿטערן די „פֿרייע״ פֿאַראַשע...

אין אַ קאָמאַנדע, האָבן מיר זיך אַליין דיסציפּלינירט. יעדער איינער האָט ביז קאַטלאַס מיט גאָרנישט געוואָלט ריזיקירן. דאָס האַרץ איז אונדז אָבער אויסגעגאַנגען פֿאַרן לאָקאָמאָטיוו. ביי זיין יעדן סקריפּ וואָס ער האָט גע־מאַכט, האָבן מיר זיך געשראָקן ער זאָל אונדז נישט לאָזן שטעקן אין מיטן. און מיר האָבן פֿאַר אים געבעטן, ווי פֿאַר זיך אַליין.

אין קאַטלאַס

מיר זענען אין איינעם אַ טאָג בשלום אָנגעקומען קיין קאַטלאַס. דאָ איז זיך אונדזער רייזע־געזעלשאַפֿט צעפֿאַלן און מיר האָבן זיך ווי אַ הפקר־געלאָזטע סטאַדע צעשפּרייט איבער אַלע פֿיר זייטן פֿון דער צוואָרפֿענער שטאָט.

דאָס ברויט און דאָס ביסל שפּייז איז אויסגעגאַנגען. מיינע מיטרייזנ־דיקע, איבערהויפּט די רוסן, אויסגעהונגערטע, זענען גלייך אַוועק אויפֿן שוואַרצן מאַרק, און זיי האָבן פֿאַר די געבליבענע פֿאַר רובל איינגעקויפֿט אַ „לעפּיאָשקע״ (אַ ווייס פּלעצל).

אין לעפּיאַשקע, אויף וועלכער זיי האָבן אַרויפגעלייגט וויפל פוטער ס׳איז נאָר אַרויף, און האָבן דערמיט גלייך אויסגעליידיקט זייערע קעשענעס. איך אָבער, ווי אַ ייד אַ בעל־תכלית, האָב קיין לעפּיאַשקע און קיין פּוטער נישט געקויפט. איך האָב מיין גלוסטונג מיט אַלע כוחות אונטערדריקט. איך האָב די לעצטע פּאָר רובל געוואָלט איינהאַלטן אויף צו פאָרן ווייטער. הגם מיר האָבן געהאַט אַ פרייען רייזע־בילעט. איך האָב זיך אָבער געוואָלט פאַרזיכערן אויף יעדן פאַל און נישט בלייבן שטעקן אינעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם העק.

האָב איך ווי אַ בעטלער וואָס גייט אַרום מיט זיין טאָרבע בעטלען, אַרומגעגאַנגען מיט מיין זעקל צווישן די הינטערשטאַטישע איינוווינער צו קויפן ביי זיי געקאָכטע קאַרטאָפל, וואָס איז דאָ געווען לרוב.

די איינוווינער, זעענדיק מיין לאַגער־הולך, האָבן פאַרשטאַנען פונוואַנען איך קום. זיי האָבן מיר קיין ברויט נישט געגעבן, וואָס איז פאַר זיי אַליין געווען אַ יקר המציאות, נאָר צו עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפל, וואָס איז דאָ געווען זייער גאַנצער מאכל, ווייל מער ווי קאַרטאָפל וואַקסט נישט אין קאַטלאַס, האָבן זיי מיר געגעבן, נישט וועלנדיק נעמען קיין געלט.

האָב איך אַנגעזאַמלט אַביסל קאַרטאָפל, וועלכע מען האָט אָבער געמוזט באַלד אויפעסן, ווייל זיי זענען געווען פאַסנע און האָבן וואַרעמערהייט אויך געהאַט אַ קנאַפּן טעם.

איך בין פונדעסטוועגן, אין די פאָר טעג, וואָס איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער קאַטלאַס, וואַרטנדיק אויף אַ צוג וואָס זאָל גיין אין מיין ריכטונג, פאַרט געווען צופרידן, טראַכטנדיק: בעסער אַ בעטלער אויף דער פריי, איידער אַ גביר אין אַ סאָוויעטישן לאַגער.

אין אַלע הייזער האָבן די איינוווינער מיט מיר קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט. אַ לאַגערניק און אַ שפּייז־קלויבער איז ביי זיי נישט געווען קיין נייעס. קאַטלאַס איז געווען אַ דורכפאָר־פונקט. האָבן זיי מיר געגעבן די פאָר קאַרטאָפל און פון מיר גלייך פטור געוואָרן.

נאָר אין איין הויז האָט מיך אַ רוסיפיצירטער, רויט־באָרדיקער קאַלמיק, מיט כיטרע קליינע אייגעלעך, קענטיק, אונטער אַ טרונק, פאַרהאַלטן. ער האָט זיך פריי צערעדט. לעבעדיק און היימיש, ווי מיר וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע. ער האָט אָן הקדמות אָנגעהויבן:

— ווי איך זע, זונעלע (סינאָק), האָסטו שוין פאַרזוכט פון גן־עדן. אַ

לויב צו גאָט און צו זיין פאַרטרעטער אויף דער סאָוויעטישער ערד, געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען, אָמן!

זיין דאָזיקער צווידייטיקער אַרויספאָר האָט מיך צעטומלט. מען האָט זיינע רייד געקאָנט פאַרשידן אויסטייטשן. און איך האָב זיך נישט געטאָרט מיט אים אַריינלאָזן אין קיין איבעריקן געשפּרעך. יעדנפאַלס האָב איך געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק.

ער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט ווייטער גענומען שטעלן פראַגן, הגם שוין אויפן אויסזען — אומשולדיקע.

— פונוואַנעט קומסטו און וואָס פאַר אַ בירגער ביסטו? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין אַ פּוילישער בירגער און קום פון פּוילן.

— אַ קאַטוילישער, פּראַוואָסלאַוונער, זונעלע?

— ניין, בירגער.

— וואָס־זשע דען ביסטו, אַ טערק, אַ טאָטער אָדער גאָר אַן אומריינער?

— איך בין אַ ריינער. פאַרן באַפּרייט ווערן געהאַט אַ „סאַן־אבראַבאטקע" (געוועזן אין באָד). — האָב איך גענומען נאָכגיין זיין וויצלענדיקן טאָן.

— איי, פעטערל, כיטרעווע נישט, נישט דאָס מיין איך, — האָט ער זיך נישט געלאָזט. — איך מיין צי דו ביסט אַן אומגלויביקער.

— אַוודאי, אוודאי גלויב איך, — האָב איך פעסט געענטפערט.

— אין וועמען זשע גלויבסטו, אינעם טייוול, אין אַ חיהשער פעל, צי אין גאָט?

— אין פאָטער אין הימל, בעל־הבית.

— איי, ברודערל, עס וועט דיר זיין סקוטשנע מיט איין טאָטן. מען דאַרף האָבן אַ טאָטן, אַ מאַמען און אַ זון. מיט אַ גרעסערער משפחה איז פריילעכער. אָט אַזוי ווי ביי אונדז פּראַוואָסלאַוונע. ווערט דערעסן דער טאַטע, קער איך זיך צו די איבעריקע. און אַז עס ווערט מיר גאָר ביטער אויפן האַרצן, דערלאַנג איך זיי ביידע, דעם זון מיט דער מאַמען, ווי אַ סאָוויעטישער מענטש, דערלאַנג איך זיי אין זייער סאַמע געטלעכקייט אַריין. נו, איז נישט בעסער אַזוי, זונעלע?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, — האָב איך, זעענדיק ווו ער פאַר־

שלעפּט מיך, פון אים זיך געוואָלט אַרויסדרייען. — אויב עס קומט מיר אָן שווער מיטן טאַטן, טאָ ווי אַזוי זאָל איך נאָך גלויבן אין עפּעס אַ זון?

— פאַר דעם ביסטו אַ מאָלאַדיעץ. איך האָב ליב אַן אָפן האַרץ ווי אַן אָפענע פלאַש וואָדקע. אויב דו ווילסט דאָ בלייבן, — איז ער שוין געוואָרן ערנסט, — גיב איך דיר מיין טאָכטער. זי איז ביי מיר איינע. נאָר אויסער מיין רויטע באָרד ווי דו זעסט, האָב איך נישט. נאָר מיין טאָכטער, יעוודאָקיע, וועט דיר זיין אַ גוט ווייב. זי האָט אַ גאָלדן האַרץ און וועט דיך דערוואָרע־מען אין די קאַלטע קאַטלאַסער נעכט און דיך טרייסטן אין דיינע שווערע מינוטן. אַלע יונגע האָט מען צוגענומען אין דער מלחמה מיטן גערמאַניעץ. מיך וועט מען מסתמא שפּעטער נעמען. וויל איך זי נישט לאָזן אַליין. און צו וואָס זאָלסטו זיך אַרומשלעפּן, גענוג געשלעפּט זיך איבער פרעמדע וועגן. רו אויס דיינע מידע ביינער און געניס פונעם לעבן. מיין טאָכטער איז אַ יונגע און אַ מויד א ברען. יאָ, פאַרגעסן. אַ ווינקל וועסטו ביי מיר האָבן. אויך אַ פולן קאָזע־אייטער. זי איז דאָך פאַרט מיין איינציקע. אז דו ווילסט, וועלן מיר נאָך היינט כאַפּן אַ טרונק. היינט מאַכט מען אַלץ גיך, „פּאָ סטאַכאַנאָווסקאָמו". אַוועק די אַמאָליקע צייטן. וואָס זאָגסטו, זונעלע?

איך האָב אים שוין מוחל געווען די קאַרטאָפל און זיך גלייך אָפּגע־טראָגן. איך האָב אים צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן זען מיין קאַלמיקישע כלה.

דאָס לעבן אין קאַטלאַס איז געווען אָרעם און גראָ. אויסער קאַרטאָפל און פלייש, וואָס די קאַטלאַסער האָבן דאָ געהאַט גענוג, האָט דאָ גאָרנישט געוואַקסן. און די איבעריקע פּראָדוקטן איז אויסער אויפן שוואַרצן מאַרק שווער געווען צו באַקומען.

עס האָבן זיך נאָר געוואָרפן אין די אויגן פלייש־קראָמען פון די איי־גענע סטאַדעס, וואָס די רייכע האָבן דאָ געהאַט. דאָס פלייש איז לגבי די איבעריקע פּראָדוקטן נישט געווען צו טייער. נאָר גענוג טייער פאַרן אָרעמען פויער און אַרבעטס־מענטש.

דאָס שווערסטע איז אָבער פאַר מיר געווען דאָס נעכטיקן. שפּעטער, אין טאַשקענט, האָב איך צו דעם געפונען אַן עצה. נאָר דאָ אינעם קליין־הייזערדיקן הילצערנעם קאַטלאַס האָט די גליקלעכע טאַשקענטער עצה אויך נישט געטויגט.

האָב איך דעריבער צוליבן נעכטיקן, טראָץ מיין גיריקייט הנאה צו האָבן פון דער נאָר־וואָס דערוואָרבענער פרייהייט, פון דער פרייהייט אַרומ־

צושלעפּן זיך איבער די קאַלמיקישע כוטאָרן און אויסצובעטלען געקאָכטע קאַרטאָפל מיט דער שאָל, דערפון געמוזט רעזיגנירן.

קיין אוראַלסקאָיע מאָריע

קיין טשעמאָדאַן, אין וועלכן איך זאָל קאָנען עפּעס אַריינלייגן האָב איך נישט געהאַט. אַפילו אַן איינפאַכע טאָרבע, אָן וועלכער אַ פּרעמדער, בפרט אַן אָרעמער וואַנדערער קאָן זיך אינעם ראַטן־לאַנד נישט באַגיין, האָב איך אויך נישט געהאַט.

איך האָב זיך אָבער באַלד אין פּיעטשאָרא איינגעשאַפט אַ זאַק, וואָס האָט מיר געדאַרפט דינען אי פאַר אַ טאָרבע און אי פאַר אַ טשעמאָדאַן. צום דאָזיקן זאַק האָב איך פון ביידע זייטן, רעכטס און לינקס, צוגעבונדן צוויי שטריק ווי צוויי פאַסן אויף אַ רוקזאַק, און האָב אים מיט זיך געטראָגן אויף די פּלייצעס ווי אַ כינעזערין טראָגט מיט זיך איר קינד.

דערווייל איז נאָך דער זאַק געווען האַלב־ליידיק און גרינג. נאָר גייענ־דיק מיט אים צו אַ רוסישן וואָקזאַל, וואָס איז אָפּט ווייט פון שטאָט, האָט ער מיר גענוג געריסן די אַקסלען.

דערצו איז נאָך געווען זומער. און וואָס מער איך האָב זיך דערווייטערט פון קאָטלאַס, אַלץ שטאַרקער האָט די זון גענומען שיינען און אַלץ שווערער איז מיר געוואָרן אויף די אַקסלען. ווי אָבער עס האָט געדריקט מיינע פּליי־צעס און האָט מיט דער צייט, ווען איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט און ער איז געוואָרן פולער, נאָך מער גענומען דריקן, איז מיר אָבער שפּעטער אָן אים געוואָרן נאָך שווערער און ביטערער.

מיט דעם דאָזיקן זאַק, וואָס האָט מיר גוט געדינט און האָט זיך פון מיר נישט אָפּגעטאָן פונעם טאָג, וואָס איך האָב זיך מיט אים באַקענט, ווערנדיק איינס מיט מיין פּלייצע ביז מען האָט אים פון מיר צוגעלקחנט מיט אַלץ וואָס אין אים איז געווען, וועט נאָך אויסקומען צו האָבן צו טאָן. האָב איך גענומען מיין „חבר" אויף די פּלייצעס און מיט אים געגאַנגען צו דער באַן. אויפן וואָקזאַל איז אָבער געווען אַזאַ געדראַנג, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך מיט אים זיך צו דערשלאָגן אפילו צו דער ראַמפּע.

די רייזנדיקע האָבן נאָך מיט טעג צוריק אָקופּירט דעם וואָקזאַל. זיי האָבן אין אים געטאָגט און גענעכטיקט ווי אין אַן אייגן הויז. און אַז איך

האָב זיך שוין מיטן זאַק דערשלאָגן צו דער ראַמפּע, האָט די באַן מיר אָפּגעטאָן אויף טערקיש און האָט מיך אינגאַנצן אויסגעפּייפט...

בין איך געוואָרן אַ וועכטער ביי דער באַן. איך האָב מורא געהאַט אויף אַ רגע צו פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל. עס האָט מיר אָבער קיינער דערפאַר נישט געצאָלט און אויך קיין עסן האָט מיר קיינער נישט געגעבן.

האָב איך אין דער צייט זיך געמוזט אַראָפּכאַפּן אין שטאָט אונטערצו לענען דאָס האַרץ. איך האָב געמוזט ריזיקירן מיט מיין רייזע און שפּילן וואַ־באַנק... איך בין צוריק געוואָרן אַ קאַרטאָפל־קלויבער. איך האָב אָבער מורא געהאַט טאָמער קומט דערווייל אָן די באַן און איך ווער ווידער אויסגעפּייפט.

נאָר צום גליק האָבן זיך די קאַטלאַסער באַנען אַזוי נישט געאיילט. און אַז איך בין געקומען צוריק פון שטאָט, האָב איך נאָך גאַנצע טעג און נעכט געוואַרט אויפן צוג.

ענדלעך איז דער צוג געקומען. ער האָט שווער געסאַפּעט ביז ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן אָטעם און איז געבליבן שטיין. איך בין שוין פון פריער געשטאַנען גרייט ביי די סאַמע רעלסן און אים אָפּגעוואַרט, ווי מען וואַרט אָפּ אַ חתן.

און ווי מען האָט זיך פריער אויף מיר נישט אומגעקוקט, אַזוי האָט מיך אַצינד דער נאַטשאַלניק געגעסן מיט די אויגן. ער האָט מיך געהאַלטן אין איין טרייבן פון די רעלסן.

איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרטרייבן. איך האָב געמאַכט אַ טריט צוריק און צוויי טריט פאָרויס. און ווען דער צוג איז אָנגעקומען און איך האָב פלינק אַרויפגעשטעלט מיין פוס אויפן וואַגאָן־טרעפּל, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ שטופּעניש, אַז די מענטשן, פּונקט ווי איך, וועלנדיק פאַר־כאַפּן אַן אָרט אין צוג, האָבן מיך קעגן זייער ווילן אַריינגעוואָרפן אין סאַמע וואַגאָן אַריין.

איך בין מיט מיין זאַק געפאַלן אויפן דיל פון קאָרידאָר און די מענטשן זענען ווי די ציגן איבער מיר געשפּרונגען גלייך אין די קאַבינעס אַריין.

און איך האָב נאָך די „איידעלע" פּאַסאַזשירן געדאַרפט בעטן, זיי זאָלן גוט שפּרינגען און איבער מיר זיך נישט צעקלאַפּן. ווייל דאַן וואָלט פאַר מיר נאָך געווען ערגער...

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אויפסניי זיך צעפּייפט און אָנגעהויבן שלעפּן

די רעדער. און איך בין געווען מער ווי צופרידן צו דערוווייטערן זיך אויך פון מיינע קאָטלאַסער קאַרטאָפל־פריינט.

פון קאָטלאַסער ראַיאָן בין איך שוין געווען ווייט אַוועק. מיר זענען שוין אַרויס פונעם צפונדיקן קרייז און זענען אַריין אינעם געביט פון אוראל. דער גרעסטער טייל פון מיינע רייזע־חברים זענען אַראָפּ פון צוג.

עס זענען אָבער פון די אַרומיקע לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער איינגעשטיגן אויף די ווייטערדיקע סטאַציעס פיל באַפרייטע יידן.

דער רוב פון זיי זענען געווען פרומע יידן פון גאַליציע, וועלכע זענען אין גרעסטן טייל אָפּגעקומען זייער „שטראָף" נישט אין די לאַגערן, נאָר אין די ערטער פון פרייער פאַרשיקונג (וואָלגע וויסילעניע).

מיט זייער אַריינקומען איז אין וואַגאָן ווי אַריינגעטראָטן אַ נייער גייסט. איבערהויפּט צוליב די יונגערע פון זיי. די פריערדיקע שטייפקייט האָט נאָכגעלאָזט און ס׳איז אין וואַגאָן געוואָרן פריילעכער און געמיטלעכער אויפן האַרץ.

צוגעלאָזן און ברידערלעך־היימיש, האָט זיך די צונג אויפגעבונדן און מיר האָבן זיך פריי פאַנאַנדערגערעדט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך זיי האָבן „אופּראַוולעניעס" אין פאַרשידענע ריכטונגען, ווו זיי האָבן גאָרנישט בדעה צו פאָרן. און כמעט אַלע האָבן אויסגעקליבן זייער באַזעצונגס־אָרט, טאַשקענט.

ווי מענטשן פון איין ראַיאָן, האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען. זייער לאַגע ווי בלויז פרייע פאַרשיקטע, איז אָבער געווען אַ בעסערע ווי מיינע אַלס אַ טורמע־אַרעסטאַנט און לאַגערניק.

ווייל זיי האָבן קיין טורמע נישט פאַרזוכט און קיינער האָט ביי זיי נישט גערויבט, זענען זיי געווען נאָרמאַל געקליידט און האָבן געהאַט מיט זיך זייערע זאַכן.

איך האָב זיי געוויזן מיין „אופּראַוולעניע" קיין אוראַלסקאַיע מאַריע" און זיי איבערגעגעבן די וואָרענונג פון לאַגער־פּראָקוראָר נישט צו פאָרן אין קיין אַנדער אָרט.

און זיי, די פרומע „בטלנים" האָבן זיך פון מיר אויסגעלאַכט. זיי האָבן מיך, דעם מאָדערנעם, גאָר געהאַלטן פאַרן יאָלד און אמתן בטלן.

דערמוטיקט פון זייערע רייד און וועלנדיק אַליין אויך פאָרן אויב נישט

קיין אַשכאַבאַד, ווי איך האָב צוגעזאָגט שלמהלע זוואַנק, איז כאָטש קיין טאַשקענט, האָב איך טאַקע אַזוי באַשלאָסן.

איך האָב פונדעסטוועגן ווי׳ פּאָר יוצא וועגן, געוואָלט אָנקוקן מיין באַשטימונג־אָרט. איך האָב פאַר זיך אַליין געוואָלט וויסן דעם אונטערשיד פון די ערטער פון מיין בייט. בפרט, ווען די אוראַלער אָזערע איז סיוורי געלעגן אויפן וועג קיין טאַשקענט, וווהין מיר זענען אַצינד געפאָרן. און מיר זענען איר בלויז אַנטקעגנגעקומען.

האָבנדיק מיט זיך זיינע זאַכן, האָט ליפשיץ, אַ דאַרער יונגער בחור מיט חסידישן ברען און פונקען אין די אויגן, אַרויסגענומען אַ גרויסע רוסישע מאַפּע, ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט אָריענטירן אין דער אַרומיקער געאָגראַפישער לאַגע.

מיר האָבן געמוזט זיין פּאָרזיכטיק ביים אַראָפּגיין פון דער באַן, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער באַן־מיליץ, וועלכע וואָלט אונדז מיט אַ נישט־ריכטיקער „אופּראַוולעניע״ געקאָנט אַרעסטירן און אויפן בעסטן אופן צוריקשיקן פונוואַנען מיר זענען געקומען.

די גאַליציאַנער יונגע חברה האָט אין די דאָזיקע זאַכן, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, געהאַט מער דערפאַרונג פאַר מיר, וואָס איז צוליבן לאַגער געווען אָפּגעריסן פונעם לעבן. און זיי האָבן מיר מיט דער דאָזיקער דערפאַרונג געדינט.

דער צוג האָט זיך אין זיין וויטערדיקן לויף פאַרדרייט אין אַ זייט. און מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ געגנט, ווו דער פריערדיקער קלימאַט האָט זיך אינגאַנצן געביטן.

די זון און די העלקייט פון האָריזאָנט איז פאַרשוווּנדן. דער הימל, ווי איבערגעצויגן מיט אַ נעץ פון טוי, האָט איבער אונדז געשפּרייט אַ פייכטע אָוונט־טונקלקייט. מיר האָבן זיך וואָס מער דערנעענטערט צו „אוראַלסקאָיע מאָריע״.

ליפשיץ האָט ווידער אַרויסגענומען זיין מאַפּע און האָט מיט דער ערנסטקייט פון אַ שטאַב־אָפיציר אויפן פראָנט איר באַטראַכט פון אַלע זייטן. באַזונדער, דעם וועג אויף וועלכן מיר זענען אַצינד געפאָרן.

אַריינלייגנדיק איר צוריק אין זיין קעסטל, האָט ער גענומען צוהילף זיין דאַרע האַנט און מיט איר פלאַכער זייט זיך באַנוצט ווי פריער מיט דער מאַפּע.

ער האָט אָנשטעלנדיק זיין וויזפינגער אויף די בלאָע אָדערן פון זיין האַנט, מיט זיי מיר געפּרוווט באַווייזן די ליניעס פון אונדזער באַן־וועג.

— אָט אַ דאָ, — האָט ער ווייזנדיק אויף אַן אָנגעדראָלענעם אָדער פון זיין לינקער האַנט, — גייט דער וועג צו דער אָזערע. און אָט אַ דאָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן אָדער, פאַרדרייט זיך דער וועג צו טאַשקענט, ווו מיר וועלן זיך אַריינכאַפּן. און ווען מיר וועלן זיך אַריינקריגן קיין טאַש־קענט „הבירה" (הויפּטשטאָט), — האָט ער ווי די פּרחי כהונה אין בית המקדש יום כּיפּור בייגאַכט פאַרן כהן גדול, צוגעקלאַפּט מיט איין פינגער אין אַנדערן, — וועט זיין „טוב מאוד" (זייער גוט).

איך האָב נישט פאַרשטאַנען זיין גדולה מיט טאַשקענט. טאַקע אַ זוני־קע שטאָט, „די שטאָט פון ברויט", אָבער פאָרט „לא על הלחם לבדו יחיה האדם"...

האָט ער שוין נישט מער צו טראַכטן, ווי נאָר וועגן זיך אַליין און קלערט גאָרנישט וועגן כּלל און אפילו וועגן זיינע אייגענע נאָענטע? און ווער ווייסט וואָס פון דער ברויט־שטאָט וועט נאָך ווערן, אין אָנבליק פון די פלאַמען וואָס די מערדערישע דייטשן האָבן שוין ווידער איבער דער וועלט אָנגעצונדן?...

און אַז ער איז נאָך יונג און אויף אים איז געזאָגט געוואָרן: „שמח בחור בילדותיך" (פריי זיך בחור אין דיין יוגנט), כאָטש ביי מיינע איין און פערציק יאָר בין איך נאָך אויך נישט אַלט, איז ער דאָך אָבער אויך אַ ייד, און אַ ייד, ווי יונג אין יאָרן ער זאָל נישט זיין, איז אַ זקן...

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו „אוראַלסקאָיע מאָריע". און אָט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט ביי דער אָזערע, וואָס איז נישט ווייט פון וואָקזאַל.

איך בין מיט נייגעריקייט אַראָפּ אָנקוקן דאָס אָרט. צייט איז געווען גענוג, ווייל דער צוג האָט דאָ געזאָלט שטיין אַ לענגערע צייט. אַ דריקנ־דיקע כמורנעקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצן אַרום.

די אָזערע מיט איר מוטנעם וואַסער האָט זיך רויק געשפּרייט ווי אַ ים, ווי אַ טויטער ים. קיין שום באַוועגונג און לעבן האָט מען אַרום דעם אָרט נישט געזען. אויסער אַן איינזאַמען טאָטער פון אַ טונקל געשטאַלט מיט שאַרף אַרויסשניידנדיקע קינבאַקן און קאָזע־בערדל אויף זיין פאַרשפּיצ־טער גאָמבע, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דער באַן־סטאַציע און אָזערע.

ער האָט נישט געקענט קיין רוסיש און מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן. דאָס נישט קאָנען זיך צונויפריידן און זיין דאַרער אויסזען, מיטן לענגלעך פאַרשפּיצטן פּנים, האָט אין אָנהייב אויף מיר געווירקט קאָמיש.

איך האָב זיך בעת מעשה דערמאָנט אין מיין געבוירן־שטאָט ביאַלע, ווו עס האָט אין מייגע קינדערישע יאָרן געלעבט אַזאַ טאָטער. איין טאָטער אויף אַ שטאָט פון טויזנטער איינוווינער, וועגן וועמען אַלע האָבן געהאַט עפּעס אַ מין אויסטערלישן באַגריף.

כאָטש מיין טאָטערישער לאַנדסמאַן האָט שוין אין יענע יאָרן אויס־געזען ציוויליזירטער. ער האָט נישט געהאַט קיין באָרד און האָט גערעדט אויף עטלעכע שפּראַכן הגם מיט אַ מאָדנעם אַקצענט און איז אויך געווען ברייטער פון דעם אוראַלער דאָרן לאָקש, זענען זיי אָבער מיט זייער הויט, אויגן און קינבאַקן געווען גלייך איינער צום אַנדערן.

מיין לאַנדסמאַן האָט געוווינט הינטער דער שטאָט אין אַ פאַרוואָרפע־נער גאָס, וועמענס נאָמען איז פאַר אונדז יונגע געווען פונקט אַזוי אויס־טערליש, ווי זיין באַוווינער, דער טאָטער.

די גאָס וואָס האָט אויף פויליש געהייסן פראַנצוסקאַ (פראַנצויזישע), האָט מען איר אויף יידיש גערופן נישט די פראַנצויזישע, נאָר, ווי מאָדנע, „די פראַנצויזן".

און ווי מאָדנע, עס זענען ביידע, די גאָס מיטן ביאַלער טאָטער געוואָרן ווי איינס, אומצעטיילבאַר. דער טאָטער האָט סימבאָליזירט די פראַנצויזן־גאָס, און די פראַנצויזן־גאָס האָט סימבאָליזירט דעם טאָטער.

קיינער, אויסער יחידי סגולה, האָבן אין יענע יאָרן נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף נישט פונעם טאָטער און נישט פון דער פראַנצויזן־גאָס. מען האָט נישט געוווּסט פונוואַנען עס האָט זיך דאָ גענומען אַ טאָטער און מען האָט אויך נישט געוווּסט פונוואַנען האָט זיך גענומען אין דער ריין־פּוילישער שטאָט אַזאַ מאָדנער נאָמען ווי פראַנצויזן־גאָס.

זיי האָבן אָבער ביידע געהערט צו דער ביאַלער ווירקלעכקייט, ווי די איבעריקע מענטשן און זאַכן אין ביאַלע. און אויב אַלע האָבן דעם טאָטער פאַרזענלעך נישט געקענט, האָבן אָבער אַלע פון אים געהערט.

מען האָט מיט אים געסטראַשעט (געשראָקן) די קינדער, און דער־

וואָקסענע האָבן אים גענוצט פאַר אַ טרעפער. און די פרויען האָבן אין עניגים פון ליבע אים אויך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מכשף.

די דערינערונגען וועגן יענעם טאַטער האָבן מיר אויך דעם טאַטער, מיטן פאַרנעפּלטן אַרט, — געמאַכט אויסזען אויסטערליש. און ס'איז שוין ביי מיר אינגאַנצן געוואָרן אָפּגענומען דער חשק דאָ צו בלייבן. בפרט, צו זיין איין ייד אין אַ טאַטערישן אַרום.

בין איך צוריק אַריין אין דעו׳ באַן געשטאַרקט מיטן באַשלוס צו פאָרן קיין טאַשקענט, וועלכן איך האָב דער חברה איבערגעגעבן.

קאַפּיטל פיגפאונצוואנציק

ביי די טויערן פון טאַשקענט

מיט אַ פעסטן באַשלוס און קלאָרן ציל איז פיל גרינגער אויף דער נשמה און געמיטלעכער אויפן האַרץ. דער באַשלוס אָבער האָט זיך נאָר באַצויגן ביזן אַריינקומען קיין טאַשקענט.

און וואָס וועט מען טאָן אין טאַשקענט גופא, אויף דעם איז שוין ביי מיר קיין פּלאַן נישט געווען. זיי, די יונגע חברה, זענען געווען האָפּערדיק. זיי זענען קודם געווען הענדלער און זיי האָבן מער וויניקער געהאַט זייערע פאַמיליעס און זייער קרייז פון באַקאַנטע.

איך אָבער בין אַריין אין טורמע ווי אַן אָנגעשטעלטער. נאָך פריער האָב איך מיין שוועגערס געשעפט ליקווידירט און זיך פאַרנומען מיט גייסטי־קער אַרבעט און שרייבן.

איך בין דאָ איינער אַליין. האָב נישט קיין קרוב, קיין פריינד און קיין גואל. איך האָב שוין ביי זיי פאַרזוכט דעם טעם פון „גן־עדן״. קוים אַרויס אַ לעבעדיקער. ווילט זיך נישט איינשטעלן און נאָך אַמאָל אַריינפאַלן. בפרט, ווען איך האָב סיעזוי נישט קיין נייגונג צו פּריוואַטן מסחר. מיט וואָסזשע קום איך קיין טאַשקענט?...

לאַנג אָבער איז וועגן דעם נישט געבליבן צו טראַכטן. די לופט איז

געוואָרן הייסער און הייסער. אַ סימן, אַז מיר דערנענטערן זיך צו דער זוניקער טאַשקענט.

און ס'ערשטע דאַרף מען זען אַריינצוקומען אין שטאָט בשלום. צו ווערן אַ „רואה ואינו נראה" (זען און נישט ווערן געזען) און דאָס איבעריקע וועלן מיר שפּעטער זען.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ווייט הינטערן טאַשקענטער וואָקזאַל. ראשית, זענען לאַגערניקעס, ווען אפילו באַפרייטע, נישט קיין גרויסע מורינו'ס דאָ, אַז מען זאָל זיי צופירן צום סאַמע וואָקזאַל.

און ס'איז גלייכער די דאָזיקע אורחי־פּורחיניקעס נישט צו מישן מיט דער איבעריקער „אַריסטאָקראַטיע". שנית, האָט מען אונדז טאַקע נישט געטאָרט אַראָפּלאָזן ביי טאַשקענט, וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ פאַרבאָטענע זאָנע.

און דאָס וואָס דער צוג האָט זיך בכלל דאָ אָפּגעשטעלט, איז עס נאָר געווען צוליב די פּאָר פּאַסאַזשירן און יחסנים, וואָס זענען אַהער לעגאַל געקומען, און זיי האָבן נאָך צוליב אונדז געליטן, געדאַרפט צוגיין אַ שטיק וועג צום וואָקזאַל.

נאָר אויב פאַר די אַנדערע פּאַסאַזשירן איז דאָס אָפּשטעלן זיך פון דער באַן ווייט פונעם וואָקזאַל געווען אַ חסרון, איז עס פאַר אונדז, לאַגער־באַפרייטע, דווקא געווען א מעלה. מיר האָבן אַזוי אַרום געקאָנט אויסמיידן דאָס אויג פון די באַן־וועכטער ביים אַראָפּגיין אין שטאָט אַריין.

אינעם זוניקן טאַשקענט

איך בין נאָך געווען פאַרזיכטיקער ווי די איבעריקע. און נישט וועלנדיק אויך גיין צוזאַמען, בין איך אַוועק אַליין ווייטער פונעם אָרט ווו די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך בין אַוועק ווייטער אויף צוריקוועגס, כדי אַליין אַריינצוקומען פון יענער זייט וואָקזאַל.

איך האָב טאַקע די באַן־מיליץ אויסגעמיטן, נאָר דערוויייל האָב איך אָנגעוווירן מיינע יידישע מיטרייזנדיקע. איך בין אינעם וואָקזאַל לאַנג נישט געווען, איך האָב נאָר מיט אים געשלאָסן מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט.

אַרויסגייענדיק פון טאַשקענטער וואָקזאַל, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ גרויסער גוט־געפּלאַסטערטער רחבותדיקער פּלאַץ, ווי איינער פון די

פלעצער אין אַ מאָדערנער אייראָפּעישער שטאָט. דער ערשטער איינדרוק איז געווען אַ גוטער.

דאָס אויג האָט נאָכן לויף פון אַ יאָר זיך געקוויקט מיט אַ ביסל שיינ־קייט. אָבער נישט אויף לאַנג. ווייל באַלד האָט זיך אויך אַנטפּלעקט די מענטשלעכע נויט אין איר גאַנצער שווידערלעכער נאַקעטקייט.

דער מענטשן־געוואָלגער אויף די בלויזע שטיינער, די בערגער זאַכן און שמאַטעס אונטערן פרייען הימל און דער כסדרדיקער אַנלויף פון מענ־טשן־מאַסן, וועלכע די אַנקומענדיקע באַנען האָבן פון זיך ווי פון אַ תהום אַרויסגעשפּיגן, האָבן דעם ערשטן איינדרוק באַלד צעשטערט.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען אינעם קליינעם סקווערל (סאַדעק), אין דער רעכטער זייט פונעם שיינעם וואָקזאַל. דאָ, אינעם סקווערל, ווו די עוואַקואירטע און איבערהויפּט לאַגער־באַפרייטע האָבן זיך געוואַל־גערט אויף זייערע פון רעגן אַדורכגענעצטע און צעפוילטע טראַנטעס און ווו עס האָבן זיך געראַיעט אַלערליי ווערים און עפּידעמישע קראַנק־הייטן, איז געווען דער יאָמער־טאָל פונעם לאַגערניק און פּליט.

דאָ האָבן זיך אין שמוץ און שטויב געוואָלגערט קינדער. און לייבער פון דערוואַקסענע האָבן זיך אין די אָוונטן געקנוילט איינס אין אַנדערן, זוכנדיק אין די קילע טאַשקענטער נעכט שוץ און וואַרעמקייט.

מיטן טויטן צוקאָפּנס

אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין טאַשקענט איז דער אַנגעלויף און געדראַנג געווען זייער גרויס. די באַנען האָבן זיך געאיילט צו ברענגען וואָס מער עוואַקואירטע און פּליטים. און ווי גיך זיי האָבן זיי געבראַכט, האָבן זיי זיך געאיילט צוריקצופאָרן און ברענגען פרישע.

אויף די דאַכלאָזע האָבן זיך געאיילט. זיי האָבן זיך געאיילט צו פאַר־כאַפּן אַן אָרט אינעם קליינעם סקווערל. אַן אָרט אויף אַ באַנק אונטערן פרייען הימל, צו קאָנען אַדורכשלאָפן די נאַכט.

אינעם דאָזיקן געכאַפּעריי און טומל האָט מען דערווייל פאַרגעסן אין זיך און אין די אייגענע. מען האָט פאַרגעסן און פאַרזען זיך אַליין צו היטן פון די אַלערליי עפּידעמיעס און אָנגעשטעקטע.

האָט מען אין פאַרגעסנקייט און צעטומלעניש זיך געמישט איינער מיטן אַנדערן. מען האָט זיך אין שלאָף צונויפגעפּרעסט מיט אייגענע און פרעמדע

קראַנקע, מיט מענטשן פון טיפּוס און דיזענטעריע, איינאָטעמענדיק איינער דעם אַנדערנס פאַרפּעסטעטן אָטעם.

אויך איך בין פון גרויס מידקייט, אין איינעם אַזאַ אָוונט אַוועקגעפאַלן אויף איינער פון די בענק, ווו איך בין גלייך פון ביידע זייטן געוואָרן אַרייַנגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פאַס.

און ווי שווער דאָס ליגן איז מיר נישט אָנגעקומען, בין איך געווען פאַרשלאָפן און האָב אויך נישט געהאַט קיין כוח און קיין מוט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די צוויי אויף מיר אָנגשפאַרנדיקע. און אַזוי בין איך דורכגעשלאָפן די נאַכט.

ערשט מיטן טאָג־אויפשפּראָץ, האָט מיך ווי פון אַ חלום אַרויס אויפגעוועקט אַ געשריי. איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס געשריי האָט געדויערט. נאָר איך האָב זיך אין מיין פאַרשלאָפנקייט פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן און זיך אַליין באַטאַפּט. איך האָב געוואָלט זיין זיכער צי איך לעב.

באַלד אָבער ווי איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איך לעב, האָב איך דערזען מיין שכן, וואָס איז געשטאַנען אַן אַריבערגעבויגענער איבער עמעצנס אַ פאַרגליווערט פּנים און אָפן מויל.

ער איז געשטאַנען, דער שכן מיינער, אַ פאַרשטיינערטער מיט פאַרבראָכענע הענט, שיעור נישט אַזוי פאַרגליווערט ווי זיין מת. ערשט אַצינד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער דאָזיקער טויטער איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן ביי מיין צוקאָפּנס.

פון דער דאָזיקער געשעעניש בין איך, הגם אַ לאַגערניק, געוואָרן אַזוי איבערראַשט און דערשראָקן, אַז איך בין במשך גאַנצע וואָכן נישט צוריקגעגאַנגען אין „סאַדעק”. איך האָב זיך אַ שטייענדיקער אין די נעכט געפּייניקט ערגעץ ביי אַ וואַנט, ביזן מאָרגן־אויפגאַנג.

איך האַנדל מיט חלה

באַלד ווי איך בין אַרויס פון וואָקזאַל, האָט מיך די טאַשקענטער היץ מקבל פּנים געווען אויף איר שטייגער. זי האָט מיר אַ ברי געטאָן אין פּנים, און איך האָב זיך באַגאָסן מיט שווייס.

האָב איך ס׳ערשטע באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון מיינע וואַרעמע מלבושים און איבעריקע זאַכן. איך האָב פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פופייקע, וואַטעווע הויזן מיט דעם היטל און שווערע שיך, וועלכע איך האָב אַרייַנ־

געלייגט אין מיין זאַק־ראַניעץ. און איך בין פון דעם מאָמענט אָן געגאַנגען אָן אַ היטל און באָרוועס.

מען האָט אָבער אויך געדאַרפט זאָרגן וועגן עסן. בין איך געוואָרן אַ „סוחר״ פון אַ חלה. איך האָב נישט ווייט פון וואָקזאַל דורך „בלאַט״ (פּראָטעקציע) מיט אַ יונגער אוזבעקין, איינגעהאַנדלט יעדן טאָג איין חלה און איר דאָ ביים וואָקזאַל פאַרצוקערט...

מיין „מסחר״ איז צוגעגאַנגען גלאַטיק. איך האָב זיך נישט געשטעלט קיין באַזונדערן פאַרדינסט. מיין איינציקער ריווח נאָר איז געווען, דאָס שטיקל חלה, וואָס איך האָב פאַר זיך אַליין איבערגעלאָזט, איבערצוקומען דעם טאָג און די פינף קאָפּיקעס פאַר דער מיט וואַסער געשמאַלצענער זופּ.

מיטן טאָג, כאָטש אַ הונגעריקער, איז מען ווי ס׳איז אַדורכגעקומען. דער חלה־האַנדל און דאָס אַרומקריכן איבער די טאַשקענטער באַזאַרן האָט צוגענומען דעם טאָג.

ערגער איז אָבער געווען מיט דער נאַכט. די נאַכט איז נישט געווען וועמען אַוועקצוגעבן. און איך האָב זיך אין דער נאַכט נישט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן.

ס׳ערשטע האָב איך האַלטנדיק זיך ביים וואָקזאַל, וווּ־נישט־וווּ געפּרוווט זיך ערגעץ צושפּאַרן. אין אָנהייב, אויף די בענק פונעם אויסגעקראָכענעם סקווערל און אַמאָל איז אויך געלונגען אַריינצוגנבענען זיך אין וואָקזאַל.

מיט דער צייט אָבער איז אַלץ געוואָרן ערגער און ערגער. די בענק זענען פון אַנדערע אומגליקלעכע געוואָרן פאַרנומען. און אַריינצובאַקומען זיך אינעם וואָקזאַל, איז אויך געוואָרן אוממעגלעך. איבערהויפּט, ווען ביי דער טיר איז געשטאַנען איינע פונעם „ווייכהאַרציקן״ מין.

ווען די דאָזיקע פרוי־וועכטערין איז געשטאַנען, האָט מען איר מיט גאָרנישט געקאָנט איינגעמען. און זי איז געווען אומברחמנותדיק, די דאָזיקע היטערין אין די מענערישע וואַטעווע הויזן.

עס איז אָבער ביים וואָקזאַל אויך געווען אַ ווינקל פאַר אַדורכפאַרנדיקע שוואַנגערע און זויגנדיקע פרויען. און אין דאָזיקן הויז, וואָס איז פאַר מענער געווען פאַרמאַכט, האָט זיך ביים אַריינגאַנג געפונען אַ גרויסער ליידיקער צימער.

פלעגט מען אין די נעכט אויסנוצן יעטוועדע געלעגנהייט אַהין אַריינצוכאַפּן זיך. ווי נאָר אָבער די דאָזיקע אָרעמע פליטים פלעגן זיך אַהין

אַרייַנבּאַקומען און אויסציִען זייער מידן גוף אויפֿן שמוציקן דיל, אַזוי פֿלעגן זיך באַלד באַוויַיזן די רוסיש־אוקראַיִנישע רויבער, וועלכע פֿלעגן אונטערן געפּאַך פֿון מעסער באַאַרבעטן די איינגעשלאָפֿענע היימלאָזע.

זיי פֿלעגן זיי באַאַרבעטן אָן מורא, אין שיין פֿון ליכט און בפני כל עם ועדה. און די נאָך וואָכע חברים האָבן זיך מורא געהאַט אַרייַנצומישן.

אויך איך פֿלעג אויסנוצן די געלעגנהייט און אַהין זיך אַמאָל אַרייַנכאַפּן. איך פֿלעג זיך אָבער מיט אַלע כוחות היטן נישט אייַנצודרימלען. און וויַיזט אויס, אַז מיין הולך און אויסזען איז מיר בייגעשטאַנען. איך האָב זיי, די באַנדיטן, נישט אימפּאָנירט, זיי זאָלן צו מיר צוגיין.

אָבער אויך אַהין האָט מען נישט שטענדיק זיך געקאָנט אַרייַנבאַקומען. בין איך נישט איינמאָל אין די נעכט ערגעץ איבערגעזעסן (אויב ס׳איז געווען ווו), אָדער זיך פּשוט אָנגעשפּאַרט ביי אַ וואַנט און אַזוי אָפּגעדרימלט די נאַכט.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אין די וואַרעמע נישט־רעגנדיקע נעכט. עס זענען אָבער אויך געווען שאַרף־קאַלטע נעכט, ווען ס׳האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס. דאַן איז אין דעם גרויסן זוניקן טאַשקענט דעם היימלאָזן געווען ערגער ווי דעם הפקרדיקן הונט.

מיט מיין „חבר" אויף דער פּלייצע

נישט האָבנדיק קיין דירה, האָב איך זיך אין די טעג אַרומגעשלעפּט מיט מיין זאַק אויף דער פּלייצע. איך בין געגאַנגען אין די גרויסע מאַגאַזינען זוכן מציאות.

מציאות, פֿון וועלכע עס זאָל אויך עפּעס בלייבן פֿאַר מיר צום עסן. איך האָב נישט געוואָלט מסחרן. נישט געוואָלט איינשטעלן זיך און שפּעקולירן. איך האָב נאָר געוואָלט האָבן מיין מינימאַלן אויסקום.

טראָץ מיין לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך געפֿונען, האָב איך נישט געהאַט קיין כוח און קיין געדולד אַרומצוגיין זוכן פֿאַר מיר אַ צימער, הגם ס׳איז געווען שווער צו באַקומען.

די קראַנקהייטן פֿונעם לאַגער האָבן זיך אָפּגערופֿן און זיי האָבן זיך

איינגעגעסן אין דיביינער. אויך די היצן און די געשוואָלענע פיס האָבן אויסגעשעפּט די כוחות. צו דעם האָט נאָך דער זאַק דער באַשווערט מיין גיין. איך האָב אָבער דעם זאַק, אין וועלכן איך האָב צוליב די היצן אַריינגע־לייגט מיינע וואַרעמע מלבושים און איבעריקע זאַכן, נישט געקאָנט אַוועק־וואַרפן.

בין איך בלית ברירה מיט אים געגאַנגען אַן איינגעבויגענער אין דרייען. און נישט איינמאָל האָט מיר אַ באַרמהאַרציקע קריסטין געשטופּט אין האַנט אַריין צען קאָפּיקעס אויף אַ טראַמווי, מיינענדיק, אַז די מניעה איז בלויז די צען קאָפּיקעס.

איך גיי אין אַ „טשייכאַנאַ" טרינקען טיי

דערווייל בין איך ווי דער פּויפּסט אין זיין וואַטיקאַן־מלוכה געווען דער געפאַנגענער פון אַרום סקווערל. דער שטח איז אפילו נישט געווען אַזוי גרויס, אָבער גענוג גרויס פאַר אַזאַ אומגעבעטענעם אורח ווי איך בין געווען. בפרט, ווען מען רעכנט נאָך צו דעם צו דעם רחבותדיקן וואָק־זאַל־פּלאַץ, וואָס האָט אויך געהערט צו מיין „קעניגרייך"...

מיט דער צייט אָבער איז מיר פּאַרמיאוסט געוואָרן מיין באַגרענעצט אַרעם לעבן אַרום סקווערל, אַ לעבן פון אַ טרוקן שטיקל חלה מיט „קיפּיאַ־טאָק" (געקאָכט וואַסער). בפרט, ווען איך האָב שוין פון חלה־מסחר געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר סאָוויעטישע רובל.

האָבן זיך איין מאָל אין אָוונט די פּאַרלאַנגען אין מיר צעבונטעוועט און געפאָדערט פון מיר נישט מער און נישט ווייניקער, איך זאָל גיין אין אַ „טשייכאַנאַ" (טייהויז) פאַרזוכן אַ טשייניקל „עכטן" אוזבעקישן גרינעם טיי און זיך אויך טרעפן מיט מענטשן.

דער קאַמף אין מיר איז ווי שטענדיק דער געראַנגל צווישן יצר הרע און יצר טוב געווען אַ גאַנץ שווערער. דער לעצטער האָט מורא געהאַט, איך זאָל פאַר די באַנדיטן־בראָדיאַגעס נישט צופיל נתגלה ווערן. און דאַן, בין איך מיט מיין פּריווילעגירטן שלעפּערישן לעבן, — אויסגעשפּילט לעולם ועד...

און דאָך האָבן אין מיר די אונטערדריקטע פאַרלאַנגען גובר געווען. און איך בין צום ערשטן מאָל במשך דער צייט אַרויס פון מיין געפאַנגענ־שאַפט און זיך פאַרנומען אויפן וועג צו דער „טשייכאַנאַ".

דער וועג צום טיי־הויז, וואָס איז געווען אין אַ זייט פונעם ישוב, איז געווען אַ גענוג ווייטער. ווי נאָר אָבער איך בין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט זיך דער הימל פאַרצויגן אין שוואַרצן און די נאַכט, אַ טינט־שוואַרצע, האָט זיך תיכף אינעם אָוונט אַריינגעריסן.

דער הימל האָט זיך פּלוצים צעשטורעמט, דונערן מיט בליצן האָבן זיך געקרייצט און האָבן נאָך מער פאַרפינצטערט דעם אַזוי אויך טונקעלן אויסזען פונעם האָריזאָנט.

און איידער וואָס־ווען האָט געגומען גיסן ווי מיט קאַלט־אייזיקע צעבערס. דער רעגן־פליייץ האָט געשלאָגן אויף מיין קאָפּ ווי מיט אַ שלאָגנדיקן האָגל. און ער האָט אַריינגערונען אין מיין האַלדז און פּלייצע.

און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז נישט פון אויבן שטורעמט עס אַזוי און וויכערט, נאָר ווי אַ ריזן־חיה האָט דאָס מויל פון דער ערד זיך צעעפנט, אַלץ און אַלעמען מיט שטורעם צו פאַרשלינגען. די קעלט און די נעציקייט האָט מיך איינגאַנצן אַדורכגענומען, אַריין אין די ביינער. און איך האָב נישט געהאַט ווו צו אַנטרינען פון די דאָזיקע קאַלטע שטראָמען.

זינקענדיק אינעם נאַסן ליימיקן באָדן, בין איך וואָס גיכער געלאָפן צו דער „טשייכאַנאַ". איך האָב זיך צו איר וואָס מער דערנענטערט.

פונדערווייטנס האָב איך שוין דערזען אַ פייערל וואָס האָט ווי אַ גלי־ווערמל אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל פון דער געדיכטער פינצטערניש אַרויס.

דאָס פייערל האָט מיך צו זיך געצויגן ווי מיט טויזנטער כישוף־הענט. מיין כוח־המחשבה און מיין גאַנצע גלוסטונג האָט זיך אַצינד קאָנצענטרירט אַרום דאָזיקן איינציקן פּונקט. און צוזאַמען מיט דער „טשייכאַנאַ" איז אין מיין באַוווסטזיין אויפגעקומען דאָס פאַרצעלייענע געשטאַלט פון אַ טשייניקל.

אַ פּראָסט פּשוט טשייניקל צו טרינקען דערין טיי. האָב איך עס אַצינד אין מיין מחשבה באַרירט, געגלעט און געצערטלט, געפּירט מיין האַנט און געגלעט קודם כל דאָס קיילעכיקע פאַרצעלייענע בייכל, וואָס טראָגט אין זיך דעם פּאָר מיר גלוסטנדיקן טיי. דאַן דאָס פּיסקל, וואָס גיסט פון זיך אַרויס די גלוסטנדיקע פליסיקייט. און צום סוף האָב איך צאַרט אָנגענומען דאָס פאַרצעלייענע הענטל, וואָס איז אויך אַ גאַנץ חשובער גליד אינעם דאָזיקן פאַרצעלייענעם קערפּער.

אָ, ווען איך האָב ביי זיך אַצינד אַזאַ טשייניקל! איך וואָלט קודם פאַרשפּאָרט צו שטיין שעהן אין דער ריי, וואַרטנדיק דערויף אַ געפּרוירענער.

צוווייטנס, קאָן זיך נאָך מאַכן, ווען די ריי וועט שוין צוקומען צו מיר, זאָל אויספעלן אָדער אַ טשייניקל, אָדער די טיי צום טרינקען. און ס׳איז מיר אַזוי קאַלט, ס׳ווילט זיך אַנטלויפן פון דער נאַסקייט און פון דער קעלט און טאַקע טרינקען אויך.

אַ פאַרחלומטער, האָב איך אַליין נישט באַמערקט ווי איך בין אַריינ־געפאַלן אין דער „טשייכאַנאַ״. איך האָב זיך געפונען אינעם ערשטן צימער פון איינשטאָקיקן הויז, וואָס איז פונדרויסן געווען אַרומגענומען ווי מיט אַ גאַרטל פוןביימער.

אינסטינקטיוו האָב איך זיך געשטעלט אין דער ריי. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך דערזען אַ לאַנגע ריי פון מענטשן, וואָס וואַרטן פונקט ווי איך אויפן טיי־טשייניקל.

צווישן זיי זענען געווען מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער און שבטים, וואָס באַוווינען דאָס גרויסע רוסלאַנד, אָדער זענען אַהער פאַרשלעפט געוואָרן אינעם לויף פון דער צייט.

זעענדיק אַזויפיל וואַרטנדיקע מענטשן איז מיר דאָס האַרץ אַביסל גרינגער געוואָרן. נאָר אָט זע איך ווי אַ מאַן, וועמענס ריי ס׳איז שוין דער־גאַנגען, ציט אַזוי פלינק אויס זיין האַנט נאָכן טשייניקל, אָנכאַפנדיק עס ביים פאַרצעלייענעם הענטל, ווי ר׳וואָלט מורא געהאַט מען זאָל עס ביי אים נישט אויסכאַפן. מען וועט אויך דאַרפן אַזוי טאָן, טראַכט איך.

אינעם צווייטן צימער זענען ביי די גרויסע פראָסטע טישן געזעסן פאַרשידענע מענטשן. אַ טייל האָבן בלויז געזופט די טיי, אַנדערע ווידער האָבן צוגעביסן מיט אוזבעקישע „לעפיאָשקעס״ (פלעצלעך) און גאָר אַנדערע האָבן אַרויסגענומען פון זייערע ברייטע קעשענע־זעק „קישמיש״ (ראָזשינ־קעס) און „אוריוק״ (שעפטאַלן) מיט וואָס זיי האָבן צוגעביסן און אויך פאַר־זיסט די נישט־זיסע טיי.

די „טשייכאַנאַ״ איז געווען פול מיט רויך, שוויס און טשאַד. דער טאַבאַק־ און נאַרגילע־רויך, אויסמישנדיק זיך מיטן שוויס פון די פאַר־שוויצטע לייבער, האָט באַהעפנדיק זיך מיט דער פאַרע פון די הייסע טשיי־ניקלעך, נאָך מער פאַרטונקלט דאָס אַזוי אויך טונקעלע ליכט פונעם צימער.

אוזבעקן האָבן געטרונקען זייער טיי פלוידערנדיק געמיטלעך מיט זייערע פעטע, ברייט־פנימדיקע ווייבער. זיי האָבן אַצינד געהאַט געדולד, די זין פון אוזבעקיסטאַן.

סייווי האָט אינדרויסן געמבולט. און עס האָבן אויף זיי געוואַרט זייערע

אייזעלעך, וואָס האָבן פון צייט צו צייט זיך איבערגערופן מיט זייערע פאַר־נומענע באַלעבאַטים דורך זייערע שאַרף־קוויטשענדיקע קולות, וועמענס עכאָ עס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער אָנגעפילטער „טשייכאַנאַ״.

מיין רײַ האָט זיך דערנענטערט. איך האָב נאָך געהאַט פאַר זיך בלויז אייניקע וואַרטנדיקע. איך האָב אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג שוין אויס־געקוקט מיין צייט.

און ווען מיין צייט איז געקומען, האָב איך אינגאַנצן אַ צאַפּלענדיקער פון אויפרעגונג, אויף דער גיך געגעבן אַ שטרעק אויס מיין רעכטע האַנט אָנצוכאַפּן דאָס געגאַרטע טשייניקל.

איך האָב מיט די פינגער פון מיין האַנט אָנגעכאַפּט דאָס אויערל און עס פעסט געהאַלטן. נאָר דאָ האָט פלוצים ווער פון דער אַנטקעגנדיקער זייט אויך אָנגעכאַפּט דאָס זעלבע טשייניקל ביים פאַרצעלייענעם פּיסקל.

דער מאַן האָט דאָס פּיסקל פון זיין האַנט שוין מער נישט אַרויסגעלאָזט. און אַזוי ציענדיק עס צו זיך, האָט ער עס אינגאַנצן פון מיין האַנט אַרויס־גענומען. איך בין געבליבן בלויז ביים פאַרצעלייענעם הענטל. דאָס טשיי־ניקל האָט זיך צעבראָכן.

אַן אַנגסטיקע שרעק איז מיך באַפאַלן. אין איין רגע איז מיין גאַנצע האָפענונג און דערוואַרטונג געוואָרן צערונען. נישט איך האָב אַצינד דאָס טשייניקל און נישט איך וועל טרינקען די טיי, וואָס איז אַן אַ טשייניקל דאָ אוממעגלעך.

און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט צו באַטראַכטן מיין לאַגע, איז צו מיר צוגעלאָפן דער אָנפירער פון דער „טשייכאַנאַ״ מיט דער פאָדערונג, אַז איך זאָל אים באַצאָלן פאַרן טשייניקל.

איך האָב גאָר אַזאַ סומע נישט פאַרמאָגט און איך וואָלט אַזאַ סומע אויך נישט באַצאָלט, קענענדיק מיין אומשולד. נאָר דאָ האָבן מיך צוויי פעסטע אורבעקן אַ נעם געטאָן מיט כּוח און מיך אַריינגעוואָרפן אין דער שטאַל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן זעלביקן הויף.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. קיין איין שטערן איז אויפן הימל־געוועלב נישט געווען. און אין דער דאָזיקער פאַרמאַכטער שטאַל איז נאָך פינצטערער געווען.

שווערע רעיונות ווי בייזע חלומות זענען אין מיר אויפגעקומען. איך האָב זיי געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך, ווי מען פאַרטרייבט אַ שד. איך האָב אָבער נישט געקאָנט.

באַטראַכטנדיק מיין לאַגע, האָב איך זיך פּלוצים אָנגענומען מיט גבורה, וואָס וועל איך אַזוי זיצן אַליין ווי אַ געבונדענער שעפּס ?

איך וועל פּרווון אויפרייסן די הילצערנע טיר פון שטאַל און וועל זיך אַליין באַפרייען. און איך האָב מיטן גאַנצן כוח, וואָס ס'איז מיר נאָך געבליבן, די טיר אַרויסגעשפּאַרט.

ווי אַ חיה וואָס ווערט געיאָגט פונעם יעגער בין איך גיך געלאָפן פונעם אָרט פון מיין אומגליק. מיין שרעק איז אָבער אין דער אמתן געווען אומזיסט. קיינער האָט מיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט מער נישט געיאָגט. איך בין אָבער ווי פאַר זיך אַליין געלאָפן.

איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פון מיין אייגענעם גורל. איך האָב זיך אָבער אַ מידער, אָן כוחות, געמוזט אָפּשטעלן. און ווען איך בין געבליבן שטיין, איז דערווייל דער אוזבעקישער מאָרגן־גרוי אויפגעגאַנגען.

איך האָב נישט באַמערקט ווי אַזוי דאָס איז געשען. נאָר די אייזיקע שניידיקייט פונעם אוזבעקישן באַגינען האָט אַלץ אין מיר אויסגעפרירט. מיינע געדאַנקען, אַרויסקומענדיק פון דער דאָזיקער קאַלטקייט, האָבן אַצינד זיך אָנגענומען מיט אַ נייער פרישקייט און קלאָרקייט.

מיט דער דאָזיקער קלאָרקייט האָב איך אַצינד פעסט באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען זיך צו דערווערבן אַן אייגן טשייניקל. און באַוואָפנט מיטן דאָזיקן באַשלוס, האָב איך גלייך אַוועקגעאיילט אויפן באַזאַר.

דער געדראַנג פון די וואָקזאַל האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן. די מערהייט האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן פונעם פאַר־פּעסטעטן סקווערל און זיך געפּרוווט ווי ס'איז איינאָרדענען. און די איבע־ריקע זענען זיך צעפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

געבליבן זענען די אָרעמסטע און איינציקע, פאַר וועמען אויך דאָס פליכעוואַטע סקווערל איז שוין נישט געווען קיין היים. און פונעם דאָזיקן „סאַדעק" איז געוואָרן אַ גאַנצע נאַכט־„סטאָלאָווע" (רעסטאָראַן).

אַ סטאָלאָווע, ווו אויב מען האָט פריער פאַרכאַפּט אַן אָרט, האָט מען אין די אָוונטן געקאָנט באַקומען עפּעס אַזוינס ווי אַ וואַסערדיקע זופּ.

פונדעסטוועגן, ווען מען האָט די דאָזיקע וואַסער־זופּ פאַרביסן מיט געננוג ברויט, האָט מען מיט איינמאָל געקאָנט שטילן אי דעם הונגער נאָך ברויט און אי דעם דאָרשט נאָך וואַסער...

אויך מיין חלה־מסחר האָט זיך אַלץ מער פאַרערגערט, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די מאַגאַזינען פון דער „שטאָט פון ברויט", ווו

מען האָט נאָך ביי מיין אָנקומען אַהער געקאָנט באַקומען פון כל טוב, האָבן זיך אין דער קורצער צייט אָנגעהויבן אויסליידיקן.

אפילו די שאר ירקות, וואָס זענען נאָך אין זיי פאַרבליבן, האָבן אונדז אורחי פורחי שוין נישט געקאָנט באַפרידיקן. אוודאי נישט די גיפּסענע ליאַלקע־חלות און בולקעס אין די שויפענצטער, וואָס האָבן נאָך מער גערייצט אונדזער אַפּעטיט נאָך די אמתע חלות...

ווי אַ נישט־צוגעשריבענער און נישט־אַרבעטנדיקער, האָב איך די פּאָר הונדערט גראַם קאַזיאָנע ברויט פון די מאַגאַזינען אויך נישט באַקומען.

האָב איך זיך דערוויייל געטרייסט מיט די סלאָיעס רויע שפּייז, וואָס איך האָב זיך אין די ערשטע טעג פאַר זיך רעזערווירט אויף אַ שלעכטן טאָג. צו באַנוצן זיך אָבער מיט די דאָזיקע סלאָיעס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ דירה און אַ קיך.

האָב איך זיי געלאָזט ליגן אין מיין זאַק, פאַרגרעסערנדיק די אַזוי אויך שווערע משא אויף מיינע פּלייצעס. איך בין אַרויס פון מיין נאָרע און ווי יעקבס זון געגאַנגען איבער די טאַשקענטער באַזאַרן זוכן „שבר במצרים" (שפּייז אין מצרים).

אויף די טאַשקענטער געמאַרקן

מחוץ פונעם ענגן סקווער־שטח און אין לעבעדיקן מענטשן־געטומל פון די באַזאַרן האָב איך געפרוווט קומען צו זיך. ווי אדם און חוה אין גן־עדן, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז איך בין נאַקעט.

און איך האָב זיך אַצינד פאַר זיך אַליין פאַרשעמט. זיך געשעמט מיט מיין געצוווּנגענעם „קלאָשאַרסקן" שטייגער לעבן („קלאָשאַר", אַ פראַנצויזיש לעבנס־רעזיגנירטער שלעפּער)...

איך האָב דעריבער אָנגעהויבן טראַכטן אַרויסצוגיין פון מיין לאַגע. איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין מיט ברויט, וואָלט מען אויך געקאָנט לעבן מיט די באַזאַר־שיריים.

מען האָט אין די פרימאָרגנס אויפן באַזאַר געקאָנט ביי די קאָלכאָזניקעס באַקומען פּאָמידאָרן, זיסע בוראַקעס און אַנדערע ערזאַץ־מאכלים.

דער עיקר אָבער איז אַ שטיקל צימער ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ און דעם זאַק. ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ צימער, וואָלט איך געקאָנט זוכן אַ שטיקל פּרנסה און ווערן צוריק אַ מענטש. ווו נעמט מען אָבער אַ צימער און געלט אויף דעם?

דערווייל האָב איך זיך אין די טעג פֿאַרטאָן מיטן אַרומקריכן אָן אַ זין און ציל אויף די באַזאַרן און אַריינאָטעמען אין זיך די ריחות פֿון די זוניקע טאַשקענטער פּרוכטן. די זון האָט געוואָרעמט און די טעג זענען העלע און שיינע.

ווי נאָר אָבער ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט איז מיך באַפֿאַלן אַ שרעק. אַ שרעק, ווי פֿון אַ קראַנקן הונגעריקן פֿויגל, וואָס האָט אויך נישט קיין נעסט.

צוריקגיין צום וואָקזאַל אָבער איז געווען ווייט. און די בראָדיאַגעס האָבן זיך איבערן וועג אויף מיר געקאָנט מרחם זיין און מיר פֿאַרשפּאָרן נישט נאָר דאָס טראָגן דעם זאַק, נאָר אויך די „תחתונים״...

האָב איך מיטן זאַק אויף דער פּלייצע געמוזט אַרויסגיין זוכן אַן אָרט צום שלאָפֿן אין דער נאָענטסטער שכנות. איך האָב געזוכט אַ חורבה, אַ הפקר־הויז, אָדער אַזאַ שטייגער.

און ווען איך האָב אַזוינס נישט געפֿונען, בין איך געפֿאַלן אויף אַז המצאה צו פֿאַרגנבענען זיך אין די סאַמע מלוכהשע קאָאָפּעראַטיווע הייזער.

איך האָב זיך פֿאַרגנבעט נישט אין זייערע דירות, נאָר אויף די טרעפּ פֿון די אויבערשטע שטאָקן ביי די סאַמע אַריינגענג, ווו איך האָב געמאַכט מיין געלעגער. איך בין געקומען שפּעט אין דער נאַכט און בין אַוועק פֿאַרטאָג.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

טרעף זיך מיט שרייבער און נעם מיט אַ קאָלעגין אויף קהלישע טרעפּ

אויף אַזאַ אופֿן האָב איך אַ צייט גענעכטיקט און ס׳איז אַדורך בשלום. איך בין געקומען ווען די שכנים זענען שוין געשלאָפֿן און בין אַוועק נאָך איידער זיי זענען אויפֿגעשטאַנען.

דערווייל האָבן זיך די דייטשן געדרוקט טיפֿער אין לאַנד. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו מאָסקווע און לענינגראַד. און וואָס מער די דייטשן האָבן

זיך דערנענטערט צו די רוסישע הויפּטשטעט, אַלץ נענטער זענען געוואָרן די פּויליש־סאָוויעטישע באַציונגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דער פאַראיין פון די פּוילישע פּאַטריאָטן, און איבער רוסלאַנד זענען אויפגעקומען פּוילישע קאָנסולאַרע פּונקטן, וועמענס ציל ס׳איז אויך געווען צו שיצן און העלפן די פּוילישע בירגער אין רוסלאַנד.

אויך אין טאַשקענט איז אַזאַ פּונקט אויפגעקומען. און ווען איך האָב אויפן באַזאַר וועגן דעם געהערט, האָב איך באַשלאָסן זיך צו דערוויסן זיין געוויעם אַדרעס.

איך האָב אַרויסגענומען פון זאַק די פּאַפּייקע מיטן וואַטעווע היטל, זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און וואַטע — און בין געגאַנגען צום צענטער שטאָט.

ביים פּאַרק האָב איך אומגעריכט געטראָפן דעם באַוווסטן דערציילער בערלינסקי מיט דעם דיכטער אַשענדאָרף און די דיכטערין „איקס״.

לכתחילה בין איך געווען איבעראַשט צו טרעפן מיט איין מאָל אַזש דריי שרייבער־קאָלעגן. מיין פרייד האָט זיך אָבער צוליב די אומשטענדן — גע־נומען אָפּקילן.

בערלינסקי, וועלכער איז געווען צוממיינסטן אויפגעלייגט און פריינט־לעך, האָט מיך באַקענט מיט דער דיכטערין, וועלכע איך האָב ביז דאַן פּערזענלעך נישט געקענט.

זיי זענען אַלע געווען בעסער געקליידט פאַר מיר, דעם געוועזענעם „קאַטאָרזשניק״. די דיכטערין, וועלכע האָט געהאַט מיט זיך אַ דערוואַקסן מיידעלע, איז געווען גאַנץ פיין אָנגעטאָן.

דאָס האָט אָבער נישט פאַרקלענערט איר נויט. זי האָט, ווי איך, נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. און אַן הילף מיט אַ קינד ביי דער האַנט, איז אין אַ געוויסן זין איר לאַגע געווען נאָך אַן ערגערע ווי מיינע.

דער העכערער, און אויפן אויסזען געזונטער אַשענדאָרף (ווער זאָל זיך ריכטן, אַז ער וועט אַזוי יונג שטאַרבן?), איז געווען קאַלט און רעזער־ווירט. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שום איבעריקן געשפּרעך (אַן ענלעכע פאַרזיכטיקייט האָט ער אויך אַרויסגעוויזן שוין מחוץ די גרענעצן פון רוסלאַנד).

ווי אַ פויגל, וואָס גרייט זיך צו זיין פלי, האָט ער נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש אויף גיך זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אָנקומענדיקן טראַמוויי און פאַרשוווּנדן פון אונדזערע אויגן. איך האָב אים פאַרשטאַנען.

בערלינסקי, האָט ווי אַ גביר, וואָס פרייט זיך מיט זיינע אוצרות, מיט הנאה מיר געוויזן זיין ברודערס דירה, אין וועמענס זכות אויך ער האָט געוואָסן. יאָ, אַ דירה אין טאַשקענט איז דאָן געווען אַן אוצר. און איך האָב אים דערמיט מקנא געווען.

מיר זענען צוריקגעקומען צו דער דיכטערין, וועלכע האָט אויף אונדז געוואַרט. און איך, אַליין אַ דירהלאָזער שלעפער, האָב שטאַרק מיטגעפילט דער שוועסטער לצרה און זיך איבערגענומען מיט איר לאַגע. איך האָב איר אויף מיין אופן געוואָלט העלפן און ווערן דווקא אַן „אורח שמכניס אורח״...
איך האָב זיך אָבער פאַר בערלינסקין געשעמט מיט מיין פּלאַן.

ערשט ווען בערלינסקי אַליין האָט מיך געבעטן איר אויסצוזוכן אַן אָרט צו נעכטיקן, האָט ער שוין מיט זיין ביטע אָנגעטראָפן אויף אַ צעאַקערטן באָדן און איך בין געוואָרן דרייסטער.

און טראָץ מיין אייגענער לאַגע, האָב איך מיין דעליקאַטע שליחות דערפילט. נאָך דעם אַדרעס פונעם פּוילישן קאָנסולאַרן פּונקט האָב איך פון מיינע קאָלעגן נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. אויפן וועג האָב איך מיין קאָלעגין אויפגעדעקט דעם פּלאַן, צו וועלכן זי האָט, פאַרשטייט זיך, בלית ברירה מסכים געווען.

מיר האָבן אין דער נאַכט גענומען אַ טראַמוויי און אַראָפּגעפאָרן צו אַ וויטן פּונקט. מיר זענען פאַר דעם זעלבן געלט אויסגעפאָרן גאַנץ טאַשקענט.

ערשט שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר אויסגעשטיגן ביי איינעם פון די מאַסיווע געמויערטע הייזער. מיר זענען ווי גנבים שטיל אַרויף אויפן אויבערשטן שטאָק, ווו מיר האָבן זיך ביי די טיר־אריינגענג אַריינגעשליכט. מיר זענען געלעגן אין אָנטועכץ אויף דער שטיינערנער קאָרידאָר־פּאָד־לאָגע, צעטיילט דורך באַזונדערע טירן, ווו פאַר אונדזער צוקאָפּנס האָבן געדינט די בלויזע אונטערגעלייגטע פּויסטן.

מיר האָבן זיך אויך צעטיילט, כדי פון קעגנזעצלעכע זייטן צו הערן אויב עס קומט ווער אַן פון דרויסן, אָדער עפנט די טיר פון אינעווייניק.

די נאַכט איז אַדורך בשלום. קיינער איז נישט אָנגעקומען, און קיינער האָט אויך פון אינעווייניק נישט געעפנט קיין טיר. און געמיינט האָבן מיר, אַז עס וועט זיך שוין אַזוי ענדיקן.

געשען איז אָבער אַנדערש. מיטן מאָרגנרויט, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, האָט זיך פּלוצים ביי דער דיכטערינס זייט געעפנט אַ טיר, אין

וועלכער עס איז אַן איבערראַשטער געבליבן שטיין אַן אויסגערונדיקטער און ווי אַ בודאַ פּעטער רוס. ער איז געשטאַנען ווי אַ... מיט אַ פּאָר אויס־געגראַטשעטע אויגן.

ער איז אָבער, ווייזט אויס, נישט געווען קיין שלעכטער, דער דער־שטוינטער רוס. ער האָט די מיליץ נישט אַרויסגערופן און האָט אונדז אויך אין דער מאַמען אַריין נישט דערלאַנגט... ער האָט נאָר ווי אַ פאַרוווּנדער־טער בער צו זיך אַליין עפּעס אַ מרוקע געטאָן, און איז באותו הרגע צוריק אַריין אין זיין נאָרע.

איך האָב זיין מרוק נישט באַנומען. איז עס געווען פון רחמנות, צי פון בלויזער פלוצימדיקער איבערראַשונג. נאָר פאָר מיין פאַרשעמטער קאַלעגין איז עס געווען גענוג. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר מיידעלע, און ווי אַ פלינקע הירשין אַראָפּגעשפּרונגען פון די טרעפּ.

און ווען איך האָב איר געפּרווּט נאָכלויפן, כדי איר צו באַגלייטן און אויך טרייסטן פאַרן „אומגליק״, — האָב איך איר שוין נישט געפונען.

צוליב קמצא בר קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים, און צוליב אַ מרוק פון אַ רוס איז צעשטערט געוואָרן מיין אידיליע פון נעכטיקן אויף פרעמדע טרעפּ.

איך טרעף צוויי ביאַליסטאָקער

נאָכן דאָזיקן דורכפאַל אויף די טרעפּ פונעם קאָאָפּעראַטיוון הויז, איז מיר באַשערט געווען זיך צו באַגעגענען מיט צוויי ביאַליסטאָקער, וואָס האָט מיר אַביסל פאַרזיסט דעם ביטערן טעם פון דער נישט איינגעגעבענער נאַכט־אַכסניה אויף די קהלשע טרעפּ...

איידער איך האָב נאָך אויסגעטאָן די פּופּייקע מיט די מיליטערישע שיך, האָט מיך ביים טאַשקענטער וואָקזאַל דערזען דער געוועזענער ביאַ־ליסטאָקער פאַבריקאַנט רובינשטיין. ער האָט מיך טראָץ מיין אויסזען גלייך דערקענט. ער איז פון ערגעץ געקומען צופאָרן מיט אַ „מסחר״.

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמועסט און אַריינגעפאַלן אין אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך דער פאַרלוירענער היים און פריערדיקע צייטן. ער האָט מיך געפּרווּט טרייסטן מיט בעסערע טעג און זיך מיט מיר געזעגנט.

גלייך נאָך זיין אַוועקגיין טרעפט מיך ביים זעלבן וואָקזאַל דעם ביאַ־ליסטאָקער וואַסער־פאַבריקאַנטס ברודער, דער יונגערער פאָגעל. דער

עלטערער פּאָגעל איז געווען אַ ציוניסט. ער האָט צוזאַמען מיט שבח זאַכוטאַ אין ביאַליסטאָק געהערט צו דער גרופּע ציונים בעלי מלאכה.

מיטן אויפקום פון רעוויזיאָניזם, איז ער ווי שבח זאַכוטאַ געוואָרן אַ רעוויזיאָניסט. און ביים גרינדן אין ביאַליסטאָק דעם „ברית החיל״, איז ער ווי שבח געווען פון זייגע ערשטע מיטגלידער. זיי זענען ביידע געווען הייסע ציוניסטן און איבערגעגעבענע דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. און זיי האָבן שפּעטער, אונטער די נאַציס, געטיילט דעם גורל פון די איבעריקע ביאַליסטאָקער יידן.

מען נעמט מיר צו מיין לעצטן „אוצר״

צום קאָנסול האָב איך זיך נישט דערשלאָגן. מיין אַכסניה אויף קהלשע טרעפּ און מיין חברטע האָב איך אָנגעוווירן. בין איך ווי דער קעניג צום בויפּסט, געגאַנגען צוריק קיין „קאַנאַסע״ (צום באַן־סקווערל) און אויס יום־טוב.

און אַז עס איז אויס יום־טוב, — האָב איך צוריק אויסגעטאָן די ווינטערדיקע פּופּייקע מיט דעם וואַטעוון היטל און שווערע שיך, וועלכע האָבן מיר אָפּגעריבן די פּיס, און זיי צוריק אָריינגעלייגט אין זאַק.

איך האָב אין די נעכט צוריק זיך אָנגעהויבן צו וואַלגערן אויף די אַלטע ערטער און פאַרכאַפּן אין די אָוונטן אַן אָרט אויף אָנצוטוליגקען זיך מיט דער וואַסערדיקער זופּ, אינעם סקווערל־„סטאָלאָווע״ ביי דער באַן.

און אין די טעג בין איך ווידער אַרומגעקראָכן איבער די שכנותדיקע באַזאַרן אויסצובעטן אָדער אויסצוהאַנדלען אַ צוגעלעגענעם רעטעך אָדער בוראַק, אָדער שטיקלעך פאַרשטיינערטן קעז, וואָס מען האָט געדאַרפט צעהאַקן מיט אַ האַק, כדי ערשט דערנאָך איינשטעלן די פון „צינגאַ״ (געשווילעכץ־קראַנקהייט) געבליבענע ציין...

דאָס סקווערל־סטאָלאָווע איז אַלעמאָל געוואָרן פולער, כאָטש צו לייגן אין מויל אַריין איז נישט געווען וואָס. עס איז אָבער פאַר די אָרעמע אויך געווען גענוג אַביסל אָנצוזופּן זיך און אָנוואַרעמען די ביינער. ווי אַ ליידיקגייער, וואָס האָט אויסגעקליבן פאַר זיין אָפּעראַציע־שטח דעם טייל פון וואָקזאַל, בין איך געווען צום נאָענטסטן צום „סאַדעק״ און האָב אויך געהאַט גענוג צייט. און לויטן כלל: זריזין מקדימין למצוות״ (איילנדיקע זענען זיך מקדים), האָב איך פון די ערשטע פאַרנומען אַן אָרט ביי אַ טישל.

און ווי מען האָט זיך מיט דער זופּ נישט אָנגעגעסן, איז מען געווען צופרידן צו זיצן צווישן מענטשן און נהנה זיין פון דער אַרומיקער באַלייכטונג. איך האָב שוין מיין זופּ געהאָט אויסגעטרונקען. איך בין נאָר אַזוי געזעסן כדי אָפּצורוען זיך פונעם טאָגיקן אַרומשלעפּן זיך און אָפּרייסן וואָס מער צייט פון דער פאַר מיר אומגליקלעכער נאַכט.

און אַזוי זיצנדיק און שלינגענדיק דעם עלעקטרישן שיין, איז צו מיר צוגעקומען אַ הויכער באַבערדלטער און באַפּאהטער ייד, אַ ייד אַ גבר, מיט שוואַרצע האָר און אויגן, און קאַפּאָטע.

אין אַ ווייכן, האַרציקן טאָן, ווי איינער וואָס בעט רחמים, האָט ער אָנגעהויבן: „רב ייד, איך האָב אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. לאָזט מיך זעצן אויף אייער אָרט, וועט מען אויך מיר דערלאַנגען אַביסל זופּ, כאָטש אָנצוטרינקען זיך". איך האָב אים מיין גאַנץ אָרט נישט אָוועקגעגעבן, וואָרעם ווי וואָלט איך זיך אַהינגעטאָן מיט מיין זאַק? איך וואָלט זיך מיט אים געמוזט שטופּן און שטויסן צווישן אַלע זיצנדיקע. איך האָב זיך אָבער אָפּגערוקט פון מיין פריערדיקן פּלאַץ, זיך ענגער געמאַכט, כדי צו מאַכן אָרט פאַרן צוגעקומענעם.

פאַרלייגנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, האָב איך אין מיטן אַריינגענומען מיין זאַק. איך האָב מיין „אוצר" צו זיך שטאַרק צוגעדריקט, כדי אים צו פילן און אים נישט פאַרגעסן. די ענגשאַפט אָבער און די דורכדעם אויפגעקו־מענע וואַרעמקייט, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ נאָגנדיקע מידקייט, וואָס האָט מיין גוף פאַרגאָסן מיט אַ זיסער שלעפעריקייט.

איך האָב אויף אַ ווײַלע איינגעדרימלט. און ווען איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט, איז שוין נישט געווען נישט קיין ייד און נישט קיין באָרד. און צוזאַמען מיטן ייד, איז אויך מיין זאַק פאַרשוווּנדן. איך בין אין דער ערשטער מינוט געווען ווי צעמישט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס אָנהייבן צו טאָן. אַ ייד זאָל מיר דאָס אַזוי אָפּטאָן? צונעמען מיין לעצט העמד און מיך לאָזן בוכשטעבלעך נאַקעט און באָרוועס.

ווייל צוליב די גרויסע היצן האָב איך אין זאַק אַריינגעלייגט אַלע מיינע וואַרעמע מלבושים און זאַכן. די פופייקע, וואָס האָט מיר געדינט פאַר אַ מאַרינאַרקע, פאַר אַ פּאַלטן און פאַר בעטגעוואַנט. אַזוי אויך דאָס וואַטעווע היטל און שיך און דאָס לעצטע העמד.

געבליבן בין איך אָן זאַכן, אָן מלבושים און אָן די פּאָר רעזערווירטע שפּייז־סלאָיען. בלויז אין די הויזן און אין דעם איינציקן ווי לעדער האַרטן

העמד פון כסדרדיקן פאַרען, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן לייב. און צו מיין גרויסן צער און פּיין איז נישט געווען קיין גרענעץ.

קומענדיק צו זיך האָב איך די שכנים פון די דערבייאיקע טישלעך אָנגעהויבן פרעגן ווו דער, וואָס איז מיט מיר געזעסן איז אַהינגעקומען. נאָך טראַץ דעם, וואָס אַרום און אַרום איז געווען גענוג ליכטיק, האָט קיינער נישט געזען און נישט געהערט...

בין איך אַוועק אויף דער באַן־סטאַציע אַליאַרמירן די מיליץ. די מיליץ האָט מיר אָבער אַחוץ מיט עצות, מיט גאָרנישט געהאָלפן.

אָנשטאָט גלייך אַרויסצולאָזן זיך אויף די שפּורן פון גנבֿ, האָט זי מיר געראָטן צו ווערן מיין אייגענער דעטעקטיוו. און איך האָב בלית ברירה זיך אַוועקגעשטעלט ביים טאַשקענטער וואָקזאַל, צו אָבסערווירן און דער־קענען דעם מאַן פון מיין גניבה.

מיין אַרבעט איז אָבער געווען אומזיסט. ס׳איז געווען ווי צו דערקענען אַ נאָדל אין אַ וואַלד פון נאָדלביימער. אַ וואַלד פון מענטשן האָט פון אַלע זייטן געשטראָמט צו די אָנקומענדיקע צוגן און זיי אַלע האָבן געטראָגן זעק אויף די פּלייצעס.

זיי זענען געקומען דורכן אָפענעם וואָקזאַל און זיי זענען געקומען דורך אַלע פאַרבאָרגענע ווינקלען און זייטיקע אַריינגענג. און ווי אַלע יוונים האָבן איין פּנים, אַזוי האָבן אַלע זייערע זעק אויסגעזען גלייך אין מיינע אויגן.

און אַז איך וואָלט שוין מיין זאַק דערקענט, מיט וואָס פאַר אַ כּוח וואָלט איך אַזאַ אימהניק פאַרהאַלטן? און פאַרן קלענסטן טעות מיט אַזאַ חברה־מאַן, האָט דאָס לעבן געקאָנט זיין אין געפאַר.

פונדעסטוועגן בין איך ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך פון מיין אָרט נישט אָפּגעטראָטן. איך בין אַזוי אַן רעזולטאַט געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. ערשט באַגינען האָב איך אַ צעבראָכענער און אַ מידער פאַרלאָזט דעם באַנהויף.

איך אַנטלויף פאַרן ווינטער קיין בוכאַרע

אַן זאַק איז מיר טאַקע געווען גרינגער. ס׳איז מיר אָבער ווי אַ פויגל, וואָס פאַרלירט זיינע פעדערן, שוין געוואָרן צו גרינג. און די טעג זענען געווען די לעצטע פונעם טאַשקענטער זומער.

בלייבנדיק נאַקעט און באָרוועס האָב איך זיך געשראָקן פאַרן אָנקומענ־דיקן ווינטער. און די טאַשקענטער מבינים האָבן אָנגעזאָגט זיין קומען אין טעג אַרום, וואָס איז טאַקע שפּעטער מקוים געוואָרן.

בלית ברירה, האָב איך באַשלאָסן עוקר צו זיין פון טאַשקענט און איבער־רוקן ווייטער מיין „געצעלט". איך האָב נישט געזוימט, נאָר גלייך אויף צומאָרגנס האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף אַ טראַמוויי און זיך פאַרנומען צו דער נאָענטסטער שטאָט בוכאַראַ.

איך האָב אויסגעקליבן בוכאַראַ, ווייל דער קלימאַט איז דאָ נאָך אַ וואַ־רעמערער ווי אין טאַשקענט. און אַ שניי, וואָס באַווייזט זיך דאָ זעלטן, קומט אויף און פאַרגייט ווי אַ „קקיון דיונה" (יונהס פלאַנץ). און איך בין נאָך ווייט נישט געווען צוגעגרייט אַפילו פאַרן אַזיאַטישן ווינטער.

בוכאַראַ איז אויך געווען די נאָענטסטע שטאָט, פאַר וועלכער מען האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין באַזונדערע הוצאות, ווייל פון טאַשקענט ביז בוכאַראַ איז מען צוגעפאָרן מיט דער אָרטיקער קאָלייקע.

און איך האָב געוואָלט קענען דאָס לעגענדאַרע בוכאַרער פירשטנטום מיט זיין אַלטן יידישן שבט — די בוכאַרער יידן, וועלכע האָבן זיך איינגע־קריצט אין מיין זכרון ווי די ערשטע באַרג־קלעטערער, די מעפילים, וואָס האָבן זיך דורך די בוכאַרער בערג אויסגעטראָטן אַ וועג קיין ארץ־ישראל.

ווען איך בין אַריין אין טאַשקענטער טראַמוויי, האָבן זיך אַלע פון מיר אָפּגערוקט ווי פון אַ פּעסט, ווי ס׳וואָלט געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך אַזאַ „עלעגאַנטן" מורינו ווי מיך אויסצומיידן. עס האָט מיך אויך נישט געוווּנ־דערט, אַפילו אין דעם דאָזיקן „רייכן" לאַנד. און אין דער אמתן, איז דער גרעסטער שלעפער אַצינד בעסער געווען אָנגעטאָן ווי איך.

האָב איך זיך דורך די נאָרמאַל־געקליידעטע — דערזען אינעם רייכ־טיקן שפּיגל. און ווי אַ יתום, צו וועמען עס זענען געווענדעט אַלע רחמנות־דיקע בליקן, איז מיר אַצינד געווען גוט ווי די וועלט...

מיין רייזע האָט נישט לאַנג גענומען. און איך האָב פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויף מיין אייגענעם נישט־עסטעטישן אויסזען, באַוווּנדערט די רואינען פון די אַלטע בוכאַרער ווענט, וועלכע זענען ביים סאַמע אַריינ־גאַנג אין שטאָט פאַר אונדז געבליבן שטיין אין זייער גאַנצער חורבהדיקער פּראַכט ווי אַ זכר און מופת.

אין בוכאַראַ

איך האָב זיך מיט זון און וואַרעמקייט אין בוכאַראַ נישט אַנטוישט. ביזן סוף נישט אַנטוישט. און ווען אין זוניקן טאַשקענט איז שוין אַראָפּגעפאַלן דער ערשטער שניי, האָט נאָך אין בוכאַראַ די זון געשמאַליעט ווי אין תמוז.

אפילו שפּעטער, אין די ווייניקע ווינטער־חדשים, האָט נאָך די בוכאַרער זון נישט געהאַט אָנגעווירן איר קראַפט. אויך אין די קאַלטע ווינטער־פרימאָרגנס פלעגט זי זיך אין די שפּעטערע מאָרגן־שעהן ווי זומער צעשפּילן און אונדז אַביסל אָנוואַרעמען די ביינער.

דער ווינטער איז דאָ געווען דער קירצסטער אין מיטל־אַזיע. דער־פאַר אָבער זענען זיינע שפּעט־זומערדיקע נעכט און באַגינענס געווען שאַרף־קאַלטע. און דאָס קלאָגן זיך פון יעקב אבינו איבערן קלימאַט, האָט זיך דאָ אין זיין פולקייט באַשטעטיקט, ווי עס האָט זיך שפּעטער אויך מיין אייגן לייב באַשטעטיקט, שטייענדיק אויף מיין וואַך־פּאָסטן אין דזשאַמבולער אָבלאַסטנאָיעם (וואָיעוואָדישן) גאָרטן.

בוכאַראַ איז נישט אַזוי קליין, אָבער אויך נישט אַזוי גרויס ווי טאַשקענט. און אירע ווינציקע נייע הייזער זענען נישט אַזוי מאָדערן ווי די נייע־אויסגעבויטע טאַשקענטער קוואַרטאַלן. און גלייך אויפן ערשטן בליק דערזעסטו דעם אונטערשיד, וואָס ליגט צווישן די דאָזיקע אַזוי נאָענטע שטעט.

די שטאָט מיט אירע טויערן און קופּאָלן, מיט די געדרייטע און שמאָלע דורכגענג און נידעריקע קיביטקעס (הייזקעס), טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ פרום־מוסולמענישע, מיטל־אַזיאַטישע שטאָט.

זי איז אַנדערש ווי איר שוועסטער־שטאָט טאַשקענט, די שוין טייל־ווייז אויסגעפּוצטע און מיט איין אויג ווינקנדיקע הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן. זי איז אַנדערש מיט איר פרומקייט און איז אויסגעטיילט מיט איר אַלט־מוסולמענישן שטייגער.

די בוכאַרער טראָגן נאָך דאָ, ווי אַמאָל, זייער אַלטן־אוזבעקישן טראַכט. די לאַנגע וואַטעווע „יופּיצע" מיט דער יאַרמולקע אונטערן היטל טראָגט דאָ דער אוזבעק מיט שטאָלץ ווי דער קאַווקאַזער זיין „פּאַפּאַכע" אין די גרעסטע היצן.

אַפילו אַ רויטע פּאַטשיילע פון אַן אונטערשטער קעשענע שטעקט ביי אים אַרויס פון זיין שוואַרצער „יופּיצע״, ווי ביי אַ חסידישן ייד פון זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע.

און אַן עלטערער אוזבעק וועט ווי אַ פרומער ייד נישט אויסטאָן זיין היטל און מיט קיין שער נישט אָנרירן זיין באָרד. און נישט איין מאָל דאַכט זיך דיר, ווען דו זעסט אַזאַ בערדיקן אוזבעק מיט זיינע שוואַרצע סומנע אויגן, אַז דאָס איז גאָר אַ ייד, אַן אַזיאַטישער ייד.

בוכאַראַ איז אויך אַנדערש מיט איר אַזיאַטישער קליינשטעטלדיקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. עס האָט נאָך ביז דאַן די נייע צייט אַהין נישט דער־גרייכט. דער אויטאָמאָביל און די מאַשין האָבן נאָך די בוכאַרער זאַמדן וויניק אָנגערירט.

דער גייסט פון דער צייט האָט איר נישט באַרירט. און אין געניג גרויסן בוכאַראַ זעט מען נאָך דאָס שלעפּ־וועגעלע אויף צוויי רעדער, די „אַרבאַ״, געשפּאַנט אין „אישאַק״ (אייזל), ווי עפּעס אַן איבערבלייבעכץ פון אַמאָל, אָדער ווי אַ קרומער שפּיגל פונעם פּאַרצייטיקן רייטוואָגן. און ווי די הייליקע קו אין אינדיע, פאַרנעמט דאָ דעם אויבנאָן דאָס אייזל.

די קופּאָלן קומען דעם פרעמדן צונויף. זיי זענען אים פאַר אַ וועג־ווייזער צו די בוכאַרער געמאַרקן, וואָס אַן זיי קאָן דאָ דער פאַרוואָגלטער נישט טראַכטן פון עפּעס איינקויפן. און זיי זענען אים פאַר אַ סימן און צייכן פאַר אַלע ריכטונגען אין וועלכע נאָר ער דאַרף גיין. איבערהויפּט פאַר די מאָרגן־סטאַלאָוועס, וווּ אַנשטאָט זעמל אָדער ברויט, פּילט ער גלייך אַן דעם מאָגן מיט אַ פּאַסנע זופּ פון קרויט.

דאָס יונגע קרויט איז זיס. נאָר דעם פּליטס אויסגעהונגערטע זשעדנע־קייט מאַכט זי נאָך פיל זיסער פאַר זיין גומען. און ווי צו אָפּיום געוויינט ער זיך צו צו דער גויט, און זוכט שוין די זעלבע קרויט־זופּ אויך אין די אָוונטן.

ער איז נאָך מתפּלל, דער פּליט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט דאָ זיין זאָל צום ווינציקסטן די דאָזיקע קרויט־וואַסער־זופּ, וואָס פאַרטרעט אים זיין ברויט און פּוטער, זיין מילך און פלייש, זיך נישט אָפּטאָן פון דער סטאָ־לאָוועס געצעלט.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

איך הייב אָן האַנדלען מיט צוקערלעך

וואָרעם איז דאָ דערווייל געווען, נאָר צו קיין תכלית איז נישט געקומען.די זון האָט מען נישט געקאָנט שלינגען. און אויך אַרומגיין קריעה בליעה האָט מען נישט געקאָנט. בפרט, ווען אויך דאָ האָט געזאָלט אונטערקומען דער ווינטער, מיט שניי, אָדער אָן שניי.

אין בוכאַראַ איז די לאַגע געווען אַן אַנדערע ווי אין טאַשקענט, ווו כ׳איז געווען דאָס טרויעריק־באַרימטע סקווערל (סאַדעק) מיטן וואָקזאַל־פּלאַץ.

אינעם גרויסן טומלענדיקן טאַשקענט האָט מען זיך לכתחילה צוליב די מאַסן עוואַקואירטע און פּליטים נישט אָנגעזען. אין מיטן פון די אַלגעמיינע צרות און נויט, איז אויך די אייגענע געוואָרן אַריינגעפּלאָנטערט. יעדער איינער פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין אייגענער נויט און שאַנד, האָט זיך אויף דעם צווייטנס שאַנד נישט אומגעקוקט.

בוכאַראַ איז אָבער נישט געווען קיין באַזונדערער עוואַקואַציע־פּונקט. און די אין אָנהייב אָנגעקומענע באַפרייטע און פּליטים האָבן זיך שוין צוביסלעך אַקלימאַטיזירט, ווער בעסער און ווער ערגער. אָבער פאַרט זיך אויף אַ געוויסן אופן סטאַביליזירט.

די פּליטים זענען דאָ אויך אינעם גרעסטן טייל באַשטאַנען פון פּוילישע יידן. האָט מען זיך צווישן אייגענע געמוזט אויסלייטישן, זיך אויפסניי אָנטאָן און זיך נעמען צו עפּעס.

דער צער פון צוגעגנבעטן זאַק האָט זיך צוליבן „שינוי מקום" און צוליב די ניי־אויפגעקומענע נויט פון טאָג, — ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צו לעשן. און ס׳ערשטע האָב איך זיך געמוזט פאַרשאַפן אַ פּאָר כאַדאַקעס אויף די פיס און עפּעס ווי אַ פופייקע אויפן לייב.

און אויפסניי אַביסל אויסגעמענטשלט זיך, האָט נישט לאַנג גענומען ווי איך האָב זיך צוגעפּטראָפן מיט אַ פריינטלעכן ייד. דער דאָזיקער ייד, פונדערהיים אַ גאַנצער פאַבריקאַנט, האָט זיך דאָ געפּרוווט איינאָרדענען מיט אויף אַ היימישן אופן פאַבריצירטע צוקערקעס. און אויך מיט די

פרימיטיווע מיטלען וואָלט ער געקאָנט, ווען מען לאָזט אים, מיט זיי דעם גאַנצן אוזבעקישן מאַרק פאַרפלייצן.

ער וואָלט, ווען פאַר זיך אַליין, געוואָרן נישט נאָר אַ סטאַכאַנאָוויעץ, נאָר אַפילו אַ שלאָגלער. און די אוזבעקן וואָלטן אָנשטאָט ברויט מיט פלייש, כאָטש געהאַט געגנוג לאַנדרינקעס מיט מאַלינוווקעס. זיס וואָלט זיי יעדנ־פאָלס געווען...

ער האָט שוין דאָ געהאַט זיין דירה, וואָס האָט זיך געפונען אין צענ־טער שטאָט. און ער האָט מיר געוואָלט העלפן, העלפן אויף אַ סאָלידן סוחרישן אופן.

איך האָב ביי אים געהאַט אייניקע זכותן. ראשית, אַ שרייבער. שנית, פון אַ שכנותדיקער לאַנדסמאַנשאַפט. און אַחרון, אחרון, ווייל מיין שוויגער האָט מען אין ביאַליסטאָק גערופן די „צוקערקע־מאַכערקע".

צי זי האָט טאַקע ווירקלעך געהאַט אַ שייכות צו זיין בראַנזשע און אין וואָס זי איז באַשטאַנען, ווייס איך אַליין נישט. נאָר איר נאָמען איז אים געפעלן געוואָרן. ווי שטייט: „בעסער אַ גוטער נאָמען פון בוימל". און מיין שוויגערס זכות איז מיר אויף אַ צייט בייגעשטאַנען.

צי ער האָט געמיינט מיין טובה, צי ער האָט דורך מיר אויך אַ קאָפּי־טשקע געוואָלט ווערן געהאָלפן, ווייס איך ווידער נישט. נאָר באַהאַנדלט האָט ער מיך גאַנץ פיין.

ער האָט מיר קודם, פּערזענלעך נישט קענענדיק, געשענקט זיין צוטרוי, וואָס איז אונטער די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געווען אַ גרויסע זאַך. און ער האָט מיר אויך, זעענדיק מיין לאַגע, די סחורה קרעדיטירט. און דאָס וויכטיקסטע, פאַר מיר געעפנט די טיר פון זיין הויז.

איך האָב אים נאָכן אָפּליין געדאַרפט באַצאָלן פאַר דער סחורה. אַזוי יעדעס מאָל, ביז איך וואָלט זיך פּוגעם מסחר דערשלאָגן צו אַ מעמד.

איך האָב, אמת, לכתחילה נישט געהאַט קיין חשק צו דעם גאַנצן מסחר. עס האָט מיך אָבער געלאָקט נישט אַזוי דער גראַשנדיקער פאַר־דינסט, פון וועלכן מען וואָלט קיין גרויסע גליקן סיווי נישט געמאַכט, ווי דאָס ווערן היימיש מיטן ייד און דאָס האָבן אַן אָרט ווו אַריינצוקומען.

איך האָב געשפּינען מיין פּאַדים... איך וועל זיך מיטן צוקערקע־מאַכן איינאַרבעטן, וועט ער מיך דערווייל לאָזן ביי זיך נעכטיקן. ווען אפילו בלויז אויף דער פּאָדלאָגע, וועט עס שוין אויך פאַר מיר זיין אַ חסד. אַבי נישט צו דאַרפן זיך וואַלגערן אויף פרעמדע טרעפּ.

און אַז דער מסחר וועט גיין, וועל איך זיך איינשאַפן אַ שטיקל דירה, זיך בעסער אָנטאָן און קומען צוריק צו זיך. פון מיין זייט האָט דער חשבון געשטימט. איך האָב אָבער פאַרגעסן ווו איך געפין זיך און אַז נישט איך בין דאָ דער בעל הבית פון דער לאַגע.

דערמוטיקט צוליבן נייעם „געשעפט״, בין איך אַ האָפערדיקער ארויס מיט מיין סחורה, וואָס האָט נישט באַטראָפן קיין פערטל פונט ברויט לויטן שוואַרצן מאַרק, און האָב זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָנגעזעען אָרט, וואָס איז פונקט אויסגעקומען נישט ווייט פון דער מיליץ.

איך האָב זיך אין דעם מאָמענט געפילט ווי דער אָרעמסטער ביאַליס־טאָקער פעדלער אין די ערשטע טעג פון די סאָוויעטנס אַריינקומען קיין ביאַליסטאָק.

איך האָב אויסגעלייגט דאָס ביסל לאַנדרינקעס מיט די מאַלינוווקעס אויף אַ צעבראָכן קעסטל, און האָב אָנגעהויבן אויסשרייען און לויבן די סחורה. מיין לויבן איז געווען איבעריק, ווייל גלייך ווי איך האָב זיך נאָר אַוועקגעשטעלט, האָב איך אָנגעהויבן זשויבן (לייזן) און מיין „קראָם״ איז כהרף עין געוואָרן צעכאַפט.

איך האָב באַלד דאָס ביסל לייזעכץ אַרויפגעטראָגן צו מיין פראָטע־זשירער, און ער האָט מיר אַרויסגעגעבן פרישע סחורה. און מיר זענען ביידע געווען צופרידן.

מיין אַסאָרטימענט האָט זיך שוין אַצינד פאַרגרעסערט. צו די צוויי פריערדיקע מינים איז שוין אַצינד צוגעקומען געפילטע שאָקאָלאַדקעס און נאָך אַ פּאָר סאָרטן. און אויך איצט האָב איך געזשויבט און אַזש פאַר נחת זיך געריבן די הענט.

נאָר אין מיטן רייבן זיך די הענט, אין סאַמע ברען פון פדיון, איז לעבן מיר אויסגעוואַקסן אַן אוזבעקישער מיליציאַנט. ער האָט מיך, ווייזט אויס, נאָך פריער אָבסערווירט. ער איז קיין צוקערלעך ביי מיר נישט געקומען קויפן. ער איז מיר נאָר געקומען מודיע זיין, אַז מיין געשעפט איז אויס.

ער האָט מיך אויפגעפאָדערט גלייך זיך פונדאַנען אָפּצוטראָגן, אויב איך וויל פון דעם מסחר אַרויס מיט גאַנצע ביינער. דערווייל האָט ער מיך מיט מיין סחורה נישט פאַרהאַלטן. ער האָט מיך נאָר געהייסן גיין אַרבעטן אָנשטאָט צו שפעקולירן מיט זיסוואַרג.

אויף צומאָרגנס האָב איך שוין געביטן דעם פּלאַץ. איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ סגולה. נאָר ווידער איז אין מיטן פדיון אויסגעוואַקסן אַ

„טייטל" (פּאָליציאַנט). און דער האָט מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט, נאָר האָט מיך צוזאַמען מיט מיין „קראָם" אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין „אוטשאַסטאָק".

אין אוטשאַסטאָק האָט מען מיך נאָך אַ סאָלדאַטסקן ברוך הבא גע־פרעגט פאַרוואָס איך שפּעקוליר?

— איך שפּעקוליר נישט, — האָב איך געטענהט. — אומגעקערט, איך טו אַ נוצלעכע זאַך. די בירגער דאַרפן האָבן זיסקייטן און איך דאַרף האָבן ברויט. בייטן מיר זיך מיט די באַדערפענישן. איך בין נישט קיין שפּעקו־לאַנט און נישט קיין פאַבריקאַנט, — האָב איך געזאָגט צום גראָם. — איך מאַך נישט די צוקערקעס, נאָר פאַרקויף זיי בלויז.

— ניע באָלטאַי! (באַלאַקע נישט) — האָט שוין דער דיזשורנע זיך צעקאָכט. — זע, היגטישער זון, מען זאָל דיך נאָכאַמאָל נישט כאַפּן און טראָג זיך אָפּ פונדאַנען, — האָט ער מיך פון זיך געטריבן. און איך, נאָך זייענדיק צופרידן פאַר דעם אַרויסגעוויזענעם חסד, בין מיט מיין סחורה אַוועק.

זעענדיק, אַז מען לאָזט מיך אָפּ, איז ביי מיר, ווי ביי פרעהן, דאָס האַרץ האַרט געוואָרן און איך האָב זיך פאַרנומען ווייטער צו האַנדלען. האָב איך דען געהאַט אַ ברירה? איך האָב פונדעסטוועגן געפּרוווט זיין פאָרזיכ־טיקער. שטייענדיק מיט מיין „סחורה", האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

מיין אומקוקן זיך האָט אָבער נישט געהאָלפן. און איך האָב ווידער געהאַט אַ דורכפאַל. נאָר דאָס מאָל האָט מיך געכאַפּט גאָר אַ בייזער מיליציאַנט. דער דאָזיקער רשע מרושע האָט מיך גלייך באַשטראָפט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיינע מאַלינוווקעס און די שאָקאָלאַדקעס און זיי אונטער זיינע פיס צעטראָטן.

מיין צוקערקע־מאַכער איז געווען גוט צו מיר. ער האָט מיר אַרויס־געגעבן פרישע סחורה און אויך אויסגעשטאַנען דעם היזק. און איך האָב נאָך אייניקע מאָל געפּרוווט האַנדלען.

נאָר ווען מען האָט מיך ס'לעצטע מאָל אַוועקגעפירט אין „אוטשאַסטאָק" און מען איז מיך געגאַנגען אויף אַן אמת איינזשבן אין „חד גדיא", סיידן איך וועל אונטערשרייבן מער נישט צו האַנדלען, האָב איך זיך געמוזט אונטערשרייבן און מיין האַנדלס־קאַריערע מיט צוקערקעס האָט זיך דערמיט געענדיקט.

דער דאָקטאָר שיקט מיך אין שפּיטאָל, נאָר דאָס שפּיטאָל וויל מיך נישט האָבן

ווידער איז פון מיין האָפענונג גאָרנישט געוואָרן. און פון מיין פריינט־שאַפט מיטן צוקערקע־מאַכער, וואָס איז אפילו געווען אַן „אהבה שתלויה בדבר", איז צוליב מיין אָפּמאַך מיט דער מיליץ, אויך גאָרנישט געוואָרן. און איך האָב מער צו אים נישט געקאָנט אַריינגיין.

בין איך צוריק געוואָרן דער שלעפּער און ליידיקגייער. און פון קיין אַנדערע מסחרים האָט שוין אויך קיין רייד נישט געקאָנט זיין. האָב איך צוריק אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די „סטאָלאָוועס", ווו איך האָב אין די פרימאָרגנס געשטילט מיין הונגער מיט קרויט און וואַסער, און אין דער איבעריקער צייט זיך געשלאָיעט איבער די בוכאַרער באַזאַרן, ווו איך האָב זיך געקוויקט מיט פענעצלעך בוראַק און צוגעוואָרפענע שטיקלעך אַרבוזן (קאַוואַן) פון די אונטער זיך אין אַ ראָד זיצנדיקע אוזבעקן, וועלכע פלעגן ווי די אַמאָליקע יידן ביים קרבן־פסח פּראַווען בחברותא זייער אַרבוזן־סעודה.

איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען פריי ווי אַ פרייער פויגל, פריי פון יעדן עול און אויך פריי צו הונגערן. נאָר מיטן אָנקום פון אָוונט איז מיר ווי אין טאַשקענט אַ שרעק באַפאַלן. און דאָ זענען קיין גרויסע קאָאָפּעראַטיווע הייזער ווו אַריינצוגנבענען זיך נעכטיקן, אויך נישט געווען.

נישט קוקנדיק אויף מיינע שוואַכע כוחות, האָב איך געוואָלט גיין אַר־בעטן. האָב איך אָבער קיין אַרבעט נישט באַקומען. ביז פון הונגערן און אַרומוואַלגערן זיך האָט זיך ביי מיר אָפּגערופן די דיזענטעריע, און מיט אַזעלכע אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן זענען אויך אַנדערע געווען באַקליידט און איך בין דערמיט קיין צו גרויסער יחסן נישט געווען.

פונדעסטוועגן בין איך געגאַנגען צום דאָקטאָר, כאָטש נישט האָבנדיק קיין אמונה, אַז ער וועט מיך אָנערקענען. דער דאָקטאָר אָבער האָט מיך נישט נאָר אָנערקענט פאַר אַ חולה, נאָר האָט מיך אויך צו מיין פרייד געשיקט אין שפּיטאָל.

און מיין פרייד איז נישט געווען צוליבן היילן זיך און ווערן געזונט, נאָר פשוט, צוליבן שלאָפן אין אַ ריין בעט און האָבן אַביסל מנוחה. איך וואָלט אַצינד פאַר דעם אַלץ אַוועקגעגעבן, אַפילו מיין לעצט העמד.

בין איך מיטן דאָקטאָרס פאַפּירל, ווי מיט אַ לאָטעריע־געווינס, אַוועק אין שפּיטאָל. איך בין ווי אַ געווינערין, געווען גרייט זיך צו לייגן אין בעט. דאָס שפּיטאָל אָבער איז, ווייזט אויס, נישט געווען זשעדנע נאָך קיין פּאַציענטן. בפרט נאָך אַזעלכע פרעמדע שלעפּער ווי איך. ער האָט געהאַט געגנוג זיינע אייגענע...

לויטן קבלת פּנים פון דער דיזשורנער שוועסטער, האָב איך באַלד דערקענט, אַז איך וועל דאָ נישט זיין קיין אַנגעלייגטער גאַסט. עפּעס האָט דאָס אויפנעמען מיך געדויערט צו לאַנג.

קיין עסן האָט מען מיר דערוויילט נישט געגעבן. און צו מיין שלימזל, ווייל אויך צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן מזל, האָב איך פּונקט געהאַט אַזאַ קראַנקהייט, פאַר וועלכער מען האָט קיין בעסערן תּירוץ אויף נישט צו געבן עסן — נישט געדאַרפט האָבן...

האָט מען מיר דורך אַ גאַנצן טאָג, וואָס איך בין דאָ געווען, בלויז געגעבן צו טרינקען אַ גלאָז זויערמילך. און דאָס איז געווען אַלץ. און איך בין געווען אַזוי הונגעריק. וואָלט איך שוין דאָס אַלץ אויך באַשטאַנען, אַבי אויסגעלייזט צו ווערן פון דער נאַכטיקער פּיין.

האָט מיר אָבער, דווקא ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, די שוועסטער דערקלערט: אַז שוין. איך האָב שוין מיין „רפואה" באַקומען. ס'איז דאָ נישטאָ קיין אָרט, און איך קאָן שוין גיין.

פון דער דאָזיקער בשורה איז מיר באַלד ערגער געוואָרן. אין דרויסן איז שוין געווען שטאָק פינצטער. און איך האָב פּשוט נישט געזען אינעם דאָזיקן פרעמדן ראַיאָן ווו צו גיין. האָב איך אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל מיך דאָ כאָטש איבערלאָזן איבער נאַכט. איך וועל איבערזיצן אויף אַ שטול און ערשט אין דער פרי וועל איך אַוועקגיין. איך וועל כאָטש דאַן זען ווו צו גיין.

האָב איך דאָס געפּועלט. איך בין איבערגעזעסן די נאַכט. און אויך די דיזענטעריע מיטן דאָקטאָרס פּאַפּירל האָבן מיר דאָס מאָל נישט געהאָלפן.

איך באַקען זיך מיט אַ בוכאַרער יידישער טאָכטער

איך בין אַרויס פון שפּיטאָל ווי איך בין אַריין. און קיין שפּיטאָל־דאָקטאָר האָב איך פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט. דערפאַר האָב איך זיך באַקענט מיט אַ בוכאַרער יידישער טאָכטער.

ווי דאָס רוב דאָ געבוירענע האָט זי קיין רוסיש נישט געקענט. און טראָץ אירע יידישע שטריכן, וואָלט איך זי אַזוי לייכט נישט דערקענט, ווייל זי האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַן אוזבעקין.

עס האָט זיך אָבער אין איר דערוועקט דער ייד און זי האָט זיך מיר אַליין געגעבן צו דערקענען. ווי אַ פאַרבאָרגענער דראַנג פון דורות וואָלט איר צו דעם געשטויסן.

נישט קענענדיק קיין רוסיש, קיין יידיש און העברעיש, אויסער „שמע ישראל" און איר אייגענעם נאָמען, שושנה, האָט זי מיר מיט איר „שמע־ישראל"־צייכן געגעבן צו וויסן, אַז זי איז אַ בת ישראל.

אויך שפּעטער האָבן זיך מיט מיר אַ טייל יידיש־אוזבעקישע בחורים באַקענט מיט דער הילף פון „שמע ישראל" אָדער דורך אַנדערע אַזעלכע סימנים, ווייל מער האָבן זיי פון העברעיש נישט געוווּסט. דאַן אָבער בין איך שוין צו דעם געווען צוגעוווינט.

נאָר דאָ אין שפּיטאָל איז עס פאַר מיר געווען דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט אונדזער ווייט־מזרחדיקן שטאַם. און אַ צער האָט מיך אַרומגענומען פאַר אונדזערע פונעם ווייטן פרעמד געפאַנגענע קינדער...

איר יידיש פאַרזאָרגט פּנים, מיט אירע צערפּולע אויגן, האָבן אין מיר אַ טרויער אויפגעוועקט. דעם טרויער פון אַ פאָלק, וועמענס זין און טעכטער זענען דורך ווייט און צייט פאַרווייט...

ס'איז איר, שושנהן, ווי אין לעבן געגאַנגען פאַר מיר, דעם פּוילישן ייד, זיך צו אַנטפּלעקן. און נישט קוקנדיק אויף מיין אויסזען, וואָס האָט פון מיר יעדן ייד־צייכן געקאָנט אָפּווישן, האָט זי מיך דערקענט אַלס ייד. און זי האָט זיך מיט מיר געוואָלט צוזאַמענרעדן, אויף אַ יידישן אופן זיך צוזאַמענרעדן.

אָבער מער ווי דעם „שמע ישראל" מיט איר נאָמען האָב איך פון איר נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. דאָס האָט מיך נאָך מער פאַראומערט. און צו מיין אַזוי אויך פאַראומערט געמיט, צוליבן נישט אָנגענומען ווערן אין שפּיטאָל, איז אויך שושנהס אומעט צוגעקומען.

אַ גאַנצע נאַכט איז שושנהס צאַרט געשטאַלט פאַר מיר געשטאַנען. זי האָט אין מיר אַ נייעם טרויער אָנגעצינדן, דעם טרויער פון אַן אַלט ליידנדיק פאָלק, וואָס זעט נישט קיין סוף צו זיינע ליידן.

און ווי יעקב, האָב איך געשוווירן: אַז אויב ס'וועט מיר, פאַרוואַגלטער,

באַשערט זיין צו קומען צו מנוחה, זאָל איך אין בוכאַראַס יידישער טאַכטער געדענקען, און דערמאָנען אונדזער שוועסטער שושנה.

איך באַשליס צו גיין אין קאָלכאָז

די היצן זענען דאָ געווען גרויס. אַרום האַלבן טאָג איז גאָר געווען אוממעגלעך אַרויסצוגיין. די לופט האָט ממש „געשאָטן" מיט פייער. פונדעסטוועגן האָב איך זיך פון דער דרויסנדיקער היץ נאָך ווי ס'איז געקאָנט שיצן און איך האָב דאָך סיווי נישט געאַרבעט.

נאָר פון הונגער און פון די שאַרפן קילע נעכט האָב איך זיך נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. איבערהויפּט איז דאָ, ווי אין טאַשקענט, פאַר מיר געווען דאָס ערגסטע דאָס נעכטיקן.

האָב איך דערפאַר באַשלאָסן, ווי שווער דאָס זאָל פאַר מיר נישט זיין, צו גיין אין „קאָלכאָז". און טראָץ די שלעכטע גרוסן וועגן אים, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, האָב איך זיך געמאַכט הארץ — און זיך אים פאַרגעשטעלט אין די שענסטע פאַרבן.

און וואָס קאָן שוין אַ געבונדענער פאַרלירן אַחוץ זיינע שטריק?...

אַז קיין עסן און קיין געלעגער האָב איך נישט געהאַט. און פון אַלע מיינע געבעטן וועגן אַרבעטן דאָ, אין בוכאַרע, האָט זיך אויך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. מען האָט מיר, אמת, נישט אָפּגעזאָגט, אָבער אויך קיין אַרבעט נישט געגעבן.

די פּוילישע פאַרשטייערשאַפט האָט געהאַלטן אין איין רופן די פּוילישע בירגער צו פאַרלאָזן בוכאַראַ. זי האָט געהייסן פאָרן קיין קאַזאַכסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן, „הימל־סטאַן", אַבי דאָ נישט צו בלייבן. אויב נישט, האָט זי געסטראַשעט, וועט זי פון זיי צונעמען יעדע שוץ און הילף.

ס'איז, ווייזט אויס, געטאָן געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון דער סאָוויעטישער מאַכט, פון וועמען זי אַליין איז געווען אָפּהענגיק. זי האָט נאָך דאַן נישט געהאַט קיין פעסטן דיפּלאָמאַטישן סטאַטוס.

ס'איז נאָך געווען פאַרן אָפּמאַך מיטן „פאַראיין פון פּוילישע פּאַטריאָטן". און די פּוילישע פאַרטרעטער זענען אַליין געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון סטאַלינס פּאָליטישע קאַפּריזן.

און הגם ווי אַ ביאַליסטאָקער, און זייענדיק אַליין, האָב איך זיך מיט דער פּוילישער וואַרענונג ווייניק גערעכנט, ווייל די סאָוויעטן, וועלכע

זענען מיטן הסכם פון די דײטשן אַרײַן קײן ביאַליסטאָק און האָבן איר פּראָקלאַמירט פאַר דער הױפּטשטאָט פון מערב־װײסרוסלאַנד, האָבן אונדז, ביאַליסטאָקער, סײַװױ באַטראַכט פאַר זײערע בירגער, און ערשט שפּעטער, אַדאַנק דער נײַער פאַרטײלונג פון פּױלן, — האָט זיך די לאַגע געביטן, און די ביאַליסטאָקער זענען צוריק געװאָרן אָנערקענט אַלס פּױלישע בירגער. האָב איך אָבער צוליבן באַשלוס צו גײן אין קאַלכאָז, זיך אַלײן געצװוּנגען צו פאַרלאָזן בוכאַרע.

מען פאַרבײַט מיר אין באָד אַ שיך

אײדער איך בין געגאַנגען נעמען אָן „אופּראַװלעניע״ אין „קאָלכאָז״, האָב איך זיך פריער געװאָלט מטהר זײַן. קומען אין קאָלכאָז אַ רײנער. צו דעם האָט מען געדאַרפט גײן אין באָד און אַרױסנעמען אַ „סאַן־אָבראַ־באָטקע״ (אַ סאַניטאַרע באַאַרבעטונג).

איך האָב נאָך געדענקט דעם טעם פון מײַן פריערדיקן באָדן זיך. נאָר דאַן בין איך נאָך געװען אַ לאַגערניק. אַצינד אָבער בין איך דאָך עפּעס אַ „פרײַער״ מענטש און איך גײ אין אַ באָד פון „פרײַע״ סאָװיעטישע בירגער.

בפרט נאָך, אַז קײן זאַכן, אױסער די געבליבענע לאַכעס, װאָס איך טראָג אױף זיך, האָב איך סײַװױ נישט. איז װאָס־זשע האָב איך דאָ מורא צו האָבן?

בין איך געגאַנגען צו דער באָד, װאָס איז געװען אַ שפּאַר שטיקל װעג. בײַ דער באָד איז אָבער, װי בײַ די מאַגאַזינען, געװען אַ גרױס געדראַנג, אַן „אָטשערעד״. בין איך אָפּגעשטאַנען אײניקע שעה אין דער רײ. און װען איך בין ענדלעך אַרײַן אינעװײניק, האָב איך ערשט אױפסנײַ געדאַרפט שטײן אין דער רײ נאָך אַ שעפּעלע אױף אַרומצװואַשן זיך.

און אַז איך בין שױן מיט אַלעם געװען פאַרטיק און האָב זיך גענומען אָנטאָן, איז שױן אינדרױסן געװען גוט טונקל. און אַצינד, בײַם קאַרגן ליכטשײַן, האָב איך געדאַרפט זוכן מײַנע זאַכן. איך האָב די זאַכן געפונען, נאָר נישט די שיך.

איך האָב לכתחילה געמײנט, אַז מען האָט זײ בײַ מיר צוגענומען. כאָטש

קיין וואָזשנע סחורה זענען זיי נישט געווען. דאָס האָט מען זיי מיר אָנשטאָט אַרויסצוואַרפן געשענקט נאָכן צוגנבענען אין טאַשקענט מיין זאַק מיט די זאַכן. און דער לינקער שיך איז שוין געווען אַ געעפנטער.

אויף נישט צו פאַרלירן די פּאָדעשווע איז ער געווען צוגעבונדן מיט אַ דראָט, וועלכער האָט מיר געריבן דעם אויבערשטן טייל פוס. דערפאַר איז דער רעכטער שיך געווען בעסער. און כאָטש זיין פּאָדעשווע איז ווידער געווען געלעכערט, האָט ער זיך אָבער נאָך געהאַלטן אָן אַ דראָט.

האָט מען מיר דעם רעכטן „גוטן" שיך צוגענומען און מען האָט מיר אויף זיין אָרט איבערגעלאָזט אַ צווייטן, אויך אַזאַ פאַרדראַטעוועטן ווי מיי־נעם. און מיינע שיך זענען שוין אַצינד געווען צו דער פּאָר,ביידע פאַר־דראַטעוועטע.

נאָכן קומען צו זיך צוליב דער מורא פאַר די שיך, האָב איך זיך אַליין צעלאַכט. „זע", האָב איך זיך אַליין געזאָגט, „עס הערשט פאַרט אָרדענונג אויף דער וועלט. אַנשטאָט צו טראָגן אַ פאַרדראַטעוועטן מיט אַ נישט־פאַר־דראַטעוועטן שיך, וועל איך אַצינד האָבן ביידע פאַרדראַטעוועטע. און דאָס געפיל פאַר שיינקייט און האַרמאָניע וועט זיין באַפרידיקט"...

און נאָך אַלעמען איז דער גנב געווען מענטשלעכער ווי יענער באַבער־דלטער ייד, וואָס האָט מיר לחלוטין גאָרנישט איבערגעלאָזט. און איך האָב ווי נחום „איש גם זו", געזאָגט: „גם זו לטובה"...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער באָד, בין איך אַצינד געגאַנגען נאָך דער „אופּראַוולעניע" פאַרן קאָלכאָז. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ פענצטערל פונעם אַרבעטס־אַמט, ווו איך האָב איבערגעגעבן מיין פאַרלאַנג.

און נאָך איידער איך בין אַוועק פון פענצטערל איז וועגן דער זעלבער זאַך צוגעקומען אַ צווייטער, אין וועמען איך האָב דערקענט אַ ביאַליס־טאָקער.

ס'איז געווען דער ביאַליסטאָקער בונדישער טוער, שאַבפּיש. און ס'איז דאָ געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ געזעלשאַפטלעכן טוער. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט און זיך נאָכגעפרעגט איינער ביים אַנדערן וועגן ביאַליסטאָק.

דאָס זיין אָפּגעריסן פון דער היים און דאָס זיין פאַרוואָרפן אין אַזאַ וויטן

העק, האָט טראָץ אונדזערע פריערדיקע אידעישע ווידעראַנאַנדן, — אין אונדז אַרויסגערופן אַ קעגנזייטיקע וואַרעמקייט און געריִרטקייט, ווי פון אַ גאַנצן משפּחהדיקן צוזאַמענטרעף.

זיין אופּראַוולעניע איז געווען אַן אַנדערע ווי מיינע. אונדזערע וועגן האָבן זיך גלייך צעשיידט. און איך האָב אים מער נישט געזען.

מיין באַשטימונג איז געווען צו אַ קאָלכאָז מיט אַ שיינעם נאָמען. ער האָט געהייסן „נאָוואָיע סטשאַסטיע" (דאָס נייע גליק). ער איז געווען ערגעץ אַרום בוכאַראַ, און מיר איז געבליבן צו זען, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע נייע גליק וועט אין דער ווירקלעכקייט פאַר מיר אויסזען.

דערוויַיל האָט מען קיין עסן נישט געגעבן. דאָס איינציקע נאָר וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען דאָס פּאַפּירענע צעטל...

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער און דער וועג אַן אויסאַטערנדיקער. און דאָס גיין, וואָס האָט שטאַרקער געמאַכט דעם אַפּעטיט, האָט נאָך שאַר־פער געמאַכט מיין געפיל פון הונגער. און איך בין אַרויס פון בוכאַראַ אַ הונגעריקער.

האָב איך זיך גענומען בלית ברירה צום קאַמף, צום קאַמף פאַרן אייגענעם קיום. און דאָס ערשטע איז געווען וואָס איך האָב געטאָן: אָפּגע־בראָכן אַ צווייג זיך צו פאַרהיטן פון בייזע הינט.

און ביזן קאָלכאָז „דאָס נייע גליק" בין איך ווי אַ בעטלער אַרומגע־קראָכן איבער די אוזבעקישע הייזקעס בעטן ברויט. און דאָס אַרומשלעפּן זיך איבער די צעוואָרפענע הייזער האָט נאָך פאַרלענגערט דעם וועג און פאַרגרעסערט די צייט.

קיין סך האָבן מיר די אוזבעקן נישט געגעבן. דער רוב פון זיי האָט אַליין געלעבט אַן אָרעם לעבן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ האַלב־געבאַקענע „לעפּיאָשקע" (פּלעצל) ווי אַ פּאָסנע מצה, מיט גריגעם טשיי (טיי). און דאָך האָב איך זיך איבערן וועג פון זייערע שטיקלעך ליעפּיאָשקעס מיט „אוריוק" (שעפּטאַלן) געשפּייזט.

קיין גרויסע רוסיש־רעדער זענען זיי נישט, די אוזבעקן. ווי די איבע־ריקע מיטל־אַזיאַטן, זענען זיי שטומפּיק אויף דער רוסישער עברי. איך האָב אָבער זייער אוזבעקיש נאָך ווייניקער געקענט. נאָר אַז מען וויל, פאַרשטייט מען זיך שוין אויף דער שפּראַך פון הונגער. איך האָב זיך אָבער

אַרויסגעהאָלפן מיט מיין ביסל קענטעניש פונעם מוסולמענישן שטייגער. און איך האָב זיי באַגריסט מיט „אַללאַ" (גאָט) און מיטן צולייגן די האַנט צום האַרץ.

דער רוב פון זיי האָט זיך מיט מיר גיך אָפּגעפּאַרטיקט. זיי האָבן מיר געגעבן דאָס שטיקל פּלעצל אָדער „אוריוק" און פּטור. ערגער איז אָבער געווען, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ פרומען מכניס אורח. אַזאַ אוזבע־קישער גאַסטגעבער פלעגט נאָכן אויסשפּרייטן אויפן הויף אַ ראַגזשע און במקום טיש אויף איר אַרויפשטעלן אַ קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, מיך פאַרבעטן צו דער אָרעמער סעודה פון לעפּיאָשקע מיט טיי, ביי וועלכער מען האָט געדאַרפט זיצן מיט אַרונטערגעבויגענע אונטער זיך פיס.

און איך וואָלט אים שוין מוחל געווען דאָס שטיקל „ליעפּיאָשקע" מיטן „טשיי", אַבי נישט ווי אַ בודאַ צו זיצן מיט פאַרלייגטע אונטער זיך פיס, צו וואָס איך בין נישט געווען געוווינט.

צום גליק זענען אַזעלכע גאַסטפרייגטלעכע אוזבעקן געווען ווייניק. און איך האָב נישט געדאַרפט מיינע אָרעמע פיס, וואָס האָבן מיר אַזוי אויך גע־בראָכן פון גיין, מער ברעכן.

איך האָב דעם גאַנצן וועג, צוליבן פאַרזאָרגן זיך מיט עסן, אַדורכגע־מאַכט צווישן די איזאָלירטע דאָרפישע „קיביטקעס" (הייזקעס). און אין אָונט בין איך אָנגעקומען אין אַ טראַקטאָר־סטאַציע, ווו איך האָב געפּועלט מען זאָל מיך דאָ לאָזן נעכטיקן.

ערשט אויף צומאָרגנס, מיטן מאָרגנגרוי, בין איך אַרויס אויפן ברייטן שליאַך, ווו עס האָט געווימלט מיט בערדיקע אוזבעקן, וועלכע זענען געריטן אויף זייערע אייזעלעך צום נאָענטן באַזאַר, נאָך וועמען עס האָבן זיך רעספּעקטפול נאָכגעשלעפּט זייערע ווייבער...

די אייזעלעך האָבן זיך נישט געאיילט. זיי זענען געגאַנגען אין זייערע אייזל־טריט. און אויך איך האָב זיך נישט צופיל געאיילט אין דעם קאָלכאָז מיט אַזאַ רייצנדיקן נאָמען ווי „נאָוואַיע סטשאַסטיע" (דאָס נייע גליק).

קיין גרויסע אמונה אין דעם קאָלכאָז האָב איך באַלד נישט געהאַט. נאָר אַז איך וועל טראָץ מיין אַרבעט אין אים דאַרפן הונגערן, דאָס האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

אין קאַלכאַז „דאָס נייע גליק“

אַן אויסגעמאַטערטער און הונגעריקער, בין איך אין אַ נישט־מזלדיקער שעה אָנגעקומען אין קאַלכאַז „דאָס נייע גליק“, וווּ איך האָב זיך גלייך געמאָלדן אין פאַרוואַלטונגס־הויז צום „פּרעדסעדאַטיעל“ (פאָרזיצער).

דאָס הויז איז באַשטאַנען פון אַ ביורא־צימער, וווּ עס האָט געאַרבעט דער „גלאַוובוך“ (הויפּט־בוכהאַלטער) און אַ גרעסער צימער פאַר פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען.

קיין עסן האָט מען מיר דערווייל נישט געגעבן. מיטן עסן, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון פיר הונדערט גראַם ווייסע קעפּעלעך (אַזאַ אוזבעקישער וויין), האָב איך געדאַרפט וואַרטן ביז מאָרגן.

דער „פּרעדסעדאַטיעל“ האָט מיך אַריינגעפירט אין מיין „אַכסניה“, וואָס איז געווען אַ האַלב־חרובע איינצימערדיקע „קיביטקע“, וווּ עס האָט שוין פון פריער געוווינט אַ יידישע פרוי פון בעסאַראַביע.

פאַר מיר איז אין דער הייזקע גאָרנישט געווען. אויסער אַ צונויפגעשלאָגן „בעט“, וווּ חיה ביילע די בעסאַראַבערין איז געשלאָפן און אַ קליין אייזערן אייוועלע אויף איין פּליטע מיט אַן עמער וואַסער, איז איבערהויפּט דאָ גאָרנישט געווען.

די „דירה“ האָט נישט געהאַט קיין טיש, קיין בענקל און אויך נישט קיין לאָמפּ. דאָס רויכערנדיקע אייוועלע האָט געדאַרפט וואַרעמען אין די קאַלטע נעכט און אויף דעם האָט מען אויך געדאַרפט קאָכן, אויב ס׳איז געווען וואָס צו קאָכן.

דאָס מערקווירדיקסטע איז אָבער געווען, וואָס פאַר אונדז צוגעקומענע קאַלכאָזניקעס האָט מען קיין שום זאַך מיט וואָס צו הייצן און קאָכן נישט געגעבן.

אין אוזבעקיסטאַן איז בכלל נישטאָ דער מין האָלץ, וואָס אין אייראָפּע. עס וואַקסן נאָר אַזעלכע ווי קושאַקעס נידעריקע ביימעלעך, וועלכע זענען האַרט ווי שטיין. און אויך די דאָזיקע ביימעלעך זענען נישט פאַראַן צופיל.

נאָר אין די קאַלכאָזן, ווו מען פאַרזייט אויך „כלאָפּאַק" (וואַטע), ברענט מען מיט די כלאָפּאַק־שטעקעלעך.

איז נישט ווייט פון מיין הייזקע, אויפן קאַלכאָז־הויף, געווען אָנגעהויפט גאַנצע בערגלעך מיט וואַטע־שטעקעלעך. די בערגלעך זענען אָבער געווען אויסגעלייגט אין פּירעקיקע גלייכע קאַסטנס, באַצייכנטע פאַר אַ באַוואָרעניש קעגן גנבענען.

די דאָזיקע שטעקעלעך האָב איך באַנוצט אויף צו קאָכן מיין ברויט־זאַטשערוכע (אַ מעל־פאַרמישונג) און זיי האָבן מיר אויך געדינט פאַר אַ געלעגער. מען האָט זיי אָבער נישט געטאָרט נעמען אָן אַ דערלויבעניש. פאַר מיר זענען זיי זיכער נישט געווען אָנגעגרייט...

איך האָב זיי פּשוט אין די פינצטערע נעכט געגנבעט. און די דאָזיקע עובדא פון איינשטעלן זיך זיי צו נעמען, ווי אויך צו ברענגען וואַסער, האָט געהערט צו מיר. מיט דער דאָזיקע פּריווילעגיע האָט מיך מזכה געווען מיין „גוט־האַרציקע" בעסאַראַבערין, די פריערדיקע באַווינערין פון דער קיביטקע (הייזקע).

פונדעסטוועגן פלעגט זיך די דאָזיקע מרשעת אויף מיר וואַרפן ווי נאָר איך האָב זיך באַנוצט מיט אירס אַ כלי אויף צו קאָכן מיין זאַטשערוכע. ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז זי האָט זיך אויף מיר דעם „פּאָליאַק" (אַזוי פלעגט זי מיך, ווי די רוסן, רופן), געקלאָגט אַזש פאַרן „פּרעדסעדאַטיעל" פון קאַלכאָז פאַרן באַנוצן איר אָפּגעשפּרינקען טעפּל.

דער „פּרעדסעדאַטיעל" קוזמיראָוו, אַ הויכער ברייטביניקער רוס האָט, קאָן זיין, מיטן אַריינזעצן מיך צו דער דאָזיקער חיה־ביילע, נישט אויסן געווען קיין שלעכטס.

זיין פּשוטער גוישער חשבון איז געווען: אַן איינזאַמע יידישע פרוי, וועט מען איר משדך זיין מיט אַן איינזאַמען יידישן מאַן. צוזאַמען וועט זיי זיין פריילעכער. בפרט, אַז פאַר קיין צוגעקומענע קאַלכאָזניקעלעך, אומזיסטע עסער, — איז אין איר עלטער נישט געווען וואָס מורא צו האָבן. און דער־ביי וועט ער זיך אויך איינבערעגגען אַ באַזונדערע נאָרע פאַרן פּאָליאַק.

אַז צוויי יידן, אין צרות, וועלן צווישן זיך נישט קאָנען אַדורכקומען, איז אים נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן. איבעריקנס, זאָל דער „פּרעדסעדאַ־טיעל", וואָס האָט זיך נישט געזאָרגט פאַרן באַשפּייזן די צוגעקומענע קאַל־כאָזניקעס, זיך נאָך זאָרגן פאַר זייער שלום בית?...

חיהביילע איז געווען אַ פרוי אין די זעכציקער, אַן אַלמנה. זי איז אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן מיט איר בעסאַראַבער מאַן, וועלכער איז מיט אַ צייט צוריק אין קאָלכאָז געשטאָרבן.

און כאָטש אַליין אַ געליטענע און צעפּייניקטע, האָט זי נישט געהאַט קיין ברעקל געפיל פאַר אַ צווייטן. זינט מען האָט מיך צו איר אַריינגעזעצט, האָט זי מיך באַטראַכט ווי איך וואָלט געווען אירער אַ „פּאַראַבעק" (קנעכט) און באַשטימט איר צו דינען.

אַ פאַרגרעבטע דאָרפישע בעסאַראַבערין, האָט זי, ווי אַ פריער פאַר מיר געקומענע, ווי אויך צוליבן טויט פון איר מאַן, זיך לגבי מיר, דעם נייעם „קאָלכאָזניק" און „פּאָליאַק", געהאַלטן פאַר אַ יחסנטע.

זי איז פון דער היים געווען געוווינט צו ערד־אַרבעט, און ווי אַן עלטערע פרוי, האָט זי קיין צו שווערע אַרבעט נישט געטאָן. צוזאַמען מיט די אַנדערע עלטערע פרויען האָט זי גערייניקט אין שייער דעם „כלאָפּאָק" (וואַטע).

מיר אָבער, לויטן אויסזען ווי אַ מאַן אין די אָנהייב דרייסיקער, מיט רויטע באַקן, האָט מען צוגעטיילט אַ גאַנץ פיינע אַרבעט. — פון דער זייט האָט מען מיך נישט באַוואָלט. מען האָט מיך באַטראַכט ווי אַ פול־באַרעכ־טיקטן מיטגליד פון קאָלכאָז...

נאָר ווען ס'איז געקומען מיך צו באַלוינען פאַר מיין אַרבעט, בין איך שוין געווען דער פרעמדער און דער פּאָליאַק, צוויי גוטע זאַכן. און אפשר אויך דער ייד...

האָב איך פאַר אַ גאַנצן טאָג אַרבעט באַקומען פיר הונדערט גראַם ווייסע קעפּעלעך, פון וועלכע ס'איז נאָכן צערייבן זיי אויפן שטיין, נישט מער געבליבן ווי דריי הונדערט און פופציק גראַם מעל.

דאָס דאָזיקע ביסל מעל האָט מיר געדאַרפט דינען פאַרן פרישטיק, מיטאָג און אָוונטברויט. ווייל אויסער דעם ביסל מעל האָב איך מער גאָרנישט באַקומען, און קיין שום געצאָלטס פאַר דער אַרבעט האָט מען אויך נישט געגעבן.

בלויז איינציקע מאָל, און דאָס נאָך אַ סך בעטן, האָב איך געקריגן אַ פּאָר פאַרפוילטע ציבעלעס. און איין איינציק מאָל, ווען די אַרבעט אין פעלד איז געווען אין פולן ברען, האָט מען צוגעבראַכט אַ פליישלאָזן מיטאָג.

צו דעם נאָך האָב איך די וואַטע־שטעקעלעך געדאַרפט גנבענען, און

איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס זיך אין די קאַלטע נעכט צוצודעקן. אפילו קיין נאָרע ווי אינעם לאַגער איז אין דער קיביטקע אויך נישט געווען.

פלעג איך זיך לייגן אויפן בערגל שטעקעלעך, וואָס האָט מיר אָפּגע־קוועטשט די ביינער און בין אין די נעכט, צוליב די האַלב־צעלעכערטע ווענט פון דער הייזקע, געוואָרן צעפרוירן און צעווינטיקט.

אויף אַלע מיינע געבעטן וועגן צוגעבן עפּעס צום עסן און אַ קאָלדרע זיך צוצודעקן, האָט דער פּרעדסעדאַטעל געהאַט איין ענטפער: „בדליכא״, ס׳איז נישטאָ.

יעדן פרימאָרגן פלעגט דער בריגאַדיר אַרויסטרייבן צו דער אַרבעט. מען וואָלט זיך, אמת, געקאָנט אויסבאַהאַלטן און נישט גיין צו דער אַרבעט. דאַן וואָלט מען אָבער נישט באַקומען דאָס ביסל מעל און מען וואָלט אויך אַרויסגעטריבן פון דער צעלעכערטער קיביטקע. און איך האָב זיך נישט געוואָלט ווידער אַרומשלעפּן אינדרויסן.

ווי שווער די אַרבעט איז אויף מיר נישט געפאַלן, וואָלט איך פונ־דעסטוועגן, ביי די מינימאַלסטע באַדינגונגען, געבליבן אין דעם קאָלכאָז ביזן סוף פון דער מלחמה.

איך האָב זיך אָבער מיטן ביסל מעל נישט געקאָנט קיין עצה געבן. איך האָט געדאַרפט באַוויזן די קונץ פון איינטיילן עס אויף דריי מאָל. האָב איך אין דער פרי פון דעם אָפּגעבאַקן אויפן אייוועלע אַ פּאָר פלעצלעך, און דאָס איבעריקע ביסל מעל אַריינגעשיט אין טעפּל אַן זאַלץ און אַן שמאַלץ און עס פאַרקאָכט.

און פון פרישטיק ביזן אָוונטברויט האָב איך געמוזט אַרבעטן אַ הונגערי־קער. און חיה־ביילע די בעסאַראַבערין האָט מיר נאָך געמאַכט דעם „טויט״. זי האָט ביי מיר געמאָנט דאָס טעפּל, אין וועלכן איך האָב פאַרקאָכט מיין „זאַטשערוכע״.

מיין אַרבעט איז געווען אַ שווערע. איך האָב מיט אַן עמער געדאַרפט ברענגען זאַמד און עס אָנשיטן אין בערגלעך אויפן פעלד.

איך האָב אַזאַ אַרבעט נישט געטאָרט טאָן. אפילו אין לאַגער האָט מיך דער דאָקטאָר פון אַזאַ שטייגער אַרבעט באַפרייט. נאָר דאָ וואָלט איך שוין אויף אַלץ באַשטאַנען, אַבי צו האָבן אַ וואַרעם ווינקל און אַ נאָרמאַלע באַ־שפייזונג, וואָס איך האָב נישט געהאַט.

אָפּמאַטערנדיק זיך אַזוי אַ צייט, האָב איך זיך דעצידירט אויף אַ גע־

וואַגטן שריט. איך האָב באַשלאָסן זיך פּערזענלעך צו ווענדן צום פּראָקו־ראָר איבער די קאָלכאָזן פון דעם ראַיאָן.

און „אומר ועושה". באַשלאָסן און געטאָן. און אין איין העלן טאָג האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ נייער מאַרש, אַ מאַרש צום קאָלכאָזנעם פּראָקו־ראָר, וועלכער האָט אַמטירט אין אַ ראַיאָנאָוון שטעטל אַרום צוואָנציק וויאָרסט פונדאַנען.

קיינער האָט מיר אין דעם נישט געשטערט. דער פּרעדסעדאַטיעל האָט, ווייזט אויס, זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. ס'וואָלט אים, כ'לעבן, נישט געאַרט ווען איך גיי פונדאַנען אינגאַנצן אַוועק. ער האָט מיך נישט געבעטן צו קומען און ער וועט מיך אויך נישט בעטן צו בלייבן. מען האָט מיך צו אים געשיקט, האָט ער מיך צוגענומען. ווייטער גייט אים נישט אָן...

איך האָב אַצינד איבערגעחזרט דעם פריערדיקן וועג, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. און איך בין אויך אַצינד געגאַנגען נישט מיטן ברייטן שליאַך, נאָר מיטן שמאָלן דאָרפישן, דורך די אוזבעקישע הייזקעס. און ווידער בין איך געווען געצוווּנגען צו קלויבן שטיקלעך ליעפּיאָשקעס מיט אוריוק.

און ווי האַלב־געבאַקן זיי זענען נישט געווען, זענען זיי נאָך אַלץ גע־ווען בעסער ווי מיין „לחם עוני", די פּלעצלעך, וועלכע האָבן זיך געברענט אויפן קאָפּטשנדיקן אייוועלע אין מיין קאָלכאָז „דאָס נייע גליק", און נאָך דערצו אַן אַרבעט פון מיינע נישט־בעקערישע הענט...

איך האָב זיך מיט מיין גיין נישט געאיילט. און צו שלעפּן האָב איך נישט געהאַט וואָס. מיין איינציקע משא איז געווען אַ קליין טאָרבעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף מיין רעכטער זייט, ווי ביי אַ זעלנער זיין באַגנעט.

קיין גרויסן רעזערוו ליעפּיאָשקע־שטיקלעך האָב איך נישט געהאַט. און אַ גאַנצע ליעפּיאָשקע האָט מיר זעלטן ווער געוואָלט פאַרקויפן. און אויך די שטיקלעך איז מיר געווען שווער איינצוהאַלטן אויף אַ שלעכטער שעה.

אויסגעהונגערט נאָך פון קאָלכאָז און פריי פון יעדער טעטיקייט, האָב איך די שטיקלעך געקייעט ווי אַ יענקי קיי־גומי. דערפאַר האָט מיין באַגריסן זיך אויפן אוזבעקישן שטייגער זיך פאַרבעסערט און געוואָרן עלעגאַנטער.

אָוונט־צו האָב איך זיך שוין געמוזט צו איילן. איך האָב נישט געוואָלט ערגעץ בלייבן שטעקן און נעכטיקן אויף אַ פוסטן פעלד. דאַן וואָלט איך שוין געדאַרפט ריזיקירן נישט נאָר מיט מיין טאָרבע, נאָר אויך מיט מיינע שווער־דערוואָרבענע פאַרדראָטעוועטע שיך.

האָב איך זיך באַמיט מיט גיכע טריט „צוצוטאַנצן״ צו ערגעץ אַ הייזקע אָדער חורבה און זיך צו איר צוטוליען איבער דער נאַכט.

אויפן דריטן טאָג בין איך אָנגעקומען צו מיין ציל. דער פּראָקוראָר סעראַפּים, אַ חנעוודיקער שלאַנקער אוזבעק מיט שוואַרצע אויגן ווי צווי שוואַרצע קאַרשן, איז געווען צו מיר זייער העפלעך.

איך האָב פאַר אים אויסגעלייגט מיינע טענות מיט אַזאַ גערירטקייט, אַז איך האָב זיך אַליין נישט געקאָנט באַהערשן. און מיין פאַרלאַנג איז געווען גאָר אַ באַשיידענער. איך האָב בלויז געוואָלט ער זאָל מיך פאַרזיכערן מיט אַ קאָלדרע, מיט אַן אייגן טעפּל און אַ פּאָר מייערן אָדער בוראַקעס ווי אַ צוגאָב צו מיין מעל־פּאַרציע. דאַן וואָלט איך ווייטער געבליבן אין דעם קאָלכאָז.

סעראַפּים האָט מיך ווי אַ געניטער פּסיכיאַטער זיך געלאָזט אויסקלאָגן און אויסרעדן, וויפל נאָר איך האָב געוואָלט. דערנאָך האָט ער מיך אויף אַ נישט־פּראָקוראָרישן אופן באַרויקט און איינגענומען, ווי מען באַרויקט און מען נעמט איין אַ קינד.

„נעם עס נישט אַזוי טראַגיש. גיי צוריק און איך וועל דיר מיטגעבן אַ בריוו צום „פּרעדסעדאַטיעל״ (פאַרזיצער) פון קאָלכאָז. אַלע דיינע פאַר־לאַנגען וועלן ווערן דערפילט. דיין זאַך איז אַ גערעכטע און די סאָוויעטן זאָרגן זיך פאַר די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבעטנדיקע״. און ער האָט מיר גלייך אָנגעשריבן דעם בריוו פאַרן קאָלכאָז.

נאָכן איבערגעבן מיר דעם בריוו האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווי אַ געליבטער מיך גענומען אונטערן אָרעם און אַרויספירנדיק מיך אינדרויסן, אויך אַזוי ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל אין מיר אַריינגערעדט. ער האָט זיין ראָל געשפּילט נישט ווי קיין פּראָקוראָר, נאָר ווי איינער, אין וועמען דאָס רחמנות גיסט זיך איבער ווי שמאַלץ...

מיטן בריוו אין האַנט און מיט זיינע גוטע ווערטער האָב איך זיך מיטן זעלבן וועג פאַרנומען אויף צוריק. און ווי איך זאָל נישט האָבן געהאַט וויניק צוטרוי צו זייערע פאַרזיכערונגען, האָט זיך פאַרט אין מיר אַריינ־געגנבעט אַ ביסל גלויבן, וואָס האָט געשטאַרקט מיין מוט.

האָב איך דען געהאַט אַ ברירה? איידער איך פאַרלאָז דעם קאָלכאָז האָב איך געוואָלט אַלץ אויספּרוון ביזן לעצטן מיטל, כדי שפּעטער צו זיך אַליין נישט האָבן קיין טענות.

בין איך אַצינד גיכער געגאַנגען ווי פריער. איך האָב שוין נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויפן רעזולטאַט פונעם בריוו און האָב שוין אויך וואָס פריער געוואָלט געניסן פון מנוחה. און געשטאַרקט מיט אַ נייער האָפענונג, האָב איך געהאַט „קפיצת הדרך״.

ווען איך בין אַריין אין קאַנצעלאַריע פון קאָלכאָז, איז דאָרט פונקט געווען דער פּרעדסעדאַטיעל קוזמיראָוו. מיין מורא איז געווען אומזיסט. ער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט ווו איך בין אַ גאַנצע צייט געווען, ווי די זאַך וואָלט אים גאָרנישט אינטערעסירט.

איך האָב אָבער סיזווי נישט געוואַרט אויף זיין פרעגן, נאָר איך האָב אים גלייך דערלאַנגט דעם בריוו. ער האָט אים ווי אַ נישט־וויכטיקן דאָקו־מענט געעפנט און איבערגעלייענט. נאָכן איבערלייענען, האָט ער פונקט אַזוי געלאַסן אַרויסגערעדט: „איך האָב נישט מער וואָס צו געבן״.

הגם מען האָט באַלד געקאָנט זען, אַז דעם פּראָקוראָרס בריוו האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין איינדרוק, האָב איך פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַן ענדערונג. אַצינד אָבער איז שוין פאַר מיר אַלץ געווען געענדיקט... און מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן דעם קאָלכאָז איז געוואָרן אָנגענומען.

אמת טאַקע, האָב איך געמאַסטן און געוויגן, מעגלעך, איך וועל אויסער דעם קאָלכאָז דאָס ביסל מעל אויך נישט האָבן. דערפאַר אָבער וועל איך זיין פריי צו זוכן עפּעס אַנדערש און וועל נישט דאַרפן אַרבעטן איבער די כוחות.

ס'האָט מיך צו דעם אויך געשטויסן מיין אַמביציע. „פאַרוואָס זאָל איך עפּעס אַרבעטן פאַרן בלויזן מעל ?״. מיין דירה האָט זיי גאָרנישט געקאָסט. ס'איז געווען אַ האַלב־חרובע „קיביטקע״ ביים סוף פון קאָלכאָז, וואָס האָט צו גאָרנישט געטויגט.

די בעסאַראַבערין האָט כאָטש געהאַט איר בעט און בעטגעוואַנט מיט וואָס זיך צוצודעקן, און צו קיין שווערער אַרבעט האָט מען איר אויך נישט גענומען. איך אָבער בין געוואָרן צעפרוירן און צעבראָכן אויפן בערגל וואַטע־שטעקעלעך. און צו דעם האָבן זיי מיר געגעבן צו טראָגן קעמעלעך זאַמד, וועלכע איך האָב קוים געקאָנט אויפהייבן.

האָב איך גלייך צונויפגענומען כעלות, אין דער שטיל און אָן אַ „זיי געזונט״, זיך אַרויסגעשאַרט פון מיין ליימקע. איך האָב אויף אייביק פאַרלאָזן דעם

קאַלכאָז „דאָס נייע גליק". נישט באַשערט געווען צו בלייבן אַ סאָוויעטישער קאַלכאָזניק...

איך גיי צוריק קיין בוכאַראַ, נאָר אויפן וועג צעבייסט מיר דערווייל אַ הונט אַ פוס און מען פירט מיך אַוועק קיין קאַגאַן

אַנטלויפנדיק פון קאַלכאָז, האָב איך זיך פאַרנומען קיין בוכאַראַ, פונוואַנען איך בין אין „דאָס נייע גליק" געקומען. קיין בוכאַראַ האָב איך געוואָלט צוריקגיין, ווייל איך בין צו דער שטאָט שוין געווען צוגעוווינט. און פון גאַנץ אוזבעקיסטאַן איז דאָ געווען דער וואַרעמסטער קלימאַט.

דער וועג קיין בוכאַראַ איז נאָך געווען אַ ווייטערער ווי פון קאַלכאָז צום פּראָקוראָר. און איך האָב אָנגעהויבן גיין. איז אָבער אַ מענטש איבער זיך נישט דער גאַנצער בעל הבית, — בין איך שוין קיין בוכאַראַ נישט דערגאַנגען.

אַנשטאָט קיין בוכאַראַ, האָט מיך דער גורל פאַרשלעפּט ערגעץ אַנדערש, ביז ער האָט מיך אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון אוזבעקיסטאַן.

דאָס איז אָבער געשען ערשט נאָכן אַדורכמאַכן אַ פּריש ביסל צרות. דערווייל האָבן נאָך מיינע פיס געטראָטן אויף דעם וועג ווי פריער. און אויך די ליעפּיאָשקע־שטיקלעך בין איך, ווי פריער, געווען געצוווּנגען צו זאַמלען אין מיין טאָרבע, ווייל אַנטלויפנדיק האָט מען מיר קיין „צידה לדרך" (שפּייז אויפן וועג) נישט געגעבן.

האָב איך זיי אַצינד פלייסיקער און מיט מער באַרעכטיקונג געזאַמלט. ווייל אויב פריער האָב איך אויף די טענות פאַרוואָס איך גיי נישט אין קאַלכאָז, געענטפערט: אַז אָט טאָקע קום איך פון קאַלכאָז, ווו איך אַרבעט גערן, נאָר בין טראַץ דעם געצוווּנגען צו גיין אינטערוועגירן איך זאָל דאָרט נישט דאַרפן הונגערן. האָב איך אַצינד שוין געקאָנט זאָגן, אַז פון מיין זייט האָב איך אַלץ געטאָן, נאָר צום עסן קומט עס פאָרט נישט.

איך האָב אַצינד נישט געהאַט וואָס צו איילן זיך. איך האָב געוווּסט, אַז קיין גליקן דערוואַרטן מיך אין בוכאַראַ אויך נישט. האָב איך זיך פאַרנומען צו גיין פּאַמעלעך אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג. איך האָב נאָר געדאַרפט זען נישט אַריינצופאַלן אויף דער נאַכט אין קיין וויסטעניש.

דער וועג האָט געדויערט גאַנצע טעג. און פון מיין פריערדיקן אַרויסגיין פון בוכאַראַ ביז מיין איצטיקן צוריקגיין איז נישט נאָר אַ סך וואַסער

אָפּגעפּלאָסן אין די טייכן, נאָר בלוט, פיל מענטשלעך בלוט איז פון דאַן אָן אויף די שלאַכט־פעלדער פאַרגאָסן געוואָרן. און וואָס מער בלוט די ערד האָט אין זיך איינגעזאַפּט, אַלץ מער האָט זי געפאָדערט.

זענען אַצינד די דערפער געווען אויסגעליידיקט פונעם מענלעכן מין. די מענער זענען אין איילעניש געוואָרן מאָביליזירט, איינצוהאַלטן די פאַרויסגייענדיקע דייטשע בעסטיע, וועלכע האָט זיך מיט אַ חיהשן אימפעט געריסן אַלץ און אַלעמען צו פאַרשלינגען.

די געבליבענע עלטערע מענער, ווי אויך אַ טייל פרויען האָבן דעריבער אויף מיר געקוקט מיט קנאה און אויך מיט באַהאַלטענער שנאה. זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר פיל יונגער און געזונטער ווי איך בין אין דער אמתן געווען.

די אוזבעקן, בפרט די פרויען אין די פאַרוואָרפענע ערטער, האָבן נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד און פון וועלכן לאַנד איך בין. זיי האָבן זיך אין אַזעלכע זאַכן נישט אַריענטירט. דאָס איז אין זייער חשבון נישט אַריין.

זיי האָבן אָבער געוואָלט, אַז אויך איך זאָל זיך, ווי אַנדערע, גיין שלאָגן. האָב איך שוין אַצינד געדאַרפט פאַרענטפערן צוויי קשיות: פאַר־וואָס איך גיי נישט אויפן פראָנט און פאַרוואָס איך אַרבעט נישט. אגב, האָבן צו מיר אַזעלכע טענות און נאָך מער ווי טענות אויך געהאַט גאַנץ פיינע יידישע פרויען אין סטאַלינאַבאַדער פריוויילעגירטן באַראַק, וווּ דער פוילישער פאַרשטייער האָט מיך אַריינגעזעצט.

עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן קיין קשיות נישט געפרעגט. און אויב זיי האָבן מיר קיין פרישע ליעפּיאָשקעס נישט געגעבן, האָבן זיי מיר אָבער קיין אַלט־געבאַקענע שמיקלעך נישט געזשאַלעוועט. זיי זענען געווען צופרידן פון זיי פּטור צו ווערן. און מיין מאַגן האָט דאַן אַלץ פאַרדייעט. אַ ברירה האָט ער געהאַט?...

בין איך אַזוי געגאַנגען געלאָסן, רויק, ווי אַ ייד גייט שבת נאָכן עסן שפּאַצירן, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ האַלב־צומגעבראָכן פלאַץ, אין וועמענס מיטן ס'איז געווען אַ גאַנץ פיין הויז. און דער גאַנצער אָרום האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ קליינע „אימיעניע" (הויף).

דאָס הויז מיטן פלאַץ האָט מיר אויסגעזען ווי עפּעס אַ מיסטעריעזע איבערבלייבעכץ פון אַמאָל, פון די „גוטע" צאַרישע צייטן. אויפן הויף זענען געווען שטאַלן מיט פערד, האָלץ און שטויסן היי, אָרום וועלכע עס האָבן זיך געפּאָרעט שיינע שוואַרץ־אויגיקע און שוואַרץ־חנעוודיקע יונגפרויען,

ווי די צוגעזאָגטע מיידלעך פון מחמדס גן־עדן. און קיין איין מאַן איז דאָרט נישט געווען.

אַ מיטליאָריקע שיינע פרוי, קענטיק די באַלעבאָסטע פונעם קליינעם הויף, האָט אויפגעפּאַסט אויף דער אַרבעט. זי איז געווען באַשיידן, אָבער ציכטיק אָנגעטאָן. זי האָט זיך געהאַלטן מיט ווירדע, און אין איר גאַנג איז געווען אַ באַזונדערע עלאַסטישקייט און גראַציעזקייט.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פּידשטין. און איך האָב נישט געקאָנט וויסן, צי זי איז אַן אוזבעקין צי פון אַן אַנדער מזרחדיקן אָפשטאַם, נאָר קיין פויערטע איז זי זיכער נישט געווען.

זי האָט אָנגעהויבן צו מיר רעדן, נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען אירע רייד. דאָס איינציקע נאָר וואָס איך האָב באַנומען איז געווען: „מאַיאַ איבראַאימאַ״ (מיין נאָמען איז איבראַאימאַ). דאָס האָט זי זיך מיר אויף אַזאַ אופן פאָרגעשטעלט.

ווען זי האָט געזען, אַז דאָס איבעריקע פאַרשטיי איך נישט, האָט זי מיר מיט די הענט געגומען וויזן, אַז איך זאָל זיך דאָ אָפשטעלן. און כדי מיך איבערצייגן, אַז דאָס געשעפט וועט מיר לוינען, — האָט זי מיר אויך אָנגעוויזן אויף די חנעוודיקע בתולות, ווי איינער זאָגט: נאַ, און נעם זיך וועלכע דו ווילסט, זיי זענען צו דיין רשות.

עס האָט זיך מיר איבערגעחזרט די געשיכטע מיטן קאַטלאָסער רויטן קאַלמיק מיט די קליינע אייגעלעך, וועלכער האָט מיך געוואָלט האָבן פאַר זיין איידעם. און מיין שטאַלץ, דער שטאָלץ פון אַ הונגעריקן וואַנדערנדיקן שלעפער, האָט זיך אין מיר געהויבן. „אַ שלעכטע סחורה אין אַ גוטער צייט״, האָב איך געטראַכט.

ווי אַ צוגאָב מיך דאָ איינצוהאַלטן, האָט מיך איבראַאימאַ צוגעפירט צו איר הויז און געוויזן „כל כבודה וכל עשרה״. אירע צימערן זענען ווירק־לעך געווען דער קאָנטראַסט פון די איבעריקע אוזבעקישע „קיביטקעס״ פון דעם ראַיאָן, וועלכע זענען געווען ליידיק פון מעבל און פון יעדע אַנדערע שטוב־זאַך.

דער רוב דאָרפישע אוזבעקן שלאָפט אויף דער בלויזער פאָדלאָגע. זיי פאַרמאָגן נישט קיין טיש, קיין בענקל און קיין שום ענלעכע זאַכן. די רייכערע שלאָפן אויף אַ „מאַט״ (אַ שטרוי־געפלעכט) און די נאָך רייכערע האָבן שוין זייערע אָטאָמאַנעס און זיידענע קישעלעך, אויף וועלכע זיי רוען און שלאָפן.

און אין איבראַאימאַס הויז איז געווען אַ מאָדערן ניקלען בעט מיט פֿיין עלעגאַנט מעבל און אַזיאַטישע אָטאָמאַנעס, מיט די פּרעכטיקסטע טעפּיכער און זייד־סאַמעטענע קישעלעך פֿון אַלע פֿאָרמען און פֿאַרבן. און ווי אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט פֿון די אַמאָליקע סולטאַנען האָט אַ שלאָג־געטאָן אין מײַנע אויגן.

איך האָב זיך פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַרלוירן און נישט געדאַרפֿט זיך ראַנגלען מיט דער מחשבה. און איר גאַנצער רייץ מיטן האָב און גוטס האָט מיך נישט געלאָקט.

ראשית, האָב איך טראָץ דעם פֿאָרגעפֿיל פֿון מײַן קומענדיק פֿאַמיליע־אומגליק, מײַן פֿרויס און קינדערס האָפֿענונגען נישט געוואָלט פֿאַראַטן. און איך בין מער נישט געווען להוט אויסצובײַטן מײַן אָרעם יידיש לעבן פֿאַר „כל הון דעלמאַ״.

און דאָך האָט, אין אָנבליק פֿון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, די דאָזיקע „אימיעניע״ אין מײַנע אויגן אויסגעזען ווי עפּעס אַ לעגענדע, אַ לעגענדע פֿון „טויזנט און איין נאַכט״.

איך האָב זיך פֿאַרנומען אַוועקצוגיין, און די פֿירשטלעכע איבראַאימאַ האָט מיר אויפֿן וועג מיטגעגעבן אַ גאַנצע ליעפּיאָשקע מיט פּוטער, מיט אַ שפּאָרע פּאָרציע „אוריוק״ (שעפּטאַלן) און קישמיש (ראָזשינקעס). איך האָב איר געזעגנט מיטן צולייגן די האַנט צום האַרצן און דערמיט האָט זיך מײַן קורצער ראָמאַן געענדיקט און איך האָב זיך גערוקט נענטער צו מײַן אָנקומענדיקער צרה.

געזעגענענדיק זיך, בין איך אַוועק אויף מײַן ווייטערדיקן וועג. ס'איז נאָך געווען אין די פֿריע נאָכמיטאָג־שעהן. אינדרויסן איז געווען אַ וואַרעמער סוף־ווינטער־טאָג. און אָן משא איז זיך געגאַנגען גרינג. און האָבנדיק ביזן אָוונט וואָס צו עסן, האָב איך אויסער וועגן אַ געלעגער, דערווייל נישט געהאַט קיין אַנדערע זאָרגן.

מײַן איינציקע דאַגה איז נאָר געווען צו האָבן אַן אָרט ווו צו נעכטיקן. האָב איך געציילט די שעהן און זיך געהאַלטן אין איין פֿרעגן אויף עפּעס אַן אָפּשטעל־פּונקט. קיין דאָרף און קיין קאָלכאָז האָט מען אָבער ביזן אָוונט נישט געזען. און אינצווישן איז צוגעפֿאַלן די נאַכט.

אַז עס איז געוואָרן פֿינצטער, האָב איך זיך בלית ברירה פֿאַרגנבעט ערגעץ אויף אַ בערגל, כדי אויסצובאַהאַלטן זיך פֿון אַ זייטיק אויג, און האָב זיך אויסגעצויגן ווי צום שלאָפֿן. איך האָב אָבער געמוזט זײַן זייער פֿאָר־

זיכטיק און ליגן מיט אָפענע אויגן. און איך האָב ווי אַ שוועך־קראַנקער קוים זיך דערוואַרט אויפן טאָג.

דערווייל האָב איך, ווי עס וואָלט געדוען ערב פסח, אויסגערייניקט פון מיין טאָרבע דאָס לעצטע ברעקל חמץ. און אין דער פרי האָב איך ווידער געדאַרפט גיין איבער די הייזקעס זיך צו פאַרזאָרגן מיט פרישער שפייז.

און אַזוי גייענדיק בין איך אַרויף אויף אַ שאָסיי, וועלכער האָט, ווייזט אויס, געפירט צו עפּעס אַ שטאָט. איך בין געגאַנגען ביז איך האָב פון דער לינקער זייט דערזען אַ הייזקע, אַרום וועלכער עס זענען געווען אייניקע פרויען מיט אַ הונט.

מיט דער כוונה צו קויפן ביי זיי עפּעס צום עסן, האָב איך זיך ביי די פרויען געפרעגט אויפן בעל־הבית פון דער ווירטשאַפט. זיי האָבן מיר אָנגעוויזן אויפן הויז, פון וואָס איך האָב געדרונגען, אַז מען קאָן אינעווייניק אַריינגיין. ווייל ביי אַלע מיינע באַזוכן פלעג איך פריער אָנקלאַפּן אין דער טיר פון דער הייזקע.

די ליימקע איז, ווייזט אויס, געווען פון גאָר פרומע מוסולמענישע איינוווינער, ווייל פאַרן הויז זענען געשטאַנען סאַנדאַלן צו פאַרבייטן מיט זיי די שיך פון די אַריינקומענדיקע. און איבער דער טיר האָט ווי איבער אַ בעט פון אַן אַמאָליקער קימפעטאָרין געהאַנגען אַ קאַלדרע.

איך האָב אָבער נאָך דעמאָלט פון די דאָזיקע פרום־אוזבעקישע דינים נישט געוווסט, האָב איך דעם ווונק פון דער פרוי אויפן הויף אָנגענומען אַלס צייכן און פולן היתר אַריינצוגיין.

ווי נאָר אָבער איך האָב זיך דערנענטערט צום אַריינגאַנג, איז מיך דער פון פריער אַזוי רויקער הונט, קענטיק אָנגערייצט דורך די פרויען, מיך באַפאַלן. מיט זיין גאַנצער הינטישער בייזקייט האָט ער מיר פון הינטן אַ כאַפּ געטאָן דעם לינקן פוס און זיך אין אים מיטן גאַנצן כוח איינגעביסן ביזן ביין.

אין די ערשטע מינוטן פון פּלוצעמדיקייט און ווייטיק האָב איך נישט געזען דעם שטראָם בלוט, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון דער וווּנד. און אַנשטאָט צו פאַרהאַמעווען דעם בלוט־אָפּפלוס, האָב איך גאָר אין אַ ווילדן צאָרן קעגן דער הינטישער אונטערלוסטיקייט, זיך נאָך אים געיאָגט מיט אַ שטיין.

אַ צערייצטער בין איך אים נאָכגעלאָפן אַרום אַ קרייז, און די זיצנדיקע דערביי מחמדס פרומע טעכטער זענען זיך אויף דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל

פֿאַרגאַנגען אין אַ קייכנדיקן געלעכטער.און נאָך מער צערייצט פֿון זייער ווילדן לאַכן, האָב איך שוין אַצינד געביילט די פֿויסטן קעגן די אוזבעקינס.

ערשט ווען איך האָב דערזען דעם בלוט־שטראָם, בין איך געקומען צום פֿאַרשטאַנד. איך בין אָבער געווען אינגאַנצן הילפֿלאָז און האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איך טאָר זיך מיט מײַנע שמוציקע זאַכן צו דער ווונד נישט צורירן. און קיין אַנדערע זאַך מיט וואָס איר צו פֿאַרהאַמעווען האָב איך נישט געהאַט.

דאַן האָט זיך פֿון ערגעץ באַוויזן אַן אוזבעקיש מיידל מיט אַ שיסל וואַסער און מיט אַ שטיק פֿון „כלאָפּאָק" (וואַטע) געמאַכטן טוך. ווישנדיק מיטן וואַסער דאָס בלוט אויף אַ פּרימיטיוון אופֿן, האָב איך דערנאָך מיטן זעלבן טוך איינגעקלעמט די ווונד. און אָנגעשטרענגט פֿוגעם גאַנג און באַזונדער פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, האָב איך פֿאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין און זיך אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו פֿילן...

וואָס ס'איז ווייטער געשען ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז אַן אוזבעק האָט מיך אַרויפֿגעלייגט אויף אַ פֿור, אַן עכטע רוסישע פֿור, נישט קיין „אַרבאַ" (אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער) און האָט מיך אויף גיך אָוועקגעפֿירט אין אַ שטאָטישער קליניק.

די שטאָט האָט געהייסן קאַגאַן, נישט ווייט פֿון בוכאַראַ, אין וועלכער דער גורל האָט מיך אַצינד פֿאַרשלעפּט, צעשטערנדיק מײַן פֿריערדיקן פּלאַן.

ווער עס זענען געווען די ווילדע אוזבעקינס און פֿונוואַנען מײַן רעטער איז געקומען, האָט זיך אין מײַן זכרון נישט איינגעקריצט. מסתּם איז געווען אַ גרונט צו דעם אַלעמען. נאָר איינס איז קלאָר — די קיביטקע, ביי וועלכער דאָס איז געשען האָט געמוזט זײַן נאָענט פֿון אַ דאָרף אָדער קאָלכאָז. אַנדערש וואָלט די דאָזיקע הילף אויך נישט געקומען. און אַז די זאַך איז געווען ערנסט, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אין קליניק.

קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

אין אַ קליניק פֿון קאַגאַן

ווען איך בין אין קליניק געקומען צו זיך, האָב איך זיך דערוווסט, אַז איך געפֿין זיך אין דער אוזבעקישער קרייז־שטאָט קאַגאַן, די אַמאָליקע

רעזידענץ פון די בוכאַרער עמירן (פירשטן) ווו עס געפינט זיך דער פּאַלאַץ פונעם לעצטן עמיר.

אין קליניק, ווו מען האָט מיר געגעבן די ערשטע הילף, האָט מיך דער דאָקטאָר, נאָכן באַטראַכטן די ווונד, געטרייסט, אַז ס׳איז נאָך מיט רחמים... ווייל ס׳האָט נאָך געקאָנט זיין פיל ערגער. וואָרעם ווי טיף די ווונד זאָל נישט זיין, איז אָבער דער ביין נישט אָנגערירט, און ער האָפט דעריבער, אַז איך וועל קיין קריפּל נישט זיין (אַ נישקשהדיקע אָנצוהערעניש).

פונדעסטוועגן דאַרף איך אָבער, האָט ער צוגעגעבן, אַדורכצוגיין אַן ערנסטע קוראַציע. איך בין אָפּגעשוואַכט צוליבן בלוט־אָפּפלוס און מען קאָן אויך נישט זיין זיכער מיטן הונט.

איך וועל דעריבער דאַרפן האָבן זעקס און צוואַנציק איינשפּריצונגען, וואָס די שוועסטער גיעמאָיעוונאַ וועט מיר מאַכן. איך זאָל נישט פאַרלאָזן קאַגאַן און קומען יעדן דריטן טאָג נאָך די איינשפּריצונגען און „אָפּאַטרונ־קעס", און בכלל פאָלגן אַלץ, וואָס די שוועסטער וועט מיר זאָגן.

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט פונעם פרישן פאַל, און האָב פונעם אייגענעם אומגליק אויך אַביסל גליק געוואָלט אַרויסציען. — האָב איך דעם דאָקטאָר דערקלערט, אַז איך האָב דאָ נישט ווו צו נעכטיקן און וואָס צו עסן.

ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז ער קאָן מיר אין דעם נישט העלפן. ער האָט נישט צו זיין דיספּאָזיציע קיין שפּיטאָל, ווו איך וואָלט אין דער אמתן געדאַרפט אַדורכמאַכן מיין קוראַציע. דאָ, ווו איך געפין זיך, איז נאָר אַ שפּיטאָל־קליניק. אַ קליניק אָן בעטלעך.

ער וועט מיך פונדעסטוועגן די ערשטע צוויי נעכט לאָזן איבערנעכטיקן אויף אַ פעלד־בעטל. און אויף די וויטערדיקע, וועט ער מיר געבן אַ פּאַפּיר צו נעכטיקן אין עמירס פּאַלאַץ. און וועגן עסן, האָב איך אַלס קראַנקער די רעכט פון אָן אַרבעטנדיקן אויף פיר הונדערט גראַם ברויט און אַ פּראָפּוסק אין אַ סטאָלאָווע. דאָס איז אַלץ וואָס ער קאָן טאָן.

איך האָב אים געדאַנקט פאַרן אַרויסגעוויזענעם חסד, און טראַץ מיין לאַגע, איז קיינער אין דעם מאָמענט נישט געווען גלייך צו מיר. ווי אַ פּאַר־אורטיילטער, וואָס נישט אַכטנדיק גאָר אויף זיין לעבנס־סכנה, פרייט זיך מיט זיין חיי מינוט, — האָב איך זיך געפרייט מיט מיין חיי שעה, — נישט אַכטנדיק וועגן דער סכנה, אין וועלכער איך האָב זיך נאָך געפונען ביים אָנהייב פון מיין קוראַציע...

דעם דאָקטאָרס אָנזאָג האָב איך פּינקטלעך אָפּגעהיט. איך האָב דאָס געטאָן נישט אַזוי צוליבן געזונט, איבער ווען איך האָב קיינמאָל נישט איבעריק געציטערט, ווי צוליב די פּריווילעגיעס, וואָס די קוראַציע האָט מיר געגעבן. דאַכלאָזע און הונגעריקע טראַכטן נישט פון קיין נאָענטן מאָרגן. זייער זאָרג איז דער קלאָגעדיקער היינט...

און נישט נאָר האָב איך אָפּגעהיט די צייט פון די „אָפּאַטרונקעס" און איינשפּריצונגען, נאָר איך בין נאָך געווען פון די „מזריזים" (איילִיקע) און בין געקומען אין קליניק נאָך פאַר דער צייט, וואַרטנדיק אויף דער שוועסטער.

איך וואָלט נאָך פריער געקומען ווען די קליניק וואָלט געווען אָפן. און געקומען בין איך פריער נישט לשם מצווה, נאָר ווייל ס'איז געווען בעסער צו זיצן אויף אַ ווייכן שטול אין ריינקייט און אין וואַרעמקייט, איידער זיך ערגעץ אַרומצושלעפּן אַ מידער.

דאָס רעגולערע קומען אין אַ באַשטימטער צייט, האָט מיך אויך פּסי־כיש באַפרידיקט. עס האָט מיר געגעבן דאָס געפיל פון אַ פליכט־באַוווסטזיין און אַ טיילווייזע פאַרנומענקייט, וואָס ס'איז פאַרן מענטש אַזוי וויכטיק.

אַדאַנק די איינשפּריצונגען האָב איך באַקומען מיין ברויט מיטן וואַסער־דיקן מיטאָג און אַ נאַכט־לעגער. און כאָטש דאָס געלעגער האָט פאַר אַ קראַנקן מיט אַ ווונד קיין גרויסן ווערט נישט געהאַט, ווייל פונקט ווי די אַנדערע בין איך געלעגן אויף דער בלויזער פאָדלאָגע, הגם אַמאָל פירשט־לעבע, — איז עס דאָך פאַר מיר געווען בעסער ווי אין דרויסן.

צוליב מיין קומען פאַר דער צייט, האָט דער פאַרוואַלטער געענדערט די שעה פון מיין קומען אויף נאָך מיטאָג. די קוראַציע איז צוגעגאַנגען נאָרמאַל. נאָר איין מאָל האָב איך זי שיעור נישט פאַרשפּאָרט די גאַנצע טרחה. איך האָב געהאַלטן ביי ווערן אַ „קדוש", צוליב וואָס ניעמאָיעוונאַ, די סימפּאַטישע יונגע שוועסטער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז שיעור אַליין נישט אַוועקגעפאַלן. און ווען איך בין געקומען צו זיך, איז נאָך פון איר נישט געהאַט אַוועק די שרעק און צעטומלטקייט.

די איינשפּריצונגען זענען געווען מיט יאָד. און איך, אַזוי אויך אָפּגע־שוואַכט פונעם בלוט־אָפּפלוס, בין נאָך שוואַכער געוואָרן, און ווען זי האָט מיר איינמאָל ביי די ערשטע איינשפּריצונגען אַריינגעשטאָכן אין דער האַנט די נאָדל, האָב איך, דערפילנדיק אַ שטאַרקן יאָד־ריח, פאַרלוירן דאָס באַ־וווסטזיין און זיך אַ וואַקל געטאָן אומצופאַלן.

ניעמאָיעוונאַ האָט מיך פלינק אַ כאַפּ געטאָן, אויסמיידנדיק די צרות, וואָס וואָלטן געקומען פון דער צעבראָכענער נאָדל. זי האָט אַ צייט אַרום מיר שווער געאַרבעט ביז זי האָט מיך צוריקגעבראַכט צו די כוחות.

די שטאָט קאַגאַן

קאַגאַן איז פיל קלענער ווי איר נישט ווייטע שכנטע בוכאַראַ. זי איז אָבער פאַרמיקער און זגראַבנער און מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַ שטאָט, ווי די צעוואָרפענע אַלטע בוכאַראַ.

זי האָט נישט, ווי בוכאַראַ, אַזוי פיל אַלטערטימלעכע מאָנומענטן, וואָס זאָלן דערציילן פון איר אַמאָליק לעבן. זי האָט אָבער איר אייגענעם יחוס. און דאָס איז דעם עמירס פּאַלאַץ, וואָס שטייט ביים ראַנד פון שטאָט אַן אויסגעליידיקטער און פאַראָבלטער, פאַרשטעקט אונטער די אייגענע ביימער־קרוינען.

און דאָס איינציקע וואָס זאָגט עדות אויף זיין אַמאָליקער גרויסקייט, איז די ווי אַ נעץ־געוועב געשניצטע פראָנט־וואַנט, אינעם אַלטן מזרח־סטיל.

אַזאַ געפלעכט־געשניץ געפינט זיך אויך אין דער וואַנט פונעם גרויסן אויפנעם־זאַל, וואָס איז דאָס איינציקע, וואָס לאָזט דאָס אויג נישט ווערן פאַרטרינקען אין דער אַרומיקער איינפאַרמיקייט.

די צייט פונעם יחוס פון דער פירשטלעכער געביידע איז שוין לאַנג פאַרביי. אַצינד איז זי בלויז אַ נאַכט־אַזיל פאַר אַלע דאַכלאָזע און אורחי־פּורחי־שלעפער פון דער מדינה.

און אָנשטאָט איר אַמאָליקער פאַרריסענער אָפּגעשלאָסנקייט, זענען היינט די טירן פון פּאַלאַץ ברייט צעפּראַלט פאַר אַלע אַריינקומענדיקע אורחים, וואָס גאַרן נאָך אַ ביסל שלאָף און רו.

עס דאַכט זיך נאָר, ווי דער מידער אורח וואָלט איבער זיין קאָפּ געזען דעם שאָטן־געשוועב פון אַ פאַרשווונדענעם גלאַנץ, וואָס איז שוין נישט בנמצא. נאָר אונטער זייגע פיס זענען שוין די אַמאָל פינקלדיקע, מיט טייערע טעפּיכער באַדעקטע קאַרפּעטן, ברייט־פּאַלקיש צעטראָטן און פאַרמיסטיקט.

אויף די דאָזיקע פאַרשמוציקטע קאַרפּעטן האָבן זיך אין זייער גיריקייט נאָך שלאָף די מענטשן אויסגעצויגן אין די נעכט. זיי האָבן דעם גלאַנץ געוועב איבער זייערע קעפּ נישט געפילט, דערפאַר אָבער האָבן זיי געפילט די האַרטע קאַרפּעטן און דעם געבראָך פון זייערע צעקוועטשטע ביינער...

און דאָך איז קאַגאַן מיט דעם דאָזיקן הכנסת־אורחים־פּאַלאַץ, הגם אויך אַהער האָבן שוין די וואַנדערנדיקע רגיבער דערגרייכט, איינע אין גאַנץ אוזבעקיסטאַן, און דאָס קליינע פרייע ווינקל, ווי האַרט אירע דיל־ברעטלעך זאָלן נישט זיין, איז פאַרט געווען אַ ברכה פאַרן אָרעמען הילפ־לאָזן פּליט און וואַנדערער.

די דאָזיקע נאַכט־פּריווילעגיע, וואָס איז אַחוץ מיין ברויט־קאַרטע און מיטאָג, אייגנטלעך קיין באַזונדערע פּריווילעגיע פאַר מיר נישט געווען, ווייל אויף די טויערן פון פּאַלאַץ איז געווען געשריבן: „כל דכפין ייתי ויליך" (ווער עס וויל זאָל קומען נעכטיקן), האָט מיר דער דאָקטאָר אַריינגערעכנט אין מיין קראַנקן־נדן...

זיין פאַרדינסט איז אָבער געווען, וואָס ער האָט מיך דער ערשטער באַקאַנט געמאַכט מיטן דאָזיקן אַזיל, מיט וועלכן איך האָב זיך שוין אויף דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין קאַגאַן פאַרקנסט.

די זעקס און צוואַנציק איינשפּריצונגען האָבן זיך געענדיקט. אַלץ איז אַדורך בשלום. און אויסער אַ צייכן אויף מיין לינקן פוס, איז מער פון דעם נישט געבליבן. איך בין געוואָרן אויס יחסן. און אויסער דעם נעכטיקן, האָבן זיך דערמיט מיינע „זיבן פעטע יאָר" אין קאַגאַן געענדיקט.

איך בין צוריק געוואָרן אַ פרייער מענטש. פריי פונעם עול פון די איינשפּריצונגען און פריי צו זוכן איבער די באַזאַרן און סטאָלאָוועס עפּעס צום עסן. און פון קיין גרינגערע אַרבעט האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, ווייל מען האָט נישט געגעבן. און קיין שווערע האָב איך נישט געקאָנט טאָן.

קאַגאַן איז נישט געווען קיין פאַבריק־שטאָט. אויסער אַ קליינע טאַבאַק־פאַבריק האָט זי נישט געהאַט. זי איז געווען אַ שטילע שטאָט אָן פּרעטענסיעס, מער ענלעך אויף אַן אייראָפּעישער קרייז־שטאָט. איר שטאָט־אָנפירונג האָט אַפילו געשיינט צו זיין אַ מילדע. גאָר צו קיין תכלית איז עס פאַר מיר נישט געקומען.

מיטאָמאָל אָבער איז אויף אַ שטיקל צייט פאַר די פוילישע איינגעטראָטן אַ פאַרלייכטערונג. איך ווייס נישט פונוואַנען די חברה האָט זיך וועגן דעם דערוויסט, נאָר וואָס דערשנאַפּן נישט הונגעריקע?

זענען די פוילישע יידן געוווּיר געוואָרן, אַז די ליניע לגבי די פּאַליאַקן האָט זיך ווידער געביטן צום בעסערן, ווייל די פוילישע ליניע איז ווי די אַלגעמיין־סאָוויעטישע געווען אַ זיגזאַגיש־עלאַסטישע, אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פונעם „אותו איש" אין קרעמל.

און אַז „שהשמחה במעונו״, איז פון דאָרטן אַרויס אַן „אוקאַז״ (באַפעל) צו געבן אַלע פוילישע בירגער, צי זיי אַרבעטן צי נישט, די זעלבע פיר הונדערט גראַם ברויט, וואָס עס באַקומט יעדער אַרבעטנדיקער.

וואָלט מען אפשר געווען פאַרזיכערט מיטן ברויט־מינימום. ווייס איך נישט וועמענס חכמה דאָס איז געווען, אַז אַנשטאָט צו געבן אינדיווידועל, יעדן באַזונדער זיין פאַרציע ברויט, זאָל מען עס אַרויסגעבן איינעם פאַר אַ גאַנצער גרופּע אויפן סמך פון אַ צונעשטעלטער רשימה. און אָט דער דאָזיקער אויפטו האָט די גאַנצע זאַך באַגראָבן.

די אַפּעריסטן האָבן מער נישט געדאַרפט. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בעלי־טובות, וועלכע האָבן אין די בעקערייען דערלאַנגט גאַנצע רשימות מיט נעמען פון דער הפטורה און געשטאָרבענע, און האָבן פאַר זיי אָפּגענו־מען דאָס ברויט.

און די צענדליקער פונטן ברויט, וועלכע זיי זענען נישט געווען ביכולת אויפצועסן, האָבן גלייך געוואַנדערט אויפן שוואַרצן מאַרק, אַרויס־רופנדיק צו די פּאַליאַקן אַ שלעכטע שטימונג.

די פאַרוואַלטער פון די בעקערייען האָבן לכתחילה צו די אָפּנעמער געהאַט צוטרוי, און וואָלטן כאָטש די אַפּעריסטן דאָס אויסגעשווינדלטע ברויט געהאַלטן פאַר זיך, וואָלט אַזאַ טומל נישט געווען. נאָר אַז זיי האָבן דאָס ברויט אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק, איז געוואָרן אַ ויצעקו און מען האָט דאָס ברויט געבן מיט איין מאָל אָפּגעשטעלט.

אַז די יום־טוב־טעג זענען אַריבער, בין איך ווידער געבליבן אָן ברויט. האָב איך אָנגעהויבן ווידער זוכן עצות עפּעס צו פאַרדינען, ביז איך האָב זיך ווידער דערטראַכט צו אַ קליינהאַנדל.

געדענקנדיק אָבער די דערפאַרונג פון בוכאַראַ מיט די צוקערלעך, האָב איך שוין נישט געוואָלט ריזיקירן אויפן אָרט, נאָר איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ „רייזנדער״, אַ „רייזנדער״ פון אַ גראָשאָוון שמוגל.

די אידעע האָט מיר געגעבן אַ מיטליאָריקער אוזבעקישער ייד, פון די ווינציקע, וואָס האָבן גערעדט אַ גוטן העברעיש. ער האָט אין קאַגאַן געהאַט אַ בודקע פון טאַבאַק און פּאַפּיראָסן.

האָב איך אים פאַרטרויט, אַז איך וואָלט וועלן פאָרן קיין אַשכאַבאַד ביי דער פּערסישער גרענעץ, כדי דורך פּערסיע אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. האָט ער מיר געראָטן מיטצונעמען אויפן וועג אַביסל טאַבאַק, ווייל אין קאַגאַן איז דאָס צוליב דער היגער טאַבאַק־פאַבריק פיל ביליקער.

האָב איך אים געפאָלגט און האָב געפּרוווט מאַכן מיין ערשטע רייזע קיין אַשכאַבאַד (טורקמעניע). איך בין אָבער קיין אַשכאַבאַד נישט דער־פאָרן, ווייל אין טשאַרדזשאו האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון צוג. און צופוס זיך רייזן קיין אַשכאַבאַד איז נישט געווען פאַר מיינע כוחות.

בין איך אַזוי אַרום געווען געצוווּנגען אַראָפּצוגיין אין טשאַרדזשאו. מיין טאַבאַק־שמוגל איז מיר געלונגען, כאָטש די הויט האָט גאַנץ פיין אויף מיר געציטערט. איך האָב אָבער מיט זיך מער נישט געהאַט ווי אַ פּאָר פּעקלעך.

איך האָב זיך אַזוי אַרום געוואָלט פאַרזיכערן אין פאַל ווען מען פאַר־האַלט מיך. איך וואָלט דאַן געטענהט, אַז דאָס פיר איך בלויז פאַר זיך. אויף צוריק קיין קאַגאַן האָב איך אויך געדאַרפט קויפן ברויט, ווייל אין טשאַרדזשאו איז ווידער ברויט געווען ביליקער. און ברויט האָב איך מער נישט געגומען ווי איין לעבל.

איך בין אַזוי געפאָרן אַ דריי פיר מאָל. און מיין מסחר איז דורך דער צייט אַדורך בשלום. האָב איך שוין ווידער געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר רובל און האָב געטראַכט מיין „מסחר" צו פאַרגרעסערן. וואָס ווייטער בין איך צו דעם געוואָרן צוגעוווינט און דאָס האַרץ האָט מיר שוין ווייניקער אָנגעהויבן קלאַפּן.

אַחוץ דאָס ביסל שרעק, איז מיר מיין אָפּעראַציע נישט שווער אָנגע־קומען. איך בין אַראָפּ אין איינער פון די גאַסן, האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט מיטן פּעקל טאַבאַק, און דער דורכגייענדיקער טורקמענער האָט שוין שטיל געפרעגט: „מה יקר?" (וואָס איז דער פּרייז). און איך האָב אויך אַזוי שטיל געזאָגט מיין פּרייז.

קיינער האָט זיך נישט געדונגען און קיין קרום געטאָן. און די פּאָר פּעקלעך טאַבאַק זענען כהרף עין געוואָרן פאַרצוקערט. מיט דער זעלבער גרינגקייט האָב איך איינגעקויפט מיין ברויט.

נאָר אַנשטאָט ביים טאַבאַק בין איך געווען דער פאַרקויפער און דער טורקמענער דער קויפער, איז ביים ברויט געווען פאַרקערט. איך בין געווען דער קויפער און דער טורקמענער דער פאַרקויפער.

צוריק בין איך געפאָרן מיט אַ בעסער געמיט, ווי אַ קריגער, וואָס האָט שוין זיין ערשטע שווערע שלאַכט געוווּנען, און גייט שוין אַנטקעגן דער צווייטער מיט מער זיכערקייט און מוט. ווייל מיטן ברויט אין קאַגאַן

איז געווען נאָך גרינגער. און איך אַליין בין דאָך אויך אויף דעם געווען אַ שטיקל בעלן...

נאָר מיט איין מאָל האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט. און ווי פריער אין בוכאַראַ, זענען מיינע גליקן זיי פון דער האַנט אויסגערונען. און נישט נאָר האָב איך געמוזט אויפגעבן מיין נייעם „מסחר״, נאָר מיין זייטיקער דורכפאַל האָט געפירט דערצו, אַז איך זאָל שפּעטער אויך עוקר זיין פון קאַגאַן.

און קאַגאַן איז מיר געווען אַ שאָד, נישט נאָר ווייל זי איז געווען צונויפגעפּרעסטער, איירעפּעישער, ריינער, און מיט דער אמתער באָד, וואָס איז אין רוסלאַנד פאַר אונדז געווען ווי דאָס צווייטע ברויט, נאָר איבערהויפּט צוליבן פירשטלעכן „הכנסת־אורחים״, וואָס האָט מיר אין די נעכט געגעבן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ (וווינונגס־רעכט)...

און כאָטש אויך פירשטלעכע ברעטער קוועטשן אָפּ די ביינער, איז אָבער איבערן דיל פאַרט געווען אַ דאָך איבערן קאָפּ. אויך טאַרדזשאַו איז מיר געווען אַ שאָד. ס׳איז מיר געווען אַ שאָד דאָס וואַרעמע טורקמענישע שטעטל מיט די אַזוי סימעטריש־געבויטע קליינע מויערן און געפּלאַסטערטע ריינע גאַסן, וואָס איז געווען אויף מיין וועג קיין אַשכאַבאַד, ווי אַ טיר קיין פּערסיע, דאָס לאַנד פון דער מגילה.

אַ פרוי וויל מיר צורויבן דעם געקויפטן סוועטער און דער סאָוועטישער מיליציאַנט פּסקנט „יחלוקו״

איך בין דאָס לעצטע מאָל אָנגעקומען קיין טשאַרדזשאַו פול מיט האָפע־נונג. מיין „מסחר״ איז, ווי פריער, איינס־צוויי געוואָרן דערליידיקט. און פריי פון דער טריפהנער סחורה, — בין איך זיך געמיטלעך געגאַנגען אין מאַגאַזין נאָך ברויט.

און אַזוי גייענדיק צום ברויט־מאַגאַזין, האָב איך דערווייל דערזען אַן „אָטשערעד״ (ריי) ביי אַ צווייטן מאַגאַזין. און געדענקענדיק דעם כלל, אַז מען שטייט אין „אָטשערעד״ דאַרף מען זיך אויך שטעלן, האָב איך אָן צו וויסן וועגן וואָס און ווען, — זיך קודם געשטעלט.

ערשט שטייענדיק, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען פאַרקויפט סוועט־טערס. ווערזשע וועט אַדורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט, בפרט, אַז איך וואָלט טאַקע אַזאַ סוועטער געדאַרפט האָבן פאַר זיך? און ס׳איז דאָך אַ כשר טעפּל מיט אַ כשרן לעפל...

האָב איך געדולדיק געוואַרט ביז איך בין אַריין אין מאַגאַזין. אַז איך האָב שוין זוכה געווען צו זיין ביים טור־באַנק און באַקומען דעם סוועטער, וועמענס קאָליר ס'איז מיר אויך געפעלן געוואָרן, בין איך געווען מלא שמחה. מילא, האָב איך געטראַכט: איין סוועטער דאַרף מען נישט אָנמעסטן, וועט ער נישט זיין גוט אויף מיר, וועט ער זיין גוט אויף אַן אַנדערן. קיין מענטשן אין רוסלאַנד פעלן נישט.

נאָר אַז דער יצר־הרע האָט מיך צוגערעדט צו קויפן נאָך איינעם, האָט מען שוין דעם צווייטן יאָ געדאַרפט אָנמעסטן, כדי כאָטש מיט איינעם פאַר זיך צו זיין זיכער. נאָך שטייענדיק ביים טיש, האָב איך דעם צווייטן סוועטער אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ, כדי צו זען צי ער איז גוט אויף מיר. דערווייל אָבער האָב איך זיך מיט אים אַליין פאַרשטעלט די אויגן.

די רויבער האָבן מער נישט געדאַרפט. זיי האָבן גלייך מיין נאַרישקייט אויסגענוצט, און איך האָב באַלד דערפילט ווי מען רייסט דעם ערשטן סוועטער פון מיין האַנט. האָב איך אָנגעהויבן פּראָטעסטירן און דעם סוועטער מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן.

נאָר דער גזלן, כאָטש ס'איז געווען „בפני כל עם ועדה" און אין אַ מלוכהשן מאַגאַזין, אין מיטן העלן טאָג, האָט אויך נישט אָפּגעלאָזט. און ווען ס'איז מיר ענדלעך געלונגען זיך צו באַפרייען פונעם צווייטן סוועטער, האָב איך דערזען דעם רויבער אין געשטאַלט פון אַ רוסישער מיליטאַריקער פרוי.

און דערמאָנענדיק זיך אין „שנים אוחזין בטלית" (בבא מציאה), — האָב איך גלייך מורא באַקומען פאַרן רעזולטאַט. בפרט אין „סדום" מיט צוויי סוועטערס...

איך האָב דאָס נאָר אַזוי געפילט. למעשה האָב איך אָבער דעם צווייטן סוועטער, וועלכן איך האָב, ווי דעם ערשטן, געקויפט פאַר מיין געלט, דער גזלנטע נישט געוואָלט אָוועקגעבן און האָב זיך געקליבן אַוועקצוגיין. מען האָט מיך אָבער פון מאַגאַזין שוין נישט אַרויסגעלאָזט.

האָב איך אַפּעלירט צו די אָנוועזנדיקע נאָך צדק און יושר. זיי זענען אָבער מיטאַמאָל ווי געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט. זיי האָבן גאָרנישט געהערט און געזען. האָבן זיי געטענהט. און במילא ווייסן זיי נישט וועמענס סוועטער דאָס איז. און אייניקע גאָר חוצפהדיקע האָבן נאָך געהאַט

דעם מוט צו האַלטן מיט דער רויבערין, כאָטש אין „אוטשאַסטאָק״ זענען זיי שפּעטער נישט מיטגעגאַנגען.

דערווייל איז אינעם טומל אויסגעוואַקסן אַ מיליציאַנט. דערזעענדיק דעם מיליציאַנט, איז מיר שוין גאָר געוואָרן ביטער. וואָרעם ראשית, בין איך אין אַ פרעמדער שטאָט. און שנית, צו וואָס דאַרף אַ שלעפּער צו האָבן אַזש צוויי סוועטערס ווען ער איז אַליין?

און הייבט מען אָן אין יענע מקומות פרעגן קשיות, קאָנען זיי זיך ענדיקן אין „חד־גדיא״. קיין „תיקו״ פאַר אַ פאַרהאַלטענעם איז אין ראַטנפאַרבאַנד נישט פאַראַן...

איך האָב שוין אָבער קיין ברירה נישט געהאַט. מיין גורל איז שוין געווען אין מיליציאַנטס האַנט. ווי איינער וואָס איז גרייט אויף אַלץ, בין איך שוין געגאַנגען צוזאַמען מיט דער פּרעטענסיע־גייערין אין אוטשאַסטאָק, וואָס איז געווען נישט ווייט פון מאַגאַזין.

דער מיליציאַנט, אַ כיטרער טורקמענער, איז נאָך געווען אַ גוטער. וואָרעם ער האָט מיך מער ווי איין קשיא „פונוואַנען איך קום״ נישט געפרעגט. און צוטרעטנדיק גלייך צו דער „דין־תורה״, האָט ער קודם ביי מיר צוגענומען ביידע סוועטערס. און ער איז שוין אַצינד געווען דער „אוחז ביד״...

איך האָב אים דערציילט דעם אמת, נאָר די רויבערין האָט זיך געהאַלטן ביי אירס, אַז איין סוועטער געהערט צו איר. איי, פונוואַנען איז ער צו מיר אין האַנט געקומען, אָט אָ־דאָס האָט ער איר אַפילו נישט געפרעגט און זי האָט פאַרשפּאָרט אויף דעם צו ענטפערן.

דער דיזשורנע מיליציאַנט איז נישט געווען קיין נאַר. ער האָט גוט געוווסט, אַז די רויבערין זאָגט ליגן. דערפאַר האָט ער איר קיין פראַגעס נישט געשטעלט. ער האָט די דין־תורה אַדורכגעפירט נאָר פון יוצא־וועגן. און דאָס האָט זיך מיר שפּעטער באַשטעטיקט אין אַזאַ ענלעכן פאַל.

און דער רויטער טורקמענער, ווי ער וואָלט געוווסט פונעם דין: „זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי״ (דער זאָגט ס׳איז מיינס, און דער זאָגט ס׳איז מיינס), האָט געפסקנט — יחלוקו. ער האָט געמאַכט אַ סאָוויעטיש־רבנישע פשרה. האָט גענומען מיינע ביידע סוועטערס און זיי גלייך אויף גלייך פאַרטיילט צווישן מיר און דער רויבערין.

איך האָב געפּרוּווט קעגן דעם פּראָטעסטירן. ס׳האָט אָבער נישט גע־האָלפן. דער „ריכטער" האָט מיך מיטן האַרבן וואָרט איינגעשטילט און איך האָב נאָך געדאַרפט באַצאָלן „פּסק־געלט". ער האָט מיך געצווונגען אונטער־צושרייבן אַ צעטל גלייך צו פאַרלאָזן טשאַרדזשאַו.

דאָס איז פאַר מיר געווען נאָך ערגער ווי דער סוועטער. און בלית ברירה בין איך צוריקגעפאָרן קיין קאַגאַן, אָן אַ סוועטער און אָן דער האָפע־נונג אַריינצוקומען קיין אַשכאַבאַד.

ווייסנדיק, אַז אין טשאַרדזשאַו געפינט זיך נישט נאָר מיין אונטערשריפט צו פאַרלאָזן די שטאָט, נאָר אויך די ידיעות וועגן מיין זיין אין קאַגאַן, האָב איך געהאַלטן פאַר געזונטער צו פאַרלאָזן אויך קאַגאַן, און האָב גענומען טראַכטן פון אַ נייער היים־שטאָט.

איין זאַך איז פאַר מיר געווען קלאָר. נאָכן אויספּרוּוון דריי אוזבעקישע שטעט מיט אַ קאָלכאָז, דערונטער די הויפּטשטאָט טאַשקענט, און נאָכן רייסן זיך דורך טשאַרדזשאַו קיין אַשכאַבאַד, האָב איך שוין מער מיט אוזבעקיסטאַן און מיטן אַשכאַבאַדער ראַיאָן (טורקמעניע) נישט וואָס צו טאָן.

אַצינד האָב איך געדאַרפט פּרוּוון מיין מזל מיט אַן אַנדערער סאָוויע־טישער געגנט. אָבער צוליב די באַדינגונגען אין וועלכע איך האָב זיך געפונען, — האָב איך נאָך אַלץ געמוזט אויסקלויבן אינעם וואַרעמען מיטל־אַזיאַטישן קרייז. און ס׳איז ביי מיר געבליבן צו פאָרן אין איינעם פון די איבעריקע סטאַנעס — אין קאַזאַכסטאַן, אָדער טאַדזשיקיסטאַן.

איך האָב אויסגעקליבן צו פאָרן קיין סטאַלינאַבאַד, די הויפּטשטאָט פון טאַדזשיקיסטאַן (אויף דער גרענעץ פון כינע, אַפגאַניסטאַן און אינדיע). און אין אָנהייב 1942 בין איך אָנגעקומען קיין סטאַלינאַבאַד.

קיין סטאַלינאַבאַד

אויף גאַפּע, אָן אַ בילעט און אָן אַ „פּראָפּוסק" (דערלויבעניש), האָב איך פון קיין פּולמאַן־וואַגאָן נישט געקאָנט טראַכטן. אויך קיין „טאָוואַ־ראָוועד" איז נישט געשטאַנען און געוואַרט אויף מיר...

האָב איך אויף אַזאַ טאָוואַראָון געמוזט וואַרטן און האָב זיך געלאָזט אויפֿן וועג פֿון אַוואַנטורע. איך האָב זיך אַריינגעגנבעט אין אַ ליידיקער וואַך־בודקע פֿון אַ הינטערשטן בהמות־וואַגאָן, איך בין געפֿאָרן אויף סטאַלינס קאַנטע. — און געמיינט האָב איך, אַז איך בין שוין מיט דער רייזע פֿיקס און פֿאַרטיק.

אָבער אַזוי לייכט פֿאָרט מען נישט אין רוסלאַנד, בפֿרט אויף גאַפּע. און ווי נאָר איך בין אָפּגעפֿאָרן אייניקע סטאַציעס, בין איך מיט מיין גאַנצן וואַגאָן, אין מיטן אַ פֿינצטערער נאַכט, ערגעץ געבליבן שטעקן. די רעדער האָבן זיך אויפֿגעהערט דרייען.

נישט פֿרעגנדיק ביי מיר, האָט דער מאַשיניסט פּלוצים אָפּגעטשעפּעט מיין וואַגאָן, און ער איז מיטן לאָקאָמאָטיוו און מיט זיין גאַנצן שלעפּ־צוג פֿון מיר אַנטלאָפֿן, איבערלאָזנדיק מיך אויף אַן איינזאַמער הפֿקר־סטאַציע.

האָב איך זיך קודם געמוזט צושלעפּן צו אַ חשובערער סטאַציע און דאָס מיט די אייגענע פֿיס. און ערשט פֿונדאַנען זיך געמוזט איבערבעטן מיט איינעם פֿון די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשיר־צוגן. אויב זינדיקן, — זאָל שוין זיין מיט עפּעס רעכטס...

איך האָב זיך אַריינגעקריגן אין צוג, און געטיילט מיין אָרט צווישן אונטער דער באַנק און, זייט מיר מוחל, דעם בית־הכּסא. איך האָב געשפּילט מיט די קאָנדוקטאָרן אין קאַץ־און־מויז־שפּיל.

די רייזע האָט מער נישט געדויערט ווי אייניקע טעג. און איך האָב מיטן צוג דווקא געטראָפֿן. נאָר דאָס לעבן מיטן בלויזן „קיפּיאַטאָק" (געקאָכט וואַסער) און דאָס אַרומיאָגן זיך מיט די קאָנטראָליערן האָט מיך אויסגעמאַטערט. און נישט ווייסנדיק ווי מיין לאַגע וועט אויסזען אין מיין נייער היים, האָב איך פֿונדעסטוועגן שוין אויסגעקוקט ווי מיט ליכט מיין נייעם מקום, סטאַלינאַבאַד הבּירה.

קאַפּיטל דרייסיק

אין סטאַלינאַבאַד

ווען איך בין אָנגעקומען קיין סטאַלינאַבאַד, איז אין רוסלאַנד, בפרט אין סיביר, נאָך געווען די אמתע פרעסט. נאָר דאָ האָט מען שוין דעם ווינטער נישט געפילט.

סטאַלינאַבאַד איז נאָך צעוואָרפענער ווי טאַשקענט, און די גאַסן פון אַ טייל פון אירע קוואַרטאַלן זענען זייער ברייטע. ס'איז זעלטן אפילו אין אייראָפּע צו געפינען אַזעלכע ברייטע אַספאַלטירטע גאַסן, ווו אויף יעדער זייט גאַס קאָנען פאָרן אין דער ברייט צו דריי אויטאָמאָבילן, און ווו פון יעדער זייט זענען פאַראַן פיין־געפלעגטעביימער־אַלייען, וועמענס באַבלע־טערטע קרוינען גיבן אַ גענוגנדיקע שוץ פאַר דער ברענענדיקער זון.

נאָר אין דער סטאַלינאַבאַדער צעוואָרפנקייט, ווי אין איר לענג און ברייט, — האָב איך זיך נאָך מער געפילט פאַרלוירן. און די סטאַלינאַבאַדער שטחים האָבן פאַר מיר ווי אָפּגעשפּיגלט די ריזיקע פאַרנעמיקייט פונעם לאַנד פון די רוסן, וועלכע קאָנען זיך מיטן לאַנד גאָרנישט אַנזעטיקן...

קיין שפּייז־רחבות איז שוין דאָ ווי אין די איבעריקע מיטל־אַזיאַטישע געגנטן נישט געווען. ס'איז געווען דאָס יאָר 1942 און נאָך ווייט פאַרן סטאַלינגראַדער דורכברוך.

און הגם מען האָט דאָ די מלחמה כמעט נישט געפילט, זענען די שפּייז־מאַגאַזינען שוין געווען אויסגעליידיקט, און אויסער דעם ברויט, וואָס יעדער אַרבעטנדיקער האָט אין זיין מאַגאַזין באַקומען, איז קיין אַנדערע שפּייז, בפרט פלייש און פוטער, נישט געווען צו באַקומען.

מען האָט אָבער אין די באַזאַרן, צו געשוואָלענע פרייזן, געקאָנט באַקומען גרינסן און פרוכטן און טיילווייז אויך געגנבעטע זאַכן און פּראָדוקטן פון די מלוכהשע פאַבריקן און מאַגאַזינען.

אָבער דאָס ערגסטע איז פאַר מיר ווידער געווען דאָס נעכטיקן. און צוליב דעם האָב איך אין די ערשטע טעג פון מיין קומען געבענקט נאָך די שמוציקע קאָרפּעטן פונעם עמירס פּאַלאַץ אין קאַגאַן.

האָב איך לאַנג נישט אויסגעהאַלטן און האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט, וועלכע זאָל נישט זיין. נאָר צו שווערע אַרבעט האָט מיך פונדעסטוועגן דער דאָקטאָר פון דער אונטערנעמונג נישט צוגעלאָזט.

אייניקע טעג האָב איך געאַרבעט ביי ביימער. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע, און דער סטאַלינאַבאַדער קלימאַט איז פאַר מיר געווען גינציק. ס'איז נאָך געווען פאַר די גרויסע היצן. און מיט אַביסל עסן און מיט אַ פאָדלאָגע בין איך איבער דער צייט געווען פאַרזאָרגט.

דערנאָך האָב איך געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון מאַקוך, מיט וואָס מען שפּייזט די בהמות. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָנלאָדן דעם מאַקוך אויף די פורן, און אין צווישנצייט אים איינלייגן אויפן פאַבריקס־הויף אין גלייכע קאַסטאַנס.

דאָס איינלייגן אויפן אָרט איז נאָך געווען צו דערליידן, נאָר דאָס שלעפּן אין געאייל די פלאַכטעס מאַקוך אויף די פורן איז נישט געווען פאַר מיינע כוחות.

דערפאַר אָבער האָב איך אַצינד געהאַט גענוג צו עסן. דער בהמה'שער מאַקוך איז זיך געלעגן אינדרויסן און קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגע־רירט, אַפילו נישט קיין סאָוויעטישער שלעפּער.

נאָר אין מיין אויסגעהונגערטקייט האָב איך זיך צו אים צוגעכאַפּט ווי צו אַן „אבן טוב". איך האָב אים אָנגעהויבן גריזשען ווי מאַקעראָנדלעך. איך ווייס נישט וויאַזוי דאָס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, נאָר איך האָב זיך צו אים צוגעוווינט ווי אַ שיכור צו בראָנפן.

דער מאַקוך, גלייך פון דער פאַבריק, איז געווען וואַרעם, בוימלדיק און פאַר אַ הונגעריקן מאָגן גאַנץ געשמאַק. ער איז אָבער פאַר אים אויך אַזוי געווען אַ פיינער סם.

און נישט נאָר האָב איך אים נישט אויפגעהערט צו קייען ביי דער אַרבעט, נאָר איך האָב נאָך עובר געווען אויפן „אל כליך לא תתן" (נישט נעמען אין די קעשענעס) און נאָך דעם „אוצר" געלקחנט אין טאָרבע.

דער רעזולטאַט האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. איך בין ווידער קראַנק געוואָרן און ווידער אויף אייניקע טעג אַריין אין שפּיטאָל, וועיל לאַנג האָט מען נישט געהאַלטן. אַ קאַלטע קרענק אָן טעמפּעראַטור איז קיין קרענק נישט געווען...

די דאָזיקע לאַגע האָט מיך אָבער געצווונגען צו זוכן פרישע עצות

אויף צו נאָרמאַליזירן זיך. און נישט מיד ווערנדיק, האָב איך געפּרווּווט אויף דעם אָנווענדן אַלע מײַנע כּוחות.

בין איך אַוועק צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מאָנען מײַנע מענטש־לעכע רעכט. ס'איז מיר דאָס נישט גרינג אָנגעקומען. איך האָב זיך אָבער אָהין פּאָרט דערשלאָגן.

איך האָב געבעטן מײַן מינימאַלע באַשפּײַזונג, אַ ברויט־קאַרטע און אַ סטאָלאָווע צעטל. כ'האָב געטענהט, אַז איך בין גרייט צו אַרבעטן בײַ יעדער פֿאַר מיר פּאַסיקער אַרבעט.

דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט האָט זיך געפֿונען אויף דער שענסטער גאַס פֿון די נײַ־אויפֿגעבויטע קוואַרטאַלן. די געבײַדע איז געווען אַ פּאַלאַץ, גאַרנישט פֿאַר עמך־דינער.

אין אָפּוועזנהייט פֿון סעקרעטאַר, האָט מיך אויפֿגענומען זײַן פּאַרטרע־טער. וואַרטנדיק אויף דער אוידיענץ, האָט מען דערווײַל דערלאַנגט פֿײַנע סענדוויטשעס מיט וווּרשט פֿאַר די אָנגעשטעלטע פֿון דער גרויסער געבײַדע, פֿון וועלכע די פֿרומע טאַדזשיקן האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט.

איך האָב פֿון די סענדוויטשן מײַנע אויגן נישט אַראָפּגענומען. און איך ווייס נישט צי דאָס טאַדזשיקישע האַרץ האָט זיך אין באַאַמטן אַזוי צעוואַ־רעמט, צי דאָס האָט ער פֿון מיר אַרויסגעלייענט מײַן הונגעריקע זשעדנע־קייט.

ער האָט מיך געבעטן זיצן און מיך אויך מכבד געווען מיט אַזאַ סענד־וויטש. איך האָב זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָב דעם כּיבוד גאַנץ פֿײַן צוגענומען.

מיט דעם סענדוויטש אָבער האָט זיך געענדיקט מײַן גאַנצע אוידיענץ. ווײַל דעם סעקרעטאַרס פּאַרטרעטער האָט מיך גאַנץ גוט אויסגעהערט, נאָר האָט מיר, ווי דער פּראָקוראָר פֿונעם קאָלכאָז „דאָס נײַע גליק", מער ווי אַ בריוול אין אַרבעטס־אַמט נישט געגעבן.

אין אַרבעטס־אַמט האָט מען מיך ווידער אויסגעהערט און מען האָט מיך געפֿרעגט וואָס איך קען טאָן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ שרײַבער, נאָר איך בין אויך גרייט צו טאָן אַן אַנדערע אַרבעט, אויב נאָר נישט קיין צו שווערע.

קיין גרינגע אַרבעט פֿאַר מיר, האָט ער געזאָגט, האָט ער נישט. איך זאָל פֿונדעסטוועגן וואַרטן ביז עס וועט אונטערקומען. נאָר וואָס שייך אַ

ברויט־קאַרטע מיט אַ „סטאָלאָווע" (קיך צום עסן), געהער דאָס נישט צו אים. און ער ספקט בכלל, צי מען וועט מיר אַלס נישט אַרבעטנדיקן אַזוינס געבן. און איך בין פון דאָרט אַוועק ווי איך בין געקומען.

דער פוילישער פאַרשטייער גיט מיר אַ „פּאַיאָק" מיט אַ „דירה"

נישט האָבנדיק קיין דערפאָלג אין פאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, האָב איך באַשלאָסן פּרוּוון מיין מזל ביים פּוילישן „דעלעגאַט". און איך בין אויף אַ צייט אויפגעריכט געוואָרן. איך האָב אומגעריכט באַקומען דאָס, וואָס איך האָב אין די סאָוויעטישע אַמטן נישט געקאָנט באַקומען.

איך ווייס נישט ווער דער דאָזיקער פאַרשטייער איז געווען. איך האָב אים נישט געקענט און ער מיך מסתם אויך נישט. סיידן ער האָט פון מיר עפּעס געהערט. נאָר דערשינען איז ער מיטאַמאָל פאַר מיר, ווי אַ גואל. און אַ פרומער ייד וואָלט אין דעם געזען אַ נס.

ווי נאָר ער האָט מיך דערזען און האָט געהערט מיין נאָמען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „פּאַניע, מי פּשעטשעזש שוקאַמי טאַקיך וואַרטאַשטשאַוויך ליודזשי" (מיר זוכן דאָך אַזעלכע ווערטפולע מענטשן). און נאָך איידער איך בין אַרויס מיט מיין מעשה, — האָט ער מיך שוין אַליין וועגן אַלץ געפרעגט.

איך האָב אים דערציילט דעם אמת, אַז איך געפין זיך דאָ אַליין. און מיר איז נישט איינגעפאַלן צו פּרעטענדירן מער ווי אויף אַ באַשפּייזונג פאַר איין פּערזאָן.

נאָר ער, נישט קוקנדיק אויף מיינע רייד, האָט מיך געפרעגט, וויפל מענטשן איך האָב געלאָזט אין ביאַליסטאָק. און ווען איך האָב אים געענטפערט אַז פינף, האָט ער מיר גלייך אַרויסגעגעבן פינף ברויט און פינף מיטאָג־קאַרטעס. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז אַביסל צופיל פאַר איין מענטש, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אַ מענטש דאַרף אויסער עסן נאָך עפּעס האָבן...

און מיטן וויכטיקסטן, וואָס איז פאַר מיר געווען נייטיק, האָט ער מיך אויך באַזאָרגט. ער האָט מיר געגעבן אַן אָנווייזונג צום נאַטשאַלניק פון די עוואַקאַ־פּונקטן מיך אַריינצונעמען אין איינעם פון זיינע באַראַקן.

און איך בין געוואָרן אַן איינוווינער אין אַ פיינעם וואַרעמען באַראַק, ווו עס האָבן זיך געפונען רוסיש־יידישע עוואַקואירטע, און ווו איך בין

דאָס ערשטע מאָל אין רוסלאַנד (ס׳ערשטע און ס׳לעצטע) געשלאָפן אין אַ מענטשלעך, ריין בעט.

מיין פּריווילעגיע איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין געווען דער איינ־ציקער מאַן, און פּוילישער, צווישן אַ גאַנצן באַראַק פון יידיש־רוסישע פרויען.

דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון פרויען פון יידישע רויטאַר־מייצעס, ס׳רוב פּראַנטאָוויקעס (פּראָנט־זעלנער). נאָר גאָר אַ קליינער טייל איז געווען פון עלטערע פרויען, די זעלנערס עוואַקואירטע מוטערס.

די ערשטע וואָכן איז מיר דאָ געווען גוט ווי די וועלט. איך האָב צו עפּעס בעסערס אין רוסלאַנד נישט געוואָלט און נישט געקאָנט חלומען. איך האָב זיך אַליין געקענט. — און האָב זיך נישט, ווי אַנדערע, געריסן וווּ מען דאַרף נישט...

איך האָב בלויז געטראַכט פון איבערלעבן די מלחמה און צוריקקומען קיין ביאַליסטאָק צו מיין פאַמיליע. הגם, ווי איך האָב פריער געשריבן, האָט אַ פאַרבאָרגן געפיל אין מיר עפּעס אַנדערש פאַרויסגעזאָגט...

איך האָב עס אָבער ווי אַ וויסטן חלום פון מיר געפּרווט פאַרטרייבן. איך בין דערווייל געגאַנגען מיט די נאָרמאַלע נאָרמעס פון לעבן. האָב איך געהאָט ברויט און מיטאָגן, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אויפעסן. און ווי ווייניק איינער אַזאַ מיטאָג איז געווען, האָבן עטלעכע געקאָנט סטאַיען.

דער ערשטער נאַטשאַלניק פון באַראַק האָט דעם קאָנסולס ביטע וועגן מיר פולשטענדיק האָנאָרירט. ער האָט מיך מיט גאָרנישט באַלעסטיקט און מיך קיינמאָל נישט געפרעגט וואָס איך טו און פאַר וועמען איך נעם פינף פּאָרציעס שפּייז זייענדיק אַליין. און איך האָב מיט מיין איבעריקער שפּייז טיילוויז זיך געטיילט מיט די באַדערפטיקע פון מיין באַראַק.

מיין פרייע צייט האָב איך אויסגענוצט זיך צו באַקענען מיט דער גרויסער צוואָרפענער שטאָט און האָב געפּרווט באַזוכן די שטאָטישע ביבליאָטעק. איך האָב שוין געטראַכט פון פּרווון אָפּנעמען און דעריאָגן מיין פאַרלוירענע צייט, ווען איך בין געווען געצוווּנגען צו זיין אָפּגעריסן פון יעדן וואָרט און געדאַנק.

און געמיינט האָב איך, אַז איך וועל זיך שוין מער נישט דאַרפן שלעפּן איבער די מרחקים פון רוסלאַנד און די מלחמה פאַרענדיקן דאָ, אין סטאַ־

לינאַבאַד. איז אָבער ווי ביי יעקבן, אויף מיר אַרויף דער „רוגז״ (צאָרן) פון יוספן...

און ווידער איז מיר באַשערט געווען צו ליידן אויך פון אייגענע. — די קנאה און שנאה האָט אַ טייל פון די רוסיש־יידישע פרויען צעפּרעסן. זיי האָבן מיר אָן אַ שום פאַרוואָס און פאַר ווען נישט פאַרגינען דאָס לעבן.

נאָך די ערשטע וואָכן, באַלד ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ פּוילישער ייד פון ביאַליסטאָק, האָבן זיי גענומען שרייען, פאַרוואָס איך גיי נישט אויפן פראָנט.

„אַ געזונטער פּאָליאַק האָט זיך דאָ אָוועקגעזעצט צווישן אונדז און גייט נישט אויפן פראָנט. זאָל ער זיך אויך פייניקן ווי אונדזערע מענער״, — האָבן זיי געטענהט.

פון איין זייט האָבן זיי מיך, דעם „פּאָליאַק״, געזידלט, און פון דער צווייטער זייט בין איך גאָר פאַר זיי געווען אַ סאָוויעטישער בירגער, ווייל די סאָוויעטן האָבן דאָך ביאַליסטאָק געמאַכט פאַר דער הויפּטשטאָט פון מערב־ווייסרוסלאַנד.

בין איך דאָך ווי אַ פאָלנער סאָוויעטישער בירגער מחויב צו גיין אין דער רויטער אַרמיי. אַזוי האָבן זיי מיך באַשריגן און באַזידלט ווי אויף אַן עכטן יידן־פייַנטלעכן אופן. ס׳איז געווען דאָס צווייטע מאָל ווי מיר איז אויסגעקומען צו ליידן אַלס ביאַליסטאָקער און דאָס דווקא פון יידן, ווי אַ ייד ליידט פאַר זיין יידישקייט פון נישט־יידן.

עס זענען אָבער אויך געווען עלטערע יידישע פרויען, וועלכע האָבן מיט מיר מיטגעפילט. זיי זענען אָבער געוואָרן „בטל בששים״ — אין דער קנאה־שנאה פון די יונגע.

איינע אַזאַ האַרציקע יידישע פרוי פון קיעוו, אַליין ווי אַ בוים פון זיין באַדן אַרויסגעריסן און אין דער ווייטער פרעמד פאַרוואָרפן, וועמענס אַלע קינדער זענען געווען אויפן פראָנט, האָט מיט מיר מיטגעליטן ווי אַ ייד און מענטש.

טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן, ווען זי האָט געהערט פון די ליידן פון די יידן אונטער די נאַציס. און באַזונדערס האָט זי באַדויערט מיין לאַגע. זי האָט מיר געפּרוווּט גרינגער מאַכן און לינדערן מיין דריקנ־דיקע היימלאָזיקייט.

זי האָט דעם טעם פון נע־ונד־זיין און זיין אַ ייד גוט געפילט אין

איר אייגן לאַנד. בפרט האָט זי געקענט פאַרשטיין די לאַגע פון אַן אויס־געוואָרצלטן און אין דער פרעמד פאַרשלעפּטן ייד.

האָט זי זיך געפּרוּווט אָפּטרייסלען פון די איבעריקע און זיך פּאַר מיר מתנצל זיין. נאָר דערווייל האָט זי זיך געשטיקט אין אירע אייגענע טרערן און רייד. און מען האָט נישט געדאַרפט זיין קיין איבעריקער חכם צו באַנעמען איר לאַגע.

ווי לאַנג אָבער מיין ערשטער נאַטשאַלניק איבראַנימאָוו איז געווען דער בעל הבית איבערן „עוואַקאַ״־פּונקט (באַראַק), איז דאָס האָוּקען פון די יונגע פרויען געווען ווי דאָס האָוּקען פון הינט קעגן דער לבנה.

ער איז געווען איבראַגימאָוו אין הסכם מיטן געזעץ און אויך איך בין געווען אין הסכם מיטן רעגולאַמין פונעם באַראַק. און לויט מיין געזונט, האָט מען מיך אַפילו צו קיין אַרבעט נישט געקענט צווינגען.

ווייל נאָך אין קאַגאַן האָט מיר די מיליטערישע קאָמיסיע באַפרייט פון גיין אין די סאָוויעטישע אַרבעטס־באַטאַליאָנען. נאָר רודפן האָט מען, ביי אַ שלעכטן ווילן, געקענט גענוג. און מיט וואָס צו פּייניקן — האָט אין דעם לאַנד אויך נישט געפעלט.

די לאַגע אויף די פראָנטן איז אַלץ געוואָרן ערגער און דאָס לאַנד פון די סאָוויעטן איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. זעגען פון די שלאַכט־פעלדער צוריקגעקומען פיל קריפּלס, וועלכע מען האָט געדאַרפט איינאָרדענען.

זיי זענען געקומען אַנטוישטע און פאַרביטערטע און האָבן געזוכט אַ „שעיר לעזאזל״ קעגן וועמען אויסצולאָזן זייער כעס. קעגן דער מאַכט זענען זיי געווען צו שוואַך, דערפאַר אָבער קעגן ייד גענוג שטאַרק. און אַז מען האָט זיי נאָך אונטערגערוקט אַ געלעגנהייט, בפרט יידן אַליין, האָבן זיי זיך אין דעם אָנגעכאַפּט.

איז אין עוואַקאַ־פּונקט, צו וועלכן אויך מיין באַראַק האָט געהערט, אָנגעקומען אַ נייער נאַטשאַלניק קאָסאַקאָוו, וואָס האָט געביטן דעם פריער־דיקן ווילן טאַדזשיק, איבראַגימאָוו. און גלייך ווי ער איז אָנגעקומען, ווי ער וואָלט קיין אַנדער דאגה נישט געהאַט, האָט ער זיך גענומען צו מיר.

ער איז געווען אַ פון פראָנט צוריקגעקומענער אינוואַליד. אויפן בליק אַ טעמפּער אוקראַינער, וועמען דער בראַנפן האָט אַלץ געדאַרפט פאַרגיסן. ער איז גלייך צו מיר אַרויס מיטן „פּאַליאַק״, ווי איך וואָלט דאָס געווען דאָס אמתע אייניקל פון די פּאָטאָצקיס.

ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער איז געוואָרן אונטערגעהעצט פון די

יידישע שכנות פון מיין באַראַק, ווייל ער האָט באַלד ביי זיין קומען וועגן מיר אַלץ געוווּסט. דאָס האָבן זיי אים אַזוי איגפאָרמירט.

האָט ער גלייך זיך אָנגעהויבן צו מיר צו טשעפּען, פאַרוואָס איך גיי נישט אויפן פּראָנט. און אַז איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז אַלס אַ פּוילי־שער בירגער אונטערליג איך בלויז די פאַראָרדענונגען פון דער פּוילישער פאָרשטייערשאַפט, ווייזנדיק אים דערביי מיין אינוואַלידן־קאַרטע פון די סאָוויעטישע דאָקטוירים, האָט ער מיך געהייסן אַרויסגיין פון באַראַק.

איך בין פון באַראַק נישט אַוועק. איך בין דאָרט געווען אין הסכם מיטן געזעץ פאַר עוואַקואירטע און פּליטים. האָט ער מיך אָנגעהויבן צו רודפן. ער האָט מיך, כלומרשט לעגאַל — געוואָלט צווינגען צו פאַרלאָזן דעם באַראַק.

און „ויהי בחצי הלילה" (אין מיטן נאַכט), מען רייסט מיך פון שלאָף. נעבן מיר שטייען זעלנער מיט ביקסן, וועלכע באַפעלן מיר מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, געמישט מיט קללות און חרמות, זיך אָנצוטאָן.

און ווען איך פרעג זיי אַ צעשראָקענער, פאַרוואָס און פאַר ווען?... פאַלט דער באַקאַנטער „ניע ראַזגאָוואַריוואַט" (נישט רעדן). און מען שטורגעט מיך שוין און מען שטופּט מיך איך זאָל זיך וואָס גיכער אָנטאָן, ווי צו אַנטלויפן פון אַ פייער. און וואָס מער זיי שטופּן מיך, אַלץ מער פאַלט מיר פון די הענט.

איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענען „ענקאַוועדיסטן", כאָטש איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס פאַר אַ פרישן חטא איך בין עס ווידער באַגאַנגען.

איך האָב דאָך דאָ גאָרנישט געטאָן און אין קיין זאַך זיך נישט געמישט. אַרעסטירט מען שוין אין סדום פאַר נישט מישן זיך אויך, פאַרן בלויזן „שב ואל תעשה" (גאָרנישט טאָן) ?... — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. דער רעטעניש האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. דערווייל אָבער האָב איך אין דער נאַכט־פינצטערניש מאַרשירט אונטער ביקסן מיט אַרויפגע־זעצטע שטיקעס. און ביי מיין גאַנצער דערשלאָגנקייט און שוואַכקייט, האָב איך אין דעם מאָמענט זיך דערפילט ווי אַ שמשון הגבור, פאַר וועמען מען דאַרף אַזש האָבן דריי באַוואָפנטע סאָלדאַטן.

בין איך אַזוי געגאַנגען אַ נישט־אויסגעשלאָפענער אונטער מיינע „אונטערפירער", ווי אַן אויטאָמאַט. איך האָב דעם וועג נישט געקענט און

האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן וווהין מען פירט מיך. און איך האָב געטראַכט וועגן ערגסטן.

ענדלעך האָט מען מיך אַריינגעפירט אין עפּעס אַ געביידע, פונוואַנען ס'איז אַרויסגעקומען אַ סאָוויעטישער פּולקאָווניק. דער פּולקאָווניק האָט מיך אָן שום הקדמות געפרעגט די זעלבע קשיא וואָס מיין נייער נאַטשאַלניק קאָסאָקאָוו האָט מיך געפרעגט.

דערוויסנדיק זיך צוליב וואָס מען האָט מיך אַהערגעבראַכט, איז מיר גרינגער געוואָרן און איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און בין אַריבער אין אַ קאָנטער־אַטאַקע... איך האָב דעם פּולקאָווניק קודם געפרעגט, צי ס'איז שוין נישט פאַראַן קיין אַנדער מיטל אַרויסצורופן אַן אָרנטלעכן בירגער, נאָר אים אַרויסצושלעפּן אין מיטן נאַכט פון בעט און דערמיט אויך פאַראורזאַכן אַ טומל אין גאַנצן פּרויען־באַראַק.

אויף דעם האָט ער מיר קיין ענטפער נישט געגעבן. און אַנשטאָט אַן ענטפער, איז ער ווידער אַרויס מיט זיין טענה פאַרוואָס איך גיי נישט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. און די טענה פון אַ מיליטערישן קאָמענדאַנט איז געווען ערנסטער ווי פון אַ באַראַק־נאַטשאַלניק.

איך האָב זיך אָבער נישט דערשראָקן. איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער וואָס אונטערליגט נישט די מיליטערישע געזעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. און אויב מען דאַרף מיך רופן אין דער אַרמיי, איז אויף דעם פאַראַן די פּוילישע פאַרשטייערשאַפט.

ער האָט מיר געפּרווט באַוויזן, אַז ווי אַ ביאַליסטאָקער בין איך אַ סאָוויעטישער בירגער. האָב איך זיך נישט געלאָזט, און אים אָנגעוויזן, אַז, אמת, איך בין אַ ביאַליסטאָקער, נאָר, ראשית, האָט ביאַליסטאָק פאַר 1939 געהערט צו פּוילן, און שנית, בין איך געבוירן אין קרויןן־פּוילן.

נאָר וואָס שייך בכלל וועגן גיין אין דער אַרמיי, וואָלט איך אַליין, ווי אַ ייד, זיך געוואָלט שלאָגן מיט די דייטשן, נאָר צוליב מיין געזונט און בירגערשאַפט דאַרף דאָס איבערגעלאָזט ווערן פאַר מיר אַליין.

איך האָב זיך אויך פאַררופן אויף דער מיליטערישער קאָמיסיע פון קאַגאַן, וועלכע האָט מיך אַפילו באַפרייט פון די אַרבעטס־באַטאַליאָנען און אים אויך געוויזן מיין סאָוויעטישע אינוואַלידן־קאַרטע.

די דיסקוסיע איז נאָך אַ שטיקל צייט אָנגעגאַנגען. און טראָץ זיין האַלב־באַפעלערישן טאָן, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהויבן, האָט ער, זעענדיק מיין

פעסטקייט, אַלץ מער נאָכגעלאָזט. און דער איבעררייד איז שוין פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרייען שמועס.

עס האָט זיך געענדיקט אויף דעם וואָס איך האָב זיך געריכט, ווי נאָר איך האָב זיך דערוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און איך האָב זיך אין דער נאַכט־פינצטערניש צוריק אַהיימגעשאַרט, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין גיין, נאָר אַ מיד שאַרן זיך צום באַראַק.

נאָר טראָץ דעם, וואָס קאָסאַקאָוו מיטן פּולקאָווניק האָבן מיך נישט געקאָנט צווינגען צו גיין אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, אַפילו נישט צו פאַרלאָזן דעם באַראַק, האָבן זיי מיך נישט אָפּגעלאָזט.

פּונקט ווי יעווגעני אין לאַגער, האָבן זיי מיך מאָראַליש און טיילווייז אויך פיזיש געפּייניקט. זיי האָבן זייער קרבן אַזוי גיך נישט אָפּגעלאָזט. מען האָט זיך נאָך פיל מאָל באַנוצט מיט דעם מעטאָד פון באַפאַלן מיך פּלוצלינג אין מיטן דער נאַכט מיטן געשריי: „סקאָרײ אובערייסיאַ״ (גיך, טו זיך אָן) און מיך געשלעפּט אַ פאַרשלאָפענעם צום זעלבן אָרט, ווו איך האָב געמוזט אויסהערן די זעלבע רייד און געבן די זעלבע ענטפערס.

און הגם דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער וואָס פריער, האָט מען מיך נישט אויפגעהערט צו מאַטערן. פונדעסטוועגן האָט קאָסאַקאָוו עפּעס וואָס דערגרייכט. ער האָט מיך געצוווּנגען זיך אַרויסצוקלייבן אין אַ שכנותדיקן מענער־באַראַק, וואָס איז אָבער געווען פיל ערגער ווי דער פריערדיקער. ער איז געווען קעלטער און מיט בלויזע נאַרעס ווי אין לאַגער.

ס׳איז אָבער נאָך אַלץ געווען בעסער ווי ליגן אינדרויסן. איך בין אָבער צוליב די רדיפות דערנאָך אַליין אַוועק פונעם באַראַק, וואָס האָט גורם געווען אינגאַנצן צו בייטן טאַדזשיקיסטאַן אויף קאַזאַכסטאַן, און סטאַלינאַ־באַד אויף דזשאַמבול, ווו איך האָב שוין פאַרענדיקט מיין זיין אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

קיין בוזולוק אין אַנדערסעס אַרמיי

ווערנדיק געפּייניקט דורך די בייאַכטיקע אָנפאַלן מצד דער מיליטער־רישער מאַכט, איז מיר שוין דאָס גאַנצע גליק פון וווינען אין באַראַק, בפרט אינעם צווייטן, געוואָרן פאַרמיאוסט.

איך האָב זיך אויך אַרומגעזען, אַז כדי בעסער זיך צו פאַרזיכערן פון דעד סאָוויעטישער אַרמיי און פון אַרבעטס־באַטאַליאָנען, טראָץ מיין לעגאַלן באַפרייונגס־סטאַטוס, וואָלט גוט געווען צו ווערן אַ גאָמענלאָזער שלעפּער.

נאָר פאַרן מאַכן דעם דאָזיקן שריט, האָב איך באַשלאָסן פריער צו גיין צו מיין באַשיצער פונעם פוילישן פונקט און אים וועגן אַלץ דערציילן. אפשר, האָב איך געטראַכט, וועט ער דערצו געפינען אַן אַנדערע עצה.

דער פוילישער פאָרשטייער האָט שוין דאָס מאָל צו מיר נישט אַרויס־געוויזן אַזאַ וואַרעמקייט ווי פריער. הגם אויך אַצינד איז ער צו מיר געווען גענוג העפלעך. ס'איז געווען קענטיק, אַז אין די פויליש־סאָוויעטישע באַ־ציונגען איז ווידער אַריינגעקומען אַ פאַרערגערונג.

ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קאָן איצט פאַר מיר גאָרנישט טאָן. ער האָט מיר געראָטן צו גיין אין דער פוילישער אַרמיי.

אין דער פוילישער אַרמיי, וואָס איך האָב באַשריבן אין מיין ערשט בוך „דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (ביאַליסטאָק 1930), האָב איך געדינט דריי יאָר. האָב זיך געשלאָגן מיט דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער רויטער אַרמיי, בין מיט די אַרמיי־טיילן געפאָרן פון דער ווייסל ביז צום בוג, און דערנאָך געלאָפן — פון בוג צו דער ווייסל...

מיינע קאָלעגן האָבן גענומען קיעוו און איך האָב „געהאָלפן" פאַר־כאַפּן ביאַלע־ביעלסק (טשעשין). מיט מיין געווער האָב איך זיך געטובלט אין בוג און פון דאָרטן געזען דעם „נס ביי דער ווייסל". און איך געדענק גוט דעם אַנטיסעמיטיזם מצד די פוילישע קאָלעגן צו זייערע יידישע מיט־קעמפער.

און עס דערגייען שוין צו אונדז קלאַנגען וועגן יידן־האַס פון דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער אַנדערס־אַרמיי. און פון בוזולוק, אַנדערסעס רע־זידענץ, דערטראָגט זיך צו אונדז אַ נישט אַנגענעמער ריח. זאָל איך אין דער דאָזיקער אַרמיי זיך אַנשליסן?

איך האָב אָבער געוואָלט זיך שלאָגן מיט די דייטשן און האָב אויך נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. פון דער צווייטער זייט, זענען געווען ידיעות, אַז גענעראַל אַנדערסעס אַרמיי קלויבט זיך אַריבער קיין פּערסיע. זי פאַרלאָזט רוסלאַנד, ווייל זי וויל זיך נישט שלאָגן אויף קיין פרעמדער טעריטאָריע. און סטאַלין לאָזט איר אַרויס.

אָט דאָס צווייטע האָט מיך שטאַרק געלאָקט. איך האָב

געוואָלט זען מיין חלום, זיך איבערצוקריגן דורך פערסיע קיין ארץ־ישראל. און אויף אַזאַ אופן אויך פאַרווירקלעכן מיין אָפּמאַך מיט שלמהלע זוואַנק. און איך האָב ביים פוילישן פאַרשטייער פאַר דעם צוועק געגומען אַלע נייטיקע פּאַפּירן.

איידער אָבער איך בין געגאַנגען צו דער באַן, האָב איך זיך געוואָלט געזעגענען מיט סטאַלינאַבאַד און וואָרפן מיין לעצטן בליק אויף די פּאַמי־רער בערג. איך האָב אויך געהערט פונעם סטאַלינאַבאַדער „פּאַרק קולטורא אי אָטדיכאַ" און איך בין נאָך דאָרט נישט געווען. איז ווי גייט מען אים נישט באַזוכן פאַרן אַרויספאָר?

האָב איך זיך געשלעפּט איבער די סטאַלינאַבאַדער פלעצער און גאַסן, ביז איך בין אַ פאַרמאַטערטער אָנגעקומען אין פּאַרק. דער גאָרטן, אַ גרוי־סער און פאַרנעמיקער, מיט אַן אָרקעסטער־עסטראַדע, וואָלט נישט געווען קיין שלעכט אָפּרו־אָרט. מען וואָלט פון אים אויך געקאָנט האָבן אַ הנאה, ווען מען וואָלט דעם סאָוויעטישן מענטש פאַרזיכערט מיט דריי זאַכן: זאַטקייט, פרייהייט און זיכערקייט...

ווי נאָר אָבער איך האָב נאָכן אַרומשפּאַצירן איבערן פּאַרק זיך צוגע־זעצט אויף איינער פון די בענק, האָט מען מיר גלייך איינגעשניטן די רעכטע קעשענע.

דער זשוליק האָט עס געמאַכט אַזוי געניט און פלינק, אַז איך האָב בעת מעשה גאָרנישט געפילט, אַז עמעצער פאַרעט זיך ביי מיינע הויזן. און נאָך איידער איך האָב זיך געכאַפּט, איז ער שוין נישט געווען.

קיין גרויסן ווערט האָבן מיינע צעפליקטע פּופּייקע־הויזן נישט געהאַט. צו די איבעריקע לאַטעס און לעכער איז צוגעקומען נאָך איינע. איך האָב אָבער ריזיקירט נישט נאָר מיטן לעצטן גראָשן, נאָר אויך מיט מיינע פּאַפּירן קיין בוכולוק און מיט מיין גאַנצן חיות...

אַ מערכה, וואָס איך האָב שוין אין דעם לאַנד געכאַפּט נישט דעם ערשטן איינשניט. און דאָס האָט מיך אויסגעלערנט וויאַזוי צו באַוואָרענען פאַר די דאָזיקע גנבים מיינע פּאָר גראָשן. הגם נישט שטענדיק איז מיר דאָס געלונגען. און דער דאָזיקער מאַרוויכער איז זיך נעבן מיר אַזוי געזעסן ווי אַ נעבעכל און געשמועסט.

האָב איך זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און בין צוריק אַרומגעגאַנגען איבערן פּאַרק. איך בין צוגעקומען צו אַ ווייניק באַלעבט ווינקל. עס קומט

פּאַר אַ ווילד געשלעג. אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. הענט און קוליעס קנוילן זיך צוזאַמען, קללות און חרמות מיט הייזעריקע שיכרות־געשרייען מישן זיך אויס.

און בלוט, רויט מענטשלעך בלוט רינט אַראָפּ פון איינעם און פון אַנדערן. פאַרוואָס, פאַרוואָס? דו ווייסט נישט, ווי דו ווייסט נישט פאַרוואָס עס גיסט זיך יידיש בלוט נאָך פון אָנהייב פון די צייטן.

אַ שרעק און אַן איבל באַפאַלט מיך אינעם דאָזיקן בלוטיקן אַנבליק. און איך באַשליס תיכף ומיד צו פאַרלאָזן אָט דעם „פּאַרק קולטורא אי אָטדיכאַ" און אייל שוין צו דער באַן צו פאָרן קיין בוזולוק.

אויפן וועג אָבער באַפאַלן מיך ספקות: „ווי יונה פון דער זינדיקער נינווה, אַנטלויפסטו פון דעם קליינעם בלוטיקן געפעכט און איילסט זיך צום גרויסן בלוטיקן געפלאָנטער".

„האָבן מיר דען די שריפה אָנגעצונדן? — העלפט מיר ווער אַרויס. — דאָס זענען דאָך די דייטשן, די פאַרשאָלטענע גערמאַנער, וואָס צינדן שוין אונטער צום צווייטן מאָל די וועלט. און דאָס זענען די זעלבע דייטשן, וואָס פאַרגיסן אונדזער בלוט ווי וואַסער".

*

די רייזע איז געווען אַ ווייטע. אַ וועג פון טויזנטער וויאָרסט. זי איז אָבער פאַר מיר געווען אַ לעגאַלע און איך האָב פאַר איר נישט געדאַרפט מורא האָבן. קיין עסן האָט מען איבערן וועג נישט געגעבן. ווו נישט ווו האָט מען אַריינגעלאָזט אין אַ סטאָלאָווע, ווו דער שומר האָט געטיילט לעפל און ביים אַרויסגאַנג זיי צוריקגענומען.

דערפאַר איז דאָס עסן, אויפן אַמאָליקן שטייגער, באַשטאַנען פון איין קאַשע־שפּייז, און דאָס האָט מיך געשראָקן. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי איך וואָלט געווען אַ רוסישער סאָלדאַט. עסן האָט מען טאַקע זעלטן געגעבן, נאָר „קיפּיאַטאָק" (הייס וואַסער) האָט מען אויף די סטאַציעס נישט גע־זשאַלעוועט. וואַסער, „סקאָלקאָ אוגאָדנאָ", וויפל מען האָט געוואָלט...

כאָטש ס'איז געווען אַ פּאַסאַזשיר־צוג, האָט ער זיך נישט געאיילט. קיין וואַזשנע פאַרשוינען זענען דאָך אין אים נישט געווען און דער לאָקאָ־מאָטיוו, ווי פון אַלעקסאַנדערס צייטן, האָט שוין לאַנג געמעגט גיין אויף שמעלץ.

ענדלעך זענען מיר אַרײַן אין ראַיאָן פֿון טשקאַלאָוו. מיר האָבן זיך געגומען דערנענטערן צום בלאָטיקן שטעטל בוזולוק, ווו עס האָט געהערשט גענעראַל אַנדערס מיט זײַן שטאַב. דער שטאַב און די װערבירונג־קאָמיסיע האָבן זיך געפונען אין גאַנץ פֿײַנע געמויערטע געבײַדעס, נאָר די זעלנער האָבן געוווינט אין לײַוונטענע געצעלטן אויף די אַרומיקע נאַסע פֿעלדער, פֿון וועלכע מוידנטער זענען אויסגעשטאָרבן פֿון עפּידעמיעס און נעציקייט.

נאָך פֿאָרן אַרײַנפֿאָרן קיין בוזולוק, האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נישט־פֿריילעך בילד. פֿון בײדע זײַטן וועג זענען אויף די פֿעלדער געווען צעשפּרייט פּאַלאַטקעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען די זעלנער פֿון דער ניי־געשאַפֿענער פּוילישער אַרמײ. דאָס פֿעלד פֿון די ביידלעך האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרצייטיקער אַרמיי־לאַגער, וואָס גרייט זיך אין דער נאָענטקייט פֿון שונא צו אַ באַלדיקער אַטאַקע.

די אַרמיי אָבער האָט זיך דאָ נישט געגרייט צו קיין שלאַכט. און די געצעלטן זענען נישט געווען קיין צייטווייליקע פֿון אַ קריגס־גרייטער אַרמיי, נאָר די פּוילישע זעלנערס סטאַבילע קאַזאַרמעס. און איז דאָס געווען ווייניק, — האָב איך נאָך געדאַרפֿט זען ווי מען האַלט אין איין אַרויסטראָגן טויטע זעלנער פֿון די דורכגענעצטע ביידלעך.

דאָס אַלץ האָט אין מיר געשטאַרקט די חרטה אויף מיין גאַנצער, הגם אַרויפֿגעצוווּנגענער, אַוואַנטורע. — איך האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז מיין גאַנצע מורא וועגן דעם איז סיוּוי אַן איבעריקע...

ווען איך בין אָנגעקומען קיין בוזולוק, האָט שוין דער טאָג געהאַלטן ביים פֿאַרגיין און ס'ערשטע האָב איך זיך געדאַרפֿט אַרומקוקן וועגן אַן אָרט צו נעכטיקן. קיין אָרט אָבער האָב איך אין דעם דאָזיקן כאַאָטישן צוזאַמענגעלויף נישט געפֿונען.

האָב איך געגעכטיקט אויפֿן וואָקזאַל און זיך געפּרוּווט טרייסטן, אַז דאָס איז מסתם נאָר צייטווייליק, ווייל מאָרגן, ווען איך וועל גיין אין דער ווערביר־קאָמיסיע, וועט אַלץ אויף אַ מיליטערישן פּינקטלעכן אופֿן ווערן דערליידיקט.

ס'איז אָבער געווען אַ פּוסטע איינרעדעניש. נאָר איך בין אויפֿן וואָקזאַל נישט געווען דער איינציקער. ער איז געווען באַלייגט נישט נאָר מיט ציווילע, ווי עס פּירט זיך אין ראַטנפֿאַרבאַנד, נאָר אויך פֿון אַזעלכע ווי איך, געקומענע צו דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע האָבן זיך אויף דער קאָמיסיע

נישט געקאָנט דערוואַרטן. האָבן מיר די יידישע פּריוויליקע אין דער נאַכט איבערגעגעבן זייער גאַנצע ביטערע דערפאַרונג. און איך האָב זיך דערוווּסט פון מיין נייעם „גליק", וואָס האָט מיך דאָ באַגליקט...

וואָלט איך באַלד געפאָרן צוריק, איז אָבער די רייזע געווען אַ צו ווייטע און איך האָב מיט מיין אַרויספאָרן פון סטאַלינאַבאַד הינטער זיך פאַרברענט אַלע בריקן...

מיטן אַוועקגיין פון באַראַק האָב איך פאַרלוירן מיין דירה. און נישט גיין אין דער פּוילישער אַרמיי, אָדער דורך איר פאַרמעל באַפרייט ווערן, וואָלט איך געווען פאַרוואָרפן פון ביידע וועלטן. דער פּוילישער און סאָוויעטישער. — האָב איך באַשלאָסן מיט גאַרנישט צו ענדערן דעם מצב, נאָר לאָזן די זאַך גיין מיט איר נאַטירלעכן גאַנג. איך האָב אָפּגעוואַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג, זייענדיק גרייט אויף אַ פרישער דערפאַרונג, ווי ביטער זי זאָל נישט זיין.

אויף צומאָרגנס בין איך געגאַנגען צו דער פּוילישער קאָמיסיע, ווו עס איז געווען לעבעדיק ווי אויף אַ יאַריד. פאַר דער געביידע זענען, ווי פאַר אַ פאָבראָווע קאָמיסיע אין פּוילן, געשטאַנען רעדלעך יידן.

נאָר אַנשטאָט וואָס אין דער היים האָבן זיך איגדרויסן אַרומגעדרייט די פאַמיליעס פון די זיך צושטעלנדיקע, — האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט די צושטעלנדיקע אַליין. ווייל דער פּאָליאַק האָט שוין ווידער געפּרוווט אַרויפדרייען די וואָנצעס. — ער האָט קיין יידן נישט געוואָלט אָננעמען. דערווייל האָט מען זיך אין די רעדלעך געקאָנט דערוויסן וועגן אַלץ אין דער וועלט. מען האָט זיך דערוווּסט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן; וואָס עס קאָכט זיך אין קרעמל; וואָס עס טראַכט דער ענגלישער אַלביאָן און די זיכערקייט; אַז אַנדערסעס אַרמיי פאַרלאָזט רוסלאַנד.

וועגן אַלץ האָבן די דאָזיקע פּוילישע יידן געוווּסט, נאָר וויאַזוי עס וועט זיך געשטאַלטן זייער אייגענער גורל און וואָס מען דאַרף טאָן כדי צו פאַרהאַלטן זיין טראַגישן לויף, וועגן דעם האָבן זיי נישט געטראַכט.

אַ פּוילישער סערזשאַנט, פאַרשמאַיעט ווי אַ קליינשטעטלדיקער מעקלער, איז אַריין און אַרויס פון דער געביידע. עס האָבן אַרום אים אַ טייל געקלעפּט ווי די פליגן. דאָס זענען געווען זיינע מקורבים־מאַכערס...

די באַנייונג פון דער פּוילישער מלוכה איז נאָך געווען אונטערוועגס, — עמלק, וואָס איז געזעסן אין פּוילן, איז נאָך געווען אין זיין פולער קראַפט. נאָר אין בוזולוק, נעבן טשקאַלאָוו, האָבן פּוילישע יידן, וואָס האָבן

אין רוסלאַנד אַדורכגעמאַכט דעם זעלבן פּיין ווי זייערע פּוילישע מיט־בירגער, געדאַרפט רייזיקירן מיט כּאַבאַר, פאַר דעם רעכט צו שלאָגן זיך מיט זייער געמיינזאַמען שונא.

אַלע מיינע באַמיונגען אָנצוקומען צו דער קאָמיסיע האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער שומר, וועלכער האָט אָן אַ צעטל פונעם הויפּט־שטאַב אָדער פונעם גרויס־„פּאַטריאַטישן" סערזשאַנט נישט אַריינגעלאָזט. און קיין כּאַבאַר, ווי מען האָט מיר אַריינגעשושקעט אין אויער, האָב איך נישט געהאַט און האָב אויך נישט געוואָלט געבן. איך האָב פאַר אַזאַ פּריווילעגיע נישט געוואָלט צאָלן...

בין איך געגאַנגען אין הויפּט־שטאַב. איז זיי מיין טאָפּלטער יידישער נאָמען נישט געפעלן געוואָרן. און בייטן אים האָב איך נישט געוואָלט. דאָס האָט מיך מיין מענטשלעכער און יידישער שטאָלץ נישט געלאָזט. האָב איך רעזיגנירט פון אַנדערסעס אַרמיי. איך האָב אָבער געוואָלט באַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז איך האָב זיך געמאָלדן צו דער קאָמיסיע. עס וואָלט מיר געדינט פאַר אַ באַפרייונגס־דאָקומענט און אויך פאַר אַ באַוויז, אַז איך בין אַ פּוילישער און נישט קיין סאָוויעטישער בירגער.

אַרויסגעבן אַזאַ פּאַפּיר האָט נאָר געקאָנט די קאָמיסיע. האָט מען מיך דאָך אָבער צו איר נישט צוגעלאָזט און איך בין אינגאַנצן פאַר איר נישט געשטאַנען. און דער שטאַב ווידער האָט געהאַט זיין „תירוץ", אַז דאָס געהערט נאָר צו דער קאָמיסיע.

בין איך געבליבן „קרח מכאן ומכאן". איך בין געבליבן הענגען אין דער לופטן. נישט צוגענומען און נישט באַפרייט. און צוריקפאָרן מיט גאָרנישט האָב איך אויך נישט געקאָנט.

איך בין שוין דאָ געווען אייניקע וואָכן און זיך אַלץ נישט דערשלאָגן צו עפּעס. די טעג זענען געלאָפן און מען האָט דערווייל געדאַרפט עסן און נעכטיקן. און קיין ברויט האָט קיינער נישט געגעבן. אַפילו קיין שפּייז־מאַגאַזינען, וווּ עפּעס צו קויפן צו מלוכהשע פרייזן, זענען אין דעם שטעטל נישט געווען.

דערפאַר אָבער האָבן רוסישע באַבעס, עכטע גרויסרוסישע, געהאַט די פּריווילעגיע צו רייסן די הויט פון די פאַרשלעפּטע פּאָליאַקן, וויפל נאָר זיי האָבן געוואָלט. מיט סטאַלינס ברכה האָבן זיי געטראָגן אין זייערע שויסן גאָר דאָס „גוטס" פון זייער לאַנד.

זיי האָבן באַהערשט דעם „טאָלטשאָק" (מאַרק), ווי קליין־שפּעקולאַנטן

פון אַ באַזונדער מין. זיי האָבן געהאַט אין זייערע פאַרטעכער דעם גאַנצן אַסאָרטימענט פון אַ מענטשלעך באַדערפעניש...

ווי קליינהענדלער איז, אמת, זייער האַנדל נישט געווען אויף גרויס. — זיי האָבן זייער גאַנצע סחורה נישט געקאָנט פאַרקויפן. זיי האָבן פאַר זיך אויך עפּעס געדאַרפט איבערלאָזן. דערפאַר אָבער איז אין זייערע קליינע שפּייז־חלקים געווען פון „כל טוב".

זייער פליישיקער דראָב איז באַשטאַנען פון אַ פליגעלע, אַ פּיסעלע, אַ לעבערל אאַ"וו. אַזוי אויך זייער מילכיקס. און פאַרקויפט האָבן זיי נאָר צו שטיקל, צו איין זאַך. און אַז דער קונה האָט געוואָלט נאָך, האָט ער געדאַרפט נאָכאַמאָל צוקומען. אַזוי זענען געווען די רעגולאַציעס. און ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זיין? אַז פאַר אַ לעבערל אָן ברויט האָט מען געדאַרפט באַצאָלן 25 רובל, ווען אַ דורכשניטלעכער אַרבעטער האָט דאַן פאַרדינט פון 120 ביז 150 רובל אַ חודש.

אַז מען האָט געהאַט אייגן ברויט מיט אַ געשוואָלענעם טייסטער, האָט מען דורך אַ זיבן הקפות (אָן עוזר דלים) — אַרום אָט אַזאַ לייביקער באַבע געקאָנט עפּעס אָפּעסן.

איך האָב אָבער מיט מיינע פּאָר רובל צום דאָזיקן בוזולוקער טאָל־טשאָק נישט געקאָנט צוקומען. אין בלויז אייניקע טעג וואָלט איך מיין גאַנץ קניפּל געפּטרט און צו דער זעט וואָלט איך אַלצאיינס נישט אָפּגעגעסן.

ס'איז געווען סוף ווינטער. אין סטאַלינאַבאַד, פונוואַנען איך בין אַהערגעקומען, האָבן שוין געבלאָזן פרילינגס־ווינטן. נאָר דאָ, אינעם בלאָטיקן בוזולוק, איז נאָך אַלץ געווען אַ בייזע דורכנעמענדיקע קעלט.

און אויב אין די ערשטע טעג איז מיר נאָך ווי ס'איז געלונגען צו נעכטיקן אויפן וואָקזאַל, האָבן מיך אין די ווייטערדיקע טעג גאָר גענומען פאַרפאָלגן די ניי־אויפגעקומענע פוילישע זשאַנדאַרן, וועלכע זענען געווען אויסגעסטראָיעט ווי צו אַ פּאַראַד, און ווי זיי וואָלטן דאָ געווען די אמתע בעלי־בתים פונעם לאַנד.

איך האָב זיי געפּרוווט אויפקלערן מיין לאַגע. זיי איבערגעגעבן צו וואָס פאַר אַ צוועק איך בין דאָ געקומען. און אַז נישט נאָר וואָלטן זיי מיך נישט געדאַרפט פונדאַנען אַרויסטרייבן, נאָר זיי וואָלטן אין דעראמתן געדאַרפט זאָרגן פאַר מיין פולער אויסהאַלטונג. נאָר גיי רעד צו טויבע אויערן...

האָב איך זיך לכתחילה געפּרוּווט נישט לאָזן. בפרט, אַז איך האָב נישט געהאַט וווּ צו גיין אין דער קעלט. ס'האָט מיר אָבער נישט געהאָלפן. גענעראַל אַנדערס איז אויף דער בוזולוקער טעריטאָריע געווען דער פולער הערשער און געביטער איבער אַלע פּוילישע בירגער, מיליטער־לייט און ציווילע. און ער האָט אין זיין טייל בוזולוק געפירט די גראַנדע.

נאָר ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, ווען איך ווער אומשולדיק גערודפט, נעם איך צונויף אַלע מיינע כוחות צו אַ קעגנאָנגריף, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין לאָגיק און קיין מאָס...

און איך האָב זיך געלאָזט אויף דער דרייסטער אַוואַנטורע, אַדאַנק וועלכער איך בין געקומען קיין דזשאַמבול צו מיין לעצטן וואַנדער־פּונקט, און איך האָב פון פרונזע, די הויפטשטאָט פון קירגיזיע, ארויסבאַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין באַפרייט פון דער פוילישער אַרמיי.

פון בוזולוק ביז דזשאַמבול איז אָבער „פאַלג מיך אַ גאַנג". — און אויף דער דאָזיקער וועג איז פאַר מיר נישט געווען אויסגעשפּרייט מיט קיין רויזן, נאָר מיט שניידיקע שטעכלקעס און ברייענדיקער פּאַקשיווע, צוליב וואָס איך האָב זיך געמוזט באַנוצן מיט אַ נייער אַוואַנטורע.

פאַרביטערט פון אַזאַ פאַרברעכערישער באַציונג צו אַן אייגענעם בירגער, און נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט דאָ צו לעבן צוליבן קלימאַט און יקרות, בין איך אַן אויפגערעגטער אַוועק אין דער ענקאַוועדע און אויף אַ טומלענדיקן אופן אַרויס מיט אַ ווילד געשריי:

— וואָס פאַר אַן אָרדענונג איז דאָ ביי אייך? איך בין געקומען זיך צו שלעפּן אַזש פון סטאַלינאַבאַד כדי צו דערפילן מיין פּאַטריאָטישן חוב. איך וויל זיך גיין שלאָגן מיט די דייטשע פאַשיסטן, נאָר די פוילישע מיליטערישע קאָמיסיע מאַכט פון מיר חוזק. נישט זי נעמט מיך צו און נישט זי באַפרייט מיך. איך וואַלגער זיך דאָ שוין אַזוי אַרום אייניקע וואָכן אָן עסן און אָן טרינקען. און טאָמער האָב איך ביז היינט גענעכטיקט אין וואָקזאַל, קומען נאָך צו גיין די פוילישע זשאַנדאַרן און פאַרטרייבן מיך פון דאָרט. קאָנט איר דולדן אַזאַ אָרדענונג, אַזאַ הפקרות צו מענטשן? — האָב איך ביים סוף צוגעשמאָלצן...

מיינע רייד זענען געווען אמתע און גערעכטע, נאָר דער טאָן מיט וועלכן איך האָב זיך באַנוצט, איז געווען אַ שרייענדיקער און אויפגערעגטער. און צום סוף, ווען איך האָב זיך שוין געהאַט אָפּגעקילט און באַרויקט, האָט מיך אַליין פאַרדראָסן אויפן דאָזיקן טאָן.

דער נאַטשאַלניק אָבער האָט מיך געלאָזט זיך אָפּקילן. און אַפּוואַרטנדיק אַביסל, האָט ער מיך רויק געפרעגט:

— און וואָס ווילסטו זאָלן מיר טאָן?

— וואָס איך וויל? — האָב איך צוריקגעפרעגט. — איך וויל, מען זאָל מיר, אויב מען נעמט מיך נישט צו, אַרויסגעבן אַ דאָקומענט, אַז איך האָב זיך געמאָלדן אין דער פּוילישער אַרמיי, פון וועלכער איך בין געוואָרן באַ־פרייט. מען זאָל מיך פאַרזאָרגן מיט פּראָוויאַנט און געבן אַ בילעט צוריק־צופאָרן קיין סטאַלינאַבאַד, פונוואַנען איך בין אַהערגעקומען. — ער האָט מיך אויסגעהערט און דאָס אַלץ פאַרצייכנט.

קיין סטאַלינאַבאַד האָב איך שוין נישט געהאַט בדעה צו פאָרן. איך בין בלויז אויסן געווען צו קריגן אַ פרייען בילעט אויף אַזאַ ענלעכער שטרעקע, און מיטן איבעריקן, — וואָלט איך זיך שוין אַן עצה געגעבן.

מען האָט מיין ביטע נישט דערפילט. און איך האָב, דאָ אויפן אָרט, קיין דאָקומענט און קיין פרייען בילעט נישט באַקומען. דאָס וואָלט געווען צו מענטשלעך. — נאָר אַ געוויסן רעזולטאַט האָט מיין אַוואַנטורע יאָ געבראַכט. און די ענדערונג איז שוין געווען נישט בלויז פאַר מיר, נאָר פאַר אַלע איבעריקע, דערין בלויז יידן.

נאָך מיין אינטערווענץ האָט נישט לאַנג גענומען, ווי ס׳איז פלוצים, בשותפות פון דער ענקאַוועדע מיט דער פּוילישער זשאַנדאַרמעריע פאַר־געקומען אַן אָבלאַווע אויף אַלע נישט־דערגאַנגענע יידן־סאָלדאַטן אין אַנדערסעס אַרמיי.

און דאָ האָב איך דערזען, אַז איך בין נישט אַליין אין מיין צרה. ס׳איז אַ צרת רבים און אַ בלויזער יידישער עניין. ווייל אַלע געכאַפּטע זענען געווען יידן.

זיי, די איבעריקע, האָבן נישט געהאַט קיין מוט צו רעאַגירן. זיי האָבן הכנעהדיק געוואַרט אויפן פאַליאַקס געשענקטן חסד, אויפן הסד צו שלאָגן דעם געמיינזאַמען שונא.

און איך בין געווען צופרידן, וואָס דער בלאַטער האָט אויפגעריסן. — איך בין געווען גרייט נאָך אַמאָל צו ליידן, אַבי נישט צו פאַלן כורעים פאַרן פריץ, — וואָס האָט זיך נאָך אַליין פון שטויב נישט אויפגעהויבן...

מען האָט אונדז אונטער אַ וואַך גלייך אַוועקגעפירט צום בוזולוקער וואָקזאַל. ביים וואָקזאַל זענען שוין פון פריער געווען נאָך פאַרטיעס. ס׳איז דאָ געווען אַ גאַנצער יאַריד און עס זענען שוין ביי דער ראַמפּע

געשטאַנען גרייט וואַגאָנעס אונדז אַריינצונעמען. און גלייך אויפן אָרט האָט מען אונדז געציילט און אַרויסגעגעבן פּראָוויאַנט.

מיר באַקומען אויף אַ צייט ברויט און אַ פולן זעלנערישן פּאַיאָק. דעם פּאַיאָק אָבער באַקומען מיר נישט אינדיווידועל, נאָר פאַר דער גאַנצער גרופּע. און באַלד ווי די ענקאַוועדע איז אַוועק, האָבן אונדז די פּוילישע זשאַנדאַרן באַגנבעט. זיי האָבן כלומרשט נאָך אַמאָל איבערגעציילט דאָס ברויט און אַראָפּגענומען זיך מעשר. — און ווען מיר האָבן זיך אַרומגעזען איז שוין געווען צו שפּעט.

ווו מען פירט אונדז האָט מען נישט געזאָגט און מיר האָבן אויך נישט געוווּסט. אונדזערע פּאַפּירן האָט מען איבערגעגעבן דעם לאַקאָמאָטיוו־פירער, וועמען מען האָט געמאַכט פאַר אונדז פאַראַנטוואָרטלעך. עס האָט זיך אָבער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיר פאָרן קיין יאַנגע־יאָל, צום צווייטן פּוילישן מיליטערישן פּונקט.

אין אָנהייב האָט אונדז די רייזע נישט געאַרט. ברויט האָבן מיר געהאַט און ווו צו נעכטיקן אויך. און וואָס שייך מיר, איז מיר אַוודאי דאָ געווען בעסער ווי אינעם בלאָטיקן בוזולוק, ווו איך בין אינגאַנצן געווען הפקר.

און אַז עס זענען אַריבער די ערשטע טעג און דאָס פריערדיקע ברויט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָבן מיר דערפאַר באַקומען ברויט אויף די גרעסערע באַן־פּונקטן פון די ניי־אַנטשטאַנענע פּוילישע פּלאַצוווקעס.

נאָכן אָפּפאָרן אָבער אייניקע וואָכן אָן אַ זין און אָן אַ ציל, און קיין שפּייז האָט מען אונדז שוין אויך נישט געגעבן, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן באַאומרויקן. איבערהויפּט ווען דער לאָקאָמאָטיוו־פירער האָט אונדז נישט געקאָנט ענטפערן אויף אונדזער פראַגע וווהין סוף כל סוף מיר פאָרן.

ער האָט, ווי תמוואַטע, געהאַלטן אין איין טענהען, אַז ער ווייסט גאָרנישט. ער האָט אַ באַפעל אונדז צו פירן ביז מען וועט אונדז איבערנעמען. ווייטער איז נישט זיין זאַך.

נאָר ווי אָפּגערעדט, האָט זיך שוין קיינער אויף די וויטערדיקע סטאַציעס נישט באַוויזן. אויך נישט אונדזערע פּוילישע „באַשיצער". האָבן מיר וועגן דער דאָזיקער הפקר־נסיעה אָנגעהויבן פאַרשידן איבערצוטראַכטן. די צעהיצטע פאַנטאַזיע האָט זיך ביי אונדז צעשפּילט און מיר האָבן זיך גענומען מאָלן איין בילד שרעקלעכער פאַרן אַנדערן.

„וואָס זענען מיר פאַרברעכער, פון דער געזעלשאַפט אַרויסגעשטויסענע,

וואָס מען פירט אונדז הונגעריקע אַרום אָן אַ זין און אָן אַ ציל?״, — האָבן מיר זיך אַליין אָנגעהויבן פרעגן. און מיר האָבן אָנגעהויבן צושטיין צום מאַשיניסט ער זאָל זיך ביי דער נאָענטסטער סטאַציע אָפּשטעלן, און אונדז איבערגעבן די פּאַפּירן.

דער מאַשיניסט אָבער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן. האָבן מיר באַשלאָסן אים איבערצולאָזן מיט זיין גאַנצן צוג און מיט אַלע אונדזערע פּאַפּירן. מיר האָבן זיך דעצידירט, ביי אַ גינסטיקער געלעגנהייט — ווען דער צוג וועט זיין געצוווּנגען צו נעמען אַ פּאַמעלעכערן קורס, פון אים אַראָפּצושפּרינגען און מאַכן אַ ויברח.

מיר האָבן זיך אויך אָפּגערעדט, אַז נאָכן אַראָפּשפּרינגען זאָלן מיר נישט גיין צוזאַמען, נאָר איינציקווייז אַריינקומען אין נייעם אָרט.

ווען איך האָב זיך איבערצייגט, נאָך זייענדיק אין בוזולוק, אַז פון גיין אין דער פּוילישער אַרמיי קאָן שוין קיין רייד נישט זיין, האָב איך זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן וועגן אַ ביי אָרט פאַר מיר. איך האָב געזוכט אַ שטאָט מיט אַ וואַרעמען קלימאַט, ווו עס געפינען זיך פּוילישע יידן.

נאָך אַלע מיינע פּלאָנענישן און אַנטוישונגען, האָב איך געבענקט נאָך אַ יידישער סביבה, נאָך היימישער יידישקייט. און איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף דזשאַמבול. איך האָב געהערט, אַז דאָרט געפינען זיך אַ סך פּוילישע יידן.

האָב איך אַצינד, ביי מיין נייער „אָנשטרענגונג״ אין דער מחשבה געבעטן און אויסגעקוקט, אַז איך זאָל שפּרינגענדיק, בשלום „אַריינשפּרינגען״ קיין דזשאַמבול. און דאָס מאָל איז מיין תפילה געוואָרן אָנגענומען.

דעם לאָקאָמאָטיוו האָבן אָנגעהויבן אויסגיין די כוחות, ער האָט שוין פון זיך אַרויסגעשלאָגן זיין לעצט ביסל פּאַרע. און דער מאַשיניסט איז געווען געצוווּנגען זיין נאָך וואַסער „פאַרחלשטן״ לאָקאָמאָטיוו אָפּצושטעלן הינטער דזשאַמבול. און נאָך איידער דער „אַלטער״ האָט אַ קרעכצנדיקער פאַר דער קליינער סטאַציע אַרויסגעלאָזט זיין לעצטן אָטעם, בין איך פון וואַגאָן־טרעפּל אַראָפּגעהאָפּקעט.

דער באַן־אָנשיט איז געווען אַ זאַמדיקער און אַ הויכער און דער צוג איז קוים געקראָכן. איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער און דאָס אַרומשלעפּן זיך ווי אַ קרעציקער אָן עסן און אָן טרינקען איבער רוסלאַנדס וועגן האָט זיך דערמיט פאַרענדיקט.

קאַפּיטל צוויאונדרייסיק

אין דזשאַמבול

(אַביסל געשיכטע)

דזשאַמבול איז אַן „אָבלאַסטנאָיע" (וואָיעוואָדישע) שטאָט אין דער קאַזאַכסטאַנישער סאָוויעטישער רעפּובליק. זי האָט פריער געהייסן אָלאַ־אָטאַ (געצעלט). אַצינד דזשאַמבול, אויפן נאָמען פון קאַזאַכסטאַנישן פּאָפּו־לערן פאָלקס־דיכטער.

די שטאָט איז זייער אַ צעוואָרפענע. אויף איר שטח וואָלטן געקאָנט וווינען צען מאָל אַזוי פיל איינוווינער. זי מאַכט אָבער נישט דעם איינדרוק פון אַ שטאָט, נאָר ווי פון אַ ריזיק צעשפּרייטן פאָלוואַרק (הויף). די הייזער זענען קליינע און פון איין פּונקט צום צווייטן דאַרף מען גיין גאַנצע קילאָ־מעטערס.

ביז מײַן אָפּפאָרן (1946), האָט דזשאַמבול נישט געהאַט קיין קאָמוני־קאַציע. מען האָט אומעטום געדאַרפט גיין צופוס. אויך נישט קיין קאַנאַלי־זאַציע און וואסער־לייטונג. מיט דער הילף אָבער פון אירע אויסגעגראָבענע אַריקן (ראָוועס), וואָס גייען זיך פאַנאַנדער איבער דער שטאָט ווי אַ נעץ פון אָדערן, האָט זי אַ גוט איינגעאָרדנטע וואַסער־פאַרבינדונג.

די דאָזיקע אַריקן, וועלכע ציען זייער יניקה פון די אַרומיקע בערג, טרינקען אָן די דזשאַמבולער פעלדער און גערטנער. און פון פלעגן און גוט־האַלטן די דאָזיקע „אַריקן" איז אָפּהענגיק דאָס גאַנצע אַרומיקע גערעטעניש.

דער קלימאַט איז דאָ ווי אין גאַנץ מיטלאַזיע אַ זוניקער און וואַרע־מער. אַרום ניין חדשים זומער און דריי חדשים ווינטער. דער ווינטער איז אָבער דאָ אַ קאַלטער און מער שנייאיקער ווי אין טאַשקענט און סטאַלינאַ־באַד. דערפאַר אָבער, ווען די דזשאַמבולער פעלדער און גערטנער טרינקען זיך אָן זומער מיט גענוג וואַסער, זעטיקן זיי אַ גאַנץ יאָר זייערע איינוווי־נער מיט גענוג פעטע און זיסע פּרוכטן.

די איינוווינער פון דער שטאָט און אומגעגנט באַשטייען, אין אַ גרויסן

טייל, פון פאַרשיקטע, וועלכע האָבן זיך שוין דאָ אַקלימאַטיזירט. נאָר דער רוב דאָ באַשטייט פון דור־דורות געבוירענע קאַזאַכן.

ביזן יאָר 1918 איז דאָ געווען אַ קהילה פון בוכאַרער יידן. זי האָט געהאַט איר חכם און אייגענעם בית־הקברות, נאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זענען זיך די בוכאַרער יידן צעפאָרן אין די גרויסע רוסישע שטעט און זייער קהילה אין דזשאַמבול איז אונטערגעגאַנגען.

אין די אָנהייב פערציקער יאָרן, נאָך דער באַפרייונג פון די פּוילישע בירגער פון די טורמעס און לאַגערן, האָט דזשאַמבול געציילט אַן ערך הונדערט און פופציק טויזנט איינוווינער, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַרום דרייסיק טויזנט יידן, דער רוב פון גאַליציע. ליידער זענען אָבער פיל פון זיי, אין די יאָרן פון צוויייאונפערציק ביז זעקסאונפערציק אויסגע־שטאָרבן פון גויט און עפּידעמיעס.

פריער האָט דזשאַמבול נישט אַריינגעלאָזט די פּליטים. זי האָט זיי געשיקט אין די קאָלכאָזן. נאָר שפּעטער האָט זיך די לאַגע געענדערט און עס זענען צווישן די אָנגעקומענע יידן געווען רבנים, שוחטים, שריפט־שטעלער און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס.

די דאָזיקע יידן האָבן זיך געוואָלט אויסלעבן און אָניאָגן די פאַרלוי־רענע צייט. ווי נאָר ס'איז אויפגעקומען די מינדסטע געלעגנהייט, האָבן זיי טאַקע געפירט פאַרלייגן אַן אָרגאַניזירט יידיש לעבן.

די ערשטע אָרגאַניזירטע פאָרם איז געוואָרן איינגעשטעלט דורך די אין סוף 1941 געקומענע שוחטים אייזיק ראָט און אַנדערע. זיי האָבן דאָ איינגעאָרדנט דעם ערשטן מנין צום דאַווענען. און מיטן קומען, אין אָנהייב 1942, פון הרב משה רובין פון סאַנדז (ר׳ חיים סאַנדזערס אַן אייניקל, גע־שטאָרבן אין יאָר 1945 אין דזשאַמבול), איז דאָס יידיש־רעליגיעזע לעבן געוואָרן פאַרשטאַרקט.

נאָכן גרינדן פון ז.פּ.פּ. (פאַראיין פון פּוילישע פּאַטריאָטן), ווען ביים פּוילישן פּונקט איז געוואָרן איינגעשטעלט אַ סאָציאַלע הילף, איז הרב משה רובין געוואָרן באַשטימט פאַרן „פּאַטראָן" און דער געוו. יידיש־פּוילישער ריכטער ראָזענבלום פאַרן פאָרשטייער פון דער סאָציאַלער הילף.

אַ קורצע צייט איז ביי דער סאָציאַלער הילף אויך געווען אַ דעלעגאַט דער ציוניסטישער היסטאָריקער יעקב צינעמאַן (היינט אין פּאַריז) און אַנדערע.

אין יאָר 1943 איז מיט דער הילף פון די רבנים סאַדאָווער, סאָקולאַ,

רובין, האַלבערשטאַם (ניו־יאָרק), אפרתי (ירושלים), סעגאַל, משה טיף (ברוקלין) און שמחה מונט (ישראל), איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מקווה און תלמוד תורה, ווו עס האָבן געלערנט אַרום זיבעציק קינדער.

אין דער זעלבער צייט האָט פונקציאָנירט אַ ראַבינאַט פון די רבנים סאַקולא, רובין, האַלבערשטאַם און אפרתי, וועלכער האָט דערליידיקט אַלע רעליגיעזע באַדערפעענישן.

און ווען אַ תלמיד פון דער תלמוד תורה האָט זיך אין 1945 געווענדעט צום דאַמאָלסטיקן מאָסקווער הויפּט־רב, הרב שלייפער, נאָך אַ גמרא, האָט ער צוריקגעקריגן אַ טעלעגראַמע איינצופירן אַ תענית אין ניסן נאָך די פאַרשניטענע זעקס מיליאָן יידן, וועלכן דער אויבנדערמאָנטער ראַבינאַט האָט אין דזשאַמבול אַדורכגעפירט.

מיין ערשטע נאַכט אין דזשאַמבול. איך נעכטיק אויף אַ שטול,
ביי אַ חרובע וואַנט, און נאָך אַ קורצן איבעררייס, ווער איך צוריק
אַ היימלאָזער שלעפּער

אַראָפּשפּרינגענדיק פון באַן, בין איך נאָך צוגעגאַנגען ביז היגטערן וואָקזאַל, ווו איך האָב זיך צוליבן דערנענטערן זיך פונעם אָוונט ביי אַ באַן־דעפּאָ אָפּגעשטעלט.

נאָכן באַטראַכטן מיט נייגעריקייט דאָס אָרט, האָב איך באַשלאָסן אין דעם קליינעם באַן־הייזל איבער דער נאַכט זיך צו באַזעצן.

איך האָב אין מיין נויט, ווי אַן אורקע־נאַכאַלניק, ביי קיינעם קיין דערלויבעניש נישט געבעטן. וואָרעם, זענען די מענטשן גוטע, וועלן זיי אין זייער גוטסקייט אויך מיין אומהעפלעכקייט פאַרקוקן. זענען זיי שלעכטע, וועט מיין אונטערטעניק בעטן אויך נישט העלפן. איז צו וואָס זיך מיאוס מאַכן און איינשטעלן מיט אַן איבעריקער שאלה וואָס קאָן נאָך ווערן טריף?...

מיין לאָגיק האָט דאַסמאָל אויסגעהאַלטן און איך האָב אין דעם באַן־הייזעלע, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון אַ צוויי קליינע צימערלעך, זיך אויף דער נאַכט איינגעאָרדנט, און נישט נאָר אויף איין נאַכט, נאָר אויף אַ צאָל נעכט.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס דער דאָזיקער פריינטלעכער הכנסת־אורחים איז מיר פאַרמיאוסט געוואָרן. מסתם איז אין דעם עפּעס געווען. נאָר איינס

איז זיכער, — דער שולדיקער פאַרן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע דיזשורנע־צימערל ביז איך אַליין געווען. די אַלע קאָנדוקטאָרן מיט די אַרבעטער פונעם באַן־דעפּאָ, די נאַכט־דיזשורנעס אַריינגערעכנט, זענען געווען ריין פון שולד. און אַז מען וועט אַמאָל מאַכן דעם חשבון פון סדום, — זאָל מען די דאָזיקע פריינטלעכע מענטשן פונעם חשבון אַראָפּנעמען...

ווען איך בין אַריין אין לאָקאַל, האָט אין אים, ווי אויף אַ באַזאַר, געהערשט אַ לעבעדיקע באַוועגונג. איך האָב זיך גלייך, אָן אַ וואָרט אויס־צורעדן, ווי איך וואָלט געווען אַ שטומער, אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די ביי דער וואַנט שטייענדיקע שטולן און האָב אַזוי אָפּגעדרימלט די נאַכט.

קאָנדוקטאָרן און אַרבעטער זענען מיט זייערע קאָלירטע באַן־לעמפּלעך אַריין און אַרויס. זיי האָבן מיטן דיזשורנעם, וועלכער איז געזעסן ביי אַ פּראָסטן טיש, הינטער אַן אָפּגעצוימטער הילצערנער באַריערע, דערליידיקט זייערע דינסטלעכע ענינים און האָבן זיך אויף מיר, דעם פרעמדן, נישט אומגעקוקט, ווי איך וואָלט דאָ אינגאַנצן נישט געווען.

ערשט אינדערפרי האָב איך זיך אויפגעהויבן פון מיין איינגעזעסנקייט, בין אַרויס אין הויף, ווו ס'איז געווען אַ פּאָמפּע און האָב זיך אַרומגעוואַשן. איך האָב מיינע הענט און פּנים געוואַשן אָן זייף און מיין האַנטוך איז געווען — די לופט...

איך האָב זיך פאַרנומען אין שטאָט, צום באַזאַר, צו וועלכן ס'איז געווען אַ נישקשהדיקער מהלך. דער באַזאַר איז אין פיל טעג פון מיין זיין אין דזשאַמבול געוואָרן ווי מיין טאָג־היים.

דער דאָזיקער סדר איז ביי מיר אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט פון מיין נעכטיקן אינעם באַן־דעפּאָ. כאָטש קיין ווייכער געלעגער איז די שטול נישט געווען, בין איך פונדעסטוועגן מיט אַזאַ נאַכט־אָפּדרימלעניש אויך געווען צופרידן.

איך האָב זיך אָבער געריסן צו אַ תכלית און האָב נישט געוואָלט לעבן אויפן חסד פון מענטשן. בפרט, אָפּצודרימלען אַזוי גאַנצע נעכט אויף אַ שטול איז געווען אַ קנאַפּער פאַרגעניגן.

איך האָב אויך שוין מער נישט געוואָלט זיך אַרומשלעפּן איבער דער מדינה, נאָר בלייבן אין דזשאַמבול ביזן צוריק אַהיימפאָרן. בין איך געווען פול מיט דערוואַרטונגען דאָ צו פאַרריכטן מיין מערכה.

אָבער ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען אין שטאָט און ס'איז צוגעפאַלן

די נאַכט, האָט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט און איך האָב זיך ווי פריער דערפילט הילפלאָז.

איך האָב דאָ קיינעם נישט געקענט. אויב עס איז ערגעץ־ווו יאָ געווען אַ באַקאַנטער אָדער אַ לאַנדסמאַן, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָב איך פון אים נישט געוווּסט.

באַלד אין די ערשטע טעג פון מיין קומען, האָב איך זיך כסדר נאָכ־געפרעגט אויף אַן אָרט צו נעכטיקן. נאָר וועמען איך האָב געפרעגט, האָט ער געהאַט איין ענטפער: „איך ווייס נישט". דערווייל איז אַוועק דער טאָג און ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. און צופיל באַקאַנט מיט דער שטאָט בין איך דאַן אויך נישט געווען.

דעם טאָג האָבן מיר געדעקט די באַזאַרן. נאָר די נאַכט איז נישט געווען מיט וואָס צו דעקן. — און קיין עמירישע פאָדלאָגע ווי אין קאַגאַן, קיין פּריווילעגירטן באַראַק ווי אין סטאַלינאַבאַד, און קיין קהלשע טרעפּ ווי אין טאַשקענט, — איז דאָ, אינעם קליין־הייזערדיקן דזשאַמבול, אויך נישט געווען.

איז מיר אין די דאָזיקע היימלאָזע נעכט מער נישט געבליבן, ווי אָנצושפּאַרן זיך ערגעץ ביי אַ וואַנט, און אַ מער־גליקלעכן פאַל, ביי אַ פראָנט־טיר פון אַ הויז, און אַזוי, שטייענדיקערהייט, אָפּדרימלען די נאַכט.

איך האָב פונדעסטוועגן, אין מיין דאָזיקער לאַגע, אויך געהאַט אַביסל מזל, צוליב מיין שלעפּערישן הולך, אַדאַנק וואָס די דזשאַמבולער זשוליקעס און רויבער האָבן מיך די ערשטע צייט געלאָזט צורו. מיין מוראדיק צעפליקטע פופייקע האָט מיך געראַטעוועט פון זייערע הענט.

דעם דאָזיקן טעות, וואָס זיי זענען לכתחילה קעגן מיר באַגאַנגען, האָבן זיי אָפילו אין אַ צייט אַרום געפרוווט פאַריכטן, וואָס איז זיי טיילווייז געלונגען. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

איך האָב זיך אַזוי אָפּגעמאַטערט, ביז עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער פּוילישער פּונקט. כאָטש אויך דאַן האָט נאָך די זון פאַר מיר נישט געהאַט אויפגעשיינט. זי האָט אָבער פון צייט צו צייט געפרוווט באַלייכטן מיין פינצטערניש...

און אַז אין אָנהייב איז פאַר די פּליטים דער פּוילישער פּונקט קיין גרויס גליק נישט געווען, איז ער דערפאַר פאַר זיי געווען אַ גוטער טרעף־פּונקט. ער איז געווען דער ראַנדעווו־פּלאַץ פאַר אַלע פאַרוואַגלטע פּנעם

וויסל־לאַנד. און אויך איך, דערוויסנדיק זיך פֿון זיין עקזיסטענץ, האָב גלייך צו אים אַוועקגעאיילט.

דער פּוילישער פּונקט האָט זיך געפֿונען אין אַן אָפּגעלעגן אָרט, ביים קרייצן זיך פֿון די וועגן, אין וועמענס נאָענטקייט אַ סך האָבן זיך געפֿילט זיכערער. האָבן דערפֿאַר טאַקע די בעסער־שטייענדיקע פּליטים זיך באַמיט צו וווינען נישט ווייט פֿונעם פּונקט.

איך האָב געפּרוּווט דאָ עמעצן טרעפֿן. ס'איז מיר אָבער אין די ערשטע טעג דאָס נישט געלונגען, כאָטש די בלויזע אָנוועזנהייט פֿון יידן האָט מיר גרינגער געמאַכט דאָס געמיט.

דערפֿאַר אָבער איז מיר ביי אַ יידישער פֿרוי געלונגען צו דינגען אַ נאַכטלעגער. ווי אַ פֿרוי און באַזונדערס צוליב איר קאַליעקן־פֿוס, איז זי געווען פּריווילעגירטער ווי אַנדערע. האָט זי געהאַנדלט אויפֿן באַזאַר מיט אַלטע זאַכן און האָט שוין געהאַט איר צימער נישט ווייט פֿונעם פּוילישן פּונקט.

דאָס צימער מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג איז געווען אַ קליינער, אָן זאַכן, באַהייצונג און אָן ליכט. דאָס איינציקע מעבל־שטיק איז געווען דאָס צונויפֿגעשלאָגענע בעט, אין וועלכער זי איז געשלאָפֿן. איך בין אָבער געשלאָפֿן אויפֿן ליימענעם דיל ביי דער טיר, אויף אַ בינטל שטרוי.

זי איז געווען אַ פֿרוי, וועמענס מאַן, אַ מאמין אין די סאָוויעטישע גליקן, האָט אויפֿן וועג קיין רוסלאַנד, דערוויל גאָר זיין לעבן אָנגעווירן, און זי, אַן אויסגעטשוכעטע פֿון איר מאַנס הלומות, — האָט אַצינד אַליין געטאָן זיך אַליין צו דערנערן.

צו באַקוועם איז מיר אין דעם צימערל נישט געווען. ווייל ביי יעדער קלייניקייט, — ביים וואַשן זיך, אָנטאָן און אויסטאָן, האָט מיר די אשה צנועה געוויזן די טיר. און איך האָב געמוזט אַזוי וואַרטן ביז אירן אַ סיגנאַל צוריק אַריינצוגיין. און נישט איינמאָל האָט זי גאָר אין מיר פֿאַר־געסן, און איך האָב אויף דער קעלט געמוזט שטיין און וואַרטן אויף איר רוף. פֿונדעסטוועגן, בין איך מיט דעם געווען צופֿרידן.

אַ קלייניקייט, אַן אייגן ווינקל. בפֿרט ווען עס איז נישט געווען ווייט פֿונעם פּוילישן פּונקט. און איך האָב איבער מיין דאָזיקן ווינקל געציטערט עס נישט אָנצוווערן, ווי אַ מאַמע ציטערט איבער אַ קראַנק קינד.

איך האָב זיך באַמיט צו זיין פּינקטלעך מיט מיין ווינקלגעלט און ביי מיין צנועה נישט פֿאַרלירן דעם חן. און געמיינט האָב איך, אַז כ'וועל שוין

אינעם דאָזיקן ווינקל אין דזשאַמבול אויסלעבן מיינע טעג און כאַטש פון איין זאָרג זיין פריי.

איז אָבער געשען, אַז נאָך אַ קורצע צייט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דאָס ווינקל. עס האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט דער קאַזאַכישער הויפּט־בעל־הבית. ער האָט פון מיר געפאָדערט צו ברענגען אַ דערלויבעניש פונעם מעלדונגס־אַמט און אַ באַשטעטיקונג, אַז איך אַרבעט. און ביידע זאַכן האָב איך נאָך דאַן נישט געקענט באַווייזן. און מיין בעל־הביתטע, וואָס איז צוליב איר האַנדל אַליין נישט געווען גאָר כשר, — האָט פאַר אים מורא געהאַט.

בין איך ווידער געוואָרן אַ היימלאָזער שלעפּער. איך האָב זיך אַליין אָנגעהויבן באַשולדיקן אין שלימזלדיקייט, און געפאַלן ביי זיך אַליין, — האָב איך אַ רעזיגנירטער, אויף אַ צייט פאַרלוירן גאָר דעם מוט עפּעס אונטערצונעמען...

*

ביים פוילישן פונקט. איך טרעף אַ פּאַרטיי־חבר און באַקאַנטן שרייבער, וועלכער מאַכט זיך „כלא ידע"...

אין אַ צייט אַרום בין איך ווידער געווען ביים פוילישן פונקט. דאָס מאָל איז דאָרט געווען גאָר לעבעדיק. עס האָט געווימלט און געשוויבלט מיט געוועזענע. — לויטער עמינענצן: רבנים, דיינים, שוחטים און כלל־טוער כמעט פון ערשטן גאַרניטור...

און נישט געדאַגהט, אויך איניקע שרייבער זענען דאָ. איניקע עכטע, פאַרמלחמהדיקע, מיט סטאַזש און שרייבערישער פאַנטאַזיע. און שאַ מאַכט נישט קאַליע די מערכה, — אויך הויכשטאַפּלער האָבן זיך געיאַוועט.

און איינער אַזאַ „שרייבערישער אַפּעריסט" שטייט זיך אַזוי אין אַ ווינקל און רעדט אין מיר אַריין. ער רעדט אידל, „ליטעראַריש" בנעימות־דיק און חכמהדיק בנחת. — ער שטעלט אַרויס זיין „שרייבערישע" ערודי־ציע און פירמאָוון נאָמען... גאָר עפּעס פּלאָנטערט ער זיך מיטן נאָמען ליטווין־ליטוואַק. ער כאַפּט זיך באַלד צוריק און שטעלט זיך סוף כל סוף אָפּ אויף ליטווין. ער איז ליטווין, „בכבודו ובעצמו".

איך קאָן אים נישט קאָנפראָנטירן. — איך האָב זיי ביידע — ווי אַ סך אַנדערע קאָלעגן, שרייבער, פּערזענלעך נישט געקענט. און ער נוצט דאָס

אויס. ער דערטאַפּט מיין שוואַכן פּונקט — און בעט דערוויילי אַ הלוואה, אַ הלוואה אין נאָמען פון שרייבערישער קאָלעגיאַלקייט און זיין הונגעריקער פרוי און קינד.

און טראָץ דעם שווינדלערישן כאַראַקטער פון דער זאַך, האָט עס אויסגעזען קאָמיש. מער טראַגיש ווי קאָמיש. עס שטייט פאַר דיר אַן אַפּע־ריסט, אָבער אַ הונגעריקער און בעט ביי דיר אַ קליינע הלוואה. איין מת שלעפּט דעם צווייטן צום טאַנץ... איך האָב דעם נסיון נישט געקאָנט ביי־שטיין. ער האָט מיך, נאָך אייניקע מאָל אַריינרעדן אין מיר, גענומען. און פון דער ערשטער אונטערשטיצונג, וואָס איך האָב באַקומען ביים פּונקט, האָב איך אים די הלוואה געגעבן.

ער האָט נישט געהונגערט נאָך שרייבן, — נאָר נאָך ברויט. און אויך אַ פרוי מיט אַ קינד האָט ער געהאַט. כאָטש ער האָט נישט גענעכטיקט אויף דער גאַס ווי איך. און זיין הבטחה מיר צו פאַרדינגען אַ ווינקל, האָט ער נישט געהאַלטן. און ער איז געווען פון די גאָר קליינע, שוואַכע שווינד־לער. אַ שוואַכער, האָט ער גענומען מיט זיין שוואַכקייט און רחמנות־אויגן.

עס זענען אָבער געווען ביים זעלבן פּונקט נישט־יידישע יידן־גזלנים, עכטע רויבער, וועלכע פלעגן אינמיטן טאָג ביי זייערע אָרעמע ברידער אַרויסרייסן די נאָר־וואָס באַקומענע זאַכן.

צוגלייך מיט די איבעריקע זענען זיי געשטאַנען אין דער ריי און האָבן אַרויסגעריסן פון דער האַנט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. זיי האָבן שפּעקולירט אויפן יידישן רחמנות־געפיל, אַז אַ ייד וועט אַ צווייטן נישט איבערגעבן צו דער מאַכט און אויפן פּחדנות פון די אַנדערע.

און אַחוץ זיי זענען נאָך געווען דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, אַדוואָקאַטן און רעדאַקטאָרן. יעדער דריטער איז עפּעס געווען. און דער קריסטלעכער טור־היטער, אַ דאָרפישער, וואָס האָט קיינמאָל דאָס וואָרט רעדאַקטאָר נישט געהערט, האָט זיך נעבעך מיט דעם וואָרט שטאַרק געמאַטערט. ער האָט שטענדיק דעם רעדאַקטאָר פאַרביטן אויפן דאָקטאָר...

ס'איז נישט געווען קיין סתם יחוסן זיך פון אַ טייל אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע פּליטים, נאָר זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וועט זיין אַ סגולה צו פּרנסה. עס וועט ווייכער מאַכן דאָס האַרץ ביים פאַן פּולקאָווניק און העלפן צו געפינען חן אין זיינע אויגן.

ווי דערמאָנט, זענען ס'רוב יידן אין דזשאַמבול געווען פון גאַליציע. איך האָב פון זיי קיינעם נישט געקענט און אויך זיי האָבן מיך נישט גע־

קענט. און ווי געפאַלן מען איז ביי זיך נישט געווען, האָט זיך ביי אַ טייל דערוועקט אַ סנאָביזם, אַ סנאָביזם פון טאַנצנדיקע מתים — אין סאַמע מיטן פון זייער נאַקעטער אָרעמקייט און אומזיכערקייט. פאַר די דאָזיקע מענטשן וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט זייער פאַרשווונדענער פאַרגאַנגענהייט ווי מיט עפּעס קאָנקרעטס, רעאַלס, — האָט מען זיך געדאַרפט באַווייזן מיט עפּעס, מיט אַ טיטל, אָדער מיט אַ נאָמען.

בין איך לכתחילה צווישן זיי געווען ווייט און פרעמד. ווייט, אין זייער סאַמע מיטן, און פרעמד אין זייער נאַענטקייט. — מיין נאָמען האָט זיי גאָרנישט געזאָגט און מיין קליידונג איז געווען שלעפּעריש. און קיין דאָקו־מענט, קיין פּאַפּירל און קיין שרייבערישן צייכן האָב איך אויך נישט געהאַט. די סאָוויעטישע טורמע און לאַגער האָט מיך פון די אַלע זאַכן באַרויבט.

האָב איך זיך צווישן זיי אַזוי אַרומגעדרייט, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ס'איז מיר געווען אומעטיק אין זייער סאַמע לעבעדיקייט און „פריי־לעכקייט". און איך האָב אין די רעדלעך אַרום פוילישן פונקט געזוכט עפּעס אַן אייגענעם.

איך האָב געזוכט אַ לאַנדסמאַן, אַ באַקאַנטן, אָדער כאָטש אַזוי אַ פוי־לישן צי ליטווישן ייִד. ביז איך האָב איינמאָל דערהערט אַ באַקאַנטן נאָמען.

ווי ס'רוב ייִדן דאָ, איז ער געווען פון גאַליציע. ער האָט זיך אָבער שוין געהאַט אין וואַרשע אַקלימאַטיזירט. אַן עכטער דאָקטאָר און שריפט־שטעלער, האָט ער מיט מיר געהערט צו איין באַוועגונג. און כאָטש מ'ר האָבן פריער פּערזענלעך זיך נישט געקענט, האָבן מיר אָבער געהערט איינער פונעם אַנדערן.

און ווען ער האָט קיין ביאַליסטאָק געשיקט זיינעם אַ שליח אַדורכצו־פירן אַ געוויסע אַקציע, האָט זיך צו מיר דער שליח געווענדעט אין זיין נאָמען, אים אין דעם בייהילפיק צו זיין.

איך האָב מיין זאַך געטאָן, נאָר ער, דער דאָקטאָר, האָט זיין אָפּמאַך קיינמאָל נישט געהאַלטן. האָב איך אין די נאָרמאַלע צייטן זיך דערפון נישט ווּיסנדיק געמאַכט. נאָר דאָ, ביי מיינע ערשטע טעג אין דזשאַמבול, האָב איך זיך גענייטיקט אויך אין מאָראַלישער אונטערשטיצונג. און דער דאָקטאָר זינגערמאַן איז שוין דאָ געווען אַ גאַנצער תושב און האָט שוין אויך געהאַט זיין גאַליציאַנער קרייז און פּראַטעזשירער.

לכתחילה, ווען איך האָב דערהערט זיין נאָמען, האָב איך זיך דער־

פרייט, טראַכטנדיק: „כאן מצא בעל־חוב מקום לגבות את חובו" (דאָ וועט מען אָפּנעמען דעם חוב)... און איך וועל אויך האָבן אַ גוטן פריינד.

אָבער ווי נאָר איך האָב זיך פּאַר אים פאַרגעשטעלט, און דער עיקר, אים דערמאָנט די געשיכטע, האָט ער נישט נאָר זיך געמאַכט „כלא ידע", און ווי שלום־עליכמס יידענע מיטן טעפּל געלייקנט שטיין און ביין, נאָר האָט אויך אויף מיר אָנגעהויבן קוקן בייז.

איך וואָלט אים אַפילו גוט געקאָנט אָפּרישן דעם זכרון, — נאָר עס וואָלט אים אין יענע באַדינגונגען קיין געזונט נישט צוגעקומען. און דאָס האָב איך נישט געוואָלט. האָב איך מיין פאַרדראָס, צוליב זיין פאַרלייקענען מיך, אין זיך אַליין געמוזט שטיקן.

ס'האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, ווי ער האָט זיך מיר געגעבן צו דערקענען. אַהיימגייענדיק אין די אָוונטן פון דער אַרבעט אויף דער דזשאַמבולער פּאָסט, האָבן מיר זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע ציימן און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. און ער, אַ הויכער, מיט זיין בלעכן קעסטעלע אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל ווי אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, און איך, נידעריקער, מיט מיין בעטלער־טאָרבע ביי דער זייט, האָבן מיר אויסגעזען ווי די קינאָ־העלדן פּאַט און פּאַטאַשאָן.

מיר זענען אַ צייט געווען נאָענט. ביז די מערכה צווישן אונדז איז ווידער קאַליע געוואָרן. און דאָס צוליב זיין, זינגערמאַנס, שולד. איך האָב זיך אָבער שפּעטער אין אים „נוקם" געווען. אָפּגערעכנט זיך עפּנטלעך און געזעלשאַפטלעך־מאָראַליש. — און ס'קאָן זיין אַז איך האָב אַביסל איבער־געכאַפּט די מאָס. אין באַדינגונגען פון נויט, — האָט ער אויך געקאָנט מאַכן זיין טעות.

ק א פּ י ט ל ד ר י א ו נ ד ר י י ס י ק

איבער די דזשאַמבולער באַזאַרן

דערווייל האָב איך קיין פרישע דירה נישט געהאַט און וואָס צו טאָן אויך נישט. האָב איך זיך ווידער גענומען אַרומשלאָגן איבער די דזשאַמ־

בולער באַזאַר, און די טאָפּלטע צרות פון עסן און נעכטיקן האָבן זיך איבערגעחזרט.

אָפּשטייענדיק אַ נאַכט ערגעץ ביי אַ וואַנט, בין איך גלייך מיטן פריי־מאָרגן אַוועק אויפן שפּייז־באַזאַר, און דער ערשטער מקבל פּנים געווען די קאָלכאָזניקעס מיט זייערע פריש־געבראַכטע פּאָמידאָרן.

די פּאָמידאָרן זענען געווען זוניקע, שטייפע, נאָר־וואָס אָפּגעריסן פון זייערע שטענגלעך און האָבן רייצנדיק געפלאַמט מיט זייער רויטקייט, ווי דער אויפשפּראָץ פונעם ערשטן זוניקן פלאַם. און זייענדיק דער ערשטער שלעפּער, האָט מען פון אַ פור פּאָמידאָרן עפּעס געקאָנט באַקומען.

איך האָב זיי געשלונגען אָן זאַלץ און אָן ברויט, און זיי זענען פאַר מיר געווען ווי דער מן פאַר די הונגעריקע בני־ישראל אין דער מדבר, וואָס האָט געהאַט אַלע טעם׳ען.

דער טאָג קריכט אָבער אַלץ מער אַרויס פון זיין באַגינענדיקער בלאַס־קייט און איך בין שוין נישט קיין בן יחיד אויפן באַזאַר. נאָך אַזעלכע ווי איך באַווייזן זיך, און אויך זיי גלאָצן גיריק מיט זייערע זשעדנע אויגן אויף דער רייצנדיקער רויטער פרוכט.

אָבער אויך דער פּאָמידאָר איז שוין אַצינד נישט דער איינציקער יחסן. עס קומען אַלץ מער אָן קאָזאַכישע באָבעס מעט עלטערע קאָזאַכן, וואָס צעלייגן זייערע פאַרשידנפאַרביקע פרוכטן און שפּייז אויף די געשטעלן. און די פרוכט פונעם זוניקן קאָזאַכן־לאַנד איז פול, זיס און פעט.

עס קאָנקורירן שוין מיטן פּאָמידאָר פונטיקע שמאַלץ־באַרנעס, פלוי־מען, פּוטשעס אין עפּל, קישמיש (ראַזשינקעס) און „אוריוק״ (שעפּטאַלן) און די גרעסטע פרוכט פון קאָזאַכסטאַן, דער רויטער אָנטרינקענדיקער אַרבוז (קאַוואָן) און די מילך־ווייסע נאָך מער באַטעמטע דיניע.

צוויי רייען געשטעלן מיטן גוטס פון קאָזאַכסטאַן ציען זיך אין דער לענג פונעם באַזאַר, ביז צו די פעטע מילך־ווייבער, וועלכע פאַרקויפן פאַר גוט געלט אָן איבעריק גלעזל מילך אָדער זויערמילך.

די געשטעלן פאַרקויפן אַלץ צו ביסלעך. נאָר מען קאָן פונדעסטוועגן פאַר נישט־פאַרדינטע, נאָר עובר־לסוחרדיק געלט, — פון אָט די אַלע ביסלעך געננוג אָנזאַמלען אויף אָנצוזעטיקן די מאָגנס פון אַ גאַנצער משפּחה.

נאָכן דערליידיקן זייערע ענינים זעצן זיך די קאָזאַכן אויס אין אַ ראָד, און ווי די אַמאָליקע בני־ישראל אַרום זייער קרבן פּסח, פּראַווען זיי זייער „עבודה״. זיי עסן און טרינקען צוזאַמען זייערע אַרבוזן און מילך־ווייסע

דיניעס, און אַז אַ הונגעריקער גייט צו און זייער געמיט איז זיי גרינג און דערהויבן, וואַרפן זיי אים צו אַ חלק אַרבוז.

נאָר ווי נעמט מען אַזויפיל געלט, ווען פאַר אַ פונט קאַזאַכיש ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק דאַרף מען באַצאָלן פופציק רובל און פאַר אַ פונט פּוטער פינף און צוואנציק, ווען אַ וואַרטאָווניק (היטער) באַקומט בלויז ברוטאָ הונדערט און פופציק רובל פאַר אַ גאַנצן חודש? נאָר דאָס געהערט שוין צום סוד פונעם סאָוויעטישן לעבן. און ווער עס וויסט נישט דעם דאָזיקן סוד, הונגערט טאַקע...

צוויי פּרויען, קענטיק זיי הונגערן און פּרווון זיך זעטיקן בשותפות, — איינע, אַ גאָר יונגע און שיינע, די צווייטע, ווי אירס אַ מאַמע, רינגלען אַרום אַן עלטערן קאַזאַך. זיי באַטאַפּן אַלץ וואָס ליגט אויסגעלייגט אויף זיין געשטעל.

דער קאַזאַך איז נאָר וואָס געקומען. ער איז פאַרנומען מיטן אויסלייגן זיין סחורה, און די עלטערע באַמיט זיך אים צו פאַררעדן. דערווייל לייגט די יונגערע אַריין אין איר קוישל אַ רעטעך מיט אַ בוראַק, און זיי ווערן גלייך פאַרשוווּנדן.

עס קומט צו מיר צו אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן. ער שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ער הייסט מושל און איז פון ראַוונע. ער האָט באַמערקט, ווי איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער סצענע מיט די צוויי פּרויען און עס גלוסט זיך אים מיט מיר צו פאַרפירן אַ שמועס. און ער הייבט אָן:

— נישטאָ קיין עצה, ברודער, אַזוי איז אונדזער גורל. מיר מוזן זיך באַרען פאַר אונדזער לעבן. ס'איז אַ צייט אַזאַ, און מיר מוזן אויסהאַלטן. אויב נישט ביסטו אַ פאַרלוירענער און די קראַפּירסט ווי אַ הינדעלע. בין איך נישט גערעכט? — פרעגט ער מיך צום סוף.

— צו ראַנגלען זיך פאַרן לעבן, זענט איר זיכער גערעכט, נאָר צו באַרעכטיקן אַזעלכע זאַכן, אַנגיין דערמיט ווי אַ פּראָפעסיע, טאָר מען נישט. לעבן פון גנבענען, ווי שווער דאָס לעבן זאָל נישט זיין, איז נישט קיין תכלית... מען געוווינט זיך צו צו דעם, אפילו ווען די אומשטענדן בייטן זיך. און איך ווייס נאָך נישט די לאַגע פון קאַזאַך. ער אַליין איז דאָך מסתמא אויך נישט קיין גביר. און אַחוצדעם, קאָן אַ מאָל איין רעטעך צו טייער קאָסטן... דער וועג פונדאַנען ביזן לאַגער, — איז גאַרנישט אַזאַ ווייטער, לוינט זיך עס? שוין בעסער בעטלען ווען ס'איז קיין ברירה נישטאָ, ווי גנבענען. און פאַרגעסט אויך נישט, אַז מיר זענען דאָ פרעמדע, הגם געדויל-

דעטע פּליטים. און אונדזער אויפפירונג וועט דעם כלל קיין געזונט נישט ברענגען.

מושל פּרוווט מיר באַווייזן, אַז ס'איז קיין אַנדערע ברירה נישטאָ. און ווי אָרעם די קאַזאַכן זאָלן נישט זיין, האָבן זיי זייערע הייזקעס און זייער עסן. און מיר הונגערן און האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. מיינע רייד, זאָגט ער, זענען יאָלדישע רייד. און אַז איך וויל זיך פירן ווי אַ נאַרי־שער טאַרטאַ, וועל איך אָט דאָ, ווייזט ער מיר גלייך אָן אויפן אָרט, אויס־ציען מיינע יאָלדישע קאָפּיטעס און קיין לאָך אין הימל וועט צוליב מיר נישט ווערן...

ער שלאָגט מיר פאָר חברשאַפט. „לאָמיר בידעווען צוזאַמען, זאָגט ער. ער האָט נאָך אַ חבר, בערטשע רופט מען אים, וועלן מיר זיין זאַלבעדריט. בערטשע איז פריער אויך געווען אַזאַ יאָלד ווי איך, נאָר ער האָט זיך אויס־געמענטשלט און איז אַ לייט... בערטשע האָט זיך פאַרבינדן אַ האַנט, און שטייט אַ גאַנצן מאָרגן אין די ברויט־מאַגאַזינען מיט דער צווייטער אויס־געשטרעקטער האַנט. ער רעדט נישט, — די האַנט רעדט פאַר אים...

די באַבעס גיבן אים שטיקלעך ברויט פון זייערע באַקומענע „פּייקעס” (ברויט־פּאַרציעס), און ער וואַרפט זיי גלייך אין טאָרבע. זיי דאַרפן נישט זען וויפל ער האָט שוין אָנגעזאַמלט. די קאַצאַפּקעס האָבן נאָך אויף אים רחמנות און זיי זענען מקיים אַ מצווה אויך. נאָר די קאַזאַכישע גבלות, אַ בראַנד זיי אין די קישקעס, זענען האַרט ווי קיזלשטיין. זעלטן ווען וואַרפן זיי אים עפּעס צו”.

— און אָט גייט ער, — ווייזט ער מיר אָן אויף אַ דערנענטערנדיקן יונגערמאַן, וועלכער זעט אָבער אויס מיט זיין פאַרבונדענער האַנט ווי אַן עכטער אינוואַליד.

ער שטעלט מיר אים פאָר: „אַ צוגעקומענער יאָלד, מיר וועלן זיין זאַלבעדריט, אַ סקריפּענדיקער וואָגן אויף דריי רעדער. נאָר נישקשה, בעסער דריי, איידער איינער. אַ פייער אין די כאַמולעס — און אין די רוסישע צלאָפּעס. זאַלבעדריט וועלן מיר שוין נישט מורא האָבן צו שלאָפן אין פּאַרק. אַז „פרייהייט”, איז פרייהייט...”

„ביסט הונגעריק?”, פרעגט ער מיך און נעמט גלייך אַרויס פון בער־טשעס טאָרבע, ווי פון זיין אייגענער קעשענע, אַ פּאָר ברויט־סקאָרינקעס און הייסט מיך מאַכן המוציא און זאָגן „הא לחמא עניא”. „קיין סך וועסטו זיך דערמיט נישט אָנעסן, נאָר אַז דו וועסט זיין אַ מענטש, וועלן מיר שוין

עפּעס צוטראַכטן. פון הונגער וועלן מיר נישט אויסגיין, אַ קדחת זיי אין די ביינער".

איך האָב שוין די נאַכט מיט זיי געגעכטיקט אין פּאַרק. ס'איז געווען מושלם ערשטער צושטייער. — די באַנק איז געווען געגוג האַרט, נאָר פּאַרט בעסער ווי דרימלען שטייענדיקערהייט. איך האָב זיך אונטער זיין שוץ געפילט זיכערער און האָב זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק ווי אַ גראַף.

צומאָרגנס, קאַיאָר, וועקט ער אונדז אויף. ער האָט אַ פּלאַן, זאָגט ער. „האָסט ליב זיסע בורעקלעך, די, וואָס די באַבעס פּאַרקויפן אויפן באַזאַר צו רובל? אַ כאָליעריע זיי אין זייער פּעטן הינטערחלק, די שפּעקולאַנטקעס".

„טאָ הערט זיך איין מיט קאָפּ. איך האָב אויסגעקוקט אַ קאָזאַכישע ליימקע, ווו עס וווינט בלויז איין אַלטיטשקע. אינדערפרי ווען זי גייט צו איר אַרבעט שטעלט זי צו אַ פולן טאָפּ מיט עסן.

„וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן אין דער צעשאָסענער ליימקע און מיר וועלן צולקחנען איינעם פון אירע טעפּ מיט עסן. זיי שטעלן צו יעדן טאָג צו עטלעכע טעפּ. זיי קאָכן די בוראַקעס אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט פון זיי אַ זיסער טשאָלנט. אַ מאַכל ווי האָניק.

„מיר וועלן ביי איר נישט צונעמען אַלץ. אַזעלכע זענען מיר נישט. מיר וועלן איר אויך עפּעס איבערלאָזן. זי איז איינע, און מיר זענען דריי, וועט איין טאָפּ אויך פאַר איר זיין גענוג. און מיר וועלן פּראַווען אַ מלכות־דיקע סעודה.

„נאָר שרעקט זיך נישט. אין דער כאַטע וועל איך זיך אַליין אַריינ־כאַפּן. איר ביידע דאַרפט נאָר שטיין אויף דער וואַך, צו זען צי קיינער גייט נישט. און טאָמער וועט זיך פונדערווייטנס ווער באַווייזן, זאָלט איר געבן אַ פייף.

„דו, בערטשע, זאָלסט אויף יעדן פאַל האַלטן אויסגעשטרעקט דיין „קאַליעקע"־האַנט, ווייל טאָמער איז אַמאָל די אַלטע באַהאַלטן אין דער ליימקע און זי איז אַ כוואַטסקע באַבע, וועט זי פאַר אַן אינוואַליד האָבן „דרך־ארץ". — און וועסט דערייבער אַכטונג געבן ביים סאַמע פּראַנט פון דער טיר.

„און דו, גרינער, האָט ער זיך אַצינד געווענדט צו מיר, וועסט טשאַ־טעווען פון הינטן. נאָר געדענק, טאָמער אַנטלויפסטו אין מיטן דער אַרבעט, — וועל איך דיר מאַכן אָט אַזוי: האָט ער, צולייגנדיק צוויי פינגער צו מיינע אויגן, מיר געוויזן וויאַזוי ער וועט דאָן טאָן.

„נאָר אויב דו שטייסט באַלד צו דעם נישט צו, נייט איך דיך נישט. איך בין נישט אַזאַ מענטש. איך האָב ליב די פריי — און וויל זיי ביים צווייטן אויך נישט צונעמען. איך בין נישט קיין „באָלשעוויק”, האָט ער, ארומקוקנדיק זיך, געזאָגט.

איך האָב פון זיין פּלאַן און סטראַשונעק געזעגן מיט וועמען איך האָב צו טאָן. ער האָט שוין, ווייזט אויס, נאָך ביים צאַר געטראָגן די „פּאַראַשע” (אָפּפאַל־קעסל) און ער וועט מיך פאַרשלעפּן אין „שאול תחתיה”, און איך מוז זיך גלייך פון אים אָפּטראָגן. איך האָב אים קורץ געזאָגט, אַז איך שטיי פון אים אָפּ, און האָב זיך פאַרנומען אַוועקצוגיין.

צום סוף האָט ער נאָך געפּרוווט אַרויסווייזן זיין דזשענטלמענישקייט: „זאָלסט וויסן, אַז איך בין מושל. און אַז וועסט זיך געפינען אין אַ נויט און איך וועל דיר קאָנען העלפן, וועל איך דאָס טאָן”.

ס'איז מיר נאָך מיט אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען, איבער־הויפּט שפּעטער, ווען איך האָב זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט און בין געוואָרן אַ פּריוואַטער שרייבער אויף דער פּאָסט. ער פלעגט פון צייט צו צייט צו מיר קומען, איך זאָל אים עפּעס אָנשרייבן. נאָר קיין באַזונדערע מחזקות האָבן מיר צווישן זיך נישט געהאַט.

עס באַגעגנט מיך אַ ביאַליסטאָקער גאַליציאַנער. ער נעמט מיך אַריין אין אַ בשותפותדיקער ליימקע, ווו עס וווינט אויך אַ ביאַלער. נאָר וועגן זיינס אַן אינטריגע צוליבן אָפּפאָר פון אַנדערסעס אַרמיי, ווערט דער שלום־בית צעשטערט, און איך ווער ווידער היימלאָז.

פאַרלאָזט מושלען, בין איך מיט אַ שווער געמיט אַוועק אויפן באַזאַר. איך בין אַהינגעגאַנגען אַ מוטלאָזער, ווי איינער וואָס קריגט איין אָנטוישונג נאָך דער צווייטער. און גייענדיק אַזוי אַ פאַרצוויפלטער מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, קומט מיר אַנטקעגן אַ באַקאַנטער בחור פון ביאַליסטאָק. ער איז אייגנטלעך אַ גאַליציאַנער, נאָר ער איז אַהערגעקומען לערנען אין דער ביאַליסטאָקער ישיבה. און נאָך איידער ער האָט זיך דאָ עפּעס אויס־געלערנט, האָט ער זיין תורה פאַרביטן אויף אַנדערע סחורות.

אַ געלער, מיט אַ נישט־זיכערן כאַראַקטער, איז ער, הגם פון אַ גאַלי־ציאַנער פרומער משפחה, שוין גאַרנישט געווען אַזוי אָפּגעהיט. און מען האָט מיט אים געדאַרפט זיין פאַרזיכטיק.

נאָר אַליין און פאַרלוירן, — בין איך דאַן געווען גרייט זיך צו פאַר־בינדן מיט יעדן אַנטרעפנדיקן ייד, אויב נאָר ער האָט נישט באַדראָט מיין

פרייהייט און זיכערקייט, בפרט מיט אַזעלכן, מיט וועמען איך האָב אַמאָל אויסגערעדט אַ וואָרט.

נאָכן ערשטן ווערטער־אויסטויש, האָב איך אים איבערגעגעבן וועגן מיין לאַגע. איך האָב אים געפרעגט צי ער ווייסט עפּעס וועגן אַ ווינקל פאַר מיר. ווי דערפרייט בין איך געוואָרן ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וווינט צוזאַמען מיט מיינעם אַ באַקאַנטן אין אַ בשותּפותדיק־געדונגענער ליימקע, און פון זיין זייט איז ער שוין גרייט מיך אַריינצונעמען.

איך בין מיט אים גלייך אַוועק אין דער ליימקע, זיך צו טרעפן מיט מיין באַקאַנטן. מיין בן־עיר, אַ קליינהענדלערס אַ זון, איז שוין אין דער היים געווען אַ פאַבריק־אַרבעטער. אַ נידעריקער, אין די אָנהייב דרייסי־קער, האָט ער, איידער ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אַ וואָרף אַרויף געטאָן זיין געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע, ווי ער וואָלט זיך מיט מיר פאַרמאָסטן צו אַ געפעכט...

אויך ער האָט זיין הסכם געגעבן. און איך בין שוין געבליבן אין דער ליימקע, הגם ווידער נישט אויף לאַנג. די ליימקע איז אפילו נישט געווען קיין גרויסע מציאה. דאָס איז געווען אַ פון בלאָטע צונויפגעקלעפּטע חורבה, אין וועלכער אויך אַ קאַזאַך וואָלט אין איר נישט געוואָלט וווינען.

אונדזער „פּאַלאַץ" איז באַשטאַנען פון אַן איינצימערדיקע ליימענע פּאָדלאָגע. און אויסער אַ קליין פענצטערל, האָט זי אַבסאָלוט מער גאָרנישט געהאַט, אַפילו נישט קיין רויכערנדיק אייוועלע.

געשלאָפן זענען מיר אויף שטרוי ביי דער וואַנט. איז געווען אַ זוני־קער טאָג, איז נאָך אונדזער ליימענע פּאָדלאָגע געווען טרוקן, נאָר אַז ס'איז געווען אַ רעגן, אָדער אַ פייכט וועטער, האָט ביי אונדז גענעצט פון אויבן און פון אונטן. די גאַנצע דרויסנדיקע בלאָטע איז צו אונדז אַריין.

דער פּלאַץ אַרום דער ליימקע איז אפילו געווען אַ גאַנץ פיינער, נאָר מיר האָבן אים בלית ברירה געמוזט נוצן פאַר שמוץ און פאַר מענטש־לעכע באַדערפעניש. און זומער־צייט, ווען די דזשאַמבולער רויזן האָבן זיך צעבליט, — האָט אויך אין אונדזער ליימקע „אַריינגעבליט" דער פאַרפּאַר־מירטער ריח פונעם הויף...

מיר האָבן זיך אויפסניי באַקענט און צוריק געוואָרן היימיש. זיי זענען ביידע געווען שותּפים צו דער ליימקע, נאָר דער הויפּט־בעל־דעה איז געווען דער ביאַלער, שואלקע.

ביז מיין מערכה איז נישט קאַליע געוואָרן, האָבן זיי מיך פיין באַהאַנ־

דלט. אַלס סימן פון אַנערקענונג האָבן זיי מיין אָרט אויפן שטרוי־געלעגער באַשטימט אין סאַמע מיטן צווישן זיי ביידע. דאָס האָבן זיי אַזוי אָפּגעצייכנט מיין שרייבערישע פּראָפעסיע. און אַלס שכר פאַרן מיטן, — האָב איך זיי געדאַרפט באַצאָלן מיט מעשיות און אַנעקדאָטן. דאָס איז אָבער אויך געווען אַ סגולה גוט אַנטשלאָפן צו ווערן, נישט צו פילן אויף זיך די שפּרינגענדיקע חיהלעך, וואָס האָבן זיך אינעם שטרוי געפּרוכפּערט און געמערט.

זיי האָבן געהאַט אַביסל געלט און האָבן בשותפותדיק געהאַנדלט. לכתחילה זענען זיי געפאָרן צוזאַמען. שותפים צו דער ליימקע, זענען זיי אויך געווען שותפים צו אַלץ, וואָס זיי האָבן איבער די באַנען געפירט.

נאָר אַז זיי האָבן זיך מער אַרויפגעאַרבעט, האָט זיך דער שוואַרצער שואלקע מיישב געווען, אַז ער האָט שוין גענוג ריזיקירט און ווערט אויס „רייזע־אַגענט". ער וועט פון איצט אָן זיין בלויז אַ שטילער שותף. און פאָרן זאָל דער געלער. און אַזוי איז געבליבן.

נאָר אַזוי ווי לאַנג זיצן אין דער כאַטע אָדער אַרומדרייען זיך אויפן באַזאַר האָט ער אויך נישט געוואָלט, האָט ער זיך באַזאָרגט אַ נידעריק בענקעלע און האָט די קאַזאַכן אָנגעהויבן צו פאַריכטן זייערע כאַדאַקעס. כאָטש ער איז קיינמאָל קיין שוסטער נישט געווען.

ער האָט קיין נייע שיך נישט געדאַרפט מאַכן און זיינע לאַטעס אויך נישט געדאַרפט פוצן, האָט זיי נאָר פאַרצויגן מיט דראַטווע, אַז די דזשאַמבולער בלאָטעס זאָלן אין זיי נישט אַריינקריכן און גענוג. און די קאַזאַכן האָבן דערפאַר געצאָלט מיט רובלס, אָדער מיט „ליעפּיאָשקעס" (פּלעצל) און „אוריוק" (שעפּטאַלן).

זענען זיי זיך אַזוי געגאַנגען זייער וועג און איך מיינעם. נאָר נאָכן אָפּזיין ביי זיי אַ שטיקל צייט, האָבן זיי זיך פאַרלייגט אויך מיך אַריינצוציען אין זייער מסחר. און איך האָב נאָכן דורכפאַל אין בוכאַראַ נישט געהאַט מער קיין חשק צו מסחרן.

און ווען זיי האָבן נאָך געהערט, אַז אין חלום האָט מיר סטאַלין געגעבן אַ „פּראָפּוסק" אַרויסצופאָרן פון דזשאַמבול, האָבן זיי מיך שוין גאָר גענומען אין דער אַרבעט. דער געלער האָט מיר גלייך פותר חלום געווען און אויף דעם געבויט פּיתום ורעמסס. „איר זענט אַ מזלדיקער, איר וועט זיכער קריגן אין „ביוראָ פּראָפּוסק" אַ פּראָפּוסק קיין פרונזע".

ס'איז נישט אַזוי געווען זיין גלויבן אין מיין חלום, ווי דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן אַ פרישן פּנים, ווייל ער איז שוין דאָרט געווען צופיל באַקאַנט, און איך בין נאָך פאַר דער ביוראָ געווען ווי אַ „קרקע בתולה" (אַ נישט אָנגערירט פעלד)...

ער, דער געלער, האָט שוין זיין פּאַדעם ווייטער געצויגן. „דו ווייסט", האָט ער מיר געגומען איינרעדן, „כאַפּן אַ גרינג פאַרדינסטל און דערביי גאָרנישט דאַרפן טאָן. די גאַנצע זאַך איז אַ קלייניקייט". דאָס איבעריקע וועט ער שוין אַליין באַזאָרגן. ער האָט אין פרונזע זיינע מענטשן און אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג. וואָס איך דאַרף טאָן, איז נאָר: גיין אין „ביוראָ פּראָפּוסקאָוו" און בעטן אַ דערלויבעניש אויף הין און צוריק און זיך איינגייען אין מאַנטל אַ צענערל. — דאָס געלט פאַר דעם וועלן זיי שוין געבן.

איך אַליין האָב אין מיין חלום געגלויבט. איך האָב זיך אָבער נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין פרישע אַוואַנטורעס, כאָטש דאָס איבערפאָרן זיך — האָט מיך דווקא געלאָקט. איך האָב געוואָלט אַרויס פון מיין דריקנדיקן מצב און זיך אַביסל צעשטרייען. איך האָב אויך געקלערט, אפשר וועל איך אויפן וועג טרעפן וועמען פון מיין פאַמיליע.

צוליב דעם טאַקע און אויך צוליבן נישט וועלן אָנווערן אַפילו מיין בלאַטיק ווינקל, וועלכעס איך האָב טאַקע שפּעטער, צוליב אָט דער רייזע, פאַרלוירן, האָט מיך געצווונגען זיך אונטערצוגעבן זייער ווילן.

בין איך אַוועק אין ביוראָ, און איינס־צוויי, אָן שום חקירות ודרישות דעם פּראָפּוסק באַקומען. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אויף אַ פּריוואַטן אופן באַקומען אַ „פּראָפּוסק". און דער ערשטער שריט איז געווען געמאַכט. דער געלער איז געווען מלא שמחה און ער האָט מיך נאָך מער גענומען אונטערהאַלטן...

אויך דער ווייטערדיקער שריט איז געוואָרן געמאַכט. און מיר האָבן זיך אין אַ גוטער שטימונג אַריינגעזעצט אין באַן. איך בין אין אַ סאָוויעטישער באַן נישט איינמאָל געפאָרן. ס'איז אָבער געווען ס'ערשטע מאָל ווי איך בין געפאָרן ווי אַ מענטש און מעשה „קופּיעץ" (סוחר).

פרונזע, די הויפּטשטאָט פון קירגיזיע, האָט איינעם פון די שענסטע וואָקזאַלן. ער איז געבויט פון געשליפענעם שטיין, אינעם גרעסטן טייל פון ווייסן מאַרמאָר, און ער ווערט, ווי די גאַנצע שטאָט, געהאַלטן זייער ריין.

אויך די שטאָט, פיל קלענער ווי טאַשקענט און סטאַלינאַבאַד, האָט אַן

עלעגאַנטן אויסזען און האָט זיך צו יענער צייט פיל בעסער ווי די אַנדערע סאָוויעטישע רעפּובליקן באַציגן צו דער יידישער קולטור.

פּרונזע האָט דאַן פאַרמאָגט אַ יידיש טעאַטער, וועמענס פאַרוואַלטער ס'איז געווען דער וויצע־רעדאַקטאָר פונעם ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", דער באַקאַנטער דיכטער מענדל גאָלדמאַן.

גאָלדמאַנען האָב איך שפּעטער נאָך אייניקע מאָל געטראָפן, נאָר דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין פּרונזע און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ פיינער סורפּריז. און שוין פאַר דעם אַליין, האָב איך געטראַכט, האָט מיר די רייזע געלוינט.

דער מסחר איז געוואָרן גיך דערליידיקט. און איך האָב באַוווּנדערט די דרייסטקייט פון מענטשן אונטער דער סאָמער נאָז פון דער סאָוויעטישער מיליץ. ס'איז מיר גאָך געבליבן גענוג צייט ביזן צוריקפאָרן. און איך האָב באַשלאָסן די צייט פאַר מיר ווי געהעריק אויסצונוצן.

ווי דערמאָנט, האָב איך פון דער פּוילישער מיליטערישער קאָמיסיע אין בוזולוק קיין דאָקומענט נישט אַרויסבאַקומען, פּשוט דערפאַר, ווייל מען האָט מיך צו איר נישט צוגעלאָזט. און איך בין אויך געווען געצוווּנגען היגטער דזשאַמבול אַראָפּצושפּרינגען פון באַן אָן שום פּאַפּירן. אַזוי אַרום האָב איך נישט געהאַט ביי זיך קיין שום באַוויז פון מיין פּוילישער בירגער־שאַפט, ווי אויך נישט, אַז איך האָב זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער פּוילישער אַרמיי.

זייענדיק אַצינד אין דער הויפּטשטאָט פון קירגיזיע, ווו ס'איז געווען אַ פּוילישער קאָנסולאַט, בין איך אַהין אַוועק זיך צו באַמיען אַרויסצוקריגן אַזאַ מיר פעלנדיקן דאָקומענט.

איך האָב זיי דערציילט דעם גאַנצן אמת. זיי געשילדערט מיין באַזונ־דערע לאַגע אַלס ביאַליסטאָקער איינוווינער, צו וועמען די סאָוויעטן טשעפּען זיך, — און פון זיי פאַרלאַנגט דאָס זעלבע, וואָס איך האָב פאַר־לאַנגט פונעם פּוילישן פאַרשטייער אין בוזולוק.

און מיינע גערעכטע טענות זענען דאָס מאָל אָנגענומען געוואָרן. זיי האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער און אַז איך האָב זיך געמאָלדן פרייוויליק אין דער פּוילישער אַרמיי, פון וועלכער איך בין באַפרייט געוואָרן.

אָפּגעפאַרטיקט זיך אויך מיטן קאָנסולאַט, בין איך שוין געווען גרייט

צוריקצופאָרן. מיר זענען אַוועק צום פּרונזער וואָקזאַל און האָבן גענומען אַ צוג גלייך קיין דזשאַמבול. און אויך אַצינד איז די רייזע צוגאַנגען נאָרמאַל.

אָפּפאָרנדיק אָבער אַ שטיקל וועג זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען פולע עשאַלאָנען מיט מיליטער פון אַנדערסעס אַרמיי. די וואַגאָנען זענען געווען געפּאַקט, קיין שפּילקע־קעפּל נישט אַריינצוּוואַרפן. דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט און די זעלנער זענען פון גרויס שמחה געווען שטאַרק צעיאָכמערט.

דאָס האָבן זיך אַזוי די פּאָליאַקן פון אַנדערסעס אַרמיי געפרייט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. און דאָס וואָס איך האָב נאָך פריער געהערט אין בוזו־לוק, האָט זיך אַצינד פאַר מיינע אויגן פולשטענדיק באַשטעטיקט.

אַ פּיינלעכע גריזשעניש האָט מיך אויפגעגעסן. וויפל האָב איך זיך נישט אָנגעשטרענגט אַריינצוקומען צוליבן דאָזיקן צוועק אין אַנדערסעס אַרמיי, איז עס מיר נישט געלונגען. „און זע, וואָס פאַר אַ מאַסן עס פאָרן אַרויס". און איך האָב זיי שטאַרק מקנא געווען.

איך האָב געהאַט צו זיך אַליין טענות. „אפשר געדאַרפט טאָן דאָס זעלבע וואָס אַנדערע האָבן געטאָן, וואָלט איך אַצינד אויך געווען צווישן זיי. איך האָב אָבער פאַרזען אַ געלעגנהייט און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג ?"...

וואָלט איך אַליין געפאָרן און נישט געווען פאַרבונדן מיט מיינע שות־פים, וואָלט איך אויף אַ סטאַציע גקעאָנט אַראָפּגיין און זיך פּרווון פאַרבינדן מיט די אַנדערסאָווצעס. אָבער צו מיין שלימזל האָב איך געהאַט ביי זיך שוואַלקעס געלט, וועמען מען האָט עס געדאַרפט אומקערן.

האָב איך מיין גאַליציאַנער שותּף פאָרגעלייגט אַ פּלאַן און געזוכט זיין הסכמה. איך האָב אים אָפן געזאָגט, אַז מיר זאָלן ביידע פאַרלאָזן אונדזער צוג און זיך פאַרבינדן מיט די אָפּפאָרנדיקע עשאַלאָנען כל זמן ס'איז נאָך צייט. מיר זאָלן דעם פוילישן סערזשאַנט, וואָס היט ביים טרעפּל פון וואַגאָן, קיינער זאָל זיך אַהין נישט אַריינכאַפּן, אַלץ אָוועקגעבן, אַבי ער זאָל אונדז אַריינלאָזן אין צוג, כדי אַריינצובאַקומען זיך קיין איראַן. ווייטער איז ער פאַר אונדז נישט פאַראַנטוואָרטלעך...

און פון איראַן וועלן מיר שוואַלקען אומקערן דאָס געלט כפל כפליים. אויף זיך צו ראַטעווען, האָב איך מיט אים איינגעטענהט, מעגן מיר לכל הדעות דערוויל זיך באַנוצן מיט זיין געלט, בפרט, ווען ער האָט זיין גאַנץ געלט אינעם שותּפות נישט אַריינגעלייגט, נאָר גאָר אַ קליינעם טייל.

דער גאַליציאַנער האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן און געדענקען. — ער האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ צדיק און האָט כלומרשט מיט מאָראַלישע מאָטיוון מיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. און אַליין האָב איך זיך אַוודאי נישט געהאַלטן פאַר בארעכטיקט דאָס צו טאָן.

דער אמתער מאָטיוו זיינער איז געווען גאָר אַן אַנדערער. דאָס שפּעקו־לירן איז אים אַריין אין בלוט. און ס'איז אים געווען אַ שאָד אָפּצולאָזן גרינגע פאַרדינסטלעך. הגם ער האָט צו דעם געדאַרפט ריזיקירן מיטן לעבן, האָט ער געזאָגט „אהבתי את אדוני, ולא אצא חופשי" (איך האָב ליב מיין האַר און וועל נישט אַרויסגיין פריי)...

זעענדיק אַז ער באַשטייט נישט אויפן פּלאַן און קענענדיק זיין כאַראַק־טער, האָב איך זיך געוואָלט באַוואָרענען פאַר בייז בלוט. — איך האָב ביי אים גענומען די האַנט, ער זאָל פאַר שוואָלקען גאָרנישט איבעררעדן. אָבער ווי נאָר ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון דער ליימקע, האָט ער גלייך דערפון געמאַכט גאַנצע מטעמים. — ער האָט נאָך פאַר שוואָלקען צוגעלייגט אַ „נופח משלו" און די זאַך צעבלאָזן. און די אַטמאָספער צווישן אונדז איז געווען פאַרסמט.

פון מיין זייט האָב איך דעם אמת נישט באַהאַלטן, האָב שוואָלקען איבערגעגעבן די אמתע פאַקטן. ס'האָט שוין אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער וואָרעם פון רוגז האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט. האָב איך פון דער ליימקע געמוזט אַוועקגיין און אַ פרישע היימלאָזיקייט האָט זיך אַצינד פאַר מיר אָנגעהויבן.

קאַפּיטל פירונדרייסיק

איך נעכטיק אין דזשאַמבולער באָד

ווידער היימלאָז, האָב איך צוריק אָנגעהויבן נעכטיקן אויף דער גאַס, אָדער ערגעץ ווו ביי אַ וואַנט. נאָר איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שטיקל ווינקל, — איז שוין מיין איצטיקע ירידה שווער געווען איבערצו־

טראָגן. און מיין פריערדיקע לאַגע ביי שואלקען האָט מיר שוין אויסגעזען ווי אַ גן־עדן.

איך האָב אויפסניי אָנגעהויבן זוכן אַ צימער. ס׳איז מיר אָבער נישט געגאַנגען. איך בין אַפילו געווען גרייט צו צאָלן נישט נאָר פּאָר אַ ליימקע־ווינקל, נאָר אויך פאַר אַ שטאָל פון פערד און בהמות.

דערביי האָב איך זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע אָרעמעלייט, די „אורחי־פּורחי״, וועלכע פלעגן נעכטיקן אין בית מדרש אָדער אין שטיבל אויף אַ באַנק, און מיר, באַלעבאַטישע זינדלעך, פלעגן אויף זיי קוקן פון אויבן אַראָפּ און זייער לאַגע האָט אונדז נישט גערירט.

נאָר איך האָב זיך אַציננד געפינען אין אַן ערגערער לאַגע, און ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך האָב דאָ אַזאַ בית מדרש אָדער שטיבל, ווי איך וואָלט געקאָנט איבערשלאָפן אויף אַזאַ האַרטע באַנק.

דאָ אָבער, אינעם לאַנד פון „גרויס־מענטשלעכער זאָרג״, קאָן איך אויך פון אַזאַ זאַך נישט חלומען. און ווי מיסט בין איך געלאָזט אויף הפקר.

נאָך וואָכן אין אַזאַ צושטאַנד, האָט די זון פאָר מיר ווידער אויף אַ מאָמענט אַ גלאַנץ געטאָן. ס׳איז אַפילו נישט געווען קיין וואָזשנער שיין, נאָר אין דעם חושך, אין וועלכן איך האָב זיך דאַן געפונען, האָב איך אויך אַזאַ קאַרגן שייך אָנגענומען באהבה.

נאָך פיל זוכענישן און פרעגענישן וועגן אַ ווינקל, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יונגן פּוילישן ייד, וועלכער איז דאָ געווען מיט אַ ברודער און האָט זיך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע פון מיר. זיי זענען געווען פון די ערשטע אָנגעקומענע און ווי ס׳איז שוין איינגעאָרדנטע.

דער עלטערער, לייבל גאָלדמאַן, מיט אַ פרוי און קינד, האָט געהאַט זיין דירה פון אַ צימער מיט אַ קיך, ביי וועמען דער יונגערער, בערל, האָט געוווינט. זיי האָבן בשותפות געוווינט אין דער דירה און בשותפות געאַרבעט אין דער דזשאַמבולער גרויסער באָד.

ווי יששכר מיט זבולון, האָבן זיי זיך איינגעטיילט מיט די ראָלן. לייבל איז געווען דער סאַמאָראָדנער בעל־הבית („זאַוויעדושטשע״) און בעדער. און בערל, איז געווען דער „שומר הבאָד״ (וועכטער). און די גאַנצע באָד האָט צו זיי „געהערט״.

איר וועט פרעגן, וואָס דאַרף אַ באָד אַ וועכטער, מען וועט די באָד אויפעסן אָדער איר אַרויסגנבענען? קענט איר נישט, זייט מוחל, דאָס סאָוויעטן־לאַנד. ערשטנס, איז דאָרט אַ באָד אַ זאַך פונעם ערשטן געברויך,

אַ שטייגער ווי ברויט. צווייטנס, מען וועט טאַקע די באָד נישט אַרויסגנ־בענען, מען קאָן זיך אָבער אין איר אַריינגנבבענען און פון איר אַרויסגנבבענען אָן אומזיסטן וואַש אָדער שפּריץ... און דער עיקר, קאָן מען צווישן אירע פייכטע און צעפּאַרעטע ווענט אַדורכשלאָפן אַ נאַכט. און אינעם לאַנד פון „פרייהייט" איז די נאַכט אויך נישט פריי...

איך האָב פאַר דעם יונגן בערל אויסגעגאָסן מיין גאַנץ ביטערניש און ער האָט מיך צונויפגעפּירט מיט זיין ברודער לייבל. און זיי ביידע האָבן מיר געפּרוּווט העלפן מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט.

קודם האָב איך צו זיי אַריינגעטראָגן מיין שוואַרצן „קאַלעיאַרסקן" מאַנטל, וועלכן איך האָב באַקומען פונעם פּוילישן פּונקט, וואָס קיינער האָט אים נישט געוואָלט אַריינגעמען. נישט קיין פרומער און נישט קיין פרייער ייד. זיי האָבן ביידע געהאַט זייער תירוץ.

באַזונדערס האָט דער פרומער ייד מיר גלייך „געהאָלפן" מיט אַ הלכה: „ווייסט דאָך, אַז אַ שומר חינם איז פּטור פון „גניבה ואבידה"...

נאָר ווען איך האָב דעם איינפאַכן לייבל געמאַכט אַ באַמערקונג פאַרן אויפהענגען מיין פּאַלטאָ־אוצר ביי דער טיר, האָט ער מיר פעסט געענט־פערט: „זאָרג זיך נאָר נישט, איך, לייבל, בין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך". און איך האָב זיך אין אים נישט אַנטוישט.

זיי האָבן אויך געשטעלט צו מיין רשות „זייער" גאַנצע באָד. איך האָב אָבער אין די ערשטע וואָכן, וועלכע זענען נאָך געווען וואַרעמע, און דער עיקר, צוליב די פרישע פאַרפאָלגונגען, וועלכע האָבן זיך נאָכן אַרויספאַר פון אַנדערסעס אַרמיי אויף אונדז פּוילישע אַ שאָט געטאָן, נאָך אין איר, צוליב מורא פאַר אַן אָבלאַווע, נישט געשלאָפן.

איך האָב דאָן געגעכטיקט אין דער אַנטקעגנדיקער שטאָל, וועלכע איז געווען פול מיט פריש־אָפּגעשניטענעם היי. און דאָס שמעקנדיקע היי האָט ווי באַרוישנדיקער וויין מיך באַרוישט פון מיינע צרות און איינגעשלעפערט.

ס'איז געווען דאָס יאָר 1943. די לאַגע איז נישט געווען קיין סטאַבילע און גאָרנישט איז געשטאַנען אויף אַן אָרט. און אויך די סאָוויעטישע באַציונג צו אונדז האָט זיך צום ווייפלטן מאָל געביטן.

עס האָבן זיך באַנייט די אַמאָליקע שיקאַנעס און מען האָט ווידער אָנגעהויבן כאַפּן אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. און אויך אני הקטן, האָב טראָץ מיינע פאַרזיכערטע פּאַפּירן — געמוזט זיין פאַרזיכטיק.

האָב איך זיך אין די נעכט, ווי לאַנג ס׳איז נאָך געווען וואַרעם, אויס־באַהאַלטן אין דער שטאַל און זיך פאַרנאַרעט אינעם היי. ווען דער זומער איז אָבער אַוועק און ס׳איז אָנגעקומען האַרבסט, האָב איך זיך שוין געמוזט אַריבערטראָגן אין דער באָד.

די באָד איז געווען אַ געגוג גרויסע, אַ געמויערטע, מיט באַזונדערע אָפטיילן און שטיינערנע בענק ביי די זייטן פון די ווענט, ווו מען האָט זיך געקאָנט אויסציען.

שטייניק האַרט, האָט אָבער אין די קאַלטע נעכט דעם גוף אַרומגע־נומען אַ צעפאַרעטע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פונעם שוויץ־אָפּטייל און פון הייסן וואַסער.

אין אָנהייב בין איך געווען אַליין. שפּעטער האָבן זיך געיאַוועט נאָך אייניקע. איך ווייס נישט צי זיי זענען, ווי איך, געקומען מיטן רשות פון שומר הבאָד, צי זיי האָבן זיך אויף גראַנדע אַריינגעכאַפּט. איך האָב זיי וועגן דעם נישט געפרעגט. ס׳איז אונדז אָבער ענג נישט געווען. און יעדער איינער האָט געהאַט גענוג אָרט און פאַרע פאַר זיין הפקרדיקן גוף.

שפּעטער אָבער, ווען דער קאַזאַכישער ווינטער האָט זיך מיטאַמאָל צעווילדעוועט מיט זיינע שאַרפע קעלטן, איז אין איין נאַכט אָנגעקומען אַ גאַנצע מחנה היימלאָזע זשוליקעס. זיי זענען מיט אימפּעט צוזאַמען אַריין ווי צו אַן אָנגריף און האָבן גלייך פאַרכאַפּט זייערע שטייניקע פּאָזיציעס.

מיין אָרט האָט קיינער נישט צוגענומען. און אויך פאַר זיי האָט נאָך אַלץ קיין ערטער נישט אויסגעפעלט. און אַלע וואַלטן אין שלום און שלווה פריי געקאָנט אָפּקוועטשן זייערע ביינער אויף די נאַסע שטיינער. זענען זיי אָבער אַריין אָן אַ „פּראָפּוסק״, — און אַזאַ פאַרברעכן האָט שוין די סאָוויע־טישע פאָלקס־מיליץ נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

איך האָב נאָך נישט געהאַט באַוויזן אַנטשלאָפן צו ווערן, ווי אַ פרישער טומל איז אַרום מיר אויסגעבראָכן. איך עפן די אויגן, אַ נייע מחנה דעראָ־בערער האָט זיך אין דער באָד־„פעסטונג״ אַריינגעריסן.

נאָר דאָס מאָל שוין נישט קיין הפקרדיקע זשוליקעס, נאָר מיליציאָ־נערן פון דער שטאָטישער פאָלקס־מיליץ. ס׳איז די באַקאַנטע רוסישע אַבלאַווע.

אַ טומל, אַ גערודער, מען שרייט און מען ליאַרעמט, ביז אַלע היימלאָזע ווערן ביז איינעם צונויפגענומען און ווערן אַרויסגעפירט פון באָד. זיי זענען אַלע געווען רוסן, רוסן פון אַלע סאָרטן, — נאָר איך בין געווען דער אייג־

ציקער ייד. די מיליציאַנערן האָבן מיך דאָס מאָל געשאַנעוועט. זיי האָבן מיך מיט זיך נישט גענומען.

און איך, גלובנדיק אַז מיך מיינט מען נישט, האָב מיין נעכטיקן אין באָד ווייטער פאַרגעזעצט. און איך האָב אַזוי לאַנג אין איר גענעכטיקט, ביז די זעלבע מיליציאַנערן האָבן פון מיר דעם דאָזיקן אויפגעצוווּנגענעם השק אַרויסגעשלאָגן.

אין איינער אַזאַ נאַכט, ווען דער פראָסט האָט זיך באַנייט, האָט זיך אויך באַנייט די אינוואַזיע פון די הימלאָזע. און ווידער האָבן זיך אַהער אומגעריכט אַריינגעריסן אַ כאַפּטע מיליציאַנערן מיטן געשריי „אויפהייבן זיך!" און דאָס מאָל האָבן זיי שוין אויך מיך מיט זיך מיטגענומען.

איך האָב זיך „מיט ציין און נעגל" געפּרוווט ראַנגלען פאַר מיין פרייהייט. איך האָב געוווּסט, אַז מיין זינד איז נישט גרויס, און איך האָב פאַרן עצם חטא נישט מורא געהאַט. איך האָב אָבער צוליב דער הפקרות אין די סאָוויעטישע תפיסות און אַרעסט־הייזער מורא געהאַט פאַר יעדער רגע אַרעסטירט ווערן.

איך האָב מורא געהאַט נישט אַזוי פאַרן איבערשלאָפן די נאַכט אין אַרעסט, נאָר פאַר די רויבערישע גנבים, וועלכע קאָנען מיך אויסליידיקן פונעם לעצטן רובל און אויך פון לעצטן העמד אויפן לייב, ווי ווערטלאָז עס זאָל נישט זיין. אין אַזאַ פאַל איז דער אַרעסטירטער אינגאַנצן שוצלאָז. טראָץ דעם, וואָס ער געפינט זיך אונטער דער סאַמע נאָז פון דער סאָוויע־טישער מיליץ.

האָב איך דעם עלטסטן געפּרוווט אויפקלערן, אַז איך האָב צו די הימ־לאָזע זשוליקעס קיין שייכות נישט. איך קען זיי אפילו נישט. איך נעכטיק דאָ פּשוט דערפאַר, ווייל איך האָב נישט קיין אַנדער אָרט ווו צו שיצן זיך פון דער קעלט.

איך וואָלט זיך געקאָנט פאַררופן אויפן פאַרוואַלטער פון דער באָד, אויף גאָלדמאַנען. האָב איך אָבער מורא געהאַט עס זאָל אים אַליין נישט שאַטן. — און ווידער זיך פאַררופן אויף באַקאַנטע פונעם פּוילישן פּונקט, האָב איך זיך פּשוט געשעמט.

איז מיר מער נישט געבליבן ווי אויסטראָגן דעם פּיין און די חרפה אין זיך אַליין. שטיקן זיך מיט די יסורים אין דער אייגענער פאַרבאָר־געניש...

דער עלטסטער האָט מיינע טענות נישט אָנגענומען. און איך האָב

צוזאַמען מיט די איבעריקע אין דער פּראַסטיקער נאַכט מאַרשירט צום נאָענטסטן מיליציע־הויז, וואָס איז פונדאַנען געווען אייניקע וויאָרסט.

אין פּאָליציי־ציִרקל האָט מען קיינעם פון אונדז גאָרנישט געפרעגט. נאָר מען האָט אונדז ווי שיכורים גלייך אַריינגעלאָזט אין די קאַמערן, איבערצושלאָפן די נאַכט. איך האָב די נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן, ווייל איך האָב צוליב די גנבים מורא געהאַט צו שלאָפן. און ווי אַ שווער־קראַנ־קער האָב איך געוואַרט אויפן טאָג.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט מיך דער נאַטשאַלניק דעם ערשטן אַרויסגערופן און מיך אָנגעהויבן מוסרן הלמאי מען האָט מיך אַהערגע־בראַכט. „ווי קומסטו צו זיי?, ביסט נישט זייערסגלייכן”, האָט ער אין מיר אַריינגעטענהט.

— אויב איך געהער נישט צו זיי, פאַרוואָסזשע האָט מען מיך פאַר־האַלטן? — האָב איך זיך אין זיין אייגענער טענה אָנגעכאַפּט.

— ווייל מען טאָר זיך נישט אַרומשלעפּן און נעכטיקן אין באַד. מען דאַרף אַרבעטן און זיך דינגען אַ דירה.

און אויף מיינע רייד, אַז אדרבא, זאָל ער מיר געבן אַזאַ דירה וועל איך מער דאָרט נישט נעכטיקן — האָט ער גאָרנישט געענטפערט. פונדעסט־וועגן האָט ער ביים סוף נישט פאַרגעסן מיך צו וואָרענען מער נישט אַריינצופאַלן...

אָנגעלערנט פון דער מעשה מיט דער באָד, האָב איך זיך ווידער גענו־מען זוכן אַ דירה. דאָס מאָל האָב איך זייער שטאַרק געזוכט, בין כמעט געגאַנגען פון הויז צו הויז און זיך ביי יעדן איינעם געפרעגט וועגן אַ צימער. און ביי דער צעוואָרפנקייט פון די דזשאַמבולער הייזער, איז עס נישט געווען קיין גרינגע מלאכה.

אין מיינע אויערן האָט אָבער געקלונגען דעם לייטענאַנטס לעצטע וואָרענונג. און איך האָב געוווּסט וואָס דאָס מיינט. — בין איך אַזוי צוויי טעג אַרומגעקראָכן, ביז איך בין, ווייט הינטער דער שטאָט אַריינגעפאַלן צו אַ יידיש־פּוילישן שניידער.

יאָסל דער שניידער האָט מיר גלייך אָנגעוויזן אויף אַ צימער אינעם זעלבן הויף. ער האָט מיך אָבער גלייך אויך געוואָרנט, אַז די באַלעבאָסטע איז אַ גנבטע, און איך זאָל ביי איר נישט דינגען, סיידן איך וועל ביי איר קיין זאַך נישט האַלטן. זי האָט אַפילו אים אַליין, וואָס ווױנט באַזונדער,

אויך באַגנבעט. און צוליב איר, גייען זיי, ער און זיין פרוי, נישט אַרויס צוזאַמען פון שטוב.

איך האָב אָבער אין מיין לאַגע נישט געזען קיין אויסוועג. איך בין שוין געווען מיד פון זוכן און האָב זיך געשראָקן פאַר יעדן אַנקומענדיקן אָוונט. און טראָץ דעם, וואָס איך האָב געפילט, אַז איך וועל אין דער דירה נישט מאריך ימים זיין, האָב איך באַשלאָסן איר צו דינגען.

מיין באַלעבאָסטע, כאַליוואַ־אַזי, אַ טאַטערקע פונעם מיטעלן ווּקס, אין די דרייסיקער יאָרן, האָט פאַר מיין ווינקל געשטעלט אַ הויכן פּרייז. נישט האָבנדיק אָבער קיין ברירה, האָב איך אויך אויף דעם מסכים געווען.

די דירה אַליין, — איז לגבי די אַנדערע דזשאַמבולער דירות, געווען אַ נישקשהדיק מענטשלעכע. הגם נישט מער ווי אַ צימער מיט אַ קיך, זענען זיי אָבער געווען מיט הילצערנע פּאָדלאָגעס און מיט אַביסל מעבל. און דאָס איז שוין געווען אַ דערגרייכונג.

ווען איך האָב ביי איר געדונגען דאָס ווינקל, האָט זי זיך מיר פאָרגע־שטעלט פאַר אַן אַלמנה מיט צוויי שול־מיידלעך, אַן עלטערע און אַ יונגערע. און צוזאַמען האָבן מיר געזאָלט זיין זאַלבעפערט.

זי אַליין, כאַליוואַ־אַזי, איז נישט געשלאָפן מיט אירע קינדער אין הויפּט־צימער, נאָר גאָר באַזונדער אין קיך. און דאָס איז געווען אירס אַ פּריווילעגיע. — אויך דאָ בין איך געשלאָפן אויף שטרוי, נאָר שוין נישט אויף דער ליימקע, נאָר אויף אַ געהיבלעוועטער הילצערנער פּאָדלאָגע. און ווען די צניעותדיקע טאַטערקע האָט שפּעטער חתונה געהאַט (צום ווייפלטן מאָל), איז באַלד נאָכן האָניק־חודש אויך דער פרישער מאַן, אַן אוזבעק, צוזאַמען מיט אונדז געשלאָפן אינעם הויפּט־צימער.

כאַליוואַס שוואַכקייטן זענען באַשטאַנען אין ליבע, געלט און טרינקען. כאָטש קיין באַזונדערס שיינע איז זי נישט געווען, האָבן איר קיינמאָל קיין „ליבהאָבער" נישט געפעלט. און ווען זי איז נאָר געווען ניכטער, האָט איר טונקל־אַליוו פּנים אַרויסגעגעבן אַ צאַרטן חן. איז זי אָבער געווען שיכור, איז זי געווען עקלהאַפט. נישט געהעריק אָנגעטאָן, האָט זי געשאָטן מיט קללות און חרמות, און זיך געזידלט אויף רעכטס און אויף לינקס.

זי האָט דאָן דאַן אויסגערעדט אָסור לדבר אויף דער סאָוויעטן־מאַכט, און האָט אויך נישט פאַרגעסן צו באַזידלען, אויפן אוקראַיינישן שטייגער, די „זשידעס", כאָטש זי איז גאָר געווען אַ ריינע טאַטערקע. און ווען איך בין

אין מיטן פון אַזאַ האָווקען איר פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי אויך אין מיר נישט פאַרגעסן און מיך געגומען שטויסן פונעם הויז.

אין אָנהייב האָב איך פאַר איר שיכורן צושטאַנד אַביסל מורא געהאַט. נאָר ווען איך האָב זיך מיט איר מער באַקענט און האָב געהערט דעם כיבוד, וואָס איר עלטער מיידל, די גימנאַזיסטקע, דערלאַנגט איר, איז איר ביסל אָנזען ביי מיר נאָך מער געפאַלן. און איך האָב זיך איינגאַנצן מיט איר אויפגעהערט צו רעכענען. און ווען זי האָט מיך דאָס צווייטע מאָל געפּרוווט אַרויסשטויסן פון שטוב, האָב איך איר שוין, אין אַזאַ היסטערישן אָנפאַל, פון איר אייגן הויז אַליין אַרויסגעטריבן. און דאָס האָט געווירקט.

זי איז צוריק אַריין, און ווי אַן אָפּגעשמיסענע, שוין בלויז געוואָרטשעט צו זיך אַליין. און פון דאַן אָן האָט זי מיך שוין מער פונעם הויז נישט געטריבן.

די טאָטערקע האָט נישט פאַרמאָגט דאָס מינדסטע געפיל פון שאַנד. יעדן שבת אָוונט האָט איר אַ געליבטער באַזוכט, און נאָך אַ הוליאַנקע שוין מיט איר אין קיך געבליבן ביז אין דער פרי.

און ווען ער איז אין דער פרי אַוועק, האָט זי אויפסניי אָנגעהויבן צו טרינקען און איר שיכרות־וואַקכאַנאַליע האָט זיך באַנייט. איר שיכרות־היסטעריע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן אָוונט.

אַזוי איז געווען איר סדר און שטייגער פון איר לעבן. האָט דערפאַר איר גימנאַזיסטקע, וואַנקאַ, ביים מינדסטן איבעררייד צווישן זיי, אָפּגע־צאָלט דער טאָטערישער מאַמען, פאַר איר, דער טאָכטערס פאַרשעמונג — כפל כפליים.

די שילערין האָט דער מאַמען געוויזן, אַז זי שטייט נישט אָפּ פון איר, און איז איר אמתע טאָכטער. „בליאַד" (נקבה), איז שוין געווען דאָס איידלסטע וואָרט מיט וואָס די רוסיפיצירטע וואַנקאַ האָט, אין איר טאָטערישן טעמפּעראַמענט מכבד געווען איר געבוירערין. נאָר אויסער דעם, האָט וואַנקאַ זיך אויפגעפירט קאָרעקט און האָט זיך גוט געלערנט.

פאַר מיר, וואָס האָט ביז דאַן פון אַזאַ כיבוד־אָם נישט געהערט, האָט עס אויסגעזען שרעקלעך. נאָר ווען איך האָב זיך שפּעטער אָנגעשטויסן אויף עפּעס ענלעכס, ווען די טעכטער האָבן דאָס זעלבע געטאָן ווי כאַליוואַ, און די מוטער האָט זיי אויף אַזאַ ענלעכן אופן באַוידלט און דערפאַר באַקומען מכות רצח, האָב איך זיך צו דעם אַביסל צוגעוווינט.

כאַליוואַ האָט געאַרבעט אין אַ צוקער־פאַבריק. און איינער פון אירע

פאַבריקס־עלטסטע, אַ מגושמדיקער אוקראַינער מיט אַ בולבעדיקער שטימע, איז געווען איר געליבטער.

אַ באַזיצער פון אַן אייגן טאַטעריש ווינקל, ווערזשע האָט זיך דאָן צו מיר געקאָנט גלייכן?... האָט זיך מיין זעלבסטגעפיל געהויבן און מיך שוין געטראָגן „מחיל אל חיל". — איך האָב דאָך געדאַרפט פאַרדינען אויף דעם היכן ווינקל־געלט. און סתם אַזוי, ווי פאַסט עס אַ טאַטערקעס קוואַרטי־ראַנט אַרומצוגיין ליידיק?

איך האָב געוווסט, אַז קיין לייטישע רעגירונגס־אַרבעט וועל איך נישט באַקומען. נו, האָב איך געטראַכט, דאַרף מען זיך פאַרשאַפן אַן אייגענע שטעלע. זיין באַשעפטיקט ביי זיך אַליין. און איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם וואָס איך האָב געטאָן אין ביאַליסטאָק, נאָכן ליקווידירן מיין שוויגערס געשעפט.

אין די לעצטע פאַר־היטלער־יאָרן בין איך געווען אויסער שריפטשטע־לער, אויך אַ ביטע־שרייבער און ווינקל־אַדוואָקאַט. איז דאָ פון אַ ווינקל־אַדוואָקאַטור נישטאָ וואָס צו רעדן, איך קאָן זיך גלייך אַריינוויקלען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אָבער אויספילן פאַפּירן פאַר פריוואַטע קליענטן, ווי, למשל, אויף דער דזשאַמבולער פאָסט, פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט פרוון?

און „אומר ועושה". אויף צומאָרגנס בין איך שוין געווען אויף דער פאָסט, און קיינעם נישט פרעגנדיק, זיך גלייך אַוועקגעזעצט ביים טיש, וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר די אינטערעסאַנטן.

אין אָנהייב האָבן די פאָסט־אָנגעשטעלטע געמיינט, אַז דאָס זיצט אַזוי אַן אינטערעסאַנט. ווען אָבער מיין זיצן האָט זיך כסדר איבערגעחזרט, האָבן זיי זיך שוין איבערצייגט, אַז איך האָב זיך דאָ באַזעצט להשתקע (אויף שטענדיק).

אַלע פאָסט־אָנגעשטעלטע האָבן שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. — נאָר איינער, און דאָס דער וויכטיקסטער, דער נאַטשאַלניק פון דער פאָסט, האָט מיט מיר נישט געוואָלט שלום־מאַכן.

„שפעקולירויעש" (שפעקולירסט), האָט ער אויף מיר געהאַלטן אין איין שרייען. און אַלע מיינע אַרגומענטן, אַז די קליענטן צאָלן מיר אַליין זייער פרייז און איך נעם אַלץ וואָס מען גיט מיר, האָבן נישט געהאָלפן. און ער האָט מיך געטריבן פון דער פאָסט. נאָר וויפל ער האָט מיך נישט געטריבן, האָט ער מיך פון איר נישט געקאָנט פאַרטרייבן.

האָב איך מיין אַרבעט פאַרגעזעצט ביי אַלע נאַטשאַלניקעס. איך האָב דורך דער צייט איבערגעלעבט ביי אַ פיר נאַטשאַלניקעס. אייניקע זענען דורך דער צייט געשטאָרבן און די איבעריקע האָבן זיך געביטן. ביז דער לעצטער נאַטשאַלניק, און דאָס אַ ייד, האָט שיעור מיך נישט איבערגע־לעבט... נאָר וועגן דעם שפּעטער.

זומער־צייט בין איך אַרויס אין דער פרי, נאָך איידער די דזשאַמבו־לער זון האָט זיך צעפלאַקערט, און בין צוריקגעקומען אינעם שפּעטן אָוונט. הגם אַרום דער פּאָסט האָב איך זיך געפּאָר׳עט נאָר ביז פיר נאָכמיטאָג.

דאָס האָב איך זיך אַזוי מכין געווען צו אַן אָוונט־„סטאָלאָווע" (קיך). און אויף אָפּצועסן און אָפּצוטרינקען אין אַזאַ סטאָלאָווע, האָט מען געדאַרפט אַוועקגעבן פיל צייט. איך האָב ביי דער פּאָסט נישט שלעכט פאַרדינט. איך בין יעדן טאָג אַוועק מיט אַ פינפאונצוואַנציק ביז פינפאונדרייסיק רובל. אין דער צייט, ווען איך האָב שפּעטער, ביי מיין וואַרטע־אַרבעט, פאַר אַ גאַנצע נאַכט שטיין אויף די פיס, קוים באַקומען אַ הונדערט און דרייסיק רובל אויף דער האַנט, — און דאָס פאַר אַ גאַנצן חודש.

מיין שלעכטע מערכה האָט זיך פאַרבעסערט. איך בין אָבער נישט געווען צופרידן מיט דער דירה. איך האָב שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג מיט מיינע ביזאַהעריקע „דירות". האָב איך מורא געהאַט, אַז אויך מיט דער דאָזיקער דירה וועט זיך נישט גוט ענדיקן, בפרט, ווען איך האָב זיך סיוווי אין איר געקוועלט מיט די זאַכן. האָב איך געוואָלט באַצייטנס זיך באַזאָרגן מיט אַן אַנדער׳ער, ווו איך זאָל אַליין זיין דער גאַנצער בעל־הבית.

איז דעריבער ביי מיר אויפגעקומען דער געדאַנק פון ווערן אַן אינער־לעכער נאַכט־וועכטער. אי איך וועל האָבן אַן אייגן ווינקל ווו איך וועל אַליין זיין דער בעל־הבית און אי איך וועל האָבן אַ „שילד" — זיך צו דעקן פאַר מיינע פּאָסט־שרייבנדיקע „שפּעקולאַציעס"...

אַן אינערלעכער וואַרטאָווניק אָבער האָט זיך דאַן גערעכנט פאַר אַ באַקוועמען און יחסנותדיקן פּאָסטן. און עס זענען אויף אים געווען פיל בעלנים, בפרט פון אחינו שלעפּער. איך האָב פונדעסטוועגן מיין אויג פון דעם נישט אָפּגעלאָזט...

אין דער דאָזיקער צייט זענען דערווייל פאַרגעקומען געשעענישן, וועלכע האָבן איבערגעאַנדערשט דאָס פּאָליטישע לעבן פון די פּאָליאַקן אין רוסלאַנד. די זעלבע געשעענישן האָבן אויך באַווירקט זייער שפּעטערדיק לעבן, שוין אין זייער היים.

מען האָט צעטריבן און אַרעסטירט דעם פּוילישן קאָמיטעט פאַר נישט נעמען קיין סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן און מען האָט צוגענומען די ברויט־קאַרטן. וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, די באַקאַנטע פּוילישע קאָמוניסטין, האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ נייע פּוילישע אַרמיי. אַן אַרמיי, וועלכע זאָל גיין אינעם סאָוויעטישן שפּאַן. און אין מאָסקווע האָט זיך געגרינדעט דער „פאַראיין פון פּוילישע פּאַטריאָטן”, דער ז.פּ.פּ., מיט זיינע לאָקאַלע קאָמי־טעטן אויף די ערטער.

אָט די אַלע געשעענישן האָבן אויך מיך, ווי בכלל די איבעריקע פּוילישע יידן, אַריינגעצויגן אין זייער שטורמישן געווירבל. און באַזונ־דערס בין איך, צוליב מיין גנבישער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט שוין דאַן געזוכט אַ געלעגנהייט פון מיר פּטור צו ווערן, אין דעם דאָזיקן געווירבל געוואָרן אַריינגעכאַפּט...

אינעם לויף פון די דאָזיקע ענדערונגען, האָט אויך כאַליוואַ באַשלאָסן אַדורכצופירן אַ שינוי אין איר לעבן. ס'איז איר „פּאַרמיאַוסט” געוואָרן דאָס טריפהנע ליובען זיך, און האָט עס געוואָלט כשרן — דורך אַ געזעצ־לעכער חתונה.

ס'האָט זיך איר איינגעגעבן, דער טאַטערקע, צו טאָן אַ פרישן „שידוך”, און דווקא מיט אַ פיין־אויסזעענדיקן אוזבעק. צי דער אוזבעק האָט נישט געוווּסט פון אירע לינקע „געשעפטן”, צי ער האָט זיך דערפון נישט וויסנדיק געמאַכט, ווייס איך נישט. נאָר ער האָט ביי איר גלייך נאָך דער חתונה גע־האַט פּונקט אַזאַ מערכה ווי איך.

מוסאַלין איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער און אַ גאַנץ רויקער. און ס'האָט נישט לאַנג גענומען, ווי ער איז געשלאָפן אינעם זעלבן צימער ווי איך און די מיידלעך, און אויך אויף דער פּאַדלאָגע. און כאַליוואַ איז זיך ווייטער געבליבן „ביחידות” אין קיך, מיט איר בעטל און מיט איר „פריי־הייט”...

דערוויל אָבער האָב איך, צוליב דער דאָזיקער אוזבעקיש־טאַטערישער חתונה, געגעסן רייז מיט שאַשליק (פעט געבראָטן פליש) און פאַרטרונקען מיט ברויט־קוואַס. איך האָב אָבער פאַרן דאָזיקן ביסל רייז שפּעטער טייער באַצאָלט.

קיין חתונה־בילעט און קיין איינלאַדונג האָט מיר כאַליוואַ אויף איר חתונה נישט געשיקט. איך האָב אַפילו ביז דער סאַמע חופּה דערפון אינ־גאַנצן נישט געוווּסט. איך בין ערשט דערפון געוווּיר געוואָרן אין מיטן

פון דער סאַמע שמחה. ווען מיטאַמאָל האָט מיך די טאַטערישע כלה, בכבודה ובעצמה, אַרויסגעבעטן פון מיין צימער צו איר אין קיך אַריין. און גלייך האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַזעלכע מאָדנע געסט און צווישן זיי אויך אַ מוסולמענישער מולאַ.

איסער דער כלה כאַליוואַ־אַזי, זענען אַלע געסט, אַ מזומן אין צאָל, געווען מענער. און זיי אַלע זענען געווען אין זייער אוזבעקיש־מוסולמענישן טראַכט. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, פון וועמענס זייטיקע קעשענעס האָבן אַרויסגעשטעקט רויטע פּאַטשיילעס (נישט קיין סאָוויעטישע), און אין היטל און יאַרמולקע (אַזאַ אוזבעקיש קאַפּל).

מען האָט זיך געוואַשן צום עסן און מען האָט אויך געזונגען „זמירות״. דער מולאַ האָט אויף זיין אופן, כדת מאַכמעד און אוזבעקיסטאַן, מסדר קידושין געווען און די חתונה איז געווען געענדיקט.

ס׳איז געווען אַ שטילע און אָרעמע חתונה, ווי מען מאַכט פאַר אַ פּרוי, וואָס איז שוין נישט אין איר ערשטער אלמנהשאַפט. און זי האָט נישט לאַנג געדויערט. און אין מיטן פון דער התונה־צערעמאָניע האָט מיר כאַליוואַ אַריינגעבראַכט, ווי מען ברענגט אַריין אַן איזאָלירטן קראַנקן אָדער אומריי־נעם, אַ וואַזעלע רייז מיט שאַשליק, באַשאָטן מיט רויטן פעפער.

איך האָב איר פאַר חתונה־כיבוד געדאַנקט און געווינטשן, אַז איר זיבעטער „זיווג״ זאָל עולה יפה זיין. און די כלה האָט מיר פאַר מיין ווינ־שעוואַניע געמאַכט אַ טאַטערישן געפעפערטן קאָמפּלימענט...

מיין נייער אוזבעקישער בעל־הבית איז נישט געווען שלעכט צו מיר. ער האָט זיך בכלל ווייניק געמישט און איז אַרומגעגאַנגען אין הויז ווי אַ זייטיקער. און איך, פאַרנומען מיט מיין אַרבעט אויף דער פּאָסט, האָב שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אין דעם שניידערס וואָרענונג.

איך האָב ביי גאָלדמאַנען אָפּגענומען דעם קאָליעאַרסקן מאַנטל מיט די נייע שיך וואָס איך האָב באַקומען פונעם פּוילישן פּונקט, און זיי צוגע־לייגט צום אָפענעם זאַק, וואָס איך האָב ביי דער טאַטערקע געהאַלטן, ווייל האַבנדיק צוריק אַן אייגן ווינקל האָב איך געוואָלט אַלץ האָבן אויף איין אָרט.

בין איך איינמאָל אין אַן אָוונט, האָבנדיק עפּעס אַ פאַרגעפּיל, מיט האַרץ־קלאַפּונג צוגעגאַנגען צום זאַק און גענומען נאָכקאָנטראָלירן די זאַכן. און אַ היץ האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. איך האָב דעם פּאַלטן מיט

די שיך נישט געפונען. די סאַמע פאַר מיר נייטיקסטע און טייערסטע זאַכן האָבן געפעלט.

לויט דעם שניידער׳ס וואָרענונג און דעם שם וואָס זי האָט געהאַט, האָט ביי מיר נישט געקאָנט זיין דער מינדסטער ספק, אַז דאָס איז איר אַרבעט. האָב איך איר גלייך גענומען אויפן זיכער און צו איר צוגעשטאַנען, זי זאָל מיר תיכף אָפּגעבן די זאַכן.

לכתחילה האָט זי געלייקנט שטיין און ביין. ווען זי האָט אָבער געזען, אַז איך לאָז זיך נישט, בפרט נאָכדעם ווי איך האָב איר גענומען סטראַשען מיטן איבערגעבן צום פּראָקוראָר, האָט זי שוין אויפגעהערט צו לייקענען און צוגעזאָגט פאַר זיי צו באַצאָלן.

דערנאָך ווידער האָט זי גענומען טענהן, אַז נישט זי האָט די זאַכן גע־נומען, נאָר איר ליובאָווניק פון דער צוקער־פאַבריק, קאָניעוואַלין. און ער וועט מיר פאַר זיי אויסצאָלן אין קליינע ראַטעס. בין איך אַוועק צו איר ליובאָווניק, האָט ער, פּונקט ווי זי, צו דער גניבה זיך נישט מודה געווען. ער האָט מיך פונדעסטוועגן באַרויקט און כלומרשט מסכים געווען צו די ראַטעס.

ער האָט אָבער מער נישט ווי מסכים געווען. נאָר קיין צורת המטבע האָב איך פון זייביידע נישט אָנגעקוקט. דאָס האָבן זיי געוואָלט די זאַך בלויז אָפּשלעפּן כדי מיך אָפּצוקילן. בין איך צו דער טאַטערקע געוואָרן מאָנענדיקער און צודרינגלעכער, ביז זי האָט מיך געהייסן אָפּנעמען מיט דירה־געלט.

„קאָנסט ביי מיר וווינען אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אָפּנעמען דיין חוב", האָט זי שוין אַצינד געזאָגט. איך האָב געוווּסט, אַז אויך מיט דעם מיינט זי נישט ערנסט. זי וועט צוליב דעם זוכן עצות פּטור צו ווערן אי פון מיר און אי פון מיין חוב.

איך האָב אָבער קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט. איך האָב אַליין אויך מער נישט געמיינט ווי איר צו סטראַשען, ווייל צוליב מיין שרייבן אומלעגאַל אויף דער פּאָסט האָב איך מורא געהאַט קעגן איר צו פאַר־פירן אַ פּראָצעס. איך וואָלט דאַן געהאַט קעגן זיך מער ווי איין נאַטשאַל־ניק. — כאָטש איך בין שפּעטער סיווי דורך אַזאַ נאַטשאַלניק אַריינגעפאַלן.

בין איך איינגעגאַנגען אויף איר פאָרשלאַג און האָב איר פון דער צייט אָן אויפגעהערט צאָלן דירה־געלט. איך האָב אָבער לאַנג פון דער דאָזיקער

פּריווילעגיע נישט געגאַנגען. אונדזער בלאָס איך ... פֿאַרויסגעזען איז געקומען. די צייט האָט פֿאַר איר געאַרבעט...

ס׳איז געווען די צייט פֿון די רדיפות אויף די פּוילישע בירגער. האָט זי מער נישט געדאַרפֿט, ווי טאָן דאָס זעלבע, וואָס דער נייער גאַטשאַלניק פֿון מיין סטאַלינאַבאַדער עוואַקאַ־פּונקט האָט געטאָן.

און זי האָט עס געטאָן. נאָר אויב אין סטאַלינאַבאַד בין איך פֿון אַזאַ נאַכטיקער אָבלאַווע גיך צוריקגעקומען אין מיין מקום מנוחה, איז דאָס מאָל געווען ערגער, ווייל עס זענען אין דזשאַמבול אויך געווען די טעג פֿון דער פּאַספּאָרטן־גזירה, וועלכע איז געווען אַ פּאָליטישע...

קאַפּיטל פֿינפֿאונדדרייסיק

צרות פֿון מיין ערשטער דירה

ס׳איז געווען אַ הייסע זומערדיקע נאַכט. פֿון יענע נעכט, וועלכע „שיטן" מיט פֿייער ווי מיט זאַמד. כאַליוואַס הויזגעזינט איז אַרויס שלאָפֿן אויפֿן הויף. און אויך איך האָב זיך אויסגעבעט אויפֿן הויף.

און „ויהי בחצי הלילה" (אַרום האַלבער נאַכט), עס שטייען אַרום מיר מיליציאַנטן און טרייבן מיך אונטער וואָס גיכער זיך אָנצוטאָן. און אויך כאַליוואַ מיט איר פּריש־איינגעהאַנדלטן מאַן טרייבן מיך אונטער.

ס׳איז אַצינד פֿאַר זיי די בעסטע געלעגנהייט פֿון מיר פּטור צו ווערן. נאָר איך פֿאַרגין זיי נישט אַזאַ גרינגן ביסן, — און שריי עקסטרע הויך, אַז די מיליציאַנטן זאָלן הערן, אַז איך האָב איר פֿאַרויס באַצאָלט פֿאַר צוויי יאָר דירה־געלט (פֿאַר די געגנבעטע זאַכן) און איך לאָז דערווייל ביי איר איבער מיינע זאַכן.

זי האָט געמיינט, די טאַטערקע, אַז מען נעמט מיך צום מיליטער און זי איז פֿון מיר אינגאַנצן פּטור. כאָטש סיוויי איז זי אין אַ צייט אַרום פֿון מיר פּטור געוואָרן. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין געדולד אַפֿילו אויף דעם צו וואַרטן.

נאָך אַ לענגערן מאַרש, פירט מען מיך אַריין אין אַ שטאַטישן פּאָליציי־אָפּטייל. און איך האָב געטראַכט: „פון איין פייער אַרויס און אין אַנדערן אַריין". צוליב דער באָד־אָבלאַווע האָב איך זיך צוגעאײַלט און בין אַריין צו דער טאָטערקע. אַצינד ווידער בין איך צוליב דער טאָטערקע אַריין אין אַ צווייטער אָבלאַווע און נאָך צו דעם אָנגעווירן מיין פּאַלטן און די נייע שיך.

די שלעכטע שטימונג צוליב דער אָבלאַווע, וואָס האָט אויף מיר געהויערט ווי אַ שווערער וואָלקן, האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין, ווען איך האָב דערזען אַ פול צימער מיט יידן. דער „ברוב עם" און „צרות רבים" האָט מיך געמאַכט גרינגער און מונטערער. און אָנשטאָט צו זיין טרויעריק, האָב איך אַצינד אַליין די יידן געטרייסט און געמוטיקט. און די טיר האָט זיך יעדעס מאָל געעפנט און פרישע יידן זענען אַריין.

כמעט אַלע אַרעסטירטע זענען געווען פון אַ יונגן עלטער און פון אַ רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער געזינונג. און מיר האָבן גלייך איינער צום אַנדערן געהאַט דעם פולסטן צוטרוי. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק באַקענט און אָנגעהויבן שמועסן און דיסקוטירן צווישן זיך.

מיר האָבן נאָך דאַן פונעם גרויסן יידישן בראַך נישט געוווּסט. די ידיעות זענען נאָך צו אונדז נישט דערגאַנגען. איז אונדזער הויפּט־טעמע קודם געווען אונדזערע אייגענע צרות. ערשט, אַז מיר זענען דערמיט פאַרטיק געוואָרן, זענען מיר אַריבער אויף אַנדערע טעמעס.

צייט האָבן מיר געהאַט. און ביי דער אייזיקער קעלט וואָס אַרום אונדז, זענען מיר געווען גרייט איינעם ביים אַנדערן זיך אָנצוואַרעמען... און קיינער האָט אין דער דאָזיקער אַרעסט־נאַכט נישט געוואָלט שלאָפן.

דערוויסנדיק זיך, אַז אויך זיי האָט מען אַרעסטירט פאַרן נישט נעמען קיין סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן, האָב איך זיי געעצהט צו האַלטן זיך פעסט און נישט נעמען, — ווי לאַנג נאָר מען וועט אונדז האַלטן אויף דער מיליץ.

נאָר אויב מען וועט אונדז צוליב דעם איבערפירן אין תפיסה, זאָלן מיר קיין רגע נישט פאַרלירן און גלייך נעמען די פּעסער. איך האָב זיי דערביי פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין מניעה צום צוריקפאָרן.

אין אַ קאָמוניסטישן סיסטעם, האָב איך זיי דערקלערט, פונקט ווי אין יעדן סיסטעם, וווּ עס ווערט געשטעלט דער טראָפּ אויף דער מאַטעריאַ־ליסטישער זייט פון לעבן, איז אַ מענטש נישט מער ווי אַ נומער, אַ באַצייכנט שרייפל אין אַ מאַשין. — און יעדער איינער דאַרף האָבן זיין נומער...

צוליב אונדזערע שמועסן, איז דאָס געפיל פון זיין אַרעסטירט אונדז נישט געפאַלן שווער. כדי אויסצואיבן אויף אונדז אַ דרוק, האָט מען אונדז דאָ לאַנג נישט געלאָזט זיין, נאָר אונדז פונדאַנען אַוועקגעפירט אין דער הויפט־מיליץ, ווו מיר האָבן ווידער געטראָפן פיל יידן.

דער גרויסער מיליציע־הויף איז געווען פול מיט אַרעסטירטע. און קיין איין ריינער פּאָליאַק איז צווישן אונדז אויף אַ רפואה נישט געווען. מען האָט אונדז אָפּגעהאַלטן ביזן אָוונט און דער עולם איז געוואָרן אומרויק. אַ טייל האָט זיך געהאַלטן פעסט, נאָר די איבעריקע האָבן זיך געוואַקלט צווישן יאָ און ניין. און אויך דאָ האָב איך די יידן געעצהט נישט צו נעמען קיין פּעסער, ביז מען וועט אונדז נישט איבערשיקן אין תפיסה.

דער הויפּט־נאַטשאַלניק האָט אייניקע אַרויסגערופן צו זיך. איך ווייס נישט וויאַזוי ער האָט געמאַכט זיין אויסוואַל. — נאָר ער האָט יעדן איינעם באַזונדער געשטעלט איינע און די זעלבע פראַגע, „פאַרוואָס מיר ווילן נישט נעמען קיין סאָוויעטישע פּעסער". און צווישן די אַרויסגערופענע בין איך אויך געווען. און ווען ער האָט מיך געפרעגט זיין קשיא, האָב איך אים צוריקגעפרעגט:

— און פאַרוואָס זאָלן מיר יאָ נעמען, ווען מיר זענען פּוילישע בירגער?

— קיינער וועט נישט צונעמען אייער פּוילישע בירגערשאַפט, נאָר דערווייל לעבט איר אינעם ראַטנפאַרבאַנד און איר מוזט אונטערליגן דער סאָוויעטישער יוריסדיקציע. איר וועט אויך נישט קאָנען אַרבעטן אָן פּעסער.

— אָבער, בירגער־נאַטשאַלניק, — בין איך שוין איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדערן, סענטימענטאַלן טאָן. — מיר האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים אונדזערע פרויען און קינדער און אונדזערע פאַמיליעס און מיר ווילן זיך צו זיי אומקערן. און וואָלט איר אויף אונדזער אָרט אַנדערש געהאַנדלט?

— אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט איר צוריקפאָרן. — האָט ער אויף דעם געענטפערט.

— און ווער וועט אונדז פאַר דעם גאַראַנטירן? — האָב איך ווידער געפרעגט.

— איך גאַראַנטיר אייך! — האָט ער מיט אַזאַ פעסטקייט געענטפערט, ווי ער וואָלט געווען מער ווי דער נאַטשאַלניק פון דער דזשאַמבולער מיליץ.

— דאָס איז ווייניק, — האָב איך אים דרייסט געענטפערט. ווען סטאַלין וואָלט אונדז גאַראַנטירט, וואָלטן מיר באַלד גענומען די פּעסער.

און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי מען האָט אונדז אָפּגעלאָזט אָן די פּאַספּאָרטן.

אין דער אמתן איז עס געווען בלויז אַ פּאָליטישע רדיפה, ווייל סייווי האָט יעדער פּוילישער, וואָס האָט געאַרבעט, געהאַט אַ סאָוויעטישן פּאַס. אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט אַרבעטן, און נאָר די וואָס האָבן נישט געאַרבעט, האָבן אַזעלכע פּעסער נישט געהאַט.

אַלס ביאַליסטאָקער איז מיין לאַגע געווען אַ מער דעליקאַטערע ווי ביי די איבעריקע. צוליב דעם, וואָס ביאַליסטאָק איז ביי זיי געוואָרן פאַררעכנט פאַר מערב־ווייסרוסלאַנד, האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן גרונט מורא צו האָבן. איך האָב אָבער אָנגעהויבן גלייבן, אַז אומאָפּהענגיק פון די סאָוויע־טישע פּעסער, וועלן מיר זיך קיין פּוילן יאָ אומקערן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים צו דער טאָטערקע. זי האָט, ווייזט אויס, אויף מיר זיך שוין נישט געריכט. אַוודאי געמיינט, אַז מען האָט מיך פון איר אינגאַנצן צוגענומען, ווייל זי האָט ביי מיין אַריינקומען אויף מיר אַזוי מאָדנע געקוקט, ווי איך וואָלט צוריקגעקומען פון יענער וועלט.

איך בין נאָך ביי איר געווען עטלעכע חדשים. איך האָב אָבער ביי איר מער נישט געקאָנט זיין. זינט דער לעצטער אָבלאַווע איז זי ביי זיך געוואָרן דרייסטער און האָט אויפגעהערט פאַר מיר מורא צו האָבן. און וואָס מער מען האָט אונדז פּוילישע גערודפט, אַלץ האָפערדיקער איז זי ביי זיך געוואָרן.

האָט זי אָנגעהויבן אויסנוצן מיין נישט זיין אין אָרדענונג מיט די פאַרשריפטן, דאָס וואָס איך האָב ביז דער גניבה ביי איר געוווינט נישט איינגעמאָלדענערהייט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין צילברעט פאַר כאַפּערייען און אָבלאַוועס. האָט זי מיך קודם געצווונגען זיך איינצומעלדן.

זי איז אָבער ביי דעם נישט געבליבן און האָט מיך אויך אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן, צי איך אַרבעט. און דאָס איז געווען מיין שוואַכסטער פּונקט, ווייל צוליב מיין פּריוואַטן שרייבן אויף דער פּאָסט, האָב איך געוואָלט וואָס ווייניקער האָבן צו טאָן מיט נאַטשאַלסטווע...

צו דעם נאָך האָט זי מיר אויך אונטערגעשיקט איר „ליובאָווניק" קאָ־גיעוואַלין, וועלכער האָט מיך שוין אָפּן אָנגעהויבן סטראַשען איך זאָל

אַוועקגיין פון דער דירה. דעם זעלבן קאָניעוואַליק, וואָס האָט זיך פריער פאַרפליכטעט מיר צו באַצאָלן פאַר דער גניבה.

אין די דאָזיקע טעג זענען מיר געווען הפקר און אָן שוץ. דער פוילישער פונקט איז געווען פאַרמאַכט. און די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט. מיר איז אַצינד געבליבן בלויז צוויי ברירות: אָדער פאַרפירן קעגן דער טאָטערקע אַ פּראָצעס פאַר דער גניבה, וואָס וואָלט גאָרנישט אַזוי גרינג אָנגעקומען, און ביי איר וואָלט געווען מיטן כוח פון געזעץ. אָדער זיך דערפון אָפּזאָגן און פרייוויליק פאַרלאָזן איר דירה.

האָב איך אויסגעקליבן דאָס צווייטע, רעזיגנירנדיק אויך פון מיין חוב פאַר די געגנבעטע זאַכן. נאָר ווי שווער דער באַשלוס איז מיר נישט אָנגעקומען, איז דאָס פאַרלאָזן די דירה נאָך אַלץ געווען גרינגער ווי געפינען אַ נייע דירה. און דער געראַנגל פאַר אַ פרישער דירה האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

צום גליק אָבער האָט דער דאָזיקער פעריאָד נישט לאַנג געדויערט. איך האָב דאָס מאָל לאַנג נישט געבידעוועט. און כאָטש אויך פון דער פרישער דירה בין איך שפּעטער אַוועק, בין איך שוין אָבער ביזן סוף אָן קיין דירה נישט געבליבן.

דערווייל האָב איך די נעכט אָפּגעדרימלט אין טעלעגראַף־אָפּטיילונג פון דער פּאָסט, וועלכע איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אָפן. ביז צוועלף בייטאָג בין איך כלומרשט ווי אַן אינטערעסאַנט געזעסן ביים טיש. דערנאָך בין איך שוין ביים זעלבן טיש געבליבן אויף „גאַפּע". — וואָרעם איז געווען און וווּ צו זיצן אויך. נאָר נישט שטענדיק האָט מען ביים טיש געקאָנט זיצן און דרימלען.

די נאַכט־דיזשורנעס האָבן מיר דעם דאָזיקן פאַרגעניגן נישט געשטערט. זיי האָבן זיך ביסלעכווייז צו מיר אויך צוגעוווינט. נאָר אין־גאַנצן גלאַטיק איז עס אויך נישט אָפּגעגאַנגען.

מען האָט זיך געדאַרפט היטן פאַרן נאַטשאַלניק פון פּאָסט, וועלכער וואָלט אַצינד געשריגן, אַז איך „שפּעקוליר" אויך מיט די נעכט, — ווי סתּם פאַר אַ בייז אויג. און דאָס בייזע אויג פון מיליציאַנט, וואָס האָט געזוכט נישט־אַרבעטנדיקע שלעפּער, פלעגט זיך אַהער נישט איינמאָל אַריינכאַפּן.

האָב איך טאַקע איינמאָל, נאָך אַזאַ וויזיט אינעם זעלבן צימער, געמוזט „משנה מקום זיין" (ענדערן דאָס אָרט). איך בין אַריינגעקראָכן אין טעלעפאָן־בודקע וואָס היגטער דער טיר, האָב זיך צונויפגעדרייט ווי אַ שלאַנג,

און אַזוי אָפּגעקוועטשט די נאַכט. קיינער איז נאָך צוועלף נישט געקומען טעלעפאָנירן, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן דאָרט צו זוכן.

אין די דאָזיקע נעכט בין איך ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קראָט, וואָס פאַרגראָבט זיך אונטער דער ערד פאַר דער ליכטיקער שיין. ערשט מיטן מאָרגנגרוי בין איך צוריק אַרויס אויף דער ליכט און זיך אויסגע־גלייכט מיט אַלע איבעריקע... נאָר קיינער פון מיינע אינטערעסאַנטן, וועמען איך האָב באַדינט מיט מיין שרייבן אויף דער פּאָסט, האָט פון מיין דאָזיקן שטייגער „לעבן" נישט געוווּסט.

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

איך היט דעם אָבלאַסטנאָיעם גאָרטן, ווי מען באַרויבט מיך

פייניקנדיק זיך מיטן שלאָפן אויפן טעלעגראַף־אַמט, האָב איך געזוכט אַן עצה וויאַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון דער לאַגע. איך האָב שוין אויך געוווּסט, אַז צו זיין ביי יענעם אַ קוואַרטיראַנט איז נישט שטענדיק גוט. און פון גאָר אַן אייגענער דירה האָב איך נאָך אַלץ נישט געקאָנט טראַכטן.

וואָלט איך זיך אַצינד אָנגעכאַפּט אין יעדער מעגלעכקייט וואָס וואָלט זיך נאָר געמאַכט. און איך בין געוועזן גרייט פאַרן פרייז פון איבערקומען די נאַכט זיך צו לאָזן אויף פרישע אַוואַנטורעס.

אַוודאי וואָלט איך וועלן ווערן אַ שטענדיקער נאַכט־וועכטער אין אַ פאַרמאַכטער אונטערנעמונג. — נאָר ביז דאָס וועט געשען, וועל איך זיך באַגנוגענען מיט עפּעס ווינציקער פון דעם...

און ויהי היום, איז צו מיר דערגאַנגען, אַז מען זוכט אַ נאַכט־וועכטער פאַרן דזשאַמבולער „אָבלאַסטנאָיעם" (וואָיעוואָדישן) גאָרטן אויפן גאַנצן זומער־סעזאָן. און די באַדינגונגען האָבן אויסגעזען צו זיין נישט קיין שלעכטע.

אַ חודשלעכער געהאַלט מיט אַ מענגע פּראָדוקטן צו שפּאָט־ביליקע פרייזן, דערונטער קאַרטאָפל, געמיזע און פיש, אַחוץ דאָס, וואָס וואַקסט

אינעם גאָרטן גופא, ווי: רויטפּלאַמיקע פּאָמידאָרן, יונגע מייערלעך, אוגער־קעס, אַרבוזן, רויזן און אַנדערע אַזעלכע פּראָדוקטן, וועלכע מען קאָן באַלד אויפן אָרט צורעכטמאַכן.

און דאָס איז דאָך פאַר מיר אַ „שידוך" ווי אָנגעמאָסטן. איך האָב נישט ווי אַהינצוטאָן די נעכט, — קיינער בייטיקט זיך נישט אין זיי. און דאָ קומט מען און מען וויל זיי ביי מיר צונעמען און נאָך פאַר זיי באַצאָלן.

וועל איך זיך איבער די נעכט אינגאַנצן מתיחד זיין מיטן גאָרטן, ווערן מיט אים איינס. און די טעג זענען ווידער מיינע. איי, דאָס שלאָפן? ווער מען צו דעם אויך געפינען אַן עצה. דער זכות פון היטן פּראָלעטאַריש פאַרמעגן — וועט מיר אין דעם ביישטיין. און אין טעלעפאָן־בודקע פון פּאָסט בין איך בעסער געשלאָפן?...

בין איך אַוועק אין „איספּאָלקאָם" (אויספיר־קאָמיטעט) און דעם פּאָסטן אָנגענומען. איך האָב אפילו, ווי דאָס האַרץ זאָל מיר זאָגן, ביי זיי געבעטן געווער.

האָט מען מיר געזאָגט, אַז יעקב אבינו האָט געהיטן לבנס סטאַדעס אויך אָן אַ ביקס, און פאַר אַ סאָוויעטישן וועכטער איז אַ שטעקן אויך גענוג. האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט יוצא זיין מיט אַ „פּאַלקע" (שטעקן).

דער קאָלעקטיווער גאָרטן האָט פאַרנומען אַ ריזיקן שטח. דעם גרעסטן טייל האָט דער „איספּאָלקאָם" אַליין באַאַרבעט און פון דעם אַראָפּגענומען די פּרוכט. נאָר פונעם איבעריקן, האָט יעדער „אָבלאַסטנאַיער" אַרבעטער און אָנגעשטעלטער פאַר זיך אַליין געקאָנט באַאַרבעטן, און פון דעם אַראָפּ־נעמען זיין גערעטעניש. אויסער דעם, האָט נאָך דער אָבלאַסטנאַיער אַרבע־טער אויך געקאָנט פאַר אַ ביליקן פּרייז קויפן די פּראָדוקטן פונעם איבע־ריקן טייל.

דער אַרבעטער האָט אָבער געדאַרפט באַאַרבעטן זיין חלק גאָרטן, שוין נאָך זיין אַרבעטס־צייט אין „איספּאָלקאָם". און דאָס איז פאַר אַ מענטש געווען צו שווער. מען האָט צו דעם געדאַרפט האָבן אייזערנע כוחות.

און די אַרבעט איז באַשטאַנען נישט נאָר אינעם גראָבן און אַרומזען די בייטן, נאָר אויך אינעם צופירן און רעגולירן דאָס וואַסער פון די קינסטלעכע „אַריקן".

ווי לאַנג ס'איז געווען ליכטיק האָט מען אין גאָרטן געקאָנט אַרומגיין און וואַרטעווען, און אויך פונדערווייטנס אויף אים אַכטונג געבן. ווי נאָר

אָבער ס׳איז צוגעפּאַלן די נאַכט, האָט מען שוין דעם דאָזיקן ריזיקן שטח מיטן אויג נישט געקאָנט אַרומנעמען. פונדערוויטנס האָט מען גאָרנישט געקאָנט זען. און די מערסטע נעכט זענען געווען פינצטערע.

מיין וואַרטע־שותף, קאַראַפּיול, אַ דזשאַמבול־געבוירענער עלטערער קאַזאַך, מיט וועמען איך פלעג זיך בייטן, האָט אַפילו פאַר אונדז אויסגע־בויט פון בלאָטע אַ וואַך־„טורעם״.

דאָס דאָזיקע אָבסערוויר־טורעמל, אויף וועלכן מיר זענען געשטאַנען, האָט אונדז אָבער נאָר געקאָנט העלפן ווען ס׳איז געווען ליכטיק. און אַז עס איז געוואָרן „וימש חושך״, האָט אויך דאָס טורעמל און קאַראַפּיולס חכמה נישט געהאָלפן.

קאַראַפּיול איז אויף אַלץ געווען אַ מייסטער. ער האָט מיט אַלעם זיך געקאָנט אַן עצה געבן, נאָר צו זיין אייגענער נויט און צו די ביינאַכטיקע גניבות האָט ער קיין שום עצה נישט געקאָנט געפינען.

מיר ביידע האָבן נישט געהאַט קיין זייגער מיט וואָס צו „מעסטן״ די צייט. האָט ער, ווי אין די אוראַלטע צייטן, אַרום אונדזער וואַך־טורעם קאָנסטרואירט אַ זון־„זייגער״, וועלכן מען האָט נישט געדאַרפט אָנציען און פאַריכטן. — און מיר האָבן זיך ביים בייטן אין די שעהן נישט טועה געווען.

די זומער־טעג זענען דאָ געווען הייסע און גליענדיקע. די זון האָט צעגליט די ערד און האָט פאַרברענט יעדן געוויקס און גרעזל. נאָר אַז מען האָט די געוויקסן אָפּגעפּרישט מיט קילן וואַסער פון די „אַריקן״, זענען אַ טייל פון זיי אויפגעגאַנגען צו אייניקע מאָל אין סעזאָן. דאָס צופירן אָבער דאָס וואַסער פון די „אַריקן״ איז גאָרנישט געווען קיין גרינגע אַרבעט.

דערפאַר אָבער זענען די דזשאַמבולער באַגינענס געווען שניידיק־קאַלטע. און נישט איין מאָל האָט מיך אַזאַ בייזע קעלט אַרויסגעטריבן פון מיינע קוקורודזע־ און תבואה־באַהעלטענישן ווו איך האָב זיך באַהאַלטן אין די שפּעטע נאַכט־שעהן צוליב דער פּחדפולער פינצטערניש און דעם חשק צו שלאָפן.

אין אַזאַ באַגינען האָב איך געמוזט זוכן אַן אָנטרינונג אין אַ שכנות־דיקער בהמות־שטאַל, אָדער אַריינכאַפּן זיך אין אַן אָרעמער קאַזאַכישער ליימקע, ווו דער בעל־הבית האָט געהויזט צוזאַמען מיט זיין בהמה, און זיך שיצן פון דער דרויסנדיקער וועלט.

קיין צו־גוטער וועכטער בין איך נישט געווען. אין די פינצטערע נאַכט־שעהן האָב איך דעם גאָרטן געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. און צוליב מיינע באַהעלטענישן האָב איך נאָך אַ תל געמאַכט פון אַ טייל אויפגייענדיקע זאַנגען.

דערפאַר אָבער זענען די אָרעמע קאַרטאָפל־ און גרינס־גנבים פון מיר געווען צופרידן. און אין מיינע וואָך־נעכט האָט מען זיכער מער קאַרטאָפל אויסגעגראָבן ווי אין קאָראַפּיולס. נאָר איך אַליין האָב פון גאָרטן גאָרנישט אַרויסגעטראָגן...

איך האָב נישט אַרויסגעטראָגן שוין בלויז צוליב מיין דירהלאָזיקייט. — הגם פון דער צווייטער זייט האָב איך צו לאַנג אַ רייפן פּאָמידאָר אויף זיין שטענגל נישט געלאָזט הענגען. איך האָב פּשוט מיט אים געשטילט מיין הונגער אויפן אָרט...

פון מיין שרייבן אויף דער פּאָסט האָב איך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר טויזנט רובל. הונגעריק בין איך שוין נישט געווען, עס האָט מיר נאָר געפעלט אַ דירה. נאָר זייענדיק אין די נעכט פאַרנומען אין גאָרטן, האָב איך שוין דעם דירה־פּיין אַזוי נישט געפילט.

צו־גרינג איז מיר אָבער די דאָזיקע וואַרטע־אַרבעט אויך נישט אָנגעקומען. דער וועג צום גאָרטן איז געווען אַ ווייטער. איך האָב געדאַרפט באַצייטנס אַרויסגיין כדי אָנצוקומען צו דער צייט, און דאָס האָט מיר אויך צוגענומען דעם אָוונט.

און אין אַ גאָרטן אָן ביימער האָט מיך בייטאָג „געגעסן״ די היץ און אין די באַגינענס די קעלט. צו דעם בין איך נאָך, צוליב מיינע געשוואָלענע פיס, אין גאָרטן אַרומגעגאַנגען באָרוועס. און אַז עס האָט אין די פרימאָרגנס געכאַפּט אַ פרעסטל, בין איך געוואָרן געפרוירן.

איך האָב זיך אָבער געוואָלט באַפרייען פון דער בושה און פון פּיין צו שלאָפן אויף דער פּאָסט און איך האָב זיך אויך „געניִיט אַ בייטל״ — פאַר די פרישע פאַרדינסטן וואָס וועלן צו מיר אַריינפאַלן. און איך האָב שוין צו מיין קניפּל צוגערעכנט נישט נאָר דעם באַטרעף פאַר די פּאָר חדשים וואַרטע, נאָר אויך דעם פאַרדינסט פון די באַקומענע פון „איספּאָלקאָם״ פּראָדוקטן צו פּריווילעגירטע פּרייזן...

דערווייל האָט זיך די מערכה פונעם פּוילישן פונקט פאַרבעסערט. די אַרבעט איז געוואָרן באַנייט און מען האָט צוריק אָנגעהויבן טיילן זאַכן. און

נאָך דעם ווי די טאַטערקע האָט מיך באַגנבעט, האָב איך זיך געניטיקט אין פרישע זאַכן.

אַלע פּאָר מיר נייטיקע זאַכן האָב איך נישט באַקומען. איך האָב אָבער איינִיקע, ווי אַ שינעל־מאַנטל און אַ קאָלדרע יאָ באַקומען.ביידע זאַכן זענען מיר געווען נייטיק ווי דאָס לעבן. דער לאַנגער שינעל האָט מיך אָבער געמאַכט אויסזען קאָמיש, ער האָט אויף מיר נישט געפּאַסט. האָב איך אים פּאַרטוישט אויף אַ פּאָר אַלטע שיך. נאָר די קאָלדרע האָב איך מיט זיך געבראַכט אויף דער וואַרטע. און זי איז מיר אין די קאַלטע באַגינענס גוט צונוצגעקומען. זי האָט מיר אָבער אויך געבראַכט אַ פרישע צרה, וואָס האָט מיך טייער געקאָסט.

ביי דער רעכטער זייט פונעם גאָרטן האָט געוווינט אַ נאָך יונגער רוס, גריגאָרי, און לויט די סאָוויעטישע פּאַרהעלטענישן, אַ גאַנץ פּאַרמעגלעכער פּויער. ער האָט געהאַט זיין הייזל מיט צוויי בהמות און עופות און אַ קליי־נעם סאַד מיט פּאַרזיי־שטח, וועמענס פרוכטן ער פלעגט איינִיקע מאָל אינעם סעזאָן אַראָפּנעמען און זיי פּאַרצוקערן — אויפן דזשאַמבולער מאַרק.

גריגאָרי האָט אויך געאַרבעט אין „איספּאָלקאָם". ער און זיין יונגער זון איליאַ האָבן נאָך צוגעאַרבעט ביי דער וואַסער־רעגולאַציע פונעם גאָרטן. און ווי אַלע באַשעפטיקטע אינעם „איספּאָלקאָם", האָט ער נאָך סוף־זומער באַקומען פּראָדוקטן צו שפּאָט־ביליקע פּריזן, אין וועלכע ער האָט, האָבנדיק אַ קליינע פאַמיליע, זיך גאָרנישט געניטיקט.

דער דאָזיקער גריגאָרי האָט נאָר געהאַט איין זון, איליאַ, וועלכער האָט, ווי זיין טאַטע, געקאָנט אַרבעטן פּאַר צען. איליאַ, אַ קליינער, זשוואַווער רוס, מיט אַביסל צוגעזשמורעטע אייגעלעך, האָט פּאַרטראַטן דעם פּאַטער ביי דער אַרבעט פון די „אַריקן". און אַלס אַ שכן פונעם גאָרטן, האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט מיר חברן, זוכנדיק מיין נאָענטקייט.

און איך, אַרומדרייענדיק זיך איינער אַליין איבערן גרויסן גאָרטן־שטח, האָב פּאַר איינזאַמקייט זיך געלאָזט אַריינציען אין זיין חברותא. עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז מענטשן, וואָס לייגן אַוועק אין יעדן סעזאָן צענדליקער טויזנטער רובל, זאָלן זיך קוואַפּען אויף די פּאָר רובל פון אַ פרעמדן שלעפּער.

און ווערנדיק אַזוי מיט מיר באַקאַנט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו איַנ־טערעסירן מיט מיינע פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן. און ווען ער האָט ביי

מיר אין אָנהייב געזוען אַ שינעל מיט אַ קאָלדרע, זענען אים די מייזל־אייגעלעך פונעם קאָפּ אַרויסגעקראָכן.

שפּעטער, ווען איך האָב שוין דעם שינעל נישט געהאַט, איז ער געווען נייגעריק ווו איך האָב אים אַהינגעטאָן. אין מיין נאַיוויטעט האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב אים פאַרקויפט. און ער האָט מער נישט באַדאַרפט. דערפון האָט ער געדרונגען, אַז איך האָב געלט.

עס זענען אַוועק אייניקע טעג. איליאַס באַנעמונג איז מיר געוואָרן פאַרדעכטיק. לויטן רעגולאַמין האָט קיינער אויסער די באַזיצער פון די ערד־חלקים און דאָס נאָר בייטאָג אין גאָרטן נישט געטאָרט אַריינקומען. ביינאַכט האָט דער וועכטער געמעגט יעדן פאַרהאַלטן. נאָר גיי פאַרהאַלט מיט בלויזע הענט. האָבן זיך שפּעט אין אָוונט, אונטער דער באַגלייטונג פון איליאַן, מיטאָמאָל באַוויזן „געסט״.

זיי זענען נעבן מיר כלומרשט פאַרבייגעגאַנגען. איך האָב זיי געהייסן גלייך פאַרלאָזן דעם גאָרטן. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען געקומען צו איליאַן, נאָר גלייכצייטיק ווילן זיי שוין אויך כאַפּן אַ קוק אויפן גאָרטן. דערמיט האָט זיך איליאַ אַליין פאַרראַטן. און ער איז מיר געוואָרן נאָך מער פאַרדעכטיק. שפּעטער איז מיר שוין אַלץ געוואָרן קלאָר. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט...

איך וואָלט זיך נאָך דאָן געקאָנט באַוואָרענען, ווען איך וואָלט מיין געלט אַריינגעטראָגן אין באַנק. האָבן מיר אָבער מענטשן איינגערעדט, אַז מען וועט ביי מיר דאָס געלט צונעמען, וואָס איז נישט געווען ריכטיק. און ס׳איז געשען. אין איינעם אַן אָוונט, ווען דער גאָרטן איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש, האָבן זיך אַרום מיר באַוויזן אַרום זיבן יונגע רוסן, פון זעכצן ביז אַכצן יאָר.

איך האָב זיי אין דער נאַכט־פינצטערניש פריער נישט געהאַט באַמערקט. ערשט ווען זיי זענען שוין אַרום מיר געשטאַנען, האָב איך זיי דערזען. זיי האָבן זיך צו מיר צוגערוקט וואָס נענטער. און אייניקע האָבן מיר אויס־געזוען באַקאַנט. איך האָב אָנגעהויבן שרייען, דערוואַרטנדיק, אַז ווער פון די שכנים וועט מיר קומען צוהילף. גלייכצייטיק האָב איך מיטן גאַנצן כוח געפאָכעט מיטן אייזערנעם שטעקל, וואָס האָט מיר געדאַרפט דינען פאַר אַ ביקס.

זיי זענען מיר אָבער פאַרגאַנגען פון אַלע זייטן, און אַרויסרייסנדיק ביי מיר דאָס אייזערנע שטעקעלע, איז שוין פאַר זיי קיין שום שטערונג

נישט געווען און זיי זענען שוין געבן מיר געשטאַנען פּנים אל פּנים. האָבן מיר אַ טייל צוגעהאַלטן די הענט, די אַנדערע די פיס און איינער האָט מיך גאָר געשטיקט ביים האַלדז. און די איבעריקע האָבן פון מיר געריסן דעם אויבערשטן טייל העמד, מיינענדיק צו געפינען מיין קניפּל אויפן האַלדז.

איך האָב עס פריער טאַקע אַזוי געטראָגן. נאָר מושל האָט מיך געלערנט צו באַהאַלטן ערגעץ אַנדערש. און זיין עצה האָט מיר אָפּגעראַטעוועט אַ האַלב קניפּל. איך האָב געקעמפט ווי אַ לייב. און איך ווייס נישט פונוואַנען ס׳האָבן זיך צו מיר גענומען כוחות זיי אַנטקעגנצושטעלן זיך. נאָר איך האָב מיין פּאָזיציע נישט פאַרלאָזט און זיך נישט אונטערגעגעבן.

איך האָב זיי צעדראַפּעט הענט און פּנים. און ווען מיינע הענט און פיס זענען שוין געווען אין קלעם, האָב איך זיי געביסן די הענט מיט די ציין, נישט צולאָזנדיק זיי צו מיינע געהיימע קעשענעס, ווו מיין „אוצר״ איז געווען. איך וואָלט נישט געווען אַזאַ העלד, ווען זיי באַשליסן מיך אַוועקצו־הרגענען. זייער פירער האָט אָבער באַפוילן מיך נישט צו שלאָגן. שטיקן, נאָר נישט דערשטיקן.

קרוב אַ האַלבע שעה האָט געדויערט דער געראַנגל. איך האָב אַ גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שרייען. און ווען זיי האָבן געזען, אַז אויפן האַלדז איז גאָרנישטאָ, האָבן זיי זיך גענומען צו מיינע הויזן.

און ווען זיי האָבן אויך דאָ גאָרנישט געפונען, האָבן זיי מיר אַרויס־געריסן דעם רעכטן האַלבן הויז מיט דער געהיימער קעשענע, ווו עס האָט זיך געפונען אַ האַלב קניפּל, און זענען מיטן רויב אַנטלאָפן.

די שלאַכט איז געווען געענדיקט, נאָר איך, בלייבנדיק מיט אַ האַלב קניפּל און האַלבע הויזן, האָב פונעם קאַמף נאָך נישט געהאַט רעזיגנירט.

פאַרמוטשעט און דערשעפּט פונעם געראַנגל, האָב איך גלייך באַשלאָסן די זאַך נישט אָפּצולאָזן. איך האָב אין מיינע הענט געהאַט גוטע קאָרטן, וואָס האָבן מיך געדאַרפט פירן אויפן וועג פון דער באַנדע. ווייל טראָץ דער פינצטערניש און מיין שוואַכן זכרון, האָבן מיר אייניקע אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. און איך האָב געגלייבט זיי צו דערקענען. און גריגאָריס זונדל, איליאַ, דער נאָענטסטער שכן, איז אויך געווען אַ גוטער שליאַד צו די רויבער. — בפרט נאָכדעם ווי ער האָט זיך נישט געמאַכט הערן מיינע געשרייען.

און אויפן געלט, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויזע פינפאונצוואַנציק־רובלדיקע באַנקנאָטן, זענען געווען צוויי גוטע צייכנס. דער עיקר אָבער

האָט מיר די אינטואיציע אונטערגעזאָגט, אַז איך וועל די רויבער פּאַקן. לכתחילה האָב איך זיי אַליין געוואָלט דעריאָגן. דערנאָך האָב איך געענ־דערט מיין געדאַנק און האָב זיך פאַרנומען צו גיין אין מיליץ.

דער וועג צו דער שטאָטישער מיליץ איז געווען אַ ווייטער. און די פינצטערניש האָט נישט נאָכגעלאָזט. און דאָך האָב איך פאַרלאָזט מיין פּאָסטן און בין אַהינגעגאַנגען.

אַ מידער בין איך געגאַנגען און געפאַלן, געפאַלן און אויפגעהויבן זיך. ביז איך בין אין איין אָטעם אַריין אין הויז פון דער נאָענטסטער מיליץ.

איך האָב דאָרט נישט גערעדט, נאָר געהעשעט מיט רייד. און אַ צאָרנ־דיקער, האָבנדיק אויך טענות צו דער אָרדענונג, — האָב איך פאַרלאַנגט גלייך צו גיין מיט מיר צום אָרט פון פאַרברעכן און מיטנעמען דעם שפּיר־הונט.

איך האָב זיי גלייך פאַרזיכערט, אַז אויב איליאַ איז אפילו נישט דער הויפּט־שולדיקער, איז ער אָבער זיכער אַ מיטבאַטייליקטער אינעם פאַר־ברעכן.

זעענדיק מיין מעמד, און הערנדיק מיינע צאָרנדיק־מישנדיקע רייד, האָט זיך דער דיזשורנע צעלאַכט. און איך האָב זיך נאָך מער צעצאָרנט און צעשריגן. ביז אַן עלטסטער האָט מיך גענומען אין שוץ און באַפוילן זיין חבר צו גיין מיט מיר.

מען האָט אָבער גלייך געקאָנט דערקענען אין זיין האַלטן זיך, אַז ער גייט מיט מיר נאָר פאַר יוצא־וועגן און איך וועל ביי אים קיין גערעכטיקייט נישט געפינען. און אַזוי איז געווען.

דער מיליציאַנט האָט דעם וועג צום גאָרטן נישט געקענט. און איך האָב ווי דאַן, ביי מיין אַרעסט אין ביאַליסטאָק, געדאַרפט ווערן זיין וועג־ווייזער. נאָר איך אַליין האָב זיך צוליב דער פינצטערניש געפּלאָנטערט.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט. איך האָב אים געבעטן קודם צופירן דעם הונט צום וואָך־טורעמל, וווּ מען האָט מיך באַאַרבעט, ערשט שפּעטער זאָל ער אים נעמען צו איליאַן אין הויז. איך האָב אַפילו אַליין געוואָלט אַריינגיין צו איליאַן. ער האָט אָבער אַנדערש געטראַכט. אויב ער האָט בכלל געטראַכט עפּעס צו אַנטדעקן.

ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצופירן דעם הונט צום וואָך־טורעמל, בין איך געוואָרן דערשטוינט. זיין ערשטער טריט איז נישט נאָר געווען

קעגן מיר, נאָר ס׳האָט אויסגעזען ווי ער נעמט גאָר אין שוץ די אָנפאַלער, טראָץ דעם, וואָס מען איז מיך באַפאַלן אויף אַ מלוכהשן פּאָסטן.

האָט ער גאָרנישט געטאָן, נאָר איז כלומרשט אַריין צו איליאָן, און איז באַלד צוריקגעקומען מיט זיין הונט. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס איליא איז נישט געקומען צוהילף? האָט ער מיר פון אים געבראַכט דעם פולן תירוץ, אַז ער האָט נישט געהערט.

איך בין שוין די נאַכט אויפן פּאָסטן נישט צוריקגעגאַנגען. איך האָב אין דער מיליץ דערקלערט, אַז ווי לאַנג מען וועט מיר נישט צוריקגעבן מיין געלט, וועל איך נישט צוריקגיין צו מיין דינסט. און איך האָב דערווייל געגעבן אויף דער מיליץ.

אויף צומאָרגנס האָב איך דאָס זעלבע דערקלערט אין „אָבלאַסטנאָ־יעם איספּאָלקאָם". זיי האָבן מיך געסטראַשעט מיט אַ משפט פאַרן פאַר־לאָזן אַליין דעם פּאָסטן. און וואָס שייך דער זאַך גופא, — האָבן אויך זיי, מיינע הויכע ברויטגעבער, זיך צו דעם באַצויגן קאַלט.

ס׳האָט אָבער אין מיר געזאָטן און געקאָכט ווי אין אַ ווולקאַן. איך האָב די זאַך נישט געוואָלט אויפגעבן. און איך האָב באַשלאָסן צו ווערן מיין אייגענער דעדעקטיוו. און אומר ועושה.

מיין פּלאַן איז געווען זיי נאָכצושפּיאָנירן אין די „טשייכאַנאַס" און אויף די באַזאַרן. איך האָב צוליב דעם אויף אַ פּאָר טעג איבערגעריסן מיין שרייבן אויף דער פּאָסט. איך האָב געטראַכט, אַז פון געצייכנט געלט וועט די חברה וועלן וואָס גיכער פּטור ווערן, און זיי וועלן דאָס וועלן פאַרטרינקען און פאַרהוליען.

בין איך אויפן דריטן טאָג געגאַנגען צום צענטראַלן באַזאַר, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער מיליץ. איך בין זיך געגאַנגען געלאָסן, נישט געאיילט, ווי איך וואָלט געפאַרשט נישט מיין צרה, נאָר גאָר אַ פרעמדע. יעדן דורכגייער האָב איך גוט באַטראַכט, בפרט יוגנטלעכע גרופּעס.

ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף דער אמתער חברה. איך האָב אַלע אויף זיכער נישט דערקענט. ס׳איז אָבער פאַר מיר געווען גענוג דאָס, וואָס איך האָב אייניקע פון זיי דערקענט. און אויף די איבעריקע האָט שוין מיין לאָגיק געאַרבעט. — לויט זייער געמיינזאַמען, פאַמיליאַרן גאַנג אויפן באַזאַר, האָב איך געדרונגען, אַז דאָס זענען זיי אַלע. און איך האָב זיך אין דעם נישט טועה געווען.

איך בין אָבער געווען זייער פאָרזיכטיק. און ווי נאָר איך האָב זיי דער־

זען, האָב איך זיך געמאַכט „כלא ידע״, נישט געוואָלט לאָזן דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז ווער ס'איז פאַרפאָלגט זיי. און איינער אַליין זיי צו כאַפּן, האָב איך אויך נישט געוואָלט איינשטעלן.

בין איך אַריין אין מיליץ, דאָרט, ווו מען האָט זיך פריער צו מיר אַזוי קאַלט באַצויגן, און האָב געבעטן הילף. און דאָס מאָל האָב איך בעסער געטראָפן. איך האָב געטראָפן אַ רוסיש־יידישן דיזשורנעם, וועלכער איז גאָר וואָס געוואָרן מאָביליזירט אין דער מיליץ גייענדיק אין ציווילער קליידונג.

איך ווייס נישט צי די אהבת ישראל האָט אויף אים אַזוי געווירקט, צי די פשוטע געזעצלעכקייט און גערעכטיקייט. גאָר איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט גלייך ווי איך האָב אים דערציילט אין וואָס עס האַנדלט זיך, די זאַך גענומען ערנסט און באותו הרגע מיט מיר אַרויס צו דער באַנדע.

גייענדיק אין אַ געלאַסענעם שפּאַציר־טריט, זענען די כוליגאַנעס נישט ווייט אַוועק פון'עם אָרט, ווו איך האָב זיי איבערגעלאָזט. זיי זענען זיך געגאַנגען אויפגעלייגט מיט אַ גרינג געמיט אין דערוואַרטונג פון זייער הוליאַנקע, נישט ריכטנדיק זיך אויף גאָרנישט.

צוקומענדיק צו זיי, האָב איך איסאַקן אויף זיי אָנגעוויזן. ער האָט זיי באַפוילן זיך אָפּצושטעלן. זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. נאָר ווען מיר האָבן זיך ביידע נאָך זיי אָנגעהויבן יאָגן, האָט איינער פון זיי, ווייזט אויס, זייער באַנדע־הויפּט אונטערגעוואָרפן אַ פּעקל געלט.

איך האָב דאָס פּעקל גלייך דערזען און איסאַקן דערויף אָנגעוויזן. און עס קאָן זיין, ווען איך וואָלט דאָס פּעקל אַליין אויפגעהויבן, וואָלט זיך דערמיט מיין ענין געענדיקט און איך וואָלט פאַרשפּאָרט אָנווערן דאָס געלט און די ווייטערדיקע צרות.

איך בין אָבער, נאָכן אונטערוואַרפן דאָס געלט געווען אַזוי זיכער אין מיין זאַך, אַז איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַ בלויזער קליינער פּראָצעדור.

מיר איז דאַן נישט איינגעפאַלן, אַז נאָך אַזעלכע אויגן־רייסנדיקע צייכנס, ווי: דאָס אָנגעבן דורך מיר די סומע און דעם סימן פון יעדן געצייכנטן פינפאונצוואַנציקער, וועט דאָך די קאָרומפּירטע מיליץ דאָס געלט מיר נישט צוריקגעבן.

דער דיזשורנע האָט דאָס פּעקעלע אויפגעהויבן. און ביים אַריינקומען אין מיליץ, האָב איך מיט אַ מינע פון אַ מענטש פון אַ צוריקגעוווּנענער שלאַכט, אים געזעהט, מיר פריער די סומע און דאָס געלט נישט צו ווייזן,

ביז איך וועל אים אַליין נישט אָנגעבן דעם סימן און די צאָל. איך האָב אים דאָס אַלץ פּינקטלעך אָנגעגעבן, וואָס האָט געשטימט אויף אַ האָר. און ער האָט דאָס אַלץ אַריינגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל. און דאָס געלט האָט געזאָלט ליגן ווי אַ דעפּאָזיט ביזן באַשלוס פונעם אויספאָרשונגס־ריכטער. און די צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון אויספרעגן. זיי האָבן ביי מיר געדריקט אויף איין פּונקט. זיי האָבן געוואָלט איך זאָל זיי אָנווייזן ווער פון זיי עס האָט מיך געשטיקט ביים האַלדז. און דאָס איז געווען מײַן שוואַכסטער פּונקט.

איך האָב זיי ווי אַ גרופּע דערקענט. און האָב אויף זיי ביי דער קאָנ־פראָנטאַציע אָנגעוויזן, נאָר זאָגן גענוי ווער עס האָט מיך געשטיקט, האָב איך זיך צוריקגעהאַלטן. איך האָב אויף זיך נישט געוואָלט נעמען אַזאַ אַחריות.

איך האָב געוווּסט מיט וואָס דאָס שמעקט אין קריגס־צייט, און איך האָב אַזוי ווייט נישט געוואָלט גיין. מיין ציל איז נאָר געווען אָפּצונעמען מיין געלט.

איך וואָלט אויך איינגעגאַנגען זיי צו באַשטראָפן. איך האָב אָבער ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו פאַרמשפּטן וועמען עס איז צוליב מיר אויף טויט. און אַזאַ שטראָף, האָט מען מיר געזאָגט, דראָט פאַר באַפאַלן אין מלחמה־צייט אַ וועכטער אויף אַ סאָוויעטישן פּאָסטן. מיר איז נישט איינ־געפאַלן, אַז זיי זאָלן אויסנוצן מיין דאָזיקע שוואַכקייט און דורך דעם מיר נישט צוריקגעבן מיין געלט.

וואָרעם אויב אַפילו איך האָב זיך אינעם דאָזיקן איינציקן פּונקט געוואַקלט, — איז דאָך דורכן אונטערוואָרפן דאָס געלט, בפרט נאָכן אָנגעבן די גענויע סומע און די געצייכנטע סימנים, דאָך פאַר זיי הונדערט פּראָ־צענט געווען קלאָר, אַז דאָס געלט איז מיינס. נאָר ווייזט אויס, גאָר אַנדערע מאָטיוון האָבן ביי זיי איבערגעוווֹיגן.

אין אָנהייב האָט אַלץ אויסגעזען צו מיין גונסטן. מיין ערשטער פּאָלי־צײַ־אויספאָרשער קאַליוואַן, אַ מיטליאָריקער קאַזאַך, האָט מיר צוגעזאָגט ווי נאָר ער וועט זיך זען מיטן געריכטס־אויספאָרשער, וועט ער מיר דאָס געלט אָפּגעבן. און איך האָב ווירקלעך אַ פּאָר הונדערט רובל דערפון אַרויסגעקריגן.

דערווייל האָט מען די אָנפאַלער געהאַלטן אין אַרעסט און איינער אַ

פּראָנט־אינוואַליד איז אַפילו צו מיר געקומען פּועלן איך זאָל די כוליגאַנעס מוחל זיין. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דאָס גרייט צו טאָן, אויב מען וועט מיר צוריקגעבן דאָס געלט.

שפּעטער אָבער האָט די זאַך שוין אָנגענומען גאָר אַן אַנדערע ווענדונג. די חברה האָט, ווייזט אויס, גענומען שמירן ווו מען האָט געדאַרפט. איך האָב איינמאָל אַליין געטראָפן גריגאָרין, איליאַס פאָטער, אין דער מיליץ מיט אַן עלעגאַנט קוישל פּרוכטן. און גלייך נאָכדעם האָט מען די אַרעס־טירטע פריי־געלאָזט.

איך האָב זיך פונדעסטוועגן נישט געלאָזט. איך האָב זיך געקלאָגט קעגן דער מיליץ. האָט מען זיי ווידער אַרעסטירט און מען האָט מיך ווי־דער אָנגעהויבן אויספרעגן.

דאָס מאָל האָט מיך שוין אַ צווייטער ריכטער אויסגעפרעגט. און ווידער דאָס זעלבע: איך זאָל אָנווייזן ווער עס האָט מיך געשטיקט.

איך האָב דאָס פריערדיקע איבערגעחזרט, אַז איך דערקען זיי אַלע וועלכע זענען אויף מיר אָנגעפאַלן. און אייניקע פון זיי האָבן מיך געשטיקט. נאָר געגנוי ווער, קאָן איך נישט אָנווייזן.

— נאָר וואָס האָט דאָס צום אומקערן מיר דאָס געלט? — האָב איך גע־פרעגט. האָט מען מיר געענטפערט, אַז ווי לאַנג איך וועל נישט אָנווייזן אויף דעם וואָס האָט מיך געשטיקט, וועט מען מיר דאָס געלט נישט צוריק־געבן. און ווידער איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

האָב איך קעגן דעם ווידער אַפּעלירט צו אַ העכערער אינסטאַנץ. און מען האָט פאַר דעם באַשטימט אַ נייעם ריכטער, אַ יידיש־רוסישע פרוי. און זי איז צו מיר געווען נאָך ערגער ווי דער לעצטער.

זי האָט זיך שוין נישט באַנוצט מיטן מאָטיוו איך זאָל אָנווייזן אויף דעם ווער עס האָט מיך געשטיקט, נאָר שפּילנדיק די ראָל פון אַ צדיקת, האָט זי שוין צו מיר געזאָגט:

— וואָס ווילסטו, אַז צוליב אַ מאַך מיט דער האַנט זאָל מען מענטשן פאַרמשפּטן צום טויט?

— איך בין נישט פאַראינטערעסירט אין זייער טויט, — איך וויל קודם מען זאָל מיר אָפּגעבן מיין געלט. און דאָס איז דאָך לכל הדעות קלאָר, אַז ס׳איז מיינס, — האָב איך איר געענטפערט.

— ס׳איז נאָך נישט אינגאַנצן זיכער אַז ס׳איז דיינס — האָט זי מיר היפּאָקריטיש געענטפערט. און ווירקלעך, זיגט איר איבערנעמען די ספּראַ־

ווע, האָבן גאָר די אַרעסטירטע אָנגעהויבן טענהן, אַז דאָס אונטערגעוואָר־פענע געלט איז זייערס.

איי, אויב ס׳איז זייערס, פאַרוואָס האָבן זיי, אַנטלויפנדיק עס אונטער־געוואָרפן און פאַרוואָס האָבן זיי אויך נישט געקאָנט אָנגעבן די סימנים און פונוואַנען זיי האָבן דאָס געלט גענומען, ווי איך האָב באַוויזן, אַחוץ די איבעריקע אויגן־רייסנדיקע באַווייזן?... האָסטו אַ טענה צו דער סאָוויעטי־שער יוסטיץ!... און מען האָט מיר מער קיין געלט נישט צוריקגעגעבן.

איך האָב נאָך געוואָלט ווייטער רעאַגירן, נאָר עס זענען אָנגעלאָפן אַנדערע געשעענישן אין מיין לעבן, נאָך ערגערע, וועלכע האָבן באַדראָט מיין עצם־זיין. — און די דאָזיקע געשעענישן האָבן שוין צונישט געמאַכט מיין ווייטערדיקן געראַנגל פאַר מיין באַרויבט געלט.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

אַן אומבאַקאַנטער נעמט מיך צו זיך

פאַרצווייפלט און פאַריאושט האָב איך אָבער צוליב מיין שרייבן אויף דער פּאָסט און וועלן זיך חשוב מאַכן, — מיין יאוש טיפער אין זיך פאַר־גראָבן מען זאָל אים נישט אַרויסזען. און איך פרעג שוין מער נישט מיינע באַקאַנטע וועגן אַ דירה, נאָר לאָז די זאַך גיין פון זיך אַליין...

מיטאַמאָל אָבער קומט מיר אַ מאַן אַנטקעגן, וועמען איך האָב ביז דאַן נישט געזען און זיין נאָמען נישט געהערט. זיין אויסזען איז ווי פון אַ מגושמדיקן האַרעפּאַשניק מיט אַ שטאַרקן גוף, ברייטפּלייציק, ער איז עטוואָס איבערגעבויגן, נאָר זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע וועלטלעך־פּרימיטיוו, איז פאַר מיר נישט אינגאַנצן זיכער. — כאָטש אַ געוויסע אָפנקייט שפּאַרט פון איר אַרויס.

ער רופט אָן מיין נאָמען און אריינשטעקנדיק מיר אַ מאָזאָלנע האַנט אין וועלכער מיין אייגן הענטל ווערט צעדריקט, שטעלט ער מיר זיך פאָר פאַר מנשה „בולבע” און איז שוין מיט מיר היימיש און אויף דו.

ער דערקלערט מיר ווער ס'איז זיין משפּחה. און כאָטש איך האָב נאָך זיין דערקלערונג ווייטער נישט געוווּסט, — בין איך אָבער נאָך זיינע אָנגעגעבענע סימנים שוין געווען זיכער, אַז ער איז דער אמתער מנשה און איז מיינס אַ לאַנדסמאַן.

ער קען מיר און מיין גאַנצע משפּחה. דערמאָנט מיר אַפילו ווו איך בין לעצטנס געווען טעטיק. און אַלס צולאָג באַדויערט ער און באַקרעכצט מיין לאַגע גאָר נישקשהדיק.

הערנדיק דאָס, הייב איך צוריק אָן שפּינען מיין האָפענונג און די „סלינע" פון מיין דירה־תאווה קומט מיר אַרויף. איך נוץ אויס דעם מאָמענט און קלאָג פאַר אים אויס מיין גאַנץ ביטערניש. און נאָך איידער איך האָב אים עפּעס געפרעגט, האָט ער מיך אַליין פאַרבעטן צו זיך.

איך זוים נישט קיין רגע און גיי גלייך מיט אים מיט אין זיין הויז. דער וועג צו זיין דירה איז אַ ווייטער. און מען דאַרף אויך אויסמיידן אַ וואַסער־שטראָמל. ס'איז אָבער נישט אַצינד קיין צייט צו זיין איבערקלויבעריש.

פאַל איך אַריין אַ פאַרמאַטערטער אין דער הייזקע, וואָס באַשטייט פון איין צימער פאַר זיבן פּערזאָן. עס טרעפט מיך אַ נייער סורפּריז. אויך מנשהס מאַמע קען מיך און מיין משפּחה און איך ווער ביי זיי אָנגענומען פאַר אַ קאָמעניק (שכן).

אין אָווגט באַגעגנט מיך נאָך אַ גרעסערער סורפּריז. עס קומט צו גיין פון זיין אַרבעט מנשה בולבעס שוואָגער יאָשקע, וועמען איך האָב אין דער היים נישט גאָר געקענט, נאָר וועלכער האָט מיט זיין פאָטער אַ צייט געוווינט אין אונדזער הויז.

יאָשקעס פאָטער איז געווען אַן אָרעמער פאַרבער, וואָס פלעגט פאַרבן און רייניקן מלבושים און אַלערליי סחורה־שטאָף. ער האָט אָבער געהאַט ווייניק אַרבעט און האָט דערפון קיין לעבן נישט געקאָנט מאַכן. איז ער אונדז געבליבן שולדיק דירה־געלט, צוליב וואָס ער האָט געמוזט אַוועק פון דער דירה.

איך האָב דאַן אין מיין ייִנגלשן רחמנות מיטן פאַרבער שטאַרק מיט־געפילט. ער איז געווען אַ שטילער מענטש און האָט קיינעם נישט באַלעס־טיקט. איך האָב אָבער נאָך דאַן נישט געוווּסט וויאַזוי אויף דעם צו רעאַ־גירן. און ער איז אַ פאַרשעמטער אַזוי אומגעריכט אַוועק, ווי ער איז אומ־געריכט געקומען.

האָב איך געמיינט, אַז יאָשקע, וואָס איז נאָך דאַן אויך געווען אַ

ייגגל, וועט זיך אַצינד אין מיר וועלן נוקם זיין און וועט מיך באַלד הייסן פונדאַנען משלח זיין, כאָטש קיין גרויסער בעל־דעה איז ער דאָ אויך נישט געווען. ווי זיין פאָטער איז אויך ער געווען אַ שווייגנדיקער נכנע צו זיין גורל.

און ער איז דאָ געווען אַ טאָפּלטער „נכנע", אַ נכנע צו זיין שוואָגער, דעם פאַמיליע־שטאַרקן מנשה „בולבע", פאַר וועמען אַלע האָבן דאָ געציטערט, און אויך אַ נכנע צו דבורהלען, זיין יונג און שיין ווייבל, די געוועזענע קאָמוניסטקע און איינציקע אינטעליגענטקע אין דער דאָזיקער משפחה.

נאָר דווקא יאָשקע האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפריים. ער האָט מיך מקבל פנים געווען מיט אַן עכטן סבר פנים יפות. און ער איז ווי פריילעכער געוואָרן אין מיין אַנוועזנהייט. און דבורהלע, זיין קאָזאַצקע ווייבל, וואָס האָט ווי אַ פּאַרריסענער תלמיד־חכם פיינט אַן עם־הארץ, אים פיינט געהאַט און אים כסדר געריפן פויער, האָט אין דער צייט פון זיין רעדן מיט מיר אים צורו געלאָזט. און דאָס איז געווען יאָשקעס איינציקע אַנטרינונג פון איר...

יאָשקע איז אין הויז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שטילע טויב. ער האָט איר מיט קיין וואָרט נישט צוריקגעענטפערט. זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו זיין פויער־טיטל, ווי אַ גראַף צו זיין גראַפישן.

און ער האָט דעם טיטל אויף זיך געטראָגן מיט הכנעה, ווי אַ קנעכט טראָגט אויף זיך דעם עול פון זיין קנעכטשאַפט. און פונקט אַזוי ווי ער איז געווען הכנעהדיק צום ווייב, איז ער אויך געווען צו מנשהן און צו אַלע אַנדערע אין שטוב.

ווי זיין פראָסטער שוואָגער מנשה, האָט ער אָבער ליב געהאַט צו הערן און מיט אַן עמכעדיקער דאַרשטיקייט געגאַרט נאָך וויסן. און אַזוי פלעגן זיי יעדן אָוונט, ווען איך פלעג נאָר אַהיימקומען מיך אַרומרינגלען און וועלן וויסן וועגן אַלץ. זיי האָבן זיך מיט דרך־ארץ צוגעהערט צו מיינע רייד, ווי אַן איינפאַכער ייד פלעגט זיך פון זיין בית־מדרש־ווינקל צוהערן צו דברי תורה.

יאָשקע האָט זיך אין שטוב אין גאַרנישט געמישט, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער. און אויסער דער הנאה פון צוהערן זיך צו יענעמס רייד, האָט ער גאָרנישט געהאַט, ווייל פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט האָט ער ערגעץ אין שטילקייט און הכנעה אָפּגעפּראַצעוועט דעם טאָג.

גאָר אַחוץ זיין אייגן ווייב האָט קיינער יאַשקען נישט באַלעסטיקט. אויך מנשה האָט אים געלאָזט צורו. ער האָט אים נישט באַזידלט ווי ער האָט באַזידלט זיין עלטערע שוועסטער באַשע, וואָס איז געווען פאַרצערט און פאַרבענקט נאָך איר יונגן אַרעסטירטן מאַן.

מנשהס משפחה איז באַשטאַנען פון זיין מאַמען אַן אַלמנה, צוויי חתונה־געהאַטע שוועסטערן: יאַשקעס פרוי און די עלטערע, וועמענס מאַן איז פאַר עפּעס געזעסן אין תפיסה, און זיין אייגענע יונגע פרוי דינטשע, וועלכע איז, אַ סברה געווען פון אַן אַנדערער שטאָט.

מיט אַלע אין הויז האָט מנשה געלעבט בשלום. פאַר זיין מאַמען און יונגערע שוועסטער האָט ער געהאַט דרך־ארץ. דער מאַמען האָט ער גאָר באַזונדער פאַרערט. צו יאַשקען, זיין הכנעהדיקן שוואָגער, ווי צו די צוויי קוואַרטיראַנטן, האָט ער זיך באַצויגן קאָרעקט. נאָר כל חמתו האָט ער אויסגעלאָזט צו זיין עלטערער שוועסטער באַשע. אין איר האָט ער גע־וואָרפן אַלע זיינע פיילן.

נישט נאָר ער האָט איר קיין ברעקל מיטגעפיל נישט אַרויסגעוויזן, נאָר האָט איר נאָך באַשריגן און באַזידלט פאַר אַלע אין די אויגן.

און טראָץ דעם וואָס ער האָט זיין שוועסטער אַזוי באַהאַנדלט, האָט ער איר נישט געשטערט זיך צו פריינדלען מיט זיין דינטשען. ס׳איז געווען צווישן זיי עפּעס געמיינזאַמס, — וואָס האָט אויסגעזען אידיליש.

דינטשע, מנשהס ווייבל, איז געווען אַ קלוגע און געוווסט וויאַזוי אין דער דאָזיקער משפחה זיך צו האַלטן און מאַנעווורירן. זי האָט געקענט איר יחוס — און האָט זיך אין די משפחה־צאַנקערייען און איר מאַנס זידלערייען נישט געמישט. און ווי יאַשקע האָט זי זיך אין הויז כמעט ווי נישט געפילט... דערפאַר אָבער האָט זי אין די אַנהייב נעכט און ליכטיקע פרימאָרגנס צו הויך אַרויסגעוויזן אירע געפילן צו מנשהן. און דאָס אין גאַענטער שכנות פון די אויפן דיל־ליגנדיקע בעלי משפחה און קוואַרטיראַנטן.

מער ווי איין בעט וואָס האָט געהערט צו באַשען, איז אינעם צימער נישט געווען. און אַלע איבעריקע האָבן פאַרנומען זייער אָרט אין דער לענג פונעם ליימענעם דיל ביז דער קיך.

און פאַר מיר, דעם „מוזינעק" פונעם הויז, איז שוין מער קיין אָרט נישט געבליבן ווי ביי דער סאַמע קיך. און איך בין דווקא דערפון געווען צופרידן. מיינע הענט האָבן געקאָנט גרייכן צו די קיך־טירלעך...

די אלמנה חיה שרה די שניידערקע איז געווען די באַלעבאָסטע פון הויז. כאָטש בלויז איין צימער, איז איר אַרבעט געווען אַ פּאַרצווייגטע. זי האָט קודם געדאַרפט רייניקן און באַגיסן דעם ליימענעם דיל, און וואַשן אַלערליי אויסשפּרייט־לאַכעס פאַרן שלאָפן. און דער עיקר, זיך ראַנגלען מיט די מחנות פליי, וואָס פלעגן גיין אַ „קאַדריל" אין מיטן העלן טאָג. און קיין פייער און קיין וואַסער האָט זיי נישט געקאָנט נעמען.

מיר פלעגן גיין צוזאַמען אין באָד. אָבער ווי נאָר מיר האָבן ביים צוריקקומען געעפנט די טיר, אַזוי האָבן אונדז גלייך מחנות שפּרינגענדיקע חיהלעך מקבל פּנים געווען...

חיה־שרה האָט אויך געדאַרפט קאָכן און אָנזעטיקן די גאַנצע כאַפּטע געזונטע עסערס. און ביידע זאַכן אין רוסלאַנד צו באַווייזן האָט מען געדאַרפט זיין אַ כּישופמאַכער. נאָר צו דעם האָבן איר שוין אַרויסגעהאָלפן באַשע מיט דינטשען. זייער עובֿדה איז געווען אַריינצוברענגען אינעם הויז די פּראָדוקטן. און זיי ביידע זענען געווען קינסטלערינס אין זייער „פאַך"...

פאַר זייער גאַנצער שפּייז האָבן זיי נישט געצאָלט. דערפאַר אָבער האָבן זיי ביי אים געליען נאָר אַ קליינעם טייל, בלויז פאַרן בידנעם טאָג־אויס־קומעניש. און געליען האָבן זיי מיט רחמים, — ביי יעדן איינעם צו ביסלעך...

זיי האָבן די פּראָדוקטן אַרומגעקוקט און אַרומגעטאַפּט און זיך מיטן פּאַרקויפער געדונגען. און דערווייל האָט מען ביי אים עפּעס אויסגעליען. רעטעכער און בוראַקעס שרייען נישט... און אַ קאַזאַכישער בוראַק איז זיס, צעגייט זיך ווי פּאַטינקע און מען קאָן פון אים מאַכן מטעמים.

זענען זיי אַזוי געגאַנגען איבער די באַזאַרן און געשטעלן, ביז זיי האָבן צונויפגענומען זייער באַדערפעניש. די שפּייז פונעם לאַנד איז פעט און זעטיק, און דער הונגער און די זשעדנעקייט איז אין יענער צייט געווען גרויס.

חיה־שרה די שניידערקע האָט געהאַט נאָך אַן אַרבעט, וואָס אָן דעם וואָלט זי נישט געקאָנט קאָכן אירע מאָגערע געקעכטסן. אַן אַרבעט, וואָס איין פיל לענדער פון דער וועלט ווייסט מען נישט דערפון, און אירע אָבות־אבותינו האָבן דערפון אַוודאי נישט געוווּסט.

כּדי צו האָבן מיט וואָס צו קאָכן, האָט זי געדאַרפט זאַמלען אויף די גאַסן און געסלעך פערדישן, בהמישן און איזלשן אָפּפאַל. זי איז נישט געווען

די איינציקע זאַמלערין. און די אויסגעטרוקנטע צואה האָט אין דער פּליטע געקנאַקט ווי קין.

באַלד אינדערפרי זענען זיך אַלע צעגאַנגען צו זייער אַרבעט, און אויסער די קוואַרטיראַנטן מיט יאַשקען און זיין ווייבל, האָט אויך מנשה, פּונקט ווי זיין ווייבל, געהאַט זיין אַרבעט.

מנשה איז געווען אַ טרעגער ביי דער דזשאַמבולער באַן. ער האָט קיין שווערע משאות חלילה נישט געטראָגן, האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף פּריוואַטע פּעקלעך און טשעמאָדאַנעס. און ער האָט זיין אַרבעט געטאָן בשלימות. ער איז אָבער נישט געווען אַליין אין זיין פאַך, האָט אויך געהאַט אַ קאָנקורענט — בענטשען.

בענטשע איז געווען אַ גענִיטער אין זיין „אַרבעט". דאָס פּעקל פלעגט ביי אים, ווי דורך אַ כישוף, זיך אַריבערקייקלען אויף דער צווייטער זייט פון די רעלסן. און אויף יענער זייט האָט שוין דערויף געוואַרט אַן אַנדערער.

און אַז עס איז דעם אַנדערן נישט געלונגען באַלד נעלם צו ווערן, — פלעגט ער לויפן און שרייען: „אַ גנב, אַ גנב, כאַפּט דעם גנב!". מען האָט דעם גנב נישט געכאַפּט און דער באַגנבעטער איז אויך נישט געווען קיין צדיק. און „הגונב מן הגנב איז פּטור"...

יאַשקעס דבורה איז אָבער אין דער משפחה געווען ווי אַ באַזונדער אינזעלע. זי האָט געטאָן איר אַרבעט און ווי אַ פרומער ייד וואָס מישט זיך נישט אין טרפות, האָט זי באַזונדער געקאָכט איר עסן פאַר זיך און פאַר איר „פויער".

ווי אַ סך איבערצייגטע קאָמוניסטן, איז זי געקומען קיין רוסלאַנד פול מיט האָפענונגען און דערוואַרטונגען. און ווי זיי, האָט זי זיך גלייך איינגעבראָכן ביים ערשטן באַריר מיט דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט. און אַנטוישנדיק זיך, איז איר קעגנערשאַפט נאָך געוואָרן אַ פיל שאַרפערער ווי ביי די אַנדערע.

און ווי אַ נקמה אין דער באַוועגונג, וועמען זי האָט אַוועקגעגעבן אירע בעסטע יאָרן, פלעגט זי מיט אַ גאַליקן סאַרקאַזם זינגען איר ליד:

און סטאַלין דער באַפרייער, האָט אונדז באַפרייט,
האָט אונדז באַפרייט פון פוטער און פון קעז,
פון אַ מלבוש, פון שיך, פון פיש און פון פלייש.
אונדז באַפרייט פון אונטערדריקונג און יאָך,
פון עסן און טרונקען, און געגעבן אונדז אַ בראָך.

איך ווייס נישט, צי זי האָט דאָס לידל ערגעץ גענומען, צי זי האָט עס אַליין פאַרפאַסט, נאָר ס'איז איר דאָס נישט פאַרמיאוסט געוואָרן צו זינגען כסדר און אויף אַ קול. און איך האָב באַוווּנדערט איר מוט.

זי איז געווען די איינציקע באַוווּסטזיניקע אין דער משפחה. און ס'איז אין איר געווען די קפדנות פון אַ וויסנדיקער צו אַן אומוויסנדיקן. אַליין פון די געדיכטענישן פונעם פאָלק, האָט אין איר געשטעקט עפּעס פון אַ גייס־טיקן סנאָביזם. און זי האָט איר מאַן, אַן איינפאַכן אָבער אָרנטלעכן מענטש, נישט געקאָנט מוחל זיין זיין אומוויסן.

ס'איז אָבער, ווייזט אויס, אין איר באַציונג צו איר מאַן, ווי אינעם ווילדן מנשהס באַציונג צו זיין פאַרזאָרגטער שוועסטער, פאָרט געווען עפּעס משפּחדיק־געמיינזאַמס, וואָס איז געלעגן טיף פאַרבאָרגן אין זיי, און וועמענס מאָטיוו ס'איז פאַר זיי אַליין נישט געווען גענוג קלאָר... און דאָס לעבן אויף דער דאָזיקער פרעמדער ערד האָט אויך צו דעם גענוג געקאָנט צוגעבן.

חיים גראַב, באַשעס מאַן, וואָס איז פיל יונגער פון איר, איז אַ יחסנות־דיק אייניקל. זיין זיידע, ר' חיים גראַב, האָט קיין רב און קיין רבי נישט געוואָלט ווערן. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער למדן און יחסן. און ווי גרויס למדן ער איז געווען, אַזוי שוואַך אין געזונט איז ער געווען.

האָט זיין אשת חיל, גנענדל, געפירט די געשעפטן און ער איז זיך געזעסן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט על התורה ועל העבודה. און מיטן שטאַרקן זיך פון זיין לערנען, האָט זיך אויך זיין שוואַכקייט געשטאַרקט. ביז אַלץ אין אים האָט אויפגעהערט און ער האָט איבערגעלאָזט דאָס לעבן פאַר אַלע לעבעדיקע. ער איז יונג געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק פאַר זיין גנענדל אויך די דערציונג פון די קינדער. און גנענדל האָט אַצינד נאָך מער גענומען הערשן איבערן הויז.

געטריי דעם פאַרשטאָרבענעמס גייסט, האָט זי געוואָלט אַז אירע קינדער זאָלן, ווי זייער פאָטער, אויסוואַקסן לומדים. און פאַר די וואָס האָבן איר געפאָלגט, איז זי געווען אַ צוגעלאָזענע און גוטע מאַמע. נאָר ביטער איז געווען צו דעם וואָס האָט איר ווידערשפּעניקט.

האָט אָשרקע דער בכור זיך אָפּגעריסן פונעם אַלטן דרך און איז אַוועק לתרבות רעה. ער האָט נישט געוואָלט לערנען און האָט זיך אָנגעהויבן

חברן מיט נישט זיינסגלייכן. האָט אים די אַלמנה פון זיך פאַרשטויסן ווי אַ פרעמדן. און אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן.

מאַמע און זון האָבן זיך וואָסאַמאָל אַלץ מער פון זיך דערווייטערט. ביז אַשרקע איז אינגאַנצן אַוועק. אַוועק פון איר און פון איר סביבה. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ „נחות דרגא" און געהאַט מיט איר אַ זון, וועמען ער האָט פונדעסטוועגן אַ נאָמען געגעבן חיים, נאָך זיין יונג־פאַרשטאָר־בענעם פאָטער.

און כאָטש אַשרקע האָט זיך אויף דער עלטער געפרוווט צוריקכאַפּן, — איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. און זיין חיים, ר' חיים גראַבס אייניקל, האָט זייענדיק אין נויט און אָן אויפזיכט זיך גענומען אויסגליטשן...

האָט חיים זיך קייקלענדיק געגייטיקט אין אַ העלפנדיקער האַנט, און די עלטערע פון אים, באַשע, האָט אים אַזאַ האַנט געגעבן. האָט ער אָנגע־נומען איר האַנט און איר שוין מער נישט צוריקגעוויזן...

און חיה־שרהס משפחה האָט, טראָץ חיימס געפאַלנקייט, זיך נישט אויפגעהערט מיט אים צו קוויקן — און זיך שפּיגלען אין חיימס קאַליע געוואָרענעם יחוס.

שפּעטער, ווען עס איז איבער דער וועלט באַקאַנט געוואָרן דער גרויל פון די יידן אונטער די דייטשן און דאָס יידישע האַרץ אין די פרייע לענדער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, האָט זיך אויך דאָס האַרץ פון חיימס באַבע, וואָס האָט באַצייטנס פאַרלאָזט פוילן, אַ טרייסל געטאָן. און גנענדלס האַרץ, פול מיט רחמנות צו איר ניצול־געוואָרענעם לעצטן משפחה־צווייג, האָט אים קיין רוסלאַנד געגומען שיקן הילף.

איך בין געווען פאַרנומען אויף דער פּאָסט. און ווען איך פלעג קומען אַהיים, איז שוין געווען פינצטער. הגם איך פלעג זיך אומקערן פון די „סטאָלאָוועס" נאָך בייטאָג, איז אָבער דער וועג צום הויז געווען אַ ווייטער.

פלעג איך אַ גאַנצן טאָג נישט זיין אויף מיין קוואַרטיר, נאָר אין די טעג, ווען די פּאָסט איז געווען פאַרמאַכט, פלעג איך זיך דערלויבן פּראַ־ווען אַ יום־טוב און פריער אַהיימקומען. אין אַזעלכע טעג פלעגט באַשע פאַר מיר אויסגיסן איר האַרץ און זוכן ביי מיר אַן עצה.

דאָס געוויסן האָט איר געפּלאָגט. זי האָט זיך געפילט שולדיק לגבי ר' חיים גראַבס אייניקל, וואָס איז צוליב איר מזל און אפשר אויך צוליב איר שולד, — אַריינגעפאַלן.

„שוין אַנדערהאַלבן יאָר ווי ער שמאַכט אין תפיסה פאַר עפּעס אַ

בהמה. און איך גיי אויס פון צער און בענקשאַפט נאָך אים״, — האָט זי זיך מיר פאַרטרויט.

זינט איך האָב זיך אַביסל נאָרמאַליזירט און בין געוואָרן אַ פּריוואַט־טער זאַיאַוולעניע־שרייבער אויף דער פּאָסט, האָט אַ טייל מיר אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ ווינקל־אַדוואָקאַט און האָט אין מיר געגלייבט ווי אין אַ גוטן ייד.

הגם מיין אויפפירונג איז געווען ווייט פון פרום, האָב איך אויך געוווינען דעם צוטרוי פון די פרומע. און אַ טייל פון זיי האָט ביי מיר אויך געזוכט אַ וואָרט פון טרייסט.

און ווי ביטער מיר אַליין איז נישט געווען, האָב איך אָפטמאָל מיין אייגענע פאַרביטערונג אין זיך געמוזט באַהאַלטן און די יידן צוואָרפן אַ ראַט און אַ טרייסט.

באַשעס הויפט־דאגה איז געווען וויאַזוי צו באַפרייען איר מאַן. זי האָט זיך אָן היימען געפילט איינזאַם אין איר אייגענער משפחה, און זי האָט וועגן דעם נישט נאָר געזוכט ביי מיר אַן עצה, נאָר אויך הבטחות.

און איך האָב איר אי געמוזט געבן אַ געהעריקע עצה לטובת חיימס באַפרייונג, און אי איר אויך מבטיח־זיין אַז ער וועט אינגיכן אַהיימקומען.

צום גליק זענען מיר ביידע זאַכן געראָטן. באַשע האָט מיין עצה געפאָלגט. זי האָט אָנגעגעבן אַ באַגנעדיקונג־ביטע צום פּרעזידענט פון ראַטנפאַרבאַנד, קאַלינין. די ביטע איז געוואָרן אָנגענומען און מיין הבטחה איז מקוים געוואָרן. חיים גראַב איז אין קורצן באַפרייט געוואָרן.

איך האָב זיך ווי ס׳איז איינגעלעבט אין דער דאָזיקער משפחה און זיך אויך צוגעוווינט צו מנשהס ווילדקייט און געפּעפּערטן לשון, ווי אַ נייע זאָרג האָט מיך גענומען באַאומרויקן, נישט געבנדיק מיר אויף אַ צייט קיין רו.

קומענדיק צו זיך נאָכן רויב־אָנפאַל, האָט דער עסנדיקער זשאַווער אין מיר אָנגעהויבן נאָכלאָזן. — די צייט און דער באַוווסטזיין פון דיין אומבאַהאָלפנקייט טרייבט דיך אַלץ צו פאַרגעסן. ס׳איז דאָס קול אין דיר וואָס רוימט דיר איין אַזוי שטיל: „פאַרגעס, און הייב אָן פונדאַסניי״...

און אינגאַנצן אָן אַ גראַשן בין איך נישט געווען. איך האָב פון מיין שרייבן יעדן טאָג פאַרדינט נישט נאָר אויף מיין אויסקומעניש, נאָר נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער, מיט וואָס איך האָב געדאַרפט אויסגלייכן מיין פאַרלוסט — און זיך אויך באַוואָרענען אויף שפּעטער.

האָב איך דעם אַלטן חשבון פון מיין זכרון געפּרוווט אָפּמעקן, מיט

דער דעה פון איצט אָן אָנצוהייבן פירן אַ נייעם, און איך האָב ווי אַן איינגעבוירענער קניכער געציטערט און געפּלאַפּלט איבער מיינע שארית־הרובל.

מאָמענטנוויז האָב איך איבער דעם געציטערט ווי איבער מיין אייגן לעבן. און ווי אַ חיה־מוטער, וואָס וואַכט איבער אירע ניי־געבוירענע, אַזוי האָב איך געוואַכט איבער מיין אָפּגעראַטעוועט געלט־רעשטל און האָב עס ווי אַ צירונג געטראָגן אויפן האַלדז. האָט דאָס דאָזיקע קליינע זעקעלע אויף מיין האַלדז צוגעצויגן מנשהס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט מיך, ווייזט אויס, גוט אָבסערווירט.

ער האָט זיין לאַנדסמאַן חלילה נישט געוואָלט באַעוולען. אַזאַ מענטש איז ער נישט, נאָר ס׳איז אים גלאַט געווען גוט צו וויסן, וויאַזוי זיין בן־עיר זעט אויס... האָט ער מיטאַמאָל ביי מיר גענומען בעטן אַ גמילת־חסד, אַ באַלעבאַטיש־יידישן גמילת־חסד.

„צו וואָס ער דאַרף דאָס?״ עס האָט זיך אים געמאַכט אַ געשעפט. אַ כשר געשעפט. וואָסי, מנשה בולבע מוז זיך נאָר פאַרנעמען מיט פּעקלעך?

אַלע ברענגען פון ערגעץ טאַבאַק און פאַרדינען גוט. האָט אים ג—ט צוגעשיקט אַ שותף וועמען ער דאַרף נאָר געבן צושטייער. דער שותף לייגט זיינס אויך אַריין, נאָר עס פעלט אים נאָך צו אַ העלפט. וויל מנשה מיט מיין גמילת־חסד דאָס פעלנדיקע צולייגן.

איך דאַרף נישט מורא האָבן, ער וועט מיר קיין עוולה נישט טאָן. ער שווערט ביי אַלעם הייליקן, אויך ביי זיין מאַמען, אַז ער וועט מיר „מיר־צעשעם״, גלייך ווי דער שותף וועט צוריקקומען, מיין געלט אָפּגעבן.

ער איז מיר אַפילו גרייט צו געבן פּראָצענט. אויך וועלכן משכון איך וויל נאָר. און איך האָב אפילו אַ ברירה דעם משכון צו האַלטן ווו איך וויל.

זיין דאָזיקער פאַרלאַנג האָט מיך אויפסניי צעטומלט. ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שוואַכן פונקט. און קומענדיק צו זיך נאָכן רויב־אָנפאַל און ביי זיין נישט זיכערער רעפּוטאַציע, — איז מיר שווער געווען נאָכצוקומען זיין פאַרלאַנג. ס׳איז מיר אָבער אויך שווער געווען אָפּצוזאָגן. און מיין לאַגע איז געווען נישט קיין גוטע.

איך האָב געהאַט נאָר איין ברירה: אָן זיין וויסן מיט האַק און פּאַק זיך אָפּצוטראָגן פון דער דירה. נאָר דאָס וואָלט מיך צוריקגעבראַכט צו מיין פריערדיקן שלעפּערישן מעמד. און איך האָב שוין נישט געהאַט קיין כוח און קיין מוט צו גיין אויף צוריק.

האָב איך געשפּילט וואַ־באַנק. איך האָב נישט געוואָלט נעמען קיין משכון, און קיין פּראָצענט אָוודאי נישט. איך האָב געוווּסט אַז אָט די חברה איז זייער פּילבאַר. און אויפן פּראָצענט האָב איך זיך נישט געקוואָפּעט, אי צוליבן פּראָצענט אַליין, — און אי כדי נישט צו בלייבן ביים בלויזן פּראָ־צענט... און דאַן, — וואָלט איך זיך „אויפגעגעסן" אַ לעבעדיקן...

נאָר כדי זיך אַליין אַביסל צו באַרויקן, האָב איך אים געפרעגט:

— און ווי וועט זיין אַז ס'וועט געשען אַן אומגליק?

— וועל איך דיר באַצאָלן מיט מיין געלט. איך בין דיר, יעקב, פּאַר ד'עם ערב מיט מיין קאָפּ. און מנשה „בולבע" וועט זיין וואָרט האַלטן. אַנישט, זאָל מיך נעמען די אַפּאָפּלעקסיע אויפן אָרט.

נאָך אַ שווערן ישוב־הדעת האָב איך אים דעם גמילת־חסד געגעבן. און איך האָב אָציגד אָנגעהויבן ציילן ספירה, — כאָטש עס זענען קיין ספירה־טעג נישט געווען.

יעדער טאָג האָט זיך פּאַר מיר באַזונדער געצויגן. און איך האָב קיים ויך דערוואַרט אויפן צווייטן. דאָס זענען פּאַר מיר געווען טעג פול מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג. איך האָב אַזוי אָפּגעוואַרט מנשהס צוגעזאָגטן טערמין אָפּצוגעבן דאָס געלט.

די צייט איז געווען אויסגערעכנט אויף איינצוקויפן דעם טאַבאַק און צוריקקומען מיט אים בשלום קיין דזשאַמבול. דאָס האָט געדאַרפט נעמען ביי אַ זיבן טעג. האָב איך אין לויף פון דער צייט נישט געמאָנט.

נאָר אַז ס'איז אַריבער די וואָך און מנשה האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, האָב איך צו אים אָנגעהויבן צושטיין. אָבער אויך מנשה אַליין האָט זיך אָנגעהויבן באַאומרויקן, וואָס זיין שותף איז נאָך נישטאָ.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט אויף אַזאַ אופן איין חברהמאַן דעם אַנדערן געוואָלט אָפּנאַרן. דער רייזנדער שותף האָט עקסטרע אויפגעהאַלטן מיטן קומען, כדי צו סימולירן אַן אַדורכפאַל, אַז מען האָט אים דעם טאַבאַק צוגענומען און ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן, און צו־נעמען ביי מנשהן דעם קרן מיטן ריווח.

דערווייל זענען אַוועק נאָך אייניקע טעג און ס'איז נישטאָ נישט דער שותף, נישט דער טאַבאַק. און אין די דאָזיקע „סוחרישע" הענט איז געווען מיין קניפּל. ענדלעך איז דער שותף געקומען. און ווען מנשה האָט זיך דערפון דערוווּסט, איז ער גלייך צו אים געלאָפן פון דער אַרבעט.

דער שמוגלער האָט שוין געהאַט פאַרשפּרייט די שמיעה פון זיין

„אומגליק״. נאָר, ווייזט אויס, איינער האָט דעם אַנדערן געקענט. און מנשה בולבע איז אויך נישט געווען קיין צוויי פּאָר אַ גראָשן...

האָט אים מנשה גלייך נישט געגלייבט. און כדי אים אין דעם איבער־צייגן, — איז ער צו אים אַוועק מיט אַ האַק. ער, מנשה, האָט פון קיין קלענערע כּלי נישט געהאַלטן. און איך האָב זיך דערוויל געצאַפּלט — צווישן מיין געלט און חלילה מעגלעכן קרבן...

ס׳האָט אָבער נישט לאַנג גענומען, ווי מנשה איז צוריקגעקומען אין הויז מיט דער קרוין פון אַ זיגער. ער האָט די מלחמה געוווּנען און אין טראָפּן בלוט.

„איך האָב אים, דעם מאַרעוויכער״, האָט ער נאָך פאַר מיר געהע־שעט, „געוואָלט שפּאַלטן דעם קאָפּ. אַ כאָליערע אים אין די קישקעס. ער האָט געהאַלטן אין איין קלאַגן נאָך זיין קאָפּ, אַז מען האָט ביי אים אַלץ צוגענומען. האָב איך אָנגעהויבן ביי אים צו זוכן און האָב דאָס גאַנצע געלט געפונען איינגענייט אין זיין וואַטעווע היטל. דאָס האָב איך זיך אַזוי געבאָרעט פאַר דיר, יאַנקל, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין. און דאָ האָסטו דיין געלט״.

איך בין געווען טאָפּלט צופרידן. אי פאַרן אויסמיידן אַ בלוטיק געשלעג און אי פאַר מיין אָפּגענומען געלט.

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

אין קלעם פון דער ענקאַוועדע

קוים אַרויס פון דער צרה מנשה, ווי אין די הדרי חדרים פון די גע־שעענישן האָט זיך שוין פאַר מיר געוועבט אַ נייע צרה. און דאָס מאָל נאָך אַ פיל ערגערע, ווייל זי האָט באַדראָט גאָר מיין לייב און לעבן... געשען איז דאָס אַביסל שפּעטער.

מנשה האָט מיר טאַקע דעם חוב אָפּגעגעבן. ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן.

נאָר ווי וואָלט געווען ווען עס געלינגט אים נישט אָפּצונעמען ביי זיין שותף דאָס געלט, צי וואָלט ער מיר דאַן דעם חוב אויך אָפּגעגעבן?

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין מיר אָנגעהויבן צו עגבערן און ער האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף מיין גאַנצן זיין ביי מנשהן. נאָר ווי זאָגט מען: „גיס נישט אויס דאָס אומריינע פאַרן רייגעם״. איידער מען גייט אַוועק פון איין דירה, דאַרף מען פריער צוגרייטן אַ צווייטע.

צו קריגן אָבער אין דער צייט אַ דירה, איז פאַר מיר גאָרנישט געווען אַזאַ גרינג עסק. און בלייבן ווידער אַ קוואַרטיראַנט ביי יענעם, האָב איך זיך ווידער איבערצייגט, אַז עס טויג נישט.

האָב איך צוריק אָנגעהויבן טראַכטן פון ווערן אַ נאַכט־וועכטער, נאָר נישט אין קיין אָפענעם פעלד, נאָר אין אַ פאַרמאַכטן מלוכהשן לאָקאַל. ווו איך זאָל גלייכצייטיק אויך האָבן מיין אייגן ווינקל, ווי קליין דאָס זאָל נישט זיין.

איך בין אָבער נישט געווען דער איינציקער חכם פון דער „מה נשתנא״. אַנדערע האָבן מיך שוין מקדים געווען. אויך זיי זענען געקומען צום זעלבן אויספיר. און מיר איז מער נישט געבליבן ווי צו וואַרטן ביז אַזאַ וועכטער־פּאָסטן וועט ווערן פריי.

דערווייל האָב איך בלית־ברירה ווייטער געוווינט ביי מנשהן און פאַרגעזעצט מיין אַרבעט אויף דער פּאָסט. אויף דער פּאָסט איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ לעבעדיקער. אין די לענדער מחוץ דער דייטשער אָקופּאַציע האָט שוין, ווייזט אויס, דערגרייכט דער יידישער גרויל. און דאָס יידישע הארץ מחוץ פונעם עמק הבכא איז געוואָרן אויפגערודערט. באַזונדערס אין ארץ־ישראל.

צו אונדז אָבער, אין דער פרייער, רחבותדיקער תפיסה, — איז נאָך דאַן קיין שום אָפּקלאַנג פון דער יידן־שחיטה נישט דערגאַנגען. אינעם גאַנצן יאַריד פון וועקן דעם גרויס־רוסישן פּאַטריאָטיזם און ציגדן די געבליטן נאָך נקמה איבער די דייטשע מערדער, איז אונדזער יידישער חשבון נישט אַריינגעקומען. די ראַטן־מאַכט האָט די ערשטע צייט פאַר אונדז די דאָזיקע ידיעות אויסבאַהאַלטן.

האָבן מיר נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז די סכנה און די נויט פון אונדזערע איבערגעלאָזטע פאַמיליעס אין דער היים, איז אַ פּיל, פּיל גרעסערע ווי אונדזערע. און געמיינט האָבן מיר דאַן, אַז מיר זענען שוין די גרעסטע מאַרטירער.

נאָר דער ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך — אַליין מיט געבונדענע הענט — געראַנגלט פאַר זיין קיום, האָט צו אונדז געפּרוווט גרייכן מיט זיין הילף.

האָבן אויך קיין דזשאַמבול אַנגעהויבן אָנקומען פּעקלעך פון ארץ־ישראל. און וואָס מער זיי זענען אָנגעקומען, אַלץ מער האָט מען נאָך זיי געשריבן. און אין דזשאַמבול זענען געווען אַרום דרייסיק טויזנט יידן, און אויך נישט־יידן האָבן אָנגעהויבן באַקומען פּעקלעך. און מיין אַרבעט אויף דער פּאָסט האָט זיך פאַרשטאַרקט. נאָר וואָס מער מיין אַרבעט האָט זיך פאַרשטאַרקט, אַלץ מער האָט זיך דעם נאַטשאַלניקס צאָרן איבער מיר געשטאַרקט. צי איז ער טאַקע אַזוי געווען געטריי די פאַרשריפטן, צי זיין פּראָלעטאַרישע קנאה־שנאה האָט זיך אין אים צעבערענט — ווייס איך נישט.

נאָר אַ גוטע קאָרט קעגן מיר האָט ער געהאַט. אַ קאָרט, וועגן וועלכער מיר איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, און מיט וועלכער מען קאָן אינעם לאַנד פון „צדק" צום טויט פאַרפייניקן.

ס׳איז געווען די קאָרט פון קאָנטררעוואָלוציע, און מיט אַזאַ „שם המפורש" — האָט מען דאָ אַלץ געקאָנט באַווייזן...

שרייבנדיק מיינע „זאַיאַוולעניעס" אויף דער פּאָסט האָב איך נישט געהאַט קיין פּאַפּיר אויף וואָס צו שרייבן. אין די מערסטע סאָוויעטישע אַמטן פלעגט מען אַרויפשרייבן אויף שוין פאַרשריבענעם און געדרוקטן פּאַפּיר פון צייטונגען און זשורנאַלן.

די אָפיציעלע אַמטן האָבן דאָס געמעגט טאָן, בפרט, ווען זיי האָבן טאַקע נישט געהאַט קיין פּאַפּיר אויף וואָס צו שרייבן. נאָר פּריוואַטע ביטעס געשריבן דורך אַזעלכע „שפּעקולאַנטישע" שרייבער ווי איך, האָבן געדאַרפט ווערן געשריבן אויף ריין פּאַפּיר און אין קיין מאַגאַזין איז קיין שרייב־פּאַפּיר נישט געווען צו באַקומען.

און נישט נאָר קיין שרייב־פּאַפּיר האָט מען נישט געקריגן, נאָר אויך נישט קיין פּאַפּיר אויף אַריינצושיטן מאַכאָרקע און אויף „אשר־יצר". — וואָסזשע האָבן די סאָוויעטישע מענטשן געטאָן? זענען זיי געוואָרן שטאַרק קולטורעל.

די רוסישע און קאַזאַכישע פּויערים און אַרבעטער האָבן זיך מיט־אַמאָל „פאַרבענקט" נאָך ביכער. און דאָס נישט נאָך קיין ביכעלעך, — נאָר נאָך די אמתע גראָבבייכיקע. און וואָס גרעבער אַ בוך, אַלץ חשובער.

די דאָזיקע ביכער האָבן פאַר זיי געדינט פאַר אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט אויף צום לייענען.

און ווען אין אַ צייטונגס־קיאָסק האָבן זיך אַזעלכע ביכער באַוויזן, איז אויף זיי געוועזן אַן אָנגעלויף ווי אויף ברויט. און ביידע צדדים, דער פאַרקויפער און קויפער זענען דערפון געווען צופרידן.

האָבן די אַנדערע געפונען אַן עצה אין זייער נויט. פאַר „אשר־יצר" און מאַכאָרקע צו דרייען האָט פאַרשריבן פאַפיר אויך געטויגט. איך האָב אָבער נישט געזוכט קיין מאַכאָרקע־פאַפיר, נאָר אַ ריין זייטל פאַר מיינע „זאַיאַוולעניעס".

און אַזעלכע ריינע זייטלעך זענען זעלטן געווען צו געפונען, ווו־גישט־ווו האָט מען געקאָנט געפונען אַ ריין שער־בלעטל. דאָס איז אָבער פאַר מיר געווען ווייניק.

פלעג איך זיך, אין דער צייט ווען מען פלעגט אַמאָל אין פאָסט פאַר־קויפן קאַרטלעך אָדער בייגעלעך פאַפיר צום שרייבן, אויך נאָך דעם ווענדן.

גלייך מיט אַלע האָב איך זיך געשטעלט אין דער ריי, אין דערוואַר־טונג עפּעס צו באַקומען. נאָר אַז ס׳איז געקומען צו מיר, האָט די פאָסט־סעקרעטאַרקע געזאָגט „בדליכא" (ס׳איז נישטאָ) און שוין.

ווייסנדיק, אַז איך וועל דאָס פאַפיר באַנוצן פאַר אַנדערע, האָט זי מיר נישט געוואָלט פאַרקויפן. וואָלט זי מיר כאָטש געזאָגט, אַז דער פאַרקויף איז בלויז פאַרן אייגענעם געברויך, וואָלט עס מיך אַזוי נישט געאַרט און איך וואָלט זיך באַרויקט. נאָר אַז איך האָב געזען, אַז זי נעמט מיך אויפן זיכער, — אין דער צייט ווען ס׳איז נאָך געבליבן פיל פאַפיר, זאָגט זי מיר אַ ליגן אין די אויגן, האָט עס מיך אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט און איך האָב זיך פאַרגעסן ווו איך געפין זיך...

און פאַרגעסן אינעם כלל „החיים והמות ביד הלשון", האָב איך זיך שוין צעלאָזט: „אַ טשטאָ או וואַס יעסט?" (און וואָס איז ביי אייך יאָ דאָ?), קיין קאַרטלעך האָט איר נישט, קיין פאַפיר האָט איר נישט, און וואָס האָט איר יאָ?...

מיט די דאָזיקע ווערטער האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרבונדן קיין שום באַזונדערע כוונות, נאָר זיי האָבן זיך ווי פון זיך זעלבסט אַרויס־געגליטשט. אָבער אַז דער „מולך" זוכט אַ קרבן, — געפינט ער אים שוין.

און מען האָט מער נישט געדאַרפט. ערגעץ ווו איז שוין פאַרשריבן געוואָרן „כתוב וחתום". און מיין קאָנטע איז געוואָרן געמאַכט.

דער נאַטשאַלניק פון פּאָסט, האַבנדיק אַצינד קעגן מיר אַזאַ בייטש, האָט מיך נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו רודפן. און בעת מעשה איז מיר דאַן נישט איינגעפאַלן, אַז די סעקרעטאַרשע האָט דערפון געמאַכט אַזאַ געברויך, אַז זי האָט די געשיכטע איבערגעגעבן דעם נאַטשאַלניק.

ס'זענען אַוועק אייניקע וואָכן. דער נאַטשאַלניק האָט מיך ווייטער געטריבן און איך האָב זיך געטאָן מיינס. ער האָט מיך געהייסן אַרויסגיין פון פּאָסט־אַמט, און איך בין דורך איין טיר אַרויס און דורך דער אַנדע־רער צוריק אַריין. און ער האָט דאָך נישט געקאָנט כסדר שטיין און וואַכן איבער מיר. ס'וואָלט אים נישט געקלעקט קיין צייט און קיין געדולד.

נאָר איין מאָל, ווען עס איז מיר נישט געלונגען אים אויסצומיידן, איז ער צו מיר צו און האָט מיט מיר אָנגעהויבן אַ קריגעריי.

— ווי לאַנג וועסטו נאָך דאָ שפּעקולירן — האָט ער געטענהט. האָב איך אים געפרעגט:

— בירגער נאַטשאַלניק, וואָס שפּעקוליר איך דאָ? די קונים קומען צו מיר פרייוויליק און זיי באַפרידיקן מיך פרייוויליק. איך שטעל נישט קיין פּרייז, נאָר וויפל זיי גיבן מיר נעם איך צו.

נאָר ער, אַנשטאָט אָנצונעמען מיין ענטפער, איז קעגן מיר אַרויס מיט אַ לשון, וואָס איך האָב ביז דאַן פון אים נישט געהערט.

— וועסט נאָך ביי מיר זיצן אין תפיסה, — האָט ער מיך שוין אָנגע־הויבן צו סטראַשען. און דאָס איז פאַר מיר געווען ווי אַ רויט טוך פאַרן גלאַדיאַטאָרן־אָקס. דערמיט האָט ער מיך שוין אינגאַנצן צערייצט. און אַן אויפגעקאָכטער, האָב איך זיך ווידער פאַרגעסן, און האָב זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין פּנים:

— וואָס שרעקט איר מיך אַזוי? איך בין געזעסן אין תפיסה בלויז איין יאָר (שוין מיטן לאַגער), נאָר גרעסערע נאַטשאַלניקעס פאַר אייך זענען געזעסן צו צען און פופצן יאָר. און מיין מעסטל איז געוואָרן פאַרפולט...

ער איז צו צום טעלעפאָן און האָט גענומען קלינגען אין מיליץ. איך האָב זיך אַפילו גלייך געכאַפּט און זיך געוואָלט אַפּטראָגן. האָט ער פאַר־מאַכט די טיר פון דער פּאָסט. ער האָט איר נישט פאַרשלאָסן, ווייל ס'איז געווען אין די סאַמע פרימאָרגן־שעהן פון דער אַרבעט, נאָר איר אַזוי צוגע־לענט, ווי אַ סימן נישט צו פאַרלאָזן די געביידע.

איך האָב זיך אַפילו מיט זיין צייכן נישט גערעכנט. איך האָב די גע־

ביידע יאָ פאַרלאָזט, נאָר ס'איז שוין געווען אַביסל צו שפּעט, ווייל אָפּגייענ־דיק אַ שטיקל וועג, איז מיר שוין אַ פּאָליציי־אַגענט אַנטקעגנגעקומען.

איך האָב נאָך געפּרווט מאַכן אַ ויברח, — האָב איך זיך צום שלימזל פאַרטשעפּעט אין מיינע גרויסע קאַלאָשן, וועלכע איך האָב אין יענע הייסע טעג געטראָגן. איך בין אומגעפאַלן, און דער אַגענט האָט מיך דערגרייכט.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער שטאָטישער מיליץ. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז עס קאָן מיר נאָר דראָען אַ שטראָף פאַרן אומלעגאַלן שרייבן אין אַ מלוכהשן אמט.

געווי וואָס פאַר אַ שטראָף עס קאָן מיר דערפאַר קומען איז מיר נישט געווען באַקאַנט. איך האָב אָבער גערעכנט, אַז דאָס איז ערשטנס אַן אַדמי־ניסטראַטיווע שטראָף, הגם ביי דער הפקרות וואָס עס האָט געהערשט אין די אַרעסט־הייזער, האָט מען אַפילו פון איין טאָג זיצן געקאָנט אַרויסגיין „נקי"... נאָר אַז מיין אומשולדיקע באַמערקונג פאַר דער סעקרעטאַרשע וועט זיין אַן ענין פאַר דער „אָבלאַסטנאָיער" ענקאַוועדע, — איז מיר אין דעם מאָמענט נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן. בין איך אַזוי געזעסן אין דיזשורנעם צימער פון דער מיליץ און געוואַרט צו זען וואָס ווייטער וועט זיין.

דער זייגער האָט זיך גערוקט. דאָס וואַרטן האָט געדויערט צו לאַנג און איך בין געוואָרן הונגעריק. איך האָב דעם טאָג נאָך נישט געהאַט געגעסן. האָב איך זיך אָנגעהויבן באַאומרויקן און דעם דיזשורנע געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז איך זיץ שוין אַזוי אַ גאַנצן טאָג אָן עסן.

ווי אַ מאַנעקין, אָן דער מינדסטער באַוועגונג האָט ער מיך באַרויקט, זאָגנדיק: „ס'וועט באַלד ווערן דערליידיקט". איך האָב זיין „באַלד", פאַר־שטייט זיך, אויסגעטייטשט לויט מיין אייגענעם ווונטש. איך האָב אָבער נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטן, כדי זיך איבערצוצייגן וואָס דער באַלד מיינט פאַר אים...

אַ הויכער מאַן אין ציווילער קליידונג איז אַריינגעקומען. ער האָט מיך איבערגענומען אין זיין רשות, און אַרויספירנדיק מיך פונעם צענטער שטאָט, האָט ער מיך געפירט אַרויף־צו אויפן וועג צום אויסערשטאָטישן באַזאַר.

איך האָב נישט געוווסט וווהין ער פירט מיך. איך האָב ביזן דאָזיקן מאָמענט מיט דער ענקאַוועדע נישט געהאַט צו טאָן. איך האָב אַפילו אויף איר געביידע נישט געוואָלט קוקן. נאָר גייענדיק צום אויסערשטאָטישן

באַזאַר, פּלעגט מיר ווי אַרײַנקריכן אין די אויגן אַ ווײַס עמאַלירט שילדל מיט דער אויפשריפט „אָבלאַסטנאָיע ג.ק.וו.ד.״, פון וועלכער איך האָב געוואָלט זײַן וואָס ווײַטער.

אַציגד, ווען איך בין שוין דאָ אַרײַנגעפאַלן, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז איך האָב די זאַך גענומען צו לײַכט, און ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. איך האָב זיך שוין געפונען ביי דער חיה אין דער נאָרע...

אויסערלעך אַן אַמט ווי אַלע אַמטן, נאָר פאַלט מען אַהין אַרײַן, איז שוין פון דאָרטן שווער זיך אַרויסצוקריגן. אויב מען קריכט בכלל אַרויס.

די טיר האָט זיך הינטער מיר פאַרמאַכט, ווי דעמאָלט אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, הגם אינעווייניק מיט מער אָרדענונג. און נישט אומזיסט האָט מען מיך כסדר געסטראַשעט: „ס׳איז דאָ אַ ברייטע טיר אַרײַן און אַ שמאָלע אַרויס״. יאָ, אַרויסצוקומען פון אַן ענקאַוועדע־טיר איז ווי אַדורכצוגיין דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל.

ס׳איז שוין געווען אָוונט. קיין „שלום־עליכם״ און קיין עסן האָט מיר קיינער נישט געגעבן. דערפאַר אָבער האָט מען זיך מקדים געווען און מען האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. און דער פײַניקנדיקער „דאָפּראָס״ (אויספרעג) האָט זיך אָנגעהויבן.

אין אַ פײַן־מעבלירטן ביוראָ־צימער האָט זיך קעגן מיר אַוועקגעזעצט אַ הויכער, שלאַנקער רוס מיט גראָ־קעצישע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ דינע האַקי־רובאַשקע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן פּאַס. ער איז געזעסן אויבנאָן, און איך, זײַן געפאַנגענער, ביי זײַן לינקער זײַט.

ס׳ערשטע האָט ער מיך באַזוכט. ער, נאַטשאַלניק לאַזוק, „בכבודו ובעצמו״, מיר באַזוכט אַלע קעשענעס און אַלע פאַרבאָרגענע ערטער. האָט מיר צוגענומען די דאָקומענטן, אַלע קליינײַקייטן, ווי אויך מײַן באַנקביכל פון דער סאָוויעטישער „סבערעגאַטעלנאַיאַ קאַסאַ״ (שפּאָר־קאַסע), וועלכעס איך האָב זיך דערוואָרבן שוין נאָכן רויב־אָנפאַל אויף מיר אין „אָבלאַסטנאָיעם״ גאָרטן און נאָכן אומקערן מיר דעם גמילת־חסד דורך מנשהן.

איך האָב ביטער פּראָטעסטירט פאַר צונעמען ביי מיר דאָס ביכל, האָב געפרוווט באַווײַזן, אַז לויט די סאָוויעטישע געזעצן אַליין, טאָר מען, אויסער דורך אַ באַזונדערער פאַראָרדענונג פון דער פינאַנס־מאַכט, קיין

באַנק־ביכל נישט צונעמען. ער האָט מיר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און זיך געטאָן זיינס.

ער איז נישט צוגעטראָטן גלייך צום „פאַרברעכן“, — ער האָט בכלל מיר נישט איבערגעגעבן אין וואָס איך ווער באַשולדיקט, נאָר מיט אַן אויסגערעכנטקייט וואָס איז נאָר זיי אייגן, — האָט ער אָנגעהויבן מיט מיינעם און מיינע עלטערנס יחוס.

גאַנצע שעהן האָט ער זיך געהאַלטן אין איין גריבלען אין מיין, אין מיין פאָטערס, מיין זיידנס און מיין באָבעס און עלטער־באָבעס פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס איך און זיי האָבן געטאָן, וואָס איך און זיי האָבן געטראַכט. וואָס איז געווען מיין עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, ווי איך האָב געוווינט, מיט וועמען איך האָב פאַרקערט און בכלל זיך אינטערעסירט מיט מיין יעדן קער און ווענד.

און איך האָב גאָר אַליין נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ וויכטיקער מענטש איך בין... איך האָב גערעדט און ער האָט געשריבן. פאַרשריבן און ווידער געפרעגט. זיינע פּראָטאָקאָל־בויגנס זענען שוין געווען פול באַשריבן, כאָטש ס׳איז דאָן געווען אַזאַ מאַנגל אין פּאַפּיר.

איך האָב איבערגעגעבן מיין ביאָגראַפיע:

„מיינע עלטערן זענען געווען רעליגיעזע, חסידים און מיטל־פאַרמעגלעכע. פאָטער און מוטער האָבן שווער געאַרבעט אויף אַרויפצואַרבעטן זיך. ווי ס׳רוב יידן אין מיין שטאָט, האָב איך באַקומען אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע דערציונג און אַלגעמיין־וועלטלעך וויסן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מיין פאָטער צוליב די דייטשן געשטאָרבן צו 36 יאָר, און איך בין צו 15 יאָר געבליבן אַ יתום. נאָכן פאָטערס טויט האָב איך פאַרגעזעצט מיין לערנען און גלייכצייטיק געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך. צו 19 יאָר גענומען געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי און אין די אָנהייב צוואַנציקער — אָנגעהויבן שרייבן.

איך האָב חתונה געהאַט קיין ביאַליסטאָק, ווו מיין שוויגער האָט געהאַט אַ שפּייז־קראָם, און איך האָב פאָרגעזעצט מיין שרייבן און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

צוליב די שיקאַנעס פון דער פּוילישער מאַכט לגבי די יידן און דער שווערער שטייערן־שרויף, בין איך געווען געצוווּנגען די קראָם צו ליקווידירן און איך האָב געלעבט פון אומלעגאַלן שרייבן ביטעס.

איך בין אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון דער ווינטער־הילפס־אַקציע

פאַר אַרבעטלאָזע און האָב אויך אויסגעפירט אַנדערע ענלעכע פונקציעס. ביין געווען וו.־פאָרזיצער פונעם ביאַליסטאָקער קליינהענדלער־פאַראיין און פאָרזיצער פון דער שפּייז־קאָלאָניאַל־בראַנזשע.

פאַר די סטראַגאַנטשיקעס און קליינהענדלער ביים זעלבן פאַראיין האָב איך געגרינדעט אַ ליי־קאַסע, און האָב, דער ערשטער אין פוילן, איניציאירט אַ באָיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

האָב זיך באַטייליקט אין דער אַקציע פאַר פאַרביליקערן דעם עלעק־טרישן שטראָם פאַר די אָרעמע און דעקלאַסירטע, אָרגאַניזירנדיק אַן אַל־געמיינעם קאָנסומענטן־שטרייק קעגן דער אויסנוצערישער ביאַליסטאָקער עלעקטראָווניע.

ביים אַריינקום פון די סאָוויעטן קיין ביאַליסטאָק, ביזן אַרעסטירט ווערן, געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פון אַ סאָוויעטישן ברויט־מאַגאַזין".

אויסער מיין ציוניסטישער טעטיקייט, האָב איך אַלץ דערציילט. די ציוניסטישע טעטיקייט האָב איך נישט דערמאָנט, ווייל זי האָט אין מיינע פריערדיקע ביאָגראַפיעס אויך נישט פיגורירט. דערפאַר אָבער האָב איך אונטערגעשטראָכן מיין נאַציאָנאַלע דערציונג.

ביים איבערגעבן די איינצלהייטן, האָט מיר לאַזוק נישט איבערגע־ריסן, ער האָט עס, ווייזט אויס, געטאָן מיט אַ כוונה, כדי איך זאָל אין לויף פון רעדן זיך פאַרגעסן און זיך פאַררעדן...

איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין דערמיט פּטור, און איך וועל שוין אַצינד הערן וואָס מען וויל פון מיר, אין וואָס מען באַשולדיקט מיך. מיין אויספאָרשער האָט מיך אָבער נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיר אָנגעהויבן שטעלן פרישע קלאָץ־קשיות:

— וואָס לערנט דאָס רעאַקציאָנערע חסידות?

— חסידות איז נישט קיין רעאַקציע. זי איז אויפגעקומען ווי אַ רעלי־גיעזע באַוועגונג פאַר די ברייטע מאַסן פונעם פאָלק. זי האָט זיי אויסגע־גלייכט מיט די איבעריקע יידן, פאַרברידערט צווישן זיך און זיי געבראַכט לעבנס־פרייד און דערהויבונג, — האָב איך געזאָגט.

— אַט אַ „מערזאַוויעץ", אַ הינטישער זון. ער וויל אונדז דערציילן וואָס רעליגיע איז. רעליגיע איז אַ סם וואָס וויל פאַרקנעכטן און אונטער־דריקן דאָס פאָלק, און דיין חסידות איז איר פינצטערסטער טייל.

— איך בין איידָ דאָ גאָרנישט געקומען לערנען, — האָב איך געענט־פערט. — איך אַליין בין אַצינד נישט קיין חסיד, ווייל איך בין בכלל איצט נישט פרום. איך האָב אייך נאָר איבערגעגעבן דעם עטישן גרונט פון חסידות — און דעם אמת פון מיינע עלטערן. איך האָב אָבער זיך נישט וואָס צו שעמען מיט מיין פאָטערס חסידות, ווי מיט מיין אייגענער יידיש־קייט. איך האַלט זיך פאַר אַ שטאָלצן ייד, און באַטראַכט דעם אויפקום פון חסידות, ווי אַן עטיש־גייסטיקע באַוועגונג.

— און וואָס האָסטו געטאָן אין דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, זיך געשלאָגן קעגן פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד, עס געוואָלט אומברענגען, הינטישער זון, אַ?

— איך בין קודם נישט קיין הינטישער זון. מיין „רעאַקציאָנערער" פאָטער האָט אַזוי נישט גערעדט צו קיין מענטש. זיין רעליגיע האָט אים געלערנט יעדן צו רעספּעקטירן. איך בין אַ יידישער שרייבער און פאַרלאַנג מיך צו באַהאַנדלען מענטשלעך, — האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן אויפ־צוקאָכן.

— פאַרמאַך דעם פּיסק, פאַר... מאָרדע. פאַרעטער, שפּיאָן. דו ביסט נישט אויף דער פריי און גיב אונדז נישט קיין לעקציע וועגן העפלעכקייט. דו ענטפער בעסער וואָס האָסטו געטאָן אויפן פוילישן פראָנט?! אַ נישט, וועלן מיר דיך מאַכן רעדן.

— איך בין אַ פוילישער בירגער. אין דעם לאַנד געבוירן. האָט מען מיך צוזאַמען מיט די אַנדערע מאָביליזירט און איך האָב געטאָן דאָס, וואָס אַלע אַנדערע טוען פאַר זייערע לענדער. די געזעצן און די פּאָליטיק פון דעם לאַנד האָב איך נישט געמאַכט.

— און וואָס האָסטו געטאָן אינעם ביאַליסטאָקער קאָמבאַטאַנטן־פאַראיין? — האָט ער פלוצים קעגן מיר אַ פאָכע געטאָן ווי מיט אַ בייטש, אויף וועלכער איך האָב זיך נישט געריכט. און ס'האָט נישט געהאַט קיין זין דאָס צו פאַרלייקענען.

— ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד, — האָב איך געענטפערט, — האָב איך אויסגענוצט מיין פראָנט־דינסט אויף צו שיצן די דעמאָלט באַדראָטע יידישע אינטערעסן. און ווי לאַנג איך בין געווען סעקרעטאַר, האָב איך נישט געלאָזט אויסנוצן דעם פאַראיין צו אַנדערע צוועקן.

קאַפּיטל נײַנאונדרײַסיק

די פֿאַרהערן גייען אָן

די אויסמאַטערנדיקע אויספֿרעגענישן האָבן זיך פֿאַרצויגן. איך האָב קיין זייגער נישט געהאַט און האָב נישט געוווסט די פּינקטלעכע צייט. נאָר איך האָב געפֿילט, אַז עס מוז שוין זיין געגנוג שפּעט אין דער נאַכט.

אין אָנהייב האָט מיין אויספֿאָרשער זיך נאָך געפּרוווט האַלטן העפֿלעך, זיך באַנוצט מיט דער גאַנצער שווינדלדיקער רוטין. האָט מיך געפּרוווט מכבד זיין מיט אַ פּאַפּיראָס, וועלכן איך האָב נישט גענומען.

פֿון צייט צו צייט איז ער אַליין געוואָרן פֿאַרמאַטערט, האָט גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און זיך געהייסן אַלע מאָל דערלאַנגען טיי, אָדער קאַווע.

אויסער אַ פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט מיר געוואָלט צוּוואַרפֿן, האָט ער גאָרנישט געגעבן. אַן אויסגעהונגערטער פֿון אַ גאַנצן טאָג נישט עסן, און אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון די ביז צום ברעכן איבערגעחזרטע פֿראַגן, בין איך געפֿאַלן אין אָנמאַכט.

מיין „בעל־רחמים" האָט אויף אַ מאָמענט אויף מיר רחמנות געקריגן ער האָט מיך ווי אַ קאַץ וואָס לאָזט אויף אַ מאָמענט אַרויס דאָס מייזל פֿון איר פּיסק, אויף פֿינף מינוט מיך אַרויסגעלאָזט פֿון זיינע הענט.

נאָך די פֿינף מינוט האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, נאָך אַלץ נישט זאָגנדיק פֿאַרוואָס איך בין אַרעסטירט. און איך אַליין האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין דער געשיכטע מיט דער פּאָסט־סעקרעטאַרשע, און געמיינט, אַז דאָס איז פֿאַרן בלויזן חטא פֿון שרייבן אויף דער פּאָסט, וואָס איז מיר טאַקע געווען שווער צו פֿאַרשטיין.

נאָר ווי אַ פֿאַרויסגערעכנטער צוג, איז גלייך נאָכן איבערגעבן מיין ביאָגראַפֿיע די מערכה קאַליע געוואָרן. ער האָט מיך אָנגעהויבן צו פֿראַ־וואַצירן מיט זיינע פֿרישע קשיות, און ווי אַ שיכור זיך געזידלט און געסטראַשעט.

איך האָב געזען, אַז צו דער שפּיל נעמט נישט קיין סוף, און איך ווייס נאָך אַלץ נישט פֿאַרוואָס ער מאַטערט מיך, האָב איך אויפֿגעהערט ענט־

פערן אויף זיינע פראַגן און פון אים געפאָדערט ער זאָל מיר זאָגן פאַרוואָס איך בין געוואָרן פאַרהאַלטן.

ער איז נאָך מער אַרויס מיט לשון. האָט אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע און מיר דערלאַנגט אין דער מאַמען אַריין... און אַלס צולאָג מיר נאָך צוגעטשעפּעט אַ פּרעמדע גויאישקע מאַמע, — זייענדיק „המחלל בקדשים" (הייליקייט־פאַרשוועכער)... ער האָט זיך שוין אַצינד געהאַלטן אין איין זידלען.

— הינטישער זון, פאַרהורטע מאָרדע, ווילסט וויסן פאַרוואָס דו ביסט אַרעסטירט? ווייל דו ביסט אַ קאָנטרעוואָלוציאָנער, אַ שפּיאָן, אַ פאַרעטער, אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַ פיינט פונעם פאָלק. — האָט ער אין איין אָטעם אַריינגעכאַפּט, ווי דער בעל־קורא כאַפּט אַריין אין איין אָטעם די עשרת בני המן.

נאָך די דאָזיקע „עליות" האָב איך זיך באַגאָסן מיט אַנגסטן. און איך האָב געטראַכט: אַ, איך בין גוט אין פּעקל.

ווער ווייסט צי איך וועל שוין ווען עס איז אַנזען די ליכטיקע שיין. און אויב אַפילו מען וועט מיך נישט דערשיסן, וועל איך נאָך אַ לאַגער שוין נישט אויסהאַלטן. כאָטש נאָך אַלץ נישט וויסנדיק פאַרוואָס איך בין מיטאַמאָל ביי זיי געוואָרן אַ קאָנטרעוואָלוציאָנער.

דרייענדיק זיך אין קאָנוולסיעס, האָב איך זיך אָנגעהויבן אויפּקאָכן:

— ווען און ווו האָב איך געפירט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטי־קייט, ווו זענען די פאַקטן?

— פאַקטן ווילסטו? אָט דאָ איז פאַראַן די אונטערשריפט פון נאַטשאַל־ניק און פון דער סעקרעטאַרשע פון דער פּאָסט. — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף די אַקטן. ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיט דער סעקרעטאַרשע פון פּאָסט און אין דער קריגעריי מיטן נאַטשאַלניק.

און ווי איינער וואָס קומט צו זיך נאָך אַ שווערער באַרוישונג, בין איך אַצינד צו זיך געקומען און האָב באַנומען מיין גאַנצע לאַגע. יאָ, אַ שטיקל פאַקט איז אין דעם געווען, הגם אינגאַנצן אַן אומשולדיקער, אָבער גענוג פאַר זיי דערפון אויסצובויען אַ פּראָוואָקאַטאָרישע באַשולדיקונג קעגן מיר.

אויף דער פּאָסט, ביים אָפּזאָגן מיר צו פאַרקויפן קאַרטלעך און פּאַפּיר, האָב איך גערעדט בלויז צו דער סעקרעטאַרשע. און מיין פראַגע, „און וואָס איז ביי אייך יאָ דאָ?", איז געווען געווענדט נאָר צו איר, אָן שום זייטיקע כוונות. און זיי האָבן פון דאָזיקן שפּינוועבס אויסגעבויט

קעגן מיר פּיתום ורעמסס. — פון מיינע ווערטער, פאַרזענלעך געווענדעט צו דער טעקרעטאַרשע און אויך דאָס אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט, בין איך שוין ביי זיי געוואָרן אַ גאַנצער קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַ פאַרעטער און אַ פיינט פונעם פאָלק.

און איך, אַן אָפּגעריסענער, קראַנקער שלעפּער, האָב גאָר אַליין נישט געוווסט ווי מעכטיק איך בין און ווי ווייט מיין מאַכט גרייכט, אַז אַ גאַנצע אַבלאַסטנאַיע ענקאַוועדע זאָל זיך דאַרפן מיט מיר פאַרנעמען און זען מיך מאַכן אומשעדלעך.

פון דער צווייטער זייט, איז די אויפדעקונג פון דער באַשולדיקונג מיר צונוצגעקומען, ווייל אויף צו זוכן אַ רפואה, מוז מען ווייניקסטנס זיין באַקאַנט מיט דער קראַנקהייט.

האָב איך דעם אויספאָרשער אַלץ אויפגעקלערט. אים דערציילט, אַז שוין אַ צייט ווי איך פאַרנעם זיך מיט שרייבן ביטעס און פאָרמולאָרן אויף דער פּאָסט. און צוליב דעם וואָס דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָסט לאָזט מיך נישט שרייבן, איז צווישן אונדז געקומען צו אַ קריגעריי.

ס'קאָן זיין, אַז ענטפערנדיק אויף זיינע סטראַשונקעס האָב איך אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, נאָר דאָס אַלץ האָט נישט קיין שייכות מיט קאָנטררעוואָלוציע, אָדער אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט.

איך בין קיינמאָל קיין מאַרקסיסט נישט געווען, און האָב נישט געהערט צו קיין שום אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אָרעמע און סאָציאַל־שוואַכע עלעמענטן האָב איך אויף מיין שטייגער געפּרוווט העלפן. און איך בין נישט קיין רעוואָלוציאָנער און נישט קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער. וואָס איך בין יאָ — אַ נאַציאָנאַלער ייד.

און פאַרוואָס זאָל איך דווקא אַצינד, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי שלאָגט אונדזערע ביטערסטע פיינט, די דייטשן, זיין קעגן ראַטנפאַרבאַנד? און ס'איז פאַר מיר אַ כלל: „ווער עס העלפט פאַרניכטן מיינע פיינט, איז שוין דערמיט אַליין מיין פריינד" — האָב איך געפּרוווט באַגרינדן מיין פאַרטיידיקונג.

איך האָב זיך אויך פאַררופן אויף אַ ליד געשיקט צום רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער „איינקייט", ש. האַלקין, וועלכעס לאַזוק האָט מיר שפּעטער נישט צוריקגעגעבן.

אין דעם מאָמענט האָט ווי אַ באָמבע אויפגעריסן. מיין אויספאָרשער האָט אַריינגערופן דעם הויפּט־נאַטשאַלניק, וועלכער האָט אויך צו מאַכן

אַש און פּראַך פון מיין פאַרטיידיקונג, — אַ פּאַכע געטאָן פאַר מיינע אויגן מיט אַ פרישן שרעקלעכן חטא, וועלכן איך בין באַגאַנגען.

ער האָט אַרויסגענומען פון מיינע פאַרנומענע קליינינקייטן אַ שער־בלאַט פון אַ בוך מיט סטאַלינס בילד, אויף וועמענס ריינע זייט איך האָב צוליבן פעלן פון פּאַפּיר געשריבן.

— וואָס סוקין פרי סוקין (אָט אַ הונט איינער), — האָט לאַזוק אויס־געשיפּעט און דאָס געוויזן דעם הויפּט־נאַטשאַלניק. און מיין זאַך איז נאָך מער געוואָרן באַשווערט.

איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז נישט האָבנדיק אויף וואָס צו שרייבן, פלעג איך אויסנוצן יעדעס שטיקל פּאַפּיר. און איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט שרייבן אויף דער אַנדערער זייט פון אַ בלעטל מיט סטאַלינס בילד.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זיך די אויספאָרשונג ווידער באַנייט. איך האָב געזען, אַז ס'איז שלעכט. מען שלעפּט מיך ערגעץ אַריין אין אַ טיפן זומפּ, פונוואַנען איך וועל מיט אייגענע כוחות נישט קאָנען אַרויס. און איך בין דאָ אין דזשאַמבול איינער אַליין. איך האָב נישט ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען.

האָב איך גענומען זוכן עצות, וויאַזוי אַרויסצוקריגן זיך פון דער סכנה. איך בין פאַר מיינע „חטאים“ געווען גרייט צו באַצאָלן אַ נישקשה־דיקן „כופר־נפש“. און איך האָב וועגן דעם עפּעס געטראַכט...

און געטראַכט האָב איך: „רבונו של עולם! לאָמיך כאָטש אַרויס נאָר אויף איין טאָג“. ווי די גאַנצע ישועה וואָלט אין דעם איינעם טאָג געלעגן. אין יענעם מאָמענט בין איך געווען פול מיט דערוואַרטונג און האָב גע־מיינט, אַז ווי נאָר איך קום אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, וועלן זיך אַלע וואַרפן מיר צו העלפן.

נאָר וויאַזוי מאַכט מען דאָס, בעת איך קאָן נישט, נישט דעם נאַטשאַל־ניק לאַזוק, נישט דעם הויפּט־נאַטשאַלניק ליניטשענקאָ?

און אַליין פרווון האָב איך מורא, ווייל טאָמער גייט עס נישט, קאָנען זיי דאָס ערשט רעכט אויסנוצן קעגן מיר, ווי אַ פעסטן באַווייז, אַז איך האָב טאַקע פאַרוואָס מורא צו האָבן און איך בין יענער קאָנטררעוואָ־לוציאָנער און שפּיאָן.

האָב איך אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, מער ברמיזא, געפּרווט געבן אָנצוהערן, אַז איך בין אויף עפּעס גרייט...

צי לאַזוק האָט מיין כוונה פאַרשטאַנען, נאָר האָט פון מיר דערוואַרט מער לשון, צי ער האָט נישט געוווּסט וואָס איך בין אויסן, ווייס איך נישט.

איך האָב זיך אַליין אָנגענומען מיט מוט, זיך איינגעשטעלט און צו אים צוגעשטאַנען:

— בירגער נאַטשאַלניק, וואָס זוכט איר? איך זע דאָך, אַז איר זוכט עפּעס. טאָ זאָגט מיר קלאָר וואָס איר זוכט ביי מיר...

ער האָט נישט באַלד געענטפערט, ווי ער וואָלט אויסגעקוקט איך זאָל ווייטער רעדן. אפשר וועל איך זיך דעררעדן צו דעם, וואָס ער וויל. נאָר געדונערט און געבליצט האָט ער אויך נישט...

זעענדיק, אַז כאָטש ער ענטפערט נישט אויף מיינע אָנצוהערענישן, לאָזט ער מיך אָבער ווייטער רעדן, האָב איך עס געפּרוּווט אָננעמען פאַר אַ סימן, אַז זיי מיינען נישט אַזוי מיין אַרעסט, ווי זיי צילן צו עפּעס אַנדערש. האָב איך געוואָלט דערגיין זייערע כוונות. איך האָב איבערגענומען די איניציאַטיוו און זיי געפּרוּווט איבערכיטרעווען.

איך האָב געוווּסט, אַז מיט דער חברה איז גלייכער, אַפילו מיטן אומ־שולדיקסטן, צו זיין פונדערווייטנס, איך האָב אָבער געגלייבט, אַז ווי נאָר איך גיי פון זיי אַרויס, איז שוין מיין לאַגע גערעטעוועט, האָב איך געזוכט יעדע שפּאַרונקע אויף אויפצומאַכן די טיר פון מיין פאַרשפּאַרונג. האָב איך, נאָך אַ שווערן אינערלעכן געראַנגל, געזאָגט:

— אויב איר ווילט, קאָן איך אייך מיט עפּעס העלפן.

און מיטאַמאָל האָט ער איבערגעריסן זיין שווייגן און איז אַרויס:

— מיט וואָס קאָנסטו אונדז העלפן? — מיינענדיק אוודאי אַז איך גיב זיך זיי שוין איבגאַנצן אונטער...

— מיט וואָס איך קאָן אייך העלפן? — האָב איך צוריקגעענטפערט און געצויגן די ווערטער איך זאָל מיט ישוב־הדעת זיי קאָנען ענטפערן. — איך קען אייניקע שפּראַכן: יידיש, העברעיש, פויליש און דייטש. איז נאָך דעם ווי איר וועט מיך באַפרייען, וועל איך אייך העלפן איבערזעצן פּאַפּירן געשריבן אין די דאָזיקע שפּראַכן.

לאַזוקס פּנים האָט זיך געביטן. ער האָט, ווייזט אויס, פון מיר עפּעס אַנדערש דערוואַרט. — און דאָך האָט ער אַריינגערופן דעם הויפּט־נאַטשאַלניק און מען האָט מיך גענומען אויף אַ פרישן פאַרהער.

מען האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן אַלע ביז דעמאָלט אין פּוילן עקזיסטירנדיקע פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס, יידישע ווי נישט־

יידישע. זיי האָבן געוואָלט וויסן וועגן זייער אָרגאַניזאַציאָנעלן און אידעיִש־פּאָליטישן כאַראַקטער.

איך ווייס נישט צי דאָס האָבן זיי אַזוי געוואָלט אויספּרוּוון מיין סאָציאַל־פּאָליטישן וויסן, אָדער זיי האָבן פון מיינע ידיעות אַליין געוואָלט לערנען און דורך דעם אויך זיך איבערצייגן אין מיין גלויבנסווירדיקייט.

איך האָב זיי די אינפאָרמאַציעס געגעבן. און לאַזוק האָט אויף דעם גוט־באַקאַנטן שטייגער מיך קאָמפּלימענטירט: „איי, פייגעלע, דו ווייסט מער ווי דו זאָגסט"...

מיין איינפאַל איז געלונגען. דאָס ווינציקע צו וואָס איך האָב דערוויל געצילט, האָב איך דערגרייכט. נאָכן אונטערשרייבן אויפן באַשולדיקונגס־אַקט מיינע דערקלערונגען, האָט ער מיר אויך געגעבן אונטערצושרייבן אַז איך וועל נישט פאַרלאָזן דזשאַמבול און זיך צוויי מאָל אַ וואָך קומען מעלדן אין דער ענקאַוועדע, אַנזאָגנדיק דערביי, איך זאָל קיינעם פון מיין אַרעסט נישט דערציילן.

אינגאַנצן פון זייערע הענט בין איך נאָך ווייט נישט געווען אַרויס. איך האָב זיך אָבער געפרייט מיטן צייטווייליקן אַרויסלאָז, לייגנדיק אין מיין נאַאיווקייט אויף דעם צו גרויסע האָפענונגען.

קאַפּיטל פערציק

דאָס ערשטע מעלדן זיך

אינדרויסן האָט שוין געגרויט. פאַסמעס ליכט האָבן זיך מיט געוואָלט אַדורכגעריסן דורך די אַראָפּגעלאָזטע פענצטער־שטאָרן פון דער ענקאַ־וועדע־געביידע. און ווען איך בין אַ הונגעריקער און פאַרמאַטערטער אַרויס פון דער געביידע, איז שוין געווען קלאָרער טאָג. איך האָב ברייט צעעפנט מיין מויל און ווי וואַסער געשלינגען די פרישע מאָרגן־לופט. און ווען איך בין אַריבער די ברייט פון וועג און האָב זיך פאַרנומען גיין אויפן

זאַמד־ברעג פונוואַנען עס האָט געפירט אַ וועג צו מיין דירה — איז מיר פלוצים מנשה מיט זיין שוועסטער אַנטקעגנגעקומען.

פאַר דער איינער נאַכט, וואָס איך בין צו זיי נישט געקומען נעכטיקן, האָבן זיי זיך באַאומרויקט און זיי זענען אויף מיר געגאַנגען פרעגן אין דער ענקאַווערע.

זייער איבערגעגעבנקייט צו מיר האָט מיך גערירט. ס'איז געווען ווי אַ פלאַסטער אויף מיין צעווייטיקט געמיט. און זיי זענען טראַץ אַלעם געוואַקסן אין מיינע אויגן.

מנשה איז געווען דער ערשטער וועמען איך האָב אַלץ דערציילט. ער האָט מיר געראָטן צו אַנטלויפן פון דזשאַמבולער „אַבלאַסט". אויך איך האָב דאָס איינגעזען און דאָס געוואָלט טאָן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין כוח און קיין מוט דאָס אויסצופירן. איך בין געווען געליימט, און האָב גלייכגילטיק אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומענדיקע.

איך האָב געוואָלט גלייך לויפן אין פוילישן פונקט איבערצוגעבן וועגן מיין לאַגע און זיך ווי ס'איז באַוואָרענען אויף ווייטער. איך האָב זיך אָבער באַרעכנט, אַז ס'איז נאָך דערוויל פריצייטיק דאָס צו טאָן. מען דאַרף אָפּוואַרטן דעם רעזולטאַט פונעם ערשטן מעלדן זיך.

בין איך שוין דערוויל פון דזשאַמבול נישט אַוועק. און איך האָב מיט האַרץ־קלאַפעניש געוואַרט אויף דער שעה פון מיין מעלדן זיך.

די שעה איז געקומען. און ווען איך בין אַריין צו לאַזוקן, האָט ער שוין אויף מיר געוואַרט. ער האָט מיך געפּרווט כלומרשט אויפנעמען פריינטלעך און איז באַלד צוגעטראָטן צום ענין.

איך וועל דאַרפן שטיין מיט זיי אין קאָנטאַקט, אויספירן אַלץ וואָס זיי וועלן מיך הייסן. און אַז איך וועל זיך אויסצייכענען, וועלן זיי שוין פאַר מיר זאָרגן. — האָט ער ווי מען נעמט איין אַ קינד, מיך געפּרווט איינגע־מען. נאָר קיינער דאַרף פון דעם נישט וויסן.

איך האָב דערזען צו וואָס זיי צילן. און ווי אַ צערייצטע חיה האָב איך אויפגעשטורעמט:

— וואָס מיינט איר, איך זאָל ווערן אַ געהיים־אַגענט, אַ מסור? איר וועט דאָס פון מיר קיינמאָל נישט דערגרייכן. איך בין אַ מענטש מיט פּרינציפּן. און איר וועט אַ יידישן שרייבער נישט ברעכן...

גלייך האָט זיך די גאַנצע אַטמאָספער געביטן. ער האָט מיך ווי פריער

באַזוכט, צוריק צוגענומען אַלץ. אויך דאָס באַנק־ביכל. איך האָב קעגן דעם ווידער פּראָטעסטירט און ער איז צוריק אַרויס מיט לשון:

— „מערזאַוויעץ״, הינטישער זון, קאָנטררעוואָלוציאָנער. דיינע אַקטן זענען נישט צוריקגעצויגן. מיר קאָנען מיט דיר טאָן וואָס מיר ווילן. נאָר דאָס וואָס מיר לייגן דיר פאָר איז פאַר דיין אייגענער טובה וועגן. מיר וועלן זען דיין געטריישאַפט פאַרן היימלאַנד. און דאָס דאַרף זיין די כפרה פאַר דיינע זינד.

— איך האָב נישט פאַרוואָס תשובה צו טאָן. איך האָב קעגן קיינעם נישט געזינדיקט. די גאַנצע באַשולדיקונג קעגן מיר איז איין בלויזע פּראָוואָקאַציע. נאָר איר ווילט עס אויסנוצן פאַר אייערע צוועקן. עס וועט אייך אָבער נישט געלונגען מיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ שפּילצייג אין אייערע הענט, — האָב איך אַרויסגעצאַרנט.

ער האָט זיך נאָך מער געוואָרפן. מיך באַלייגט מיט מיאוסע און גראָבע רייד. זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז איך בין אַ ייד און מיר דערלאַנגט לויט דער סאָוויעטישער מאָדע אין זייער „געטלעכער״ מאַמען אַריין. צום סוף האָט ער מיר די זאַכן צוריקגעגעבן, אָנזאָגנדיק דאָס צווייטע מאָל מיט עפּעס צו קומען...

איך האָב די נאַכט שוין נישט צוגעטאָן קיין אויג. איך בין געלעגן ביי מנשהן אויפן דיל און געהאַלטן אין איין אַריינטראַכטן אין מיין לאַגע.

וואָס זיי ווילן ווייס איך שוין. ס׳איז אַ רעזשים פון מענטשן־כאַפּער. ווי וואַלד־יעגער זוכן זיי מיט אַלע מיטלען דעם געפאַנג. זיי דאַרפן האָבן דעם „פאַרברעכער״. און אַז ער איז נישט פאַראַן — באַשאַפן זיי אים...

אין תוך זענען זיי ציניקער. ציניקער אונטער אַן אידעאָלאָגיע. און אַז דער ציל הייליקט די מיטלען, איז שוין גאָר פאַר זיי קיין גרענעץ נישטאָ.

נוצט מען אויס אַן אומשולדיק וואָרט עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ שווער פאַרברעכן, כדי דערנאָך ווידער אויסצונוצן פאַר זייערע וויסטע צילן דעם „פאַרברעכער״ און אים פאַרוואַנדלען אין אַ הילפלאָזן מאַנעקין.

און איך האָב אויפגעציטערט ביים בלויזן געדאַנק פון ווערן זייערס אַ שפּילצייג. איך, אַ מענטש מיט אַ קריטישן בליק וואָס רעכנט זיך נישט שטענדיק מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן, — זאָל אַצינד, ווען דער נסיון איז אַליין געקומען אין דער האַנט אַריין, אים נישט אויסהאַלטן?

„ניין! איך טאָר זיך נישט פאַרלייקענען״, האָב איך צו זיך געזאָגט.

און כדי אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען, מוז איך זיך היטן פאַרן מינדסטן. מיטן אומשולדיקסטן זיי נישט נאָכגעבן, כדי זיך נישט מער אַריינצו־פּלאָנטערן און טיפער זיך קייקלען אינעם אָפּגרונט.

און איך האָב פעסט באַשלאָסן דעם טייוול זיך נישט אונטערצוגעבן. „יעבור עלי מה” און איך וועל זיי נישט נאָכגעבן אויף אַ האָר, הגם איך וועל אויך פּרווון אויסצומיידן די סכנה און צווייסן געבן ווו מען דאַרף.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט מיך געמוטיקט. און ווי יעדעס מאָל, ווען מען טרעט אויף מיין ווירדע, ווער איך פאַרעקשנטער אין מיין געראַנגל, אַזוי איז עס מיט מיר אָצינד אויך געווען.

אויף צומאָרגנס האָב איך גלייך אָוועקגעאײַלט צום פּוילישן פּונקט. איך האָב זיך געהייסן אָנמעלדן צום פּולקאָווניק. דעם דיזשורנע האָב איך דערקלערט, אַז ס'איז זייער דרינגנדיק. און ער איז גלייך צוריקגע־קומען מיט דער דערלויבעניש אַריינצוגיין.

איך בין געווען געגנוג פאַרזיכטיק. איך האָב נישט געוואָלט דער ענקאַוועדע צו פרי דערצערנען און שוין אָנהייבן דעם געראַנגל צוליב קלייניקייטן. איך האָב געדענקט זייער וואָרענונג, איך זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן מיין אַרעסט. האָב איך דערווייל נישט געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן דערפון וויסן.

האָב איך געבעטן דעם פּולקאָווניק זיך מיט מיר אָפּצושליסן אין אַ הדר מיוחד. ער האָט זיך לכתחילה אויף דעם געוווּנדערט און זיך געוואָקלט. ענדלעך איז ער אָבער דערויף איינגעגאַנגען.

איך האָב אים איבערגעגעבן אין וואָס עס האַנדלט זיך. אים קלאָר געמאַכט, אַז זיי ווילן מיך צווינגען צו ווערן אַ מסור, און זיי וועלן מיך אַוודאי וועלן אויסנוצן צו שפּיאָנירן דעם פּונקט, ווי בכלל די פּוילישע בירגער. בין איך ראשית געקומען וואָרענען צו זיין פאַרזיכטיק. און שנית מיר פאַרשאַפן פּאַפּירן אויף אָפּצוטראָגן זיך פון דזשאַמבול.

ס'איז געווען דאָס יאָר 1944. נאָכן פאַרלאָזן רוסלאַנד פון אַנדערסעס אַרמיי און דעם פּאָליטישן אויפשטייג פון דער באַקאַנטער פּוילישער קאָמו־ניסטין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, די פרוי פונעם דעמאָלדיקן סאָוויעטישן וויצע־אויסערן־מיניסטער קאָרנייטשוק, דאָס שאַפן זיך פון דער נייער פּוילישער „פרייהייטס”־אַרמיי, וועלכע האָט, ווי פריער אַנדערסעס, נישט געוואָלט אָננעמען קיין יידן.

ס׳איז געווען די צייט פון ז.פ.פ. און דער פּולקאָווניק, דער פאַרטרע־טער פון דער שוין געענדערטער פּויליש־סאָוויעטישער פּאָליטיק, האָט אַליין געציטערט פאַר זיין הויט.

האָט ער מיך אויסגעהערט און קורץ געזאָגט:

— וואָס איז שייך צו העלפן? די רוסן זענען אונדזערע פריינד. און וואָס זיי הייסן דאַרף מען טאָן. — און מיין ערשטע רונדע איז געווען פאַרשפּילט.

ער איז נאָך געווען אַן אָרנטלעכער מענטש, דער הויכער, דאַרער, שוין טיף־גראָער פּולקאָווניק, וואָס האָט מיך נישט פאַראַטן. איז מיר נאָך געבליבן זיך צו ווענדן צום שוואכערן, יידישן צד. און איך האָב נאָך גע־האַרט אויף מיין צווייטער, לעצטער רונדע. דערווייל, ביז מיין טרעפן זיך מיטן יידישן פאַרשטייער, האָט נאָך אַלץ געדרימלט אין מיר אַ שטיקל האָפענונג.

נאָכן פּולקאָווניק האָב איך זיך געזען מיטן יידישן פאַרשטייער הרב משה רובין (אַ סאַנדזער איינקיל, געשטאָרבן 1945 אין דזשאַמבול).

הרב רובין, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט יידישע טרויער־אויגן און ברייטע ווייסע זילבער־באָרד, וואָס האָט מיט זיך אויסגעדריקט פאַר־נעמקייט און האַרציקייט, איז געווען ווי דער רוב יידן דאָ, אַ פּליט פון גאַליציע. ער האָט מיך שוין דאַן געקענט.

ער איז געווען ביים פּוילישן פּונקט דער פּאַטראָן פון דער סאָציאַלער הילף און האָט גערעדט אין נאָמען פון די דזשאַמבולער יידן, מיט וועמען די פּוילישע פאַרשטייערשאַפט האָט זיך גערעכנט.

איך האָב אים געטראָפן אויפן פּונקט, וווהין ער פלעגט כמעט יעדן טאָג קומען. און איך האָב געמיינט, ביי וועמען, נאָר ביי אַ רב, אַ סאָציאַלן טוער, וועל איך זיכער געפינען שוץ און אָנלען, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, אַז ער איז, הגם מיט מער פרייהייט, אָבער אין תוך אַזוי אומבאַהאָלפן ווי איך. איך האָב זיך אָבער צוגעכאַפּט צו אים, ווי צו מיין לעצנטן אָנשפּאַר.

איך האָב אים דערציילט ווי זיי האָבן מיך אַריינגעפּלאָנטערט אין זייער נעץ. און איך וויל ער זאָל מיר העלפן זיך פון זיי אַרויספּלאָנטערן.

מיט געמישטע געפילן האָט ער מיך אויסגעהערט, און מיט שרעק און ווידערווילן זיך אָפּגעטרייסלט פון דער גאַנצער זאַך, ווי מען טרייסלט זיך אָפּ פון עפּעס אַן אומריינקייט. און אַרויסזאָגנדיק „השם ירחם״, איז

ער גלייך פון מיר אַוועק. און ווי פריער בין איך געבליבן אַליין מיט מיין צרה.

איך אַליין, האָב טראַץ דעם וואָס איך האָב באַשלאָסן זיך נישט אונ־טערצוגעבן, זיך פונעם אָרט נישט גערירט. איך בין ווי געוועזן אין דער לאַגע פון אַ קינד וואָס הייבט אָן גיין, נאָר קען אָן דער הילף פון אַ זייטיקן קיין טריט נישט שטעלן. און אַז קיינער האָט מיר נישט דערלאַנגט קיין האַנט, איז מיר מער נישט געבליבן ווי גלייכגילטיק אָפּוואַרטן דעם ווייַ־טערדיקן גורל.

איך בין אַוועק צום צווייטן מאָל מעלדן זיך. און ווי פריער, מאַכנדיק זיך לכתחילה פריינטלעך, האָט ער ס'ערשטע מיך געפרעגט:

— נו, וואָס האָסטו געבראַכט?...

— אין פוילישן פונקט האָט מען געמאָלדן, אַז אַלע פוילישע בירגער, אינוואַלידן, זאָלן זיך קומען רעגיסטרירן. — האָב איך אים פאַר יוצא־וועגן איבערגעגעבן אָן עפּנטלעכע מעלדונג.

לאַזוק איז געוואָרן אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ שלאַנג וואָלט אים געביסן.

— מערזאַוויעץ, שפּיאָן, פאַרעטער, אין דיין מאַמען... פאַר... מאָרדע, דאָס ווייסן מיר דאָך אָן דיר. אויף דעם דאַרפן מיר דיך צו האָבן?

— מער ווייס איך נישט. איבעריקנס, האָב איך אייך דאָך געזאָגט, אַז איך וועל קיין מסור נישט זיין. איך קאָן אייך נאָר ברענגען לעגאַלע אינ־פאָרמאַציעס. צו אַנדערע זאַכן טויג איך נישט. איך באַזיץ נישט די מאָראַל און די פעיקייט פון אַ געהיים־אַגענט.

— לייג אַרויס דיינע זאַכן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב מיינע בענדלעך און שטריקלעך אַליין אַרויסגעלייגט, ווייל אויסער דעם באַנק־ביכל, האָב איך סייווי מער נישט געהאַט, איז ער אַליין מיטן ברען פון אַן אינקוויזיטאָר ווידער צוגעטראָטן מיך באַזוכן. און ער האָט מיר ווידער צוגענומען דאָס באַנק־ביכל.

— שפּילסט זיך מיט פייער, פינצטערער נאַציאָנאַליסט, פאַשיסט, ווייסט אַליין נישט וואָס דיך דערוואַרט. דאָס אויג פון דער ענקאַוועדע איז וואַך און איר זכרון איז שטאַרק. און אַז איר האַנט, די מעכטיקע האַנט פונעם פּראָלעטאַרישן משפּט וועט זיך איבער דיר אַראָפּלאָזן, וועט פון דיר קיין שריד ופליט נישט בלייבן. — האָט ער מיך אי געסטראַשעט און אי מיט עפּעס געגעבן אָנצוהערן.

ביז דאַן האָב איך אַלץ פון אים געהערט, אויסער דעם וואָרט פאַ־שיסט. און איך האָב זיך פאַרן נייעם וואָרט דערשראָקן. ווייל בעת די סאָוויעטן זענען אַריין קיין ביאַליסטאָק און איך האָב געוואָלט באַזוכן זייערע ערשטע פּראָפּאַגאַנדע־מיטינגען, האָבן מיך אייניקע יונגע קאָמו־ניסטן מיטן געשריי: „פאַשיסט", נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ערשט די עלטערע, וועלכע האָבן מיך מער געקענט און האָבן געוווּסט פון מיין סאָציאַלער אַרבעט, האָבן מיך גענומען אין שוץ. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט ביי מיין ברויט־קראָם ווו איך בין געווען דער מאַגאַזין־פאַרוואַלטער און האָב די יונגע נישט געוואָלט פּריווילעגירן ביים פאַרטיילן דאָס ברויט.

זיי האָבן מיך דאַן באַטיטלט מיטן נאָמען „פאַשיסט", דערמאָנענדיק מיך אין מיין ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישער פאַרגאַנגענהייט. און איך האָב זיך, ווי משה, געפרעגט: „אכן נודע הדבר?" ווייסט אויך לאָזוק דערפון, צי ס'איז סתם אַזוי אַ זידל־וואָרט ווי זייערע איבעריקע זידל־ווערטער? ווייל דאָס וואָלט פאַר מיר געווען אַ נייע „חתונה" מיט אַלע נאָכווייענישן.

די „צדיקים" וואָלטן שוין גאָר אויף מיר אַרויפגעוואָרפן דעם גאַנצן „על חטא". זיי וואָלטן פון מיר געמאָנט פאַר די באַגאַנגענע און נישט־באַגאַנגענע „חטאים" — קודם, פאַר דער רעוויזיאָניסטישער טעטיקייט און דערנאָך אויך פאַר דער ביאָגראַפיע... און אַלע „מיתות בית דין" וואָלטן פאַר מיר געווען ווייניק.

וואָרעם אויב אַ פאַשיסט און האָב זיי ביז היינט גענאַרט — און אין פאַסט האָב איך גערעדט „על ה' ועל משיחו", בין איך דאָך טאַקע דער אמתער פאַרעטער, שפּיאָן, קאָנטררעוואָלוציאָנער, פיינט פונעם פאָלק און וואָס נישט?...

איך האָב אָבער מיין שרעק פאַר אים נישט אַרויסגעוויזן. און ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָב איך געפרעגט:

— מיט וואָס בין איך אַ פינצטערער נאַציאָנאַליסט און פאַשיסט? איך אידענטיפיציר זיך מיט מיין פאָלק, ווי איר מיטן רוסישן. און איך דאַרף אויף דעם ביי קיינעם נישט בעטן קיין דערלויבעניש. און אויב דאָס הייסט ביי אייך פאַשיזם, מעגט איר מיך אַזוי רופן. נאָר אויב איר פאַרבינדט דערמיט עפּעס אַנדערש, האָט איר אויף דעם נישט קיין רעכט, ווייל איר רירט מיט דעם אָן מיין נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווירדע. און דאָס, מיין איך, איז לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע פאַרבאָטן.

— שווייג, היגטישער זון. דאָ איז דיר נישט דאָס פּאָיסטישע פּוילן, און דערצייל מיר נישט וואָס די קאָנסטיטוציע זאָגט. דו ביסט אַ פאַר־ברעכער און ביסט אונטער דער יוריסדיקציע פונעם סאָוויעטישן משפּט. און אַזוי לאַנג ווי דו ביסט אין אונדזער רשות, מוזטו טאָן וואָס מען הייסט דיך.

— איך האָב אייך געזאָגט און איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז איך וועל קיין מסור נישט זיין. איז צו וואָס מאַטערט איר מיך ?

— מיר האָבן נאָך דערוויל דיך נישט געמאַטערט. און דורכן ברענ־גען די נייטיקע ידיעות, דינסטו דעם הימלאַנד און צאָלסט דערמיט אָפּ דיין חוב. אויב דו וועסט זיין איינגעעקשנט, וועט אונדזער געדולד פּלאַצן און מיר וועלן זיך אומקערן צו דיינע אַקטן. — האָט ער צוריקגעבנדיק מיר דאָס ביכל, פאַרענדיקט. און איך בין דערוויל ווידער אַרויס אויף דער פריי ביזן ווייטערדיקן מעלדן זיך.

קאַפּיטל איינאונפערציק

איך זוך אַ וועג זיך צו באַפרייען פון קלעם

איך בין פון דזשאַמבול נישט אַוועק. אָן הילף און אָן פּאַפּירן, האָב איך געהאַלטן, איז אַ צו גרויסע ריזיקע דאָס צו טאָן. בלייבנדיק אויפן אָרט האָב איך געפּרווט זוכן אַנדערע מיטלען וויאַזוי זיך פון זיי אַרויסצודרייען.

דערוויל, האָב איך געטראַכט, דאַרף מען זוכן אַ וועג וויאַזוי איבער־צורייסן דאָס מעלדן זיך. דערנאָך וועט מען ווייטער זען. זאָל דערוויל זיין אַן אַטעם־פּויזע. — און דאָס גלייכסטע וואָלט געווען זיך אויף אַ צייט אַריינצוקריגן אין שפּיטאָל.

כּדי ראוי צו זיין צו גיין אין שפּיטאָל, האָב איך זיך צופיל נישט געדאַרפט זאָרגן, ווייל דאָס פּייניקן מיך מיט זייערע פאָדערונגען און סטראַשונקעס האָט מיר אונטערגעגראָבן מיין אַזוי אויך שלעכטן געזונט־צושטאַנד. און די פריערדיקע קראַנקהייטן האָבן זיך אָפּגערופן.

בין איך אַוועק אין קליניק און דער דאָקטאָר האָט מיך גלייך אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. און דאָס מאָל האָב איך געהאַט מער מזל ווי אין בורכאַרא. מען האָט מיך טאַקע אין שפּיטאָל אַריינגענומען, הגם נישט אויף לאַנג.

דורך דער צייט אָבער, וואָס איך בין געווען אין שפּיטאָל, האָב איך דערווייל אַדורכגעלאָזט אייניקע מעלדונגס־טערמינען. און איך האָב פאַרן אַדורכלאָזן נישט געדאַרפט מורא האָבן.

און ווען איך בין שוין אפילו אַרויס פון שפּיטאָל, האָב איך זיך נאָך אויך נישט געוואָלט באַווייזן פאַר לאַזוקן. איך בין אין דער צייט ווי געווען אַטראָפּירט. — איך בין געוואָרן גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין פון מעלדן זיך, ווי איך בין פריער געווען גלייכגילטיק צו פאַרלאָזן דזשאַמבול.

דערווייל זענען אַריבער דריי וואָכן. נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל בין איך נישט צוריקגעגאַנגען אַרבעטן אויף דער פּאָסט. ווי ווייט מעגלעך זיך אויסבאַהאַלטן, און ביי מיין זיין אין שפּיטאָל האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ געהעריקער באַשטעטיקונג.

נישט זייענדיק אויף דער פּאָסט האָב איך זיך צוריק אַרומגעדרייט אויף די באַזאַרן, באַמיענדיק זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן. און ווידער זענען אייניקע וואָכן אַריבער אין שלום און שלווה.

נאָר אין איינעם אַ טאָג אויפן באַזאַר איז מיר מיטאַמאָל לאַזוק אַנטקעגנגעקומען. מיר האָבן זיך פון קעגנזעצלעכע זייטן ווי אַנגעשטויסן איינער אויפן אַנדערן. איך האָב אים געוואָלט אויסמיידן, נאָר דער לאַנגער לאַזוק האָט מיך מיט זיין גאַנצער הויך פאַרשטעלט דעם וועג.

און ווי ווייך ער איז אַצינד געווען. אין אַ שעפּסן־פעל איז דער טיגער אַצינד פאַר מיר געשטאַנען. און מיט דער ווייכקייט פון אַ גוט־האַרציקן יידן האָט ער מיך געפרעגט:

— ווו ביסטו געווען?

— אין שפּיטאָל. איך בין קראַנק, — האָב איך געענטפערט. און איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע די שפּיטאָל־צייגעניש און אים געוויזן. ער האָט איר איבערגעלייענט, מיר גלייך צוריקגעגעבן און געזאָגט:

— קום צו גיין, מיר וועלן זיך שוין מער נישט קריגן.

צו דער צייט בין איך צו אים געקומען. ער האָט פאַר מיר אַ נייע אידעע. פון פוילישן פונקט לאָזט ער מיך שוין אָפּ. דאַקעגן וויל ער, איך זאָל וווינען אין גאַליציאַנער בית־מדרש. איך וועל דאָרט האָבן אַ גוטע

דירה, רעדט ער אין מיר אַריין. און פון דאָרטן זאָל איך אים ברענגען ידיעות...

— איך וועל קיין שום שליחות פון דעם סאָרט נישט אויספירן — האָב איך אים דערווידערט. — איך קאָן גאָר טאָן דאָס, וואָס איך האָב אין אָנהייב געזאָגט. און דאָס אויך מיטן תנאי צו צערייסן אין מיינע אויגן די אַקטן קעגן מיר. און וואָס קאָנען דען יידן־מתפללים רעדן? זיי שמועסן וועגן דאַוונען, לייענען און אַנדערע אַזעלכע רעליגיעזע ענינים. מיט קיין פּאָליטיק פאַרנעמען זיך נישט קיין פרומע יידן, מיט קאָנטררעוואָלוציע אַוודאי נישט.

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָזשע ווילסטו דאָרט נישט אַריינגיין ווינען, וואָס האָסטו מורא?

— ווייל איך בין אַ יידישער שרייבער און נישט קיין שפּיאָן. און איך טו קיין זאַך נישט הינטער יענעמס פּלייצע. אַפילו די פונקציע פון אַ פּאָלי־ציאַנט וואָלט איך נישט געקאָנט אויספירן. און מען טאָר קיינעם נישט נייטן צו זיין וואָס ער האָט נישט ליב.

— דו רעדסט ווי אַן אומשולדיק פייגעלע. ווי ס'וואָלט אויף דיר נישט געהויערט די זינד פון קאָנטער־רעוואָלוציע. — האָט ער צום צווייטן מאָל צוריק אָנגעהויבן.

— איך בין קיין שום זינד נישט באַגאַנגען. די סאָוויעטן־מאַכט האָט מיינע פעלדער און פאַבריקן נישט נאַציאָנאַליזירט, איך זאָל דאַרפן דער־פאַר זיין אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. די גאַנצע באַשולדיקונג קעגן מיר איז אויסגעזויגן פון פינגער. און ווי אַ ייד, בין איך שוין געוווינט צו בילבולים.

— דיינע רייד זענען רייצנדיקע און פּראָוואָקאַטאָרישע. קיינער מאַכט אויף דיר נישט קיין בילבול ווייל דו ביסט אַ ייד. דיין רעליגיע אינטע־רעסירט אונדז נישט. אונדז אינטערעסירן נאָר דיינע פאַרברעכנס קעגן ראַטנפאַרבאַנד, — האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן.

— איך האָב אויך שוין דערקלערט, אַז איך בין קיין פאַרברעכנס קעגן קיינעם נישט באַגאַנגען. און הערט מיך אויף צו פּייניקן אומזיסט.

— ביסט נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכנס, און וואָס זענען די אַקטן, וועלכע זענען אונטערגעשריבן דורכן נאַטשאַלניק און דער סעקרעטאַרשע פון פּאָסט, אפשר האָב איך זיי אונטערגעשריבן, אַ? און וואָס איז דאָס וואָס דו האָסט געשריבן אויף סטאַלינס בילד, און דיין אָנטייל אינעם פּאָליס־טישן קאָמבאַטאַנטן־פאַראיין?

— איך האָב אייך שוין אָט וועגן די אַלע זאַכן אויפגעקלערט. און איך האָב אייך אויך דורכן ליד, געשיקט צו ש. האַלקין, באַוויזן מיין באַציונג צום פאַרבאַנד, טאָ וואָס ווילט איר נאָך?

— דאָס ליד באַווייזט גאָרנישט. מיר האָבן גענוג פּאָרעטער געמשפּט, וועלכע האָבן זיך ווי דו פאַרשטעלט פאַר סאָוויעטישע פּאַטריאָטן. אַלע פאַרברעכער פאַרשטעלן זיך.

— אָבער וואָס ציט איר מיך אַריין אין אייערע חשבונות. איך בין דאָך נישט קיין סאָוויעטישער, נאָר אַ פּוילישער בירגער. און איך בין צופעליק אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן צוליבן פאַרנעמען ביאַליסטאָק. איך בין געבוירן אין פּוילן, נישט אין רוסלאַנד. און איך האָב זיך נישט געמישט און מיש זיך נישט, נישט אין קיין רעוואָלוציעס און נישט אין קיין קאָנ־טעררעוואָלוציעס.

— אונדזער פאַרנעמען ביאַליסטאָק, זאָגסטו? מיר האָבן ביאַליסטאָק נישט פאַרנומען, נאָר איר באַפרייט. מיר האָבן אירע מאַסן באַפרייט פון פאַשיזם און אונטערדריקונג. און ביאַליסטאָק געהערט צו אונדז, צו ווייס־רוסלאַנד, וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון די פרייע סאָוויעטישע רעפּובליקן.

— זאָל זיין אַזוי. אָבער איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז איר וועט מיך נישט נייטן צו טאָן זאַכן וואָס איז קעגן מיין געוויסן. און גענוג! און אויב איר ווילט, אַז קיינער זאָל ווייטער פון מיין אַרעסט נישט וויסן, לאָזט מיך בעסער אָפּ, ווייל מען הייבט זיך אָן אָנגשטויסן צוליב מיין כסדרדיקן פאַר־פאַלן ווערן, — האָב איך אָנגעהויבן צו שפּינען אַ פאָדעם אויף שפּעטער...

ער האָט מיך אַצינד צו שטאַרק נישט געזידלט. האָט מאַניפּולירט מיט אָנצוהערענישן איך זאָל ווערן ווייכער. איז מיט מיר אַרויס אינדרויסן, און ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ צוקער־פאַבריק.

— מיר ווילן דיר געבן אַ לייכטן פּאָסטן אין דער צוקער־פאַבריק, וועסט גאָרנישט דאַרפן אַרבעטן, נאָר שטיין מיט אונדז אין קאָנטאַקט. וועסט קריגן אַ דירה, אַ גוטן געהאַלט און אַן „אָפּיצערסקן" פּאַיאָק. זיי פאַרשטענדיק, וועסטו אָנהייבן אַ רויק לעבן. קום דאָס צווייטע מאָל און ברענג דיין הסכם.

דאָס מעלדן זיך האָט נאָך געדויערט אַ צייט. יעדעס מאָל האָט ער ביי מיר געמאָנט דעם „חוב", וועלכן איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן. — און יעדעס מאָל איז צווישן אונדז פאָרגעקומען דער זעלבער דיאַלאָג.

ער האָט פון מיר געמאָנט, אין אָנהייב מיט גוטן, מיט געמאַכטער ווייכקייט מיך געוואָלט „מחזיר למוטב זיין", נאָר ווען ס'האָט נישט געהאָלפן, ווען איך האָב פעסט אָפּגעוואָרפן אַלע זיינע מאַסקירטע פאַר־שלאָגן, האָט ער גלייך געביטן דעם טאָן און קעגן מיר אָנגעהויבן צו פּאַכען מיטן בלוטיקן קנוט פון דער באַשטראָפנדיקער ענקאַווועדע.

דאָס אַלץ האָט מיר דערעסן און איך האָב פאַרלוירן דעם גלייכגע־וויכט. איך האָב אין אָנהייב פון יעדן מעלדן זיך זיינע זיסע טובה־רייד נישט געקאָנט פאַרטראָגן. און איך האָב שוין בעסער אויסגעקוקט זיין צאָרנדיקן אַרויסרוף, ווען ער האָט געשטורעמט מיט גראָבקייט און סטראַ־שונקעס.

דאָס האָט זיך אַזוי מיין צעברויזט געמיט געגרייט אויף דער שעה, ווען דאָס מעסטל פון מיין גייסטיקן און מאָראַלישן פּיין וועט ווערן פאַר־פולט. פון זיין האַלטונג האָב איך דערקענט, אַז דאָס שווערסטע וועט נאָך קומען. און איך וועל דאָן, ווי אַ לעצטן אַקט — אַלץ דאַרפן שטעלן אין קאָן.

די שעה איז געקומען. ס'איז געווען דער מאָמענט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו מיינע ליידן און פּיין און האָט מיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון דער חיה. איך האָב זיך באַפרייט פון אינטער דער אויפזיכט פון דער ענקאַווועדע און בין צוריק געוואָרן אַ פרייער שלעפער. — צום ווינציקסטן, דער בעל־הבית איבערן אייגענעם פּחדפולן לעבן...

ס'איז געווען אין איינעם אַ סוף־זומערדיקן נאָכמיטאָג. די קאַזאַכסטאַ־נישע זון האָט נאָך געגאָלדט און געליכטיקט אין איר פולער קראַפט. די זומער־פייגעלעך זענען געשפּרונגען פון צווייגל צו צווייגל און האָבן געלאָזט הערן זייער פריידיקע שירה.

נאָר אויפן וועג צו דער דזשאַמבולער אָבלאַסטנאָיער ענקאַווועדע האָט זיך געשאַרט אַ פרעמדער, אין שמאַטעס געוויקלטער מענטש מיט אַ טרויעריק־צעבראָכן געמיט, פון וועמען עס האָט אַרויסגעיאָמערט דער געוויין פון אַ האָפענונגסלאָזן פאַרמשפּטן.

ווי אַ לעבנס־רעזיגנירטער האָב איך געעפנט די טיר פון דער געהיי־מער מאַכט־געביידע, וועלכע האָט זיך הינטער מיר גלייך פאַרמאַכט.

ווי שטענדיק האָט שוין לאַזוק אויף מיר געוואַרט, און דער נייער „דאָפּראָס" האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך גיי ענד־לעך איין אויף זיין פאַרשלאָג.

— ניין! — האָב איך פעסט געענטפערט.

— דו, פאַר... מאָרדע, הינטישער זון, פאַרשאָלטענע בריאה, וואָס מיינסטו, מיר וועלן זיך צאַצקען מיט דיר? „יע... טוואָיאַ באַגאַ מאַט" (אַ דריי־גאָרנדיק סאָוויעטיש זידלוואָרט), גיב אָהער דיינע זאַכן.

און ווידער האָב איך אים אַרויסגעלייגט מיינע שמאַטעס, און ווידער האָט ער זיך אויף מיר נישט פאַרלאָזט, נאָר אַליין צוגעטראָטן צו דער רעוויזיע, צונעמענדיק צום וויפלטן מאָל דאָס באַנק־ביכל.

ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ קעלער־טיר, זאָגנדיק:

— זעסט, שפּיאָן, אָט אָ דאָ וועלן דיינע ביינער פאַרפאַלן ווערן, פאַשיסט! קיינער דרייט זיך פון אונדזער האַנט נישט אַרויס. און אויך דו, „מערזאַוויעץ", וועסט זיך פון אונדז נישט אַרויסדרייען.

ווי אַ ווילדע סטיכיע האָב איך אויפגעשטורעמט פון זיינע דאָזיקע רייד. און אַנשטאָט אַריינצופאַלן אין אַ מוראדיקן פחד און זיך אים שטעלן אויף די קני, בין איך אַן אויפגעקאָכטער, ווי דאַן פאַרן נאַטשאַלניק פון פּאָסט, אַרויס:

— וואָס סטראַשעט איר מיך? איר קאָנט טאָן וואָס איר ווילט. איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט.

און אַזוי שרייענדיק האָב איך אויפגעריסן דאָס העמד פונעם לייב און מיטן לעצטן כוח אַרויסגעשריגן:

— נאַט, שיסט, און אַ סוף זאָל דאָס נעמען! נאָר אויב איר מיינט, אַז קיינער ווייסט נישט, אַז איך בין אַרעסטירט, האָט איר במחילה אַ טעות. איך האָב זיך נאָך פריער באַוואָרנט. איך האָב אַרויסגעשיקט אַ טעלע־גראַמע צו סטאַלינען, צום פּראָפעסאָר וויצמאַן און צום פאַרשטייער פון „דזשאָינט", בערנאַרד קאַהאַן.

— אָ, דו הינטישער זון, האָסט געבראָכן דיין צוזאָג און האָסט דער־ציילט, אַז מיר האָבן דיך פאַרהאַלטן?

— יאָ! — האָב איך פעסט געענטפערט. — און וואָס האָט איר געמיינט, אַז איך וועל זיין אַזאַ יאָלד און וועל זיך פאַרלאָזן אויף אייער יושר?...

— און וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו מיט וויצמאַנען?

— מיין שייכות איז אַ ציוניסטישע. איך בין אַן אַלטער ציוניסט. און איך האָב געוואָלט, אַז עס זאָל אייך נישט אָפּגיין גלאַטיק. אַז מען זאָל אין אויסלאַנד אַלץ וועגן מיר וויסן.

— און ווער איז בערנאַרד קאַהאַן ?

— בערנאַרד קאַהאַן איז אַן אַמעריקאַנער. ער איז דער דירעקטאָר פון דער גרעסטער אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע „דזשאָינט“, און ער איז מיינער אַ קוזין, — האָב איך צוליבן נאָמען־ענלעכקייט צוגעטראַכט.

דער כיטרער לאַזוק האָט זיך נאָך מיין דאָזיקן אַרויספאָר פאַרלוירן און איז געבליבן געפּלעפּט. ער האָט זיך אויף דעם נישט געריכט און דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר תורת לאָקשן. און איבערלאָזנדיק מיך ביי דער טיר פון קעלער, איז ער אַוועק צום הויפט־נאַטשאַלניק אויף אַ באַראַטונג.

די באַראַטונג האָט לאַנג נישט געדויערט. ער איז באַלד צוריקגע־קומען אינגאַנצן אַן איבערגעביטענער, איז ווייך געוואָרן ווי פּוטער און האָט מיך צוריקגעפירט אין ביוראָ־צימער.

אין ביוראָ האָט ער מיך געהייסן זעצן, און דערלאַנגענדיק מיר אַ פּאַפּיר, איך זאָל אין פאַרלויף פון פיראונצוואַנציק שעה פאַרלאָזן דזשאַמ־בול, און אויף דעם מיך געהייסן אונטערשרייבן.

איך בין פון זיך אַליין אַצינד געוועזן צופרידן. מיין אויפברויז און איינפאַל האָט מיך גערַאַטעוועט. און כאָטש איך האָב, ווי פריער, נישט געהאַט קיין מוט צו פאַרלאָזן דזשאַמבול, האָב איך, אַבי פּטור צו ווערן פון זייער דריקנדיקן יאָך, דעם דאָקומענט אונטערגעשריבן. און די טיר פון דער דזשאַמבולער אָבלאַסטנאָיע ענקאַוועדע האָט זיך גלייך פאַר מיר געעפנט.

„פריינטלעך“ מיך אַרויסבאַגלייטנדיק, האָט ער פונדעסטוועגן מיך נישט פאַרגעסן צו וואָרענען: — זאָלסט נישט באַלאַקען, געדענק, אַז די האַנט פון דער ענקאַוועדע איז אַ לאַנגע. זי וועט דיך אומעטום גרייכן: אין פּוילן און אויך ווו דו וועסט זיך געפינען...

אַ דערלייזטער, אַ באַפרייטער, בין איך פון זיי אַוועק. פון דער גרויסער ריזיקע בין איך אַרויס. ס׳איז מיר אָבער נאָך געבליבן די דאגה פון פאַרלאָזן דזשאַמבול. און צו דעם האָב איך ווידער נישט געהאַט קיין חשק.

און כאָטש קיין באַזונדערע גליקן האָב איך אין דזשאַמבול נישט געהאַט, בין איך אָבער שוין צו איר געווען צוגעוווינט און צוויי זאַכן האָבן מיך אין איר געהאַלטן: די פּאָסט, און מיין נישט־פאַרענדיקטער חשבון צוליבן רויב־אָנפאַל.

נאָר דער עיקר, האָט עפּעס אַ געהיימע האַנט מיך שוין צום צווייטן

מאָל צוריקגעהאַלטן פון פאַרלאָזן די שטאָט. און די דאָזיקע האַנט האָט ווי פּאַראַליזירט מיין ווילן.

זי איז געווען מעכטיק די דאָזיקע האַנט. און איך האָב קעגן איר גאָרנישט געקאָנט טאָן. און איך בין אַזוי אַרום טראָץ דעם אונטערגעשריבענעם פּאַפּיר, ווייטער געבליבן אין דזשאַמבול.

איך האָב דאָס גאַנצע פיינלעכע קאַפּיטל ענקאַווערע אין זיך געטראָגן ווי אַ סוד. און איך האָב עס קיינעם, אויסער די פאָר, וועלכע האָבן דערפון געוווּסט, נישט דערציילט.

דערווייל האָב איך זיך אויף דער פּאָסט נישט אומגעקערט. און כדי מכפּר צו זיין אויף מיין זינד פון ברעכן דעם אַרויפגעצוווּנגענעם אויף מיר אָפּמאַך, — האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ נייע דירה, וואָס זאָל זיין געבונדן מיט מיין אַרבעט.

פאַר אַ ביז אויג האָב איך קודם געוואָלט משנה מקום זיין. — און איך האָב אויך געוואָלט שאַנעווען מנשהס בני־בית, זיי זאָלן צוליב מיר נישט ליידן. און איך האָב אַצינד מיט דער גאַנצער ענערגיע אָנגעהויבן זוכן אַ נאַכט־פּאָסטן מיט אַ דירה.

די מורא פאַרן ברעכן מיין אונטערשריפט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומזיסטע, ווייל אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף לאַזוקן. ער איז מיר, ווי ביים ערשטן מאָל, אומגעריכט אונטערגעקומען. און ער איז נאָך געווען צוגעלאָזענער ווי פריער.

— האָסט נישט פאַרלאָזט די שטאָט? — האָט ער מיך ווי פאַר יוצא־וועגן געפרעגט.

— ווּהין זאָל איך גיין, אַז איך בין טויט קראַנק און האָב פּשוט נישט קיין כוח זיך צו רירן פון אָרט, — האָב איך אים געענטפערט.

— איך זע, — האָט ער מיט אַ געמאַכטער מילדקייט געזאָגט. און מיט אַמאָל: — אויף דער פּאָסט שרייבסטו?

— ווי זאָל איך שרייבן, אַז דער נאַטשאַלניק לאָזט מיך נישט און דערצו זוכט ער מיך נאָך אַרום?...

— קום מיט מיר, — האָט ער, ווי איך וואָלט געווען זיינס אַן אַלטער ידיד, מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און געפירט צו דער פּאָסט. זעץ זיך אַוועק און שרייב ווי פריער. און אויב ס'וועט דיך ווער טשעפּען, זאָג אים אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל דיך לאָזן צורו.

איך האָב טאַקע צוריק אָנגעהויבן שרייבן אויף דער פּאָסט. און אויך די לעצטע שרעק איז פאַרשוווּנדן. נאָר פון אַ צוגאָב־אַרבעט און אַ קאַזיאָנע דירה האָב איך נישט רעזיגנירט.

קאַפּיטל צוויאונפערציק

איך ווער ענדלעך אַ נאַכט־וועכטער אין אַ סאָוויעטישן „אַרטעל״

דער הימל האָט זיך פאַר מיר ווידער אויסגעלייטערט. פון די ענקאַווערע־צרות בין איך אַרויס, אין דזשאַמבול בין איך געבליבן און מיין חלום פון ווערן אַן אינערלעכער נאַכט־וועכטער, איז אַדאַנק אַ שעדלעצער ייד, בנימין פרידמאַן, אויך מקוים געוואָרן.

דער נאַטשאַלניק איבערן „אַרטעל״, קאַסינין, אַ הויכער, שלאַנקער רוס, וועמענס הויפּט־באַגערן זענען געווען טרינקען און באַהערשן פרויען, איז געווען אַ פריינטלעכער מענטש. און זיין פילאָזאָפיע איז געווען, „לעבן און לאָזן לעבן״.

ער איז געווען אַ פאַרטיי־קאַנדידאַט. נאָר פון די פאַרטייער וועלכע האָבן דאָס לעבן גענומען גרינג און פאַר וועמען די גאַנצע סאָוויעטישע שפּיל איז מער נישט געווען ווי אַ פאַראַוואַן פאַר דער אייגענער זיכער־קייט און באַקוועמלעכקייט.

אַ גוטער פון דער נאַטור, האָט ער זיך אויף אונדז קיינמאָל נישט געבייזערט, אַפילו דאַן, ווען מיר האָבן זיך אַליין געפילט שולדיק. באַלד ביים צונעמען צו דער אַרבעט האָט ער מיר דערקלערט, מער אין שפּאַס ווי אין ערנסט:

— דו מעגסט, יאַקאָוו אַראָנאָוויטש, אויף דיין וואַך־פּאָסטן אַפילו שלאָפן, נאָר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ ביסטו, נישט איך. טאָ אָרדן זיך איין אַזוי, אַז ס׳זאָל גאָרנישט פעלן. די דזשאַמבולער גנבים זענען אַ סך און פלינק. און זיי אַלע לויערן אויף אונדז.

פונקט ווי זיין יידישער טאָקער חיים גרין, איז ער געווען צוגעפּעס־טיקט צום „אַרטעל" און פריי פון דער אַרמיי.

דאָס אָרט וואָס איך האָב ביינאַכט געהיטן איז נאָר געווען די צענט־ראַלע געביידע פונעם אַרטעל, ווו עס האָט זיך געפונען חיים טאָקערס וואַרשטאַט און די הויפּט־ביוראָ. דער אַרטעל האָט אָבער געהאַט נאָך אַנדערע וואַרשטאַטן, איבערהויפּט שניידערישע, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן איבער דער שטאָט. און איבער זיי אַלע האָט קאַסינין געוועלטיקט.

אַדאַנק מיין אַריינקריגן זיך אינעם אַרטעל, און האָבנדיק איבער זיך אַזאַ נאַטשאַלניק ווי קאַסינין, בין איך שוין ביזן סוף געווען פאַרזאָרגט מיטן נאַכט־פּאָסטן און מיט אַ קאַזיאָנער דירה.

די צענטראַל־געביידע האָט פריער געהערט צום פאַרשיקטן קולאַק פיאָדאָר פּיעטראָוויטש. און נאָך אַצינד האָט אין אַ זייטיקן פליגל פון דער געביידע געוווינט זיין אַלמנה מאַריאַ פּיעטראָוונאַ מיט אירע צוויי צעלאָ־זענע טעכטער אַננאַ און נינאַ.

די טעכטער האָבן זיך פאַרנומען, אויסער מיט זייער ווירטשאַפט, אויך מיט זייער לייבלעכער פרייגיביקייט. און זייער דירה איז געווען זייער גאַסטפריינטלעך פאַר יעדן לייב־הונגעריקן, באַזונדער פאַר סאָלדאַטן, פאַר וועמען זיי האָבן זיך אָוועקגעשאָנקען, און דאָס אַפילו אין קעגנוואַרט פון דער מוטער און נינאַס יינגעלע.

און ווי צעלאָזן זיי זענען געווען, אַזוי יידן־פיינטלעך זענען זיי געווען. כאָטש דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו האָבן אויך זייערע אומווירדיקע יידן, טענהנדיק, אַז דאָס זענען אַנדערע יידן און זיי האָבן זיי באַזונדערס „ליב"...

די יונגערע, נינאַ, איז גאָר געווען אַ קוליגאַנקע פון דער ערשטער מדרגה. זי האָט איינמאָל ביי אַן אוזבעק, אַ קראַנקן פונעם שכנותדיקן קליניק, וועלכער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער לאַנקע אָפּרוען, געפּאָ־דערט, אַז ער זאָל נישט ליגן אויף זייער גראָז. און ווען יענער האָט נישט געפאָלגט, האָט זי אים דערלאַנגט מיט אַ מעסער.

די מאַמע מיט די טעכטער פלעגן זיך אָפּט קריגן, און מאַריאַ פלעגט נישט איינמאָל זיי באַוואַרפן מיט די דרייגאָרנדיקע רוסישע קללות — מיט די פריערדיקע, צאַרישע, און אויך איצטיקע, סאָוויעטישע...

נאָר די טעכטער זענען איר אויך נישט געבליבן שולדיק. און די

אַלטע פּלעגט פון אַזאַ קריגערײַ אַרויסגיין אַ צעקיילטע און צעבײַלטע אויף איר גאַנץ פּנים.

איך האָב זיך דערמאָנט אין מנשהן, וועלכער האָט טראָץ זײַנע זידלע־רייען, זײַן שוועסטער נישט אָנגערירט און פֿאַר זײַן מאַמען האָט ער גאָר געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ. און איך האָב געטראַכט, פֿאַרט, „מה בין בני לבן חמי״...

אויף מײַן נײַעם פּאָסטן בין איך ווידער געקומען צו זיך. מײַן קאַזיאָנע לײמקע, וואָס איז געווען נאָענט פֿון באַזאַר, האָט אויך געהאַט אַ קיכל. און אַ פּאָר רובל איז געווען און סטרוזאַנעס און האַלץ־אָפּפֿאַל פֿון חיימס טאָקערײַ — אויך.

האָב איך זיך אויפגעהערט צו פֿאַרלאָזן אויף סטאַלינס „סטאַלאָוועס״ און בין געוואָרן מײַן אייגענער קוכער. און יעדן אָוונט פֿאַרן איבערנעמען מײַן דינסט, האָב איך געפּראַוועט אַ סעודה „כיד המלך״.

אויך דאָ בין איך קיין צו גוטער וועכטער נישט געווען. דער שלאָף איז מיך באַפֿאַלן, און איך בין מער געשלאָפֿן ווי געוואַרטעוועט. און די שמירה האָב איך איבערגעלאָזט פֿאַר די שטומע באַשעפֿענישן, וועלכע האָבן טראָץ זייער חיהשער גבורה, — נישט געקאָנט גובר זײַן זייערע פּאַנגער...

אויסגעלייזט פֿון מײַן באַפֿאַלנדיקן דרימל און מיך דערמאָנט אין מײַנע פּליכטן, האָט דאָס אײַנגעשפּאַרטע אייזעלע. כאָטש אויך דאָס פֿערד האָט אַביסל געשטערט מײַן רו. — נאָר די אײנציקע וואָס האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט און בהמיש געוואַרט אויף איר פּאַנגער, איז געווען די בהמה.

דער דאָזיקער בהמה איז געשען אַן אומגליק. נאָר דאָס איז פֿאָרגע־קומען שפּעטער. און געטראָפֿן האָט עס נישט ביי מיר, נאָר בײַ מײַן וואַד־שותף און אייזל־אָנטרײַבער לייקין.

די הויפּט־צרה איז אָבער געווען דאָס אייזעלע, וואָס איז שוין גאָרנישט געווען קיין אייזל. כאָטש אויך דאָס פֿערד איז נישט געווען אַזאַ פֿערד, ווײַל עס פּלעגט זיך אָפּט אין די צעגרינטע אָוונטן אַרײַנכאַפּן אין פּיעט־ראָוונעס גאָרטן און כאַפּן אַ בישקשהדיקן פֿערדישן נאַש. עס איז אָבער ווײַט נישט אַוועק און איך האָב עס שטענדיק געפֿונען.

נאָר דאָס אייזעלע וואָס האָט זיך נישט געוואָלט משתּף זײַן מיטן חבר

פערד, פלעגט זיך אַריבערכאַפּן ווייט איבער דער גרענעץ פונעם אַרטעל און ביחידות אָפּעסן דאָס קרויט פון פרעמדע גערטנער. און ווי איינגע־שפּאַרט עס איז געווען ווען לייקין האָט עס איינגעשפּאַנט אינעם קליינעם ברויט־וועגעלע, אַזוי איז עס געווען איינגעשפּאַרט אין די דאָזיקע נעכט.

און וויפל מאָל איך האָב עס נישט געכאַפּט און צוריק צוגעפּעסטיקט צום פענצטער פון אַרטעל, האָט זיך עס אַלץ אָפּגעריסן און צוריק אַנטלאָפן אין די פרעמדע קרויט־בייטן.

נאָר איין מעלה האָט עס פּאָרט געהאַט. און דאָס איז, וואָס איר אייז־ליש לייב איז גאָרנישט געווען אַפּעטיטנע אַפילו פאַר די אויסגעהונגערטע סאָוויעטישע מענטשן. און די גנבים האָבן דעריבער אויף דעם אייזל נישט געלויערט.

ביסלעכווייז בין איך אָבער פונעם פערד און דער בהמה פטור געוואָרן, און געבליבן בין איך בלויז ביים אייזל. און שולדיק אין דעם זענען מיר בײדע געווען. מיר, די פאָפּנדיקע וועכטער און אויך דער גוטער אָבער נאַכלעסיקער נאַטשאַלניק קאַסינין.

איין פערד האָט אינעם קורצן אָבער שווערן דזשאַמבולער ווינטער אַליין אויסגעצויגן די פיס. עס איז לכתחילה קיין שטאַרק פערד נישט געווען. און שטייענדיק אויף דער קעלט און נעציקייט אונטער אַ בלויזן דעכל, האָט עס „געזאָגט״, אַז ס׳האָט שוין גענוג געלעבט און זיך שטומער־הייט אויסגעצויגן.

דאָס צווייטע פערד, אויך נישט אַזאַ „גבור חיל״, — האָט די פּאָליציי צוריקגעבראַכט שוין אַ צעשניטנס, געפּאַקט אין זעק. דאָס האָבן אים אַזוי די דזשאַמבולער מאַרעוויכער באַאַרבעט. נאָר דער אַרטעל האָט צו דעם קיין סך נישט דערלייגט.

די סאָוויעטישע מענטשן האָבן זיינע פלייש־שטיקער צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, און כהרף־עין איז די פערדישע סחורה געוואָרן פאַרצוקערט. און אַ פּראָטאָקאָל כדת לעניו וסטאַלין איז געוואָרן צונויפגעשטעלט... און דערנאָך איז אויך געקומען די ריי אויף דער בהמה.

נאָך דער געשיכטע מיט די צוויי פערד, האָט שוין דער אַרטעל מער קיין פערד נישט געקויפט. און כאָטש דאָס צווייטע פערד איז געגנבעט געוואָרן בעת לייקינס דינסט, האָט פונדעסטוועגן קאַסינין דאָס נישט אויסגענוצט און האָט אונדז איבערגעלאָזט ביי דער אַרבעט.

דער אַרטעל האָט אמת אָפּגענומען דאָס געלט וואָס דאָס פערד האָט געקאָסט. פונדעסטוועגן וואָלט אַן אַנדערער אים געקאָנט מאַכן אַ פיינעם פּראָצעס. און דאָס וואָלט מיין שותף לייקינען געקאָסט צומווינציקסטן — און דאָס בלויז פאַר „כאַלאַטייסטוואָ" (נאַכלעסיקייט) — אַ דריי יערלעך.

און ווי איך האָב ביז דאַן נישט געהאַט קיין מזל, האָט מיר דאָ, ביי קאַסינינען, דאָס מזל יאָ אַביסל צוגעדינט, ווייל עס האָט זיך פּונקט אַזוי געמאַכט, אַז די גניבות זענען געשען נישט בעת מיין נאַכט־דינסט, נאָר ביי לייקינס. כאָטש איך בין גאָרנישט געווען קיין בעסערער שומר פאַר אים.

ס'איז נישט אַריבער קיין לאַנגע צייט, און די גנבים, קענטיק דער־מוטיקט פונעם ערשטן דערפאָלג, האָבן זיך גענומען צו דער בהמה. און ווידער איז עס געווען ביי לייקינס נאַכט־וואַרטע.

איך בין דאַן ווי אַ „קיסר" אייגנער אַליין געשלאָפן אין מיין קאַזיאָנע ליימקע. בין געלעגן אַן אויסגעצויגענער איבער דער גאַנצער לענג פונעם שטרוי־מאַט און געחלומט דעם חלום פון אַ בולקע מיט פּוטער.

מיטאַמאָל הער איך עפּעס אַזוינס ווי אַ געוואַלט, אַ געשריי. דאָס געשריי זעט מיר אויס ווי פון אַ פאַס אַרויס, — ווי עס וואָלט געקומען פון מיין אייגענעם אינערן אַרויס.

איך כאַפּ זיך אויף, און נאָך אַ פאַרשלאָפענער פּרוּוו איך באַנעמען וואָס עס געשעט אַרום מיר. און עס דויערט נישט לאַנג ווי איך דערקען שוין די באַסאָווע שטימע פון לייקינען. ער שרייט ווי אַ באַנומענער:

— קאַגאַן, גיכער, קום אַרויס! אוי, אַ בראָך איז מיר געשען. די בהמה איז נישטאָ, פינצטער איז מיר. קום, העלף מיר איר זוכן.

אין דער ערשטער רגע האָט מיך אַביסל פאַרדראָסן, וואָס דער אייזל־טרייבער האָט מיר געשטערט דעם שלאָף. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַ דורכלויפנדיקער מאָמענט. איך האָב גלייך אויף דעם חרטה געהאַט און באַנומען דעם גאַנצן פּיין פון דער לאַגע.

איך האָב זיך שוין צום שלאָף נישט אומגעקערט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר ביידע געזוכט די בהמה, געזוכט איר איבער די שכנישע גערטנער און פעלדער. נאָר זי איז ווי אין וואַסער אַריין.

ערשט באַגינען האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז אַן אַרויסגעוואָר־פענע אַרבעט. מען האָט איר צוגעלקחנט ווי דאָס פערד. דאָס איז אָבער

פאַר לייקינגען געווען אַ קנאַפּע טרייסט. און מיר האָבן איבערגעריסן דאָס זוכן.

אגב האָט לייקין סיוּוּי נישט געקאָנט לענגער זוכן. ער האָט באַלד געדאַרפט שפּאַנען דאָס אייזעלע אויף צו ברענגען פאַר די אָרטעל־אַרבע־טער דאָס ברויט. פאַר דער דאָזיקער עקסטראַ־אַרבעט האָט ער נישט באַקומען באַצאָלט. זיין שכר איז געווען דער „גאָלד"־אָפּפאַל פון די ברויט־סקאָרינקעס און ברעקלעך, וואָס האָט אים געדינט אַלס צוגאָב צו דער „פּייקע" (ברויט־פּאָרציע).

ער האָט אָבער נאָך געגוג צייט געהאַט צו יאָמערן און קלאָגן און ברעכן מיט די הענט אויף דעם גרויסן בראָך, וואָס עס האָט אים געטראָפן. און איך האָב זיין צער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ס'איז געווען דער צער פון אַ פּשוטן מענטש וואָס קאָן זיך נישט פאַרשטעלן — און דעם צער אין זיך באַהאַלטן...

האָב איך אים געראַטן ער זאָל אַוועקגיין אין דער מיליץ און זיי געבן אין יד אַריין. — און באַלד וועט ער האָבן די בהמה, אַ לעבעדיקע צי אַ טויטע. און אַזוי איז געווען. ער האָט מיך געפּאָלגט, און איז באַלד צוריק־געקומען אַן אויפגעמונטערטער.

ס'האָט נישט גענומען קיין דריי שעה, ווי מען האָט געבראַכט צו טראָגן אַ צעשניטענע בהמה, ווי דאַן דאָס פערד. און די פּראָצעדור פון פאַרקויפן האָט זיך איבערגעחזרט.

מען האָט די בהמישע שטיקער גלייך צעכאַפּט. נאַטשאַלסטווע האָט ווידער צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און מיין וואָרטע־שותף איז קיין האָר פון זיין בלאָנדן קאָפּ נישט אָראָפּגעפאַלן. דער גוטער קאַסינין האָט אַלץ פאַרריבן...

אחר המעשה, איז אונדז ביידע גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ. פּטור געוואָרן אי פון'ם פערד און אי פון דער בהמה. מיר זענען געבליבן בלויז מיט דער בת־יחידה, דעם אייזל.

און כאָטש ער פלעגט זיך אָפּרייסן און נישט איינשטיין אויף קיין אָרט, איז אָבער אויף דער פוילער און האַרט־לייביקער אייזעליכע, נישט געווען קיין בעלן. קיינער האָט די פוילע עקשנטע נישט געוואָלט צולקחנען. און מיר האָבן געקאָנט ווידער דרימלען אויף אונדזער וואַרטע.

קאַפּיטל דרייאונפערציק

די אָקטאָבער־פייערונגען אין קאַסינינס צענטראַלן אַרטעל

מיר האָבן געמיינט, אַז פּטור ווערנדיק פונעם פערד און דער בהמה, זענען מיר שוין געהאַלפענע. מיר וועלן שוין פון איצט אָן פירן אַ רויק וואַרטע־לעבן, ווי גאָט האָט געבאָטן. וואָרעם פאַר דער „לויפערקע" (בלויז צום עסן), דער אייזעליכע, האָבן מיר דאָך נישט מורא געהאַט. אפילו דער מלאך המוות איז אויף איר נישט געווען קיין בעלן...

נאָר אַז דאָס ביטערע מזל האָט זיך אויף אונדז אָנגעזעצט, איז די צרה געקומען פון אַן אַנדער זײַט. און ווידער האָט עס געטראָפן לייקינען. און כאָטש עס האָט מיך פערזענלעך נישט אָנגערירט, — בין איך פונדעסטוועגן, ווי זיינער אַ וואַרטע־שותף, אויך געווען אין זיין צער...

און כאָטש פון דעם איז אויך לייקין אַרויס גאַנץ, איז אָבער צוליב דעם צעשטערט געוואָרן דער גרעסטער סאָוויעטישער יום־טוב.

ס'איז געווען ערב דעם אָקטאָבער־טאָג. די שטאָט האָט זיך פייערלעך געגרייט מקבל יום־טוב צו זיין. די דזשאַמבולער ליימקעס און בלאָטקעס (הייזער פון בלאָטע) זענען שוין געווען אויסגעקאַלכט פון אינעווייניק און אויסנווייניק.

קראַכמאַל־קיכעלעך און צוקערקעס זענען ווי צו אַ וואָל־טאָג געווען צעוואָלגערט איבער אייניקע פונקטן פון שטאָט. און „כל הקודם זכה" (ווער עס האָט געכאַפּט האָט געהאַט)...

און אין קאַסיניגס אַרטעל־ביוראָ האָט מען זיך אויף דער נאַכט שטאַרק געגרייט. ווי יעדעס יאָר האָט דאָ געדאַרפט פאַרקומען דער גרוי־סער טרונק און טאַנץ לכבוד דער גרויסער געשעעניש פון איבערדרייען דאָס מאַמעלע רוסלאַנד אויף דער אַנדערער זייט...

מיט דער שמחה האָט זיך מטפּל געווען דער מאָלער איוואַן וואָראָנאָוו און גאָר באַזונדערס דער שלאָסער טימיריאַזעוו, וועלכער האָט דאָס מאָל געאַרבעט מעשים און האָט אַלעמען איבערגעשטיגן מיט זיין רעוואָלוציאָ־נערן ענטוזיאַזם.

און אַז די צייט איז געקומען, האָט זיך קודם אינעם גרויסן צימער באַוויזן ער אַליין, דער פּאַרטיי־קאַנדידאַט קאַסינין „בכבודו ובעצמו״ מיט זיין סויטע, וועלכע איז באַשטאַנען פונעם בוכהאַלטער פּראָקאָפּאָוו, אַ יונג מיט ביינער; דער שיינער, שלאַנקער סעקרעטאַרשע; דעם פּראַנט, מאַלער איוואַן וואָראָנאָוו; חיים טאָקער; דעם שלאָסער טימיריאַזעוו און די איבעריקע נכבדים מיטן פּאָלק, שוין אויך אַריינגערעכנט די צוויי וועכטער.

„וואָדקאַ״ (בראָנפן) מיט פּאַרבייסן האָט זיך נאַטשאַלסטווע מיטגע־בראַכט. און ווער עס האָט נישט געהאַט, האָבן די טרינקער מוציא געווען. און „אין אונס״, מען האָט קיינעם צום טרינקען נישט גענייט...

נאָך די דרשות און דעם גרויסן „לחיים״ פון די נאַטשאַלניקעס, — האָט מען זיך צעוואַרעמט און מען איז זיך פּאַרגאַנגען אין אַ הייסן טאַנץ. מען האָט געטאַנצט ביחידות אַ קאַזאַטשאָק, געשפּרונגען אין דער לופטן און מיט אַרונטערגעבויגענע פיס ביי דעם סאַמע דיל, און מען האָט גע־טאַנצט בציבור, אַ טאַנץ אַ קאָלעקטיוון.

ביז פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך איז געוואָרן איין ראָד, וועלכעס האָט זיך ווי אַ סאַטעליט געדרייט אַרום זיך אַליין. די טענץ זענען שוין אַצינד געגאַנגען צוזאַמען מיט ווילדע באַגלייטנדיקע געשרייען, רוסישע, קאַלמי־קישע און טאַטערישע.

און אַז דער אימפּעט פון דעם טאַנצנדיקן ראָד האָט זיך אָנגעהויבן לעשן, איז אין איר אַריין טימיריאַזעוו און האָט מיט אַ ווילדן „אַ, סאַ, אַ, סאַ״־געשריי אים אויפסניי צעצונדן, — און מיט זיין בהען זיי אַלע איבער־געשטיגן.

זיי זענען שוין אַלע געווען מיד פון טאַנצן און שפּרונגען. האָבן זיי איבערגעלאָזט טימיריאַזעוון אַ טאַנצנדיקן און אים צוגעפּליעסקעט מיט די הענט, ביז אויך דאָס איז זיי פאַרמיאוסט געוואָרן און זיי האָבן זיך איינציקווייז אַריינגעשאַרט אינעם צווייטן צימער פאַר אַ פרישער כוסה. און די איינציקע נאָר, וואָס זענען אין דער הוליאַנקע געבליבן ניכטער, זענען געווען חיים טאָקער און די צוויי וועכטער.

און ווידער איז עס געווען לייקינס נאַכט־דינסט. ער האָט טאָקע נישט געטרונקען, נאָר ווער ווייסט עס אין אַזאַ „ליל־שימורים״ אַרויסגיין אין דרויסן צו היטן דעם אָרטעל? און ווער ווייסט עס אין אַזאַ אָקטאָבער־נאַכט פרוון גנבענען סאָוויעטיש פּאַרמעגן?...

איז ער, ווי איך, געווען אין ביוראָ־צימער און האָט זיך צוגעקוקט צו דער שמחה. דערווייל האָבן אין דרויסן די דזשאַמבולער זשוליקעס שוין שעהן געגראָבן אונטער חיים טאָקערס וואַרשטאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער זעלבער אַרטעל־געביידע.

זי האָבן זיך שוין אונטערגעגראָבן אונטער דער אויסנווייניקסטער וואַנט וואָס איז אַרויס צום באַזאַר. און קיינער וואָלט ביז צום סוף דערפון נישט געוווּסט. נאָר אַז טימיריאַזעוו, אַ באַטרונקענער האָט מיטאַמאָל ווי אַרויסטאַנצנדיק זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער, איז אים וואַראַנאָוו געגאַנגען זוכן. און אַזוי זוכנדיק אים אויפן הויף, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ גראָבן מיט לאָפּעטעס, און טימיריאַזעווס כריפּקע קול, וואָס האָט געפירט צו יענער זייט וואַנט.

איז וואַראַנאָוו אַריבער אויף דער אַנדערער זייט און האָט דערטאַפּט טימיריאַזעוון מיט די אונטערגראָבער. די אונטערגראָבונג איז שוין געווען אין פולן גאַנג.

און די גראָבער האָבן זיך שוין געקליבן אַריינצוקריכן אינעווייניק און פון דאָרט אַרויסצונעמען דאָס גאַנצע סאָוויעטישע האָב און גוטס:

חיימס ביינערנע קנעפּלעך, וועלכע האָבן זיך געבראָכן ביים איינניייען זיי, די ראַזיר־בערשטלעך, וועמענס האָר האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט אויפשטעלן ביים איינרייבן אין זייף, די קעמעלעך, וועלכע האָבן ווי „סעמעטשקעס" געקנאַקט ביים פאַרקעמען זיך מיט זיי, און זיינע איבעריקע שאַלאַמויזן...

דערזעענדיק וואַראַנאָוון, זענען זיי, איבערלאָזנדיק אויפן אָרט זייערע מכשירים, זיך אַלע גלייך צעלאָפן, און וואַראַנאָוו האָט אַליאַרמירט חיימען מיט לייקינען. און ווידער האָט לייקין געקלאָגט און געוויינט און געבראָכן מיט די הענט.

די שמחה איז געוואָרן צעשטערט. די מיליץ האָט זיך אין סאַמע יום־טוב געמוזט יאָגן נאָכן „פּאַטריאָטישן" טימיריאַזעוו. און לייקין איז ווידער געוואָרן גענומען אויפן צימבל...

נאָר אויך דאָס מאָל איז ער בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק. ווייל דער זכות פוגעם גוטן קאָסינין, דעם פּאַרטיי־קאַנדידאַט און פון אַזאַ גרויסן יום־טוב, האָט אויף אים מגין געווען...

קאַפּיטל פירונפערציק

אַ וואַסער-קראַם אין מיין ליימקע

אַז ס'איז באַשערט מיין „גליק" זאָל לאַנג נישט האַלטן, איז זיך דער מינסקער טאָקער מיישב, אַז די טאָקערײַ איז אים ווייניק און וויל נאָך ווערן אַ קרעמער אויך. און ער באַשליסט, אַז זיין קראַם מוז זיך דווקא געפינען אין מיין ליימקע.

נעמט מען אַרויס פון מיין ליימקע דעם איינציקן פראַנטאַון פענצטער און מען שטעלט אויף זיין אָרט אַוועק סלאָיעס מיט גלעזער פּראָסטע מים. וואַסער, צו וועלכן מען גיסט צו עפּעס אַ געפאַרבטע זיסקייט, און דאָס דאַרף הייסן סאָדעוואַסער.

שטייט זיך אַ גאַנצן טאָג זיין באַחנט מינסקער ווייבל און פאַרקויפט וואַסער. און איך בין שוין אויסער אין די נעכט, נישט דער גאַנצער בעל-הבית איבער מיין הייזקע.

און טאָמער איז עס נאָך ווייניק, גיט מען מיר נאָך צו אַ צווייטן, אַ יונגן רוסישן מאָלער איוואַן וואָראָנאָוו, וועלכער מאָלט זיידענע שאַלן און פרויען-טיכלעך.

דער טאָקער צעלייגט זיך מיט זיינע וואַסער-מכשירים און גרויסן זאַפּט-סלאָי אין מיין סאַמע „סאַליע", און איוואַן מיט זיינע פאַרבן און פענדזלען אינעם פינצטערן קעמערל.

דאָס האָט אַזוי קאַסינין געוואָלט אויסשפּרייטן זיין אימפעריע. און נישט האָבנדיק מער קיין אָרט פאַר זיין עקספּאַנסיע, האָט ער אויף דער עצה פון זיין טאָקער זיך פאַרלייגט אויף מיין אָרעמען שטיקל רום און מיר ענגער געמאַכט דאָס לעבן.

צו איוואַנען האָב איך קיין גרויסע טענה נישט געהאַט. ער איז געווען אַ ווילער בחור, אַליין אַ פאַרשיקטער און געליטענער ווי איך. און ער האָט מיר נאָר צוגענומען אַ שטיקל קעמערל. נאָר מיין גאַנץ ביטערניש האָב איך געטראָגן אויף מיין „פאָלקס-געגנאָסע", דעם מינסקער טאָקער, וועלכער האָט זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין מיין אָרעמער „נחלה".

ביי טאָג איז מיר שוין גאָר שווער געווען אַריינצוכאַפּן זיך אין מיין ליימקע. ס'האָט דאָך נישט געפּאַסט, אַז אַן אָפּגעריסענער מיט אַ שמוציקער „פּופייקע" (וואַטעווע קורטקע), זאָל זיך אַרומפּלאָנטערן אין אַ סאָ-

וויעטישער „וואַסער־קראַם". און איך וואָלט אויך פאַרשעמט מיין מינסקער „יפיפיה".

נאָך ערגער איז מיר געווען אין די אָוונטן. איך האָב צוליבן גרויסן סלאַי געפאַרבטע מים, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום קיכל, נישט געקאָנט ווי תמיד קאָכן מיין וויעטשערע. איך וואָלט נאָך מער צעוואָרעמט דאָס אַזוי אויך צעוואָרעמטע ביסל וואַסער־זיסקייט.

האָב איך באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ קאַמף קעגן מינסקער „קולאַק", אַ קאַמף פאַר מיין לעבנס־רוים. ער איז אָבער געווען שטאַרקער פאַר מיר. ער איז געווען אַ גוטער טאָקער־מייסטער, געהאַט גאָלדענע הענט, און איז קאָסיגינען מער צוגעצוגעקומען ווי אַזאַ לא יוצלח ווי איך, וואָס האָט מער ווי אַ וועכטער פאַר אים נישט געקאָנט זיין.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך געקלאָגט פאַרן נאַטשאַלניק, און אים געפרעגט צי ס'איז אַ יושר מיר ענגער צו מאַכן מיין אַזוי אויך ענגע נאָרע? האָט ער מיר געענטפערט:

— דו ביסט גערעכט, נאָר חיים איז אויך גערעכט. דיין נאָרע איז דיר אַ צוגאָב צו דיין פרנסה, און זיין וואַסער־פאַרקויף איז אויך פאַר אים אַ צולאָג. און די סאָוויעטישע מענטשן בייטיקן זיך נישט אַזוי אין אַזאַ וועכטער ווי דו, נאָר גיכער אין אַזאַ טאָקער ווי ער און אין זיין זיס וואַסער צום טרינקען. נאָר אַז עס וועט זיך אין מיינע וואַרשטאַטן מאַכן אַ בעסער אָרט פאַר אַ נאַכט־וועכטער, וועל איך דיך הייסן אַריבערפירן, און דו וועסט ווידער האָבן פאַר זיך אַליין אַ דירה. נאָר דו מוזט אויף דעם אַליין אַכטונג געבן. — האָט ער מיר אי אַריינגעזאָגט צוליב מיין וואַזשנער וועכטעריי און אי מיך געטרייסט און געפרוווט באַרויקן.

איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט באַרויקן. איך האָב געהאַלטן, אַז צווישן אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער און אַ קרעמער און טאָקער־מייסטער, דאַרף דער יושר זיין אויף מיין זייט. און אַז ער איז נישטאָ, וועל איך אים אַליין מוזן זוכן...

פלעג איך אין די נעכט, ווען איך פלעג אַרומגיין איבערן הויף אין פיעטראָוונעס גאָרטן, כדי נישט אַנטשלאָפן צו ווערן אויף דער וואַרטע, שלינגען די רויט־צעבליטע פּאָמידאָרן און זיך גלייך אַריינכאַפּן אין מיין ליימקע פאַרטרינקען מיט חיימס זיס וואַסער פונעם גרויסן סלאַי.

אַזוי אַרום האָב איך געשטילט מיין דאָרשט און מיין כעס קעגן חיים טאָקערס אַריינרייסן זיך אין מיין אָרעמער ליימקע.

די ערשטע פּאָר מאָל האָט מיך נאָך דאָס געוויסן געפּלאָגט. ביסלעכווייז אָבער האָב איך זיך צו דער דאָזיקער רויטער זיסקייט צוגעוווינט ווי צו אָפּיום. ביז חיים האָט דערקענט אַז עמעצער העלפט אים טרינקען זיין געטראַנק. און ס'איז ביי אים קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס איז מיין אַרבעט.

איך האָב אים גלייך נישט געלייקנט, ווי איך האָב אויך פּיעטראָווען נישט געלייקנט, אַז איך בין אין די נעכט טועם פון אירע רייצנדיקע, צערייפטע פּאָמידאָרן, פאַר וועלכע איך האָב איר דעם פולן פּרייז באַצאָלט.

נאָר חיימען האָב איך נישט נאָר נישט באַצאָלט, נאָר נאָך געהאַלטן, אַז ער דאַרף מיר נאָך צוצאָלן דירה־געלט, אָדער זיך אַרויספּעקלען פון מיין ליימקע.

חיים האָט דעם פּסק פון אַזאַ פּוסק ווי איך נישט אָנגענומען. און זיין וואַסער־מסחר אויף מיין פענצטער האָט זיך ערשט רעכט צעבליט. און דער געראַנגל צווישן אונדז האָט געדויערט. איך האָב אים געהאָלפן לייזן פאַר זיין וואַסער, און ער האָט מיך דערפאַר געוואָלט פאַרטרייבן פון מיין הייזקע.

איז ער געלאָפן צו קאַסינינען און האָט געהאַלטן אין איין שיטן אויף מיר. און קאַסינין האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין האַרץ מיך אינגאַנצן צו פאַרטרייבן. ביז ער האָט מיך איבערגעפירט אויף אַ נאָך בעסער אָרט.

איך ווער אַ נאַכט־וועכטער אין אַ שניידער־וואַרשטאַט אויף דער הויפּט־גאַס פון שטאָט. איך דאַרף היטן דעם וואַרשטאַט און בין ווי אַ פינפט ראָד — צו דריי שניידער און אַ שניידערקע

קאַסינין האָט זיין וואָרט געהאַלטן. עס איז פריי געוואָרן אַ וואַך־פּאָסטן אין זיינעם אַ שניידער־וואַרשטאַט און ער האָט מיך אַהין אַריבער־געפירט. אי ער האָט מיך אַרויסגעפּטרט פון דער ליימקע צו דער צופרי־דנקייט פון חיימען, און אי ער איז געבליבן מיין בעל־טובה.

מיין נייע דירה, וועלכע האָט זיך געפונען נאָענט צום צווייטן באַזאַר, איז נאָך געווען נענטער צום פּאַרק. צום זעלבן פּאַרק, ווו איך האָב נישט איינמאָל גענעכטיקט אויף אַ באַנק. און אַצינד איז נאָך ביים אַריינגאַנג אין פּאַרק געווען אַ „סטאָלאָווע", מיט וועלכער איך האָב זיך באַנוצט.

דער „אָרטעל", וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געמויערט הויז, איז

באַשטאַנען פון צוויי פיינע צימערן. און איך האָב פון דער וווינונג געהאַט פיל נוצן. קודם האָב איך דאָרט געגעכטיקט און האָב פאַר זיך געהאַט אַ באַקוועמע דירה מיט עלעקטרישער באַלייכטונג.

שנית, האָב איך געהאַט גרויס נוצן פונעם עלעקטרישן פרעסל, מיט וועלכן איך האָב זיך מטהר געווען ווי מיט אַ באָד־פּאַרוווקע. און אין ווינ־טער זענען מיר אויך די פּאַרשידענע פּעלצן און פוטערס, מיט וועלכע איך האָב זיך געבעט פון אונטן און פון אויבן, גוט צונוצגעקומען.

צו דעם האָב איך נאָך געהאַט אַ פיינעם ראַדיאָ, וועלכער האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן אַלע „פריקאַזן" (באַפעלן) פונעם „ווערכאָוונעם סאָוויעט" (העכסטן ראַט), דעם הויפּט־קאָמאַנדיר יוסף דזשוגאַשווילי סטאַלין, אַליין.

און אין די פּאַרצווייפלטע נעכט, ווען דאָס פאַרגעפּיל פון חורבן האָט זיך אין מיר געשטאַרקט, איז גוט געווען צו הערן פון די קלעפּ וואָס די „אומבאַזיגבאַרע" דייטשע אַרמיי כאַפּט אַריין.

דער ממונה איבערן „אַרטעל" איז געווען אַ יידיש־פּוילישער שניידער הירשל זאַק. און די איבעריקע זענען געווען: אַן אַדעסער, נאַטע פּאַרבער, אַ געהילף, נח קרול און די שניידערקע, שפרה גראַד. פון אַט די פיר איז באַשטאַנען דער אַרטעל, וועלכער איז ווי די איבעריקע — געווען אונטערן אויפזיכט פון נאַטשאַלניק קאַסינין.

הירשל זאַק, דער הויפּט־מייסטער, איז געווען אַ גוטער שניידער און אַ שטילער סאָלידער מענטש. זיין געהילף נח, וואָס האָט זיך אים כלומרשט נאָכגעשלעפּט ווי אַ קו אַ קאַלב, איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן, שוין דווקא נישט געווען קיין צוויי פאַר אַ גראָשן...

די שניידערקע, שפרה, אַ יונגע פרוי מיט אַ פּאַרזויערט פּנים, וואָס איז געווען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, האָט זיך דאָ געפילט ווי אַ נישט־דאָיקע, ווי זי וואָלט געלעבט אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט. זי האָט געניית פרויען־קליידער, און איז אין איר גרויסער היימשטאָט דווקא געווען אַ מאַדים אין איר פאַך.

דער לעבעדיקסטער און פריילעכסטער פון אַלע איז דערפאַר געווען נאַטקע דער אַדעסער. ער איז געווען אַ זינגענדיקער און אַ ריידנדיקער. און מיט זיין פריילעך געמיט האָט ער אַלעמען אָנגעשטעקט. און מיט זיין יידישן געזאַנג פלעגט ער פאַרטויבן דאָס קלאַפּן פון די נײַ־מאַשינען.

ער איז אויך נישט געווען קיין שרעקעוודיקער, נאָטקע. ער פֿלעגט זיך אָן מורא חכמהנען איבערן ראַטנפּאַרבאַנד, ווי אַן אַלטער חברה־מאַן איבער זיינע צו קבורה־געבראַכטע מתים. מען האָט אָבער נישט געקאָנט וויסן ווי מען האַלט מיט אים...

די פּוילישע האָבן צו אים קיין גרויס צוטרוי נישט געהאַט. זיי האָבן זיך געפֿילט, ווי אין זייער מיטן וואָלט געווען אַן אָפּיציעלער סאָוויעט. כאָטש נאָטקע איז אין דעם אַוודאי נישט געווען שולדיק.

דערפֿאַר אָבער האָט ער „גענומען” ווי אַ שוין דערפֿאַרענער סאָוויעטישער מענטש, ער איז חלילה, ווי די איבעריקע, קיין גנב נישט געווען. דאָס האָט ער זיך נאָר אָפּגעשניטן אַ פּאָר מעטער פֿונעם פֿאַלקישן לייוונט, וועלכע דער אַרטעל האָט באַקומען צום נייען.

און נישט נאָר ער אַליין האָט זיך גענומען „יתור”, — אויך דער פּוילישער, הירשל, האָט זיך גענומען זיין חלק. און פֿאַרוואָס נישט? אַלע נעמען, נעמט ער אויך. און שפּעטער האָט זיך אַפֿילו אויך גח גוט־געמאַכט זיין קריוודע, וואָסי, אים קומט נישט, ער אַרבעט נישט?...

נאָר דער מייסטער הירשל האָט אים נישט געקאָנט שענקען, פֿאַרוואָס ער, דער אָדעסער, מאַכט עס אַזוי פֿלינק, אַז קיינער זעט נישט און הערט נישט, און בעט אַפֿילו נישט ביי אים, דעם עלטסטן, אויף דעם אַ דערלויבעניש.

און איך, דער גאַנצער שומר, האָב ביזן לעצטן מאָמענט, ביז נח איז צו מיר נישט געקומען און האָט מיר נישט אויסגעלייגט אַלץ אויפֿן טעלער, גאָרנישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אונטער מיין נאָז.

איך האָב געהאַלטן, אַז מען צאָלט מיר נאָר פֿאַרן היטן דעם וואַרשטאַט פֿון פֿרעמדע גניבות. בלויז פֿון פֿאָלקס־פֿיינטלעכע אַריינדרינגער. — אָבער נישט פֿון אייגענע.

און פֿונוואַנען זאָל איך וויסן וועלכע ס׳איז פּריוואַטע אַרבעט, וואָס די שניידער נעמען זיך אַריין ווי אַ צוגאָב — אויפֿצוניייען מיט דער מלוכהשער מאַשין און פֿאָדעם, און וועלכע ס׳איז קאַזיאָנע?

און אַז הירשל פֿלעגט מיך שוין פֿרעגן, צי איך האָב נישט געזען דעם אָדעסער לקחנען לייוונט, פֿלעג איך אויף אים אויסשטעלן אַ פּאָר תמעוואַטע קעלבערנע אויגן און אים נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. און איך האָב טאַקע נישט געזען אויך און דערפֿון אינגאַנצן נישט געוווּסט.

קאַפּיטל פינפאונפערציק

נח מאַכט מיר אַ פאָרשלאַג...

דער טאָג אַ זוניקער, ווי אַלע זוניקע טעג אין קאַזאַכסטאַן, איז שוין געווען פאַרביי. די שניידערס זענען זיך צעגאַנגען אין זייערע היימען. איך אַליין נאָר בין געבליבן און האָב זיך געפּאָרעט ביי מיין אָוונט־ברויט. מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און נח קומט אַריין.

פאַרשטייענדיק אַז ס'איז עפּעס נייעס, היט איך שוין זיין יעדע באַוועגונג. די נאַכט־השגחה געהערט דאָך לכל־הדעות צו מיר. ער זעצט זיך צו לעבן מיר, און גייט אַרויס ווי די בנות צלפחד (צלפחדס טעכטער האָבן געמאָנט זייער חלק אינעם לאַנד), מיט זיין טענה:

— הערט זיך איין, כהן, מיר אַרבעטן אַלע גלייך מיט זיי. איז פאַרוואָס זאָל די גאַנצע לייוונט געהערן נאָר צו זיי? זיי שניידן זיך אָפּ די גאַנצע צייט זייער חלק און פאַרקויפן עס אויפן באַזאַר, און אונדז גיבן זיי אַ פייג. וואָסי, זיי קאָנען נישט לעבן פון זייערע אַרבעטס־פאַרדינסטן און מיר קאָנען יאָ? מיר פאַרדינען דאָך נאָך ווייניקער פון זיי. בין איך אייך געקומען פאָרלייגן אויך צו טאָן דאָס זעלבע. לאָמיר אָפּשניידן אַ דריי מעטער לייוונט און עס פאַרקויפן. מיר וועלן זיך טיילן גלייך אויף גלייך.

איך האָב אים אויסגעהערט און געזאָגט, אַז קודם דאַנק איך אים פאַרן פאָרשלאַג. און שנית, בין איך פאַרן טאָג גאָרנישט פאַראַנטוואָרטלעך. איך בין נאָר אַ נאַכט־וועכטער, און מיין זאַך איז נאָר ביינאַכט קיינעם נישט אַריינצולאָזן און פון דאַנען גאָרנישט צו לאָזן אַרויסטראָגן. און ווי קאָן איך גאָר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צייט פון זייער אַרבעט, ווען איך בין ביי דער אַרבעט אין וואַרשטאַט גאָר נישטאָ? דערייבער, וואָס ער און זיי וועלן טאָן אין לויף פונעם טאָג, גייט מיך נישט אָן. נאָר בעת מיין נאַכט־דינסט זאָל מען מיט מיר גאָרנישט פּרווון ריזיקירן...

נח איז פון מיינע רייד נישט געוואָרן נתפעל. ער איז באַשטאַנען אויף זיינס. ער'שטנס, האָט ער געטענהט, איז אין ראַטנפאַרבאַנד דאָס נעמען אַ טייל פונעם געהאַלט. אָן דעם וואָלט יעדער אַרבעטער אויסגעצויגן די קאָפּיטעס. נאָר די אַרבעטער נעמען גראָשנס. און זיי, די נאַטשאַלניקעס,

צעטראָגן דעם פאַרבאַנד. בכן, זאָל איך נישט זיין קיין יאָלד און טאָן דאָס זעלבע וואָס אַנדערע טוען.

נאָך נחס וויזיט האָב איך באַשלאָסן צו קומען אין צייט פון דער אַרבעט. איך האָב זיך געוואָלט מער באַקענען מיטן לייוונט־געשעפט...

בין איך געקומען און האָב געזען, ווי אַלע מאַשינען זענען פאַרלייגט מיט לייוונט, אַז מען האָט קוים די מאַשין־קעפּלעך אַרויסגעזען. אויך די פּאַרזויערטע שפרה האָט אַצינד מיט אַ באַזונדערן אימפּעט הין און צוריק געוואָרפן דאָס פּיסל פון איר מאַשין.

הירשל, אַן אָנגעברוגזטער, קעגנאיבער דעם אָדעסער, איז אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. נאָר נאָטקעס געזאַנג האָט זיך איבער זיי אַלע אַרויסגעהויבן. און ער האָט מיט זיין אַרבעטס־פלינקייט זיי אַלע איבערגעשטיגן, אויך דעם שניידער־מייסטער. די קאַזיאָנע לייוונט האָט ביי זיי אַלע געהויבן דעם אַרבעטס־ שווונג.

קיין בעסער אָרט ווי אינעם שניידער־אַרטעל האָב איך זיך נישט געקאָנט ווינטשן. כאָטש אין ווינטער איז אין דער פריערדיקער ענגער ליימקע געווען וואַרעמער. און נאָך וואַרעמער איז געווען אין קעמערל, ווו איך מיט מיין מאַט (אַ שטרוי־געפלעכט) האָב נישט געקאָנט אַריין...

אין דער ליימקע האָב איך אָבער נישט געהאַט קיין ליכט און מיין מאַט איז געלעגן אויף דער בלויזער ערד. איוואַן איז געוואָרן אַ שותף צו מיין קעמערל און חיים טאָקער האָט צוליב זיינע געפאַרבטע מים אחרונים — מיר פאַרשפּאַרט דאָס פענצטער, צוריבנדיק פון מיר דאָס ביסל שיין פון די ליכטיקע לבנה־נעכט, וואָס פלעגט זיך אויף אַזאַ היימישן אופן צו מיר אַריינגנבענען.

איך בין אויך געוואָרן נענטער צו מיין אַרבעט אויף דער פּאָסט. און וואָס נאָך האָב איך אין יענע טעג געקאָנט פאַרלאַנגען? און דאָ איז מיר דאָס אַלץ שוין אַצינד נישט באַקומען.

דעם יידישן גרויל האָבן שוין אויך די סאָוויעטן לעגנער נישט גע־קאָנט אויסבאַהאַלטן. און אויף די לעצטע זייטן פון די סאָוויעטישע צייטונ־גען האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן קורצע ידיעות פונעם יידישן אומקום אין אייראָפּע.

און וואָס בעסער מיר איז געוואָרן, אַלץ מער האָט אין מיר גענומען טאָטשען דאָס געפיל פון מיין אייגענעם חורבן. און איך האָב מורא באַקו־

מען פאַרן מאָמענט ווען איך וועל זיך מוזן שטעלן פנים אל פנים מיט דערווירקלעכקייט.

און טאָמער האָב איך זיך אויף אַ מאָמענט געפּרווט פאַרגעסן, האָבן אַנדערע, אויך אַזעלכע יידן ווי איך, מיך נישט געלאָזט. זיי זענען צו מיר געקומען, אָט די וואַרעמע מזרח־יידן, און פון מיר געמאָנט אַ טרייסט, אַ גוט וואָרט.

באַזונדערס האָבן אייניקע אין מיר געקלעפּט. — איינער, אַ לוקאָוועך, ר׳ תנחום, אַ הויכער, גראָער, ברייטפּלייציקער ייד שוין אין די יאָרן, און אַ טערעספּאָלער, אויך אַ זקן.

ביידע האָבן געהאַט צו מיר אַ שטיקל שייכות. דער לוקאָווער, ווייל איך האָב אין זיין שטאָט געלאָזט מיין פאָטערס אַ שוועסטער מיט איר משפּחה פאַקמאַן, און דער טערעספּאָלער, צוליב מיינעם אַ קרוב משה מענדל. און ווו זענען זיי נישט געווען, די צווייגן פון מיין משפּחה־בוים?

פלעגן זיי אָפט צו מיר קומען אויף דער פּאָסט, אָט די מאמינים־דעמבעס, צו מיר, — דעם נישט־פרומען און אַליין ריינעם יידישן פיין און גרויל צעטרייסלטן — נאָך עפּעס אַ וואָרט, אַ גוט וואָרט.

און איך, וואָס האָב זיך אַליין געבראָכן אונטער דער לאַסט פון יאוש און ספקות, און זיך אַליין געניטיקט אין אַ טרייסט, האָב געמוזט פאַר זיי צונויפנעמען גאָר מיין זכרון און קענטעניש, און פון ערגעץ ווו אַרויס־גראָבן אַ צוגעפּאַסטן פּסוק, אַ מאמר, וואָס זאָל אָט די יידן קרעפטיקן און מונטערן.

און אַז איך האָב אונטער דער האַנט נישט געהאַט אַזאַ פּסוק, האָב איך פאַר זיי געמוזט דרשענען, אָדער מאַכן גימטריות. און דעם אמת גע־זאָגט, אַז ס׳איז מיר אַזאַ שטיקל גימטריא געלונגען צו געפינען, ווייל קיין ספר האָב איך אין מיין וואַלגערן זיך מיט מיר נישט געהאַט, בין איך פון זיך אַליין געווען צופרידן. איך האָב זיך פאַרוויגט אין מיין אייגענער איינוויי־געניש...

אַזוי האָב איך פאַר זיי געדרשנט אויפן יאָר תש״ג. תש״ג, האָב איך זיי געזאָגט, מאַכט: „תבוא שנת גאולה״. און אין דעם יאָר, האָב איך זיי פאַר־זיכערט, וועט זיך אָנהייבן די דייטשע מפּלה.

אין תש״ד, האָב איך זיי צוגעזאָגט, וועט שוין זיין די פולע מפּלה פון די פּיר. — ווייל תש״ד מאַכט: „תבוא שנת דלת״. אָדער „תפּול שררת דלת״.

עס וועט צעשמעטערט ווערן די מאַכט פון די פיר „אבות הטומאה", פון היטלער, הימלער, גערינג און געבעלס.

זיי זענען אָבער נישט געווען די איינציקע יידן. די ידיעות פונעם יידישן חורבן זענען שוין געקומען אָפּטער און נענטער. און פון דער צוויי־טער זייט, איז צוליבן דערנענטערן זיך פון דער יידיש־פּוילישער „רע־פּאַטריאַציע" (אומקער קיין פּוילן), די אַטמאָספער פאַר די פּוילישע יידן געוואָרן אַביסל פרייער, און די יידן אַליין זענען אויך געוואָרן אַביסל דרייסטער.

די פּאָסט האָט אין די לעצטע יאָרן פון מיין שרייבן אויף איר אויפ־געלעבט. ס'איז צוליבן באַקומען די פּעקלעך פונעם וועד הצלה (יידישן רעטונגס־קאָמיטעט), אַרום דער פּאָסט געוואָרן אַ באַוועגונג, ווי אַרום דעם פּוילישן פונקט. און ס'האָט פון דעם גענאָסן דער יידישער צד.

שפּעטער האָבן אויך די איבעריקע איינוווינער פון דזשאַמבול, איבער־הויפּט די, וועלכע האָבן געהאַט זייערע נאָענטע אין דער רויטער אַרמיי אין דייטשלאַנד, אָנגעהויבן צו באַקומען פּעקלעך. און זייערע פּעקלעך זענען געווען פיל רייכערע ווי די יידישע. און זיי האָבן בדרך כלל גאָר־נישט געקאָסט. זיי זענען געקומען פונעם זאַקרויב, וואָס די רוסן האָבן פאַרכאַפּט ביי די דייטשן.

און נישט אין איין פּעקל האָט זיך אויך געפונען יידיש גוטס, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט — פון די דייטשע מערדער צו די איצטיקע סאָוויעטישע זיגער. און אויך די רויטאַרמייצעס האָבן נישט געטראַכט פון אָפּגעבן דאָס צוריק צו די באַרויבטע. און זיי האָבן דעם יידישן אייגנטום־סימן ווייט נישט געדאַרפט זוכן. ער איז געווען גלייך פון אויבן. ער איז געווען אינעם ווייס־בלאָען טלית וואָס די גיריקע פון זיי האָבן זיך איבערגעמאַכט פאַר בלוזקעס, ווי די טעלעגראַפיסטקע נאַדיעזשדאַ, און אינעם חסידישן זייד און אַטלאַס, פון וועלכן זיי האָבן זיך גענייט קליידער, ווי די „אובאָרטשיצע" (רוימערקע) טומוליאַנאָווא.

און אַז מען האָט זיי דערוויף אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט די בושה אויף זיי נישט גערוט. נאָר דאָס זענען שוין געווען די פאַרשפּעטיקטע אָרעמע פּעקלעך, וואָס זענען צוגעפאַלן די אורחי־פורחי־סאָלדאַטן, די איינוווינער פון קאַזאַכסטאַן.

דער קאָמוניזם האָט אויך דעם סאָלדאַט אויפן פראָנט נישט אויסגע־גלייכט, ווי ער האָט דעם אַרבעטער אינדערהיים נישט אויסגעגלייכט. —

דעם ערשטן און בעסטן חלק האָבן קודם זיך גענומען די אָפיצירן. און וואָס העכער אין ראַנג, אַלץ קודמער און רייכערער דער רויב. און ערשט פונעם געבליבענעם האָבן אויך די סאָלדאַטן געגאַסן. און אין די קאַמערן פון די דייטשע הייזער און אין זייערע גאַרדעראָבעס איז געווען פון כל־טוב, אויך פיל מיט מיט יידיש האָב און גוטס.

זענען די עוואַקואירטע רוסישע משפחות און די אָרטיקע דזשאָמ־בולער, וועמענס זין זענען אַריין קיין דייטשלאַנד, מיטאַמאָל געוואָרן אויפ־געריכט. פלוצים האָבן זיי גענומען באַקומען פון דייטשלאַנד גאָלד, צירונג און די בעסטע שטאָפן.

האָט זיך אויף דער פּאָסט אויך מיין אַרבעט פאַרשטאַרקט. מען האָט געדאַרפט אויסשרייבן די צעטעלעך אויף אָפּצונעמען די פּעקלעך. און דער עיקר איז מיר אַצינד צוגעקומען אַ ניי „פאַך״, צו שרייבן פאַר די יידישע קליענטן טעלעגראַמעס אויף אַרויסצושיקן פּעקלעך־מתנות.

די טעלעגראַמעס, געשריבן אין אַ סטאַנדאַרטנעם נוסח, זענען געגאַנ־גען צום וועד הצלה, זעלטן מיט ענדערונגען. אין אָנהייב האָט מען די טעלעגראַמעס געשריבן אין רוסיש. שפּעטער, איז דורך עמיצנס אַן עצה, נגזר געוואָרן זיי צו שרייבן אין ענגליש און אין געדרוקטע לאַטיינישע אותיות.

אין רוסיש בין איך געשווומען ווי אַ פיש אין וואַסער, איך האָב דאָך מיינע „זאַיאַוולעניעס״ און פאָרמולאַרן אויף דער פּאָסט נאָך פריער געשריבן אין רוסיש. און אויף צו דרוקן די אותיות בין איך אויך געווען אַ מאַדים. נאָר מיט ענגליש בין איך נישט געווען „שווה בשווה״, מיין טאַטע האָט מיך קיין ענגליש נישט געלערנט. נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב פרנסה?

האָב איך אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק גענומען אַ רוסיש־ענגלישן ווערטערבוך, און פון אים אַרויסגעקוועטשט מיינע נייטיקע פּאָר פסוקים.

און אַז מיינע קליענטן האָבן זיך אויף מיר אַליין פאַרלאָזט, האָב איך זיי שוין אָפּגעקלאַפּט די פּאָר שורות, נאָר אַז ווער איז געווען צו געשייט, — אָדער האָט מיר געפּרוווט דיקטירן אַן אַנדערן נוסח (אין יידיש), איז מיר געווען גאַנץ ביטער. פונדעסטוועגן איז מיט מיר קיין מכשול נישט געשען. מיינע טעלעגראַמעס זענען עולה יפה געווען, און מיינע טרייע קליענטן האָבן זייערע פּעקלעך באַקומען. און מער האָב איך און זיי נישט געדאַרפט.

נאָר ווי אין יעדן יידישן מסחר, איז אויך דאָ אויפגעקומען אַ שאַרפע קאָנקורענץ. און נישט אַזוי אַ קאָנקורענץ, ווי אַ נישט־פאַרגינען. מיין ספעציאַליטעט בלע״ז איז דאָך דאָ געווען די „זאַיאַוולעניע״־שרייבעריי (ביטעס) אויף דער זייט פונעם „ירדן״ (פּאָסט), איז ווי קום איך צו יענע טעלעגראַפן־זייט פונעם „ירדן״?...

האָבן די „ענגלענדער״ פון יענער טעלעגראַפן־זייט־פּאָסט מיר דאָס נישט פאַרגינען. האָבן זיי אין מיין ענגליש געגומען זוכן גרייזן. און דאָס האָט נישט געפעלט. און ס׳איז ביי זיי געוואָרן „נמנו וגמרו״ צו דערטראָגן ווו מען דאַרף.

נאָר פאַרן נאַטשאַלניק פון פּאָסט, וואָס האָט צוליב דער לעצטער קרי־געריי מיט מיר, מיך געוואָלט אַריבערפעקלען אויפן סאָוויעטישן עולם האמת, האָב איך שוין אַצינד קיין מורא נישט געהאַט. האָבן די „ענגלענ־דער״ קעגן מיר אָנגעהויבן אָנווענדן אַן אַנדער מיטל. זיי האָבן מיינע קליענטן געגומען איינרעדן, אַז מיינע טעלעגראַמעס וועלן נישט דערגיין. און פאַר דעם האָבן זיי געציטערט אימת מוות. נאָר איך האָב זיי גאַראַנ־טירט מיט מיין גאַנצן פאַרמעגן, אַריינגערעכנט אויך די טאַרבע מיט דער „פופייקע״, אַז אַלץ וועט אַדורכגיין בשלום. און ס׳איז אַזוי געווען.

איינער פון אָט די „ענגלענדער״ איז געווען מיין פריינד, ד״ר זינגער־מאַן, וועמען איך האָב אין ביאַליסטאָק געטאָן אַ טובה, און וועלכער האָט מיך ביים אָנקומען קיין דזשאַמבול אַזוי כלאַ־ידע׳דיק אויפגענומען...

ער האָט זיך שפעטער פאַרענטפערט: „אַז אַמאָל קאָן ער אַוועקגעבן די נשמה, און אַמאָל... „אוי, אַל תפתח פה״... קאָן ער זיך פאַר אַ גראָשן אַפילו אַ מעשה אָנטאָן. און איך האָב אויף אַ פאַרקערטן אופן פאַראַפראַ־זירט דעם בערדיטשעווער: „זע, וואָס פאַר אַ פאָלק דו האָסט, אַז אפילו דאָ, אינעם „חושך של מצרים״, — האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן אין זין״...

קאַפּיטל זעקסאונפערציק

מירקע די ראש־ישיבהניצע און אַלעקסאַנדראַ מירקין

יידן האָבן פון די פעקלעך געלעבט. זיי זענען פאַר זיי געווען אַ הילף אין זייער נויט. נאָר איניקע האָבן דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ געשעפט.

ווי פריער מיטן ברויט־צוגאָב, האָבן די דאָזיקע אויך איצינד דאָס אויסגענוצט פאַר שפּעקולאַנטישע צוועקן, שטערנדיק דערמיט די אמתע נויט־באַדערפטיקע. און זייערע מעשים זענען טיילמאָל דערגאַנגען ביז צו קאָמיזם.

איינע אַזאַ יידישע פרוי איז צו מיר געקומען אויף דער פּאָסט איך זאָל פאַר איר אין דער טעלעגראַמע בעטן פעקלעך פאַר אַ גאַנצער ישיבה. זי האָט מיר אָנגעהויבן אויסרעכענען נעמען פון דער הפטורה, אָנגעבנדיק זיך זעלבסט פאַר דער ראש־ישיבהניצע. איר מאַן דער ראש־ישיבה איז געבליבן אין דער היים, נאָר זי, זיין ווייב, איז גרייט פאַר אים איינצונעמען דעם שכר פאַר זיין תורה. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ גאַנצע רשימה מיט נעמען, וועלכע וואָלטן, ווען זיי זאָלן האָבן אפילו געווען אמתע, אין דער טעלעגראַמע אויך נישט אַריין.

האָב איך מוחל געווען אויף מיין פאַרדינסט און האָב זיך מיט איר „ישיבה של מעלה" נישט געוואָלט פאַרנעמען. איך האָב, איבעריקנס, אויך מורא געהאַט איך זאָל אַליין אין אַזאַ „ישיבה של מעלה" נישט אַריינפאַלן...

איז זי נישט נתפעל געוואָרן און איז געגאַנגען צו אַן אַנדערן. צי איר גאַנצע רשימה איז געוואָרן געדעקט, ווייס איך נישט, נאָר אַז זי איז מיט אירע פעקלעך געוואָרן אַ ראש־ישיבהניצע אויפן באַזאַר, דאָס האָב איך געזען. און פון דאַן אָן האָט זי צו מיר מער נישט אַריינגעשמעקט.

אויך איך האָב זיך אינעם דאָזיקן יריד פאַרבענקט נאָך אַ פעקל. עס זענען געווען ביליכערע פאַר מיר. יידן מיט משפחות. און איך בין שוין דאַן אַזאַ נעבעכל נישט געווען, נאָר רייכער פאַר די אַנדערע בין איך אָבער אויך נישט געווען.

און איך האָב געלעכצט נאָך אַ פעקל, ווי אַ פרומער ייד נאָך זיין טלית. דאָס האָט פאַר מיר קודם געדאַרפט זיין מיין פאַרבינדונג מיטן כלל, צו וואָס איך האָב אין יענע טעג אין מיין איינזאַמקייט אַזוי געגאַרט.

און איך האָב אויך געוואָלט אויספּרוּוון מיינע כוחות צי וועט מען אין מיר געדענקען, צי וועט מען אויך מיך אין זין האָבן, ווי מען האָט די איבעריקע יידן אין זין.

נאָר צו וועמען שרייבט מען? אַז איך, דער גאַנצער „קנאַקער", וואָס שרייב פאַר אַנדערע, האָב צוליב מיין לאַנגער דירהלאָזיקייט און פאַר־פאָלגט זיין, מיט קיינעם נישט קיין קאָנטאַקט, און באַזיץ נישט קיין אַדרעס פון מיינעם אַ חבר אָדער עסקן פון יענער זייט גרענעץ.

נאָר „אין דבר העומד בפני הרצון" (קיין זאַך קאָן נישט ביישטיין דעם אייגענעם ווילן). האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין ערשטן רבין יצחק גריג־בוים, און האָב זיך דורכן וועד הצלה צו אים געווענדעט. און נאָך אַ שטיקל צייט האָב איך באַקומען אַ פעקל.

דאָס ערשטע פעקל האָט מיר געבראַכט מער ווי ס'איז אין דעם געווען. — דער טאָג איז פאַר מיר געווען אַ יום־טוב, אַ יום־טוב אינדערוואָכן. איך האָב זיך צוריק דערפילט פאַרבינדן מיטן כלל, און האָב געפילט דעם דופק פון דער שארית הפאַלק, וואָס קלאַפּט אין איין אוניסאָן.

פון דאַן אָן האָב איך נאָך באַקומען אייניקע פעקלעך. און מיין מענטשלעכע ווירדע האָט זיך געהויבן און מיט די אַנדערע זיך אויסגעגלייכט.

חנה־לאה דעם פּולקאָווניקס מאַמע און אַלעקסאַנדראַ איר שנור

צווישן די נישט־יידן וואָס זענען געקומען אויף דער פּאָסט אָפּנעמען זייערע דייטשע פעקלעך, איז אויך געווען אַ הויכע, שלאַנקע רוסין, אַלעקסאַנדראַ מירקין.

די רוסין גופא וואָלט מיין אויפמערקזאַמקייט נישט אַרויסגערופן. אין דער צייט האָבן שוין אַ סך נישט־יידן אָנגעהויבן באַקומען פעקלעך. און דווקא נישט פון וועד הצלה...

פון איין זייט האָט מיך געוואונדערט איר פיינטלעכע האַלטונג לגבי יידן, טראָץ איר פאַמיליע־נאָמען מירקין, און פון דער צווייטער זייט, וואָס נאָך איר האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ קליין, איינגעשרומפּן באָבעלע מיטן אויסזען פון אַ שרה בת־טובים. און די הויכע פאַרקרומטע אַלעקסאַנדראַ, מיט דער קליינער חנה־לאה, האָבן אויסגעזען ווי אַ ריז מיט אַ קאַרליק.

די קיעווער חנה־לאה האָב איך נאָך געקענט פון פריער. זי איז געווען מיינע אַ קליענטין, און ווען זי פלעגט קומען האָט זי מיר שוין געהאָלפן קרעכצן אויף צרות הכלל. איר זון, אַ פּולקאָווניק פון דער רויטער אַרמיי, איז פון די ערשטע מיט זיין בריגאַדע אַריין קיין דייטשלאַנד. און ווי די איבעריקע ערשטע, האָט ער אָנגעהויבן שיקן פעקלעך מיט גאָלד.

נאָר אַז זי האָט אַן אוקראַינישע שנור, האָב איך נישט געוווּסט. ביז איך האָב איר, חנה־לאהן זיך געזען נאָכשלעפּן נאָך דער הויכער אַלעקסאַנדראַ. און אַז זי האָט געזען, אַז איר צרה לאָזט זיך שוין מער נישט באַהאַלטן, האָט זי זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַראָפּרעדן פון האַרץ.

מיט פייכטע אויגן האָט זי אויסגעקלאָגט איר געשיכטע. גישט נאָר וואָס איר יעפּים האָט זיך פאַרליאָפּעט אין אָט דער אוקראַאינגערין, נאָר זי איז נאָך צו דעם אַ ביטערער יידן־שונא. זי שענדעט און לעסטערט דעם יידישן נאָמען און זי קאָן פון איר גישט אויסהאַלטן. און אָט מיט דעם „שטיק" מוז זי נאָך הויזן און לעבן.

איר זון שיקט איר אָבער פון שענגסטן און בעסטן. ס'האָט איר פריער ביי אים אויך גאָרגישט געפעלט. און אָנשטאָט צו זיין דאַנקבאָר, האַלט זי אין איין האָווקען און גיסן פעך און שוועבל אויף יידן. זי טענהט, אַז אַלץ וואָס יידן האָבן, געהערט צו זיי, צו די נישט־יידן. און ווען זי האָט געזען מיין פאַרוואונדערונג, האָט זי צו מיר געזאָגט:

„אדרבה, רעדט מיט איר, וועט איר זיך אין דעם אַליין איבערצייגן".

די זאַך האָט מיך שוין פאַראינטריגירט, און איך בין מיט חנה־לאהן אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, ווו מען האָט אַרויסגעגעבן די נישט־יידישע פּעקלעך.

אַלעקסאַנדראַ איז נאָך דאָרט געשטאַנען און האָט אונדז באַגעגנט מיט פיינטלעכע בליקן. איר צוגעפּאַרבט פּנים איז געווען פאַרקרימט. אירע ליפּסטיק־ליפּן פאַרשנירלט און אין אירע ברוינע אויגן האָבן ווי ביי אַ טיגער געפּאַספּאָרט מיט חיהשקייט.

אָן צערעמאָניעס האָב איך איר, אין איר שוויגערס אָנוועזנהייט, געפרעגט, צי ס'איז אמת, אַז זי האָט אַזוי פיינט יידן. „דאַ, יאַ יעוירעעוו ניע גאַוויזשאַ" (איך קאָן קיין יידן נישט אָנקוקן), האָט זי פעסט געענטפערט.

— איז וויזשע אַזוי לעבט איר מיט אַ ייד און געניסט פון זיינע פּעקלעך? און איך זע, אַז ער שיקט אייך גאַנץ פיינע מתנות, — האָב איך געזאָגט.

— אים האָב איך ליב! און די פּעקלעך זענען נישט אייערע. אַלץ געהערט צו אונדז. — האָט זי מיט פעסטקייט געענטפערט.

מיין לעבן האָט זיך אַצינד אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן. וווינענדיק נישט ווייט פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק, האָב איך זיך פון צייט צו צייט אָנגעהויבן אַהין אַריינכאַפּן. דאָס לייענען און דאָס בעסערע געמיט האָט אין מיר צוריק אָנגעהויבן דערוועקן דעם דראַנג צו שרייבן.

דער דאָזיקער באַגער איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. אינעם

צונויפגיסן דעם אייגענעם צער מיטן צער פונעם פאָלק, — און אין באַטראַכטונגען וועגן פאָלק און מענטש אין אַלגעמיין.

צו די נאַציאָנאַלע באַטראַכטונגען האָבן מיך אינספּירירט די שמועסן וואָס האָבן זיך אַרום מיר קאָנצענטרירט אויף דער פּאָסט אַדאַנק די קלאַנגען פונעם פּויליש־רוסישן אָפּמאַך וועגן אומקערן זיך אַהיים, בעסער געזאָגט, פון אַרויספאָרן פונדאַנען. און אויך די קלעפּ, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו כאַפּן פון דער רויטער אַרמיי.

די שטומקייט, וואָס האָט ביז דאַן באַהערשט די יידיש־פּוילישע פּליטים, האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן. דער ז.פּ.פּ. האָט צוריק באַנייט זיין טעטיקייט. און פול ענערגיע (אָפּטמאָל שוין צופיל) האָבן דאָרט אַרויסגע־וויזן די פּריש־געבאַקענע יידישע הורא־פּאַטריאָטן. די דאָזיקע פּרישע יידן־פּאַטריאָטן, פון וועלכע אַ טייל האָט זיך פּריער צעריסן דעם ספּאָדיק פאַרן ציוניזם און נאַציאָנאַליזם, האָבן מיטאַמאָל זיך גענומען זאָרגן פאַר דער פּרעמדער קולטור, פאַרלייקנדיק זיך אַליין. אַגב, האָבן אייניקע, צוריק־קומענדיק קיין פּוילן, ווידער איבערגעדרייט דעם פּעלץ...

נאָר דער איבעריקער טייל, דער רעליגיעזער און דער נאַציאָנאַל־געטרייער, האָט אָפּגעכאַפּט זיינע שמועסן (ווייל אינגאַנצן קיין נאָרמאַלע זענען זיי נאָך נישט געווען) אויף דער פּאָסט.

אין דער צייט פון די דאָזיקע שמועסן, האָט אַ ייד אַריינגעבראַכט אַ סאָוויעטישן אילוסטרירטן זשורנאַל מיט אַלע בילדער פון דער אויפנאַמע פאַר ריבענטראָפּן און פון סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך.

און אַ צווייטער ייד, אַ רוסישער, איז ווי אַ שטורעם אריין אין פּאָסט, און מיטן אויסרוף: „וואָס, אינעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז שלעכט, די סאָוויעטן גיבן אונדז נישט קיין ברויט צו עסן?״ — איז ער מיטן זעלבן שטורעם אַרויס. מיר האָבן זיין איראָניע פאַרשטאַנען, און איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזעלכע דיבורים, הגם פאַרשטעלטע, פון אַ רוסישן ייד.

און אַז „הותרה הרצועה״ — און צעבראָכן פון די אָנקומענדיקע שוידערלעכע ידיעות איבער די יידן פון פּוילן, האָט מען זיך אַליין אָנגע־הויבן בודק צו זיין, אַנאַליזירן דעם אייגענעם גאַנג אין דער געשיכטע, באַזונדערס דעם לעצטן פאַר־היטלער־פּעריאָד, און אַ ביטערע זעלבסט־קריטיק, אין אָנבליק פון דער לאַגע, האָט זיך פון אונדז אַרויסגעריסן. און

צווישן די שאַרף־זאָגער, וואָס האָבן דאָס אייגענע לייב ווי מיט מעסערס געשניטן, בין איך אויך געווען.

נאָר דאָ, האָט מיך ר׳ שלמה טאַרנער מיט איין זאָג: — אַלע רייסן פון אונדז שטיקער, ווילט איר, כהן, אויך פון זיך רייסן שטיקער?... — ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע אָפּגעשטעלט.

און דאָס וואָס די קאַלטע לאָגיק און די גאַנצע אויסגעחשבונטקייט האָט נישט געקאָנט באַווייזן, האָט באַוויזן די אהבת ישראל וואָס האָט מיך גובר געווען. און אין דער אַזוי פּיינפולער דיסקוסיע, בין איך געבליבן שטום ווי אַ פיש.

האָב איך דערוויילי איבערגעלאָזט דעם נאַציאָנאַלן חשבון־הנפש און זיך אַ קער געטאָן צו באַווייינען דעם חורבן און אויך אָגוואַרפן געדאַנקען איבער וועלט און מענטש.

און ס׳איז דערפון אַרויסגעקומען די פּאָעמע „דער בראָך פון מיין פאָלק״, וועלכע איך האָב געלייענט פאַר הרב רובין־האַלבערשטאַם, און געדאַנקען פאַרן רוביעשאָווער ערודיט.

קאַפּיטל זיבנאונפערציק

די פּאָגראָם־שטימונג און דער אָנפאַל אויפן באַזאַר

די רוסישע קאָנטעראָפּענסיווע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט גענומען פאַרצייכענען אירע ערשטע דערפאָלגן. נאָר דערוויילי, איידער וואָס־ווען, האָבן זיך די רוסישע אינוואַלידן צעווילדעוועט, וועלנדיק אויסלאָזן זייערע קריוודעס צו יידישע קעפּ.

זיי האָבן זיך געוואָלט גרייטן צו פּאָגראָמירן די יידן פון דזשאַמבול, אַריינציענדיק אין זייער מיטן אַלע טונקעלע פאַרשוינען און אין שטאָט האָט אָנגעהויבן הערשן אַ פּאָגראָם־שטימונג.

זייער ערשטע רעפּעטיציע האָבן זיי געמאַכט אויפן באַזאַר ביי די

שפייז־געשטעלן, שלאָגנדיק אין מיטן העלן טאָג די פּאָר יידישע שפּייז־הענדלער.

דער אָפּענער שפּייז־האַנדל אויפן באַזאַר איז דווקא נישט געווען קיין יידישע פּריווילעגיע. — אַלע געשטעלן האָבן פאַרנומען ס׳רוב עלטערע קאַזאַכן אָדער פרויען, צווישן זיי אויך אַ צאָל אַנדערע נישט־יידן.

און דער דאָזיקער קליינהאַנדל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַביסל קאַשע, בעבלעך, גרינס און פּרוכט, איז געווען אַן אָפּענער און לעגאַלער, צו וועלכן יידן האָבן נישט געהאַט קיין שייכות.

און די פּאָר יידן, וועלכע האָבן צוגעהאַנדלט מיט ברויט, האָבן דאָס געטאָן אויף זייער אייגענער ריזיקע. און די ריזיקע פון אַזאַ האַנדל אויפן שוואַרצן מאַרק איז געווען גרויס. נאָר אין די דאָזיקע טעג האָבן אייניקע רוסישע מלחמה־געליטענע יידן באַקומען אַ דערלויבעניש צוצוהאַנדלען אויפן שפּייז־באַזאַר.

קעגן אָט די פּאָר לעגאַלע יידישע הענדלער האָבן זיך עס די צעיור־שעטע אינוואַלידן מיט זייערע שטעקנס און קוליעס אַ לאָז געטאָן, שלאָגנ־דיק און פאַרטרייבנדיק זיי פון באַזאַר.

דאָס האָט אָבער נאָר געזאָלט זיין אַן אָנהייב. זיי האָבן געשטרעבט צו עפּעס גרעסערס. זיי האָבן געוואָלט, נישט אַנדערש, נאָר שטילן זייער צאָרן מיט אַן עכטן יידישן פּאָגראָם. און אויב דאָס איז זיי נישט געלונגען, איז עס נישט געווען זייער שולד. עס האָט זיי געשטערט דער אומבייט פון אייניקע פונקציאָנאַרן און די שאַרפע וואָרענונג פון אויבן...

אויף אַן אַנדערן אופן האָט אָבער רעאַגירט דער האַלב־פּאַראַליזירטער גרשון מעלניק. דער יונגער מעלניק, וואָס איז צוריקגעקומען פון פראָנט מיט די העכסטע סאָוויעטישע אויסצייכענונגען, איז געווען אַ קליינער, און האָט זיך, פּונקט ווי אַ ניינציק־יאָריקער זקן, געטרייסלט אויף זיין גאַנצן קערפּער. ער איז צוריקגעקומען טיילווייז פּאַראַליזירט.

צוליב דעם וואָס זיין משפחה האָט זיך, פּונקט ווי פיל אַנדערע, עוואַ־קואירט קיין דזשאַמבול, איז אויך ער אַהערגעשיקט געוואָרן. און דאָ איז ער געוואָרן באַשטימט פאַרן שומר פון דער אינוואַלידן־„סטאָלאָווע״, וווּ אויך זיין מוטער פלעגט באַקומען אירע מיטאָגן.

צו דער דאָזיקער „סטאָלאָווע״ (קיך), וועלכע איז געווען באַשטימט פּאַר אינוואַלידן און זייערע משפּחות, האָבן אויך געהערט אַ ריי אוקראַי־נישע כוליגאַנעס.

האָט זיך איינעם אַזאַ שיכורן כוליגאַן, דעם אוקראַאינער ליסענקאָ, וועלכער פלעגט צוזאַמען מיט זיין פרוי ווי אַ שלאַנג צישען קעגן יידן, פאַרגלוסט צו שלאָגן מיט אַ רוט מעלניקס מאַמען.

און ווען מעלניק איז געקומען אויף זיין דינסט, האָבן אים די איבע־ריקע אינוואַלידן דאָס דערציילט. איז זיך דער טרייסלענדיקער גרשון אַריין אין סטאָלאָווע, איז צו צום כוליגאַן און האָט אים קודם „בפני כל עם ועדה” דערלאַנגט פייערדיקע פעטש אויףביידע באַקן, פרעגנדיק אים צי עס איז געגנוג. ערשט דערנאָך האָט ער גענומען זיין שטעקן און מיט אים געהאַקט ווי אין אַ קרויט אין ליסענקאָס שיכורן קאָפּ. דאָס בלוט פון ליסענ־קאָס קאָפּ האָט זיך געגאָסן. קיינער פון די איבעריקע רוסן האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. מיר נאָר, די דערביי שטייענדיקע יידן, האָבן אים געבעטן ער זאָל אויפהערן. פאַרט רחמנים בני רחמנים...

נאָכן פאַרענדיקן די מלאכה, — האָט ער ווי קיינמאָל גאַרנישט — זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין ראָוער (רייטוועגעלע) און איז אַהיימגעריטן. ווען ער איז אַוועקגעריטן, איז שוין געווען גוט טונקל. די נאַכט אין קאַזאַכסטאַן איז צוגעפאַלן. און איך בין געווען שטאָלץ מיטן דאָזיקן טרייסלענדיקן, אָבער מוטיקן רוסישן ייד.

די אַרבעט פון דער ז.פּ.פּ. און איר יידישער אָנטייל

דער פאַראיין פון די פּוילישע פּאַטריאָטן האָט אַדאַנק די פאַרבעסערטע פּויליש־סאָוויעטישע באַציונגען און דעם צוריקטריט פון די דייטשן, אָנגע־הויבן אינטענסיווי־צירן זיין אַרבעט. און ביים פּוילישן פּונקט איז ווידער געוואָרן לעבעדיק.

מיט מער שוווּנג איז באַנייט געוואָרן די סאָציאַלע הילף און ס'איז באַלעבט געוואָרן די אַקטיוויקייט פאַר דער נאַציאָנאַלער פּוילישער קולטור.

דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן אויסבליק פון דער נאָענטער באַנייונג פון דער פּוילישער מלוכה און דער פּוילישער קולטור, וועלכע איז אין גלות רוסלאַנד ווי איינגעדאַרט געוואָרן. און דער רוב פון די אַקטיוויסטן זענען געווען יידן.

אין דער סאָציאַלער אַרבעט האָבן יידן געקאָנט זיין פאַראינטערעסירט. און נאָך מער ווי די פּאָליאַקן. אין דזשאַמבול האָבן זיך געפונען מער יידיש־פּוילישע בירגער ווי ריינע פּאָליאַקן. און צווישן די יידן זענען געווען פיל נויט־באַדערפטיקע.

נאָר וואָס פאַר אַן איבּטערעס האָבּן אין אַזאַ צייט די יידן געקאָנט האָבּן פאַר ריינער פּוילישער קולטור־אַרבעט, בפרט פאַר קאַטוילישער, ווען די אייגענע (די נישט־רעליגיעזע) איז געפאַלן „עד שאול תחתיה" (ביזן גרונט) ? — בלייבט אַ פראַגע.

און דאָך האָבּן זיך געפונען גענוג יידן־מאַשקעס, וועלכע האָבּן דאָן קיין אַנדערע זאָרג נישט געהאַט, ווי נאָר צו פאַרשפּרייטן די פּוילישע קולטור און אפילו זיך מישן אין דער ריין־קאַטוילישער.

די דאָזיקע יידן־קאַריערישטן, צווישן וועלכע עס האָבּן זיך אויך געפו־נען ציוניסטן און בונדיסטן, האָבּן גלייך איבערגעדרייט דעם פעלץ אויף דער אַנדערער זייט, אַדאַפּטירנדיק יעדן ניי־אויפגעקומענעם פּוילישן געדאַנק, פּאָלימישן ווי קולטורעלן, פאַר זייער אייגענעם. זיי זענען געוואָרן די געטרייסטע אַמבּאַסאַדאָרן פאַר דער פרעמדער זאַך.

נאָר צוממערסטן האָט זיך געררודערט ביי דער הילפס־אַרבעט. יידן האָבּן זיך ווי אין די גוטע צייטן פאַרגעסן, און אָנגעהויבּן זיך רייסן פאַר ווערן „פּאַטראָנען" און פאַרזאָרגער. האָט מען אונטערן אויפזיכט פונעם פּוילישן פונקט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען אונטערן פרייען הימל, כדי אַראָפּצוררייסן די פריערדיקע — און זיך אַליין לאָזן קלויבּן.

קיינער פון די דאָזיקע פאַרזאָרגער האָט נישט געוואָגט צו רעדן יידיש אָדער באַרירן עפּעס אַ יידישן פּראָבּלעם. טראָץ דעם וואָס די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געווען אַ יידישע. און ווער פון זיי ס'האָט שפּעטער שוין יאָ באַהאַנדלט אַ יידישע פּראַגע, האָט איר אַזוי באַהאַנדלט, אַז ס'וואָלט שוין גלייכער געווען ווען ער רירט זיך צו איר אינגאַנצן נישט צו.

אויף איינער אַזאַ מאַסן־פאַרזאַמלונג האָב איך גענומען אַ וואָרט און האָבּ זיי אויפגעוויזן זייער נעבעכדיקייט און קנעכטישע אונטערטעניקייט צו פרעמדע. איך האָב געפאָדערט אַן אַקטיווע יידישע טעטיקייט און קולטור־אַרבעט. כ'האָב פאַרלאַנגט יידיש־העברעישע שולן און אַ פרייע נאַציאָנאַלע אויסלעבונג. איך האָב דעמאָנסטראַטיוו גערעדט יידיש, הגם איך האָב נישט ווייניקער פון זיי באַהערשט די פּוילישע שפּראַך. ווי אַ דונער האָבּן זיי מיינע רייד געטראָפן. און ווי צעשראָקענע שאָף זענען זיי זיך גלייך צעלאָפן אין אַלע זייטן.

איינער נאָר איז געבליבן ביי מיין זייט. און ווען אַגענטן האָבּן מיך אַרומ־גערינגלט, האָט דער דאָזיקער ייד וואָס איז געבליבן כדי מיך צו שיצן,

זיי דערקלערט, אַז איך בין אַ קראַנקער, און בין נאָר־וואָס אַרויס פון שפּיטאָל.

אויך דערנאָך האָב איך געפּרוווט רופן ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויסנוצן די סאָוויעטישע פּאַראינטערע־סירונגען לטובת ארץ־ישראל און אַנדערע שטרעבונגען.

איך האָב דאַן פאַר יידן אויף דער פּאָסט (1944) אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז אַ ציוניסטישע דעלעגאַציע וואָלט געדאַרפט באַזוכן סטאַלינען אים אויפצוקלערן אונדזערע שטרעבונגען און אים באַווירקן לטובת אונ־דזער זאַך.

צוליב דער ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, האָב איך קלאָר געזען אַ גינסטיקע קאָניונקטור פאַר אַזאַ ציוניסטישע אינטערווענץ ביי די סאָוויעטישע מאַכטהאָבער. צו דעם צוועק האָב איך גערופן אַ ציוניסטישע פאַרזאַמלונג אינעם לאָקאַל פון ז.פּ.פּ. (פאַראיין פון פּוילישע פּאַטריאָטן). נאָר מער ווי צוויי פּערזאָן זענען צו דער פאַרזאַמלונג נישט געקומען.

די נעמען פון די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן צוליב מיין אייגענער זיכער־קייט מיך אָפּגעהאַלטן פון וויטערדיקע אַקציעס, געדענק איך, ליידער, נישט.

נאָר אַ טייל פון די, מיט וועמען איך האָב וועגן די אַלע זאַכן גערעדט און זיי גערופן זיך צו באַטייליקן אין די פאַרזאַמלונגען, געפינט זיך אין פּאַריז און אין ניו־יאָרק, צווישן זיי הרב רובין־האַלבערשטאַם (דער ציע־שינער רבי, ברוקלין).

אויך די רעליגיעזע יידן האָבן אויף אַ געוויסן אופן אַנטיילגענומען אין דער אַרבעט פון ז.פּ.פּ.. זיי האָבן זיך אָבער בלויז באַטייליקט אין דער הילפס־אַקציע און נישט אין דער אַלגעמיינער קולטור־אַרבעט.

ווי איך האָב אָנגעמערקט ביי דער געשיכטע פון דזשאַמבול (קאַפּיטל 32), האָבן די רעליגיעזע יידן געהאַט זייער תלמוד־תורה, ווו עס האָבן זיך געלערנט אַ צאָל קינדער; בתי־תפילות, אַ ראַבינאַט און ביים סוף אויך אַ מקווה.

אויסער דער תלמוד־תורה, האָט אַ טייל קינדער געלערנט ביי באַזונ־דערע מלמדים אויפן אַמאָליקן שטייגער. און דער פּאַטראָן ביים פּוילישן פּונקט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען הרב משה רובין פון סאַנדז (געשטאָרבן 1945 אין דזשאַמבול), וועלכער האָט בייגעשטייערט צו דער פאַרשטאַרקונג פונעם היגן רעליגיעזן לעבן.

און מיט דער דאָזיקער רעליגיעזער אַקטיוויטעט, בפרט אינעם ראַטנ־פאַרבאַנד, האָבן די דאָזיקע יידן אויף זייער שטייגער אויך געהאָלפן שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון די דזשאַמבולער יידן.

קאַפּיטל אַכטאונפערציק

די טשיטשענצעס און די מפּלות פון דער דייטשער אַרמיי

די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס. די דייטשן האָבן שוין אָנגעהויבן פילן די באַקומענע קלעפּ. די סאָוויעטישע טעריטאָריע איז געוואָרן אָפּגערייניקט טריט נאָך טריט, און איינער פון די צוריקגעקומענע ראַיאָנען איז געווען דאָס לאַנד פון די טשיטשענצעס.

און די דאָזיקע אַהער־פאַרטריבענע צוליב זייער מיטאַרבעט מיט די דייטשן, טשיטשענצעס, זענען פאַר מיר געווען די בעסטע באַשטעטיקונג פאַרן אָנהייב פון עמלקס סוף און מיין יידיש האַרץ אין מיר האָט געקוואָלן.

ס'איז געווען אין איינעם אַ טאָג, ווען איך בין אַרויס אין גאַס און האָב מיטאַמאָל דערזען ניי־אָנגעקומענע מענטשן, נייע אורחים. זיי זענען נישט געווען קיין עוואַקואירטע, ווייל די פּרשה פון עוואַקואַציע איז שוין לאַנג געווען געענדיקט. דאָס זענען געווען פאַרטריבענע פון זייערע היימען, פאַרן פאַראַטן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד (אַזוי איז געווען דער נוסח).

האָט זיי סטאַלין אין איין העלן קאַווקאַזער טאָג אַהערגעשיקט אויף אָפּרו. זענען זיי אָנגעקומען אַזוי ווי זיי זענען געגאַנגען און געשטאַנען אין זייערע בלויזע זומער־זאַכן, באַפרייט פון זייערע הייזער, פעלדער און וועלדער און בערג און טאָלן.

קומענדיק פון אַן אַנדערן, קאַווקאַזער, קלימאַט, מיט אַן אַנדער לשון און שטייגער און אַן מיטלען צום לעבן, זענען זיי אין די ערשטע וואָכן געפאַלן ווי די פליגן.

זיי זענען אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג איבער די דזשאַמבולער

גאָסן און באַזאַרן, מיט פאַרצאָרנטע פּנימער און פאַרשלאָסענע מײַלער. זיי האָבן געגעבן געשטיקט אויף די גאָסן און האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן.

אין פאַרלויף פון דריי חדשים האָט מען זיי נישט צוגעלאָזט צו קיין אַרבעט און באַשעפטיקונג. די שטראָף איז געווען חל אויף זייער עמך — און אויף זייערע סאָמאַראָדנע נאַטשאַלניקעס מיט אַלע זייערע באַהאַנגענע סאָוויעטישע אָרדערן. און טראָץ דעם וואָס די אָרדנס פון לענין און דער רויטער פאָן האָבן זיי נישט געקאָנט העלפן גרינגער מאַכן זייער עול און אָפּקומעניש, האָבן זיי זיי דעמאָנסטראַטיוו געטראָגן.

ערשט נאָך דריי חדשים און מסתם נאָך פיל באַמיונגען און תשובה־דערקלערונגען, האָט זיך זייער לאַגע גענומען ענדערן צום בעסערן.

אַלס קאָמפּענסאַציע האָט מען זיי אַרויסגעגעבן פּי, געשיקט אין די קאָלכאָזן און זיי אויך צוגעלאָזט צו אַנדערע אַרבעטן.

זיי זענען געווען הויכע, פעסטגעבויטע מיט אַ טונקל־ברוינער הויט און פעך־שוואַרצע האָר און אויגן, און האָבן געגלייבט אין „אַללאַ" און אין חסד פון זײַן נביא מחמד.

און רעדנדיק מיט זיי זענען זיי געווען גאָט די נשמה שולדיק. זיי האָבן געטענהט: „לא דובים ולא יער" (נישט קיין בערן און נישט קיין וואַלד). — נאָר גאָר „צדיקים" זענען זיי, ווייזט אויס, אויך נישט געווען.

מיט איינעם אַזאַ טשיטשעניעץ, פּאַטאַיעוו, וועלכער איז נאָך דער רעהאַביליטאַציע געשטאַנען אויף דער וואַרטע ביי אַ מאַגאַזין, וואָס איז געווען איבער מײַן אַרטעל, האָב איך זיך נענטער באַקענט. איך בין געווען נײַגעריק צו קאָנען עפּעס דערגיין פון זייער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

אין אָנהייב האָט ער נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן, נאָר דערוויסנדיק זיך, אַז אויך איך בין אַן אַרויסגעטריבענער, און נאָך מער ווי דאָס, — האָט זיך זײַן צונג צוביסלעך אויפגעבונדן.

ער איז געווען אַ מוסולמענער, ווי אַלע טשיטשענצעס זענען. אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, איז ער אויף זײַן אופן געווען שטאַרק פרום. אָפּגעהיט אין די מוסולמענער דינים און באַזונדערס אין די זאַכן פון „טהרת הגוף".

שטייענדיק אויף וואַרטע איינער נעבן אַנדערן, האָב איך אים איינינקע מאָל פאַרביטן ווען ער האָט געדאַרפט גיין אויף זײַנע באַדערפעניש.

קיין „אשר יצר" ביים צוריקקומען האָב איך פון אים נישט געהערט. כאָטש ער האָט אויף זײַן לשון עפּעס געפּרעפּלט. נאָר אַ טשייניק וואַסער

און אַ שטיינדל, אַזוינס, מיט וואָס אַ ייִד גליט אָן ערבֿ פּסח צו כשרן כלים, האָט ער מיט זיך מיטגענומען.

און וואָלט ער נישט געהאַט קיין טשייניק, נאָר אַן עכטן רוסישן סאַמאָוואַר, וואָלט ער אַזעלכן אויך מיטגענומען. וואָסער פון טשייניק, האָט ער מיר אויפגעקלערט, איז פאַר אים ווי טבילה. און דאָס „ווייכע" שטיינדל פאַרטרעט אים „בשעת הדחק" (אין אַ נויט) אשר־יצר־פּאַפּיר.

זעט איר, דעם „בשעת הדחק" זיינעם האָב איך דווקא יאָ פאַרשטאַנען. וואָרעם אויב צוליב מאַנגל אין פּאַפּיר שרייבט מען אַרויף אויף געדרוקטן ציַיטונגס־פּאַפּיר — און אין געשריפטס אויפן צווייטן, — מוז אויך אַ פאַנאַטישער מוסולמענער צוליבן זעלבן מאַנגל אָנקומען צו אַ „ווייך" שטיינדל...

ווען איך האָב אים געפרעגט ווי אַזוי ער קאָן נעמען אויף זיך אַזעלכע שווערקייטן, האָט ער מיר געענטפערט: „די וועלט איז דאָך מער נישט ווי אַן אכסניה. דער עיקר איז דאָך „חיי עולם הבא", איז פאַר מחמדס גן־עדן מיט זיבן שיינע מיידלעך, לוינט אַלץ"...

און דער דאָזיקער פאַרקוועטשטער פאַטאַיעוו, וואָס האָט „אַללאַ" און זיין נביא מחמד נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל, האָט נישט פאַרפעלט קיין תפילה אין זיין מאָשעע (מוסולמעניש געבעט־הויז). ווען ער איז שוין געוואָרן מיט מיר גוט היימיש און איך האָב געוווּנען זיין צוטרוי, און אַ קאָפּיטשקע באַטרונקען איז ער אויך געווען, האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דערציילן די גבורות, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט די דייטשן אָפּגעטאָן.

דאָס האָט ער אויף אַזאַ אופן גערימט זיינע העלדנטאַטן און די העלדנטאַטן פון זיינע חברים, די קרום־מעסערדיקע טשיטשענצעס, און דאָס בלוט אין מיר האָט געגליוועט פון די דאָזיקע געשיכטעס.

כאָטש די פאַרשפּילטע זענען קודם מיר ייִדן, און אונדזערע קרבנות וועט אונדז שוין קיינער נישט לעבעדיק מאַכן, זינגט פונדעסטוועגן אין מיר דאָס בלוטנדיקע ייִדישע האַרץ שירה, הערנדיק די דייטשע מפּלות.

זיץ איך אין די נעכט ביים ראַדיאָ פון מיין שניידערישן אַרטעל, און הער זיך צו מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן אָטעם צו די מיליטערישע קאָמוניקאַטן. אין דעם מאָמענט לייג איך אַוועק אַלע מיינע חשבונות מיט די סאָוויעטן...

איך פאַרגעס מיין טורמע און לאַגער־פּיין, און אויך מיין נישט לאַנג פאַרגעקומענע דערנידערנדיקע אויספאָרשונג, שוין דאָ אין דזשאַמבול.

אין קאָן שטייט דאָס לעבן פון מיין פאָלק און משפחה. און וואָס פאַר אַ באַדייט האָבן קעגן דעם מיינע אייגענעליידן?...

און אויף דער פריידיקער סטאַלינגראַדער ידיעה וועגן דער צעשמעטערנדיקער מפּלה פון מאַרשאַל פּאַולוסעס אַרמיי, רייסט זיך אַרויס פון מיר אַ רוסישער „הוראַ", „הוראַ!", „רויטע אַרמיי, הוראַ!". יעדן קעמפער קעגן עמלק, ווער ער זאָל נישט זיין.

גייט פאָרויס און שלאָגט אָן אויפהער די בעסטיע. יאָגט איר, דער חיה, און לאָזט איר נישט קומען צו זיך, ביז איר ענדגילטיקער פאַרניכטונג אין איר אייגענער נאָרע.

קאַפּיטל ניינאונפערציק

עס באַגעגנט מיך אַ נייער לאַנדסמאַן

די בשורה פון די דייטשע מפּלות דערפרייט דאָס געמיט. און כאָטש קיין שום מפּלות וועלן נישט גאַנץ מאַכן די פאַרוויסטונג, וואָס די דייטשן האָבן צווישן אונדז געמאַכט, איז אָבער, ראשית, דאָס אָפּשטעלן די מגפה אויך אַ גרויס געווינס, און דאָס געפיל פון נקמה, וואָס שרייט אַרויס פון יעדן ווינקל פון אונזער גוף, איז אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

טראָץ דעם פאַרבעסערטן געמיט, פיל איך זיך אָבער גענוג אומרויק. איך בין אומרויק איבערן גורל פון מיינע נאָענטסטע. און עס ווילט זיך אַצינד קריגן וואָס מער ידיעות פונעם לאַנד, דער עיקר, פון מיין ביאַליסטאָקער היים, ווו איך האָב געלאָזט מיין פרוי מיט די דריי ייִנגעלעך.

דאָס בעסטע פאַר דעם איז דער פּוילישער פונקט, ווו עס זאַמלען זיך אַ סך יידן, אַ טייל פון זיי, אויך אַזעלכע פאַראינטערעסירטע ווי איך. בין איך צו אים געגאַנגען מיט אייליקע טריט. אָן אומגעדולדיקער האָב איך דאָרט געוואָלט וואָס גיכער זיין. אפשר איז פאָרט עפּעס אַהער דערגאַנגען.

איך בין שוין געווען פאַרן טויער פון פונקט, ווי עס דערזעט מיך אַ פרישער לאַנדסמאַן. איך האָב אים לכתחילה נישט געזען, זיין פּנים און

דאָס פּנים פון זיין חבר, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געזעסן אויף דער ערד, איז געווען פאַרדעקט מיט שטיקלעך באַנדאַזשן און פּלאַסטערס.

און מיין לאַנדסמאַנס אויבערשטער טייל קאָפּ איז גאָר געווען אַרומגע־נומען מיט אַ באַנדאַזש, ווי מיט אַ רייף. ער האָט זיך מיט די דייטשן נישט געשלאָגן, און ס׳איז אים אויך נישט געקומען פון תהלים־זאָגן...

איך וואָלט אים זיכער פאַרביי־געגאַנגען, ווען ער שרייט נישט אויס מיט פאַרוווּנדערונג: „יאַנקל, דו ביסט אויך דאָ?!" און גיי דריי זיך אַרויס פון אַזאַ קבלת פּנים און „חשובן" לאַנדסמאַן. ס׳וואָלט נישט געווען לאַנדס־מאַנשאַפטלעך און אויך נישט פּראַקטיש...

ערשט דאַן האָב איך זיך אין אים איינגעקוקט, און האָב דערקענט אַ געוועזענע „פירמע" פון מיין שטאָט. אמת, נישט גאָר קיין געהויבענע, נאָר אַז פּאָפּולאַריטעט איז אַ זאַך צו וואָס מענטשן רייסן זיך, האָט ער דאָס אויף זיין שטייגער אין זיין היים דערגרייכט. און אויב נישט דורך מעשים טובים, — איז דאָך דער וועג פון תשובה שטענדיק אָפן, און ער, בענצל, האָט אַ גאַנץ לעבן זיך געראַנגלט מיט זיינע מעשים.

און אַז ער איז זיי נישט בייגעקומען, איז עס נישט געווען זיין שולד. נישט יעדער איינער איז אַ יעקב אבינו, וואָס קאָן בייקומען דעם אייגע־נעם געראַנגל. און אַ שטיקל זכות איז אים שפּעטער פּאַרט צוגעקומען...

ס׳איז געווען בענצל „פויק". איך האָב אין דער היים מיט אים קיין מחזקות נישט געהאַט. איך האָב אים אָבער נאָך אַלס יינגל באַגעגנט, ווען איך האָב געלערנט ביי מיין רבין פון דער דריטער האַנט, שים־שלמה פון קאַליש.

איך בענצלס פאָטער (צי שטיף־פאָטער) חיים גראַן, וואָס האָט געוווינט קעגנאיבער מיין רבין, איז געווען אַ מלמד. און עס קאָן זיין אַז נישט קיין ערגערער ווי מיינער. נאָר עפּעס האָט חיים גראַן מלמד נישט נושא חן געווען אין מיינע יינגלשע אויגן.

און כאָטש איך בין נאָך דאַן אויף קיין מלמדות קיין גרויסער מבין נישט געווען, האָט אָבער זיין בלויזער אויסזען און דער אויסזען פון זיין אשה, בפרט די מעשים פון זייערע זינדלעך, מיך שטאַרק אָפּגעשטויסן.

ער האָט אויסגעזען שטאַרק מגושמדיק. און ביז אים האָב איך נאָך אַזאַ מגושמדיקן מלמד נישט געזען. בפרט צווישן מיינע אייגענע פיל רבים. ער איז געווען אַ פעסט־געבויטער, מיט ברייטע פּלייצעס ווי ביי אַן אַטלעט. און מיט אַ קאַרק ווי ביי אַ קצב. און אַפילו זיין באָרד האָט עפּעס נישט

אויסגעזען ווי קיין יידישע. עס איז נישט געווען קיין שיטער בערדל ווי ביי מיין רבין שים־שלמה, נישט קיין ניקאָלייסקע בלאָנד בערדל ווי ביי מיין דרדקי־מלמד אברהמלע, און נישט קיין ווייס־זיידענע ווי ביי מיין רבין פון דער פינפטער האַנט, ר׳ הירש חיים. נאָר זי איז געווען קורץ און ברייט. ווי זיינע ברייטע פלייצעס. כאָטש שוין ווייס, איז זי אָבער נישט געווען קיין ווייכע יידישע באָרד, נאָר אַזאַ האַרטע ווי דראָט. און ס׳האָט אויסגע־זען ווי דינע ווייסע דראָטן זאָלן אַרומגעמען זיין פּנים און גאָמבע.

און ערשט זיין אשה, איר מסחר, און זונדל? ס׳קאָן זיין, אַז זי איז געווען זיין צווייטע פרוי. און אַז אַ צווייטע איז וואָס? ווי נעמט עס אַ בן־תורה אַזאַ מגושמדיקע יידענע?...

זי איז געווען נאָך פולער, ברייטער און העכער פאַר אים. עפּעס אַזוינס ווי פון די „בני ענקים״. און געהאַט האָט זי אויף דער גרינער־גאַס אַ „קראָם״ פון היי, האָבער און קאָניטשינע, און נאָך אַזעלכע פערדישע מאכלים. און צוליבן דאָזיקן מסחר האָט זי געמוזט האָבן צו טאָן מיט אַלע דאָראָזשקאָזשעס און פורמאַנעס.

און ערשט איר זינדל שייקע פאַרד, האָט אַוודאי איר מאַן און זיין תורה קיין כבוד נישט געקאָנט פאַרשאַפן. און אַ סברה, אַז טאַקע צוליב שייקען, איז בענצל „פויק״ אויך קאַליע געוואָרן.

און אַז איך האָב בענצלס פאָטער, חיים גראַן מלמד, פאַרגליכן מיט מיין רבין שים־שלמה, בין איך געווען שטאַרק צופרידן, וואָס מיין פאָטער האָט מיר אויסגעקליבן פאַר אַ רבין נישט חיים גראַן מלמד, נאָר שים־שלמה קאַלישער.

שים־שלמה איז געווען אַן איידעלער ייד. אַ ייד אין גוף און אין נשמה. ער האָט זיינע תלמידים ליב געהאַט ווי זיך אַליין.. און פון וואָס ער אַליין האָט הנאה געהאַט, האָט ער אויך זיינע תלמידים געוואָלט מהנה זיין.

ער האָט אונדז געפּרוווט לערנען שפּילן אין שאַך און דאַמקע. און אונדז אויך מהנה געווען מיט פאַרשידענע אַגדות און מעשיות. אויף פּורים האָט ער אונדז געמאַכט המן־קלאַפּערס און גרעגערס און אויף ל״ג־בעומר ביקסלעך און שווערדלעך.

שים־שלמה האָט אונדז דער ערשטער געלייענט איטשעלעס פּאָליטישע בריוו און זיין ווייב די רביצין פלעגט אונדז יעזן דאַנערשטיק מהנה זיין מיט אירע אַליין־געבאַקענע זאַלצקעס.

חיה־פייגע די רביצין האָט צוגעהאַנדלט מיט טערקישע זיידענע שאַלן און מיט אַנדערע אַזעלכע קאָלישער איידעלע געוועבן, און איר טאָכ־טער, ברכה, פלעגט נאָך אונדז לאָבוזעס פאַרריכטן אונדזערע צעריסענע קאַפּאָטקעלעך.

און אין דער צייט ווען מיר האָבן זיך צוגעהערט צו איטשעלעס בריוו, האָט גאָר בענצל, חיים גראַן מלמדס זונדל, ווי אַ ווילדער שגץ זיך געיאָגט מיט אַ שליטן געשפּאַנט אין צוויי הינט איבער די ביאַלער גאַסן. און דאַן טאַקע האָב איך אים באַקענט.

בענצל, וועלכער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פאַר מיר, האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר זיינעם אַ חבר. נאָר איך האָב זיך נישט געלאָזט. איך האָב זיך נישט געוואָלט באַהעפטן מיט קיין רשע.

ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך פאַרנומען אויף גאָרנישט קיין חסידישן וועג... האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט קליינע מאַרוויכער. נאָר שפּעטער איז ער געוואָרן סטאַטעטשנע, האָט חתונה געהאַט און זיך פאַר־שאַפט אַ גרויסע פאַדוואָדע.

בענצל האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דאָ זיין זון, וועלכער וועט ביים צוריקפאָרן, צוריקגיין אין קיבוץ. איך האָב זיין זון נישט געקענט, נאָר הערנדיק, אַז ער רעדט פון קיבוץ, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט און געמיינט אַז ער גייט שוין אויף אַ דרך...

ווען איך האָב, צוריקקומענדיק קיין פּוילן, באַזוכט ביאַלע, איז דאַן בענצל געווען איינער פונעם יידישן שטאָטישן קאָמיטעט. זיין דירה איז געווען אַ גאַסטפרייינטלעך הויז. און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן אַכטונג געבן אויפן חרוב־געוואָרענעם בית־עולם און שפּעטער אויך, אויפן אויפ־געשטעלטן דענקמאָל פאַר די דערמאָרדעטע קדושים.

אַ פעסט־געבויטער ווי זיין פאָטער, נאָר געפּאַקטער און מיט אַן אָרויסשטאַרצנדיק בייכל, פלעגט ער אָפט מיט זיין וואָלף־הונט באַזוכן דעם יידישן בית־עולם.

די פּוילישע מערדער האָבן זיך אָבער מיט אים נישט גערעכנט. און אַוודאי נישט מיט די קדושים. די בלויזע דערמאָנונג אינעם אומשולדיקן פאַרגאַסענעם יידיש בלוט האָט אין זיי רציחהדיק געברענט ווי אַ העליש פייער. און זיי האָבן דעם מאָנומענט אויפגעריסן מיט דינאַמיט אויף שטיק־שטיקלעך.

און בענצל, אַנשטאָט אַוועקצוגיין מיטן זון פון ביאַלע, האָט זיך צוריק־גענומען צו גרינגע געשעפטן, אַריינשלעפנדיק אין דעם אויך זיין זון.

ער האָט זיך גענומען אַ יונגע פּאָליאַטשקע, וועלכע האָט אים באַגנ־בעט און פון אים אַנטלאָפן און שפּעטער האָט ער געלעבט מיט אַן עלטערע קריסטין. און זיין יונגער זון האָט זיך אויך גענומען אַ קריסטין פונעם זעלבן באַשטאַנד...

ער האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן יידישע הייזער און דאָס גמינע־הויז, האָט געטוישט רובלס אויף זלאָטעס און זיך אין עפּעס פאַרפּלאָנטערט...

און דער זכות פון די קריסטלעכע פרויען, מיטן וואָלף־הונט און מיטן אייגענעם רעוואָלווער האָט אים נישט געקאָנט בײַשטיין קעגן אומקום פון אַ פּוילישער מערדערישער האַנט.

קאַפּיטל פופציק

מען וויל מיך אַריבערנעמען קיין ארץ־ישראל, נאָר דערוויייל גיי איך אַריבער אויפן קליינעם באַזאַר

די ידיעות פון די פראָנטן זענען גוטע, טרייסטנדיקע. די דייטשע „אומבאַזיגבאַרע" אַרמיי וועט שוין, ווייזט אויס, קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. זי כאַפּט קלעפּ פון אַלע זייטן. אויך וועגן גענעראַל ראָמעלס אַרמיי ביי „על־אַלעמיין" דערגייען צו אונדז ידיעות, אַז זי טרעט צוריק. און איין וויכטיקער יידישער פראָנט, דער ארץ־ישראלדיקער, איז געראַ־טעוועט.

אַ שאָד נאָר, און ס'איז מער ווי אַ שאָד, ס'איז אונדזער ווייטיק און פּיין, וואָס דער צווייטער פראָנט, וועלכער וואָלט געקאָנט פאַרמיידן פיל יידישע קרבנות, איז נאָך נישט געעפנט.

פון פּוילן האָבן מיר נאָך נישט קיין קלאָרע ידיעות. נאָר פון די שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס דערגייען צו אונדז, פאַרשטייען מיר די לאַגע. און לפּי דעם, איז דער יידישער בראָך אַזוי אויך געוואוג גרויס.

עס פֿאַרשטאַרקן זיך אַלץ מער די קלאַנגען וועגן אַן אָפּמאַך צווישן פּוילן און רוסלאַנד, אומצוקערן אונדז אַ היים. דער אָפּמאַך וועט דאַרפֿן אַרומנעמען, שמועסט מען, אַלע פּוילישע געביטן, וועלכע האָבן פֿאַרן דייטשן אָנפֿאַל געהערט צו פּוילן. און איך זאָג, „אָמן!

„איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן", טרייסט מען מיך, ווייל אויך ביאַליסטאָק האָט פֿאַר 1939 געהערט צו פּוילן. דער אָפּמאַך איז נאָך נישט געשלאָסן, נאָר „יודעי חן" רעדן שוין פֿון אים ווי פֿון אַ געשעענעם פֿאַקט.

די טעג לויפֿן. און צוזאַמען מיט זיי אַ מין נערוועזע געשפּאַנטקייט. און אַ געשפּאַנטקייט מיט אַ פֿיבערדיקער אומגעדולדיקייט וואַקסט אָן אין מיר. און איך קאָן שוין נישט אויסטראָגן די צייט...

איין געשעעניש יאָגט די צווייטע, און ווי רייפֿע פֿרוכט פֿאַלן זיי אַראָפּ פֿון דיביימער פֿון צייט. אַ יונגערמאַן, וועלכן איך קען נישט, און זע אים דאָס ערשטע מאָל, גיט מיר איבער עפּעס אַ פּאַפּירל און פֿאַרשווינדט גלייך. ס'איז אַ קורץ צעטעלע ווי אַ פּאַסיקל פּאַפּיר, געשריבן אין העב־רעיש. מען גיט מיר צו וויסן, איך זאָל זיך טרעפֿן מיטן חבר קובנט, כדי צוזאַמען מיטן קצין בית"ר פֿון קאָוונע און דער ווילנער מפלגה (גרופּע) אַריבערגעבראַכט ווערן קיין ארץ־ישראל.

איך האָב צום בית"ר און צו דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין זיין צייט געהאַט אַ נאָענטע שייכות. איך בין געווען סעקרעטאַר פֿון רעוויזיאָניסטישן צענטראַל־ראַט (אונטערן פּאָרזיץ פֿון ד"ר יעקב כהן) און מפקד פֿון ביאַליסטאָקער גליל.

מיט דער שפּאַלטונג אין „קאַלע" בין איך פֿון דער באַוועגונג אַרויס. און דעם קאָוונער קצין בית"ר מיטן חבר קובנט, געדענק איך נישט. און עס שטעלט זיך די פֿראַגע: פֿונוואַנען האָט מען זיך דערוווּסט ווער און וואָס איך בין?

איך האָב טאַקע אַרויסגעוויזן אַביסל דרייסטקייט, אַרויסגעטראָטן דאָ אָפֿן פֿאַר יידיש־נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן. דערמיט האָב איך אָבער מער נישט ווי דעמאָנסטרירט מיין יידיש־נאַציאָנאַלן חוב, העכסטנס, אַלגעמיין־ציוניסטישן.

איך האָב זיך אָבער דאָ נישט רעקלאַמירט פֿאַר קיין רעוויזיאָניסט. און אַפֿילו נישט פֿאַר קיין באַזונדערן פּאַרטיי־ציוניסט. אַוודאי וואָלט איך געווען צופֿרידן און געבענטשט יעדע געלעגנהייט, פֿונדאַנען אַרויסצורייסן

זיך קיין ציון, כאָטש איך ווייס נישט, ווי אַזוי באַזוכט מען נישט פריער נאָך אַזאַ מבול מיין היים?

נאָר ווער ווייסט, אפשר איז עס גאָר אַן אונטערגעשטעלטע זאַך, אַ פּאַסטקע, און מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק! כאָטש ס'איז שווער אַרויסצו־ברענגען אַזאַ געדאַנק, צו זיין אַ „חושד בכשרים". אָבער איינשטעלן זיך סתם אַזוי, קאָן איך אויך נישט. און איך בין דאָך שוין אַזוי פיל געפּרוווט געוואָרן און נאָר וואָס אַרויס פונעם פּיסק פון דער חיה...

דערווייל האָט אָט דאָס קליינע צעטעלע צעשטערט מיין גלייכגע־וויכט. און ס'איז מיר שווער זיך צו באַשליסן. און זיך מיישב זיין וועגן דעם מיט וועמען ס'איז, קאָן איך אויך נישט. ווייל אויב די אונטערנעמונג איז אַ רעיעלע, קאָן איך די זאַך נישט שטעלן אין סכנה און אַוודאי נישט די מענטשן.

איך וואָלט אַוודאי וועלן גלייבן אין דעם אמת פון דער זאַך. און איך וואָלט באַזונדערס געוועזן צופרידן צו וויסן, אַז מען האָט אין מיר נישט פאַרגעסן.

און הגם דאָס צעטעלע איז אַדרעסירט: „להבר בלתי ידוע" (צום אומבאַקאַנטן חבר), איז קלאָר די כוונה. ס'איז אַזוי געשריבן, כדי מיך צו באַוואָרענען אין פאַל פון אַריינפאַלן. — און דער שרייבער פון די שורות, קען מיך, ווייזט אויס, שוין דווקא יאָ. ווייל מען שרייבט נישט אין רוס־לאַנד אַזעלכע צעטעלעך צו מענטשן וועלכע מען קען נישט.

ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, באַשליס איך די זאַך צו לאָזן לויפן. איך מאַך זיך דערפון נישט וויסן און פאַרשוויג דעם גאַנצן עסק. פאַרפאַלן! איך טאָר נישט שטעלן אויף אַ בלויז פאַסיקל פּאַפּיר.

איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד פאַר דער „אייניקייט", מער־ווייניקער אין נאַציאָנאַלן נוסח. מען האָט דאָך שוין געמעגט. מען האָט שוין דאַן געשרט און אַרויסגעשטעלט „לתפארת ולתהילה" אַלע איוואַן גראָזניס, כמעלניצקיס, ווי אויך גלאָריפיצירט פיאָטר דעם גרויסן, אַלעקסאַנדער בעוווסקי, די סוואָראָווס, קוטוזאָווס, און אַלע די, וועמען מען האָט פריער אַליין פאַרשריגן פאַר די ווילדסטע רעאַקציאָנערן און קאַניבאַלן.

נאָר סאָוויעטישער נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין יידישער. זיי, די רוסן, מעגן אַלץ. זיי זענען אַ פאָלק, אַ סימן, זיי האָבן אַ זעקסטל וועלט פאַרכאַפּט און הערשן „ביד רמה" איבער פעלקער און לענדער.

און ווי קאָגען מיר, יידן, זיך גאָר גלייכן צום מאַמעלע רוסלאַנד, וואָס

האָט צוליב איר פאַרכאַפּונגס־תאווה זיך אַזש איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט ?... וועמען האָבן מיר פאַרכאַפּט און איבער וועמען געוועל־טיקן מיר ?...

דער עולם איז אויפגעמונטערט. גייך, ס׳איז נישט קיין פאַנטאַזיע. דער אָפּמאַך איז שוין דאָ. ער איז דעם זעקסטן יולי 1945 געוואָרן אונטער־געשריבן. און יעדער פוילישער איז שוין זיכער מיטן אַרויסגיין פון מצרים...

די רוסישע יידן זענען אונדז מקנא, באַזונדערס די, פון די נישט לאַנג סאָוויעטיזירטע ראַנד־געביטן. זיי גאַרן נאָך די „כנפי נשרים״, וועלכע זאָלן זיי פונדאַנען אַרויסנעמען. וועלן זיי זיך דערוואַרטן ?...

אייניקע עלטערע יידן קומען כמעט יעדן טאָג אויף דער פּאָסט. זיי טרעטן פון אונדז פוילישע נישט אָפּ. און ביי אייניקע פון זיי זענען די אויגן פייכט ווען זיי הערן רעדן פון ארץ־ישראל. זיי ווייסן אָבער נאָך נישט, ווי מיר אַליין ווייסן נאָך אויך נישט, דעם גאַנצן יידישן בראָך.

יידן האָבן מער נישט באַדאַרפט. האָבנדיק דעם רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך שוין אַן אונטערגעשריבענעם, און אַליין זייענדיק פון די „מזריזים״ (אייליקע), האָט אַ טייל פון זיי שוין נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף דער פּראַקטישער אַדורכפירונג פון דער זאַך, נאָר זיי האָבן זיך אַליין גענומען רייסן אין די ערשטע פונעם דייטש אָפּגערייניקטע שטעט.

און ס׳איז זיי, די ערשטע, געלונגען. מען האָט קיינעם מיטן עטאַפּ נישט צוריקגעשיקט. און אויף זיי קוקנדיק האָבן שוין אַנדערע אויך געטאָן דאָס זעלבע. און אַ טייל וואַרשטאַטן, ווו די פוילישע האָבן געאַרבעט און דאָמינירט, איז ביסלעכווייז געוואָרן ליקווידירט.

אויך פון מיין שניידער־אַרטעל האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן גענו־מען אַרויסרוקן. קיינער פון זיי האָט מיר פריער וועגן דעם נישט דערציילט.

געבליבן איז נאָר נאָטקע דער אָדעסער מיט די מאַשינען. און אַן די פוילישע, איז פאַר אים אויך קיין „יתור״ נישט געווען. איז ער אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט. און ווי אַ מלמד אָן אַ קנעלונג, — בין איך אַליין געבליבן מיט מיין שומר־טייטל...

אויס מיטן קלאַפּן פון די מאַשינען, און אויס מיטן לייוונט־יאַריד... קיין סך האָט עס מיך אַפילו נישט געאַרט, ווייל פון „יתור״ האָב איך סיי־ווי נישט גענאָסן. און פונעם טאָגיקן האַרמידער האָב איך אויך צופיל נישט נהנה געווען, ווייל בייטאָג בין איך זעלטן געווען אין אַרטעל. דאָס וואָלט

אָבער אַלץ גוט געווען, ווען מען לאָזט מיר כאָטש איבער די דירה. מען האָט מיר אָבער נישט געוואָלט געבן קיין אומזיסטן געהאַלט (130 רובל אַ חודש, דער פּרייז פון 3 קילאָ ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק) און אויך נישט קיין אומזיסטע דירה.

האָט מען מיך איבערגעשיקט אויף אַ ניי אָרט, אויפן באַזאַר, וואָס אויף דער נאַמענגאַנסקאַיאַ־גאַס, ווו איך בין שוין געבליבן וועכטער ביז מיין נאָרמאַלער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן.

ס'איז געווען אַן ענלעכער שניידער־אַרטעל ווי דער לעצטער. נאָך אַ גרעסערער. נאָר מיט דער דירה און מיטן באַזאַרגעם אַרום, — איז געווען אַביסל ערגער.

די דירה איז נישט געווען ווי די פריערדיקע אין אַ פּריוואַט הויז, נאָר דאָס איז געווען אַ מין קראָם פון צוויי גרויסע צימערן, צווישן אַ גאַנצער ריי פון פאַרשידענע קראָמען, ווו עס זענען אויך געווען „טשיי־כאַנאַס" (טיי־הייזער) און צובייס־קראָמען, אַרום וועלכע עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן פיל שיכורים.

דאָס זענען געווען הימלאָזע שיכורים און בראָדיאַגעס. און ווי נאָר זיי האָבן ביי מיר אין אָוונט געזען אַן אָפענע טיר, אַזוי האָבן זיי זיך גלייך געוואָלט צו מיר אַריינרייסן נעכטיקן. זיי האָבן מיר געוואָלן העלפן „וואַר־טעווען" און אויך מיט מיר טיילן דאָס געלעגער...

קאַפּיטל איינאונפופציק

מיין נייע דירה און די פילאָזאָפיע פון אַ קאַזאַכישן שיכור

ווען איך בין אַריין אינעם דאָזיקן שניידער־וואַרשטאַט האָט מען נאָך דאָרט געאַרבעט. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווי אויך פונדאַנען האָבן זיך די פּאָר פּוילישע אַרויסגעשאַרט. זיי האָבן עס געמאַכט אַזוי שטיל, ווי עס וואָלט געווען דאָס גרעסטע געהיימעניש.

איך בין, אמת, פֿאַר זיי געווען אַ נייער מענטש, און מיר האָבן זיך גאָך נישט באַוויזן צו באַקענען. נאָר, ווייזט אויס, אַז דעם „השיבנו באַזאַד״ האָבן זיי נאָך פֿאַר מיר פֿאַרטראַכט. און זיי זענען נישט געווען מחויב צו וואַרטן אויף מיין הסכם...

בין איך ווידער געבליבן אַליין מיט די מאַשינען און איבערגעלאָזטע מלבושים און האָב זיך שוין מער נישט דערוואַרט אויף קיין לייוונט־יאַריד. און דער באַזאַר האָט אין די אָונטן געשווּבלט און געווימלט מיט שיכורים און כוליגאַנעס.

בלייבנדיק אַליין, און זייענדיק צוליב די שיכורים געצוווּנגען זיך פֿרי אין די אָוונסן צו פֿאַרמאַכן, האָב איך צוריק אָנגעהויבן וועבן מיינע מחשבות.

איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין באַלייכטונג און אויך נישט קיין פּאַפּיר צום שרייבן. האָב איך געמוזט אונטערן קאַרגן שיין פֿון אַ ליכטל, וואָס איז געווען ספּק וואַקס און ספּק חלב, און אונטערן צודעק פֿון אַ האַלב־אויסגעקראַכענעם פּויערישן פּעלץ, ווייל ס׳איז נאָך געווען ווינטער, פֿאַר־צייכענען מיינע געדאַנקען אויף אַ שוין פֿאַרשריבענעם אַרטעלסקן קוויטאַריוש.

די דאָזיקע מלאכה פֿון אַרויפֿשרייבן איין געשריפֿטס אויפֿן צווייטן האָב איך זיך אויסגעלערנט פֿון אַ טייל סאָוועטישע אַמטן. און איך האָב אַנדערע די דאָזיקע קונסט אויך אויסגעלערנט...

אויף לאַנג איז די אַרבעט אין דעם אַרטעל אַפֿילו נישט געווען אָפּגע־שטעלט, ווייל אין איניקע טעג אַרום זענען אַהער אַריין יידיש־פּוילישע זאָקנמאַכער. נאָר אויך זיי האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן, ווייל דער צוריק־פֿאַר פֿאַר דער צייט האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרשפּרייט ווי אַ פּעסט. ס׳איז גע־ווען ווי אַ מאַסן־פּסיכאָז. און אַז ס׳איז געקומען זייער אָפּגערעדטער טאָג, האָבן אויך זיי אויף אייגענער האַנט עוקר געווען פֿונעם פֿאַרבאַנדישן גן־עדן, נאָך איידער זייער ריי פֿון רעפּאַטריאַציע איז אונטערגעקומען. און דאָס ליכט פֿון אַרבעט האָט זיך אין מיין דירה שוין ביזן סוף אויסגעלאָשן.

דאָס איינציקע שטיקל טרייסט וואָס איך האָב נאָך דאָ געהאַט, איז געווען אַ יידיש־גאַליציאַנער זייגערמאַכער מיט אַ ברייט־צעוואַקסענער ווייסער זיידענער באָרד, וועמענס קראָם איז געווען אין מיין נאָענטער שכנות.

נאָר דער דאָזיקער זייגערמאַכער, יודל ערצבערג, וואָס האָט אויך געהערט צו אַן אַרטעל, איז אין זיין קראָם נאָר געווען בייטאָג, ווען איך בין ביי מיר סייווי נישט געווען. און נאָך איידער דער אָווגט איז צוגע־פאַלן, האָט ער שוין מיט זיינע פּאָר צוועגנגעלעך געמאַכט אַ ויברח.

אין די ווינטער־טעג האָב איך זיך אין די אָוונטן נאָך געקאָנט פרי פאַרמאַכן. אינדרויסן איז סייווי געווען קאַלט, כאָטש אויך אין מיין דירה איז געווען גענוג קאַלט. איך האָב זיך אָבער אינעווייניק געקאָנט באַשיצן מיט די איבערגעלאָזטע פּעלצן און מיט די איבעריקע פאַרווערעמטע שמאַטעס. נאָר אַז ס׳זענען אַוועק די ווינטער־טעג און ס׳איז אָנגעקומען דער קאַזאַכישער זומער, איז זיך שוין שווער געווען פרי אָפּצושליסן און זיך געפונען אין די פול מיט שטויב דושנע צימערן, וועלכע זענען שוין חדשים נישט געוואָרן גערייניקט.

בין איך אין איינעם אַזאַ הייסן אָוונט אַרויס פון באַזאַר זיך אָפּקילן. ווי נאָר איך בין אַריבער אויף אַ זייטיקן שליאַך, איז מיר אַנטקעגנגעקו־מען אַ קאַזאַכישער שיכורער אינוואַליד. ער איז נישט געווען דער ערשטער און נישט דער לעצטער פון דעם סאָרט, וועלכע מען האָט דאָ נאָך סטאַ־לינגראַד באַגעגנט. ס׳איז אָבער געווען ביינאַכט און ער האָט זיך נישט געלאָזט אויסמיידן.

ער איז געווען אַ הויכער, שיינער מאַן מיט אַן אָליוון איידעלן פּנים, גאָרנישט ווי אַ קאַזאַך, נאָר ווי פון עפּעס אַ געמישטער ראַסע. זיין שיינקייט און שלאַנקייט האָט אָבער נישט האַרמאָניזירט זיין צעשפּרייטער קאַטשקע־גאַנג, וואָס האָט נישט געשטימט מיט זיין קערפּערלעכן געבוי. און זיין מאָדנער גאַנג מיט זיין שיכורן וואַקלען זיך האָט אויסגעזען ווי זיינע פיס וואָלטן אויף דער העלפט געווען אַרונטערגעבויגן אונטער זיך. שפּעטער איז דאָס דורך אים אַליין געוואָרן אויפגעקלערט.

מיט זיינע אָפענע רייד, בפרט ווי אַ קאַזאַך, איז ער געווען אַנדערש ווי די איבעריקע. און איך האָב אים צווייפאַכיק געוואָלט אויסמיידן. איך האָב אים געוואָלט אויסמיידן אי ווי אַ שיכורן, אי ווי אַ סטאַלין־לעסטערער. עס וואָלט מיר מער נישט געפעלט, נאָר מען זאָל מיך פאַרן אַרויספּאָר־פּאָקן אין דער חברותא פון אַזאַ „מחרף ומגדף״...

ער האָט זיך אָבער צוגעטשעפּעט ווי סמאָלע און מיך נישט אָפּגע־לאָזט. ס׳איז אים קענטיק פאַרמיאוסט געוואָרן צו רעדן סתם אין דער לופט אַריין, און ער האָט דווקא געוואָלט איך זאָל אים אויסהערן. און

אויף אָפּצורייסן זיך פון אים וואָלט איך גענדאַרפט באַנוצן כּוח, וואָס ער האָט נאָך אויך אַצינד געהאַט מער פאַר מיר.

ער האָט גערעדט אַ צעבראָכענעם רוסיש, אָבער אַ פאַרשטענדלעכן. און ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער הייסט טומוליאַן. זיין מאַמע איז אַ קאַזאַכין, נאָר זיין פאָטער, אוליוק־ליאַק, איז אַ טאָטער בן טאָטער, וואָס יחוסט זיך צו דזשינגיס־כאַן.

ער קומט פונעם פראָנט ווו די אומגלויביקע געהמאַנצעס, פלאַמען זאָלן זיי אין גהינום, האָבן אים אַדורכגעשאָסן דעם אבר און געמאַכט פאַר אַ קאַליקע...

און „זאַ טשטאָ", זעצט ער פאָר, „דאַרפן מיר זיך שלאָגן. זאָלן זיך סטאַלין און היטלער אַליין מאָרדעווען און ווער פון זיי עס וועט זיגן, וועט געווינען די מלחמה. זעסט, וואָס זיי האָבן פון מיר געמאַכט? קאַליע גע־מאַכט דאָס גאַנצע עסק"... האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין דיך.

„די וועלט איז אַ הורן־הויז, זאָג איך דיר, און ווי די אַלפאָנסן שיקן אַרויס אין גאַס זייערע נקבות, שיקן זיי אונדז אויף די פראָנטן, אויסנוצנ־דיק פאַר זיך אונדזער בלוט".

נישט אומזיסט זאָגט מען, „וואָס ביי אַ ניכטערנעם אויפן לונג, איז ביי אַ שיכּורן אויפן צונג". דאַכט זיך שיכּור, און רעדט פאָרט אויף זיין אופן — צו דער זאַך. נישט מער, וואָס ער רעדט אַרויס דאָס, וואָס אַ ניכ־טערער טראַכט בלויז.

— און ווי וואָלט געווען ווען היטלער געווינט טאַקע, ער וואָלט דאָך פאַרנומען גאַנץ רוסלאַנד און אויך קאַזאַכסטאַן? — האָב איך אים געפרעגט, מאַכנדיק זיך תמעוואַטע.

— טאָ איז וואָס? אין זייער גאָטס מאָמען אַריין, — האָט ער אויפן רוסיש־סאָוויעטישן שטייגער דערלאַנגט. — איך, קאַזאַך, טאָטער, ווייס אַליין נישט... נאָר רוס נישט מיין טאַטע און נישט מיין מאַמע. ווער עס וועט געווינען זאָל נעמען. און אויס מיטן שניידן זיך די גאָרגלען.

יאָ, האָב איך געטראַכט. זיי זענען זיכער מיט זייער היינט. כאָטש מיט אַ נאַצישן מאָרגן — וואָלטן אויך זיי נישט געווען זיכער. מיר אָבער, זענען שוין מיטן היינט אויך נישט זיכער.

אויסגעהערט אַלץ, האָב איך אים שוין צוגעוואָרפן אַ „פּראַווילנאָ" (ריכטיק) און זיך געוואָלט פון אים אָפּטראָגן. נאָר ער לאָזט נישט. ער

נעמט מיך ווי אַ פריינד אונטערן אָרעם, און וויל אויפסניי מיט מיר גיין מאַכן אַ כוסע.

— גאָרקאָ, אָטשען מאָיאַ גאָרקאָ (ביטער, זייער ביטער), — זאָגט ער אויף זיין קאַזאַכישן שטומפּיקן רוסיש.

די שעה איז שוין געוועזן אַ שפּעטע. און איך האָב געזוכט אַן עצה וויאַזוי פון אים פּטור צו ווערן. האָב איך אים איינגערעדט, אַז פאַרן גרויסן באַזאַר האָב איך אַן אָרט ווו מען קאָן קריגן בראָנפן. איך האָב דערמיט געוואָלט זיך דערנענטערן צו דער מיליץ און אַהין אַנטרונען. כאָטש ס׳איז אַהין נאָך געווען „פּאָלג מיך אַ גאַנג״.

ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן, דער שיכור־קאָפּ און מיר זענען אַזוי דערגאַנגען ביז נאָענט פון דער מיליץ. פאַר דער מיליץ, האָב איך אים געזאָגט, אַז אָט אָ דאָ האָב איך גענוג בראָנפן און מיר וועלן מאַכן אַ „לחיים״ מיטן גאַנצן קנאַק.

נאָר אָנשטאָט אין אָנגעוויזענעם הויז, בין איך אַריין אין דער מיליץ און האָב געבעטן מיר צו העלפן זיך באַפרייען פון אַ שיכור. און אַ מיליציאַנט האָט מיך באַגלייט ביז איך בין אַריין אין מיין באַזאַרנער וווינונג.

קאַפּיטל צוויי און פופציק

איך זוך מיינע נאָענטע דורכן צענטראַלן „ספּראַוואָטשנאָיעם ביוראָ״

דער גרעסטער טייל פון די צוריקפאָרנדיקע אויף אייגענער אַחריות זענען געווען איינצלנע, אָדער קליינע משפּחות, וואָס זענען דאָ געווען צוזאַמען. איך אָבער, וואָס האָב אין ביאַליסטאָק געלאָזט מיינע נאָענטסטע און האָב דאָ קיינעם נישט געהאַט, האָב געוואָלט פאַר מיין ענדגילטיקן פאַרלאָזן רוסלאַנד זיך גלייך פונדאַנען פּרווון דערוויסן וועגן זייער גורל.

מען האָט שוין אין דער צייט זיך נישט געדאַרפט לערנען טרעפן. עס זענען שוין געווען קלאָרע ידיעות וועגן חורבן פונעם פּוילישן און אויך

פונעם אייראָפּעישן יידנטום. פונעם טויטן טאָל זענען געקומען ידיעות איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. און אַז נאָר איינציקע זענען ניצול געוואָרן. און דאָך האָט יעדער געמיינט צו זיין דער געווינער פונעם גרויסן געווינס...

יעדער איינער האָט געהאָפט, אַז אפשר פאַרט, אפשר וועט ער זיין צווישן די ווייניקע גליקלעכע. און אויך איך האָב זיך מיט אַזעלכע האָפע־נונגען אַרומגעטראָגן. בפרט נאָך, ווען צו מיין שלימזלדיקער פאַרפירעניש האָט נאָך צוגעהאָלפן אַ ידיעה, אַז פון דרוסקעניק האָט זיך קיין רוסלאַנד געראַטעוועט אַ גאַנצע ביאַליסטאָקער שילער־קאָלאָניע מיט איר לערער יעקב טאָביאַש.

און היות מיינע דריי ייִנגעלעך זענען געווען אויסגעצייכנטע שילער, האָט זיך איין מיר פאַרגנבעט אַ פריידיקער שטראַל פון האָפענונג, אַז אפשר לעבן זיי און געפינען זיך ערגעץ אין רוסלאַנד. און אַז מען שפינט שוין דעם פאָדעם פון האָפענונג, — פאַרוואָס אויך נישט טראַכטן פון די איבעריקע פון מיין ביאַליסטאָקער הויז?

האָב איך צוליב דעם נישט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון אַנדערע. און נישט נאָר בין איך נישט צוריקגעפאָרן אויף אייגענער האַנט, נאָר אויך שפּעטער, ביי דער פאָרמעלער רעפּאַטריאַציע, האָב איך זיך נישט געאיילט, נאָר בין צוריקגעפאָרן ערשט אָנהייב 1946, מיט דער לעצטער פּאַרטיע.

איך האָב פריער געוואָלט אויספּרווון אַלע מעגלעכע מיטלען אויף צו זוכן מיין משפחה.

האָב איך סוף 1946 זיך געווענדעט אין מאָסקווער „ספּראַוואָטשנאָיע ביוראָ" (זוכונגס־אינסטיטוציע), מיט אַ ווענדונג אויסצוזוכן מיינע נאָענ־טסטע.

איך האָב זיי אָנגעגעבן די נעמען און די סימנים פון מיין פרוי און קינדער און יונגערן ברודער, וועלכער איז ווי איך האָב פריער געשריבן, פאַרן אַריינקום פון די דייטשן קיין ביאַלע, אַנטלאָפן צו מיר קיין ביאַ־ליסטאָק.

אַז אַלע האָבן זיך געראַטעוועט, האָב איך אויף אַזויפיל נישט געגלויבט. בפרט נאָכגייענדיק מיינע שלעכטע פאָרגעפילן. איך האָב אָבער צוליב דער דרוסקעניקער ידיעה וועגן דער שילער־קאָלאָניע, געלייגט האָפענונגען אויף מיינע ייִנגעלעך.

איז אַוועק אַ צייט, ווי איך האָב פון דער ביורא קיין ענטפער נישט באַקומען. אין אָנהייב האָב איך נאָך דעם ענטפער אויסגעקוקט מיט גרויס אומגעדולד. וואָס ווייטער אָבער, האָב איך זיך שוין פון דעם אינגאַנצן מיאש געווען. ביז איך האָב פון דער געשיכטע אינגאַנצן פאַרגעסן.

מיטאַמאָל אָבער, ווען איך האָב זיך שוין אויף דעם נישט גערעכט, באַקום איך אַ בריוו מיט דער פריידיקער מעלדונג, אַז איינער פון מיינע יינגעלעך, דער בכור חיימל, געפינט זיך ערגעץ אין אַ קאָלאָניע, וועגן וועלכער זיי האָבן אָנגעגעבן דאָס אָרט און די געגנט.

צו מיין פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ. איך האָב זיך שוין פון דעם מאָמענט קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. איך האָב דעם בריוו איבערגעלייענט איינמאָל, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

און כדי צו זיין גאָר זיכער, האָב איך נאָכקאָנטראָלירט צי אַלץ שטימט. צי ס'איז עפּעס נישט קיין טעות. יאָ, עס שטימט. עס שטימט זיין נאָמען, דעם פאָטערס און מוטערס נאָמען און דאָס יאָר און אָרט פון געבורט. אַלץ, אַלץ.

און איך וויל שוין כאָטש „פליען" צו דעם אָרט ווו ער געפינט זיך. טראַכט איך אָבער, פאַרוואָס זאָל איך אַזש „פליען" אַהין, ווען מיר וועלן זיך גאָר דאַרפן רעפּאַטריאירן פון דזשאַמבול. און דזשאַמבול איז דאָך אַ מער באַוווּסט אָרט ווי עפּעס אַ דאָרף, אַ פאַרוואָרפענער העק.

און ס'פאַלט מיר איין אַ צווייטער געדאַנק, איך זאָל אפילו שוין וועלן פאָרן אַהין, איז דאָך דער וועג אַזאַ ווייטער, און ביז איך וועל צו אים דערגרייכן, קאָן ער דאָך אַוועקפאָרן, און מיר וועלן זיך אויסמיידן.

באַשליס איך בכן: דורך זייער פאַרמיטלונג זיך קודם צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים אַליין, מיט מיין זונעלע. זאָל ער וועגן מיר וויסן און אויף מיר וואַרטן. און אַז ער אַליין וועט מיר שרייבן איך זאָל צו אים קומען, וועל איך ווי אויף אָדלער־פליגל צום אים קומען צו „פליען".

איך שיק אַוועק וועגן דעם אַ טעלעגראַמע און וואַרט אויף אַן ענטפער. און דערווייל קאָן איך שוין נישט רוען. איך בין דענערווירט, צייל די רגעס און די מינוטן פון מיין שיקן די טעלעגראַמע.

עס זענען אָבער אַוועק מער ווי מינוטן. עס זענען אַוועק טעג און וואָכן און קיין ענטפער איז נישטאָ. ווייסן זיי, אַז דאָ זיצט אַן אומגליקלעכער פאָטער, וואָס צאַפּלט זיך אין גרויס אומגעדולד און פיבערדיקער

דערוואַרטונג, אויסקוקנדיק זיך די אויגן אויף אַ וואָרט, כאָטש אויף איין וואָרט פון אים אַליין, דעם איינציק לעבנגעבליבענעם ?...

נאָר ענדלעך קומט אָן אַ בריוו. אָבער נישט פון אים אַליין, נאָר פון די זעלבע קאָלאָניע־פאַרוואַלטער. און זיי שרייבן: „דער בוכהאַלטער האָט אים מיט וואָכן צוריק געזען. ער האָט אויסגעזען צו זיין זייער אומגעדול־דיק און ווי גרייטנדיק זיך צו עפּעס.

זינט דער באַפרייונג פון ביאַליסטאָק האָט ער זיך גענומען רייסן אַהין צוריקצופאָרן. און פון דאַן אָן האָט ער אים מער נישט געזען".

איך בין אַנטוישט, ביטער אַנטוישט. אָט האָב איך שוין דעם פאָדעם פון מיין גליק כמעט געהאַלטן אין האַנט, און נאָך איידער וואָס ווען, האָט ער זיך שוין פון מיר אָפּגעריסן, און אַ גאַנצער פּלאָנטער, אַ רעטעניש־פולער פּלאָנטער קומט אין מיר אויף.

פון איין זייט לייקנט אויך דער צווייטער בריוו נישט אָפּ, אַז חיים קאַגאַן (כהן), זון פון יעקב און חיה, געבוירן 1930 אין ביאַליסטאָק, לעבט און האָט זיך דאָ געפונען. נאָר פון דער צווייטער זייט אָבער, קאָן איך נישט פאַרשטיין, און בשום אופן נישט, פאַרוואָס האָט מיין זונעלע, וועמען מען האָט צווויסנגעגעבן וועגן מיר, איז פון זיין אָרט אַנטלאָפן נישט וואָרטנדיק און נישט פאַרבינדנדיק זיך מיט מיר ?...

און ווי קאָן דאָס זיין, אַז מיין חיימל, וואָס דאַרף שוין אַצינד אַלט זיין פופצן יאָר, דער, וועלכער האָט אין מיין לאַגער־פּיין אָפּגעריסן פון זיין און זיינע ברידערלעכס מויל די ווייסע בולקעלעך, וואָס זיי האָבן ווי אויסגעצייכנטע שילער באַקומען און זיי מיר געשיקט, און וועלכער האָט גוט געוווּסט, אַז איך געפין זיך אין רוסלאַנד, זאָל מיך גאָרנישט פּרווון זוכן ? און בפרט אַצינד, ווען ער האָט שוין מיין אַדרעס און קאָן מיך לייכט געפינען, זאָל זיך מיט מיר גאָרנישט וועלן זעען ?...

„וואָס קומט דאָ פאָר ?", איז מיר שווער געווען צו באַנעמען. וועט די „ספּראַוואָטשנאָיע ביוראָ" אויסטראַכטן אַזאַ מעשה, כדי וואָס, אַ ייד צו טרייסטן ? זענען זיי אַזוי יידן־פריינטלעך געוואָרן ?

זאָל דאָס זיין ווידער אַ טעות ? איז אין ביאַליסטאָק געווען אַ ייִנגל מיטן זעלבן נאָמען, פאַמיליע, יאָר פון געבורט און פאָטערס און מוטערס נאָמען ? אויך דאָס איז מיר שווער צו גלויבן. און דאָך, שטימט עפּעס נישט.

דער דאָזיקער רעטענישפולער פּלאָנטער האָט זיך שוין ביז מיין

אַרויספאָר פון דזשאַמבול אין מיר געבאַמבלט. און טאָמער האָב איך אים געפּרוווט פאַרגעסן, האָט ער מיך אויך, צוריקקומענדיק קיין פּוילן, נישט געלאָזט צורו. און ער האָט זיך ביי מיין זיין אין פּוילן (1946—1948) באַנייט נאָך מיט מער קראַפט. ווייל אין איינעם אַ טאָג, האָט זיך אין „דאָס נייע לעבן", דעם אָרגאַן פונעם צענטראַלן קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, באַוויזן אַ רשימה פון געראַטעוועטע יידיש־פּוילישע קינדער, אין וועלכער עס איז אויך געווען אויסגערעכנט דער אין 1930 אין ביאַליסטאָק געבוי־רענער חיים קאַגאַן (כהן), זון פון יעקב און חיה.

און ווידער איז אין מיר אַ שטראַל פון האָפענונג אויפגעגאַנגען. און ווידער האָב איך זיך וועגן דעם געווענדעט, און ווידער כמעט דער זעל־בער ענטפער: אַזעלכער איז געווען. נאָר איז אינצווישן אָפּגעפאָרן. און דאָס מאָל נאָך ארץ־ישראל.

האָב איך נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט, נאָר ווייטער געפּרוווט זוכן. נאָר דער פאָדעם האָט זיך ווידער פון מיר אָפּגעריסן. און אויך אַצינד ווייל איך האָפן אים צו זען לעבן זיך, אים, מיין לעצטן שארית המשפחה.

קאַפּיטל דרייאונפופציק

ערב מיין צוריקפאָרן

איך באַקום ענדלעך אַ בריוו פון ש. האַלקין, דעם רעדאַקציע־סעק־רעטאַר פון דער „אייניקייט" מיט מיין צוריקגעשיקטן ליד. איך האָב אין דער אמתן פריער געוווסט, אַז זיי וועלן עס נישט דרוקן. איך האָב פונ־דעסטוועגן געוואָלט אויספּרוּוון די ליניע...

ווען איך האָב דאָס ליד געשיקט, איז געווען די צייט פון סטאַלינס דריי אויף צוריק. און איך האָב געמיינט, אַז מען מעג שוין אויך אויסגיסן אונדזערע געפילן. האָט מיר האַלקין אַצינד געשריבן, אַז זיי דרוקן נישט דאָס ליד, ווייל ס'איז צו סענטימענטאַל (געמיינט נאַציאָנאַל). יאָ, אין דעם

איז ער געווען גערעכט. קיין סאָוויעטיש ליד אינעם נוסח: „זאָג איך, סטאַלין"... איז עס זיכער נישט געווען.

די פּוילישע יידן זענען געווען די געטרייסטע לייענער פון דער „איינקייט". נישט מחמת אהבת ה„איינקייט" האָבן מיר איר געלייענט, ווייל זי איז מיט איר קאַזיאָנעם סטיל און אינהאַלט נישט געווען בעסער פון יעדער אַנדערער סאָוויעטישער צייטונג. נאָר מיר האָבן איר, ראשית, געלייענט, נישט צו פאַרגעסן דאָס אייגענע לשון. און שנית, פלעגט זיך דאָרט פאָרט פאַרגנבענען אַ ידיעהלע, נישט ח"ו פונעם היגן יידישן לעבן, נאָר מחוץ, — וואָס פלעגט פּונקט אַריינטרעפן אין דער ליניע. און מיר האָבן שוין דערפון געלערנט ווי למשל ס'האַלט מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם אין ארץ־ישראל, אָדער מיט די דייטשע רציחות...

נאָר מער ווי לייענען די „איינקייט" האָב איך מיט זיי נישט געהאַט קיין שייכות. איך האָב זיי פאַר קיין שליחי־ציבור נישט געהאַלטן, און האָב זיך נישט געוואָלט קאָכן אין אַ שרייבעכץ, וואָס איז צוליב איר העברעיש־פיינטלעכן אויסלייג, אַפילו אין דער שפּראַך נישט יידיש.

אַזוי האָב איך זיך נוהג געווען אין ביאַליסטאָק, ווען די חברה האָט ביים סאָוויעטישן אַריינקום איבערגענומען די אָרטיקע פּרעסע און דעם ליטעראַטן־קרייז. איך האָב פון זיי געוויכט.

נאָר פאָרן אַרויספאָר פון רוסלאַנד, האָב איך אויך געוואָלט מיט זיך מיטנעמען אַ יידיש־סאָוויעטישע ליטעראַרישע דערפאַרונג, ווי איך האָב אַנדערע דערפאַרונגען מיט זיך מיטגענומען.

עס שמעקט מיט אומקער־פרילינג. און אַ טייל עסקנים, און דווקא נישט קיין יעווסעקישע, הייבן שוין באַצייטנס אָן צו פּראָווען הויך־פּאַטריאָטיזם.

מען האָט שוין דאַן גוט געקענט די יידישע לאַגע. פון אַלע זייטן איר געקענט. כאָטש קיין גענויע חורבן־ציפערן זענען נאָך נישט געווען באַוווּסט.

מען האָט געוווּסט די גרויס פון אָנטייל פונעם דייטשן לוסט־מערדער, און מען האָט אויך געוווּסט דעם צושטייער פון די פּאָליאַקן. און דאָך האָבן אַזעלכע „וותיקים" פאָרן אַרויספאָר פון רוסלאַנד נישט געהאַט קיין אַנדערע דאגה, ווי צו באַזונגען און באַלויבן דאָס ניי־אויפקומענדיקע פּוילן און מאָלן דאָרט דעם אויפגייענדיקן יידישן מאָרגן אין די הערלעכסטע פאַנטאַסטישסטע פאַרבן.

און איינער אַזאַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אונדזער אַלטער באַקאַנטער זינגער־מאַן, האָט זיך אויף אַזאַ פֿאַרזאַמלונג אַזוי פֿאַרכּליניעט, אַז איך האָב געריבן די אויגן ווי איך וואָלט אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ לאַנגן שלאָף, וואָס האָט מיר פֿאַרשלאָפֿן דעם גאַנצן בלוטיקן פּעריאָד. און באַוווּנדערט האָב איך נישט אַזוי אים, ווי זיינע יידישע צוהערער. טראַץ דעם, וואָס די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אינעם סאָוויעטישן דזשאַמבול.

זיינע רייד האָבן מיך צעטראָגן. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן, און איך האָב אַראָפּגעריסן נישט נאָר אים אַליין, נאָר אויך זיין גאַנצע דרשה, וואָס איז געווען מער ווי שעדלעך.

ער האָט זיך שפּעטער פֿאַר מיר אַליין געקלאָגט, פֿאַרוואָס איך רייס אים אַראָפּ. האָב איך אים געפֿרעגט: „וויאַזוי קאָנט איר, אַ ציוניסט מיט אַ פֿאַרגאַנגענהייט, גאָר אַזוינס רעדן?"

„איך בין נישט קיין קעמפֿער, נאָר אַ קאַבינעט־מענטש", האָט ער מיר געענטפֿערט. „אויב איר זענט נישט קיין קעמפֿער, טאָ ווער בעט אייך צו רעדן?", איז געווען מיין תשובה. ער איז, אמת, נישט געווען פֿון די ערגסטע, ער האָט אָבער פֿאָרט געדאַרפֿט זיין אַנדערש ווי אַנדערע.

די רעגיסטראַציע פֿאַרן צוריקפֿאָרן האָט זיך שוין אָנגעהויבן. עס זיצן שוין קאָמיסיעס, וואָס פֿאַרשרייבן לויטן סדר פֿון א"ב. זיי גיבן אַרויס אויפֿן גרונט פֿון פּוילישע אָדער סאָוויעטישע דאָקומענטן באַשטעטיקונ־גען, וואָס דאַרפֿן דינען ווי פּעסער פֿאַרן צוריקפֿאָרן.

די רעגיסטראַציע איז איינגעטיילט אין גרופּעס און ווערט אַדורכ־געפֿירט אויף אַ גאַנץ ליבעראַלן אופֿן. צו שטאַרק גריבלט מען זיך נישט אין די פּאַפּירן. מיין נאָמען איז סייווי נישט פֿון די ערשטע. און באַזונדער, אייל איך זיך אויך נישט. איך וויל האָבן מער צייט זיך צוצוגרייטן. איך בין אָנגעטאָן אין שמאַטעס און האָב אויך נישט קיין שטיקל וואַליזקע אין וואָס עפּעס אַריינצולייגן, אַז קיין היים איז שוין אויך נישטאָ, — דאַרף מען דאָך אַלץ פֿאַרשאַפֿן פֿונדאָסניי.

נוץ איך אויס מיין איבעריקע צייט אויף אַרומצושלאָיען זיך אויפֿן גרויסן באַזאַר און זוכן מציאות. איך וויל קודם זיך קויפֿן אַן אָנצוג, אַ שטיקל טשעמאָדאַן מיט אַ טעקע און טרוים וועגן אַ זייגערל, אייביקע פּעדער און גאָר באַזונדער פֿון אַ קידושין־רינגל.

וועגן קידושין־רינגל גייט מיר אין לעבן. איך וויל אויף דעם אויס־

קריצן דעם נאָמען פון מיין אומגעקומענער פרוי, ווי אַ זכר נאָכן געוואַלט־זאַמען צערייסן אונדזער פאַרבינדונג...

אַביסל געלט פון מיין שרייבן אויף דער פאָסט האָב איך געהאַט. עס האָט אָבער נישט געקאָנט קלעקן אויף אַלע נייטיקע זאַכן.

אין דזשאַמבול האָב איך זיך די גאַנצע צייט אויסגעהיטן פון האַנדלען און שפּעקולירן. אויך אַצינד האָב איך זיך שוין דערמיט נישט געוואָלט אָפּגעבן. וועל איך נישט מיטנעמען קיין וואַלוטע און אויך נישט קיין שום אַנדערע טריפה־זאַך. איך וועל אַלץ פאַרנוצן אויף די אויסגערעכנטע זאַכן. מער ווי פאַר דעם, וועט מיר סייווי נישט סטאַיען.

דער באַזאַר איז אין די טעג געווען פול מיט כל־טוב. ס'איז דאָך שוין געווען נאָכן פאַרנעמען מזרח־דייטשלאַנד. האָט מען שוין אויפן באַזאַר געזען אַן אייראָפּעישן אָנצוג, אַן עלעגאַנטע לעדערנע וואַליזע און אַפילו דאַמען־זייגערלעך באַזעצט מיט בריליאַנטן. אמת, די זייגערלעך האָט מען אַזוי אָפן נישט פאַרקויפט, מען האָט זיי נישט אויסגעשריגן. — נאָר אין די ווינקלען פון באַזאַר האָט מען זיי באַקומען פאַר גוט געלט.

זיי, די קאַזאַכן, האָבן זיך אַפילו נישט געשעמט אויך צו פאַרקויפן טליתים, שטריימלעך און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס. מסחר איז מסחר.

און פון די אַלע מסחרים איז די באַזאַרנע „טשייכאַנאַ" געוואָרן מער באַזעצט און פול מיט טשאַד און רויך פון די רויכערנדיקע קאַזאַכישע נאַרגילעס און האַלב־געבראָטענע שאַשליקן, וואָס זיי האָבן אַצינד פאַר־טרונקען מיט ביר.

זיי צעגייען זיך פון נחת, די אויסגעגאָלטע פעטע קאַזאַכן, מיט זייערע צעווירענע קאַזאַכינס. ס'איז זיי מיטן חסד פון „אַללאַ" ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ גוטס, אויף וואָס זיי האָבן זיך גאָרנישט געריכט. און זיי שפּאָרן דערפאַר נישט קיין לויב צו אים אַליין, און צו זיין נביא מחמד...

און ווי אָרגאַניזירט פאַר די צוריקפאָרנדיקע, איז אויך אין אַ זייט פון באַזאַר געעפנט געוואָרן אַ סאָוויעטיש יובעליר־מאַגאַזינדל, ווו מען באַקומט צו רעגירונגס־פרייזן גאָלדענע און בריליאַנטענע רינגלעך, „עובר לסוחר" — און גאַראַנטירט מיטן סאָוויעטישן וואָרט...

האָב איך זיך איינגעהאַנדלט אַ באַשמידט הילצערן קעסטל, ווי אַ שטייגער וואָס די רעקרוטן פלעגן מיט זיך מיטנעמען צו די זעלנער, פאַר

אַ שטיקל וואַליזקע מיט אַ זאַק „על כל צרה שלא תבוא״ (ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן) און אַ פּאָרטפעל מיט אַן אנצוג.

האָט מען מיר די טעקע, וואָס איז דווקא געווען אַ פיינע, מיט באַזונ־דערע קעשענעס און טאָפּלטע שלעסער, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי, גלייך צוגעלקחנט. און פאַרן אַנצוג, וואָס איז געווען נישט פון קיין שלעכטן שטאָף, בין איך געווען צו קליין און שמאָל און ער וואָלט אין זיך געקאָנט אַריינגעמען נאָך אַזאַ יאָלד ווי איך...

דאָס געלט האָב איך געהאַלטן אין דער „סעבערגאָטעלנאַיאַ קאַסע״. איך האָב עס אַהין אַריינגעטראָגן ערשט נאָכן באַראַבעווען מיך אויפן מלוכהשן וואָרטע־פּאָסטן און נאָכן אָפּנעמען מיין הלוואה פון מנשה בולבע.

מען האָט מיך געשראָקן אַהין נישט אַריינצולייגן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווייל אין מיין באַזאַרנער דירה וואָלט איך צוליב דעם נאָך געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן.

איך האָב אויך געהאַלטן, אַז נאָכן פּויליש־סאָוויעטישן אָפּמאַך וועלן זיי אונדז באַהאַנדלען אָרנטלעכער און זיך נישט קוואַפּען אויף מיינע פּאָר טויזנט רובל, בפרט, ווען איך בין דאָך עפּעס אַ פּראָלעטאַריער בחסד הראַטנפאַרבאַנד, אַ סאָוויעטישער וועכטער פון די פאָלקס־וואַרשטאַטן און דאָס געלט איז דאָך שווער פאַרהאָרעוועט, פּראָלעטאַריש געלט...

שווער געלט איז עס טאַקע געווען, נאָר ווען זיי מאַכן מיט מיר אַ „חשבון צדק״, וואָלט זייער פּראָלעטאַרישער חלק געווען גאָר אַ קליינער. ווייל נישט פון זייערע 30 רובל אַ וואָך (נאָך די אַראָפּרעכענונגען) האָב איך דאָס אָפּגעשפּאָרט, נאָר פון מיין „שפּעקולאַנטישן״ פּריוואַטן שרייבן אויף דער דזשאַמבולער פּאָסט.

פונדעסטוועגן, ווען איך בין פאַרן סאַמע אַרויספאָרן געקומען אָפּנעמען דאָס לעצטע געלט, האָבן זיי זיך געפּרוווט מאַכן געפּגרט. דער קאַסירער האָט געטענהט, אַז ער דאַרף צו דעם האָבן דעם אונטערשריפט פונעם פאַר־זיצער פון באַנק, און ער איז נישטאָ. ווען איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז אויף אַרויסצוגעבן דעם אייגנטימער פון דער קאָנטע זיין געלט, דאַרף מען אויף דעם קיין פאַרזיצער נישט האָבן, ווייל דאָס זענען לאָגיש און קלאָרע פאָרשריפטן, וואָס פיגורירן אין באַנק־ביכל, האָט ער מיר געפּרוווט פאַררעדן די ציין, אַז די באַנק האָט אַצינד נישט קיין געלט. איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט און ווי אַ לייב האָב איך געקעמפט פאַר מיין געלט.

„וואָס מיינט איר", בין איך אַרויס, „צוליב מיין באַלדיקן אָפּפאָרן וועט איר מיך באַרויבן פון מיין לעצטן אָפּשפּאָר? איך ריר זיך נישט פון דזשאַמבול, מעג אַפילו מיין גאַנצע פּאַרטיע אָפּפאָרן. און איר וועט פאַר דער צייט דאַרפן דעקן מיין אויסהאַלט"...

און באַלד איז פונעם צווייטן צימער אַריין דער פאָרזיצער, און אויך געלט איז אין קאַסע געווען. און מען האָט מיר דעם רעשט געלט אויס־געצאָלט.

פאַרן דאָזיקן געלט בין איך אַצינד געגאַנגען אין דער מלוכהשער קראָם קויפן אַ רינגל. קיין געלט האָט מען נישט געטאָרט אַרויספירן, נאָר אַ זייגערל פאַר זיך אַליין און אַ רינגל, האָט עס אַפילו געמעגט זיין באַזעצט מיט בריליאַנטן, איז געווען כשר בתכלית הכשרות.

בין איך געווען צופרידן צו טרעפן אויפן באַזאַר אַ סאָוויעטישען יובילער־מאַגאַזין, ווייל צו קיין פּריוואַטן פּאַרקויפער, וואָס האָט ערגעץ אין אַ ווינקל און אין געאייל פאַרקויפט, האָב איך קיין צוטרוי נישט געהאַט. בפרט, האַרט פאַרן אַרויספאָרן. אין אַזאַ קראָם אָבער האָב איך אַן אויס־וואַל פון סחורה און קאָן דעם געקויפטן חפץ גוט באַטראַכטן. יעדנפאַלס, בין איך פאַרזיכערט פון אַ שווינדל. וואָרעם, וואָס־וואָס, נאָר קיין געפעלשטן רינגל וועט דאָך מיר אַן אָפיציעלער מאַגאַזין נישט פאַרקויפן.

בין איך אַהין אַריינגעגאַנגען און האָב זיך געהייסן ווייזן אייניקע רינגלעך. דער קאַזאַכישער פאַרקויפער האָט מיך קרעמעריש־העפלעך אויפגענומען און האָט מיר זיי געגעבן צו באַטראַכטן. אייניקע זענען געווען באַדעקט מיט קליינע בריליאַנטלעך, נאָר אויף די דאָזיקע „ברי־ליאַנטן" בין איך באַלד אַליין געווען אַ מבין. איך האָב די דאָזיקע „ברי־ליאַנטן" שפּעטער, שוין פאָרנדיק צו דער פּוילישער גרענעץ, זיי מיט אַ לייכט האַרץ וועמען אַוועקגעשאָנקען.

ס'איז מיר געגאַנגען אין אַן איינפאַך גאָלדן רינגל, אַזוינס, וואָס מיין פרוי און איך האָבן געטראָגן נאָך אונדזער חתונה, ווי אַ צייכן פון קידושין.

דער גאַנצער „מאַגאַזין" האָט אָבער נישט געהאַט קיין איין פּאַסיק רינגל פאַר מיין מאָס. האָט דער כיטרער פאַרקויפער מיר איינגערעדט איך זאָל זיך אויסקלויבן וועלכעס ס'איז רינגל, און ער וועט שוין זען דאָס איבערצואַרבעטן פאַר מיין פינגער. „איך האָב", זאָגט ער, „אַ גאָלדשמידין

אַ קאַזאַכין, וואָס אַרבעט פֿאַרן מאַגאַזין. זי וווינט נישט ווייט פֿונדאַנען. וועט זי דיר דאָס שוין איבערשמעלצן אַקוראַט פֿאַר דיר".

דערווייל האָב איך שוין צום פּרייז וואָס איז גאָרנישט געווען אַזוי ביליק, אויך געדאַרפֿט צורעכענען דעם פּרייז פֿאַרן איבערשמעלצן. איך האָב אָבער אויף דעם אַלץ באַשטאַנען, אַבי עס זאָל זיין, ווי ער האָט מיר פֿאַרזיכערט, „זהב טהור" (ריין גאָלד).

האָב איך אים דעם פֿאַרלאַנגטן פּרייז באַצאָלט, און בין גלייך מיט דעם אַוועק צו זיין אָנגעוויזענער גאָלדשמידין. זי איז געווען אַ מיטל־יאָריקע קאַזאַכין און האָט געוווינט אין אַ ליימקע הינטערן באַזאַר, אין אַזאַ ווי אַלע קאַזאַכישע ליימקעס.

באַלד ווי איך האָב איר געגעבן דאָס רינגל, האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט און מיט איר מאַשינקע אָנגעהויבן צו שמעלצן. זי האָט געשמאָלצן און געשמאָלצן, ביז זי האָט מיר דאָס איבערגעשמאָלצענע רינגל איבערגעגעבן.

איך האָב אַ גאַנצע צייט פֿון איר שמעלצן, פֿון דער קאַזאַכין מיין אויג נישט אַראָפּגענומען. דאָס רינגל איז אַצינד טאַקע אויף מיין פֿינגער אַרויף, נאָר ס'איז אַרויסגעקומען נישט קיין רינגל נאָר עפּעס אַ פֿאַרמלאָזע מאַסע.

איך האָב דערזען, אַז איך בין אַריינגעפֿאַלן, ווייל אַזאַ פֿאַרמלאָזע באַנדע, וואָס האָט נישט קיין אָנבליק פֿון אַ רינגל, בפֿרט פֿון אַ קידושין־רינגל, איז דאָך נישט געווען מיין ציל. און איך וועל עס אויך אויפֿן פֿינגער נישט טראָגן. איך האָב אָבער בעת מעשה נישט געוווּסט, אַז איך בין מיט עפּעס מער אַריינגעפֿאַלן... וועגן דעם האָב איך זיך ערשט דערוווּסט ווען איך בין שפּעטער אָנגעקומען קיין לאָדזש און בין דעם דאָזיקן „אוצר" געגאַנגען אויסבייטן פֿאַר אַ רעכט שטיקל רינגל.

איך בין געגאַנגען פֿון יובעליר צו יובעליר, ווייל איך האָב אַזאַ שווינדל נישט געקאָנט גלויבן. נאָר אַלע האָבן בפּה אחד פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס סאָוויעטישע רינגל מיט זיין 14־נער גאָלד־פּראָבע, איז קוים חצי גאָלד. און דאָס איבעריקע, איז אַלץ — נאָר נישט קיין גאָלד.

קאַפּיטל פּיראונפופציק

איך באַגעגן זיך אויפסניי מיט שקר און שלימזל

שוין איינגעהאַנדלט מיינע זאכן אויך, בין איך אַצינד פריי צו וואַרטן אויפן טאָג פון מיין אָפּפאָר. מיין רייזע־פיבער פאַרשטאַרקט זיך אין מיר פון מינוט צו מינוט.

ווי אַ שווער־לייביקער וואָס קאָן זיין אייגן לייב נישט דערטראָגן, קאָן איך שוין אין מיר די צייט פון מיין אָפּפאָר נישט אויסטראָגן.

עס זענען די לעצטע טעג. און איך קאָן שוין נישט זיין אויף דער פּאָסט און זיך פאַרנעמען מיט מיין שרייבן. כאָטש דווקא אַצינד, צוליבן אָפּפאָרן פון מיינע קאָנקורענטן, וואָלט מען מיך צעריסן.

עס איז די פרייד פון יציאת רוסלאַנד, וואָס באַוועלטיקט מיך. זי איז אָבער אויך אויסגעמישט מיט געפילן פון טרויער און עקבערנדיקע פראַגן... און זיי ווירבלען אין מיר אָן אַ גאַנצן שטורעם.

וויל איך זיך פונעם דאָזיקן טומל אין מיר באַפרייען. און באַפרייען זיך קאָן איך נאָר דורכן אַוועקגיין פון אייגענעם גערודער — און אין אַן אַנדערן, אַ פרעמדן, אַריינטומלען זיך...

גיי איך אַריין אין דער באַזאַרנער „טשייכאַנאַ״, וואָס נעבן מיר, נאָך אַ „טשיי״ (טיי), און דער עיקר דאָרט אונטערזיצן. נאָר ווי איך עפן די טיר, שרייט מיר ווער אַנטקעגן מיט אַ כריפּקער שטימע:

„פּאָליאַק, קום אַהער״. דערנענטער איך זיך. נאָר וועמען מיינט איר זע איך? דעם קאַזאַכישן שיכור טומוליאַן, פון וועמענס לעסטערונג איך בין אין יענעם אָוונט אַנטלאָפן, מיטן טשיטשעניעץ פּאַטאַיעוו. און ווידער איז „מצא מין את מינו״ (איינער האָט דעם אַנדערן געפונען)... זיי זענען ביידע שיכור און ברידערלעך אַרומגענומען.

„איי, פּאָליאַק״, הייבט טומוליאַן אָן, „דו אַנטלויפסט, אַנטלויפסט פון מיר, אַ בידנע קאַליקע, און אַנט...לויפסט פון דער „באַביצע״ די רוסישע זונה, כאַ, כאַ, כאַ. נעם דיר מיט, ברודערל, אויך מיין „באַבע״ און דעם אַלטן „אישאַק״ (אייזל) פאַר אַ צולאָג.

נעם זיי דיר ביידע מיט אין דיין „פּאָלשע״־לאַנד און געדענק מיך

אַמאָל. צו וואָס, צום טייוול, דאַרף איך מיין „באַבע״, האָ? איך אַ זייגער־קעסטל אָן געווערק, כאַ, כאַ, כאַ... און מיין אומזיסטן פּרעסער דעם פּוילן „אישאַק״ צו וואָס דאַרף איך?״...

„און איך דיר אויך, מיין „באַבע״ אַוועק. כריפּקעט אַרויס פּאַטאַיעוו. נאָר וויפל כוסות וועסטו געבן? אָט אַ פּאַרעטער, מיר, דיר, געהאָלפן מיט וואָרטע, דאָס טשיטשענצע האַרץ אויסגעגאָסן. און ער אַנטלויפט אָן אַ גוט וואָרט און אָן אַ כוסע צו געבן.

איך פּאָליאַק, נישט געטשעפּעט. אין אונדזער קאַנט נישטאָ. שווער דיר ביי מאַכמעדס באָרד. און צו די „עוורעיעס״ האָבן מיך די אומגלויביקע, פון גיהנום זאָלן זיי נישט אַרויס, אָנגערעדט. צוקער מיט זאָלץ געגעבן. נישט מיין שולד, כאַ, כאַ, כאַ...

מיר גלויביקע נישט שולדיק. ווייסטו ווער שולדיק? דער שטן. די טייוולאָנים אָנגערעדט. זיי — מיט די „עוורעיעס״ דאָס פייער אָנגעצונדן. נו, האָבן זיי זיך אַליין אַביסל אונטערגעסמאַליעט... איך שווער דיר, ווי „אַללאַ״ איז „אַללאַ״ און מחמד איז זיין נביא״.

זיי האָבן אין זיך אַריינגעגאָסן אַ פרישן גלעזל און זיך ווידער אַרומגעכאַפּט. און אַרום זיי האָבן זיך די איבעריקע קאַזאַכן צעבאַלאַקעט. זיי האָבן באַרעדט זייערע אייגענע ווייבער און די „פּרעדסעדאַטיעלס״ (פאַרזיצערס) פון זייערע „קאָלכאָזן״.

און אינעם דאָזיקן מישמאַש פון צעפּאַרעטער פייכטקייט און באַלאַקעריי האָט מען שוין קיין ווערטער פון טומוליאַנען און פּאַטאַיעוון נישט געהערט. איינציקע שטומפּיקע קולות נאָר האָבן ווי אַ לעצט האַווקען פון הינט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע פאַרלייגטע קעלן, אַרויסגעריסן און פאַרפאַלן געוואָרן אינעם אַלגעמיינעם געטומל און מישמאַש.

האָב איך דאָס אויסגענוצט, בין צוריק אַריין אין מיין וווינונג און האָב זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן אויפן האַרטן שניידערישן טיש. איך האָב שוין מיינע געדאַנקען נישט געקאָנט צונויפנעמען.

אויף צומאָרגנס בין איך אַוועק אויף דער פּאָסט. די פּאָסט איז פאַר אונדז לעצטנס געוואָרן דער צווייטער טרעפפּונקט נאָכן פּוילישן. איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן וועגן טערמין פון מיין אָפּפאָר און זיך אויך געזעגענען מיט די וואַרעמע רוסישע יידן, וועלכע פלעגן אָפט קומען אויף דער פּאָסט און פון אונדז, פּוילישע, נישט אָפּטרעטן.

ס'איז פאַראַן די גייעס: דער לעצטער פּוילישער טראַנספּאָרט גייט

אָפּ אין אייניקע טעג אַרום. און מער קיין טראַנספּאָרטן וועלן שוין פון דזשאַמבול נישט אָפּגיין. אָדער דו זעצסט זיך אַריין אינעם אָפּפּאָרנדיקן צוג, אָדער דו בלייבסט אויף דיין אייגענער אחריות. איך ווייס שוין אויך מער ווייניקער „מי ומי ההולכים״, ווער פון די באַקאַנטע עס פּאָרט מיטן לעצטן טראַנספּאָרט.

מיינע זאַכן, מער שמאַטעס ווי זאַכן, זענען שוין פּאַרפּאַקט. נאָך צוגעוווינט צום כאָוויעטישן לעבן, איז מיר אַ שאָד עפּעס אַרויסצוואַרפן. נעם איך אַלץ מיט. אויך מיינע שטריקלעך און בענדלעך. מיין זאַק איז שוין מיט אַזעלכע זאַכן פול און אויך מיין באַשמידט קעסטל איז פול.

ס'איז אַצינד פרילינג, און דאָס באַשווערט נאָך מיין געפּעק אויך מיט אויסגעטאָענע ווינטער־זאַכן. איך דאַרף אָבער אַצינד דערפון נישט טראַכטן.

די גוטע קהלישע „מומע״ וועט שוין דערפאַר זאָרגן. זי נעמט באַצייטנס פון אונדז איבער דעם באַגאַזש, און ווי איך זע, זענען פאַראַן גרעסערע באַגאַזשן ווי מיינער. אמת, דאָס זענען פון בעלי־משפחות, אָבער אויך אַ טייל איינצלנע האָבן מער פאַר מיר.

עס זענען שוין צעטיילט די וואַגאָנעס צווישן די פאַרשידענע גרופּעס. דאָס זענען פראַכט־וואַגאָנעס, נאָר אָן יענעם קעסטל און נישט פאַרקראַטעוועט און פאַרדראָטעוועט, ווי מען האָט אונדז, לאַגערניקעס, אַהער געפירט.

מען האַנדלט שוין אָבער אויך מיט די וואַגאָנעס. אַלץ איז מסחר. די ממוני הוואַגאָנעס האָבן זיך זייערע „סימפּאַטיעס״, ווי די צוריקפאָרנדיקע האָבן זיך זייערע...

מען וויל נאָך, ביים סאַמע שוועל פון אַהיימפאָרן, עפּעס אַריינכאַפּן. און „אם לא עכשיו אימתי״? האַנדלט מען מיט בעסערע, גרעסערע און סתם אַזוי מיט וואַגאָנעס. און ווער ס'איז אַ יאַלד און פאַרלאָזט זיך אויף נסים, זאָל צו קיינעם נישט האָבן קיין טענה. בין איך אַביסל אַ פאַרשפּעטיקטער געקומען צו מיין באַשטימטן וואַגאָן, וועלכער איז שוין געווען פאַרנומען פון אַ יידיש־גאַליציאַנער משפּחה.

דער ראש המשפחה, יונה גרין, אַ ייד אין די פופציקער, וואָס האָט נישט נאָר זיין סדרה פון דער וואָך נישט פאַרפעלט, נאָר אויך נישט זיין חלק זוהר, האָט זיך מיט זיין באַגאַזש צעלייגט איבערן גאַנצן וואַגאָן ווי „ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן״.

ער פירט דאָ מיט זיך אַלע זיינע בעבעכעס. דאָס בעטגעוואַנט מיט דער גאַנצער משפּחה־אויסשטאַטונג, די אַהערגעבראַכטע און אויך דאָ דערוואָרבענע, מיט אַלע זאַלץ־וויגעלעך, וויק־שעפּעלעך און וואַלגער־העלצער. און כלים, מילכיקע און פליישיקע.

אויסער קאַרטאָפל, קאַזאַכיש מעל און געמיזע און דאָס איבעריקע וויס איך אַליין נישט וואָס ער האָט אין די פאַרמאַכטע זעק. איך האָב נאָר געזען זעק און זעק. און איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז מען קאָן דאָס אַלץ פון דזשאַמבול אַרויספירן.

יונה גרין האָט געקאָנט דאָס אַלץ באַווייזן, ווייל ער איז נישט געווען אין קיין לאַגער. ער איז אַרויס באַצייטנס און מיט זיין גאַנצער משפּחה. האָט ער דאָס וואָס ער האָט געבראַכט איינגעהאַלטן און עס נאָך פאַרמערט מיט אַ שמיץ אַריבער. ס׳איז אין אים אַריין די ברכה...

וואָלט איך אים דעם גאַנצן „אוצר" פאַרגינען (זיין לעבנגעבליבענע משפּחה אוודאי), ווי איך פאַרגין מיינע און זיינע אור־אבות זייער אַרויס־געפירטן אוצר פון מצרים. ער האָט זיך אָבער מעשה בעל־הבית אַזוי צעשפּרייט איבערן וואַגאָן, אַז ער האָט פאַר מיר נישט געוואָלט אָנער־קענען קיין ברעקל אָרט. אויף מיין טענה: „דער וואַגאָן געהער דאָך נישט אינגאַנצן צו אים?", האָט ער מיר קודם מצד אַ הלכה באַוויזן, אַז ער האָט, ראשית, דעם וואַגאָן קונה געווען על פּי דין. ער האָט פאַר אים באַצאָלט. און שנית, בין איך אַ יחיד און ער איז אַ רבים. און איך דאַרף אָפּטרעטן פאַרן רבים.

זיין אייגענע טאָכטער, האָב איך געזען, האָט זיינע פרומאַקישע רייד נישט געקאָנט פאַרטראָגן. זי האָט ביי זיין רעדן פון אים דעם קאָפּ אַוועק־געדרייט. און איך וואָלט פון מיין אָרט נישט אָפּגעטראָטן. ער איז אָבער געווען גרייט זיך צו שלאָגן, דער זוהרגיק. און איך האָב אויף קיין עלטערן ייד נישט געוואָלט הייבן קיין האַנט. האָב איך זיך געווענדעט צום עלטסטן. איבער די וואַגאָנעס זענען געווען באַשטימט אַ ריי עלטסטע, ס׳רוב יידן. האָב איך געזען, אַז איין זאַך זאָגט ער אמת: ער האָט פאַרן וואַגאָן טאַקע באַצאָלט, נאָר נישט דער באַן־פאַרוואַלטונג, נאָר אָפּגעחורשט דעם עלטסטן, ער זאָל אינגאַנצן געהערן צו אים.

די ערטער אין די וואַגאָנעס זענען שוין געווען באַשטימט. הגם אינ־גאַנצן באַזעצט זענען זיי נישט געווען. האָט מיר דער ממונה קיין אַנדער אָרט נישט געגעבן. ער האָט מיר נאָר געעצהט אַליין זיך אויסצוזוכן אַן

אָרט. איך האָב אַזאַ אָרט געפונען צווישן איינפּאַכע, אָן פּרעטענזיעס, יידן. און די דאָזיקע יידן האָבן מיר נאָך אַרויסגעהאָלפן ביים אַריבערפאָרן די גרענעץ, בעת זיי האָבן געזען מיין צעטומלטקייט ביים באַהאַלטן מיינע מאַנוסקריפּטן. זיי, וואָס האָבן אַרויסגעפירט פיל מער פּאַר מיר, האָבן מיין „קאָנטראַבאַנדע" באַהאַלטן אין זייער אייגענעם געפּעק. „מיר ריזיקירן אַזוי פיל, וועלן מיר מיט נאָך עפּעס ריזיקירן", האָבן זיי געזאָגט. און זיי טאַקע האָב איך אַלס דאַנק אַוועקגעשאָנקען די איינגעהאַנדלטע „בריליאַנטן" פון מיין סאָוויעטישן פינגעריק...

קאַפּיטל פינפאונפופציק

איך פאַרלאָז רוסלאַנד

דער מאָמענט איז געקומען. דער באַן־פירער האָט אַ געשריי געטאָן: „אין די וואַגאָנעס!". און דער עולם האָט זיך ווי נאָך אַ קריגס־שאַל, וואָס זאַמלט צונויף די צעשפּרייטע מחנה, זיך אַריינגעכאַפּט אין די וואַגאָנעס.

אַ טייל האָט נאָך באַוויזן צו באַצאָלן די קאַזאַכישע פאַרקויפערינס וואָס האָבן געוואָלט אָפּליזן זייער לעצטן זשויב (לייזעכץ) פון די אָפּפאָרנדיקע „פּאָליאַקן". נאָר אַנדערע האָבן שוין זייער געצאָלט געמוזט אַרויס־וואַרפן דורך די טירן פון די וואַגאָנעס.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך פריילעך צעפייפט און דער צוג האָט אָנגעהויבן רירן פונעם אָרט. און איך האָב געזאָגט מיין לעצטן אַדיע צום לאַנד פון צאַר איוואַן גראָזני און דזשוגאַשווילי סטאַלין.

אַדיע פאַרן מאָמעלע פון די פעלקער און אַדיע פאַר דזשאַמבול, ווו איך האָב די גרעסטע טייל פון מיין זיין אין רוסלאַנד פאַרבראַכט און ווו איך האָב זיך אין די בראשית־נעכט געבראָכן ביי אירע ביישטידלעך און ווינקלען און זיך אין דרייען געקאָרטשעט אויף אירע הפקר־פּלעצער. און פון מיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן:

איך געזעגן דיך, דזשאַמבול,
יאָרן דריי דיין ערד באַטרעטן,
לעצטער גרוס דיר, ריזיקער „אַאול״, *)
וווּ געשפּרייט כ׳האָב מיינע געבעטן.

אין אָרעמע דיינע, דזשאַמבול־געצעלטן,
דערוואַכט האָט מיין גאָלדענער אַמאָל,
אין גאָר געשפּין פון מיינע וועלטן,
אַ געבונדענער געוועזן אויפן גורלס שאָל...

אין דיינע זומער־טעג די בראַנדיקע,
אין זיך דעם פּיין געוואָלט דערשטיקן,
און מיט פריינטשאַפט פול, באַנאַנדיקע,
זיך ס׳לייב געקילט אין דיינע „אַריקן״.

אויף דיינע באַזאַרן, דיין געמאַרק,
וווּ געזויגן כ׳האָב דיין פרוכטן־זאַפט,
צוריק דערפילט כ׳האָב זיך שטאַרק,
ווייל גענערט, מיט וואָס ס׳לאַנד באַשאַפט.

זעקס יאָר פאַרטריבן פון מיין שטאַם,
אַ פונק אַ נייעם, מיר האָסט געגעבן,
ווייט פון היים, אָפּגעריסן פונעם פלאַם,
אין דיין מיט, מיך דאָך געוואָלט פאַרוועבן.

---

*) פּאָלוואַרק.

די רייזע איז צוגעגאַנגען נאָרמאַל. ביי אַ טייל סטאַציעס, ווו דער צוג איז לענגער געשטאַנען, האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט אַ מחנה אָרטיקע איינוווינער מיט דער פראַגע, צי מיר האָבן עפּעס צו פאַרקויפן. זיי האָבן אַזאַ געלעגנהייט נישט געוואָלט אַדורכלאָזן. זיי זענען, ווייזט אויס, געווען באַקאַנט מיט אונדזער מאַרשרוט, ווו אונדזערע האָבן פאָרויס געוווּסט אין וואָס די דאָזיקע הענדלער אָדער באַדערפטיקע נייטיקן זיך. אויך די באַדער־פעניש האָט איר אינטואיציע, און זי איז, ווייזט אויס, אַ קעגנזייטיקע...

אין געציילטע מינוטן איז יעדעס מסחר געוואָרן געשלאָסן. און כהרף עין האָבן זיך אַ טייל פּוילישע, נאָך מיט ריווח, באַפרייט פון זייער איבעריקן באַלאַסט.

אַצינד ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, מיט וואָס דער גיריקער זוהרניק האָט אַזוי פאַרפולט זיין וואַגאָן און דעם סוד פון זיינע פאַרפאַקטע זעק. ס׳איז מיר אויך קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט מיך נישט געוואָלט האָבן. מענטשן וואָס האָבן מורא פאַר אַן עין־הרע, ציטערן פאַר אַ פרעמד־אויג...

דאָס מאָל איז דער מסחר געווען מיט זאַלץ. ביי אַן אַנדערער סטאַציע איז עס געווען מיט אַן אַנדערן פּראָדוקט. און אַ טייל פּוילישע האָבן נישט נאָר פאַרקויפט, נאָר אויך, ווו עס האָט זיך געלוינט, געקויפט.

דאָס גרויסע רוסן־לאַנד האָט אַלץ. און אויך אין דער צייט האָט זי אַלץ געהאַט, נאָר דער „אַלץ" איז ערגעץ צווישן די באַזונדערע רעפּובליקן געבליבן שטעקן. און ער האָט די גרענעץ צווישן איין רעפּובליק און דער צווייטער נישט געקאָנט אַריבער...

דאָס „לאָקערן" אויף אונדזער עשאַלאָן פון די באַווינער פונעם סאָוויעטישן אַזיע האָט זיך אַזוי געצויגן ביז מיר זענען אַרויס פונעם אַזיאַטישן קרייז און זענען אַריין אין אייראָפּעישן רוסלאַנד.

אינעם גאַנצן גערודער האָב איך קיין אָנטייל נישט גענומען. אויסער דעם איינגעהאַנדלטן סאָוועטישן פינגעריק, פון וועלכן איך האָב דווקא געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן, האָב איך נישט געהאַט מיט וואָס צו מסחרן. און ווען איך וואָלט אַפילו יאָ געוואָלט אין וועג אַריינכאַפּן אַ פאַר־דינסטל, וואָלטן מיר נישט געקלעקט די כוחות. מיינע הענט און פּלייצעס זענען געווען צו שוואַך, אַ כאַפּ צו טאָן אויף דער גיך אַ זעקל און עס פלינק אַריינטאַשטשען אָדער אַרויסטאַשטשען פונעם וואַגאָן.

באַרג און טאָל און מדבר־זאַמדן ווייס ווי שניי, אויף וועלכע עס האָבן מיט זייערע הויכע פיס געשפּאַנט האַרביקע קעמלען, זענען פאַרבייגע־שווומען פאַר אונדזערע אויגן. נאָר קיין בוים און קיין וואַלד איז אונדז נישט אַקעגנגעשפּרונגען.

מיר זענען שוין אַזוי געפאָרן אַן אַ גרעסערן אָפּשטעל, ביז אונטער מאָסקווע. ערשט ביי מאָסקווע זענען מיר געבליבן לאַנג שטיין. מיר האָבן זיך אָבער, וויביים אַריינקומען אין פאַרבאַנד, אויך אַצינד נישט אָפּגע־שטעלט ביים פּראָנט פון וואָקזאַל. צו דער פאַראַדנער זייט האָט מען אונ־דזער עשאַלאָן נישט צוגעלאָזט. איז ער געבליבן שטיין ביים אונטערשטן כאָד...

איך בין אַראָפּ אין שטאָט און זיך אַריינגעכאַפּט אינעם נאָענטסטן מאַגאַזין פון דער מעטראָפּאָליע. איך האָב פון מאָסקווע געוואָלט עפּעס האָבן לזכר. און איך האָב אייניקע גאַנץ גוטע קליינינקייטן איינגעהאַנדלט.

ס׳איז מיר נאָך געבליבן גענוג צייט צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער מאָסקווע. איך האָב אָבער דעם עשאַלאָן־פירער צופיל נישט געוואָלט געטרויען. און איך האָב מורא געהאַט איינצושטעלן.

די לאַנדשאַפט האָט זיך גיך געביטן. און אָט זענען מיר שוין אין קאָוועל און אין סאַנאָק (אַצינד אוקראַינע), ווו דער עשאַלאָן פאַרהאַלט זיך.

איך בין אין דיביידע אַמאָל גוט־באַקאַנטע שטעט אַראָפּ און האָב דערזען די ערשטע יידיש־פּוילישע חורבות. מיין ערשטער פּנים־אל־פּנים באַגעגעניש מיטן יידישן חורבן.

און ווינד און ווי. דאָס וואָס איז דורך דער דייטשער בעסטיע געבליבן גאַנץ, איז דורך די „באַפרייער״ געוואָרן געשעדעט און דויערט אין איר שענדונג. איין שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ פעלן־סקלאַד, און די צווייטע — אין אַ שטאַל פון פערד.

און ווען מיר האָבן אינטערוועניִרט ביי דער סאָוויעטישער אָנפירונג, האָט מען אונדז געענטפערט מיט „שהיה־פּיה״.

מיט אַ שווער געמיט בין איך אָנגעקומען צו דער פּוילישער גרע־נעץ. די סאָוויעטישע גרענעץ־רעוויזיע איז געווען אַ לייכטע. ווי פאַר יוצא וועגן האָבן אונדז די באַאַמטע געפרעגט וואָס מען פירט מיט זיך און וויפל רובל מען האָט. און מיר זענען גלייך אַריבער אויף דער צוגעשניטענער פּוילישער טעריטאָריע.

יעקב כהן

איך גיי אַראָפּ אין לאָדזש

דערוויסנדיק זיך, אַז די צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געמאַכט לאָדזש פאַר זייער צענטער, באַשליס איך פריער אַריינצופאָרן קיין לאָדזש. און פון דאַנען צו באַזוכן ביאַליסטאָק און ביאַלע.

די אידעע פון נידערשלעזיע האָב איך נאָך אין רוסלאַנד באַקעמפט. איך האָב ראשית געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן נישט ריזיקירן זיך צו באַזעצן אויף די פריערדיקע דייטשע טעריטאָריעס.

ס׳איז אויך נישט אונדזער אויפגאַבע אַצינד צו העלפן באַבויען דאָס באַנייטע פוילן, ווו די פּאַליאַקן האָבן דער דייטשער בעסטיע דערלאַנגט אַ העלפנדיקע האַנט אונדז אויסצוראָטן. און אויף וויפל יידן קערן זיך צייטווייליק צוריק קיין פוילן, צו ליקווידירן זייערע היימען — און אָרדע־נען זייערע פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע ענינים, דאַרפן זיי זיך נאָר באַזעצן אויף זייערע פריער באַוווינטע געביטן, אָדער זיך קאָנצענטרירן אין די גרעסערע זיכערע שטעט.

מיר פאָרן שוין אַריין אין די לאָדזשער פאַרשטעטלעך. און ביי די לאָדזשער „רעפּאַטריאַנטן" קומט פאָר אַן אינערלעכע אויפרודערונג.

ס׳איז דער אויפגעוועקטער סענטימענט פּנים אל פּנים מיט דער היימישער ערד, ווו דורות האָבן אויף איר געטראָטן. און ס׳איז אויף דער הייסער מינוט און טראָץ אַלעם, — שווער דערפון זיך צו באַפרייען.

שפּרינגען אייניקע מיט פאַרטרערטע אויגן אויף: „אָט, דאָ, אין דעם הויז האָט מיין זיידע געוווינט. אָט, אָ, דאָ, איז געווען מיין פאָטערס מילכע־ריי. און אָט, אָ, דאָ, אין סאַמע לאָדזש, האָב איך ביי די פּאָזנאַנסקיס געאַר־בעט — זאָגט אַ דריטער.

איך בין נישט קיין לאָדזשער און בין אין לאָדזש קיינמאָל נישט געווען. אָבער אויך איך האָב דאָך פאַרט מיין חלק געהאַט. יאַכע שעפּס, שמואלקע פּיזשיצעס טאָכטער, איז דאָך געווע מיינע אַ קוזינקע. און ווו ווידער אין פוילן האָב איך מיין חלק נישט געהאַט ?...

אָבער מיר איז נאָך אַלץ נענטער ביאַליסטאָק, ווו איך האָב געלאָזט מיינע נאָענטסטע. נאָר דער אויפגעוועקטער לאָדזשער סענטימענט האָט מיך שוין אינגאַנצן צענומען. ער האָט מיך דערמאָנט אין מיינע צרות און האָט מיך, ביים סאַמע אַריינטריט קיין לאָדזש, אין ביאַליסטאָק שוין נישט געלאָזט פאַרגעסן.

דאָס האַרץ זעצט אין מיר. מיר זענען שוין אויף דער לאָדזשער באַן־ליניע. אויך דאָ האָט זיך דער צוג געשטעלט ווייט פון וואָקזאַל. מיר געפינען זיך אויף אַ ברייטער ליניע. און דער אַריבערגאַנג, בפרט פאַר מיר מיט מיין זאַק און קעסטל, וועט זיין שווער.

און נאָך גרעסער דערפיל איך מיין בראָך, ווען איך זע, אַז צו אַ סך פון די רעפּאַטריאַנטן זענען געקומען זייערע קרובים כדי זיי נעמען צו זיך. זיי זענען, ווייזט אויס, פריער אַהערגעקומען.

און צו אַנדערע ווידער זענען זייערע חברים געקומען זיי נעמען אין די קיבוצים. און ס'איז דאָ ביים עשאַלאָן אַ גאַנצער יאַריד. מען האַנדלט מיט אידעאָלאָגיעס און מיט מענטשן. די „קאָנקורענץ" איז גרויס. מען רייסט ביי די אַרבל צו זיך אין קיבוץ. און איך טראַכט: אַבי כאָטש מיט ציוניסטישע אידעאָלאָגיעס...

אמת, קיינער איז נישט שולדיק וואָס מיין ציוניזם האָט דאָ נישט קיין פּאַטראָן. — דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט קיין קיבוצים נישט געבויט און בויט נישט. נאָר אַזוי צי אַזוי, פיל איך זיך דערוויל ביים אַראָפּגיין אין דער פרעמדער שטאָט איינזאַם און הילפלאָז.

און איך האָב נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו נעמען מיין באַגאַזש און אַליין אַראָפּגיין אין שטאָט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווען איך וואָלט צו וויסן געגעבן וועגן מיין קומען, וואָלט מען אויך מיך אַראָפּגע־נומען.

האָב איך זיך שווער געמאַטערט מיטן זאַק אויף דער פּלייצע און קעסטל אין האַנט, ביז איך האָב זיך דערשלעפּט צום יידישן רעפּאַטריאַנטן־הויז אויף דער יאַקובאַ־גאַס, וווּ איך האָב זיך אויף די ערשטע טעג איינ־געאָרדנט.

זוכצעטל פון נעמען און ערטער

א

אַבראַמאָוויטש א. 343
אברהמלע 451
אוזבעקיסטאַן 281 303
אוישוויץ 36
אולוק־ליאַק 460
אוראַלסקאָיע מאַריע 231 241 243 245
אייזענבערג 113
„איינקייט“ 454 465 466
איבראַימאַ 280 281 297
איבראַנימאָוו 311
איטשעלע 451 452
איליאַ 368 369 370 371 372
„אינדזל“ 37
איסאַקאָוויטש 209 210 211 212 214 215 216
אוראַן 345
אַלעקסיי 88 89 90
אַל־אַלעמיין 453
אַנדריי 177 178
אַנדערס, גענעראַל 314 318 322 345
אַנאַ 418
אפרת 12
אפרת, הרב 327 328
אַרכאַנגעלסק 213 219 222 225 226 227
ארץ־ישראל 41 316 388 454 456 466
אָרשע 130
אַשכאַבאַד 229 230 231 244 298 299 302
אַשענדאָרף 360
אַשרקע 282 283

ב

באַגיש זישע 37
באַטשעװסקי 21 34
באַרטאַש 107 108
באַשע 379 380 382 383 384
בוג 315
בוזולוק 314 315 316 318 324 325 344
בוכאַראַ 265 266 267 268 269 276 277 288 293 298 300 342 410
בענצל „פויק“ 450 451 452 453
ביאַלאַ, ביאַלע־פּאַדלאַסקי 40 105 196 246 452 453 462 480
ביאַליסטאָק 11 22 23 24 25 26 30 31 32 33 34 35 40 42 48 49 52 59 63 65 73 74 96 105 106 111 124 134 152 163 169 175 182 190 198 199 210 211 263 270 271 277 308 310 313 334 340 349 354 412 449 454 462 464 466 480
ביאַלע־ביעלסק 338
ביאַלער לייבל 43
בירקענאַו 36
בית״ר 454
בעקער 12
בערגער 49
בערטשע 338
בערלינסקי 360
בערעזינסקי אהרן 38 151
ברוידע 12 14
בריסק 42 43 44 197
ברכה 452

ג

גאָטליב, אדוו. 39
גאָלדמאַן מענדל 37 344
גאָלדמאַן לייבל 347 348 358
גאָלדמאַן ב. 347 348
גאָלדענע רויזע 34
גאָלדשטיין י. 43
גאָלדשטיין ל. 43
גאַליציאַנער 340

גודינאָוו 217 220 222 223
גנענדל 382 383
געדימין 22
גראַב חיים 382 384
גראַזני איוואַן 454 476
גרושקעוויטש, אַדוו. 39 60 117
גריגאָרי 438
גרין חיים 418 419 424 425 427 428 432
גרין יונה 474 475
גרינבוים יצחק 438

ד

דאַנילאָוו 189 190 191
דאָס נייע לעבן 34 465
דבורהלע 378 381
דזשאַמבול 267 314 322 325 326 327 328
329 332 334 342 345 389 410 415 434
442 448 463 465 468 474 476
דזשאַמבולער פּאָסט 335 354
דזשינגיס־כאַן 460
דינטשע 379 380

ה

האַלבערשטאַם הרב 327 328 441 445
האלפּערן ברוך 26
האַרטגלאַס אַפּאָלינאַרי 43
האַלקין ש. 412 465
ר׳ הירש־חיים 451
היטלער 460 461
הערשבערג א. ש. 38

ו

וואָווקע „באַנדיט" 39 76 95 97 98 99 102
103 104 105 107 109 112 113 119 120
121 122
וואַניאַ 198
וואַנקאַ 353
וואַסיל 83
וואַראַנאָוו א. 423 424 425 426 432
וואַראַשילאָוו 87
וואַרשאַווסקי יעקב 50
וואַרשע 32 48 49 50 234 236
וואַשילעווסקאַ וואַנדאַ 53 56 90
וואשילעווסקי 132
ווייסל 315 331
ווייסער ים 221 222
ווייצמאַן, פּראָפ. 414
ווילנע 16 25 32 454
וויסאָצקי משה 14 38
ווישניאָוויעצקי 160 161 170
וולאַדעק 147 148

ז

זאַק הירשל 429 430 431 432
זאַקותאַ שבח 263
זאַשע 235
זבאַנשינער 23
ד״ר זינגערמאַן 334 335 436 467
זשעמיעלסקי מ. 39 110
ז.פּ.פּ. 327 356 406 443 449

ח

חיימל 64 176 199 463 464
חייה (כהן) 464 465
חייה ביילע 281 282 283 284
חייה פייגע 452
חייה שרה 380 383 424

ט

טאַביאַש יעקב 462
טאַדזשיקיסטאַן 276 303 314
טאַרנער שלמה 441
טורקמעניע 229
טיקטין אברהם 38
טימיריאַזעוו 423 424 425
טשאַרדזשאָוו 299 300 303
טשיטשענצעס 446
טשקאַלאָוו 318 319

י

יאַנגע־יאָל 324
יאַנקאַ 53
יאַנעק 96 97 104 108 119 121 122
יאַסל 39
יאַנקל 39 123 387 450
יאַקאָוו אַראַנאָוויטש 82 179 190 210 417
יאַקימאָוו 72 73 76 80 81 88 89 90
יאַקובאַ גאַס 481
יאַשקע 377 378 379 381
יעווגעני 168 172 179 188 190 195 196
198 201 202 204 205 210 314

יעזשאַראָוו 179 188 169
ירושלים 262

כ

כהן 208 431 441
ד״ר כהן יעקב 454
כץ בן־ציון 164 165
כאַליוואַ־אַזי 352 356 337 359
כמעלגיצקי 173 454

ל

לאַדזש 471 480 481
לאַזוק 393 395 399 400 403 404 407 410
415 416 418
לובלינער 106 143
לוריע א. 12
לייקין 419 420 421 422 423 424 425
ליאָווקע „פּאַרך" 98
לוגיטשענקאָ 400
ליסענקאָ 443
ליפשיץ 244
לעמבערג 21 31 32 33 34 36
לענין 420 447
לענינגראַד 259

מ

מאָטיע דראַנג 97
מאָטקע 106 107
מאָסקווע 73 256 259 479
מאַקסימטשוק א. 144 145 146 147 149
מאָשטשיצקי, פּראָפ. 16
מונט שמחה, הרב 327
מורמאַנסק 226
מושל 337 339 340 370
מיילכל 148
מיכאַיל 181 184
מינסק 30 127 129 130 160
מלכה 98
מנשה „בולבע" 376 377 378 379 381 385
386 387 393 403 419
מעלניק גרשון 442 443
מערב־דווינע 221
מערב־ווייסרוסלאַנד 22 33 277 310
מערב־אוקראַינע 33
משה מענדל 433

נ

נאַדיעזשדאַ 434
נאָוואָליפּיע־בית מדרש 210
נאטקע 429 430 432 456
נאַמענגאַנסקאַיאַ 457
נח 429 430 431 432
ניקיטאַ 83
ניעמאַיעוונאַ 294 295 296

ס

סאַרעק 249 250 263 269
סאָוויעט 27
סאָוויעטן־מאַכט 29 33 44 411
סאַנאַק 479
סאָסנאָווע 23 44
סאָקולא, הרב 327 328
סאַראַפּאַנאָוו עריוואַן 224 225
סוואַראָוו 454
סוראזער גאַס 65 113 123
סטאַלבונאָוו 172 173
סטאַלין יאָסיף 16 84 87 161 230 304 320
342 362 381 411 414 420 429 445 446
460 466 476
סטאַלינגראַד 303 304 305 314 316 319
322 326 330 343 359
סיביר 19 78 91 92 96 106 113 120 139
305
סטעפּאַן 90
סעגאַל, הרב 324
סעראַפים 286

ע

ערצבערג יודל 459

פּ

פּאַוועל 190 196
פּאַטאַיעוו 447 448 472 473
פּאַקמאַן 433
פּאַרק קולטוראַ 315 316
פּוילן 23 277 412 415 453 454 465 466
פּולקאָווניק 333 405 406
פּיאָטר דער גרויסער 454
פּיזשיץ מענדל 41
פּיזשיץ שמואלקע 43

פילסודסקי 12 16 26 32
פיעטראָוויטש פ. 418
פיעטראָוונאַ מ. 418 427 428
פיעטשאָרא 200 212 213 226 227 241
פעטראָוו 49 224
פערסיע 298 315 316
פראָקאָפּאָוו 424
פאָגעל 262 263
פיגלאַנד, קאַרעלאָ־פינלאַנד 91 133 152 172
פינק משה 165
פראַנצוסקאָ 446
פרונזע 322 342 343 344
פרידמאַן בנימין 417

צ

צוקערקע־מאַכערקע 270
ציטראָן פייוול 50
צפונדיקע טונדרעס 222

ק

קאַגאַן ברוך 43
קאַגאַן (יעקב) 293 296 297 298 303 311 313
קאַגאַנאָוויטש לאַזאַר 16
קאַגאַנס 43
קאַהאַן בערנאַרד 414 415
קאָוונע 454
קאַזאַכסטאַן 276 314 431 434 460
קאַטלאַס 226 237 238 240 243
קאַלינין 384
קאַלע 454
קאַמי ס.ס.ר. 123
קאַנדעלאַקשע 64
קאַניעוואַלין 358 362 363
קאַנסק 41
קאַסאַקאָוו 311 313 314
קאַסינין 417 420 421 422 423 424 425 426 427
קאַפּלאַן פסח 37 38
קאַרנייטשוק 405
קאַראַפּיעל 366 367
קוזמיראָוו 282 287
קוטוזאָוו 454
קוויאַטאָוויטש ד. 38
קוויאַטאָוויטש מ. 38
קירגיזיע 222 343 344
קמצא בר קמצא 262
קסעפּאַנאָוו 217 221
קראָקע 32
קראַשינסקי 235
קרעמל 297

ר

ראַבינאָוויטש נאט. 30 54 65
ראַבינאָוויטש ראַשל 12
ראָווגע 337
ראָזענבוים 327
ראָט אייזיק 327
ד״ר ראָטבערג 110
ראָטנפּאַרבאַנד 103 234 302 313 411 431
רובין משה, הרב 327 328 406 445
רובינשטיין 262
רוסלאַנד 17 44 85 103 142 149 153 158 164 199 219 260 300 301 309 412 443 454 462 466
רייכמאַן 38
ריבאַלאָווסקי יעקב 12
ריבענטראָפּ 449
רינעק קאָשטשושקי 37
רעוויזיאָניסטישע אָרג. 454

ש

שאָבפּיש 378
שאַפּירא פּראָפ. 161
שואלקע 341 342 345
שוויאַטלאָ אַדאַם 84
שושנה 245
שיינדעלע 101 102
שייקע „פּאַרך״ 451
שיקאָרסקי, גענעראַל 85 229
שלייפער, הרב 328
שלמהלע „זוואָנק״ 110 112 113 114 115 207 228 229 244 316
שניאַדאָווסקאַ מאַריאַ 236
שענקעוויטשאַ 63

ת

„תחכמוני״ 25 26 212
תנחום, ר׳ 433

ביכער פון יעקב כהן:

„דריי יאָר אין פוילישן מיליטער" (מעמואַרן)
פאַרלאַג „פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1930

„אין און אַרום ציוניזם" (עסייען)
פאַרלאַג „פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1932

„פון אייגענעם גאָרטן" (אַפאָריזמען און לידער)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1949

„אויף די וועגן פונעם יידישן קיום" (עסייען)
פאַרלאַג „צעראַטאַ", פּאַריז, 1950

„לאַבירינטן פון געדאַנק" (אַפאָריזמען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1951

„פאָלק, גייסט און לאַנד" (עסייען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1952

„צו אַ נייַ לעבן" (דערציילונגען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1953

„לעבן און טראַכטן" (עסייען)
פאַרלאַג „בידערמאַן", ניו־יאָרק, 1957

„דער גורל פונעם ייד"
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1960

„אונטער די סאָוויעטישע הימלען" (זכרונות און בילדער)
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1961

פאַרפאַלן־געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

„פון זיך" (לידער אין פּראָזע)
ביאַליסטאָק

„מיט די כוואַליעס פון לעבן" (ראָמאַן)
ביאַליסטאָק

„ערשטע פּרוכטן" (לידער)
ביאַליסטאָק

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (נײַשטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשעריןּ״
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך

מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּירניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. וויסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראַנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ל. אַליצקי	מיין הארץ־רייזע
נ. דרוזדוב	די יידן אין איטאַליע
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מרדכי יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ספר זרבבל	(צו זיין 75־טן געבוירנטאָג)
י. פּאַפּירניקאָוו	די זון הינטער מיר
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ש. פּאַליאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על הרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
מ. בורשטין	פת ומלה
ד. פלאקסר	האידיאה והאמת
ר. קביאַטקובסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר